א׳ טשעריקאָווער

# אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען
## אין אוקראַינע
## 1917—1918

1923

אויסגאַבע פונם „מזרח־יידישן היסטאָרישן אַרכיוו" בערלין

# אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען
## אין אוקראַינע 1917 - 1918

די ריינע הכנסה פון דער אויסגאַבע
גייט לטובת די געליטענע פון פּאָגראָמען

די געשיכטע פון דער

# פּאגראָם־באַוועגונג אין אוקראַינע

## 1917—1921

ערשטער באַנד

— די תּקופה פון צענטראַלער ראַדע און העטמאַן —

אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען אין 1917—1918

1923

אויסגאַבע פונם „מזרח־יידישן היסטאָרישן אַרכיוו" בערלין

1884

א· טשעריקאָווער

# אנטיסעמיטיזם און פּאגראמען
# אין אוקראינע
# 1917—1918

(צו דער געשיכטע פון אוקראיניש־יידישע באַציהונגען)

מיט אַ הקדמה פון

**ש· דובנאָוו**

1 9 2 3

אויסגאַבע פונם „מזרח־יידישן היסטאָרישן אַרכיוו“ בערלין

לויטן אויפטראָג פון „מזרח־יידישן היסטאָרישן
אַרכיוו" געדרוקט און טעכניש אַרויסגעגעבן פון דעם
„יידישן ליטעראַרישן פאַרלאַג" בערלין.

| |
|---|
| Der Reinertrag dieser Ausgabe wird einer Hilfsaktion für die Opfer der Pogrome zugewiesen werden. |

Alle Rechte, insbesondere das der Übersetzung, vorbehalten

Copyright 1923 by the
„Ostjüdisches Historisches Archiv", e. V. Berlin

* *
*

שוין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע, אין 1917 און 1918, זיינען אין אוקראַינע פּאָרגעקומען פילע צעהנדלינגער עקסצעסן און פּאָגראָמען, פונדעסטוועגן האָט קיינער דעמאָלט ניט געגלויבט, אַז דאָס איז נאָר אַ ן אָ נ ז אָ ג אויף אַ שרעק־ליכער מאַסן־באַוועגונג. אין די ערשטע טעג פון יאָר 1919 איז עס אָבער תיכּף געוואָרן קלאָר. כּמעט גלייכצייטיג מיטן נצחון פון דער אוקראַינער דירעקטאָריע און פון איר אַרמיי האָט זיך אָנגעהויבן דער נייער שטראָם פון פּאָגראָמען און שחיטות — אין אָווּרוטש, באַרדיטשעוו, זשיטאָמיר און אין צעהנדלינגער אַנדערע יידישע שטעטלאַך, נאָר אין משך פון עטליכע וואָכן. די סכּנה איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען די אוקראַי־נער אַרמיי איז געווען געצוואונגען אין יאַנואַר—מערץ 1919, אונטערן דרוק פונם באָל־שעוויסטישן חיל, אָפּצוטרייבן כּמעט גאַנץ אוקראַינע און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צעפאַל און די דעמאָראַליזאַציע פון דער דאָזיגער אַרמיי. די פּאָגראָמען האָבן אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער, דעם כאַראַקטער פון אַ גרויסן און דויערנדיגן פאָלקס־אומגליק.

סוף יאַנואַר 1919 האָט זיך אין קיעוו געגרינדעט דער „צענטראַל־קאָמיטעט צו העלפן די געליטענע פון פּאָגראָמען“, וועלכער האָט אין יענעם פּעריאָד פאַראייניגט אַלע יידישע פּאַרטייען. דער צוועק פון קאָמיטעט איז געווען אויסשליסליך הילפס־אַרבעט, נאָר שוין אין די ערשטע חדשים האָט זיך ביי אים צונויפגעזאַמלט אַזאַ רייכער פאַק־טישער מאַטעריאַל וועגן די פּאָגראָם־געשעהענישן, וואָס די באַפולמעכטיגטע פון קאָ־מיטעט האָבן צוגעשטעלט, און דער מאַטעריאַל האָט אַזאַ שטאַרקן רושם געמאַכט, אַז מ'איז געקומען צום געדאַנק פאַרעפנטליכן אים פאַר דער וועלט. לויטן פאָרשלאַג פונם „יידישן פאָלקס־פאַרלאַג“ אין קיעוו האָט דער קאָמיטעט אין אַפּריל אָנגענומען אַ באַשלוס אַרויסצוגעבן אַ בוך מיט די אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן. אַ גאַנץ וויכטיגער מאַטעריאַל וועגן דעם ערשטן פּאָגראָם־פּעריאָד, איידער דער הילפס־קאָמיטעט האָט זיך געגרינדעט, האָט זיך געפונען ביים „נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט“ (דעם אויספיר־אָרגאַן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין קיעוו

אין נאָוועמבער 1918). דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט האָט זיך געווענדעט צום הילפֿס-קאָמיטעט מיט אַ פֿאָרשלאַג, אַז ער איז אויך גרייט אָנטייל צו נעמען אין דער אויסגאַבע. דער פֿאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן. צו דער אַרבעט איז אויך צוגעצויגן געוואָרן דער אויבנדערמאָנטער „יידישער פֿאָלקס-פֿאַרלאַג“, וועלכער האָט גענומען אויף זיך די טעכניש-פֿאַרלעגערישע זייט פֿון דער אויסגאַבע.

פֿון די דאָזיגע דריי צדדים האָט זיך סוף מאַי 1919 צונויפֿגעשטעלט די „רעדאַקציאָנס-קאָלעגיע אויף צו זאַמלען און פֿאַרעפֿנטליכן די מאַטעריאַלן וועגן די פּאָגראָמען אין אוקראַינע“. אין דער קאָלעגיע זיינען דאַן אַריינגעגאַנגען: ה. לאַצקי, נ. שטיף (אינגיכן אַרויסגעטראָטן) און א. טשעריקאָווער — אַלס ליטעראַטן, און מ. גאָלדשטיין — און אינגיכן אָנשטאָט אים ד״ר פּ. לאַנדער — אַלס פֿאָרשטייער פֿונם הילפֿס-קאָמיטעט. די רעדאַקציאָנס-קאָלעגיע האָט זיך געשטעלט דעם ציל ניט ווערן אַן אינפֿאָרמאַציאָנס-ביוראָ וועגן פּאָגראָמען, הגם אַזאַ ביוראָ וואָלט בלתי שום ספק זעהר נויטיג געווען, נאָר געבן אַ פֿונדאַמענטאַלן אָביעקטיוון ווערק, וואו דער מאַטעריאַל זאָל זיין סיסטעמאַטיזירט און היסטאָריש באַלויכטן, אָהן קיינע פּאָליטישע פּניות און אפֿילו אָהן אַ די-רעקטער טענדענץ אַרויסצורופֿן רחמנות-געפֿילן. פֿאַר אַזאַ ברייטער אַרבעט איז פֿריער פֿאַר אַלץ נויטיג געווען צו שאַפֿן גענוג דאָקומענטאַלן שטאָף. די רעדאַקציאָנס-קאָלעגיע האָט דעריבער באַשלאָסן די גרעסטע אויפֿמערקזאַמקייט ליינן אויף דער זאַמל-אַרבעט — אויף שאַפֿן אַן אַרכיוו. די רעדאַקציאָנס-קאָלעגיע האָט געשטרעבט צו אַזאַ מין מאַטעריאַל, וואָס זאָל ניט נאָר באַשרייבן די פּאָגראָם-פּורעניות, נאָר אויך געבן דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן פּאָן פֿון די געשעהענישן.

נאָך לאַנגע חדשים אַרבעט, נאָך דעם, ווי זי האָט אויסגעפֿרעגט הונדערטער געזעלשאַפֿטליכע טוער און געליטענע און געשיקט אויף די ערטער ספּעציעלע שליחים, האָט זיך איר איינגעגעבן צונויפֿצוזאַמלען אין אַ גרויסער מאָס דעם נויטיגן מאַטעריאַל. ניט קיין קלענערן ווערט האָט געהאַט יענער רייכער מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך געפֿונען אין פֿאַרשיידענע יידישע און אַלגעמיינע אַנשטאַלטן און וואָס די רעדאַקציאָנס-קאָלעגיע האָט בּיסלאַכווייז געירשנט. צוערשט האָט זי איבערגענומען אינגאַנצן די אַרכיוון פֿון צענטראַלן הילפֿס-קאָמיטעט און נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט, און שפּעטער האָבן זיך אין איר אַריינגעגאָסן אויך די אַרכיוון פֿון פֿאָלגנדיגע אַנשטאַלטן: פֿונם קיעווער „רויטן קרייץ“ (הילפֿס-אָפּטיילונג פֿאַר די פּאָגראָמירטע), פֿונם יידישן מיניסטעריום אין אוקראַינע (פֿאַר די יאָרן 1917—1918 און פֿאַרן יאָר 1919 און טיילווייז 1920), פֿון קיעווער „קאָפּע“, פֿון מאָסקווער „יעקאָפּאָ“, פֿון אַ רייע קהלות

— דער עיקר קיעווער, אדעסער און כאַרקאָווער, פון אדעסער „היסטאָרישער אינפאָרמאַציאָנס⸗קאָמיסיע“, פון די אדעסער פאַראייניגטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס („אָססאָ“), פון דער „ליגע צו קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם“ (וועלכע האָט עקזיסטירט אין קיעוו בעת דער דעניקינשער ממשלה), פון די אויספאָרשונגס⸗קאָמיסיעס און יורידישע ביוראָען (אין זשיטאָמיר און קיעוו). אויסער דעם — אויך פאָלגנדיגע אַרכיוון טיילווייז: פונם „סאָבעז“ (סאָציאַלע פאַרזיכערונג, הילפס⸗אָפטיילונג) און פון אַנדערע ראַטן⸗אָרגאַנען, צווישן זיי אַ קאָלעקציע ניט קיין פאַרעפנטליכן מאַטעריאַל פון אָפיציעלע קוועלן וועגן דער באַוועגונג פון פויערן⸗פאָווסטאַנצעס און וועגן באַנדיטיזם, אויך מאַטעריאַל פון „אידגעזקאָם“ (ייד. געזעלשאַפטליכער קאָמיטעט) און אַנדערע אַנשטאַלטען. שוין אין בערלין איז צוגעקומען אַ סך מאַטעריאַל אויך פון אויסלענדישע מקורות: פון די הילפס⸗אָרגאַניזאַציעס פאַר די פאָגראָמירטע, „אוקראַאינישע קאָמיטעטן“ און עמיגראַציאָנס⸗אַנשטאַלטן אין וואַרשא, לעמבערג, קעשענעוו און אַנד., אויך פונם וואַרשעווער נאַציאָנאַל⸗ראַט, פון די אוקראַאינישע דיפּלאָמאַטישע מיסיעס, פון דעם פּאַריזער „קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס“ און לעצטנס אויך פונם ניו⸗יאָרקער „דזשאָינט דיסטריביושן קאָמיטע“.

אַזוי אַרום האָט די רעדאַקציאָנס⸗קאָלעגיע קאָנצענטרירט אין איר זאַמלונג זעהר אַ רייכן רויען דאָקומענטאַלן מאַטעריאַל: פילע טויזנטער גביות⸗עדות פון נעליטענע, באַריכטן פון באַפולמעכטיגטע און געזעלשאַפטליכע טוער, ווענדונגען פון קהלות, פּראָטאָקאָלן, מעמאָראַנדומס און אָפיציעלע צושריפטן; עטליכע הונדערט אָריגינעלע דאָקומענטן — אויפרופן פון פאָגראָם⸗פירער און פאַראָרדנונגען פון דער מאַכט, איבער פיר הונדערט פאָטאָגראַפישע בילדער פון הרוגים און פאַרוואונדעטע, פון פאָגראָמירטע ערטער, פון איינִיגע פאָגראָם⸗אָנפירער און מיטגלידער פון יידישער זעלבסטשוץ; נאָמענטליכע רשימות פו צענדליגער טויזענדער הרוגים; מאַטעריאַל וועגן דעם פּאָליטישן פּאָן, וועגן דער פויערן⸗ און אויפשטאַנד⸗באַוועגונג, וועגן אוקראַאיניש⸗יידישע באַציהונגען; אַ סך „מענשליכע דאָקומענטן“ — פריוואַטע בריף און באַשרייבונגען, טאָג⸗ביכער, איינִיגע פנקסים פון קהלות א. א. וו. אויסער דעם דאָזיגען ניט געדרוקטן מאַטעריאַל איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן אויך די פּרעסע פאַר די פאָגראָם⸗יאָרן, קאָמפּלעקטן פון צייטונגען און צייטונגס⸗אויסשניידונגען. אין אַרכיוו געפינען זיך אויך קינאָ⸗פילמעס פון איינִיגע פאָגראָמען. דער אַרכיוו נעמט איצט אַרום ידיעות וועגן איבער טויזנט פאָגראָמען און וועגן פילע הונדערטער חרובע שטעט און איז געוואָרן אַ וויכטיגער היסטאָרישער אוצר, וואָס וועט בלייבן אַ זכר לדורות פון גזרת תרע״ח—תרפ״א אין אוקראַאינע.

די רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע האָט תחילות קאָנצענטרירט איר גאַנצע אַרבעט נאָר אַרום דעם זאַמלען, ווייל רוהיג באַשרייבן די געשעהענישן, היסטאָריש סיסטעמאַטיזירן און באַלויכטן איז אין יענער צייט געווען לחלוטין אוממעגליך. זי האָט געאַרבעט בעידן ריתחא, ווען אַרום האָט געפלאַקערט די פּאָגראָם־תוכחה. געגרינדעט האָט זי זיך, ווען דאָס אוקראַאינישע יידנטום האָט שוין געהאַט איבערגעלעבט די שרעקן פון די פּעטליורישע פּאָגראָמען און די ערשטע „אַטאַמאַנעס“, און ווען ס'האָט אָקאָרשט אויסגעבראָכן די שרעקליכע „גריגאָריעווטשטשינע“ און נאָך איר די ערשטע גרויסע אויפשטאַנדבאַוועגונג פון אוקראַאינישן דאָרף קעגן דער ראַטן־מאַכט און דער פּאָגראָם־צוג קעגן יידן, וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם גאַנצן יידישן ישוב אין אוקראַאינע און האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך צעהנדליגער טויזנטער הרוגים. צו אַווגוסט צו 1919 האָט זיך די באַוועגונג אַ ביסל איינגעשטילט — האָט זיך די פּאָליטישע סצענע פלוצים אומגעביטן, און אוקראַאינע זיינען באַפאַלן די דעניקינשע חילות, וועלכע זיינען פּאַקטיש געגאַנגען מיטן לאָזונג פון מאָנאַרכיסטישער רעסטאַוראַציע און האָבן כמעט אויפן גאַנצן שטח פון אוקראַאינע פאַרגאָסן טייכן יידיש בלוט און עוקר מן השורש געווען פילע צעהנדליגער קהלות. די דעניקינשע תקופה האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצן פאַרענדיגט, ווי עס האָט זיך, אָנהויב יאָר 1920, באַוויזן אַ נייע באַוועגונג פון פּייערן־פּאָווסטאַנצעס און אַ נייער שרעקליכער שטראָם פון פּאָגראָמען, וועלכער איז אין משך פון יאָר צומאָל געוואָרן שטאַרקער, צומאָל שוואַכער, האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט אויך אינם יאָר 1921. אין דער זעלבינער צייט האָט אויסגעבראָכן אַן ערנסטע פּאָגראָם־באַוועגונג אין ווייס־רוסלאַנד, וואו פריער די פּאָלאַקן און בולאַק־באַלאַכאָוויטש און שפּעטער די פּויערן־פּאָווסטאַנצעס האָבן געמאַכט אַ רייע פּאָגראָמען, וועלכע האָבן זיך געצויגן ביז הערבסט 1921. — פאַרנעמען זיך מיט צייט־געשיכטע אין אַזאַ אַטמאָספער איז געווען אוממעגליך, הגם די רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע האָט עטליכע מאָל געפּרובט אָנצוהויבן די אַרבעט. שוין זומער 1919 אין קיעוו האָט זיך געבילדעט אַ ספּעציעלע „פאַרוואַלטונג“ פון די פאַרטרעטער פון הילפס־קאָמיטעט, נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט, „פאָלקס־פאַרלאַג“ און רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע, — אַן אַדמיניסטראַטיווער אָרגאַן, כדי אָנצופירן מיט דער אויסגאַבע.

אָנהויב 1920, ווען די אַרומיגע לאַגע אין אוקראַאינע האָט זיך נאָך מער פאַרערגערט, איז געוואָרן קלאָר, אַז אַרויסגעבן די ביכער אין אוקראַאינע און אין רוסלאַנד בכלל איז לחלוטין אוממעגליך. אויסער וויכטיגע טעכנישע שוועריקייטן איז געווען נאָך אַ מניעה: די רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע, וואָס האָט פּאַקטיש ניט געקענט ביי דער געשאַפענער לאַגע אַרבעטן לעגאַל, האָט געקוקט אויפן אָנגעזאַמלטן פּאָגראָם־מאַטעריאַל,

ווי אויף אַ יידישן *געזעלשאַפטליכן* אייגנטום, און האָט געהאַלטן פאַר שעדליך, אַז דאָס פאַרעפנטליכן פון דעם מאַטעריאַל זאָל פאָרקומען אונטער אַן אָפיציעלן שטעמפּל און דאַדורך אָננעמען אַ שאַרף-פּאָליטישע און פאַרטייאישע באַלויכטונג. די אַלע מאָטיוון האָבן באַוואויגן אָנצונעמען אַ באַשלוס, די אויסגאַבע זאָל אַריבערגעטראָגן ווערן *קיין אויסלאַנד*. מיט גרויס מיה און ריזיקע איז דער קאָלאָסאַלער אַרכיוו אין פולער גאַנצקייט אַריבערגעפירט געוואָרן פון אוקראַינע קיין בערלין, בכדי דאָ פאַרעפנטליכט צו ווערן.

זייענדיג אין קיעוו איז אויך געוואָרן קלאָר, אַז אַזאַ אויסגאַבע קען ניט ווערן אַ זאַך פון אַ ענגער גרופּע אָרטיגע עסקנים און מען מוז צו איר צוציהען ברייטערע געזעלשאַפטליכע קרייזן, דער עיקר די הילפס-אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד. מיט דעם צוועק זיינען די פאַרטרעטער פון רעדאַקציאָנס-קאָלעגיע, קומענדיג קיין מאָסקווע, אַריינגעטראָטן אין פאַרבינדונג מיט יענע יידישע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען נאָך ניצול געוואָרן אין רוסלאַנד. אַריבערקומענדיג אין בערלין, האָבן זיך די דאָזיגע פאַרטרעטער געווענדעט צו די יידישע הילפס-אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע און אַמעריקע מיט אַ פאָרשלאָג צושטיין צו דער אויסגאַבע און דעלעגירן פאָרשטייער אין איר פאַרוואַלטונג. הערבסט 1921 זיינען צו דער אויסגאַבע צוגעשטאַנען פאָלגנדיגע אָרגאַניזאַציעס: די „פּיפּלס רעליעף-קאָמיטע“ פון ניו-יאָרק, וועלכע האָט די *ערשטע* געגעבן פינאַנציעלע מעגליכקייט אָנצוהויבן די אַרבעט, די „נאַצ. פעדעראַציע פון אוקראַינער יידן“ פון ניו-יאָרק, דער פאַריזער „עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון דער וועלט-הילפס-קאָנפערענץ“. פאַר דעם זיינען אין פאַרוואַלטונג אַריין איינציגע געוועזענע אַקטיווע טוער פון די הילפס-אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד און אוקראַינע, וועלכע האָבן זיך צו יענער צייט געפונען אין בערלין. אויף אַזאַ אופן האָט די פאַרוואַלטונג אָנגענומען אַ מער ברייטערן געזעלשאַפטליכן כאַראַקטער. ביי די נייע תנאים האָט זיך איר פריערדיגע קאָנסטרוקציע געמוזט ענדערן, און פריוואַטע אַנשטאַלטן (דער „יידישער פאָלקס-פאַרלאַג“), ווי אויך ריין-פּאָליטישע אָרגאַנען (דער „נאַצי׳אָנאַלער סעקרעטאַריאַט“) האָבן אין איר ניט געקענט פאַרבלייבן. אַ געוויסע ענדערונג איז פאָרגעקומען אויך אינם באַשטאַנד פון רעדאַקציע, אין וועלכער עס זיינען אַריין נייע מיטגלידער. אין בערלין האָט זיך די „רעדאַקציאָנס-קאָלעגיע“ אָפיציעל פאַררעגיסטרירט, אַלס פאַראיין *„אָסט-יודישעס היסטאָרישעס אַרכיוו“* (מזרח-יידישער היסטאָרישער אַרכיוו).

אָט די דאָזיגע אָרגאַניזאַציאָנס-אַרבעט, ווי אויך דער צופלוס פון נייעם מאַטעריאַל אין אַרכיוו, האָבן אויף אַ געוויסער צייט פאַרהאַלטן דאָס צונויפשטעלן און פאַר-

עפנטליכן פון די ביכער. איצט איז די אַרבעט פון צונויפשטעלן כמעט פאַרענדיגט, און די אויסגאַבע הויבט אָן צו ערשיינען.

אַרויסגייענדיג פון דעם שטאַנדפונקט, אַז די ביכער דאַרפן ניט זיין אַ פשוטע זאַמלונג פון רויען מאַטעריאַל, נאָר דאַרפן געבן פּראַגמאַטיש די געשיכטע און אַנט־וויקלונג פון די געשעהענישן אויפן סמך פון דאָקומענטירטן מאַטעריאַל, האָט די רע־דאַקציאָנס־קאָלעגיע באַשלאָסן, אַז יעדעס בוך האָט אין זיך צוויי טיילן: אין ערשטן טייל קומט די געשיכטע און אַנטוויקלונג פון די געשעהענישן אויפן אַלגעמיינעם פּאָליטישן פּאָן, און אין צווייטן — דער רויער מאַטעריאַל גופא אין אַ סיסטעמאַטיזירטער פאָרם.

די גאַנצע אויסגאַבע צעפאַלט זיך אויף אַ רייע פאָלגנדיגע בענדער, פון פאַר־שיידענע מחברים געשריבן:

ע ר ש ט ע ר  ב אַ נ ד: אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען אין אוקראַינע אין די יאָרן 1917—1918 (די תקופה פון צענטראַלער ראַדע און העטמאַן) — פון א. ט ש ע ר י ק אָ װ ע ר.

צ װ י י ט ע ר  ב אַ נ ד: די פּאָגראָמען אין יאָר 1919 (די תקופה פון פּעטליורע און גרינאַ־ריעווס אויפשטאַנד) — פון ד ע ם ז ע ל ב ן  מ ח ב ר.

ד ר י ט ע ר  ב אַ נ ד: די פּאָגראָמען פון דעניקינס אַרמיי — פון י. ש ע כ ט מ אַ ן.

פ ע ר ט ע ר  ב אַ נ ד: די פּאָגראָמען פון די פּאָוסטאַנצעס („דאָס יאָר 1920 אין אוקראַינע — בירגער־קריג און פּאָגראָמען") — פון נ. ש ט י ף.

פ י נ פ ט ע ר  ב אַ נ ד: די רעזולטאַטן פון די פּאָגראָמען (סטאַטיסטיש־עקאָנאָמישע אויס־פאָרשונג) — פון י ע ק ב  ל ע ש צ י נ ס ק י.

ז ע ק ס ט ע ר  ב אַ נ ד: קורצע באַשרייבונג פון אַלע פאַררעגיסטרירטע פּאָגראָמען, רשימה פון די פּאָגראָמירטע פונקטן און אַ נאָמענטליכע רשימה פון די הרוגים — פון נ. ג ע ר ג ע ל.

ז י ב ע ט ע ר  ב אַ נ ד: מ אַ ט ע ר י אַ ל ן  צ ו  ד ע ר  ג ע ש י כ ט ע  פ ו ן  ז ע ל ב ס ט־ ש ו ץ.

אויסער די דאָזיגע הויפּט־ביכער ווערן פּראָיעקטירט איינינע קלענערע מאָנאָגראַ־פעסיעס, ווי למשל, פּנקסים — אָריגינעלע אָדער באַאַרבעטע — פון עטליכע חרובע שטעט, זאַמלונגען פון לעגנערע און אויסטערליש־כאַראַקטעריסטישע נביות עדות א. ד. גל., און אויך — אויב דער מאַטעריאַל וועט זיין אַ גענוגנדער — די באַשריי־בונג פון די פּאָגראָמען אין ווייס־רוסלאַנד. די ביכער וועלן ערשיינען אין י י ד י ש און ר ו ס י ש, שפּעטער אפשר, אין אַ נעקירצטער פאָרם, אויך אין אַן אייראָפּעאישער

שפראך, און וועלן אנטהאלטן פאטאגראפישע בילדער פון הרוגים און געליטענע, קלישעען פון וויכטיגסטע דאקומענטן, דיאגראמעס און סטאטיסטישן מאטעריאל. די גאנצע אויסגאבע איז אויסגערעכנט לערך אויף 150—160 דרוק־בויגן, ד. ה. 2400—2600 זייטן, אין יעדער שפראך.

---

מיר דריקן אויס אונזער טיפסטן דאנק אלע ארגאניזאציעס, וואס האבן אונז געגעבן די מעגליכקייט זאמלען און פארעפנטליכן דעם מאטעריאל, ווי אויך די פאלגנדיגע פערזאנען, וועלכע האבן אונז אין דעם זעהר א פולע מיטגעהאלפן: דעם פארזיצער פון קיעווער צענטראלן הילפס־קאמיטעט — ס. ראטנער, דעם פארשטייער פון „נאציאנאלן סעקרעטאריאט" — י. גרינפעלד, דעם פארשטייער פון הילפס־אפטיילונג ביים „רויטן־קרייץ" — ד״ר פ. לאנדער, דעם פארשטייער פון „פאלקס־פארלאג" — פ. דובינסקי, דעם פארשטייער פון ניו־יארקער „פיפלס־רעליעף" — ב. צוקערמאן, דעם פארשטייער פון „דזשאינט דיסטריביושן קאמיטע"—ד״ר פרענק ראזענבלאט, דעם פארזיצער פון דער „נאצ. פעדעראציע פון אוקראינער יידן אין אמעריקע" — ד״ר י. קרימסקי, דעם פארשטייער פון „קאמיטעט פון יידישע דעלעגאציעס" אין פאריז — ל. מאצקין, דעם מיטגליד פון פוילישן סיים — י. גרינבוים. אויך דריקן מיר אויס אונזער טיפן דאנק די פאלגנדיגע פערזאנען — מיטארבעטער און מיטהעלפער אין אונזער ארבעט: י. גיטערמאן, ח. האפמאן, ב. וועסט, רבקה טשעריקאווער, מ. לייזעראוויטש, ש. גיעפאמנישצי, ב. סלוצקי, רחל פיינענבערג, י. קלינאוו, א. קאראלניק, מ. רעקים און אויך די באפולמעכטיגטע פון קיעווער צענטראלן קאמיטעט צו העלפן די פאגראם־געליטענע און פון דער הילפס־אפטיילונג ביים „רויטן קרייץ" — י. ברוידא, ב. בראגינסקי, י. טאי, ס. כהן, א. ציפראנאוויטש און אלע אנדערע, וואס האבן זיך מתעסק געווען אין דער ארבעט.

בערלין, פעברואר 1923.

מזרח־יידישער היסטארישער ארכיוו.

---

די רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע פון דער אויסגאַבע באַשטייט פון פאָלגנדיגע פערזאָנען:

בעל־מחשבות, בן־אדיר, ש. דובנאָוו, א. טשעריקאָווער און ווי. לאַצקי.

---

# די דריטע הײדאַמאַטשינע·

## היסטאָרישע הקדמה.

אַ סך פֿעלקער האָבן אַרײַנגעשריבן זײערע נעמען אין דער געשיכטע פֿון דער טװיזנט־יאָריגער יידישער מאַרטיראָלאָגיע, אָבער ניט פֿיל פֿון זײ װעלן דאָרט פֿאַרנעמען אַזאַ אָנגעזעהענעם — און נאָר ניט קײן פֿײנעם — אָרט, װי דאָס אוקראַאינישע פֿאָלק. פֿון מיטן 17־טן יאָרהונדערט אָן פֿירט שטענדיג אױס דאָס דאָזיגע פֿאָלק, אין צײטן פֿון פּאָליטישער מהומה, די „מיסיע“ פֿון אױסראָטן יידן מיט אַ סך אַ גרעסערע התמדה, אײדער זײנע פֿאָרגײנגער אין דער תּקופֿה פֿון קרײץ־צוגן. זײן לעצטע גבורה אױפֿן דאָזיגן געביט, װאָס ער האָט באַװיזן פֿאַר אונזערע אױגן, שטײגט אַריבער אַלע פּאָגראָמען און שחיטות פֿון די פֿאַרגאַנגענע צײטן. די מיסיע פֿון אוקראַאינע אין דער יידישער געשיכטע איז נאָך מסתּמא ניט פֿאַרענדיגט, אָבער מיר קענען שױן אונטער־פֿירן אַ געװיסן סך־הכּל און זי אײנפֿאַסן אין באַשטימטע היסטאָרישע ראַמען *).

די אוקראַאינישע געשעהענישן פֿון די יאָרן 1920 — 1918 טראָגן אַלע סימנים פֿון דער היסטאָרישער נאַציאָנאַל־אוקראַאינישער באַװעגונג, װאָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען: הײדאַמאַטשינע.

---

*) כּדי צו פֿאַרמײַדן פֿאַלשע אױסטײַטשונגען, מוז געמאַכט װערן אַן אַלגעמײַנע ער־קלערונג בנוגע דעם היסטאָרישן טעזיס, װאָס װערט אַנטװיקלט אין דער דאָזיגער הקדמה. רעדנדיג פֿון דער הײַדאַמאַטשינע, װי װעגן אַ טיפּישער נאַציאָנאַל־אוקראַאינישער באַװעגונג, אָדער פֿון אַ פּאָגראָמען־מיסיע פֿון אוקראַאינישן פֿאָלק אין דער ייִדישער געשיכטע, נעמען מיר דעם באַגריף „פֿאָלק“ ניט אין זײַן אַבסאָלוטן זין, נאָר אין רעלאַטיװן, ד. ה. מיר באַ־צײַכנען מיט אים גרױסע מענשן־מאַסן אױף אַ געװיסער מדרגה פֿון גײַסטיגער קולטור, ניט אַרײַנגעמענדיג אין דאָזיגן כּלל יענע געזעלשאַפֿטליכע שיכטן, װאָס האָבן זיך דערהױבן איבער אַזאַ קולטורעלן צושטאַנד. אױך פֿאַרשטײען מיר ניט דעם טערמין „מיסיע“ מיסטיש, נאָר קאָנקרעט־היסטאָריש: אַלס אַ דױערהאַפֿטיקײט פֿון געװיסע נטיות און מעשׂים, װעלכע די פֿאָלקס־מאַסן װײַזן אַרױס אױף אַ געװיסער קולטורעלער מדרגה אין אַ געװיסן פּעריאָד. װאָס איז שײך אונזער פֿאַל, איז זעהר מעגליך, אַז די בעסטע אוקראַאי־נישע פֿאָרשטײער, ערקלערנדיג די הײדאַמאַטשינע מיט היסטאָרישע סבות, זײנען לחלוטין ניט אײנס מיט דעם זי צו באַרעכטיגן, נאָר פֿאַרקערט – זײ זײנען אפֿילו טיף אױפֿגערעגט קענן איר; פֿון דער צװײטער זײט שטעלן מיר פֿעסט די פֿאַקטישע דױערהאַפֿטיקײט פֿון פּאָגראָם־נטיות און פּאָגראָם־מעשׂים, װעלכע מיר רופֿן דאָ אָן מיטן נאָמען „מיסיע“, אין משך פֿון דרײַהונדערט־יאָריגן היסטאָרישן פּעריאָד פֿון די ייִדיש־אוקראַאינישע באַציהונגען, אָבער דערבײַ מײנען מיר לחלוטין ניט, אַז די דאָזיגע דױערהאַפֿטיקײט איז אומפֿאַרמײַדליך אױך אױף װײַטערדיגע צײַטן.

דער סימן מובהק פון הײַדאַמאַטשינע באַשטייט אין דעם, וואָס זי באַגלייט תמיד אַ פּאָליטישן קריזיס און אין אירע פאַרשאַרפטע פאָרמען זאָגט זי אָן די צעפאַלונג פון דער מלוכה, צו וועלכער אוקראַינע געהערט. די דאָזיגע פאַטאַלע ראָלע האָבן געשפּילט די דריי גרויסע אויסברוכן פון הײַדאַמאַטשינע: די הײַדאַמאַטשינע, וואָס דער קאָזאַקן-אויפשטאַנד פון 1648 האָט אַרויסגערופן, איז געווען דער ערשטער אָנזאָג אויף פּוילנס צעפאַלונג; די „אומאַנער שחיטה“ פון 1768, דער לעצטער רינג אין דער הײַדאַמאַקישע פּאָגראָמען-קייט פון 18-טן יאָרהונדערט, איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער צוטיילונג פון פּוילן; די הײַדאַמאַטשינע פון 1918—1920 איז דער אָנהויב פון רוסלאַנדס צעפאַלן. דורך נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע און עקאָנאָמישע צוזאַמענשטויסן מיט דער אַרומיגער פרעמדער באַפעלקערונג קלייבט זיך אָן יאָרנלאַנג אין די אוקראַינישע פאָלקס-מאַסן אויפרייס-מאַטעריאַל, אָבער כדי ס'זאָל פאָרקומען דער אויפרייס איז אומבאַדינגט נויטיג אַ פּאָליטישער קנייט, — אַ מלחמה, אַ רעוואָלוציע, אַ קאָנטער-רעוואָלוציע, בכלל יעדער בראָך פונם מלוכהשן אָרגאַניזם. און אין מיטלפּונקט פונם אויפרייס שטייען שטענדיג די יידן.

אין דער קייט פון דער דרייהונדערט-יאָריגער הײַדאַמאַטשינע דאַרף מען איינשליסן אויך יענע צוויי פּאָגראָם-באַוועגונגען, וואָס זיינען ביז איצט פאַררעכנט געוואָרן פאַר זעלבסטשטענדיגע אַלגעמיין-רוסישע ערשיינונגען: די יידישע פּאָגראָמען פון די יאָרן 1881 און 1905. סיי די ערשטע און סיי די לעצטע זיינען פאָרגעקומען כמעט ווי נאָר אין אוקראַינע (די קליינע צאָל פּאָגראָמען אין יאָר 1905, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די צפון-מערבדיגע רוסישע גובערניעס און אין פּוילן, געהערן על פּי רוב צום טיפּ פון מיליטערישע אָדער פּאָליצייאישע עקסצעסן). אויך די דאָזיגע ביידע פּאָגראָם-כוואַליעס זיינען געווען ענג פאַרבונדן מיט אַ פּאָליטישן מאָמענט: דער אויסגאַנגס-פּונקט פאַר די דרום-רוסישע פּאָגראָמען פון 1881 האָט געדינט דער צאַרן-מאָרד פון 1 מערץ, און די אָקטאָבער-פּאָגראָמען פון 1905 זיינען געווען אַ דירעקטער ענטפער אויפן אָנטייל פון יידן אין דער דאַמאָלסטיגער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די פאַרביסענע רעאַקציע פון דער צאַרישער רעגירונג האָט אין איינציגע ערטער אַליין אויפגעוועקט ביי די אוקראַינער מאַסן די איינגעדרימלטע הײַדאַמאַקישע אינסטינקטן און אין אַנדערע ניט געשטערט די דאָזיגע אינסטינקטן, וואָס האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זיך אַליין אין דער אַטמאָספער פון פּאָליטישער שׂרפה.

ס'איז שווער אָנווייזן אין דער געשיכטע נאָך אַזאַ ביישפּיל פון אויסגעהאַלטנקייט און עקשנות פון פאָלקס-מאַסן אין איין געוויסער ריכטונג אין משך פון דריי יאָרהונדערטער. צווישן דעם אוקראַינער הײַדאַמאַק פון 20-טן יאָרהונדערט און צווישן זיינע עלטער-זיידעס פון 17-טן אָדער 18-טן יאָרהונדערט איז כמעט ניטאָ קיין חילוק. ס'איז צו שטוינען, ווי ענליך עס זיינען צווישן זיך די בילדער, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין די אַלע ליסיאַנקעס, אומאַנעס, זוועניגאָראָדקעס, טאַראַשטשעס, אָוורוטשעס און אויסטראָהעס אין די צייטן פון כמעלניצקי, פון גאָנטע און — פון פּעטליורע. די פּאָליטישע און סאָציאַל-עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון אוקראַינע און איר פאַרשידנאַרטיגער

באַפעלקערונג האָבן זיך געביטן, אָבער די הײדאַמאַטשינע איז אין איר מהות געבליבן די זעלבינע.

אין שרעקליכן יאָרצענדליג פון 1648—1658 קומט פאָר אַ קאַמף פון דרײ פעלקער, דרײ רעליגיעס און דרײ קלאַסן — פון אוקראַינער, פאָלאַקן און ײדן. די קאָזאַקישע מרידה קעגן פוילן ווערט מגולגל אין אַ אויסראָטונגס־מלחמה פון די פויערן קעגן „ליאַכן און זשידעס“, קעגן די פריצים און די הענדלערס־אַרענדאַטאָרן. גאַנצע ײדישע קהלות פון וואָלין, פאָדאָליע, קיעוושטשינע און טשערניגאָווטשטשינע ווערן אויסגעשחטן אָדער פאַרטריבן אין געפאַנגענשאַפט צו די טאָטערן, אַ חורבן אײנצלנע פערזאָנען, וואָס שמדן זיך לפנים. עטליכע הונדערט חרובע קהלות, פאַרוויסטע שטעט, יאָרצענדליגער אוקראַינער „רואינע“ — אָט דאָס זײנען די רעזולטאַטן פונם הײדאַמאַקישן הפקר. די לינק־ברעגיגע אוקראַינע — מאַלאָראָסיע, — וואָס האָט זיך פאַראײניגט מיט רוסלאַנד, פאַרענטפערט די ײדן־פראַגע אויפן מאָסקווער שטײגער: זי לאָזט בכלל ניט אַרײן צו זיך קײן ײדן; גרופעס „אויסלענדישע“ ײדן, וואָס האָבן זיך פאַרקליבן אַהין אויף אַ ניט־כשרן אופן, ווערן אומברחמנותדיג אַרויסגעשיקט, אַלס „שונאים פון כריסטוסן“, פון וועלכע אפילו אין פעטערבורגער פעריאָד „װיל מען ניט געניסן קײן שום ריוח“. אָבער אויף דער פוילישער זײט, אין דער רעכט־ברעגיגער אוקראַינע, הערשט נאָך אין 18־טן יאָרהונדערט דער גײסט פון הײדאַמאַטשינע. אין שלום־צײטן ווײזט ער זיך אַרויס אין אײנפאַכע רויבערײען אויף די טראַקטן, אין צופעליגע אָנפאַלן אויף שטעטלאַך, וואָס זײנען ניט געשיצט דורך מיליטער; אין צײטן פון מלחמה און מרידה ברעכט ער אויס אין מאַסן־פאָגראָמען און שחיטות. די צײט פון דער פוילישער צווישן־ממשלה פון יאָר 1734 רופט אַרויס די הײדאַמאַקישע חיה פון איר לאָך. זי הוליעט איבער די שטעט און שטעטלאַך פון פאָדאָליע און פאַלט אָן אויף דער אומבאַשיצטער ײדישער באַפעלקערונג. אין 30 יאָר אַרום דערשמעקט זי שוין דעם ריח פון צופוילטן קערפער פון פוילן — און רײסט זיך אַרײן אין דעם בירגערקריג פון דער תקופה פון באַרער קאָנפעדעראַציע מיט די „געהײליגטע מעסערס“ פון קאָליעווטשטשינע. דער אָפיציעלער לאָזונג פון דער באַוועגונג איז געווען — נקמה נעמען פאַר די צוטראָטענע רעכט פון די אַנדערשגלויביגע „פראַוואָסלאַוונע“, וואָס האָט געליטן פונם זעלבינן הערשנדיגן קאַטאָליציזם, ווי די ײדן, — פונדעסטוועגן איז דעם הײדאַמאַק אַמליבסטן צו שחטן ײ ד ן, און ער לאָזט איבער אין דער געשיכטע אַ מוראדיגן בלוטיגן פלעק — די „אומאַנער שחיטה“.

פוילן איז אונטערגעגאַנגען, און דער דרײענדיגער נאַציאָנאַלער אַנטאַגאָניזם — פויליש־ײדיש־אוקראַינישער—איז פאַרביטן געוואָרן דורך אַ צווײענדיגן: אַ רוסיש־ײדישן. די רוסישע רעגירונג האָט אין משך פון הונדערט יאָר מאָנאָפאָליזירט די ײדן־פראַגע און על פי רוב זי פאַרענטפערט אין די קאַנצעליאַרעס אינם הײדאַמאַקישן גײסט, און דעריבער איז די הײדאַמאַטשינע אויף אַ לאַנגער צײט פאַראַליזירט געוואָרן. אָבער בעת די רעפאָרמעס פון אַלעקסאַנדר דעם II, וואָס האָבן ניט געגעבן די ײדן קײן עמאַנסיפאַציע, דאָך געעפנט פאַר זײ עקאָנאָמיש און קולטורעל ברײטערע פערספעקטיוון,

האָט דער אוקראַינער אָנגעהויבן קוקן מיט חשד: אַ ייד, וואָס פאַרנעמט אַ אָנגעזעהענעם
אָרט אין דער געזעלשאַפט, וואָס ווערט אַ „פּאַן“ — אַ פאַבריקאַנט, אַ גרויסער סוחר,
אַ שטאָלצער אינטעליגענט, — האָט אים אויסגעוויזן צו זיין אַ ווילדע סתירה צו דער
גאַנצער מאַסע קליינע יידישע הענדלערס, מעקלערס און שיינקערס, וואָס זיינען געקומען
אין באַרירונג מיט די פויערן. דער נייער אויסברוך פון היידאַמאַטשינע האָט נאָר גע=
וואַרט אויף אַ קנייט — אויף אַ פּאָליטישן אויפרעגער, און דער סטיכישער גייסט פון
היידאַמאַק האָט אויף זיין שטיינער געשאַפן זיך דעם אויפרעגער פון אַ מאַטעריאַל, וואָס
האָט זיך לחלוטין ניט אָנגעקערט מיט אַ יידישן פּאָגראָם. די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַ=
גאַנדע פון די 1870=גער יאָרן מיט איר „גיין צום פאָלק“ האָט אויפגערודערט דעם
אוקראַינער פויער. אָבער איידער זי האָט נאָך באַוויזן אים אויפצוהויבן „קעגן דעם
צאַר און די פּריצים“ איז שוין געשעהען דער קייזער=מאָרד פון 1=טן מערץ 1881, און
ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט דער לאָזונג: „די יידן האָבן געהרגעט דעם צאַר, דער צאַר האָט
געהייסן שלאָגן די זשידעס“. דער אויפגעוואַכטער היסטאָרישער היידאַמאַק האָט
זיך תיכּף אויף דעם אָפּגערופן. דער דאָזיגער פאַטאַלער לאָזונג האָט ניט געדאַרפט
אַרויס פון פּעטערבורג. ער איז געבאָרן געוואָרן אין דער נשמה פון היידאַמאַק, ווי
אַמאָל דער אַפּאָקריפישער „גאָלדענער מאַניפעסט“ פון יעקאַטערינע דער II. אין
דער פּאָגראָם=באַוועגונג פון די יאָרן 1882—1881 האָט דער געוויינטליכער פּאָגראָם —
דאָס צושטערן הייזער און ראַבירן האָב און גוטס — פאָרגעשטעלט דעם כּלל, און
הריגות אָדער שחיטות — דעם יוצא מן הכּלל (קיעוו, באַלטע). אין משך פון העכער
הונדערט יאָר האָט זיך די האַנט פון קוילער אָפּגעוואוינט פון שחטן, אָבער עס האָט
ניט לאַנג געדויערט, און ער האָט זיך די מלאכה ווידער גוט איינגעלערנט.

דער פּאָליציייאישער ושעני פון פּלעווע און זיינע תּלמידים אויף די מיניסטאָרן=
שטעלעס האָט דערשפּירט די דאָזינע איינגשאַפט פון דער אוקראַאינישער נשמה: איר
נטיה צו אַ יידישן פּאָגראָם. די רעפּעטיציע פון קעשענעווער פּאָגראָם (1903), וואָס
איז אויסגעפירט געוואָרן דורך געמישטע אוקראַאיניש=מאָלדאַוואַנישע כּחות, איז דורכ=
געגאַנגען מיט גרויס ערפאָלג, און אין אָקטאָבר 1905 איז די בלוטיגע פאָרשטעלונג
איבערגעהזרט געוואָרן אין אַ אַלרוסישן מאַסשטאַב. אָבער אויך דאָ האָט די הויפּט=
ראָלע געשפּילט אוקראַינע: ניין=צענטל פון אַלע פּאָגראָמען זיינען פאָרגעקומען גראָד
דאָ. דאָ האָבן זיך די נייע היידאַמאַקעס אומגעקערט צו די אַלטע שיינע טראַדיציעס
פון זייערע עלטער=זיידעס: „אַ טרוקענער פּאָגראָב“ איז שוין אַרויס פון דער מאָדע; ביים
גרעסטן טייל פּאָגראָמען זיינען פאָרגעקומען שחיטות. אונטער די נייע פאָרמען:
„קאָנטר=רעוואָלוציע, שוואַרץ=מאהניקעס, וואַנדייע“ האָט מען אין 1905 יאָר ניט באַ=
מערקט דעם אור=אַלטן היידאַמאַקישן מהות פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין דרום=
רוסלאַנד. מ׳האָט פאַרגעסן די היסטאָרישע ירושה=קייט פון דער היידאַמאַטשינע, איר
אמתע טבע זיך אָנצינדן דאָרט, וואו מ׳קען זיך אָפּרעכענען מיטן יידן. נאָר אין גרויס=
רוסלאַנד האָט געליטן די רעוואָלוציאָנערע ר ו ס י ש ע אינטעליגענץ פון די דאָרטיגע
זעלטענע אָקטאָבר=פּאָגראָמען, אין אוקראַינע אָבער האָט מען פּאָגראָמירט און אויס=

געשחטן די ייִדישע מאַסן אין הונדערטער שטעט און שטעטלאַך אונטערן לאָזונג — נקמה פאַר דער רעוואָלוציע.

די שול פון גרויסע רציחות, וואָס רופט זיך „די וועלט־מלחמה", האָט צום לעצטן מאָל אויסגעשמידט די היידאַמאַטשינע. שוין בעת דער מלחמה, אין די יידישע פאָנ־ראָמען ביים פראָנט, האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די קאָזאַקן, די היסטאָרישע גוואַרדיע פון היידאַמאַטשינע. מענשן מיט אַ וויטן בליק האָבן שוין דאַמאָלסט פאָר־אויסגעזאָגט — אין שייכות מיטן באַקאַנטן „מלחמה־בלבול" —, אַז נאָך דער מלחמה וועט זיך איבער אוקראַינע צעגיסן אַ נייע כוואַליע פון פאָגראָמען. אָבער דער ליכטיגער פאָליטישער פרילינג פון 1917 האָט פאַרטריבן די דאָזיגע מורא־וואָלקענס. אין גרויל פון דער מלחמה, וואָס האָט זיך נאָך ניט געענדיגט, און פון דער אַנאַרכיע, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן, זיינען מיר פלוצלונג געוואָרן פרייהייט־ברידער מיט די אוקראַינער. מיר האָבן פאַרגעסן די עוולות פון דורות, און בעת די אוקראַינישע געזעלשאַפט האָט אָנגעהויבן חלומען וועגן נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע און דערנאָך וועגן „סאַמאָסטינאָסט", האָט איר די יידישע געזעלשאַפט אָנגעבאָטן ברידערליכע הילף. אַ מאָרנע, אומגעזעהען בילד איז עס געווען זומער און הערבסט 1917 יאָר. צוויי פעלקער האָבן אַריבער־געשפרייזט איבערן שטראָם בלוט, וואָס האָט זיי צוטיילט אין עבר, און זיך איינער דעם אַנדערן געזאָגט: לאָמיר קעמפן געמיינזאַם פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט. אין דער אוקראַינער ראַדע אין קיעוו זיינען געזעסן גוטע יידישע פאָליטיקער, די אוקראַינער רעגירונג — דער „גענעראַל־סעקרעטאַריאַט" — האָט געהאַט אַ סעקרע־טאַר אָדער מיניסטער פאַר יידישע נאַציאָנאַלע ענינים. אין די ראַמען פון דער טעריטאָ־ריאַלער אווטאָנאָמיע האָט אָנגעהויבן פאַרווירקליכט ווערן די פערסאָנאַלע אווטאָנאָמיע פאַר דער יידישער באַפעלקערונג — דער חלום פונם נייעם נאַציאָנאַלן יידנטום. . . אָבער שוין אין יענע טעג האָט זיך דערטראָגן פון פראָנט און זיך אַלץ מער און מער דער־נעהענטערט אַ שרעקעדיגער רעש: די דעמאָביליזירטע רוסלענדישע אַרמיי — לויטן באַפעל אָדער אויף איינענער אחריות — האָט זיך אומגעקערט פון פראָנט אַהיים, און פון די אוקראַינער שטעט און שטעטלאַך האָבן זיך דערהערט געשרייען פון געשלאָגענע יידן. דאָס היידאַמאַקישע פויערטום האָט זיך באַגעגנט מיט דעם צעווילדעוועטן סאָל־דאַטן־המון, — און צווישן די דאָזיגע צוויי פייערן האָבן זיך געפונען דריי מיליאָן „פרייע" יידן פון דער „גרויסער סאַמאָסטינער אוקראַינע".

אין יענע טעג איז פון ביידע רוסישע הויפטשטעט, וואו ס'האָט געהערשט דער באָלשעוויסטישער כאַאָס, געגעבן געוואָרן דער לאָזונג פון בירגער־מלחמה. אָנהויב 1918 פאַרנעמען די באָלשעוויקעס קיעוו, אין אַ קורצער צייט אַרום מוזן זיי אָפּטרעטן פון דאָרט, — און ביי די היידאַמאַקעס איז פאַרטיג אַ נייע באַשולדיגונג, אַ נייער אויסרייד אויף מאַכן פאָגראָמען: „אַלע יידן זיינען באָלשעוויקעס". אין שייכות מיטן דאַמאָלסטיגן פויערן־אויפשטאַנד קעגן דער דייטשער אָקופּאַציע ווערט פאַרשפרייט אויך די באַשולדיגונג: „די יידן האָבן אונז פאַרקויפט צו די דייטשן". די דאָזיגע אַלע סתירותדיגע מאָטיוון פאַראייניגן זיך אינם מח פון היידאַמאַק אין אַ געליבטן

סינטעז: שלאָגט זשידעס! פּאַראַלעל מיטן אַלרוסישן באָלשעוויסטישן פּאָגראָם צעגיסט זיך איבער אוקראַינע אין יאָר 1918 אַ כוואַליע פון יידישע פּאָגראָמען אין דער צייט פון דייטשער אָקופּאַציע און העטמאַן. נאָכדעם קומען די צוויי שרעקליכע יאָרן: 1919 און 1920. ס'קומט פאָר אַ כסדרדיגע בירגער־מלחמה, פייער און שווערד האָבן דאָס וואָרט, ס'קומען אָן די צייטן פון פּעטליורע, דעניקין, אַטאַמאַנעס־באַנדיטן און פּאַרטיזאַנישע מלחמות, די צייטן פון פּוילישן אָנפאַל אויף אוקראַינע און דער פאַרניכטנדער באַוועגונג פון דער רויטער אַרמיי *). די היידאַמאַטשינע האָט זיך צעהוליעט: דריי מיליאָן יידן זיינען איבערגעגעבן אין אירע הענט. די שרעקן פון כמעלניצקים און גאָנטעס צייטן זיינען אַ קינדערשפּיל אַקעגן דער דאָזיגער בלוטיגער הפקרות. הונדערטער טויזנטער געהרגעטע און בעלי־מומים, צענדליגער טויזנטער פאַרגוואַלדיגטע פרויען, הונדערטער שטעט, וואָס האָבן פאַרלאָרן כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג דורך דער גוואַלדיגער צאָל פּאָגראָמען און שחיטות פון פאַרשידענע באַנדעס, אַ סך שטעט — בית־עלמינס, וואָס זיינען אָפּגעמעקט פון דער ערד, — אָט דאָס איז דער סך־הכל פון דער „דריטער היידאַמאַטשינע“.

די דאָזיגע קורצע היסטאָרישע פּאַראַלעלן זיינען באַשטימט, אַלס אַ הקדמה צו אַ פילבענדיגן ווערק, וואָס וועט דערציילן אונזער דור און די קומענדיגע דורות די געשעענישן פון דריטער היידאַמאַטשינע. דאָס ווערק וועט אַריינטראָגן אַ סיסטעם און אַ סדר אין דער גרויסער צאָל אָפּיציעלע דאָקומענטן, אין די באַשרייבונגען פון עדי־ראיהס און פון די געליטענע גופא, — אין דעם גאַנצן קאָלאָסאַלן מאַטעריאַל, וואָס איז געזאַמלט געוואָרן אויפן אָרט אינם עמק הבכא, אין דער הייסער מינוט. די געשיכטע פון אונזערע לעצטע קאַטאַסטראָפעס קען מען היינט שרייבן ניט אויפן גרונט פון צופעליגע ערציילונגען פון איינצלנע כראָניקער, וואָס האָבן אַליין איבערגעלעבט אָדער געהערט פון אַנדערע און פאַראייניגט די איינדרוקן פון אַ ענגן קרייז מענשן; זי ווערט היינט געשאַפן ק אָ ל ע ק ט י ו ו, אויפן גרונט פון פילע טויזנטער דאָקומענטן,

*) די „דעניקינשטשינע“, אָדער די פּאָגראָמען פון דער אַנטי־באָלשעוויסטישער פרייוויליגער אַרמיי, — די סאַמע אכזריותדיגע יידישע פּאָגראָמען פון יענער צייט, — ווייזן אויס צו זיין אַ יוצא מן הכלל פון אונזער אַלגעמיינעם טעזיס, אויף וויפיל ס'האָבן זיך באַטייליגט אין זיי פאַרשידנאַרטיגע עטנישע עלעמענטן פון רוסלאַנד, אָנהויבנדיג פון דער געזעצנער צאַרישער אַריסטאָקראַטישער גוואַרדיע ביז די קאַווקאַזער פרעמד־פעלקער. מ'טאָר אָבער דערביי ניט פאַרגעסן פאָלגנדעס: 1) די „קרינס־אָפּעראַציעס“ קעגן יידן זיינען געפירט געוואָרן אויף דער ט ע ר י ט אָ ר י ע פון אוקראַינע; 2) די אָנפירער פון די בלוטיגע יידן־שחיטות זיינען על פי רוב געווען קאָזאַקן, וועלכע זיינען פונם 17־טן יאָרהונדערט אָן שטענדיג געווען ביי אַזעלכע פאַלן די פאָרלויפער פון די היידאַמאַקעס; 3) ווי אין פריערדיגע צייטן, אַזוי אויך היינט, קומט גלייך נאָך דער קאָזאַקישער מיליטערישער אָפּעראַציע די „פרידליכע“ אַרבעט פון די פויערן: די היידאַמאַקעס רויבן, פירן אָפּ דאָס אָנגעראַבירטע פון שטאָט אין דאָרף אַריין א. ד. ג. און גלייך נאָך דער מפלה פון דער פרייוויליגער אַרמיי, ווען די מיליטערישע פּאָגראָמען האָבן זיך אָפּגעשטעלט, פירט ווידער אויס די היידאַמאַטשינע, מיט אירע באַנדיטן־אַטאַמאַנעס, איר אויפגאַבע און באַניסט ווידער אוקראַינע מיט יידיש בלוט.

זי ווערט געשריבן פון יענער מענשן-מאַסע, וואָס האָט נאָר ניט געהאַט בדעה צו שרייבן געשיכטע, נאָר האָט פּשוט איבערגעגעבן דאָס געזעהענע און איבער-געלעבטע צוזאַמען מיטן גייסטיגן צושטאַנד פונם איבערגעלעבטן מאָמענט. דער מאַטעריאַל, וואָס איז דאָ סיסטעמאַטיזירט געוואָרן, גיט קודם כּל אַ קלאָר בּילד פון די שרעקליכע געשעהענישן פאַר אונז אַליין, וואָס האָבן ניט געקענט אין די דאָזיגע יאָרן פון פּאָליטישן כאַאָס נאָכפאָלגן נאָך דער בּלוטיגער קייט פון די דאָזיגע געשעהענישן איבערן גרויסן שטח פון רוסלאַנד, וואָס איז „איבּערגעגעבן געוואָרן צו פייער און שווערד“. חוץ דעם וועט ער דינען, אַלס פעסטער בּאָדן דעם קומענדיגן היסטאָריקער, ער וועט אים פאַרשאַפן טיפן ווייטאָג מיט זיין שילדערן די שוי-דערהאַפטע געשעהענישן, ער וועט אים אָבער בּאַפרייען פון ספקות אין דער ריכטיקייט פון די קוועלן פאַר זיין ווערק.

דעם יידישן גייסט איז פרעמד דער געדאַנק פון אַלטן רוימישן פּאָעט: „פון אונזערע בּיינער וועט אפשר אַמאָל אויפשטיין אַ נקמה-נעמער“. אונזער איינציגע נקמה איז — פאַראייבּיגן די רציחות אין דער געשיכטע. דאָס פאָלק, וואָס האָט אַדורכגעטראָגן דורך דרייסיג יאָרהונדערטער זיינע הייליגע דבּרות: „לא תרצח, לא תגנב, לא תנאף“ — וועט נאָר פאַררעגיסטרירן די פאַקטן, ווי טויזנטער מענשן פון סדום האָבן עובר געווען אויף אָט די אַלע געבּאָטן אין אַ גוואַלדיגער מאָס. און פאַר-שריבּן ווערן אויף דעם שוואַרצן לוח פון דער יידישער געשיכטע — איז די סאַמע שווערסטע מאָראַלישע שטראָף. דער דאָזיגער שוואַרצער לוח האָט דאָך כאַראַקטערי-זירט פאַר דער וועלט די מאָראַלישע פיזיאָנאָמיע פון די פאָרגייער פון די היינטיגע פּאָגראָמשטשיקעס, אָנהויבּנדיג פון די אַלע פּרעהס פון מצרים און די אַמאָליגע המנס בּיז די קאָלעקטיווע המנס פון די לעצטע תקופות.

ש. דובּנאָוו.

בּערלין, 28-טן פעבּרואַר 1923.

# אַרײַנפֿיר

דער געשיכטלעכער פּאָדעם פֿון די פּאָגראָמען. — צווישן דניעפּר און דניעסטער. — אוקראַינע, אַלס אַ לאַנד פֿון פּאָגראָמען. — דאָס אוקראַינישע פּויערטום ביז דער רעוואָלוציע; דוחק אין ערד און אויסוואַנדערונג; רוסיפֿיקאַציע און קולטורעלע אָפּגעשטאַנענקייט. — דער אַנטאַגאָניזם צווישן שטאָט און דאָרף; דער הונגער אין סחורות. — די וועלט־מלחמה און דער אויסברוך פֿון אַנאַרכיע און פּאָגראָמען. — די רעוואָלוציע פֿון 1917 און דער בירגער־קריג. — די פֿאַרשפּרייטונג פֿון אַוואַנטיוריזם. — די ראשי פּרקים פֿון די פּאָגראָמען 1917–1918.

פֿרילינג 1919־טן יאָר, ווען איבער אוקראַינע האָט זיך צעגאָסן אַ נייע כוואַליע פֿון די „פּעטליורישע“ פּאָגראָמען, האָט אין זאַסלאַוול, אויף וואָלין, אַן עדות פֿון די שרעקלעכע געשעהענישן פֿאַרצייכנט בײַ זיך אין פּנקס די פֿאָלגנדיגע ווערטער: „מיט צוויי הונדערט איין־און־זיבעציג יאָר צוריק איז אינם זעלביגן וואָלינער שטעטל זאַסלאַוול געזעסן ר׳ נתן [1]) און האָט געפֿירט אַ פּנקס פֿון יענע שרעקלעכע טעג, די טעג פֿון באָגדאַן כמעלניצקי און גזרת ת״ח ות״ט, און באַשריבן די גרויסע צרות און פּורעניות, וואָס אונזער פֿאָלק איז אויסגעשטאַנען. איז אים דען אײַנגעפֿאַלן דעמאָלט אין זינען, אַז מיט אַזוי פֿיל דורות שפּעטער, איבער צוויי הונדערט איין־און־זיבעציג יאָר אַרום, נאָך גאַנצע תּקופֿות פֿון פּראָגרעס און וויסנשאַפֿטלעכן פֿאָרשריט, פֿון הויכע סאָציאַלע אידייען, נאָך תּקופֿות פֿון וואונדער־ערפֿינדונגען און המצאות, וועט אינם זעלבן שטעטל זיצן דער שרײַבער פֿון די דאָזיגע שורות, וועלכער טראָגט דעם זעלביגן נאָמען ווי ער, דער מחבר פֿון „יון מצולה“, און וועלכער איז, ווי ס׳איז ידוע אין אונזער משפּחה, זײַנער אַן אייניקל אין פֿינפֿטן דור, — און וועט מיט אַן אָנגעבלוטיגטער האַרץ אויך פֿירן דעם פּנקס פֿון די שרעקלעכע פּורעניותן, פֿון דער גזלה און רציחה, וועלכע דער צורר פּעטליורע מיט זײַנע ווילדע מחנות, די אייניקלאַך פֿון דעם גדול כמעלניצקי, האָבן אויף אונזער פֿאָלק געבראַכט?..“

בזה הלשון שרײַבט אַן עדות פֿון אונזער צײַט, אַן אור־אייניקל פֿונם מחבר פֿון דער באַוואוסטער היסטאָרישער כראָניק, זוכנדיג דעם געשיכטלעכן פּאָדעם פֿון די יידישע רדיפֿות אין אוקראַינע, וועלכער ציהט זיך פֿון כמעלניצקיס יאָרן דורך דער הײַדאַמאַטשינע ביז צו אונזער צײַט. און באמת, אַ געשיכטע־שרײַבער ווערט ממש נשתומם, ווי דאָס

[1]) נתן האַנאָווער, דער מחבר פֿון דער היסטאָרישער כראָניק „יון מצולה“ וועגן כמעלניצקים רדיפֿות.

בילד פֿון יידישע לײדן אין 17־טן און 18־טן יאָרהונדערט איז ענליך צו דעם, וואָס עס איז פֿאַר אונזערע אויגן פֿאָרגעקומען די לעצטע יאָרן אין אוקראַינע. אין שטורם פֿון רעוואָלוציע האָט דאָס בלוט פֿון אוקראַינישן פּויער אויפֿגעפֿלאַקערט מיט אַלטע גייסטער און געפֿילן. פֿון דעם שימעל־אַש, מיט וועלכער די היסטאָרישע אוקראַינע ליגט באַדעקט, האָבן אויפֿגעלעבט די טראַדיציעס פֿון קאָזאַקנטום, פֿון דער „זאַפּאָראָזשער סיטש“ און פֿון דער ווילד־פֿרייער און אומברחמנותדיגער הײדאַמאַטשינע. „ברענען זאָלן די סטעפּעס! ס'איז געקומען די צײַט אומבײַטן דעם פּויער־פֿעלץ אויף דעם פּריצישן זשופּאַן“ — מיט דעם אויסגעשריי זיינען די פּויערן־הײדאַמאַקעס אַוועק אין אויפֿשטאַנד נאָך זשעלעזניאַקן, אין 18־טן יאָרהונדערט, אין צייט פֿון „קאָליִעווטשינע“. דאָס איז געווען אין תוך אַ סאָציאַלע מרידה — און פּאַקטיש האָבן די מורדים, די פּויערן, זיך אַוועקגעלאָזט איבער אוקראַינע „מיט די מעסערס אין די כאָליַעוועס מאַכן אַ סוף צו די יידן“, ווי עס באַשרייבט אין זיין פּאָעמע „די הײדאַמאַקן“ דער גאון פֿון אוקראַינע טאַראַס שעווטשענקאָ. דער אוקראַינער פֿאָלקס־עפּאָס דערציילט אויך וועגן יענער צייט, ווי מען האָט „די זשידעס מיט שאַבליעס געצלמט“.

ווי אין די פֿאַרגאַנגענע יאָרן, פּונקט אַזוי אויך איצט האָט דער בירגער־קריג און נאַציאָנאַלער קאַמף, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן קאַנט, אויפֿגעוועקט סטיכישע פּויערן־אויפֿשטאַנדן, פּאַרטיזאַנישע באַוועגונגען, בראש מיט „אַטאַמאַנעס“ און „באַטקעס“, אַ פּרימיטיוון דאָרף־אַנאַרכיזם, — און האָט אויך אויפֿגעוועקט ווילדע נאַציאָנאַלע לײדנשאַפֿטן און אַ בלינדן, ברענענדיגן האַס צו יידן. די אויפֿשטאַנד־באַוועגונג פֿון די פּויערן איז כמעט אומעטום אין אוקראַינע מגולגל געוואָרן אין אַ פּאָגראָם־תוכחה, וואָס פֿאַרנעמט איינע פֿון די ערשטע ערטער אין דער געשיכטע פֿון יידישע פֿאָלקס־אומגליקן. לויט די היסטאָרישע קוועלן זיינען פֿאַר די צעהן יאָר פֿון כמעלניצקים רדיפֿות אומגעקומען ביז אַ פֿערטל מיליאָן יידן און חרוב געוואָרן ביז 700 קהלות. אין דער צײַט פֿון די שפּעטערדיגע הײדאַמאַקן־פּאָגראָמען, אין 18־טן יאָרהונדערט, זיינען אומגעקומען פֿון 50 טויזנט ביז 60 טויזנט יידן. עס איז נאָך ניט געקומען די צייט צו געבן אַ פּינקטליכן „חשבון הנפֿש“ פֿון דער צאָל געהרגעטע אין די לעצטע פּאָגראָמען אין אוקראַינע. נאָר לויט די ידיעות, וואָס זיינע פֿאַראַן, קען מען מיט אַ זיכערקייט זאָגן, אַז די דאָזיגע צאָל איז ניט קלענער, ווי אין די צייטן פֿון גזרת ת'ח ות'ט, און איז פֿיל גרעסער, ווי אין די צייטן פֿון אומאַנער שחיטה. די היסטאָרישע כראָניקן, דאָס ביסל, וואָס איז געבליבן אַלס אַ זכר פֿון יענע יאָרן, גיבן אַ באַשרייבונג פֿון שרעקליכע דראַמאַטישע מאָמענטן, וועלכע דאָס אוקראַינישע יידנטום האָט איבערגעלעבט אין פֿייער פֿון שחיטות. אָבער ווער ס'איז באַקאַנט מיט די דאָקומענטן פֿון אונזער פּאָגראָם־תקופֿה, דער וועט זיך איבערצייגן, אַז אונזער תקופֿה איז אפֿשר רייכער אין אַזוינע שרעקליכע איבערלעבונגען. און פּונקט ווי אין די אַמאָליגע צייטן האָט זיך די פּאָגראָם־דראַמע אָפּגעשפּילט אין די זעלביגע ראַמען — הויפּטזאַכליך אויף דעם רעכטן ברעג־קאַנט פֿון דניעפּר, וואו עס שטייט דאָס ווינעלע

פון די אַמאָליגע יידישע שחיטות, אויף דעם שטח צווישן די צוויי הויפּט־טייכן פון אוקראַינע — צווישן דניעפּר און דניעסטר.

אין אוקראַינע זיינען שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן די אַמאָליגע קאָזאַקן־ און היידאַמאַקן־מרידות. דאָס לאַנד האָט מיט פילע יאָרן צוריק פאַרלאָרן די זעלבסט־שטענדיגקייט, איז אַריינגענומען געוואָרן אין כּלל פון דער רוסלענדישער אימפּעריע און מגולגל געוואָרן אין אַ רייע פּשוטע רוסישע דרום־גובערניעס. אָבער ווען נאָר עס בּרעכט אין רוסלאַנד אויס אַ מאַסן פּאָגראָם־באַוועגונג קעגן יידן — קומט זי תּמיד פאָר אין „דרום רוסלאַנד“, דאָס הייסט גראָד אויף דער טעריטאָריע פון אוקראַינע. כּל זמן אין רוסלאַנד האָט געהערשט דער צאַרישער רעזשים, וואָס האָט אַליין ניוועלירט, כּל זמן דאָס גאַנצע לאַנד איז געלעגן אינם „שטיינערנעם חלשות“, ווי דער רוסישער שרייבּער גערצען האָט אַמאָל געשריבּן, — האָט מען ניט בּאַמערקט די דאָזיגע תּמידות אין פּאָגראָם־אויסבּרוכן אויף אוקראַינע. ווען די רעוואָלוציע אָבער האָט אין 1917 יאָר אויפגעוועקט דאָס לאַנד, האָט אַראָפּגעריסן פון איר אַלע וויקעלאַך און ס'האָט זיך אָנגעהויבּן די דיפערענציאַציע פון דער רוסלענדישער אימפּעריע און די אויסטיילונג פון אירע נאַציאָנאַלע געגנטן, אוקראַינע אויך בּתוכם, איז קלאָר און בּאַ־מערקבּאַר געוואָרן די דאָזיגע ערשיינונג. יידן האָבּן געהאַט גרויסע ישובים אין ליטע, אין ווייס־רוסלאַנד, טיילווייז אויך אין לאַטוויע און אין איינינע פּונקטן פון צענטראַל־רוסלאַנד (די מלחמה־„בּעזשענצעס“), — אָבער תּמיד פלעגן מאַסן־הריגות אויף יידן פאָרקומען גראָד אין אוקראַינע. דער דאָזיגער פאַקט איז געווען אַ בּאַלערנדער היסטאָ־רישער מופת.

אין אָנהויבּ פון די 80־גער יאָרן האָבּן אין רוסלאַנד אויסגעבּראָכן די ערשטע מאַסן־פּאָגראָמן, וועלכע האָבּן זיך געצויגן כּמעט דריי יאָר. דער ערשטער פּאָגראָם איז געווען אין יעליסאַוועטגראַד (דעם 15־טן אַפּריל 1881). די בּאַוועגונג האָט נאָכ־דעם אַרומגעכאַפּט כערסאָנער, קיעווער, יעקאַטערינאָסלאַווער, טשערניגאָווער, וואָלינער, פּאָלטאַווער און פּאָדאָליער גובּערניעס, — אַרום און אַרום 150 פּונקטן. און די אַלע פּונקטן, מיט קליינע אויסנאַמען, געהערן צו די אוקראַינער גובּערניעס; נאָר אין קיעווער גובּערניע אַליין האָבּן געליטן 48 שטעט און שטעטלאַך. נאָך אַ הפסקה פון 23 יאָר זיינען, אין די אָקטאָבּער־טעג פון 1905, ווידער פאָרגעקומען מאַסן־פּאָגראָמען, וועלכע האָבּן דאָס מאָל אָנגענומען אַ פיל בּרייטערן און מוראדיגן כאַראַקטער. אין משך פון פיר־פינף טעג זיינען ניזוק געוואָרן 690 פּונקטן פון יידישן ישוב. קוקן מיר זיך צו צו דער געאָגראַפישער פאַרשפּרייטונג פון דער בּאַוועגונג, זעהען מיר די איינענע ערשיינונג — די הויפּט־טעריטאָריע פון די פּאָגראָמען איז ווידער אוקראַינע: נאָר אין טשערניגאָווער גובּערניע אַליין זיינען פאָרגעקומען 329, אין כערסאָנער — 82, אין פּאָלטאַווער — 52, יעקאַטערינאָסלאַווער און קיעווער — צו 41, אין פּאָדאָליער — 37, און אין בּעסאַראַבּער גובּערניע, וועלכע געפינט זיך אין שכנות מיט אוקראַינע — 71 פּאָגראָמען. אין פאַרגלייך מיט דעם איז די צאָל פּאָגראָמען אין אַנדערע גובּערניעס געווען אומבּאַדייטנד, און אין ליטע און פוילן, וואו דער יידישער ישוב איז

גרעסער ווי אין אוקראַינע, זיינען כמעט נאָר קיין פּאָגראָמען ניט געווען. אין די עקסצעסן פון די 80⸗גער יאָרן האָבן די פּויערן קיין אָנגעזעהענעם אָנטייל ניט גענומען. די הויפּט⸗ראָלע האָט געשפּילט דער שטאָטישער ערב⸗רב, וועלכער איז געווען אויפגעהעצט דורך דער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע און געפירט פון דער פּאָליצייאישער האַנט; דער דאָזיגער שטאָטישער ערב⸗רב פון די דרום⸗גובערניעס, און פון די גרעסערע שטעט ספּעציעל, איז אָפּט ניט לויטער אַן אוקראַינישער, — ער באַשטייט פון דעקלאַסירטע עלעמענטן, אָנגעקומענע פון די גרויס⸗רוסישע קאַנטן, און פון רוסיפיצירטע אָרטיגע „מעשטשאַנעס“. אין די אָקטאָבער⸗פּאָגראָמען פון 1905 אָבער איז שוין צוזאַמען מיט דעם שטאָטישן המון — און ערטערווייז אפילו פאַר אים — געגאַנגען דער אָרטיגער פּויער, דער אַלטער תּושב פון אוקראַינע. ווי שטאַרק ס'איז געווען דער אָנטייל פון די פּויערן אין די אָקטאָבער⸗פּאַסירונגען איז צו זעהען פון דעם, וואָס פון די 690 פּאָגראָמען זיינען 626 פּאָרגעקומען אין דערפער און „מעסטעטשקעס“. די האַנט פון דער רוסישער פּאָליציי האָט לייכט און אָהן גרויסע שוועריקייטן אויפגעהויבן קענען יידן דעם פּויער, דעם שטאָט⸗תּושב און דעם ערב⸗רב גראָד אין די גובערניעס פון אוקראַינע; אין אַנדערע קאַנטן, וואו יידן וואוינען, האָט זי עס אין אַזאַ מאָס ניט געקענט אויספירן.

די אוקראַינישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, אַלס אַ מאַסן⸗באַוועגונג, האָט נאָך אין יענע יאָרן אינגאַנצן געדרימלט, אָבער די סאָציאַלע באַוועגונג פונם אוקראַינישן דאָרף איז שוין געווען אין פולן גאַנג. דער אָנטייל פונם פאָלקס⸗עלעמענט אין דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע בכלל קען אייגנטליך דאַטירט ווערן פון זינט די מאַסן⸗אויפשטאַנדן פון די פּויערן פריהלינג 1902 אין פּאָלטאַווער און כאַרקאָווער גוב., דאָס הייסט אין אוקראַינע. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געווען אויסטערליש שטאַרק אין „דרום⸗רוסלאַנד“. דאָס אוקראַינישע דאָרף האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע סטיכישע רעוואָלוציאָנערע קראַפט. אין אירע סאָציאַל⸗פּאָליטישע קאָנוואולסיעס האָט זיך געפילט דער אָפּקלאַנג פון דער אַמאָליגער שטורמישער „זאַפּאָראָזשער סיטש“ און פונם פרייען קאָזאַקנטום, וואָס זיינען איצט אויפגעשטאַנען תּחית המתים.

אין דער ערשטער תּקופה פון דער רעוואָלוציאָנס⸗באַוועגונג, אין די יאָרן 1902⸗1907, האָט די פּויערן⸗באַוועגונג זיך ניט באַפלעקט מיט יידיש בלוט. פּאָגראָמען זיינען געווען דער סימן מובהק פון דער ר ע אַ ק צ י ע און פונם פּאָליצייאישן רעזשים. אָבער אין דער רעוואָלוציע פון 1917 און ווייטער האָט דער סטיכישער בונט אויפגעטרייסלט דאָס אוקראַינישע דאָרף ביזן תּהום, און אין דער אַטמאָספער פון צרייצטן בירגערקריג האָבן פלוצים אויסגעבראָכן מאַסן⸗הריגות און שחיטות אויף יידן.

דער רוסישער בונט האָט שטורמיש פאַרכאַפּט דעם פּויער פון אוקראַינע ניט נאָר דערפאַר, ווייל עס האָבן נאָך געלעבט אין אים די זכרונות פון אַמאָליגער זאַפּאָראָזשער קאָזאַקן⸗פרייהייט פון 16⸗18 יאָרהונדערטער, הגם דאָס האָט בלתי ספק אויך געשפּילט אומבאַוואוסטזיניג אַ גרויסע ראָלע, נאָר דער עיקר — ווייל עס האָבן געווירקט יענע שרעקליכע סאָציאַל⸗עקאָנאָמישע תּנאים, אין וועלכע דער פּויער פון אוק⸗

ראַינע האָט געלעבט ביז די לעצטע יאָרן. אין קיין קאַנט אין רוסלאַנד ווינען ניט געווען אַזעלכע גרויסע און רייכע פּריצישע מאַיאָנטקעס, ווי די אוקראַינישע גוטבאַזיצערישע „עקאָנאָמיעס" און „פּאָסעסיעס"—פון איין זייט, און פון דער צווייטער—איז אין ערגעץ ניט געווען אַזאַ דוחק אין ערד ביי די פּויערן, וועלכע האָבן אָפטמאָל קיין קלאַפטער ערד ניט געהאַט, ווי דאָ. דער קאָנטראַסט איז געווען צו שאַרף. לויט די ציפערן פון דער לאַנדווירטשאַפטליכער ציילונג פון יאָר 1916, האָט אין די אוקראַינער גובערניעס די פּריצים געהערט אַ פינפט-חלק פון דעם גאַנצן באַאַרבעטן ערד-שטח, בעת אין גאַנצן רוסלאַנד בכלל האָט זיי געהערט נאָר אַ צענט-חלק; דורכשניטליך פאַלט אויף יעדער פּריצישער ווירטשאַפט אין אוקראַינע 112 דעסיאַטין. דער פּועל יוצא איז געווען, אַז די רייכע אוקראַינישע גובערניעס, וועלכע האָבן מפרנס געווען רוסלאַנד און טיילווייז אייראָפּע, האָבן געגעבן אַ עודף פון פּויערשער באַפעלקערונג און אַ געוואַלדיגן פּראָצענט פון איבערוואַנדערער („פּערעסעלענצעס"). דער אוקראַינישער פּויער איז געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן זיין לאַנד און גיין זוכן פריי ערד אין די מרחקים — אין סיביר, אין מיטל-אַזיע, טיילווייז אין דאָנער געגנט, אין צפון-קאַווקאַז. לויט די ציפערן פון די „סטאַטיסטישע ידיעות וועגן לאַנדווירטשאַפט אין אייראָפּעאישן רוסלאַנד", איז אַ פערטל פון דער גאַנצער רוסלענדישער איבערוואַנדלונג אין די אַזיאַטישע פּראָווינצען פאַר די צוואַנציג יאָר פון 1885 ביז 1904 געקומען פון דריי אוקראַינער גובערניעס — פּאָלטאַווער, טשערניגאָווער און כאַרקאָווער, וועלכע האָבן אַזוי אַרום פאַרלאָרן כמעט 5 פון יעדע 1000 נפשות פון דער דאָרפס-באַפעלקערונג, בעת דער אָנהער בכלל פאַר רוסלאַנד דערגרייכט נאָר ביז 1,4 אויף 1000 נפשות. אַ קלענערע איבערוואַנדערונג, הגם אויך זעהר אַ באַדייטנדע, איז אָנגעגאַנגען פונם רעכטן ברעג דניעפּר. די רעוואָלוציע האָט דעם דאָזיגן שאַרפן ערד-הונגער באַפרידיגט. נאָר גלייך נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער, סכנות-פולער הונגער אין סהורות.

די פאָרשער פון אוקראַינישן לעבן ווייזן אָן נאָך אויף אַ וויכטיגער ערשיינונג, וועלכע האָט בלי ספק געשפּילט אַ ראָלע, אַלס אַ כח אין די גרויסע רציחות פאַר די לעצטע יאָרן — אויף דער שטאַרקער קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט פון אוקראַינישן פּויער. די סטאַטיסטיק באַווייזט, אַז די אוקראַינער גובערניעס ציילן פיל מער אַנאַלפאַבעטן, ווי די אַלגעמיינע באַפעלקערונג אין רוסלאַנד [1]). לויט די ציפערן פון דער פאָלקס-ציילונג פון 1897 איז דער דורכשניטליכער פּראָצענט פון די, וואָס קענען לעזן און שרייבן, ביי דער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד בכלל — 23,3, אין אייניגע גרויס-רוסישע גובערניעס דערגרייכט דער פּראָצענט אפילו ביז 36,1, בעת אין די אוקראַינער גובערניעס איז דער פּראָצענט ניט העכער פון 16,4 (טשערניגאָווער גוב.), פאַלט ביז 10,5 (פּאָדאָליע) און 9,4 (וואָלין) און אין אייניגע געגנטן נאָך נידעריגער —

[1]) זעה, צום ביישפּיל, דעם זאַמלבוך «Украинскій вопросъ», 3-טע אויפלאַגע, זייטע 154. דעם זאַמלבוך האָבן אַרויסגעגעבן די אוקראַינישע טוער אין צייט פון דער מלחמה אויף רוסיש.

ביז 6,3 (אָזרוטשער אויעזד). כאַראַקטעריסטיש דערביי איז, אַז די לעצטע צוויי גובערניעס, די אָפּגעשטאַנענסטע, געהערן צום ר ע כ ט ן ב ר ע ג דניעפּר. די אָפּגעשטאַנענקייט פון דער אוקראַינישער באַפעלקערונג, ווי עס ווייזן מיט פולער רעכט אָן די אוקראַינישע פאָרשער, איז אין אַ גרויסער מאָס דער רעזולטאַט פון דער לאַנגיאָריגער צאַרישער פּאָליטיק, דער פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, וועלכע האָט ניט ערלויבט דער אָרטיגער באַפעלקערונג קיין שול אויף דער מוטער-שפּראַך און האָט אומברחמנותדיג פאַרפאָלגט דעם מינדסטן שיין פון נאַציאָנאַלער קולטור. ביז פעברואַר 1905 יאָר איז געווען שטרענג פאַרבאָטן אפילו די אוקראַינישע איבערזעצונג פון י ע ו ו אַ נ ג ע ל י ו ם! פון דער דאָזיגער פּאָליטיק האָט מער פאַר אַלעמען געליטן דאָס דאָרף, וואָס האָט זיך ניט אונטערגעגעבן דער ווירקונג פון רוסיפיקאַציע.

צי האָט אין די רציחות פונם אוקראַינישן דאָרף קענן יידן געווירקט, הויפּטזאַכליך, דער היסטאָרישער מאָמענט — דער „זכרון פון בלוט“ וועגן די צייטן פון כמעלניצקי און קריוואָנאָס, פון גאָנטע און אומאַנער שחיטה, אָדער די סבות ליגן אויסשליסליך אין די סאָציאַל-עקאָנאָמישע אומשטאַנדן פון דער היינטיגער אוקראַינע, און ראשית כּל אין דעם ברענענדיגן האַס, וואָס דאָס דאָרף טראָגט אויף דער שטאָט, וואו די הויפּט ראָלע אין מסחר שפּילן די יידן? כּדי צו ענטפערן אויף דער פראַגע מיט אַ פולער באַשטימטקייט, דאַרף מען האָבן אַ געוויסע פּערספּעקטיוו, דערווייטערן זיך מער פון אונזער עפּאָכע פון רעוואָלוציאָנערע שטורמען און פּאָליטישע ערבוביות. די דאָזיגע שטורמען גייען נאָך אָבער אָן, די תקופה האָט נאָך ניט געשלאָסן איר קרייז, און מיר אַליין זיינען נאָך אָנטיילנעמער אין דער אַנדרלמוסיה, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט. מיר שטייען צו נאָהענט צו די לויפנדיגע געשעהענישן. ביי אַזאַ לאַגע זיינען ניט מעגלאַך שטרענגע און פּינקטליכע דעפיניציעס. אויף וויפיל אָבער מען קען אורטיילן לויט דער גרויסער צאָל פאַקטן, וואָס זיינען איצט געזאַמלט געוואָרן, האָבן די עקאָנאָמישע מאָטיוון געשפּילט זעהר אַ גרויסע ראָלע אין דער פּסיכאָלאָגיע פון פּויער אין זיין אַקטיוון האַס קעגן יידן. דאָס לעבן, די מענשליכע באַדערפנישן און דער לעבנס-שטייגער זיינען געוואָרן פּרימיטיוו, ווי נאָר אין די אוראַלטע צייטן, כּמעט ווי טויזנטער יאָרן צוריק. די מלחמה און די רעוואָלוציע האָבן געשאַפן אַזאַ הונגער אין סחורות — דער עיקר ביים דאָרף, — וועלכן מיר געפינען זעלטן אין דער געשיכטע. זאַלץ, נאַפט, צוקער, מאַנופאַקטור, צוועקעס און אין אָנהויב אויך קליין-געלט, מיניץ, עלעמענטאַרע לעבנס-נויטיגע זאַכן, זיינען געוואָרן אַ יקר-המציאות. דאָס ביסל סחורות, וואָס די שטאָט און שטעטל האָבן פאַרמאָגט, האָט זיך געפונען אין די הענט ביים אַלטן הענדלער און קרעמער פון אוקראַינע — ביים יידן. אין צייט פון מלחמה איז אַנאַרכיע נעמט דער האַנדל אָן דעם כאַראַקטער פון ספּעקולאַציע. די מלחמה און רעוואָלוציע האָבן אונטערגעריסן אַלע פריערדיגע יסודות פון סאָציאַלער מאָראַל און אויפגעוועקט די חיה ביים מענשן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אַז אַלץ איז ערלויבט. אָט די אַלע סבות צוזאַמען האָבן געווירקט, אַז דער נעיג פון פּויער אין שטאָט נאָך מאַנופאַקטור אָדער זאַלץ איז פאַקטיש געוואָרן צוערשט אַ געיעג נאָך יידישע סחורות

און יידישן האָב־און־גוטס, — און פּלוצים און אומגעריכט אַ נײַעם נאָכן יידישן נפש, נאָך יידיש בלוט. די דאָזיגע געפילן זיינען אין דעם מוזשיצקן מוח פאַרשאַרפט געוואָרן דורך דער פּראָפּאַגאַנדע פון פּרימיטיווזן בירגער־קריג, פון איין זייט, און דורך דער פּראָ־פּאַגאַנדע פון נאַציאָנאַלן שאָוויניזם — פון דער צווייטער.

די פּיינטלעכע באַציהונג פון דאָרף צו שטאָט נעמט דאָ פּאַקטיש אָן אַ כאַראַקטער פון נאַציאָנאַלן קאַמף דערפאַר, וואָס די שטעט אין אוקראַינע זיינען אין אַ געוויסער מאָס ניט־אוקראַאינישע, וואָס די שטאָט־בורזשואַזיע איז מערסטנטייל אַ יידישע אָדער אַ רוסישע. „די געשיכטע האָט אונז קיין בורזשואַזיע ניט געגעבן", שרייבט דער באַ־וואוסטער אוקראַינישער שרייבער און פּאָליטישער טוער וו. ווינישענקאָ אין זיין גע־שיכטע פון רעוואָלוציע אין אוקראַינע. „די הערשנדע קלאַסן אין אוקראַינע — זיינען ניט אוקראַינער". „היינט צו טאָג עקזיסטירט ניט אין אוקראַינע אַ בורזשואַזיע, וועלכע זאָל זיך האַלטן פאַר אַ אוקראַינישער" — אַזוי האָט אויך געשריבן די דעפּוטאַציע פון צענטראַלער ראַדע אין איר מעמאָראַנדום צו דער צייטווייליגער רעגירונג אין מאַי 1917. אין דער הנחה איז פאַראַן אַ געוויסע גוזמא, ווייל עס ווערט ניט גענומען אין אַכט יענע שטאַרקע ד אָ ר פ ס־בורזשואַזיע, וועלכע דאָס אוקראַינישע פויערטום האָט אויגעטיילט: די מיטעלע „כליבאָראָבן", וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין „אוקראַינישער דע־מאָקראַטישער כליבאָראָבן־פּאַרטיי" און האָבן אין אַפּריל־מאַי 1918 גענומען אַזאַ אַקטיוון אָנטייל אין שאַפן די „העטמאַנישע אוקראַינישע מלוכה" צוזאַמען מיט די רייכע פּריצים פונם „אַלאוקראַינישן פאַרבאַנד פון ערדבאַזיצער", און אויך יענע ריין־אוקראַינישע „קורקולן" (דאָרף־תקיפים), קעגן וועלכע די אַגיטאַטאָרן פון בירגער־קריג האָבן געוואָלט אויפהויבן די אָרעמע און מיטעלע פּויערן אין די לעצטע יאָרן. אָבער בנוגע צו די שטעט און שטעטלאַך איז ווינישענקאָס הנחה אַ ריכטיגע. אין דעם מסחר־לעבן, באַזונדערס אינם קליין־ און מיטל־האַנדל, וואו דער קויפער, דער פּויער, און דער פאַרקויפער, דער שטאָט־איינוואוינער, באַגעגנען זיך האַרט איינער מיטן צווייטן — הערשן די יידן. די שטעט און באַזונדערס די „מעסטעטשקעס" געפינען זיך אין אוקראַינע מערסטנטייל אין יידישע הענט, און ספּעציעל אין יענע גובערניעס, וואָס ליגן פון רעכטן ברעג דניעפּר. די ציפערן פון דער פאָלקס־ציילונג פון יאָר 1897 באַווייזן — און די פּראָפּאָרציעס גילטן אויך פאַר די לעצטע יאָרן, — אַז אין די דאָ־זיגע גובערניעס — קיעווער, פּאָדאָליער, וואָלינער, טיילווייז כערסאָנער איז דער דורכ־שניטלעכער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גובערניע, אַריינרעכענענדיג אויך די דערפער, — 12־13. אין די ש ט ע ט אָבער דערגרייכט די יידישע באַפעל־קערונג: אין קיעווער און כערסאָנער גובערניע — ביז 31 פּראָצענט, אין פּאָדאָליער — ביז 41 און אין וואָלינער — ביז 51. אין באַזונדערע שטעט און קלענערע „מעס־טעטשקעס" איז דער פּראָצענט באַדייטנד העכער. עס זיינען פאַראַן פּונקטן, וואו יידן בילדן ביז 90־95 און עס טרעפט אפילו, אַז כמעט 100 פּראָצענט פון דער נאָרער באַפעלקערונג. עס איז וויכטיג אָנווייזן אויפן פּראָצענט יידן אין יענע פּונקטן, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די שרעקלעכסטע פּאָגראָמען און שחיטות. אַזוי,

צום בײשפּיל, אין װאָלינער גובערניע: אין גריצעװ, װאו ס'איז פאָרגעקומען אײנער פון די ערשטע פּאָגראָמען, אין סעפּטעמבער 1917, בילדן די יידן 98 פּראָצענט; אין קאַמען-קאַשירסק, װאו בולאַק-בולאַכאָװיטש האָט הערבסט 1920 געמאַכט אַ שחיטה, בילדן יידן 99 פּראָצענט; אין זשיטאָמיר בילדן יידן ביז 47 פּראָצענט. אין קיעװער גובערניע: אין באַרדיטשעװ — 78 פּראָצענט יידן; אין ראַדאָמיסל, װעלכער האָט איבערגעלעבט אַ גאַנצע רײע פּאָגראָמען, — 69 פּראָצענט; אין אומאַן — 58 פּראָצענט; אין פּאַסטאָװ, װאו די „דעניקינצעס“ האָבן געמאַכט די באַװאוסטע שחיטה, — 52 פּראָצענט; אין איגנאַטאָװקע — אַ שטעטל, װאָס איז כמעט נעהען אָפּגעמעקט פון דער װעלט, 84 פּראָצענט; אין טעטיעװ, װאָס איז באַװאוסט מיט זײן שחיטה אין מערץ 1920, — איז 95 פּראָצענט יידן. אין פּאָדאָליער גובערניע: אין פּראָסקוראָװ — 49 פּראָצענט יידן; אין בערשאַד — 85 פּראָצענט, אין טראָסטיאַנעץ — 55 פּראָצענט, אין פעלשטין — 95 פּראָצענט; דאָס זײנען אַלץ פּונקטן, װאָס האָבן איבערגעלעבט שרעקליכע פּאָגראָמען און אײניגע (װי טראָסטיאַנעץ און פעלשטיין) — מאַסן-שחיטות. אַזאַ גרױסן אָרט פאַרנעמט אין שטאָט די יידישע באַפעלקערונג.

פון דער צװײטער זײט, פילט זיך דאָס דאָרף אין אוקראַינע זעהר שטאַרק און פאַרנעמט דעם װיכטיגסטן אָרט אין דער עקאָנאָמישער סיסטעם פון לאַנד. אוקראַינע איז דער אמתער פױערן-קאַנט אין אײראָפּע. לױט דער נײסטער פאָלקס-צײלונג פון די יאָרן 1921—1920, געפינען זיך אין די 12 איצטיגע אוקראַינישע גובערניעס ביז 26 מיליאָן אײנװאוינער, פון זײ װאוינען אין די דערפער איבער 21 מיליאָן[1]. נאָר אויב מיר זאָלן ניט אַרײננעמען אין חשבון די פיר גרעסטע שטעט — אַדעס, קיעװ, כאַרקאָװ און יעקאַטערינאָסלאַװ, װעלכע פאַרמאָגן אַלײן כמעט 1,300,000 אײנװאוינער, אין אויך דעם טײל דאָנעצער קױלן-געגענט, װעלכער װערט איצט צוגערעכנט צו אוקראַינע, װעט דער פױערשער כאַראַקטער פון דעם קאַנט זײן נאָך בולטער. אָט־אָ דאָ, אין דער „מושיקן-מלוכה“, האָט זיך אין די יאָרן פון רעװאָלוציע צעשפּילט דער גרױסער בונט, װעלכער איז תחילת נעגאַנגען אונטערן צײכן פונם צעשטערנדן „באָלשעװיזם“. און װען דאָס אוקראַינישע דאָרף האָט ניט געװאָלט אָנערקענען די קאָמוניסטישע פּאָליטיק און די צװאַנגס-מאַכט פון מאָסקװער סאָװעט-רעגירונג און איז אַרױס אין אַ עקשנותדיגן באַװאָפנטן קאַמף, דורך איהרע „פּאָװסטאַנצעס“ און „פּאַרטיזאַנער“, קעגן דער ראַטן-מאַכט, האָט זי זיך מיט איר גאַנצן כעס אַרױפגעװאָרפן פריער פאַר אַלץ אויף דער יידישער שטאָט און שטעטל, װאו די הױפּט-ראָלע האָבן געשפּילט די יידן. יידן בילדן ניט נאָר אַ באַדײטנדן, נאָר אויך זעהר אַן אַקטיװן עלעמענט פון שטאָט און זײנען מער, װי אַנדערע טײלן פון באַפעלקערונג, געװען אַרײנגעצױגן אינם פּאָליטישן און רעװאָלוציאָנערן לעבן און האָבן אויך פאַרנומען אַ װיכטיגן אָרט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ און אינם ראַטן-אַפּאַראַט. יידן-קאָמוניסטן פלעגן

[1]) זעה כ. ראַקאָװסקיס אַרטיקל „די ראַטן-אוקראַינע אין יאָר 1921“, אין מאָסקװער „איזװעסטיע“ פונם 6-טן יאַנואַר 1922, װעגן די רעזולטאַטן פון דער פאָלקס-צײלונג.

אָפט שטיין אויף די אָנגעזעהענסטע פּאָסטנס און ענערגיש דורכפירן די „מאָסקווער" פּאָליטיק. די ראַטן=מאַכט האָט דאָ אומבארחמנותדיגער ווי אומעטום דורכגעפירט איר פּראָגראַם און מיט דעם גרעסטן אימפּעט געשטופּט דעם קאַנט צו בירגער=קריג, באַזונדערס אין דאָרף, און דערביי האָט זי לגמרי איגנאָרירט די קאָמפּליצירטע נאַציאָנאַלע קעגנזייטיגע באַציהונגען, וועלכע ס'עקזיסטירן אין אוקראַינע, און די אומפאַרמיידליכע פּאָגראָם=אויסברוכן. די דאָזיגע פּאָליטיק פון אויפבלאָזן פייער אין אַ פולווער=לאַגער האָט געגעבן די געגנער פון דער ראַטן=מאַכט דעם אימפּולס צו פאַרגיסן טייכן אומשולדיג יידיש בלוט.

אָט דאָס זיינען געווען די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן אין אוקראַינע צום מאָמענט פון רעוואָלוציע. די פריאָריגע מלחמה האָט נאָך פאַר דעם צוגעגרייט אַלע עלעמענטן פונם אויסברוך און דער אַנאַרכיע אין לאַנד און אין דאָרף באַזונדערס; זי האָט אויך צוגעגרייט יענע מאָראַלישע ירידה, וועלכע האָט מעגליך געמאַכט די מאַסן=פאַרברעכנס פון די לעצטע יאָרן. די רעוואָלוציע, וועלכע איז געקומען אַלס ענטפער אויף דער מלחמה, איז ניט געווען בכח אָפּצושטעלן די דאָזיגע פּראָצעסן פון צעפאַלנקייט און אַנאַרכיע און פאַרשיטן די תהומען. זי האָט, פאַרקערט, די דאָזיגע פּראָצעסן נאָך מער פאַרשאַרפט און אויפגעדעקט. די מלחמה האָט אויסגעלערנט מיליאָנען מענשן טעכניש באַגיין זיך מיט כלי=זין און האָט קרענקליך מיליטאַריזירט די פּסיכאָלאָגיע אַרום. מענשן זיינען אַריין אין אַ סביבה פון „אינטימער באַציהונג צו קאַנאָנען" און כלי=זין, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזוי געפערליך. בעת דער וועלט=מלחמה זיינען אויפן גורל פון אוקראַינע אויסגעפאַלן צוויי וויכטיגע פראָנטן — דער דרום=מערבדיגער און רומענישער. און אַז די וועלט=מלחמה האָט זיך געענדיגט, האָט אויסגעבראָכן נאָך אַ מער געפערליכע *אינעווייניגסטע* מלחמה, אַ ברידערליכער קאַמף, אַ מלחמה אין יעדער ישוב, אויף יעדער גאַס, אַ עקשנותדיגער און אומבארחמנותדיגער בירגער=קריג. די אידעאָלאָגיע פון קריג, פון תכסיסי מלחמה, פון מיליטערישע מעטאָדן, די מאָראַל פון פראָנטן, פון אַטאַקעס, פון „וועלפישע גריבער" און פון באַלאַגערונגס צושטאַנדן האָבן ווי פריהער געהאַט אַ געוואַלדיגע שליטה אין לעבן, הגם די וועלט=מלחמה האָט זיך שוין לאַנג פאַרענדיגט. די מלחמה און רעוואָלוציע האָבן דער אוקראַינישער באַפעלקערונג געגעבן אין האַנט געווער מער ווי אין אַלע אַנדערע געגנטן. דער פויער פון אוקראַינע, זיינע זין — דער סאָלדאַט, דער דעזערטיר, דער פאַרטיזאַן — האָבן מיט זיך פון די אויסערליכע און אינערליכע פראָנטן געבראַכט צוטראָגן אין דאָרף אַ שלל מיט כלי=זין, וואָס פלעגט פאַרגראָבן ווערן ביז אַ צייט אין דר'ערד. און דעריבער טראָגן אין אוקראַינע אַלע בירגער=צוזאַמענשטויסן און כמעט אַלע פּאָגראָם=עקסצעסן אַ באַוואָפנטן און, געוויינליך, אַ בלוטיגן כאַראַקטער.

עס איז געווען נאָך איין כח, וועלכער האָט געשפּילט ניט די לעצטע ראָלע, אַלס עלעמענט פון פּאָגראָם=פּסיכאָלאָגיע, דאָס איז — די גרויסע פאַרשפּרייטונג פון *אַוואַנטיוריזם*, וואָס איז בכלל כאַראַקטעריסטיש פאַר די לעצטע יאָרן אין דער וואַקלדיגער אייראָפּע און וואָס האָט אין אוקראַינע אָנגענומען זעהר אַ ברייטע,

כֿמעט פֿאַטאַלאָגישע פֿאָרם. די היסטאָרישע אוקראַינע איז גוט באַקאַנט מיט דער ערשיינונג נאָך פֿון דעם 16-טן און 17-טן יאָרהונדערט. דער אַוואַנטיוריזם איז אייגנטליך געווען דער פֿאָטער פֿון קאָזאַקנטום. די קאָזאַקן פֿון „זאַפּאָראָזשער סיטש“, בראַש מיט זייערע אַטאַמאַנען, פֿלעגן זיך אַוועקלאָזן אין „מלחמת מצוה“ מיט די אַנדערשגלויביגע, טאָטערן און טערקן, צוליב נצחון פֿון קרייץ איבער דער האַלב-לבֿנה. אָבער די אמתע טרייב-קראַפֿט פֿון די דאָזיגע מלחמות איז געווען די שטרעבונג צו געכער עשירות און צו גזלה: די רויבערייען פֿלעגן אַריינברענגען אַ רייכן רכוש. אויף דעם דאָזיגן מהות פֿון אַמאָליגן קאָזאַקנטום ווייזן אָן אויך די אוקראַינישע היסטאָריקער [1]). אַזאַ אַוואַנטיוריזם איז געווען שטאַרק פֿאַרשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע נאָך פֿון דער צייט פֿון די קרייץ-צוגן און האָט אין תּוך געהאַט די זעלביגע מאָטיוון. אין דער איצטיגער אוקראַינע האָט אויפֿגעלעבט דער קאָזאַקישער אַוואַנטיוריזם פֿון 17-טן יאָרהונדערט מיט אַ נייער קראַפֿט, עס האָבן זיך באַוויזן מחנות קאָנדאָטיערן פֿון דער רעוואָלוציע, פֿאַנאַטיקער פֿון מאָדערנעם קרייץ-צוג. און דער אָביעקט פֿון די קרייץ-צוגן איז געוואָרן — דאָס יידישע שטעטל.

אַלס פּועל יוצא פֿון די אַלע סבות איז אוקראַינע מגולגל געוואָרן אין אַ פֿלאַץ פֿון צערייסטע, באַזונדערע, בלוטיגע צוזאַמענשטויסן, פֿון אומאויפֿהעריגע פּאָליטישע איבערקערענישן און מאַכט-ענדערונגען. די צאָל מאַכטן, וואָס בייטן זיך יעדער רגע אין אוקראַינע, האָט נישט אין דער געשיכטע קיין ביישפּיל. אזוי, האָט קיעוו פֿון דער פֿעבּרואַר-רעוואָלוציע אָן ביז 1921 יאָר איבערגעלעבט 14-15 פּאָליטישע איבערקערענישן, כּמעט אַלע באַוואָפֿנטע. אומאַן האָט זיי, למשל, איבערגעלעבט ביז 25. אין אַ פֿולע קליינע פּונקטן איז די צאָל נאָך גרעסער. אויף דעם דאָזיגן וואַקלדיגן שיף, אין דער אַטמאָספֿער פֿון סטיכישער אַנאַרכיע, זיינען מעגליך געוואָרן די מאַסן-פֿאַרברעכנס פֿון די פּאָגראָמען.

שילדערנדיג אין זיין ראָמאַן „מיט פֿייער און שווערד“ אַ תּקופֿה פֿון אוקראַינע, וואָס איז אין אַ פֿולע הינזיכטן ענליך צו דעם, וואָס דער קאַנט לעבט איצט איבער, — די תּקופֿה פֿון כמעלניטשינע און די ווייטערדיגע מלחמות, האָט דער פּוילישער ראָמאַניסט סענקעוויטש געגעבן אַזאַ בילד פֿון יענער מהומה אין לאַנד: „אַ שרעקליכע שׂרפֿה איבער גאַנץ אוקראַינע: שחיטות, הריגות — דאָס אַלץ איז אַזוי אומערוואַרטעט געקומען, אַז קיינער האָט נישט געוואָלט גלויבן, אַז אַזוי פֿיל צרות זאָלן באַפֿאַלן אַ מדינה... אַלע געזעלשאַפֿטליכע קשרים, מענשליכע און קרובישע פֿאַרבינדונגען זיינען צעריסן געוואָרן. די מאַכט איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן, און מען האָט קיין חילוק צווישן מענשן נישט געזעהען. אַזוי ווי דער גיהנום וואָלט פֿון דער קייט אַראָפּגעלאָזט אַל-דאָס-בייז און עס געשיקט הוליען איבער דער וועלט... עס האָבן געברענט שטעט, דערפֿער, שטעטלאַך, פּאָסעסיעס און וועלדער... טויזנטער מענשן זיינען אומגעקומען אהן אַ זכר און אָהן אַ גואל“.

---

[1]) זעה Н. Василенко, «Очерки по исторіи Западной Руси и Украины», Кіев, 1916.

בעת מיר כאַראַקטעריזירן דאָ די פּאָגראָם־כּחות אין אוקראַינע, לאָזן מיר מיט אַ כּיון אָן אַ זייט יענעם מין פּאָגראָמען, וואָס די רוסישע „פרייווילינע אַרמיי" — די אַזוי גערופענע „דעניקינצעס" — האָבן געמאַכט, אין צווייטער העלפט פון 1919. די שרעקליכע פּאָגראָמען מצד די „דעניקינצעס", וואָס האָבן אין אַ סך הינזיכטן איבערגעשטיגן די אכזריות פון די אוקראַינישע מיליטער־טיילן און אַפילו פון די פויערן־פּאָוסטאַנצעס, זיינען אַ דבר בפני עצמם, פאָדערן אַ באַזונדער אויספאָרשונג, און זיי וועלן באַשריבן ווערן אין אַ ספּעציעלן באַנד. די „דעניקינישע" פּאָגראָמען האָט געמאַכט אַ עלעמענט אַ פרעמדער אין אוקראַינע, אַ פאַרביטערטער שונא פון דער אוקראַינישער און פויערן־אויפשטאַנד באַוועגונג. אונז אָבער, אין די דאָזיגע ערשטע ביכער, אינטערעסירט די אידעאָלאָגיע און געשיכטע פון די פּאָגראָמען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן מצד דעם אוקראַיִנישן עלעמענט אין לאַנד.

---

הגם מיר גיבן אָפּ די פּאָגראָמען פון 1918־1917 אַ ספּעציעלן באַנד, נאָר מיט דעם מיינען מיר ניט צו שטעלן די דאָזיגע יאָרן אויף איין גלייכן מיט דעם שרעקליכן 1919 יאָר. צווישן זיי איז געווים דאָ זעהר אַ גרויסער חלוק. אין 1917 יאָר אָבער און באַזונדערס אין 1918 זיינען צוערשט, בזעיר אנפּין געגעבן געוואָרן יענע פּאָגראָמען, וועלכע האָבן אין די קומענדיגע יאָרן אָנגענומען אַ מאַסן־פאָרם, אַן עפּידעמישן און מוראדינן כאַראַקטער. אין די צייטן פון צענטראַלער ראַדע און העטמאַן האָט זיך אויך אָנגעהויבן אויסבילדן יענע סאָציאַל־פּאָליטישע אידעאָלאָגיע, ביי וועלכער דער ווייטערדיגער פּאָגראָם־אויפריים איז מעגליך געוואָרן. דעריבער איז אַזוי וויכטיג צו שטודירן דעם דאָזיגן פּעריאָד.

ער הויבט זיך אָן מיט סאָלדאַטסקע און „שכּורע פּאָגראָמען" אין דער פאָרם פון עקסצעסן און רויבערייען, זעלטן מיט מענשליכע קרבּנות, אַלס רעזולטאַט פון צעפאַלונג פון דער רוסישער אַרמיי, פון דער דעזערטירן־עפּידעמיע, פון דער סטיכישער דעמאָביליזאַציע אויף איינעם פון די גרעסטע מלחמה־פראָנטן און דער צערויבונג פון ספּירט־סקלאַדן אויפן וועג. אין די רויבערייען האָבן אָנטייל גענומען ניט נאָר סאָלדאַטן, נאָר אויך די פויערן. ווען די דאָזיגע כוואַליע ווערט רוהיגער, הויבט זיך אָן אַ נייע שורה פּאָגראָמען אין פאַרבינדונג מיט דער מלחמה צווישן די אוקראַינער און די באָלשעוויקעס. אויף דער סצענע טרעט אַרויס אַ נייער אָנטיילנעמער פון עקסצעסן — די אוקראַינישע נאַציאָנאַלע אַרמיי. די הערשאַפט פון העטמאַן, די אָקופּאַציע פון די דייטשן און די פּאָליטיק פון רעסטאַווראַציע רופט אַרויס זומער 1918 די אויפשטאַנד־באַוועגונג צווישן די פויערן, און באַגלייך מיט דעם הויבט זיך אָן אַ נייע שורה פון ווילדע פּאָגראָמען, וואָס די פויערים־פּאָוסטאַנצעס מאַכן.

אָט דאָס זיינען די ראשי פּרקים אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּאָגראָם־באַוועגונג אין אוקראַינע פאַר די דאָזיגע צוויי יאָר.

# I

די פּעברואַר־רעוואָלוציע; די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע. — די ערשטע פּרובן פון פּאָגראָמען. — די אַנאַרכיע. — דער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג פון אוקראַינע. — די „צענטראַלע ראַדע". — די אוקראַינישע תביעות און די רוסישע פּאַרטייען. — אַווטאָנאָמיע און פעדעראַציע. — דער אָנהויב פון קאָנפליקט צווישן פּעטראָגראַד און קיעוו. — דער ערשטער „אוניווערסאַל". — די ערשטע אוקראַינישע מיליטער־טיילן; די מיליטערישע צוזאַמענפאָרן. — דער הסכם צווישן פּעטראָגראַד און קיעוו. — אַ נייער קאָנפליקט. — די „סאַמאָסטיניקעס". — דער קאַמף צווישן דער באָלשעוויסטישער מאַכט און דער ראַדע; דער אולטימאַטום פון די באָלשעוויקעס און די מלחמה. — דריטער און פערטער „אוניווערסאַל"; די פּראָקלאַמירונג פון אוקראַינער אומאָפּהענגיקייט. — דער נצחון פון די באָלשעוויקעס און דער צעפאַל פון אוקראַינישן חיל.

די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע אין די אוקראַינישע גובערניעס האָט זיך אָנגעהויבן כמעט תיכף נאָך דער פּעברואַר־רעוואָלוציע. שוין אין מערץ־אַפּריל 1917 מערקט זיך אין אַ רייע שטעט אַ פּאָגראָם־שטימונג. ס'זיינען אפילו דאָ איינצלנע פּרובן פון עקסצעסן, עס באַווייזט זיך אַן אָפענע אַקטיווע שׂנאה צו דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס זיינען געווען די שפּראָצונגען פון יענע געפילן, וועלכע דער אַלטער רעזשים האָט אין משך פון פילע צענדליגער יאָרן איינגעפּלאַנצט אין די רוסישע בירגערליכע קרייזן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרשאַרפטער אַנאַרכיע, — מיט דעם שטאַרקן דוחק אין ערנערונגס־מיטלען, אין סחורות, מיט דעם וואַקסנדן יקרות, מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטישער נערוועזיטעט און מהומה אין לאַנד האָט די שטאָטישע קליינבירגערליכע מאַסע, נית זייענדיג ביכולת זיך אָריענטירן אין דער אַרומיגער לאַגע, אָנגעהויבן, לויטן אַלטן שטייגער, זוכן די שולד אינם יידן, אינם יידן — דעם סוחר, אינם יידן — דעם ספּעקולאַנט, אינם יידן — דעם רעוואָלוציאָנערן טוער, אינם יידן, וואָס האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען שטעלעס אין דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג אָדער מיליציע, אין די מיניסטעריומס אָדער קאָמיסאַריאַטן. בכלל, אינם יידן, וואָס האָט, לויט דער מיינונג פונם קריסטליכן קליינבירגער, מער פון אַלעמען געווינען פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט באַקומען אַלע רעכט, די גאַנצע מאַכט, וואָס באַזיצט אַלע אוצרות פון סחורות און ערנערונגס־פּראָדוקטן. אַן אַקטיווע ראָלע אין דער דאָזיגער אַגיטאַציע האָבן תחילת געשפּילט די שוואַרצמאהדיגע עלעמענטן, וואָס האָבן פאַרלאָרן דעם אַלטן באָדן אונטער די פיס און מיט כעס און שׂנאה צוגעזעהן די נייע אָרדנונג.

די ערשטע מעלדונגען װעגן אַנטיסעמיטישער העצע נאָך דער רעװאָלוציע זיינען געקומען פון קיעװער און פּאָלטאַװער גובערניעס. די דאָזיגע מעלדונגען זיינען ערשינען שוין אָנהויב מערץ אין די „ידיעות („איזװעסטיעס״) פונם פּאָלטאַװער ראַט פון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן״ (№ 7, 1917). די פּאָגראָם־אַרבעט פון די שװאַרצמאהדיגע עלעמענטן האָט צוגעצויגן צו זיך דעמאָלט די אויפמערקזאַמקייט פון װ. קאָראָלענקאָ, װעלכער איז אין דער אָרטיגער פּרעסע („פּאָלטאַװסקי דיען״) שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע [1]. אין קיעװער גובערניע האָט זיך אַן אַקטיװע אַגיטאַציע געפירט אין װאַסילקאָװ און באַזונדערס שטאַרק אין ברוסילאָװ. אין ברוסילאָװ איז אפילו — צום ערשטן מאָל נאָך דער רעװאָלוציע — געװען אַ פּרוב צו מאַכן אַ פּאָגראָם, עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן רויבערייען פון יידישע קלייטן, זיי זיינען אָבער אָפּגעשטעלט געװאָרן דורך דער מיליציע [2]. אָנהויב מאַי איז אין אַ פאַרװאָרפן װינקל פון קיעװער גובערניע, אין דאָרף סניעזשקי, נעבן סטאַװישטש, טאַראַשטשער אויעזד, געמאַכט געװאָרן אַ פּרוב פון אַן עלילת־דם: די פּויערן האָבן אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז איינע פון די אָרטיגע יידישע פרויען האָט צוליב ריטועלע צװעקן „אויסגעצאַפּט דאָס בלוט״ ביי אַ קריסטליך מיידעלע [3]. אין קיעװ גופא האָט זיך זעהר פריה אָנגעהויבן די פּאָגראָם־אַגיטאַציע, װעלכע האָט אַ באַזונדער שטאַרקן כאַראַקטער אָנגענומען צו מיטן יוני. סוף יוני האָט דאָ די יידישע באַפעלקערונג, באַזונדערס אויפן פּאָדאָל, איבערגעלעבט עטליכע אומרוהיגע טעג — מ׳האָט זיך געגרייט צו אַ פּאָגראָם: אַ המון איז אָנגעפאַלן אויף יידן, װאָס האָבן געפירט סחורות, און עטליכע יידן שטאַרק צעשלאָגן. דערביי האָט מען געשלאָגן אויך די יידישע מיליציאָנערן, װאָס האָבן זיך פאַר די באַפאַלענע איינגעשטעלט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אומרוהיגער פּאָגראָם־שטימונג אין שטאָט זיינען דעם 24 יוני צונויפגערופן געװאָרן דרינגענדע זיצונגען פון די אַלגעמיינע פּאַרטיי־קאָמיטעטן און געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס (ס. ר., ס. ד. און אוקראַינער ראַדע). די שטימונג, װאָס האָט געהערשט אין קיעװער ראַיאָן, האָט געבראַכט דערצו, אַז דער גענעראַל כאָדאָראָװיטש, קאָמאַנדיר פון קיעװער מיליטער־קרייז, האָט אָנהויב אַפּריל פאַרעפנטליכט אַ ספּעציעלן אויפרוף װעגן די ערװאַרטעטע פּאָגראָמען צו דער באַפעלקערונג. אין אויפרוף איז געזאָגט געװאָרן: „עס פאַרשפּרייטן זיך קלאַנגען װעגן דער מעגליכקייט פון יידישע פּאָגראָמען. ס׳װערן פונאַנדערגעשיקט ספּעציעלע פּראָקלאַמאַציעס, װאָס רופן צו פּאָגראָמען... איך בין מודיע, אַז ס׳װעט דערשטיקט װערן יעדער פּרוב צו שטערן די אָרדנונג דורך געװאַלדטאַטן און רויבערייען. אין פאַל, װען מיליטער װעט גערופן װערן צו קעמפן מיט די געװאַלדטאַטן, דאַרפן די אָנפירער פון די

---

1) זעה װ. קאָראָלענקעס איבערגעדרוקטע נאָטיץ אין „יעװר. נעדעליאַ״ (װאָכנבלאַט, פּעטראָגראַד), № 14-15, פונם 15־טן אַפּריל 1917.

2) „יעװרעיסקאַיאַ נעדעליאַ״, № 14-15, 1917.

3) דאָרט, № 24, פונם 18־טן יוני, כראָניק.

טיילן אָננעמען אַלע מיטלען, בכדי ניט צו דערלאָזן קיין גוואַלדטאַטן" [1]). קלאַנגען וועגן אַ מעגליכן פּאָגראָם האָבן זיך אַרומגעטראָגן אויך אינם אַנדערן נעסט פון דער אַמאָליגער שוואַרצמאהדיגער אַגיטאַציע — אין אַדעס. די אַגיטאַציע האָט זיך דאָ ווידער אָנגעהויבן באַלד נאָך דער רעוואָלוציע — אין מערץ. אין אַפּריל האָט דער אדעסער קאָמיסאַר פון דער צייטווייליגער רעגירונג, ל. וועליכאָוו, ערקלערט די פּרעסע-פאָרשטייער, אַז „די פּאָגראָם-סכּנה איז אויף אַ צייט באַזייטיגט, נאָר עקסצעסן זיינען ביי די נייע תּנאים אויף דעם דאָזיגן באָדן גאַנץ מעגליך" [2]). הגם ס'איז אין אדעס צו קיין עקסצעסן ניט געקומען, אָבער אַ פּאָגראָם-העצע האָט זיך דאָרט געפירט אין משך פון פילע חדשים, אָננעמענדיג צו הערבסט צו 1917 אַ גאַנץ געפערליכן כאַראַקטער. אַן אַגיטאַציע האָט זיך אויך געפירט אין אַ רייע פונקטן אין דרום, אין געגנט אַרום אדעס. צוליב דער פּאָגראָם-אויפרעגונג אין באַלטע (אין מערץ) האָט דער ראַט פון סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן אַהין אפילו געשיקט 100 סאָלדאַטן מיט קוילנוואַרפערס [3]). אַ פּרוב צו מאַכן אַ פּאָגראָם איז אַנטדעקט געוואָרן אין טיראַספּאָל: אויף אַ בוידעם פון אַ הויז האָט מען אינסצענירט אַ ריטואַלן מאָרד, און איבער דער שטאָט זיינען פונאַנדערגעקלעפּט געוואָרן בלעטלאַך, וואָס האָבן גערופן צו אַ פּאָגראָם [4]). וועגן אַ שטאַרקער שוואַרצמאהדיגער אַגיטאַציע איבער דעם יקרות און דוחק אין פּראָדוקטן האָט מען געמאָלדן פון אַ רייע ערטער: פון זשיטאָמיר, וואו אַ המון פרויען האָט געמאַכט אונטערזוכונגען פון פּראָדוקטען אין יידישע הייזער; פון יעליסאַוועטגראַד, וואו דער המון האָט געזוכט פּראָדוקטן און צוגראָבן אויפן יידישן בית-עלמין עטליכע צענדליגג קברים; פון אַלעקסאַנדראָווסק, יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, וואו דער המון איז אָנגעפאַלן אויף די יידישע קלייטן און זיי אָנגעהויבן ראַבירן. אין שטעטל קאַטעבורג, וואָלינער גובערניע, זיינען דעם 2 יוני פאָרגעקומען פּאָגראָם-עקסצעסן, וואָס האָבן געטראָגן לערך אויך אַזאַ כאַראַקטער. דער באַפולמעכטיגטער פון קאָמיטעט „קאָפּע" (קיעווער געזעלשאַפט צו העלפן דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געליטן פון דער מלחמה) שילדערט אַזוי די דאָזיגע געשעהענישן: „אין קרעמענצער אויעזד האָט זיך די לעצטע צייט געפירט אַן אַגיטאַציע קעגן די יידן-הענדלער. אַ באַזונדער אַקטיוון אָנטייל אין דער דאָזיגער העצע האָט גענומען אַ סאָלדאַט, וואָס איז געקומען אויף אורלויב קיין קאַטעבורג, איז אַרומגעפאָרן איבער די דערפער, געהאַלטן רעדעס און גערופן די פויערן זיך אָפּרעכנען מיט די יידישע הענדלער און צערויבן זייערע פאַרמעגנס און סחורות. דעם 2 יוני בעתן יריד אין קאַטעבורג האָט דער סאָלדאַט צונויפגענומען די פויערן און געהאַלטן אין איין טענהען מיט זיי, אַז נאָר די יידן זיינען שולדיג אינם יקרות". דער רעזולטאַט איז געווען, אַז עס זיינען צעראַבירט געוואָרן

[1]) דאָרט, 14-15 №, פונם 15-טן אַפּריל 1917.

[2]) דאָרט, 17 №, פונם 30-טן אַפּריל 1917.

[3]) דאָרט, 12—13 №, פונם 24-טן מערץ 1917.

[4]) דאָרט, 14—15 №, פונם 15-טן אַפּריל 1917.

די סחורות אין עטליכע יידישע קראָמען. פון קרעמענעץ זיינען אָבער תיכף אָנגעקומען פאָרשטייער פונם אַרמיי-ראַט, פונם אויספיר-קאָמיטעט און דער שעף פון מיליציע, און דער פאָגראָם איז אָפּגעשטעלט געוואָרן [1].

אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט פאַרדינען די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען פון כרוסטאַליאָוו-נאָסאַר, דעם געוועזענעם פאָרזיצער פונם ערשטן פעטערבורגער ראַט פון אַרבעטער-דעפּוטאַטן אין די אָקטאָבער-טעג, אין 1905, וועלכער איז געווען בשעתו זעהר פּאָפּולער. כרוסטאַליאָוו-נאָסאַר, וועלכער האָט זיך אין די לעצטע יאָרן אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון זיין פריערדיגן ראַדיקאַלן עבר, האָט נאָך דער רעוואָלוציע 1917 געגרינדעט ביי זיך אין שטאָט, אין פּערעיאַסלאַוו, פּאָלטאַווער גוב., די אַזוי גערופענע „פּערעיאַסלאַווער רעפּובליק", אין וועלכער ער האָט געפירט אַ אָפענע אַנטיסעמיטישע העצע, רופנדיג די פויערן צום קאַמף מיט די יידן [2].

די אַלע אומאָרדנונגען, רויבעריייען און אַנטיסעמיטישע עקסצעסן האָבן נאָך דעמאָלט ניט אַרויסגעבראַכט דעם אומרוהיגן געדאַנק, אַז עס גייט און קומט אַ פאָגראָם-באַוועגונג. גאַנץ רוסלאַנד האָט געלעבט אין אַ צאָרן-קאָנוואולסיע און אין אַ תהום פון אַנאַרכיע. די אַרמיי האָט געהאַלטן אין צעפאַלן ווערן. די סאָלדאַטן האָבן פאַרלאָזט די פראָנטן און זיך אַליין דעמאָביליזירט. דעזערטירן, וואָס האָבן אַרומגעבלאָנקעט איבערן לאַנד, האָבן געראַבירט שטעט און, באַזונדערס, שטעטלאַך. אין דאָרף האָט זיך דאָס פויערטום סטיכיש אויפגעהויבן און ראַבירט די פּריצישע גיטער, און אָפט אויך די שכנישע שטעט. אין די שטעט האָבן געווילדעוועט די גאַסן-„זעלבסטגעריכטן" („סאַמאָסודן"). די לייידנשאַפטן זיינען אין דער צעהיצטער פּאָליטישער אַטמאָספער געוואָרן אַלץ שאַרפער און שאַרפער. אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקליכע בירגער-מלחמה, און אין דאָזיגן קנויל פון קעגנזייטיגער שנאה און אַלגעמיין-רוסישער אַנאַרכיע איז ערגיץ וואו פאַרוויקלט געווען אויך דער אַנטיסימיטישער פאָגראָם-פאָדעם. נאָר גראָד אין אוקראַינע האָט זיך דער דאָזיגער פאָדעם גיך אַרויסגעוויקלט פונם אַלגעמיינעם קנויל, און איבערן האַלז פון דער יידישער באַפעלקערונג איז פאַרצויגן געוואָרן דער קניפּ פון פאָגראָמען.

---

די אַלגעמיינע פּאָליטישע אומאָרדנונגען, וואָס האָבן געהערשט אין רוסלאַנד, האָבן אין אוקראַינע געטראָגן אַ מער שאַרפן כאַראַקטער איבער די דאָרטיגע ספּעציעלע סבּות: אַ דאַנק דעם שווערן וועג פון איר זעלבסטבאַשטימונג, דעם שפּאַנונגס-פּראָצעס פון דער אויפגעוואַכטער אוקראַינע און די טיפע קאָנפליקטן, צו וועלכע דער פּראָצעס האָט געבראַכט. אַז אוקראַינע איז אין סאָציאַל-פּאָליטישן און קולטורעלן

---

[1]) אַרכיוו פון „קאָפּע", די מעלדונג פונם באַפולמעכטיגטן פון וואָלינער גוב., פונם 15-טן יוני 1917.

[2]) זעה וואָכנבלאַט „ראַזסוועט" (פּעטראָגראַד), 1 №, פונם 9 יולי 1917.

זין ניט געווען סתּם אַ געוואוינלִיכער טייל פֿונם לאַנד, ניט געווען פּשוט „דרום רוסלאַנד"
-- איז קלאָר געוואָרן תּיכּף נאָך דער פֿעברואַר=רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע האָט זיך
דאָ אַנטוויקלט גאַנץ אַנדערש, ווי אין די איבעריגע טיילן פֿון רוסלאַנד. אויף דער
אַרענע פֿון פּאָליטישן קאַמף איז אומערוואַרטעט אַרויפֿגעטראָטן אַ קראַפֿט, וואָס האָט
זיך אַרויסגעוויזן, אַלס זעהר אַ פֿעסטע און אַקטועלע — דער נאַציאָנאַל=
אוקראַינישער עלעמענט, און דער דאָזיגער נייער כּח האָט באַשטימט
דעם גורל פֿון די פּאָליטישע געשעהנישן אין געגנט. שוין אין מערץ הדש,
תּיכּף נאָך דער רעוואָלוציע, האָבן די אוקראַינישע פּאָליטישע טוער געגרינדעט אין
קיעוו אַ „צענטראַלע ראַדע" (ראַט), וואָס איז גיך געוואָרן דער רעוואָלוציאָנערער נאַ=
ציאָנאַלער פּאַרלאַמענט, צוזאַמענגעשטעלט פֿון פֿאָרשטייער פֿון די אוקראַינישע סאָ=
ציאַליסטישע פּאַרטייען אַלע שאַטירונגען, פֿון די פּויערן= און מיליטער=אָרגאַניזאַ=
ציעס, פֿון די קולטורעלע, פּראָפֿעסיאָנעלע און קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפֿטן און אָר=
טיגע „ראַדעס". גלייכצייטיג מיט די אַלגעמיינע פּאָליטישע לאָזונגען האָט די צענ=
טראַלע ראַדע אַרויסגעשטעלט נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען. תּחילת זיינען די נאַציאָנאַלע
לאָזונגען געווען מער וויינִיגער באַשיידן, — די ראַדע האָט נאָר געשטרעבט דערצו,
ס'זאָל אָנערקענט ווערן די אויטאָנאָמיע פֿון אוקראַינע, אָבער גלייכצייטיג האָט זי אויך
אַרויסגעשטעלט אַ פֿאָדערונג, וואָס איז ניי געווען פֿאַר די הערשנדע רוסישע פּאָליטישע
קרייזן, — וועגן דעם פֿעדעראַטיוון איבערבוי פֿון רוס=
לאַנד („די דערגרייכונג פֿון אַ ברייטער נאַציאָנאַלער און טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע
אין דער רוסישער פֿעדעראַטיווער רעפּובליק"). אויף דעם זעלבּיגן שטאַנדפּונקט האָט
זיך אין אַלגעמיין אויך געשטעלט דער אַלאוקראַינישער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס, וואָס
די ראַדע האָט צונויפֿגערופֿן אין קיעוו דעם 8=6 אַפּריל 1917. דער קאָנגרעס, אין וועלכן
ס'האָבן זיך באַטייליגט ביז 700 דעלעגאַטן, האָט אָנגענומען די ערשטע פּראַקטישע
טריט כּדי די אויטאָנאָמיע צו פֿאַרווירקליכן און האָט אָנערקענט „די נויטינקייט
תּיכּף צו אָרגאַניזירן אַ לאַנד=ראַט פֿון פֿאָרשטייער פֿון די אוקראַינישע
געגנטן, שטעט, נאַציאָנאַליטעטן און געזעלשאַפֿטליכע קרייזן". די ראַדע האָט זיך אויף
אַזאַ אופֿן אָנגעהויבן קאָנסטרואירן, אַלס אַן אָרטיגע נאַציאָנאַלע מאַכט. אין מאַי האָט
זי צום ערשטן מאָל פֿאָרמולירט אויף אַ קאָנקרעטן אופֿן אירע פֿאָדערונגען פֿאַר דער
רוסלענדישער צייטווייליגער רעגירונג: זי זאָל אָנערקענט ווערן, אַלס אַ געגנט=מאַכט
אינם שטח פֿון 12 גובערניעס, וואָס האָבן אַ אוקראַינישע באַפֿעלקערונג, און ס'זאָל
אויך תּיכּף ערלויבט ווערן — און ס'ווייזט אויס, אַז די פֿאָדערונג האָט זי געהאַלטן פֿאַר
אויסערסט וויכטיג — צו אָרגאַניזירן אין דער אַלגעמיין=רוסישער אַרמיי אויפֿן פֿראָנט
און אין פֿראָנט=רוקן באַזונדערע אוקראַינישע מיליטער=טיילן.

די רוסישע דעמאָקראַטיע, ווי די בורזשואַזע, אַזוי אויך די סאָציאַליסטישע,
האָט זיך אין די ערשטע חדשים פֿון דער רעוואָלוציע אָפּגעהאַלטן פֿון אָנגעמען אַ
פּאָזיטיווע שטעלונג בנוגע דעם פּרינציפּ פֿון אַ ברייטער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָ=
מיע. אייניגע פּאַרטייען האָבן זיך באַצויגן באַשטימט נעגאַטיוו צום דאָזיגן פּרינציפּ,

באַזונדערס צום געדאַנק וועגן אַ פעדעראַטיוון איבערבוי פון רוסלאַנד. בכל אופן, האָבן זיי די אַנטשיידונג פון אַט דער פראַגע אָפּגעלייגט ביז דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. אַ באַזונדער שאַרף־נעגאַטיווע שטעלונג צו די אוקראַינישע פאָדערונגען האָבן פון אָנהויב אָן אָנגענומען די אַלגעמיין־דעמאָקראַטישע און רעוואָלוציאָנערע אָרגאַנען, וואָס האָבן זיך געפונען אין קיעוו גופא און בראש פון וועלכע ס'זיינען געשטאַנען, אויסער רוסישע טוער, אויך ניט ווייניג יידן, וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין די אַלגעמיין־רוסישע פאַרטייען. אָנהויב אַפּריל, איידער מ'האָט צונויפגערופן דעם אוקראַינער נאַציאָנאַלן קאָנגרעס, האָבן די אָנפירער פון קיעווער אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַט און פון אַנדערע אַלגעמיין־רעוואָלוציאָנערע און דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס אויף אַ פאַראיינטער זיצונג געפאָדערט ביי די אוקראַינישע טוער אַ קלאָרן ענטפער וועגן זייערע „סעפאַראַטיסטישע טענדענצן“. פראָפעסאָר מ. גרושעווסקי, דער עלטער אוקראַינישער פירער, האָט אָנשטאָט אַן ענטפער געשטעלט די פאַרזאַמלטע אַ פילבאַדייטנדע פראַגע: „מיט וועמען זיינען מיר, אוקראַינער, זיך דאָ צונויפגעקומען — מיט פריינט, צי מיט פיינט?“ ער האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די באַשולדיגונג אין שטרעבן זיך אָפּצוטיילן פון רוסלאַנד [1]. און דער זעלביגער גרושעווסקי האָט כמעט אין דער איינער צייט געשריבן אין דער „נאָוואַ ראַדאַ“: „די פאַן פון דער ס אַ מ אָ ס ט י נ ע ר (זעלבסטשטענדיגער) א ו ק ר אַ י נ ע איז גרייט און זי וועט אָנהויבן פלאַטערן דעמאָלט, ווען די אַלרוסלענדישע צענטראַליסטן וועלן אַרויסרייסן פון אונזערע הענט די פאַן פון דער ברייטער אוקראַינער אויטאָנאָמיע אין דער פעדעראַטיווער און דעמאָקראַטישער רוסלענדישער רעפובליק“ [2]...

צווישן די אָנפירנדע פאָליטישע פאַרטייען אין פעטראָגראַד איז די שטימונג געווען ניט אַזאַ פאַרביסענע, ווי ביי די רוסישע פאַרטייען אין קיעוו, אָבער אויך דאָ איז מען ניט גוטה געווען נאָכצוגעבן די פאָדערונגען פון אַ באַלדיגער און ברייטער נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע. די מער פאַרעקשנטע פאָזיציע אין דער פראַגע האָט פאַרנומען די ליבעראַלע פאַרטיי, די קאַדעטן, וועלכע זיינען געווען און געבליבן שטרענגע אָנהענגער פון „שטאַאַטסאייניגקייט“ או געגנער פון יעדער נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע. וואָס איז נוגע צו די סאָציאַליסטישע פאַרטייען, פלעגן זיי טעאָרעטיש זעהר ברייט אָנערקענען די רעכט פון די נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג, זיי פלעגן אָבער אומבאַדינגט פאָדערן די סאַנקציע פון דער אַלרוסלענדישער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. אַזוי, האָט דער ערשטער אַלרוסלענדישער צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַטן אין פעטראָגראַד, אין יוני־יולי 1917, מיט וועלכן עס האָבן אָנגעפירט די ס. ד. „מענשעוויקעס“, אָנגענומען אַ ווייטגייענדיגע רעזאָלוציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, לויט וועלכער די צייטווייליגע רעגירונג דאַרף „פאַרעפנטליכן אַ דעקלאַראַציע וועגן

---

[1] זעה П. Христюк, „Замітки і матеріяли до історії української революції,“ 1921, באַנד I, זייטע 31 (כריסטיוק, צו דער געשיכטע פון אוקר. רעוואָלוציע).

[2] ד אָ ר ט, באַנד I, זייטע 124.

אָנערקענען פֿאַר אַלע פֿעלקער פֿון רוסלאַנד דאָס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג, *אפילו אויף אָפּטיילן זיך*". אָבער, „פֿאָדערנדיג פֿון דער צייטווייליגער רעגירונג אַ מער ענערגישע, ווי ביז איצט, אַקציע לטובת די נאַציעס, זאָגט זיך דער צוזאַמענפֿאָר אַרויס קעגן די פֿאַרזוכן צו לעזן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע ביז דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג און אַזוי אַרום שטעלן פֿאַר אַ געשעהענעם פֿאַקט און אָפּרייסן פֿון רוסלאַנד אירע לאַנד־טיילן". די פֿאַרטיי פֿון סאָצ.־רעוואָלוציאָנערן האָט אויף איר דריטן צוזאַמענפֿאָר, אין דער זעלביגער צייט לערך, זיך אַרויסגעזאָגט „אין פּרינציפּ פֿאַר אַ דעמאָקראַטישער *פֿעדעראַטיווער* רעפּובליק אין רוסלאַנד, מיט אַ טעריטאָריאַל־נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע און מיט גאַראַנטירטע רעכט פֿאַר די נאַציאָנאַלע מיעוטים". אָבער אויך די פֿאַרטיי האָט געפֿאָדערט, דאָס דאָזיגע פּראָגראַם זאָל דורכגעפֿירט ווערן נאָר דורך דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג. אויף אַ גאַנץ אַנדער פּאָזיציע זיינען געשטאַנען די באָלשעוויקעס. זייער רעזאָלוציע, וועלכע זיי האָבן אַריינגעטראָגן אויפֿן ערשטן ראַטן־צוזאַמענפֿאָר, האָט געלויטעט: „עס דאַרף אָנערקענט ווערן פֿאַר אַלע נאַציעס, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד, דאָס רעכט פֿריי זיך אָפּצוטיילן און בילדן אַ זעלבסטשטענדיגע מלוכה". ביי די באָלשעוויקעס אָבער איז דאָס געווען מער ניט ווי אַ טאַקטישער און אַגיטאַציאָנס טריט, ווי מיר וועלן עס בפֿירוש זעהן ווייטער. די צייטווייליגע רעגירונג האָט זיך אין דער פֿראַגע געשטעלט אויפֿן זעלבינן שטאַנדפּונקט, ווי די מערהייט רוסישע פֿאַרטייען, און האָט זיך קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט קעגן די פֿאַרזוכן צו פֿאַרכאַפּן די רעכט אויף אַווטאָנאָמיע, ווי ס'האָבן דעמאָנסטראַטיוו געטאָן די אוקראַינישע פֿירער אין קיעוו. באַזונדערס נעגאַטיוו האָט זי זיך די ערשטע צייט באַצויגן צו דעם, אַז פֿון דער רוסישער אַרמיי זאָלן אויסגעטיילט ווערן אוקראַינישע מיליטער־טיילן.

דאָס אַלץ האָט גורם געווען דערצו, אַז די באַציהונגען צווישן פּעטראָגראַד און קיעוו זאָלן פֿאַרשאַרפֿט ווערן. די שטימונג פֿון די אוקראַינישע מיליטער־טיילן, וואָס האָבן זיך פֿאָרמירט קעגן דעם ווילן פֿון פּעטראָגראַד, איז געווען סימפּטאָמאַטיש און וויכטיג פֿאַר דער ווייטערדיגער געשיכטע פֿון די דאָזיגע באַציהונגען. שוין אויפֿן ערשטן אַלאוקראַינישן מיליטער־צוזאַמענפֿאָר, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין קיעוו דעם 5־טן מאַי 1917 און אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליגט ביז 700 דעלעגאַטן־סאָלדאַטן, האָט געהערשט אַ אויפֿגערעגטע שטימונג קעגן פּעטראָגראַד. אין יענעם פּעריאָד זיינען אָבער די פֿירער פֿון די אוקראַינער נאָך געווען פֿרידליך געשטימט און האָבן זיך באַמיהט איינצושטילן די שאָוויניסטישע געפֿילן. וו. ווינטשענקאָ, וועלכע איז אַרויסגעטראָטן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר, האָט זיך געווענדעט צו די סאָלדאַטן מיט פֿאָלגנדיגע ווערטער: „די רוסישע דעמאָקראַטיע האָט די רעוואָלוציע געמאַכט און האָט אונז די פֿרייהייט געגעבן, לאָמיר־זשע זיך ניט אָפּקערן מיטן רוקן צו אונזערע העלדישע פֿריינט... מ'דאַרף ניט אַרגומענטירן מיט באַגנעטן. ניט מיט באַגנעטן קלייבן מיר זיך צו פֿאַרטיידיגן אונזער פֿרייהייט". די אוקראַינישע פֿירער, ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אַלץ מער און מער פֿונאַנדערצוגיין מיט דער רוסישער דעמאָ־

קראַטיע, זיינען נאָך דעמאָלט געווען ווייט פון צערייסן מיט פּעטראָגראַד. סוף מאַי האָט די ראַדע קאָמאַנדירט קיין פּעטראָגראַד, צו דער צייטווייליגער רעגירונג און צום ראַט פון די אַרבּעטער-דעפּוטאַטן, אַ ספּעציעלע דעפּוטאַציע, מיט וו. ווינישענקאָ בּראש, וועלכע האָט אין אַן אויספירליכן מעמאָראַנדום בּאַקאַנט געמאַכט די אָנפירנדע פּעטראָגראַדער קרייזן מיט אירע פאָדערונגען. די דאָזיגע פאָדערונגען זיינען אין פאַרגלייך מיט דער אמתער שטימונג פון די אוקראַינישע פּאָליטישע טוער געווען בּאַשיידן, זיי האָבּן אפילו ניט אָנגערירט די פראַגע וועגן דעם פעדעראַטיוון איבּערבּוי פון רוסלאַנד און האָבּן נאָר אין אַלגעמיינע שטריכן אָנגעוויזן אויף דער נויטיגקייט פון אַ בּרייטער נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע פאַר אוקראַינע און אויף דער נויטיגקייט „דורכצופירן אין לעבּן די אויסטיילונג פון די אוקראַינער אין בּאַזונדערע מיליטער-טיילן, ווי אין פראָנט-רוקן, אַזוי אויך, ווי ווייט מעגליך, אויפן פראָנט גופא". די רוסישע דעמאָקראַטיע איז אָבּער דעמאָלט ניט געווען צוגענרייט צו אָט די אידייען. זי האָט נאָך געקוקט אויף אוקראַינע, ווי אויף אַ געוויינליכן טייל פון רוסלאַנד, און די פאָדערונגען פון דער אוקראַינער דעלעגאַציע זיינען אָ פּ ג ע װ אָ ר פ ן ג ע װ אָ ר ן.

אָט דער טריט האָט אין די קרייזן פון די אוקראַינישע פּאָליטישע טוער אַרויסגערופן אַ נייע שטאַרקע אויפרעגונג. דער פאַרדרוס און אומצופרידנקייט האָבּן בּאַזונדערס אַרומגעכאַפּט די אוקראַינישע מיליטער-טיילן. גראָד צו יענער צייט איז דורך דער ראַדע בּאַשטימט געוואָרן דער צווייטער מיליטער-צוזאַמענפאָר. צוזעהענדיג די אומצופרידענע שטימונג, וואָס וואַקסט צווישן די אוקראַינער, האָט א. קערענסקי, וועלכער איז דעמאָלט געווען קריגס-מיניסטער, פאַרווערט דעם צוזאַמענפאָר. ניט קוקענדיג אָבּער אויפן פאַרבּאָט, איז דער צוזאַמענפאָר דאָך פאָרגעקומען (דעם 4-טן יוני). די אוקראַינישע פירער האָבּן אויך דאָ ניט דערלאָזט, ס'זאָלן זיך צעפלאַקערן די געפילן פון שנאה און אַקטיוון ווידערשטאַנד. „דער וועג פון אַ אויפשטאַנד איז פאַר אונז אוממעגליך, — האָט ווינישענקאָ ערקלערט אויפן צוזאַמענפאָר, — מיר האָבּן אין די הענט אַ אומגעהייערע קראַפט, מיר זיינע בּכח חרוב צו מאַכן גאַנץ אוקראַינע, מיר ווילן אָבּער ניט זיין קיין בּלינדע שמשונס". דער היסטאָריקער פון דער דאָזיגער עפּאָכע, בּאַשרייבּנדיג די שטימונג, וואָס האָט געהערשט אויפן צוזאַמענפאָר, דערציילט, אַז „די אָנפירער פון דער אוקראַינישער בּאַוועגונג איז אויסגעקומען אָנצעווענדן אַ גרויסע ענערגיע, כּדי העט סטיכישער פּראָטעסט און צאָרן פונם אוקראַינישן סאָלדאַט זאָלן ניט אַרויס מחוץ לגדר... אויפן צוזאַמענפאָר האָבּן זיך שוין אַפילו געלאָזט הערן שטימען, אַז ס'איז נויטיג, אוקראַינע זאָל זיך תּיכּף און פולקאָם אָפּטיילן פון רוסלאַנד [1]).... שילדערנדיג די שטימונגען פון די אוקראַינער אין צוזאַמענהאַנג מיטן בּאַריכט פון דער קיעווער דעלעגאַציע, וואָס איז געפאָרן קיין פּעטראָגראַד, האָט ווינישענקאָ, אין עטליכע יאָר אַרום נאָך די דאָזיגע געשעהענישן, אין אַזעלכע שאַרפע אויסדריקן כאַראַקטעריזירט די דעמאָלסטיגע לאַגע: „דער בּאַריכט האָט אַרויסגערופן אַזאַ שטורם,

[1]) פּ. כ ר י ס ט י ו ק, דאָס ציט. ווערק, בּאַנד I, זייטע 70.

אַז ער האָט פאַרפלייצט אַלע ברעגנעס און האָט פאַרכאַפט אפילו די צענטראַלע ראַדע. צוליב וואָס, צוליב וועלכן צוועק האָט זי געשיקט אַ דעפוטאַציע אויסבעטן חסדים ביי די דאָזיגע אייביגע שונאים פון אונזער פאָלק? ניט מיט רחמים-בעטן, ניט דורך אונטערהאַנדלונגען, ניט מיט דער הילף פון יושר-אַרגומענטן דאַרף מען מיט זיי רעדן, נאָר מיטן קולאַק" [1]) ... בעת ס'איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז די צייטווייליגע רעגירונג האָט אָפּגעוואָרפן די אוקראַינישע פאָדערונגען, האָט פראָפ. גרושעווסקי, דער פאָרזיצער פון דער ראַדע, פייערליך ערקלערט אויפן אַלאוקראַינישן פויערן-צוזאַמענפאָר: „דער יום-טוב פון דער רעוואָלוציע האָט זיך געענדיגט! ס'קומט אָן אַ מאַטריגע שעה. אוקראַינע דאַרף זיך אָרגאַניזירן!"

פסיכאָלאָגיש איז אין דעם מאָמענט געבוירן געוואָרן די אידייע פון פולער אוקראַינער אומאָפהענגיקייט און פון פאַרכאַפן די מאַכט. דער ערשטער אוניווערסאַל (מאַניפעסט) „צום אוקראַינישן פאָלק, וואָס געפינט זיך אין אוקראַינע און אויסער אירע גרעניצן", וועלכן די ראַדע האָט פאַרעפנטליכט דעם 10 יוני 1917, איז געווען אַן אַנטשיידענער טריט אויפן דאָזיגן וועג. „די צייטווייליגע רוסלענדישע רעגירונג — איז געשטאַנען אין אוניווערסאַל — האָט אָפגעוואָרפן אַלע אונזערע פאָדערונגען, האָט אָפגעשטופט די אויסגעשטרעקטע האַנט פונם אוקראַינישן פאָלק", „די רעגירונג איז ניט אומשטאַנד איינצופירן ביי אונז די געזעצליכע אָרדנונג", „פון איצט אָן וועלן מיר אַליין שאַפן אונזער לעבן". דער „אוניווערסאַל" האָט ווייטער מודיע געווען, אַז די ראַדע נעמט איבער אַלע רעגירונגס-פונקציעס אין קאַנט, האָט גערופן די באַפעלקערונג ווענדן זיך צו דער ראַדע אין אַלע אַדמיניסטראַטיוו-פאָליטישע ענינים, האָט באַפוילן „איבעראַגיים אויסוויילן די אַדמיניסטראַציע" דאָרטן, וואו דער אוקראַינישער אינטערעס פאָדערט עס, און איינגעפירט אַ ספעציעלע פינאַנציעלע באַשטייערונג: „מיר, די אוקראַינער צענטראַלע ראַדע, באַפוילן אַלע אָרגאַניזירטע בירגער פון די דערפער און שטעט און אַלע אוקראַינישע געזעלשאַפטליכע אופראַוועס און אַנשטאַלטן איינפירן פון היינטיגן ערשטן יולי אַ באַשטייערונג לטובת דער פאָלקס-זאַך". גלייכצייטיג מיט דעם האָט די ראַדע אויסגעוויילט אַן אויספיר-אָרגאַן — דעם גענעראַל-סעקרעטאַריאַט, וואָס האָט געשפילט די ראָלע פון אַ אוקראַינער לאַנד-מיניסטעריום און אין וועלכן ס'זיינען אַריין 5 מיטגלידער פון דער אוקראַינישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַרטיי (צווישן זיי וו. ווינטשענקאָ און ס. פעטליורע), 2 אוקראַינישע סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן און צוויי מער מעסיג געשטימטע מיטגלידער. אין דער דעקלאַראַציע פונם ניי געגרינדעטן גענעראַל-סעקרעטאַריאַט, וואָס איר פאָרזיצער, וו. ווינטשענקאָ, האָט פאַרעפנטליכט דעם 27 יוני 1917 אויף דער זיצונג פון ראַדע, איז געווען געזאָגט: די אוקראַינער דעמאָקראַטיע „פילט ניט קיין שנאה צו פעטראָגראַד, נאָר באַציהט זיך

[1]) וו. ווינטשענקאָ, „Відродження нації„ ווין, 1920, ערשטער באַנד, זייטע 174. („Не проханнями, не переговорами, не справедливостю треба з ними балакать, а кулаком"!)

צו אים גאַנץ גלײַכגילטיק, װײַל זי האָט איר אײגענע מאַכט". דער ערשטער אוניװערסאַל, װאָס האָט געדינט, אַלס אַ װענדע־פּונקט אינם קאַמף פֿון די אוקראַיִנישע פּאָליטישע טוער פֿאַר דער מאַכט, איז פּראָקלאַמירט געװאָרן פֿײַערלעך, מיט גרױס פּאַראַד, תּחילת אױפֿן צװײטן מיליטער־צוזאַמענפֿאָר און דערנאָך פֿאַר דעם גאַנצן עולם, אױף דעם סאָפֿיען־פּלאַץ אין קיעװ, בײַ באָגדאַן כמעלניצקים דענקמאָל. דער צװײטער מיליטער־צוזאַמענפֿאָר, אױף װעלכן ס'זײַנען געװען, לױט ס'באַריכטן די אוקראַיִנער קװעלן, ביז 2300 דעלעגאַטן, „פֿאָרשטײער פֿון 1,600,000 אוקראַיִנער־סאָלדאַטן פֿונם פֿראָנט און פֿראָנט־רוקן", האָט געזאָלט פֿאָרשטעלן די רעאַלע קראַפֿט, װאָס דאַרף שטיצן די פֿאָדערונגען פֿונם אוניװערסאַל.

מיט די דאָזיקע פֿאַקטן און שטימונגען אין אוקראַיִנע האָט זיך פּעטראָגראַד געמוזט רעכענען. קודם־כּל האָט מען אױף אַ פּאָזיטיװן אופֿן באַשלאָסן די פֿראַגע װעגן פֿאָרמירן אוקראַיִנישע טײלן אין דער רוסישער אַרמײ. דער ערשטער, װער עס האָט זײַן הסכּמה דערױף געגעבן, איז געװען — װי דאָס זאָל ניט אױסזען משונהדיק, — דער קריגס־מיניסטער א. גוטשקאָװ, דער רעכטסטער מיטגליד פֿון דער צײַטװײַליקער רעגירונג, װעלכער האָט אױף אַ פּריװאַטן אופֿן ערלױבט צו פֿאָרמירן אײניקע אוקראַיִנישע טײלן [1]. סוף אַפּריל האָבן די סאָלדאַטן־אוקראַיִנער אין קיעװ געבילדעט אַ זעלבסט־שטענדיקן אוקראַיִנישן פּאָלק מיטן נאָמען „דער ערשטער פּאָלק אױפֿן נאָמען פֿון באָגדאַן כמעלניצקי". גלײַך נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהױבן בילדן, גאָר ניט אָנפֿרעגנדיק בײַ דער צענטראַלער מאַכט, נאָך אַנדערע מיליטער־טײלן. די מיליטער־מאַכט האָט דעריבער געמוזט ערלױבן צו פֿאָרמירן אױף אַ לעגאַלן װעג 3 אוקראַיִנישע קאָרפּוסן. די אוקראַיִנישע טוער האָבן געגרינדעט דעם אַזױ גערופֿענעם „מיליטערישן גענעראַל־קאָמיטעט", בראָש פֿון װעלכן ס'האָט זיך פֿון אָנהײב אָן געשטעלט ס. פּעטליורע, װעלכער האָט אָנגעפֿירט מיט אַלע פֿאָרמירונגען. אױף אַזאַ אופֿן איז געשאַפֿן געװאָרן, הױפּטזאַכלעך דורך די סאָלדאַטן גופֿא, אַ רײע נײַע פּאָלקן: „פּאָלובאָטקאָס פּאָלק", „גאָנטעס פּאָלק", „דאָראָשענקאָס פּאָלק" און אַנדערע. „מיר װילן גײן אונטער דער אוקראַיִנישער פֿאָן" («Підем під українським прапором»), האָבן די אוקראַיִנער סאָלדאַטן געשריען. ס'דאַרף אָנגעװיזן װערן, אַז די דאָזיקע פֿאָרמירונגען זײַנען, מערסטנטײל, פֿאָרגעקומען אין רוקן פֿון פֿראָנט און גראָד אינם פּעריאָד פֿון דער מאַסן־דעזערטירונג אין די רײען פֿון דער רוסישער אַרמײ [2]. אַ פֿולע

---

[1]) פּ. מיליוקאָװ. „די געשיכטע פֿון דער צװײטער רוסישער רעװאָלוציע" (רוסיש), ערשטער באַנד, זײַטע 157.

[2]) זעה דעם בוך פֿון ק. אָבערוטשעװ (דעם קיעװער קריגס־קאָמיסאַר בײַ דער צײַטװײַליקער רעגירונג), „אין די טעג פֿון רעװאָלוציע" (רוסיש), ניו־יאָרק 1919, זײַטע 97—98. אין זײַן בוך גיט אָבערוטשעװ, אגב, איבער אַ פֿאַקט, װעלכן מיר האָבן אין ערגעץ ניט באַגעגנט און װעלכער שײַנט צו זײַן אַן איבערטרײַבענער: אַז אױף אײניקע אוקראַיִנישע פֿאָנען זײַנען געװען אױפֿשריפֿטן: „לעבן זאָל די פֿרײַע אוקראַיִנע אָהן ייִדן און פּאָליאַקן". זעה ז. 99. אַזעלכע אָפֿענע אױפֿשריפֿטן זײַנען דאַן געװען אומזעלטן.

אַזעלכע דעזערטירן, למשל, זיינען אַריין אין „העטמאַן פּאָלובאָטקאָס פּאָלק“, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין הפקרות און אויסגעלאַסנקייט און האָט פאַרשאַפט ניט ווייניג עגמת־נפש די אוקראַינער טוער גופא. דאָס איז געווען דער צווייטער אוקראַינער פּאָלק — נאָך באָגדאַן כמעלניצקים — און איז באַשטאַנען פון אַ ערב רב, אַז אפילו די ראַדע און דער „מיליטערישער גענעראַל־קאָמיטעט“ האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט אַ געוויסן חשד. צווייטמאָל זיינען די „פּאָלובאָטקאָווצעס“ באַשטימט געווען צו גיין אויפן פראָנט, זיי האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט אַרויסצוטרעטן, און אָנהויב יולי, סאַמע דעמאָלט, ווען די באָלשעוויקעס האָבן אין פּעטראָגראַד געמאַכט דעם ערשטן פּרוב צו אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד, האָבן די „פּאָלובאָטקאָווצעס“ געוואָלט מאַכן אַן אויפשטאַנד אין קיעוו. די מאָטיוון אָבער זיינען ביי זיי געווען גאַנץ אַנדערע. אין זייער אויפשטאַנדס־פּלאַן, וואָס איז איבערגענומען געוואָרן, ווערט געזאָגט: „מיר, אוקראַינער קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין קיעוו, ערקלערן, אַז מיר ווילן ניט האָבן פּאַפּירענע פרייהייט, אָדער האַלבע פרייהייט. נאָך דער פאַרעפנטליכונג פונם ערשטן אוניווערסאַל (דעם צווייטן אָנערקענען מיר ניט) טרעטן מיר צו צו שאַפן אָרדנונג אין אוקראַינע. צוליב דעם באַזייטיגן מיר פון די פּאָסטנס, ניט רעכענענדיג זיך מיט דער רוסלענדישער רעגירונג, אַלע רוסלענדער און רענעגאַטן, וואָס שטערן דער אַרבעט פון די אוקראַינער“. די „פּאָלובאָטקאָווצעס“ האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרכאַפּן עטליכע מיליטערישע און רעגירונגס־אַנשטאַלטן. עס האָט זיך אָבער אַריינגעמישט די ראַדע, און די „פּאָלובאָטקאָווצעס“ זיינען מיט דער הילף פון באָגדאַן כמעלניצקים פּאָלק אַנטוואָפנט געוואָרן [1].

די רוסישע דעמאָקראַטיע איז געשטעלט געוואָרן פאַרן פאַקט פון אַ מעכטיג וואַקסנדער נאַציאָנאַלער קראַפט אין אוקראַינע — און האָט מסכים געווען איינצוגיין אויף הנחות. אַזוי האָט, למשל, דער ערשטער אַלרוסישער ראַטן־צוזאַמענפאָר (יוני־יולי 1917) אין דער רעזאָלוציע וועגן דער אוקראַינישער פראַגע „פאַרשפּראָכן זיין שטיצע דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע פון אוקראַינע אין פאַרווירקליכן די דעמאָקראַטישע אויטאָנאָמיע און גאַראַנטירן די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן“ און האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַן אויסגלייך מיט דער ראַדע. אַז אין פּעטראָגראַד האָט מען זיך גאַנץ ערנסט באַצויגן צו דער פראַגע און ניט געוואָלט דערלאָזן צו אַ קאָנפליקט, איז צו זעהן דערפון, וואָס די צייטווייליגע רעגירונג האָט דעלעגירט קיין קיעוו אַזעלכע דריי אָנגעזעהנסטע פאָרשטייער אירע, ווי קערענסקי, צערעטעלי און טערעשטשענקאָ. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונג זיינען די דריי שליחים געקומען דעם 3 יולי צו אַ הסכם מיט דער ראַדע, וואָס איז פאַרעפנטליכט געוואָרן, פון איין זייט, אין אַ ספּעציעלן אַקט דורך דער צייטווייליגער רעגירונג, און פון דער אַנדערער — אינם

[1] פּ. מיליוקאָוו, „די געשיכטע פון צווייטער רוסישער רעוואָלוציע“, צווייטער באַנד, זייטע 83–79. מיליוקאָווס בוך גיט, בכלל, זעהר אַ טענדענציעזע און ניט ריכטיגע באַשרייבונג פון דער רעוואָלוציע, בפרט בנוגע אוקראַינע. דער דאָזיגער עפּיזאָד איז אָבער ביי אים באַשריבן לויט אָפיציעלע קוועלן, און מיר ציטירן אים פון דאָרטן.

צווייטן אוניווערסאַל פון דער ראַדע. „די צייטווייליגע רעגירונג שטרעקט אויס די האַנט די פאַרשטייער פון אוקראַינער דעמאָקראַטיע — דער צענטראַלער ראַדע“, האָט דער אוניווערסאַל מודיע געווען. לויט דעם דאָזיגן הסכם האָט פון איצט אָן דער גענעראַל־סעקרעטאַריאַט געזאָלט ווערן „דער טרעגער פון דער העכסטער געגנט־מאַכט פון דער צייטווייליגער רעגירונג אין אוקראַינע“. זעהר וויכטיג איז געווען דער פונקט, וועלכן די צייטווייליגע רעגירונג האָט אַריינגעשטעלט, אַז די ראַדע נעמט אין זיך אַריין אויך פאַרשטייער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס לעבן אין אוקראַינע (רוסן, יידן און אַנדערע), וועלכע בילדן 30% פון באַשטאַנד פון ראַדע. אַ דאַנק דעם פונקט האָט די ראַדע געזאָלט פון אַ נאַציאָנאַלן אָרגאַן ווערן אַ טעריטאָריאַלער. וואָס איז נוגע צו דער אוקראַיניזאַציע פונם מיליטער, האָט דער הסכם, אָפּוואַרפנדיג דעם פּלאַן פון אַ ברייטן באַלדיגן איבערגאַנג צו דער סיסטעם פון טעריטאָריאַלן מיליטער־קאָמפּלעקטירונגען, דאָך ערלויבט „די קאָמפּלעקטירונג פון באַזונדערע טיילן אויסשליסליך פון אוקראַינער“.

דער הסכם פונם 3 יולי איז געווען דער מאָמענט פון גרעסטער התקרבות צווישן דער רוסלענדישער און אוקראַינישער דעמאָקראַטיע. דער דאָזיגער הסכם האָט אין דער צייטווייליגער רעגירונג גופא געשאַפן אַ אינווייניגסטן קריזיס: די מיניסטאָרן־קאַדעטן, זייענדיג אומצופרידן מיט די הנחות, וואָס מ׳האָט געגעבן דער ראַדע, זיינען אַרויסגעטראָטן פון דער צייטווייליגער רעגירונג. די איבריגע רוסישע פאַרטייען האָבן דעם הסכם מיט קיעוו אונטערגעשטיצט. אָבער אין יענע טעג פון פאַרשאַרפטע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע ליידנשאַפטן, ווען די מאַכט איז געווען אַזאַ אומזיכערע, האָט דער שלום לאַנג ניט געקאָנט דויערן. שוין דעם צווייטן חדש איז געקומען צו אַ קאָנפליקט. דער „סטאַטוט פון דער אויבער־פאַרוואַלטונג מיט אוקראַינע“, וואָס די ראַדע האָט אויסגעאַרבעט, האָט באַוויזן, אַז די רעכט פון דער געגנט־מאַכט ווערן פון איר אויסגעטייטשט אויפן ברייטסטן אופן. דער סטאַטוט איז צוגעשטעלט געוואָרן דער צייטווייליגער רעגירונג דורך אַ ספּעציעלער דעלעגאַציע. אין דער צייטווייליגער רעגירונג האָט זיך אָבער ווידער פאַרשטאַרקט די השפעה פון די קאַדעטן, וואָס האָבן זיך צוריק אומגעקערט אין רעגירונג, און זי איז איצט ניט נוטה געווען צו גיין אויף הנחות און האָט דעם סטאַטוט אָפּגעוואָרפן. אנשטאָט דעם איז פון פּעטראָגראַד צוגעשיקט געוואָרן די אַזוי גערופענע „אינסטרוקציע פונם 4 אויגוסט“, וואָס האָט געטראָגן אַ פּיל מער באַגרענצטן כאַראַקטער: אַזוי למשל, איז קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן געוואָרן די אויסברייטערונג פון אוקראַינע אויף צוועלף גובערניעס, און איר טעריטאָריע איז באַשרענקט געוואָרן נאָר מיט פינף; ס׳איז אויך באַגרעניצט געוואָרן די קאָמפּעטענץ פונם גענעראַל־סעקרעטאַריאַט, און די מיליטערישע, אויסלענדישע, אייזנבאַן־, פּאָסט־, טעלעגראַף־ און ערנערונגס־ענינים זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון די אַלגעמיין־רוסישע מאַכט־אָרגאַנען. ניט קוקנדיג אויף דער שטאַרקער אופּרעגונג, וואָס די „אינסטרוקציע“ האָט אַרויסגערופן ביי די אוקראַינישע פּאָליטישע טוער, איז זי דאָך אָנגענומען געוואָרן אין דער ראַדע, און ווען ניט די מאַכט־אומבייטונג אין רוסלאַנד, וואָלט זי געווען געדינט

אַלס אַ רעכטליכע נאָרמע אין די באַציהונגען צווישן פּעטראָגראַד און קיעוו. „דאָך איז די אינסטרוקציע געווען די ערשטע ווירקליכע און ממשותדיגע קאָנסטיטוציע פון אוקראַינע“, שרייבט איינער פון אירע שטאַרקסטע געגנער אין תוך[1]. די באַציהונגען צווישן פּעטראָגראַד און קיעוו האָבן אָנגעהויבן פאַרשאַרפט ווערן דאַן, ווען די קליינע ראַדע האָט אין אָקטאָבער אָנגענומען אַ באַשלוס צונויפצורופן אַ גרינדונגס-פאַרזאַמלונג באַזונדער פאַר אוקראַינע („סוּווערענע אוקראַינישע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג“). די צייטווייליגע רעגירונג האָט אין דעם פאַקט איינגעזעהן אַ בולטן באַווייז פון סעפּאַראַטיזם און אַ שטרעבונג אָפּצוטיילן זיך פון רוסלאַנד, און מען האָט אַפילו אָנגעהויבן רעדן וועגן מעגליכע רעפּרעסיעס קעגן דער ראַדע און דעם גענעראַל-סעקרעטאַריאַט. די קיעווער פּראָקוראַטור האָט באַקומען פון פּעטראָגראַד אַ פאַראָרדנונג תיכף אָנצוהויבן אַ געריכטליכע אויספאָרשונג וועגן דעם דאָזיגן באַשלוס פון די אוקראַינישע טוער; די מיטגלידער פון גענעראַל-סעקרעטאַריאַט האָט מען אַרויסגערופן קיין פּעטראָגראַד, כדי צו פאָדערן ערקלערונגען, און דערווייל האָט מען פאַרהאַלטן די קרעדיטן, וואָס זיינען געווען דעם סעקרעטאַריאַט אַסיגנירט.

דאָס זיינען אָבער געווען בלויז דראָהונגען. ס'איז נאָך געווען ווייט דערצו, די באַציהונגען צווישן פּעטראָגראַד און קיעוו זאָלן לחלוטין איבערגעריסן ווערן. ניט קוקנדיג אויף די שטאַרק אויסגעוואַקסענע אוקראַיִנישע סעפּאַראַטיסטישע טענדענצן, זיינען די אידייען פון אַן אַלגעמיין רוסלענדישן רעוואָלוציאָנס-פראָנט נאָך געווען גענוג שטאַרק צווישן די אוקראַינישע פּאָליטישע טוער. דער שאַרפער צוזאַמענשטויס איז געשעהען ערשט בעת די באָלשעוויקעס זיינען געקומען צו דער מאַכט, נאָך דער אָקטאָבער-איבערקערעניש. דער דאָזיגער צוזאַמענשטויס האָט שוין פון אָנהויב אָן אָנגענומען אַ באַוואָפנטן כאַראַקטער, האָט מיט אַמאָל ראַדיקאַל געענדערט די שטימונגען פון די אוקראַינישע טוער און געבראַכט צו דער אָפּשפּאַלטונג פון אוקראַינע.

אין די אָנפירנדע אוקראַינישע קרייזן זיינען תחילת כמעט ניט געווען קיין אָנהענגער פון „סאַמאָסטינאָסט“ און פון צערייסן מיט רוסלאַנד. אויף דער קאָנפערענץ פון דער אוקראַינישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין אַפּריל 1917 האָט די פראַגע וועגן „סאַמאָסטינאָסט“ אַרויסגערופן כמעט אַן איינשטימיגע נעגאַטיווע באַציהונג[1]) די איינציגע פּאַרטיי, וואָס איז פון אָנהויב אָן געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון אָפּטיילן זיך פון רוסלאַנד, פון אַ לחלוטין זעלבסטשטענדיגער אוקראַינישער מלוכה, — די אַזוי גערופענע פּאַרטיי פון „סאָציאַליסטן-סאַמאָסטיניקעס“ איז געווען קליין אין צאָל און קיין שום השפעה ניט פאַרמאָגט. אירע עקסטרעמע אַרויסטרעטונגען האָבן אין דער ראַדע ניט איין מאָל אַרויסגערופן אַ שמייכל. תחילת זיינען די „סאַמאָסטיניקעס“ אַפילו אין דער צענטראַלער ראַדע ניט געווען פאָרגעשטעלט; אויפן נאַציאָנאַלן קאָנגרעס (אין אַפּריל) האָבן זיי אויך ניט געהאַט קיין אָפיציעלן פאָרשטייער. שפּעטער, אויפן ערשטן אַלאוקראַינישן מיליטער-צוזאַמענפאָר, האָט די דאָזיגע פּאַרטיי

[1]) ה. וויניטשענקאָ, אין „ווידראָדזשעניאַ נאַציי“, באַנד I, זייטע 338.
[2]) דאָרט, באַנד I, זייטע 43.

ניט געקענט דורכפירן איר קאַנדידאַט אין פרעזידיום; דער צוזאַמענפאָר האָט אַפילו געפונען פאַר נויטיג אָפּגרעניצן זיך אין דער פרעסע פון די „סאַמאָסטיניקעס“ [1].
אין די אָפיציעלע אַקטן און אַרויסטרעטונגען פלעגט די אידייע פון אַ „סאַמאָסטינער“ אוקראַינע די ערשטע צייט אויסגעמידן ווערן זעהר פאָרזיכטיג. דער ערשטער אוניווערסאַל האָט קלאָר געזאָגט, אַז דאָס אוקראַינישע פאָלק האָט רעכט אַליין איינצושטעלן אָרדנונג אויף זיין אייגענער ערד, דערביי אָבער „ניט אָפּטיילנדיג זיך פון גאַנץ רוסלאַנד און ניט צערייסנדיג מיט דער רוסלענדישער מלוכה“ — («не одділяючісь від усіэі Росії, не розриваючи з державою російською»).
נאָך בולטער איז דער דאָזיגער מאָמענט, לויט דער פאָדערונג פון די פאָרשטייער פון צייטווייליגער רעגירונג, אונטערגעשטראָכן געוואָרן אין צווייטן אוניווערסאַל: „מיר, די צענטראַלע ראַדע, זיינען שטענדיג דערפאַר, מ'זאָל אוקראַינע ניט אָפּטיילן פון רוסלאַנד“, און ווייטער: „מיר וואַרפן קאַטעגאָריש אָפּ די פרובן פון אַ זעלבסטשטענדיגער פאַרווירקליכונג פון דער אַווטאָנאָמיע פון אוקראַינע ביז ס'וועט ניט צונויפגערופן ווערן די אַלרוסלענדישע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג“. אין משך פון עטליכע חדשים האָט אָבער די אידייע געמאַכט גרויסע פאָרשריטן. אין אַפּריל 1917 האָט ווינישענקאָ ערקלערט אויף אַ זיצונג פונם ראַט פון די פאַראייניגטע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, אַז „די סעפּאַראַטיסטישע באַוועגונג קאָן מען רעכענען פאַר געשטאָרבן“. אין עטליכע חדשים אַרום האָט ער שוין געפונען, אַז די דאָזיגע באַוועגונג איז „פאַר אָנדערהאַלבן חדשים אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז מ'מוז מיט איר פירן אַן ערנסטן קאַמף“. און חצי סעפּטעמבער 1917 האָט דער זעלביגער ווינישענקאָ, בעת אין דער קליינער ראַדע איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן אַ באַזונדערער אוקראַינער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, געזאָגט: „אוקראַינע האָט קיינמאָל קיין הבטחות ניט געגעבן ניט אַרויסצוגיין פונם באַשטאַנד פון דער רוסלענדישער מלוכה“ [2]. און דעם 16-טן דעצעמבער האָט ער אין דער צענטראַלער ראַדע, ביי דונערנדיגע אַפּלאָדיסמענטן פונם אוקראַינישן עולם, ערקלערט: „מיך שרעקט ניט אָפּ דאָס וואָרט „סאַמאָסטינאָסט“, אויב ס'וועט קיין אַנדער אויסוועג ניט זיין“.

בעת דער פאָרשטייער פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי האָט אויפן פעלקער-צוזאַמענפאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען אין קיעוו אין סעפּטעמבער 1917, באַגריסט די אוקראַינישע באַוועגונג, אַלס אַ באַוועגונג, וואָס שטרעבט צו אַ באַזונדער פרייער מדינה, האָט דער פאָרזיצער פון דער ראַדע און פון דעם צוזאַמענפאָר,

[1] אין עטליכע יאָר אַרום נאָך די דאָזיגע געשעהענישן האָט ווינישענקאָ, כאַראַקטעריזירנדיג די פאַרטיי פון די „סאַמאָסטיניקעס“, געשריבן: "דאָס איז, מערסטנטייל, געווען אַ מיליטערישער אַטאַמאַנען-עלעמענט, אָהן אַ באַשטימטער סאָציאַלער פראָגראַם, אָהן וועלכער ס'איז פאָליטישער בילדונג. אָט דער עלעמענט האָט אָבער פאַרמאָגט אַן אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַליסטישן טעמפּעראַמענט, וואָס האָט אים פאַרביטן אי די פראָגראַם, אי די טאַקטיק, אי די אַרגומענטן". וו. ווינישענקאָ, ערשטער באַנד, זייטע 250.

[2] פּ. כריסטיוק, דאָס ציטירטע ווערק, צווייטער באַנד, זייטע 19.

פּראָפ. מ. גרושעווסקי, פייערליך ערקלערט: „מיר, אוקראַינער, שטרעבן ניט צו „סאַמאָסטינאָסט“. דער דאָזיגער וועג ליגט שוין הינטער אונז, ער געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט. מיר זיינען געווען אַ זעלבסטשטענדיגע מלוכה און האָבן פרייוויליג פאַראייניגט אונזער גורל מיט דער רוסלענדישער מדינה. איצט, ווען רוסלאַנד איז אַ פרייע דעמאָקראַטישע רעפּובליק, וועלן מיר בלייבן אַלס פרייע אַווטאָנאָמע נאַציע אין דער רוסלענדישער פעדעראַטיווער רעפּובליק“ [1]. און מיט אייניגע חדשים שפּעטער, אין דעצעמבער, האָט פּראָפ. מ. גרושעווסקי, שליסנדיג די אַכטע סעסיע פון ראַדע, שוין געזאָגט: „מיר זיינען געווען שטרענגע פעדעראַליסטן, די אומשטאַנדען האָבן אָבער דערצו געבראַכט, אַז מיר זיינען געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיגע, אומאָפּהענגיגע רעפּובליק“.

דאָס איז געווען אַ נצחון ניט פון אַ פּ אַ ר ט י י, פון די „סאַמאָסטיניקעס“, נאָר פונם עצם געדאַנק וועגן אָפּטיילן זיך פון רוסלאַנד, אַ פאַקט, וואָס איז מעגליך געוואָרן אַ דאַנק דעם קאָנפליקט מיט פעטראָגראַד. דער קאָנפליקט צווישן דעם פעטראָגראַדער ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן און דער קיעווער ראַדע האָט אָנגענומען אַ שאַרפן כאַראַקטער און האָט גיך געבראַכט צו א פאַרביטערטער מלחמה. די דאָזיגע שאַרפע שנאה צווישן די אוקראַינישע פּאָליטישע טוער און די באָלשעוויקעס איז אַביסל אַ חדוש: די אוקראַינער האָבן זיך באַצויגן צו באָלשעוויקעס, ביז זייער נצחון, מיט אַ געוויסער סימפּאַטיע, און אפילו אין די ערשטע וואָכן נאָך דער אָקטאָבער-איבערקערעניש האָט מען אין די קרייזן פון ראַדע ניט באַמערקט קיין פיינטליכע באַציהונג צו די באָלשעוויקעס, ניט קוקנדיג אויף דער אַנטשיידענער רעזאָלוציע, וואָס די ראַדע האָט אָנגענומען קעגן דער איבערקערעניש. ביז זייער נצחון האָבן די באָלשעוויקעס פאַרנומען אַ ראַדיקאַלע פּאָזיציע בנוגע דער אוקראַינישער פראַגע (דאָסגלייכן בנוגע דער נאַציאָנאַל-טעריטאָריאַלער פּראָבלעם, בכלל) און זיינען געגאַנגען פיל ווייטער פון דער ראַדע גופא אין יענער צייט. אויסטייטשנדיג אויפן ברייטסטן אופן דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג, זיינען די באָלשעוויקעס, למשל, אויפן ערשטן אַל-רוסלענדישן ראַטן-צוזאַמענפאָר שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער פּאָליטיק פון דער צייטווייליגער רעגירונג בנוגע אוקראַינע, „אַלס אַ קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער און אַנטי-דעמאָקראַטישער“, און האָבן פאָרגעלייגט צו אָנערקענען, אַז „אוקראַינע האָט רעכט אויף מלוכהשער אומאָפּהענגיקייט און אויף אָפּצוטיילן זיך פון רוסלאַנד“. אַז די דאָזיגע פּאָזיציע פון די באָלשעוויקעס איז ווירקליך געווען נאָר אַ טאַקטישער מאַנעווער איז צו זעהן פון דער הנהגה פון די באָלשעוויקעס אין דער זעלביגער צייט אין קיעוו, וואו זיי האָבן געפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף מיט דער אוקראַינישער באַוועגונג און באַשולדיגט די ראַדע און די אוקראַינישע טוער אין „נאַציאָנאַלן שאָוויניזם“. און ווי נאָר די באָלשעוויקעס האָבן אַריינבאַקומען אין די הענט די מלוכה-מאַכט אין רוסלאַנד, זיינען

---

[1] מיר ציטירן לויט דער צייטונג „ד ע ר ט ע ל ע ג ר אַ ף“ (קיעוו), 26 №, פונם 21-טן דעצעמבער 1917, נ. סירקינס אַרטיקל.

זיין תּיכּף אַריינגעטראָטן אין אַ ערנסטן קאָנפליקט מיט די אָנפירנדע אָרגאַנען פון דער
אוקראַינער אַהטאָנאָמיע. איינער פון די פירער פון דער אוקראַינער סאָציאַל=דעמאָקראַ=
טיע, מ. טקאַטשענקאָ, האָט אויף אַ זיצונג פון דער צענטראַלער ראַדע די ערשטע
טעג פון קאָנפליקט מיט די באָלשעוויקעס ערקלערט: „ניין חדשים האָבן מיר צוזאַ=
מען מיט די באָלשעוויקעס געקעמפט קעגן קערענסקין און דער בורזשואַזיע, און איצט
זיינען מיר געקומען צו אַ מלחמה. וואָס=זשע איז געשעהן ?“ די זעלביגע טעג — אָנ=
הויב דעצעמבער 1917 — האָט ווינישענקאָ אין דער קליינער ראַדע געזאָגט : „די באָל=
שעוויקעס ווילן מיט זייערע שטיוול צוטרעטן די אוקראַינישע באַוועגונג און אַריינשלעפן
אונז אין דעם פוילן פעטראָגראַדער זומפּ“ [1].

דער קאָנפליקט האָט זיך געצויגן אין משך פון גאַנץ נאָוועמבער, און צו דע=
צעמבער צו האָט זיך דער ראַט פון פאָלקס=קאָמיסאַרן געווענדעט צו דער ראַדע מיט
אַ אולטימאַטיווער נאָטע. אין דער דאָזיגער נאָטע האָבן די באָלשעוויקעס, אמת,
„אַנערקענט די אוקראַינישע פאָלקס=רעפּובליק און אירע רעכט אויף אָפּצוטיילן זיך
לגמרי פון רוסלאַנד“, נאָר גלייכצייטיג האָבן זיי ערקלערט דער ראַדע „אַ באַלדיגע
מלחמה“ — אין משך פון 48 שעה, די פאָרמעלע באַשולדיגונגען אין דער אולטימאַ=
טיווער נאָטע זיינען געווען: אַז די ראַדע „דעזאָרגאַניזירט דעם פראָנט, אָפּרופנדיג איר
מיליטער“, אַז זי האָט אַנטוואָפנט אין קיעוו דעם טייל חיל, וואָס איז איבער=
געגאַנגען אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס (בעתן צוזאַמענשטויס מיטן מיליטער
פון דער צייטווייליגער רעגירונג), און, דער עיקר, אַז זי האָט אנערקענט די דאָנער און
קובאַנער געגנטן, וועלכע האָבן זיך ערקלערט, אַלס אומאָפּהענגיגע, און האָט דורכגע=
לאָזט די דאָנער און קובאַנער טיילן, וואָס זיינען פון פראָנט אַ היים געגאַנגען, — און
אין דער אייגענער צייט האָט זי זיך אָפּגעזאָגט דורכצולאָזן דאָס ראַטן=מיליטער, וואָס איז
געגאַנגען אויפן דאָן, כדי צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד פונם אַטאַמאַן קאַלעדין.
אין איר ענטפער אויפן אולטימאַטום האָט די ראַדע זיך סומך געווען אויף איר רעכט
פון נייטראַליטעט און אויף דעם, אַז „די רעגירונג פון דער גרויס=רוסישער רעפּובליק“
האָט זיך ניט וואָס צו מישן אין אירע ענינים. „שטייענדיג אויפן גרונט פון שטרענגן
נייטראַליטעט, וועלן מיר ניט דורכלאָזן דאָס באָלשעוויסטישע מיליטער, כדי אָפּצוהיטן
פון אַ ברידערליכער מלחמה אויפן דאָן“, האָט ווינישענקאָ ערקלערט אין דער קליינער
ראַדע. תּיכּף נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן דער אנגריף פון די באָלשעוויקעס אויף
אוקראַינע און דער קאַמף מיט דער אוקראַינער מאַכט פון אינעווייניג אין לאַנד גופא.
די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן געאַרבעט אין אוקראַינע, האָבן אַרויסגעשטעלט אַ פאָ=
דערונג תּיכּף צונויפרופן אַ ראַטן=צוזאַמענפאָר, האָפנדיג צו האָבן דאָרט די מערהייט.
אָנהויב דעצעמבער איז אין קיעוו פאָרגעקומען דער דאָזיגער ערשטער „אַל=
אוקראַינישער ראַטן=צוזאַמענפאָר פון פויערן, סאָלדאַטן און אַרבעטער=דעפּוטאַטן“.
אָבער פון די 2500 דעלעגאַטן, וואָס האָבן זיך דאָ צונויפגעזאַמלט, האָבן די

[1]) פ. כריסטיוק, דאָס ציטירטע ווערק, צווייטער באַנד, זייטע 83–72.

באָלשעוויקעס געהאַט בסך הכל 60 מענשן. „אין אוקראַינע איז נאָך קיינמאָל ניט געווען קיין צוזאַמענפאַר, — שרייבט דער היסטאָריקער פון דער דאָזיגער עפּאָכע — וואָס זאָל זיך האָבן באַצויגן צו די באָלשעוויקעס מיט אַזאַ שׂנאה, ווי דער דאָזיגער, וועלכן די באָלשעוויקעס אַליין האָבן צונויפגערופן. מ׳האָט די באָלשעוויקעס ניט געלאָזט רעדן, און די מלחמה־דראָהונג פונם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן קעגן דער ראַדע האָט אַרויסגערופן אַן אמתן שטורם פון אויפרעגונג״ [1]. די באָלשעוויקעס האָבן זיך דעמאָלט אָפּגעטיילט און צונויפגערופן אין כאַרקאָוו פון זייערע אָנהענגער אַ אַנדער „אַל־אוקראַינישן ראַטן־צוזאַמענפאַר״, אויסגעוויילט אַן אויספיר־קאָמיטעט — דעם אָרגאַן פון דער ראַטן־מאַכט אין אוקראַינע, האָבן ערקלערט, אַז די ראַדע איז פונאַנדערגעלאָזט, און אָנגעהויבן אַקטיוו גרייטן זיך צו אַ מלחמה קעגן דער אוקראַינער רעגירונג.

נאָכן נצחון אין צפון האָבן זיך די באָלשעוויקעס אויטאָמאַטיש אָנגעהויבן ציהען קיין דרום, כדי אויך דאָרט די מאַכט צו פאַרכאַפּן. דער דאָזיגער מאָמענט האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער ענדערונג פון די שטימונגען ביי די אוקראַינישע פּאָליטישע טוער. די באָלשעוויסטישע כוואַליע האָט געדראָהט צו פאַרפלייצן אויך אוקראַינע, און די אוקראַינישע פּאָליטישע טוער האָבן באַשלאָסן, אָפּגעזונדערט פון דער רוסישער דעמאָקראַטיע, צו באַפעסטיקן זיך אויף זייער טעריטאָריע, אַרויסשטעלנדיג אַלס אַ גדר די שטרעבונג צו פולער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט און צום אָפּטיילן זיך פון רוסלאַנד. זיי האָבן געהאַלטן, אַז דורך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש און דורך די מעשׂים פון „דער רעגירונג פון דער גרויס־רוסישער רעפּובליק״ איז דער אַלגעמיין רוסישער רעוואָלוציאָנס־פראָנט שוין פונאַנדערגעריסן, און אַז דער מלוכה־צוזאַמענהאַנג מיט רוסלאַנד איז פּאַקטיש בטל געוואָרן. אויף דעם זעלביגן וועג, וואָס די ראַדע האָט איצט אויסגעקליבן, האָבן זיך שפּעטער געשטעלט, מיט די אייגענע צילן זיך צו באַוואָרענען פונם באָלשעוויזם, די נייע קליינע ראַנד־מלוכות פון דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע (עסטלאַנד, לעטלאַנד, ליטע, גרוזיע און אַנדערע). דעם ערשטן אַזעלכן פּרוב האָט געמאַכט די אוקראַינער ראַדע.

דער דריטער אוניווערסאַל, וואָס איז פאַרעפנטליכט געוואָרן דעם 9־טן נאָוועמבער, האָט פּאַקטיש פאָרמולירט דעם צעפּאַל פון רוסלאַנד: „אוקראַינע ווערט פון איצט אָן אַ אוקראַינישע פאָלקס־רעפּובליק.. ביז די אוקראַינישע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט צונויפגערופן ווערן געהערט די גאַנצע מאַכט צו שאַפן אָרדנונג אויף אונזער ערד, אַרויסצוגעבן געזעצן און פירן די ממשלה — אונז, דער אוקראַינער צענטראַלער ראַדע, און אונזער רעגירונג, דעם גענעראַל־סעקרעטאַריאַט״. דער דאָזיגער אוניווערסאַל האָט זיך דאָך פּרינציפּיעל באַזירט נאָך אויפן יסוד פון פעדעראַציע — דער פעדעראַציע פון די „פרייע און גלייכבאַרעכטיגטע פעלקער פון רוסלאַנד״, „ניט אָפּטיילנדיג זיך פון דער רוסלענדישער רעפּובליק און אָפּהיטנדיג איר איינינקייט״. שוין נאָר אַנדערע נאָטן האָבן זיך געלאָזט הערן אין פערטן אוניווערסאַל, וואָס איז פאַרעפנטליכט

---

[1] פּ. כריסטיוק, דאָס ציטירטע ווערק, צווייטער באַנד, זייטע 69 און ווייטער.

נעוואָרן דעם 11-טן יאַנואַר 1918, ד. ה. אין סאַמע ברען פון דער מלחמה מיט די באָלשעוויקעס, ערב זייער פאַרכאַפּן קיעוו. דאָ איז שוין פּראָקלאַמירט געוואָרן די פולע און אַנטגילטיגע אָפּשאַלטונג פון רוסלאַנד. „פון איצט אָן ווערט די אוקראַינישע פאָלקס-רעפובליק זעלבסטשטענדיג, אומאָפּהענגיג פון קיינעם, אַ פרייע, סוווערענע מלוכה פונם אוקראַינישן פאָלק“. אוקראַינע איז געווען אין אַ סכנה ווי מצד צפון, פון דער זייט פון די באָלשעוויקעס, אַזוי אויך מצד מערב, וואו דער רוסיש-דייטשער פראָנט איז געבליבן אָפן-הויל. דער פערטער אוניווערסאַל האָט, לויט דער מיינונג פון די אוקראַינישע טוער, געדאַרפט קרעפטיגן די כחות פונם אינעווייניגסטען נאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד, און פון דער אַנדערער זייט, — און דאָס האָבן זיי געהאַלטן פאַר באַזונדערס וויכטיג, — עפענען אַ פרייע מעגליכקייט אָנצוהויבן סעפּאַראַטע אונטערהאַנדלונגען וועגן שלום מיט דייטשלאַנד. אין עטליכע יאָר אַרום האָט וו. ווינישענקאָ, איינער פון די, וואָס האָבן דעם דאָזיגן אַקט אינספּירירט, געשריבן וועגן פערטן אוניווערסאַל, האַלטנדיג זיך שוין פאַר אַ קאָמוניסט, אַז „די אומאָפּהענגיקייט פון אוקראַינע איז געקומען אַלס אומפאַרמיידליכער און נויטיגער פועל יוצא פון דער געשאַפענער סיטואַציע. קודם כל האָט שוין די עובדא אַליין, וואָס רוסלאַנד האָט ערקלערט אוקראַינע מלחמה, געדינט אַלס אימפולס כדי צעררייסן די פעדעראַטיווע באַציהונגען. די אוקראַינער רעגירונג האָט סיי פאָרמעל, סיי מאָראַליש געהאַט דאָס רעכט ניט האַלטן זיך געבונדן מיט יענער מלוכה, וועלכע האָט זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון מלחמה מיט אוקראַינע. און פאַקטיש האָט די זעלבסטשטענדיקייט שוין עקזיסטירט... דאָס וואָס פראַנקרייך, ענגלאַנד, און אַנדערע מלוכות האָבן לסוף באַשטימט זייערע אָפיציעלע פאָרשטייער ביי דער אוקראַינישער פאָלקס-רעפובליק, האָט נאָך מער פון אַלץ צוגעגעבן אַ זיכערע פאָרם דער זעלבסטשטענדיקייט פון אוקראַינער מלוכה“ [1].

תחילת האָבן די באָלשעוויקעס ניט געהאַט קיין הצלחה אין זייער אנגריף אויף אוקראַינע. ווי תמיד אָבער האָבן זיי מער מלחמה געהאַלטן מיטן כח פון זייער נזאַלדיג ענערגישער אַגיטאַציע און מיטן כח פון בונט, וואָס זיי האָבן אַריינגעטראָגן אין די רייען פון געגנערס מיליטער און באַפעלקערונג, איידער מיט תכסיסי מלחמה. די באָלשעוויקעס האָבן אויסגענוצט דעם כאַאָס און אַנאַרכיע, וואָס האָבן געהערשט אין אוקראַינע, און האָבן געשטרעבט צו שפּאַלטן דעם קאַנט דורך אַ בירגער-מלחמה. די דאָזיגע פרובן האָבן געהאַט אַ גלענצענדן ערפאָלג. די אידייען פון באָלשעוויזם, אין זייער דעמאָלסטיגער פרימיטיווער פאָרם פון אַנאַרכישער צעשטערונג און קלאַסן-נקמה, זיינען אין אוקראַינע געפאַלן אויף זעהר גינסטיגן באָדן און האָבן געהאַט זייער טיפע השפעה נאָך אַ לאַנגע צייט שפּעטער אויף דעם אוקראַינישן פויער און סאָלדאַט. צו די באָלשעוויקעס גייט ניך איבער איין גובערניע נאָך דער צווייטער, — צוערשט כאַרקאָוו, דערנאָך יעקאַטערינאָסלאַוו, פּאָלטאַווע, — און אין מיטן יאַנואַר 1918 זיינען זיי שוין געשטאַנען ביי די טויערן פון קיעוו, ביים האַרץ פון אוקראַינע. און דערביי האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ איבערראַשנדער פאַקט: יענע קראַפט, אויף וועלכער די ראַדע

[1] וו. ווינישענקאָ, דאָס ציטירטע ווערק, צווייטער באַנד, זייטע 231.

האָט זיך געשטיצט, בעת זי האָט זיך אַנטשלאָסן צו פּראָקלאַמירן אירע מאַניפעסטן וועגן דער אומאָפּהענגיקייט (די אוניווערסאַלן), איז איצט ביי איר כמעט ניט געווען. ווי נאָר ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה צווישן פּעטראָגראַד און קיעוו, איז דאָס מיליטער פון דער ראַדע אין אַ גאַנצער רייע ערטער אַריבערגעגאַנגען אויפן צד פון די באָלשעוויקעס. אַזוי, למשל, האָט דאָס איבערגיין פון „אָרליקס פּאָלק" אין יעקאַטערינאָסלאַוו געבראַכט דאָ צום נצחון פון די באָלשעוויקעס, און אין קיעוו זיינען אויף זייער צד אַריבער די בעסטע אוקראַאינישע פּאָלקן — „העטמאַן דאָראָשענקאָס פּאָלק", „סאַהאַידאַטשנעס פּאָלק" און אפילו „דער ערשטער אוקראַאינישער פּאָלק אויפן נאָמען פון באָגדאַן כמעלניצקי"[1]. „דער גרעסטער טייל פונם באָלשעוויסטישן מיליטער איז באַשטאַנען פון אונזערע סאָלדאַטן טאַקע", שרייבט ווינישענקאָ. „פּאָלקן, וואָס האָבן געטראָגן די נעמען פון פאַרשיידענע העטמאַנס, וואָס זיינען אַזוי באַוואוסטזיניג, מיט אַזאַ אָרדנונג און שטאָלץ אַריינגעטראָטן אין דער רעזידענץ פון אוקראַאינע, כדי זי צו פאַרטיידיגן, וואָס האָבן אַזוי געקוויקט אַלע אוקראַאינישע נשמות מיט זייער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיניקייט און אויפריכטיקייט, מיט זייערע געל-בלויע פאָנען און אוקראַאינישע לידער, וואָס האָבן אַזוי הילכיג געשריען „סלאַוואַ" לכבוד דער אוקראַאינישער מאַכט, — אָט די זעלבע פּאָלקן האָבן שפּעטער מיט עטליכע וואָכן אינגאַנצן, עפּעס אויף אַ אומפאַרשטענדליכן אופן, אָנגעהויבן תחילת צו פאַרלירן זייער פעסטקייט, דערנאָך זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין אַפּאַטיע, אין „נייטראַליטעט" בנוגע צו די באָלשעוויקעס, און לסוף... האָבן זיי צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס זייערע אוקראַאינישע באַגנעטן געווענדעט קעגן אונז"[2]... שילדערנדיג די שטימונג פון דער ראַדע אין יענע טעג, ווען די באָלשעוויקעס האָבן זיך דערנעהנטערט צו קיעוו, שרייבט איינער, וואָס האָט צוגעזעהן די דאָזיגע געשעהנישן: „מער פון אַלעמען איז צו באַוואונדערן דאָס, וואָס די אוקראַאינער סאָלדאַטן רעאַגירן ניט אויף דעם". מיט אַ וואָך צוריק וואָלט אין ראַדע „קיינער ניט געוואַגט אַזוי אָפן אונטערהאַלטן די באָלשעוויקעס"[3].

דאָ באַגעגענען מיר זיך צום ערשטן מאָל מיט דער ערשיינונג, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אוקראַאינע: מיט דער וואַקלעניש פונם אוקראַאינישן דאָרף און דעם דאָרפס-יונג — דעם סאָלדאַט, פּאַרטיזאַן, „פּאָווסטאַנעץ" — פון איין מאַכט צו דער צווייטער, פון נאַציאָנאַלן באָלשעוויזם צום סאָציאַלן און להיפך, אין אַ צושטאַנד פון סטיכישן בונט. מיט דער דאָזיגער ערשיינונג וועלן מיר שפּעטער זיך ניט איינמאָל באַגעגענען. זי האָט געשפּילט די געפערליכסטע ראָלע בעתן בירגער-קריג און די נאַציאָנאַלע צוזאַמענשטויסן אין אוקראַאינע, דעם מקור פון וועלכע מיר ווילן אויפזוכן.

---

[1] דאָרט, ב. II, זייטע 255. זעה אויך דעם רוסישן זאַמלבוך „Малая Русь" – צווייטער טייל, 1918 (קיעוו) אונטער דער רעד. פון וו. שולגין, דעם אַרטיקל „די מלחמה פון די אוקראַאינער מיט די באָלשעוויקעס". לויט צייטונגס-ידיעות איז צו די באָלשעוויקעס אויך אַריבער „שעווטשענקאָס פּאָלק".

[2] וו. ווינישענקאָ, ציט. ווערק, באַנד II, זייטע 156.

[3] „נייע צייט", 13 №, פון 17-טן יאַנואַר 1918.

## II

אָהן אַ מאַכט.—דער צעפאַל פון רוסישער אַרמיי.—זעלבסט־דעמאָביליזאַציע. די אַנאַרכיע אויפן פראָנט און אויף די ערטער. — באַפעל פונם פראָנט־קאָמאַנדיר.—די ערשטע אָנפאַנגע אין ראַדע וועגן די פּאָגראָמען.—מאַסן־באַוועגונג פון עקסצעסן אין די פראָנט־גובערניעס. — ירידים און מאַרק־טעג.—סאָלדאַטישע און „שכורע" פּאָגראָמען. — די באַקעמפונג פון פּאָגראָמען. — די האַלטונג פון דער אָרטיגער מאַכט. — דער קאַמף צווישן די באָלשעוויקעס און אוקראַינער און פּאָגראָמען. — די עקסצעסן אין יאַנואַר 1918.

דער פּאָליטישער סכסוך און שפּעטער דער באַוואָפנטער קאַמף צווישן קיעוו און פּעטראָגראַד האָבן פאַרשטאַרקט די אַנאַרכיע אין קאַנט און געבראַכט דערצו, אַז אין אַ פּולע ערטער האָבן רעגירט צוויי מאַכטן, אָדער עס איז גאָר קיין מאַכט ניט געווען — און אין אָט דער אַטמאָספער פון אַנאַרכיע איז אויסגעוואַקסן דער מיקראָב פון פּאָגראָמען. בעת אין נאָוועמבער 1917 איז פאָרגעקומען דער פּאָגראָם אין קאַנעוו, קיעווער גובערניע, און דער פּראָקוראָר פונם קרייז־געריכט איז צוגעטראָטן מאַכן וועגן דעם אַן אויספאָרשונג, איז ער געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט שטיין, ווייל ער האָט אין שטאָט ניט געפונען קיין שום געזעצליכע מאַכט. אין אַ אָפיציעלער מעלדונג צום וויצע־סעקרעטאַר פאַר יידישע ענינים, וועלכער האָט וועגן אַזאַ אויספאָרשונג געבעטן, האָט דער פּראָקוראָר געשריבן: „איך בעט מיר באַלד מודיע זיין, ווער איז אין איצטיגן מאָמענט דער פאָרשטייער פון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט אין קאַנעוו, אויב אַזעלכער איז דאָרטן פאַראַן, און דעם דאָזיגן פאָרשטייער באַאויפטראָגן מיך באַקענען תיכף ומיד מיט די אמתע כחות, וואָס די געזעצליכע מאַכט פאַרמאָגט"[1].

די גרעסטע ראָלע האָט אין דער פּאָליטישער דעזאָרגאַניזאַציע פון לאַנד אין יענעם פּעריאָד געשפּילט דער קאַטאַסטראָפאַלער צעפאַל פון דער רוסישע אַרמיי. אויפן גורל פון אוקראַינע איז אין די יאָרן פון דער וועלט־מלחמה אויסגעפאַלן צו ליידן פון צוויי פראָנטן: פונם דרום־מערבדיגן און רומענישן. זומער 1917 האָט זיך דער טעאַטער פון די קריגס־אָפּעראַציעס איבערגעטראָגן טיפער אין לאַנד: די פראָנט־ליניע איז פון גאַליציע אַריבער אין וואָלינער גובערניע. פון דעם מאָמענט אָן, נאָך דער מפּלה ביי טאַרנאָפּאָל אין יולי 1917, ווערט אומגעהייער שטאַרק דער צעפאַל פון דער אַרמיי, וואָס

[1]) אַרכיוו פון מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים (1917–1918). די ווענדונג פונם פּראָקוראָר פון טשערקאַסקער קרייז־געריכט צום וויצע־סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים, פונם 20 נאָוועמבער 1917, נומער 3645.

האָט געבראַכט צו אַזעלכע ערנסטע פּאָליטישע רעזולטאַטן. די אַגיטאַציע פונם „באָלשעוויזם“ אין זיין ערשטער פּרימיטיווער פאָרם האָט געהאַט צווישן די סאָלדאַטן דעם גרעסטן ערפאָלג. די סאָלדאַטן, ביז גאָר אויסגעמאַטערטע און ווילדע פון דער מלחמה, פאַרלאָזן דעם פראָנט און צעלויפן זיך. ס'הויבט זיך אָן אַ הפקרדיגע דעמאָביליזאַציע, אָן עפנטליכע דעזערטירונג פון פראָנט אין טיף פון לאַנד[1]. אויפן וועג ראַבירן די סאָלדאַטן די גיטער און שטעטלאַך. דער פּאָגראָם פון גוראַלניעס און ספּירטסקלאַדן נעמט אָן אַ מאַסן־כאַראַקטער. די פאַרביטערונג און דער נאַטירליכער פּראָטעסט ווערן מגולגל ערטערווייז אין שכורע פּאָגראָמען און אַזעלכע ווילדע אַכזריותן, ווי ס'איז באַגאַנגען אין טאַרנאָפּאָל און קאַלושטש די רוסישע אַרמיי בעתן אָפּטרעטן פון גאַליציע: די סאָלדאַטן האָבן געמאַכט אַ תל פון די שטעט, האָבן געראַבעוועט, פאַרגוואַלטיגט און געהרגעט, און דערביי האָט הויפּטזאַכליך געליטן די יידישע באַפעלקערונג. דער קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי האָט באַלד נאָך די גוואַלדטאַטן פאַרעפנטליכט אַ באַפעל, אין וועלכן ער שרייבט: „איך האָב באַפוילן צו דערשיסן די דאָזיגע נידערטרעכטיגע יונגען אָהן אַ שום משפּט. ספּעציעל באַשטימטע קאָמאַנדעס האָבן שוין צעשאָסן 14 אויסוואורפן גלייך אויפן אָרט, בעת זיי האָבן באַגאַנגען זייערע פאַרברעכענס“[2]. טאַרנאָפּאָל און קאַלושטש זיינען געווען אַ סימפּטאָמאַטישע התראה — דער מיליטערישער דעמאָראַליזירטער ערב־רב האָט זיך שוין פּסיכאָלאָגיש אַראָפּגעגליטשט ביז דער שטופּע פון פּאָגראָמען. ס'דאַרף דערביי אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אוקראַינע איז בלויז געווען די טעריטאָריע, וואו די דאָזיגע פּאָגראָם־פּסיכאָלאָגיע איז צום ערשטן מאָל נתגלה געוואָרן; די אָנטיילנעמער אָבער זיינען ניט געווען קיין אוקראַינער, בכל אופן ניט נאָר אוקראַינער, נאָר דער רוסישער סאָלדאַט בכלל, ווייל וואָלין און פּאָדאָליע זיינען געווען דער טעאַטר פון קריגס־אָפּעראַציעס פון דער גאַנצער אַלרוסלענדישער אַרמיי.

שילדערנדיג דאָס בילד פון דער אַנאַרכיע אין יענעם פּעריאָד אין פראָנט־רוקן און אויפן פראָנט גופא, כאַראַקטעריזירט וו. ווינישענקאָ די כחות, וואָס האָבן מיטגעווירקט דער דאָזיגער אַנאַרכיע, מיט פאָלגנדיגע ווערטער: „די פּויערן, זייענדיג אויסגעמוטשעט פון דער מלחמה, אויפגערעגט דורך דער רעוואָלוציע, אָרעמע אין זייער גייסטיגן לעבן, אין צייט־פאַרווייַלונגען, האָבן זיך אַ וואָרף געטון צום אַלקאָהאָל, געזוכט אינם שכרות אַ שטיקל טרייסט און פרייד. אין אַלע דערפער האָבן זיך אַנטוויקלט אין

---

[1] די ווירקונג פון דער דעמאָביליזאַציע איז געווען נוראַדיג. כדי צו האָבן אַ קלאָר בילד פון דער דאָזיגער ערשיינונג, ווי די סאָלדאַטן האָבן דעמאָלט געהאַלטן אין איין אַנטלויפן, איז אינטערעסאַנט דער פאַקט, וואָס דער אוקראַינישער מיניסטער מ. פּאָרש האָט דעם 3־טן יאַנואַר 1918 געבראַכט אין דער קליינער ראַדע, בעת ס'איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן רעאָרגאַניזירן די אַרמיי. פּאָרש האָט דערציילט, אַז פון עטליכע ק אָ ר פּ ו ס ן איז געבליבן בסך הכל צו . . . 70 מענשן, און אַז דאָס גאַנצע מיליטערישע פאַרמעגן ווערט דורך די סאָלדאַטן, וואָס דעמאָביליזירן זיך, צערויבט.

[2] מיר ציטירן לויטן „ר אַ ז ס ו ו ע ט“, 4–5 №, פונם 6־טן אויגוסט 1917.

אַ אומגעהייערער צאָל היימישע בראָנפּן־זאַוואָדן, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט ספּירט — „סאַמאָהאָנקע“... דאָס דאָרף האָט געשכּורט, פאַרטשמעלעט און פאַרסמט פונם בראָנפן, געהאָפּט צו ראַטעווען זיך מיט דער „סאַמאָהאָנקע“. די דאָרפישע (און אויך די שטאָטישע) מיליציע איז געווען שלעכט אָרגאַניזירט, קיינער האָט זיך צו איר ניט באַציגן מיט אַכטונג, האָט פאַר איר קיין מורא ניט געהאַט... דער געריכט האָט ניט פונקציאָנירט... דאָס פאָלק האָט אַ אויסוועג און גערעכטיקייט געפונען אין זיך זעלבסט. ס'איז אַוועק אַן עפּידעמיע פון „זעלבסטגעריכטן“. „פונם פראָנט האָבן זיך אַלאָז געטאָן דעזערטירן. אין צאָרן פאַר די יסורים, וואָס זיי האָבן איבערגעטראָגן אינם שלאַכט־גיהנום, און אויסגעמוטשעטע האָבן זיי ווי אַ שרעקליכע שוואַרצע קראַפּט באַדעקט דאָס לאַנד, פאַרשטאָפּט אַלע אייזנבאַן־ליניעס, געמאַכט נאָך גרעסער די אומאָרדנונג און אָפּט זייער כּעס און יאוש אויסגעלאָזט צו די קעפּ פון אומשולדיגע מענשן“ [1]. אויפן צוזאַמענפאָר פון די גובערניאַלע און אויעזד־קאָמיסאַרן פון דער „אַוטאָנאָמער אוקראַינע“, וועלכער איז פאָרגעקומען אין קיעוו אָנהויב סעפּטעמבער 1917, האָבן אַלע פאָרשטייער פון גובערניעס געשילדערט אַ בילד פון פולער אַנאַרכיע אין געגנט. „איבער דער גובערניע גייט אַ כוואַליע פון זעלבסטגעריכטן“, האָט געמעלדעט דער קאָמיסאַר פון פּאָלטאַווער גובערניע. „אין דער גובערניע קומען פאָר גרויסע אומרוהען און פּאָגראָמען, וואָס ווערן געמאַכט דורך די סאָלדאַטן, מ'איז אויך מאַסנווייז עובר אויף די געזעצן פון די אַגראַרע און וואַלד־אָרדנונגען“, האָט ערקלערט דער קאָמיסאַר פון וואָלין. דער קאָמיסאַר פון פּאָדאָליע האָט אויך געמעלדעט וועגן גוואַלדטאַטן, וואָס עס באַגייען די סאָלדאַטן פון דער רוסישע אַרמיי, וועלכע טרעטן אָפּ פון פראָנט [2].

די עקסצעסן פון די סאָלדאַטן האָבן באַוועגט דעם קאָמאַנדיר פונם דרום־מערבדיגן פראָנט צו פאַרעפנטליכן אין אָקטאָבער 1917 אַ ספּעציעלן באַפעל, אין וועלכן ס'ווערט אָנגעוויזן, אַז „אושיצע, מאָהילעווער, ליטינער, לעטיטשעווער, אַלט־קאָנסטאַנטינאָווער, זאַסלאַווער, אָסטראָווער און אַנדערע אויעזדן קלאָגן יאָמערליך אונטערן אָנגריף פון די דעמאָראַליזירטע באַנדעס“ [3]. די דאָזיגע אַלע אויעזדן געהערן צו די געדיכט באַזעצטע יידישע געגנטן. די פראָנט־וועגן און די וועגן פון דער זעלבסט־דעמאָביליזאַציע זיינען געלעגן איבער יידישע שטעט און שטעטלאַך, וואָס האָבן געדיכט באַדעקט מערב־אוקראַינע. און אַלע צרות פון דער סטיכישער דעמאָביליזאַציע און פון דער אומגליקליכער מלחמה האָבן זיך קודם כּל אויסגעלאָזט צום קאָפּ פון דער יידישער באַפעלקערונג ביים פראָנט־ראַיאָן. אָט וואָס פאַר אַ בילד פון דעם, וואָס דאָס יידישע שטעטל האָט אין יענע טעג איבערגעלעבט, עס שילדערן די ידיעות פון די ערטער: „די אַנאַרכיע פאַרכאַפּט אַלץ מער און מער אונזער געגנט,—שרייבט מען פון וואָלין—אין אַ באַזונדער שווערן צושטאַנד געפינט זיך די יידישע באַפעלקערונג. מענשן, געקליידעט ווי סאָלדאַטן,

---

[1] וו. ווינישעווסקאָ, דאָס ציטירטע ווערק, צווייטער באַנד, זייטע 50.
[2] פּ. כריסטיוק, דאָס ציטירטע ווערק, צווייטער באַנד, זייטע 14.
[3] „קיעווסקאַיאַ מיסל“, פונם 10־טן אָקטאָבער 1917, באַפעל פונם 1־טן אָקטאָבער, № 1021.

ראַבירן, פּאַרניכטן, צינדן. די שרעקן, וואָס מ׳לעבט איבער, איז ניט צו באַשרייבן. די סאָלדאַטן, וואָס געפינען זיך דאָ, האַלטן זיך פאַר „באָלשעוויקעס“, זיי מאַכן אָן אומגליקן און פאַרשטאַרקן די אַנאַרכיע. „ס׳איז ניט אונזערס, מיר זיינען ניט קיין אוקראַינער“ — דאָס איז זייער אויסרייד“ [1]). פון אַ אַנדער אָרט אין קיעווער גוב. מעלדעט מען קורץ: „אין כאַבנע איז צעראַבירט געוואָרן דאָס פאַרמעגן פונם גוטבאַזיצער; דער ספּירט ווערט צעראַבירט; שכורע באַנדעס טעראָריזירן די באַפעלקערונג. אַ יידישער פּאָגראָם איז אומפאַרמיידלאַך, הילף איז פון ערגעץ ניטאָ“ [2]).

ניט קוקנדיג אויפן אַקטיוון אָנטייל פון די סאָלדאַטן אין די דאָזיגע עקסצעסן, זיינען דאָס ניט געווען קיין ריין מיליטערישע פּאָגראָמען, פון יענעם טיפּ, למשל, מיט וועלכע די רוסישע אַרמיי האָט זיך פונם סוף 1914 יאָר קונה שם געווען אין פּוילן און אין גאַליציע, און אין יולי-אָקטאָבער 1915 אין גראָדנער, קאָוונער, ווילנער, מינסקער און וואָלינער גובערניע — דאָס הייסט אינם גאַנצן נעבן-פראָנט-ראַיאָן. איצט באַטייליגט זיך אין פּאָגראָם זייט ביי זייט מיטן ס אָ ל ד אַ ט אויפן זעלבן אַקטיוון אופן — ד ע ר פּ ו י ע ר. דער סאָלדאַט, מערסטנטייל דער רוסישע סאָלדאַט, איז געווען אַ זייטיגער עלעמענט אין געגנט, אַ פרעמדנעקומענער, זיינע מעשים האָבן געדויערט אַ באַשטימטן פּעריאָד, כל זמן ס׳האָט עקזיסטירט דער דייטש-רוסישער פראָנט און ס׳האָט זיך געצויגן די דעמאָביליזאַציע. דער פּויער אָבער איז געווען אַן אָרטיגער פעסטער עלעמענט, אַ לאַנגאָנגעדיגער, דער שטענדיגער תושב פון אוקראַינע, און זיין אַריינטריט אין פּאָגראָם-קרייז האָט געטראָגן אַ מער פּערמאַנענטן און ניט בערך מער סכנותדיגן כאַראַקטער. די שטאַרקע אויפרעגונג, וואָס ס׳איז געקומען אין דאָרף נאָך דער רעוואָלוציע און וואָס האָט געהאַט טיפע סאָציאַלע יסודות, האָט אין אוקראַינע מער ווי אומעטום אָנגענומען די פאָרם פון אַ צעשטערונגס-בונט. די באַוועגונג פון פאַרכאַפּן פּריוויש ערד, פון אונטערצינדן און חרוב מאַכן מאַיאָנטקעס, פון אויסהרגענען די איינענטימער זייערע, די שנאה צו דער שטאָט, וואָס „באַהאַלט די סחורות“ און גיט נאָרניט דעם דאָרף, — דאָס זיינען אַלץ ערשיינונגען, וואָס זיינען באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַרן אוקראַיניש ן פּויער. די סטיכיע פון סאָציאַלן בונט ווערט אין אימפּעט פון דער בירגער-מלחמה מגולגל אין אַ כטיכיע פון אַנטי-יידישע פּאָגראָמען. דאָס שטאָטישע קליינבירגערטום, וואָס האָט די ערשטע חדשים נאָך דער רעוואָלוציע געשפּילט אין דער וואַקסנדער פּאָגראָם-באַוועגונג אַן אַקטיווע ראָלע, טרעט איצט אָפּ אָן אַ זייט.

דעם 28 נאָוועמבער 1917 איז אין דער קליינער ראַדע אַריינגעטראָגן געוואָרן דורך י. שעכטמאַנען, אין נאָמען פון דער ציוניסטישער פראַקציע, די ע ר ש ט ע אָנפראַגע וועגן די פּאָגראָם-עקסצעסן. „דעפּעשן וועגן פּאָגראָמען, — ווערט געזאָגט אין דער

[1]) אַ ר כ י ו ו פ ו ן מ י נ י ס ט ע ר י ו ם פ אַ ר י י ד י ש ע ע נ י נ י ם (1917–1918). די מעלדונג פון דער יידישער באַפעלקערונג פון סודילאָווקע, וואָלינער גובערניע, פונם 13-טן דעצעמבער 1917.

[2]) ד אָ ר ט, די דעפּעשע פון כאַבנאָ פונם 10-טן דעצעמבער 1917.

אָנפּראַגע, — זיינען אָנגעקומען מער ווי פון 30 פּונקטן פון פּאָדאָליער, וואָלינער און קיִעווער גובערניע. אין די דעפּעשן ווערט אָנגעוויזן אויף דער הילפלאָזער לאַגע פון דער באַפעלקערונג, וואָס איז איבערגעגעבן אין רשות פון די רויבערישע, שכּורע פּאָגראָם-באַנדעס. ס'ברענען שטעט, ס'זיינען צעראַבירט קלייטן, ס'איז פּאַרניכטעט דאָס בעל-הביתשע האָב און גוטס, דער ווילדער המון מאַכט אָהן רחמנות אַ זינלאָזן תּל פונם ביסל פּאַרמעגן פון דער טעראָריזירטער יידישער אַרבעטנדער מאַסע. דאָס לעבן פון דער אומבאַשיצטער באַפעלקערונג הייגנט אויף אַ האָר... די אָרטיגע מאַכט איז גאָר ניט בכּח צו טאָן... דער אומגליק פון דער באַשאַפענער לאַגע ווערט פּאַרגרעסערט דורך דעם, וואָס די געזונדסטע און דערוואַקסענע טיילן פון דער יידישער מענליכער באַפעלקערונג געפינען זיך אין דער אַרמיי. ס'איז ניטאָ ווער ס'זאָל געבן אַ ווידערשטאַנד די רויבער; ס'זיינען פּאַרבליבן בלויז זקנים, קינדער און אומבאַהאָלפענע פרויען; ס'דראָהט אַ סכּנה זייער לעבן און זייער כּבוד". דעם 19-טן דעצעמבער 1917 זיינען אין דער ראַדע צום צווייטן מאָל אַריינגעטראָגן געוואָרן צוויי אָנפראַגן וועגן די פּאָגראָמען (אין נאָמען פון דער ציוניסטישע פראַקציע — ג. סירקין און אין נאָמען פון „בונד" — ד. ליפּעץ), אין וועלכע ס'איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז „די פּאָגראָם-כוואַליע אין אוקראַינע ווערט ניט נאָר ניט קלענער, נאָר האַלט אין איין וואַקסן".

די, וואָס האָבן די אָנפראַגע אַריינגעטראָגן, האָבן באַנוצט אַביסל צו שטאַרקע אויסדרוקן, בעת זיי האָבן גערעדט וועגן „אַ פּאָגראָם-כוואַליע". אין יענער צייט האָט געקענט זיין אַ רייד ניט וועגן פּאָגראָמען אין ברייטן זין פון וואָרט, נאָר וועגן זייער ערשטער פאָרם — וועגן עקסצעסן, רויבערייען, גוואַלדטאַטן, און נאָר אין זעלטענע פאַלן וועגן פּאָגראָמען מיט מענשליכע קרבנות. כּדי צו באַווייזן, ווי איבערטריבן די יידישע כּלל-טוער האָבן זיך דעמאָלט פּאָרגעשטעלט די גרויס פון דער פּאָגראָם-באַוועגונג, וועלן מיר דאָ ברייגגען פּאָלגנדיגע פאַקטן: דער פּאָרשטייער פון „בונד", ד. ליפּעץ, האָט אין דעצעמבער ערקלערט אין דער ראַדע, אַז „בלויז פּאַר איין טאָג זיינען אָנגעקומען 214 דעפּעשן וועגן אומאָרדנונגען אין 3 גובערניעס פון אוקראַינע"... ניט קיין קלענערע גוזמא איז געווען אין די ווערטער פונם פּאָרשטייער פון דער ציוניסטישער פראַקציע, ג. סירקין, וועלכער האָט בעת דער צווייטער אָנפראַגע אין דער קליינע ראַדע, דעם 19 דעצעמבער 1917, ערקלערט, אַז „פּאָגראָמען קומען פאָר יעדן טאָג און ניט אין די צענדליגער, נאָר אין די הונדערטער"[2].

איינצעלנע עקסצעסן, ווי מיר האָבן עס געזעהען, זיינען פּאָרגעקומען שוין אין די ערשטע חדשים נאָך דער רעוואָלוציע, זיי האָבן אָבער געטראָגן אַן אומבאַדייטנדן און צופעלינן כאַראַקטער און זיינען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער העצע פון די שוואַרץ-מאהגיקעס. נאָך אין אַווגוסט זיינען אין אומאַן פּאָרגעקומען אומאָרדנונגען, אין וועלכע ס'האָט אָנטייל גענומען דער שטאָט-המון און וועלכע האָבן זיך „שיער ניט פּאַרענדיגט מיט אַ גראַנדיעזן פּאָגראָם", ווי די צייטונגען האָבן געשריבן[2]. אָבער

1) ליפּעצעס ווערטער, זעה „נייע צייט", 80 №, סירקינס-אין 2-טן טייל בוך.

2) „ראַזסוועט",(פּעטראָגר. וואָכנבלאַט), נ' 9, פונם 6-טן סעפּטעמבער 1917.

אַ שורה פון סיסטעמאַטישע פּאָגראָם־עקסצעסן הויבט זיך אָן פון חצי סעפּטעמבר, און די ערשטע צייט טראָגן זיי, ווי געזאָגט, אַ כאַראַקטער פון מיליטערישע און „שכּורע“ פּאָגראָמען. אין משך פון דריי און אַ האַלב חדשים — ביזן סוף פון 1917 יאָר — נעמט די באַהענונג אַרום איבער 60 פּונקטן, רעכענענדיג נאָר יענע פאַלן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט רעגיסטרירן — כמעט אויסשליסלעך אין קיעווער, וואָלינער און פּאָדאָליער גובערניע. אָבער פּאָגראָם־הכּנות, פּרובן צו מאַכן אַ פּאָגראָם און פּאָגראָם־העצעס זיינען פאָרגעקומען אין אַ באַדייטנד גרעסערער צאָל פּונקטן. עס איז קיין סך ניט אָפּגעגאַנגען, ס'זאָל אין קיעוו גופא דעם 11 סעפּטעמבער אויסברעכן אַ יידישער פּאָגראָם; ס'זיינען שוין פאָרגעקומען איינצעלנע עקסצעסן, איין יידישע פרוי איז געהרגעט געוואָרן. דער פּרוב איז אָבער ליקווידירט געוואָרן. „מ'מעג דעריבער זיכער זיין, — האָט אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיגע געשעהענישן געשריבן די „נייע צייט“, — אַז איינצעלנע אַרויסטרעטונגען קעגן יידן וועלן נאָך זיין, און וואָס ערגער ס'וועט ווערן די שפּייז־לאַגע און, בכלל, דער עקאָנאָמישער צושטאַנד אין לאַנד, אַלץ אָפטער און געפערליכער וועלן אַזעלכע אַרויסטרעטונגען ווערן. דאָס איז אַ געפאַר, וועלכער מ'מוז קוקן אָפן אין די אויגן און צו וועלכער מ'מוז זיין גרייט“[1].. לערך אין דער זעלבינער צייט זיינען איבער קיעוו פאַרשפּרייט געוואָרן אַנטיסעמיטישע אויפרופן, וועלכע שטאַמען קלאָר פון מאָנאַרכיסטישן קרייזן: „וואַך אויף פון דיין שלאָף, רוסישע פאָלק“ — ווערט געזאָגט אין אויפרוף. „ערשט ניט לאַנג האָט די זון געלויכטן, דער רוסישער צאַר האָט באַזוכט קיעוו, און איצט זיינען אומעטום זשידעס. נאָמיר אַראָפּוואַרפן דעם יאָך, מיר קענען עס מער ניט דולדן. זיי וועלן ברייננען אונזער פאָטערלאַנד צו אַ חורבן. נידער מיט די זשידעס! פאַראייניג זיך, רוסישע פאָלק. גיט אונז דעם צאַר!“[2]).

שוין אין אַ האַלב יאָר אַרום נאָך דער רעוואָלוציע און דער גלייכבאַרעכטיגונג האָט זיך איבערן קאָפּ פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אוקראַינע פאַרצויגן די ספּעציפישע אַטמאָספער פון פּאָגראָם־שרעקן און סכּנות, וואָס איז אָפט ערגער פון פּאָגראָמען און גוואַלדטאַטן גופא. אין אייניגע פּונקטן האָבן די פּאָגראָם־עקסצעסן פון יענעם פעריאָד אָנגענומען זעהר ערנסטע פאָרמען פון גוואַלדטאַטן מיט מענשליכע קרבּנות. אין אָסטראָג, וואָלינער גובערניע, האָט דער 266 פאָלק, וועלכער איז דאָ געהאַט געשטאַנען, געמאַכט דעם 30־טן סעפּטעמבער אַ פּאָגראָם; אַלע יידישע הייזער און קלייטן זיינען צעראַבירט געוואָרן, אייניגע — פאַרברענט, עטליכע יידישע איינוואוינער האָט מען בעת מעשה געהרגעט, אייניגע פאַרוואונדעט; די שטאָט אין אַלגעמיין איז דערביי צעראַבירט געוואָרן [3]). ערנסטע פאַר יענע צייט געשעהענישן זיינען פאָרגעקומען אויך אין יאַמפּאָל, פּאָדאָליער גובערניע, וואו אַ המון סאָלדאַטן און פויערן האָבן

[1]) „נייע צייט“, № 9, 15־טן סעפּט. 1917, אַרטיקל „די אַגיטאַציע קעגן יידן“.

[2]) מיר ציטירן לויטן „ראַזסוועט“, נומער 9, פונם 6־טן סעפּט. 1917.

[3]) אַרכיוו פון „קאָפּע“. די מעלדונג וועגן אָסטראָג פונם באַפולמעכטיגטן פאַר וואָלינער גובערניע, פונם 4־טן דעצעמבער 1917. נאָכן פּאָגראָם איז געגרינדעט געוואָרן אַן אָרטיגע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע.

אונטער דעם אָנפֿיר פֿון אַ מאַטראָס אונטערגעצונדן דעם 6־טן נאָוועמבער די יידישע הייזער, זיי צעראַבירט און געהרגעט 4 יידן. ווענדענדיק זיך נאָך הילף צום קאָמאַנדיר פֿונם מיליטער אין קיעווער קרייז, מעלדעט דער וויצע־סעקרעטאַריאַט פֿאַר יידישע ענינים וועגן דער דעפּעשע, וואָס איז אָנגעקומען פֿון פּראָווינץ: „יאַמפּאָל איז רואינירט. פֿון טאָ־מאַשפּאָל, פּאָדאָליער גובערניע, גיט מען איבער, אַז די כוואַליע רויבער פֿון יאַמפּאָל גייט אויף טאָמאַשפּאָל" [1]). יאַמפּאָל האָט שפּעטער אַ צווייטן מאָל איבערגעלעבט פּאָגראָם־שרעקן; איבער דער שטאָט זיינען געווען פֿאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס, וואָס האָבן גערופֿן צו אַ שחיטה אויף יידן.

אַן ערנסטן כאַראַקטער האָבן אויך געטראָגן די עקסצעסן אין ראַשקאָוו, פּאָדאָליער גובערניע. דעם 30־טן דעצעמבער איז אַהער אָנגעקומען אָפּצורוהען אַ מאה קאָזאַקן פֿון דער 4 ארמיי. „פֿאַרנאַכט צו — שרייבן די אָרטיגע איינוואוינער אין זייער מעלדונג — האָט זיך אַ טייל פֿון די קאָזאַקן באַוואָפֿנט מיט ביקסן, באַוויזן אין די הויפּט גאַסן פֿונם שטעטל און אָנגעהויבן שיסן אויף די הילפֿלאָזע מענשן, פֿאַרשפּרייטנדיק אַ פּאַניק אין גאַנצן שטעטל. אין דער זעלביגער צייט האָט אַ צווייטער טייל אַרומגעצוימט מיט פּאַטרולן די זייטיגע גאַסן און געסלאַך, אָפּשניידנדיק דעם וועג די איינוואוינער, וואָס זיינען פֿון זייערע הייזער אַנטלאָפֿן, כדי צו באַהאַלטן זיך אין מער זיכערע ערטער. די קאָזאַקן האָבן דערהרגעט צוויי יידן אויף טויט און האָבן גענומען ראַבירן קלייטן און פּריוואַטע דירות. זיי האָבן צעראַבירט אַלע סחורות, פֿאַרניכטעט דאָס מעבל, אויפֿגעבראָכן די טירן און פֿענסטער פֿון די הייזער און געמאַכט אַ פֿולן חורבן. אַ פֿינסטערע מאַסע פּויערים איז צו זיי צוגעשטאַנען און האָט זיי געהאָלפֿן אין פּאָגראָם" [2]). אין אָווורוטש, וואָלינער גובערניע, איז דער פּאָגראָם פֿאָרגעקומען דעם 16 דעצ. „לויט דעם אַלטן רוסישן שטייגער מיט אַלע זיינע אַטריבוטן", ווי עס שרייבט אַן עד ראיה. די סאָלדאַטן האָבן אַ גאַנצע נאַכט געשאָסן און געראַבירט די קלייטן, און אין דער פֿריה איז קלאָר געוואָרן, אַז אַריבער 60 יידישע קלייטן זיינען חרוב געוואָרן. „אַז מיר האָבן זיך אַ וואָרף געטון אין שטאַב פֿונם 265־טן פּאָלק, וואָס איז ביי אונז געשטאַנען, און צו דער קאַראַול־קאָמאַנדע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָט די אַלע שומרים זיינען באַשעפֿטיקט ביי די קראָמען, אייניגע פֿון זיי האָבן געראַבירט, אַנדערע זיינען געשטאַנען און פֿאַרטיידיקט די רויבער, שיסנדיק אין דער לופֿטן און ניט דערלאָזנדיק, אַז זייטיגע מענשן זאָלן זיי שטערן... די סחורות האָבן אַרויסגעפֿירט די פּויערן, וואָס זיינען מיט שליטנס זיך צונויפֿגעפֿאָרן פֿון די אַרומיגע דערפֿער". איינער פֿון די יידישע איינוואוינער, וואָס האָט געוואָלט שטערן די רויבערייען, איז געהרגעט געוואָרן [3]). פּרובן

---

1) אַרכיוו פֿון מיניסטעריום פֿאַר יידישע ענינים (1917–1918), רעג. 160 №, דעפּעשע פֿון יאַמפּאָל.

2) אַרכיוו פֿון מיניסטעריום פֿאַר יידישע ענינים די מעלדונג פֿון ראַשקאָווער איינוואוינער, באַקומען דעם 10־טן יאַנואַר 1918.

3) דאָרט, די מעלדונג פֿון אַ עדות וועגן פּאָגראָם אין אָווראָטש, פֿונם 17־טן דעצעמבער 1917.

צו ראַבעוון זיינען געמאַכט געוואָרן אויך אין די שכנותדיגע שטעטלאַך, און נאָרינסק, סלאָוועטשנאַ און אַנדערע. אין זשאַבאָקריטש, וואָלינער גובערניע, איז אַ המון פויערן אָנגעפאַלן דעם 22 אָקטאָבער אויף די יידן, זיי אָנגעהויבן שלאָגן, אַ סך פאַרוואונדעט און צעראַבירט דאָס שטעטל. אין סקווירע, קיעווער גובערניע, האָט אַ המון סאָלדאַטן געמאַכט דעם 23־טן אָקטאָבער בעתן יריד אַ פּאָגראָם. נאָכן פּאָגראָם אין סקווירע איז פון קיעוו אַרויסגעפאָרן אַ ספּעציעלע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וואָס איז קאָמאַנדירט געוואָרן פונם גענעראַל־סעקרעטאַריאַט און אין וועלכער ס׳האָט זיך באַטייליגט אויך אַ פאָרשטייער פונם יידישן וויצע־סעקרעטאַריאַט. דער דאָזיגער פאָרשטייער האָט אין זיין באַריכט געשילדערט אַזאַ בילד: „דער המון, וואָס איז באַשטאַנען פון סאָלדאַטן און „מעשטשאַנעס“, האָט קאַלטבלוטיג געראַבירט די יידישע קראָמען און פּריוואַטע הייזער און מערדערליך געשלאָגן די יידן. צווישן המון האָבן זיך געפונען מיליציאָנערן און אַ מיליטער־פּאַטרול, וועלכע האָבן רוהיג צוגעקוקט צו דעם, וואָס קומט פאָר, און אייניגע פון זיי האָבן זיך אפילו אַליין באַטייליגט אינם פּאָגראָם... מ׳האָט אויך אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז יידן האָבן געשאָסן אינם המון, און ס׳האָט זיך געעפנט אַ שיסעריי אויף די יידישע הייזער. אַלס רעזולטאַט זיינען דאָ אַ גרויסע צאָל צעראַבירטע יידישע קראָמען און וואוינונגען, 6 שווער פאַרוואונדעטע יידן און 4 לייכט פאַרוואונדעטע“. די דערמאָנטע קאָמיסיע האָט צוזאַמען מיט דער פּראָקוראַטור געפירט די אויספאָרשונג און אַרעסטירט פיל אָנטיילנעמער אינם פּאָגראָם [1]. אַ פּאָגראָם מיט מענשן־קרבנות האָבן די סאָלדאַטן געמאַכט אויך אין מאָנאַסטירישטשע, קיעווער גובערניע, וואו ס׳זיינען דעם 19 נאָוועמבער דערהרגעט געוואָרן 3 יידן. ערנסטע פאַר יענער צייט עקסצעסן זיינען אויך פאָרגעקומען אין יעדינעץ, פּאָדאָליער גובערניע, וואו אין משך פון אַ וואָך, פון סוף נאָוועמבער, האָבן די סאָלדאַטן, צוזאַמען מיט די היגע „קאַצאַפּעס“, חרוב געמאַכט אַלע יידישע קלייטן, האָבן פיל יידישע הייזער פאַרבערנט און האָבן עטליכע מענשן פאַרוואונדעט. דעם פּאָגראָם האָט איינגעשטילט אַ מיליטער־אָפּטיילונג, וועלכע איז ספּעציעל אַראָפּגעקומען [2].

דאָך האָבן ניט אומעטום די אומרוהען אָנגענומען אַזאַ ערנסטע פאָרם מיט מענשליכע קרבנות. געוויינליך, פלעגן זיך די עקסצעסן אויסדריקן אין אָנפאַלן אויף יידישע קלייטן און הייזער, אין רויבערייען, אַמאָל אין שלאָגן. אָבער תמיד, אין אַלע פאַלן, איז איבער יידישע קעפּ געהאַנגען די סכנה פון פּאָגראָמען און דער שרעק פון נוואַלדטאַטן, — אפילו דאָרטן, וואו דער פּאָגראָם פלעגט ליקווידירט ווערן אויף דער שוועל פון בלוטפאַרגיסונג. אָט דאָס טיפּישע בילד פון פּאָגראָם־שטימונג ווערט געשילדערט אין אַלע מעלדונגען פון די ערטער. לויט די דאָזיגע ידיעות, זיינען אַ גאַנצע רייע פּאָגראָם־אַרויסטרעטונגען, פון איין זייט, און פּאָגראָם־שרעקן — פון דער

---

1) „נייע צייט“ פונם 28 אָקטאָבער 1917; זעה אויך: אַרכיוו פונם יידישן מיניסטעריום.

2) „דער טעלעגראַף“ (קיעווער צייטונג). נומער 20, פונם 11־טן דעצעמבער 1917.

צווייטער פאַרבונדן מיט די *ירידים* אָדער מיט די *מאַרק-טעג*. ווען די אַרומיגע פּויערן פאָרן זיך צונויף מאַסנווייז, ווען ס'קלויבן זיך צונויף סאָלדאַטן, און די סטיכיע פון הפקרות און שנאה בריינגט צו אַ יידישן פּאָגראָם. דער צוזאַמענהאַנג צווישן פּויערשן יריד, וואָס פאַלט אַמאָל אויך צונויף מיט דעם אָרטיקן קלויסטער-חגא, און צווישן אַ יידישן פּאָגראָם — איז אַן אַלטע ערשיינונג, וואָס ליגט אין דער טבע פון דער היסטאָרישער אוקראַינע נאָך פון די צייטן פון כמעלניטשינע און הײדאַמאַקעס. אַזוי איז, למשל, געווען אינם באַרימטן טאָג פון „מקדש זיין די מעסערס“ אין טשיגירין, ווען ושעלעזניאַק האָט אויפגעהויבן דעם הײדאַמאַקן-אויפשטאַנד און האָט אים פאַרענדיקט מיט דער אומאַנער שחיטה. ווי דעמאָלט, אַזוי אויך איצט, איז אָט דער שטריך כאַראַקטעריסטיש מער פאַרן ערשטן פּעריאָד פון דער פּאָגראָם-באַוועגונג, ווען דעם פּאָגראָם פעלט נאָך דער אויסערער אימפּולס, דער פּאַסנדער סטימול, ווען ער איז פעהיג אויסצוברעכן נאָר אינם פאַרהוליעטן שכורן יריד.

„דעם 6-טן נאָוועמבער, בעתן יריד אין קאַמענקע (פּאָדאָליער גובערניע), האָט זיך אַהין אָנגעהויבן צונויפפאָרן פון די אַרומיגע דערפער אַ גרויסער עולם, צווישן וועלכן ס'זיינען געווען פיל סאָלדאַטן און חשודיגע פּערזאָנען“, — איז מודיע דער מיליציע-שעף דעם גובערניאַלן קאָמיסאַר. דער המון האָט באַלאַגערט די מיליציע, וואָס איז דאָ געווען, און אָנגעהויבן ראַבירן די קלייטן; פונם המון רויבער האָט מען אין דער מיליציע געוואָרפן 8 האַנט-באָמבעס, די מיליציע איז געווען געצוואונגען אפילו צו שיסן אינם המון מיט קרינס-פּאַטראָנען, און אַלס רעזולטאַט זיינען צווישן די רויבער געפאַלן 2 הרוגים און 7 פאַרוואונדעטע [1]). די יידישע פאָרשטייער זיינען מודיע פונם שטעטל קאָטעלני, וואָלינער גוב., אַז „די פּויערשע באַפעלקערונג רעדט אָפן, אַז ניט נאָר דאָס פאַרמעגן מעג און דאַרף ביי די יידן צוגענומען ווערן, נאָר אַז די יידן אַליין זיינען אויסער דעם געזעץ, און מ'קען מיט זיי טאָן, וואָס דאָס האַרץ גלוסט“, און אַז מ'ריכט זיך אויף אַ פּאָגראָם בעתן יריד [2]). דער ראש פונם אַדל אין אָסטראָג, וואָלינ. גוב., ווענדעט זיך טעלעגראַפיש אין מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים מיט אַ בקשה זיך משתדל זיין מ'זאָל אַוועקנעמען די פּאָגראָם-געשטימטע סאָלדאַטן פון ליאַכאָווצי, וואָלינער גובערניע, „אַנדערש, — שרייבט ער, — דראָהט אַ חורבן דעם שטעטל, וואו ס'דאַרף דעם 15 יאַנואַר פאָרקומען אַ יריד“ [3]). „די באַפעלקערונג לעבט די גאַנצע צייט אין אַ פּאַנישן צושטאַנד, באַזונדערס אין יריד-צייט“, איז אויך מודיע דעם 11 נאָוועמבער דער פּרעזיצער פון דער שטאָטישער אופּראַווע אין איליאינצי, קיעווער גובערניע. אין מיאַסטקאָווקע, פּאָדאָליער גובערנע, זיינען דעם 30-טן אָקטאָבער פאָרגעקומען פּאָגראָם-עקסצעסן, מ'האָט צעראַבירט איבער 50 יידישע קלייטן און 30 הייזער, דאָס פאַרמעגן צוגענומען

[1]) *ארכיוו פונם מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים*, קאָפּיע פון דער מעלדונג, וואָס דער שעף פון אָלגאָפּאָלער אויעזד-מיליציע פון פּאָדאָליער גובערניע האָט געשיקט דעם גוב. קאָמיסאַר, פונם 22 נאָוועמבער 1917.

[2]) *דאָרט*, רעג. 81 №, פונם 15-טן נאָוועמבער 1917.

[3]) *דאָרט*, די דעפּעשע פון ליאַכאָווצי, באַקומען דעם 16-טן יאַנואַר 1918.

אָדער פּאַרניכטעט; „יעדע וואָך, בעת ס׳קומט דער יריד, ריכטן מיר זיך אויף אַ פּאָגראָם, און ס׳איז שוין ניט מעגליך אַזאַ לעבן אויסצוהאַלטן“, שרייבן די איינוואוינער פונם שטעטל [1]. אין טאַלנע, קיעווער גובערניע, זיינען בעתן יריד, דעם 12⸗טן דעצעמבער, צעראַבירט געוואָרן כמעט אַלע יידישע קלייטן, דערביי האָט זיך אין פּאָגראָם באַטייליגט אויך דער אָרטיגער גאַרניזאָן. די יידישע סאָלדאַטן האָבן זיך אָרגאַניזירט און געוואָלט אָפּשטעלן דעם פּאָגראָם, דער גאַרניזאָן האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט זיי צו געבן ביקסן [2]. ענליכע ידיעות וועגן ערוואַרטנדע אָדער פאָרגעקומענע עקסצעסן בעת די מאַרק⸗טעג זיינען אָנגעקומען פון אַ גאַנצער רייע אַנדערע ערטער (אַנאָפּאָל, באַראָדיאַנקאַ, טאַגאַנטשע, טאָמאַשפּאָל, קאַנעוו און אַנדערע). כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט אַ קורצע דעפּעשע פון דריי ווערטער, וואָס די קאָראָסטישעווער קהלה האָט געשיקט דעם מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים: „דער יריד איז אַדורך בשלום“, דאָס האָט געהייסן: דאָס שטעטל איז ניצול געוואָרן פון אַ פּאָגראָם.

אַ קלאָר אויסגעשפּראָכענעם סאָלדאַטן⸗כאַראַקטער, ווי תמיד מיטן אַקטיוון אָנטייל פון די פּויערן, האָבן די פּאָגראָמען געטראָגן ניט נאָר אין די געגנטן, וואָס האָבן געגרענעצט מיטן פראָנט, נאָר אָפט אויך אין פראָנט⸗רוקן. פון אָווורוטשער אויעזד מעלדעט מען, אַז די סאָלדאַטן און פּויערן האָבן צעקלאַפּט די ספּירט⸗סקלאַדן און האָבן פיר טעג געראַבירט די יידישע באַפעלקערונג. „אין די 5 נעבנפראָנט⸗אויעזדן אָפּערירן באַוואָפנטע באַנדעס, — באַנדעס דראָהען צו פאַרכאַפּן גאַנץ וואָלין“, שרייבט אַ קאָרעספּאָנדענט פון יענע ערטער [3]. „אין אונזער שטעטל, — מעלדן די פאָרשטייער פון דעראַזשנע, פּאָדאָליער גובערניע, פונם 1⸗טן דעצעמבער 1917, — האָט מען די לעצטע צייט געשלאָגן די פרידליכע איינוואוינער, געמאַכט אַ פּאָגראָם און אונטערגעצונדן די יידישע קלייטן. דעם הויפּט⸗אָנטייל אינם פּאָגראָם האָבן גענומען דער 267⸗טער רעזערווער פוסגייער⸗פּאָלק און די 288 פערמער דרוזשינע, וואָס שטייען אין שטעטל, און די דורכגייענדע טיילן פונם 43⸗טן קאָרפּוס. איצט האָט מען מורא, אַז די זעלבע מיליטער⸗טיילן זאָלן ניט מאַכן קיין אַלגעמיינע שחיטה. דאָס לעבן אין שטעטל איז אָפּגעשטאָרבן. די בירגערליכע און מיליטערישע מאַכט איז פּאַסיוו“ [4]. „שוין אַריבער צוויי חדשים, — שרייבט אַ קאָרעספּאָנדענט פון פ אָ ל אָ נ ע, וואָלינער גובערניע, — אַז די שטאָט איז אין די אָרעמס פון אַ פּאָגראָם⸗שלאַנג“. סוף סעפּטעמבער האָבן די סאָלדאַטן, וואָס האָבן צעקלאַפּט די וויין⸗קעלערס, געמאַכט דאָ רויבערייען און אומרוהען; דעם 17 אָקטאָבער זיינען ווידער פאָרגעקומען אומאָרדנונגען מצד די סאָלדאַטן; אין פּאָגראָם⸗שרעקן האָט דאָס שטעטל געלעבט אויך די שפּעטערדיגע חדשים [5]. אין נאָ⸗

---

1) ד אָ ר ט, די מעלדונג פון מיאַסטקאָווקע, פונם 28⸗טן נאָוועמבער 1917.

2) „נ י י ע צ י י ט“, 80 №, פונם 18⸗טן דעצעמבער 1917.

3) „נ י י ע צ י י ט“, 77 №, פונם 14⸗טן דעצעמבער 1917.

4) אַ ר כ י ו ו פ ו ן י י ד י ש ן מ י נ י ס ט ע ר י ו ם, רעג. 250, פונם 10 דעצעמבער 1917.

5) „נ י י ע צ י י ט“, 1917, 15 №, אויך 41 №.

העמבר איז אין משך פון איין וואָך צוויי מאָל פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אין ר י ב נ י צ ע, פּאָדאָליער גובערניע. באַטייליגט האָט זיך אין פּאָגראָם דער 284=טער רעזערוו=פּאָלק. „אויב ס'וועט ניט אָנקומען קיין זיכערע מיליטער=טייל, — וועט פונם שטעטל ווערן אַש", שרייבט דער קאָרעספּאָנדענט[1]). דעם 23 אָקטאָבער האָבן אין ה י י ס י ן, פּאָדאָליער גוב., סאָלדאַטן, וואָס זיינען געלעגן אין 180=טן און 15=טן ווענערישע שפּיטאָלן, צעראַבירט די שטאָט[2]). ערנסטע עקסצעסן זיינען פאָרגעקומען, דעם 26=טן נאָוועמבר, אין א ו מ אַ ן. דער קאָמאַנדיר פון אומאַנער גאַרניזאָן האָט טעלעגראַפירט דעם גענעראַל=סעקרעטאַר פאַר מיליטער=ענינים וועגן דער לאַגע אין שטאָט: „עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם. די סאָלדאַטן האָבן צעראַבירט די געווער=קלייטן. הייזער ברענען. די סאָלדאַטן ראַבירן די שטאָט. אין שטאָט גייט אַ שיסעריי. פון דעם אַרומיגן געגנט קומען אָן פּויערן און נעמען אָנטייל אין ראַבירן די געוועלבן. די לאַגע איז אַ כּראַגישע"[3]).

אין אייניגע פונקטן, וואו די עקסצעסן האָבן זיך אָנגעהויבן, האָט די אָרטיגע מיליטערישע אָדער ציווילע מאַכט אָנגענומען מיטלען און אָהן שוועריקייטן פאַרהיט פון פּאָגראָם. אַזוי איז עס געווען אין קאַמענקע, פּאָד. גוב., סקווירע און קאַנעוו, קיעווער גוב., אין דובנא און אָסטראָג, וואָלינער גוב. אין קאַנעוו, צום ביישפּיל, זיינען די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געראַבירט די יידן, אקאַרשט ניט באַגאַנגען קיין „זעלבסטגעריכט" איבער דעם אויעזד=קאָמיסאַר, וואָס האָט זיי געשטערט; אין קאַמענקע האָבן די רויבער, ווי מיר האָבן געזעהן, אפילו געוואָרפן באָמבעס אין דער מיליציע, וועלכע איז געווען געצוואונגען ענטפערן מיט אַ שיסעריי. אין יאַמפּאָל האָבן דערשטיקט דעם פּאָגראָם די הוסאַרן, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן פון מאָהילעוו=פּאָד. דערביי זיינען אַ סך אָנטיילנעמער אין פּאָגראָם געווען אַרעסטירט, אייניגע האָט מען געשלאָגן. אין טיראַספּאָל האָבן די סאָלדאַטן געמאַכט אַ פּאָגראָם (אין אָקטאָבער) און צעראַבירט די קלייטן; דער אָרטיגער אַרבעטער= און סאָלדאַטן=ראַט האָט דאַן אַרויסגערופן פון בענדער אַ מיליטער=טייל, וועלכער האָט געשאָסן אין די רויבער, דערביי איז איינער פון די רויבער געהרגעט געוואָרן, עטליכע פאַרוואונדעט, און 75 מענשן זיינען געווען אַרעסטירט[4]). אין אַלע ערטער, בכלל, וואו מ'האָט אָנגעווענדעט אַ באַוואָפנטע קראַפט, איז דער פּאָגראָם תיכּף ליקווידירט געוואָרן. אַזוי איז געווען, למשל, אויך אין טאָמאַשפּאָל, ווערכאָווקע, קאָראָסטישעוו, ליטין, באָהוסלאַוו, פּאַסטאָוו, זשאַשקאָוו, איוואַנקאָוו, פּאָלאָני און אנדערע[5]). „ס'איז געווען גענוג איין מאָל אויסצושיסן, דער גאַנ=

---

1) „נ י י ע צ י י ט", № 58, 21=טן נאָוועמבר 1917.

2) „נ י י ע צ י י ט", № 39, פונם 27=טן אָקטאָבער 1917.

3) מיר ציטירן לויט דער צייטונג „ד ע ר ט ע ל ע ג ר אַ ף", № 10, פונם 28 נאָוועמבר 1917. זעה אויך № 15.

4) „נ י י ע צ י י ט", № 40, פונם 28=טן אָקטאָבער 1917.

5) זעה אַ ר כ י וו פ ו ן י י ד י ש ן מ י נ י ס ט ע ר י ו ם (1917=1918), מעלדונגען פון די דאָזיגע ערטער.

צער המון פון פּראָפעסיאָנעלע און צופעליגע רויבער זאָל זיך פונאַנדערלויפן״, איז מודיע אַ פאָרשטייער פונם יידישן וויצע־סעקרעטאַריאַט נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגעפאָרשט די געשעהענישן אויף די ערטער. אָפטער פלעגט אָבער טרעפן, ווי מיר האָבן שוין געזעהן, אַז די מיליציע, דער אָרטיגער גאַרניזאָן אָדער אַפילו די מיליטער־טיילן, וואָס זיינען ספּעציעל געשיקט געוואָרן צו מאַכן אָרדנונג, פלעגן זיך אַליין שטעלן אין די רייען פון די רויבער. אָנהויב דעצעמבער האָט די בונדישע פראַקציע אַריינגעטראָגן אין צענטראַלער ראַדע אַן אָנפראַגע וועגן די געשעהענישן אין דזיגאָווקע, פּאָדאָליער גוב., וואו עס זיינען צעראַבירט געוואָרן 32 יידישע קלייטן און אַ פולע יידישע הייזער. „די אָרטיגע מאַכט, — ווערט דערביי אָנגעוויזן, — האָט ניט אָנגענומען קיינע מיטלען אָפּצושטעלן דעם פּאָגראָם; פילע פון דער פאָרשטייער פון דער מאַכט האָבן זאָגאַר מיטגעפילט די פּאָגראָמשטשיקעס״ [1]. אין אייניגע פונקטן האָט זיך איינגעגעבן די אָרטיגע טיילן פון יידישער זעלבסטשוץ אָפּצוהיטן די שטאָט פון אַ פּאָגראָם. אויף דער דאָזיגער ערשיינונג וועט אונז אויסקומען באַזונדער זיך אָפּצושטעלן.

פון אָנהויב נאָוועמבער אָן זיינען פאָרגעקומען אייניגע פּאָגראָמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן צוזאַמענשטויס צווישן די באָלשעוויקעס און די אוקראַינער. דער אויבן דערמאָנטער פּאָגראָם אין ד ו ב נ א, וואָלינער גובערניע, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דעם טיפּ פּאָגראָמען. דער באַפולמעכטיגטער פון „קאָפּע״ שילדערט אין זיין באַריכט אַזאַ בילד פון די געשעהענישן: „אין שטאָט האָט מען געוואַרט אויף אַ צוזאַמענשטויס צווישן די באָלשעוויקעס און די אוקראַינער... אין שטאָט איז לחלוטין ניטאָ קיין זכר פון אַ מאַכט. גלייכצייטיג עקזיסטירן — אָדער ריכטיגער עקזיסטירן ניט — דער קאָמיסאַריאַט, די ראַדע, דער באָלשעוויסטישער קריגס־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט און די מיליציע. צווישן די דאָזיגע אַלע אָרגאַנען איז ניטאָ קיין שום פאַרשטענדיגונג און קאָנטאַקט. די פינסטערע עלעמענטן, ווי די באָלשעוויסטישע, אַזוי אויך די אוקראַינישע, האָבן אויסגענוצט דעם מאָמענט פאַר זייערע פאַרברעכערישע צילן. אין דעם פונקט הערשט אַ פולער שלום ואחוה צווישן די שונאים, און אינם יידישן פּאָגראָם באַטייליגן זיך סיי די אַנטוואָפנטע באָלשעוויקעס, סיי די סאָלדאַטן פון דער אוקראַינער קאָמאַנדע און אַנדערע... דער קריגס־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האָט אַרויסגערופן אַ געפּאַנצערטן אויטאָמאָביל און קוילנוואַרפער, ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי איבער די גאַסן, און די רויבער זיינען זיך צעלאָפן. די באַפעלקערונג לעבט אין פּאַניק און שרעק. היינט האָבן זיך די רויבער ווידער אומגעקערט אין שטאָט מיט זייער געווער, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף... ס'האָט זיך אָרגאַניזירט אַ זעלבסטשוץ, נאָר זי איז ניט בכח עפּעס אויפצוטאָן אָהן געווער, און דער קריגס־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט זאָגט זיך אָפּ צו באַוואָפענען די באַפעלקערונג, אַרויסגייענדיג פון פּאָליטישע טעמים... אין שטאָט געפינען זיך אין אורלויב אַריבער 200 יידישע סאָלדאַטן, וואָס וואָלטן צוזאַמען מיט דער יידישער יוגנט געקאָנט

[1] „ד ע ר ט ע ל ע ג ר אַ ף״ 17 №, פונם 7 דעצעמבער 1917.

בילדן אַ גלענצנדע זעלבסטשוץ" [1]). אַ אַנדער בילד פון צוזאַמענשטויס צווישן די באַלשעוויסטישע עלעמענטן און די אוקראַינישע טיילן אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּאָגראָם שילדערט די מעלדונג פון מ אַ ק אַ ר אָ ו, קיעווער גוב. אין שטעטל האָט געהערשט אַ שטאַרקע אַנטיסעמיטישע שטימונג, און מ'האָט זיך געריכט אויף אַ פּאָגראָם. דעם 23-טן נאָוועמבער זיינען עטליכע יידישע בעל-בתּים אַרויסגעפאָרן קיין קיעוו און האָבן זיך געווענדעט נאָך הילף צום קיעווער ראַט פון אַרבעטער-דעפּוטאַטן. דער ראַט האָט זיי באַזאָרגט מיט 22 רויט-גוואַרדייער, וואָס זיינען אָנגעקומען קיין מאַקאַראָוו. „מ'דאַרף מודה זיין, אַז אַ דאַנק זיי זיינען ניט פאָרגעקומען קיינע אומרוהען זונטאָג, בעתן מאַרק, הגם אַלע סמנים פון אַ פּאָגראָם האָבן זיך שוין באַוויזן". אָבער די רויט-גוואַרדייער, וואָס זיינען אָנגעקומען אין שטעטל גראָד אין טאָג פון די וואַלן צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג (ווייזט אויס, צו דער אוקראַינישער), האָבן אויסגענוצט דעם מאָמענט און אַגיטירט פאַר דעם באָלשעוויסטישן וואַל-צעטל. דאָס האָט געבראַכט צו אַ צוזאַמענשטויס מיט די אוקראַינער. אין עטליכע טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ ראָטע אוקראַינער און אַרעסטירט די רויט-גוואַרדייער. „תּיכּף האָט זיך די שטימונג ביי די פּויערן געביטן; זיי האָבן גערעדט בפרהסיה: „איצט וועלן מיר זיך ערשט נעמען פאַר די זשידעס". צווישן די פּויערן האָבן צירקולירט קלאַנגען, אַז די יידן באַהאַלטן אויס קוילענוואַרפער און אַז זיי זיינען קעגן די אוקראַינער" [2]).

דער לעצטער מאָטיוו איז באַזונדער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענעם טיפּ פּאָגראָם-עקסצעסן, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט שפּעטער, אין יאָר 1918, אין צוזאַמענהאַנג מיטן וואַקסענדן אַנטיסעמיטיזם אין די רייען פון דער אוקראַינישער אַרמיי. אין יאָר 1917 פלעגן, געוויינלעך, גילטן נאָך אַנדערע תּירוצים פאַר אַ פּאָגראָם: „יידן באַהאַלטן אויס די סחורות", „יידן זיינען שולדיג אינם יקרות", „יידן פאַרמאָגן אַלסדינג". נאָר אָפטער פלעגן די פּאָגראָמען פאָרקומען נאָר אָהן אַ שום לאָזונג: ס'פלעגן זיך פּשוט צונויפזאַמלען סאָלדאַטן פון רוסישע מיליטער-טיילן און פלעגן צעברעכן יידישע געשעפטן און הייזער, אָנמאַכן אַ חורבן, און זיי צו הילף פלעגן קומען די אָרומיגע פּויערן, וואָס האָבן קיינמאָל ניט פאַרגעסן בעתן יריד אָדער מאַרק-טאָג מיטצוברענגען מיט זיך אין יידישן שטעטל אַ ליידיגן זאַק, ס'זאָל זיין אין וואָס צו פאַרנעמען מיט זיך דאָס אָנגעראַבירטע יידיש גוטס...

דאָס ערשטע אָרט לויט דער צאָל פּאָגראָמירטע פּונקטן פאַר אָט דעם פּעריאָד ביז סוף 1917 פאַרנעמט ק י ע ו ו ע ר גובערניע (אַ העלפט פון אַלע פּונקטן), נאָך איר גייט וואָלינער גובערניע, דערנאָך פּ אָ ד אָ ל י ע. אין פּאָלטאַווער, כערסאָנער און טשערניגאָווער גוב. איז די צאָל פּאָגראָמען געווען נאָר אַ אומבאַדייטנדע [3]).

---

[1]) אַ ר כ י ו ו פ ו ן „ק אָ פּ ע", מעלדונג פון דובנאָ פונם 14-טן דעצ. 1917; זעה דאָרטן אויך צוויי דעפּעשן פון דובנאָ („אין אויעזד הערן ניט אויף די אומרוהען")

[2]) אַ ר כ י ו ו פ ו ן מ י נ י ס ט ע ר י ו ם פ אַ ר י י ד י ש ע ע נ י נ י ם, מעלדונג פון מאַקאַראָוו, באַקומען דעם 1-טן דעצעמבער 1917.

[3]) די רשימה פון די פּאָגראָמירטע פּונקטן זעה אין צווייטן טייל פונם דאָזיגן בוך.

די כוואַליע פון עקסצעסן האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אויך אינם יאָר 1918. אין משך פונם גאַנצן יאַנואַר ווערן באַגאַנגען איבער יידן גוואַלדטאַטן, וואָס טראָגן דעמזעלבּיגן כאַראַקטער, ווי אין די פאָריגע חדשים. אין וואָלינער גובערניע זיינען די ערנסטערע פאַלן פאָרגעקומען אין לוהין און אין ליאַכאָוצי. דעם 2=טן יאַנואַר האָבן די סאָלדאַטן פון אַ קוילנוואַרפער=אָפּטיילונג אָנגעהויבן דעבּאָשירן אין לוהין און האָבן צעראַבּירט אַלע יידישע קליטן. אין עטליכע טעג אַרום האָבן די סאָלדאַטן געמאַכט אַ פרוב איבערצוחזרן דעם פּאָגראָם, זיי האָבן אָבער באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד מצד דער יידישער זעלבּסטשוץ, וואָס האָט זיך אין שטעטל אָרגאַניזירט; דערביי זיינען עטליכע מיטגלידער פון דער זעלבּסטשוץ געהרגעט געוואָרן, עטליכע פאַרוואונדעט. די סאָלדאַטן פונם אָרטיגן גאַרניזאָן און דער המון האָבן אין דער זעלבּיגער צייט געמאַכט אַ פּאָגראָם אין ליאַכאָוצי. אַ רייע פּאָגראָם=עקסצעסן קומט פאָר אויך אין קיעווער גובערניע: אין נאָוואָ=פרילוקי, באַרדיטשעווער אויעזד, בּרעכן אויס דעם 10 יאַנואַר אומרוהען, וואָס ענדיגן זיך מיט עטליכע יידישע קרבּנות. אין קאַמענקע ווערן דעם 5 יאַנואַר געמאַכט — מיט אַ אויסרייד, אַז מ'זוכט „קוילנוואַרפערס און באָמבּעס“ — אונטערזוכונגען אין אַלע יידישע הייזער, דערביי קאָנפיסקירט מען די סחורות אין די קליטן און מ'פאַרנעמט די ערנערונגס=פּראָדוקטן אין די הייזער; די דאָזיגע אונטערזוכונגען ווערן אָנגעפירט פון דער סאָלדאַטן=סעקציע פונם אָרטיגן אַרבּעטער= און סאָלדאַטן=ראַט, פון די אַרומיגע פּויערן און די „פרייע קאָזאַקן“ [1]. אַז די יידן זיינען זיך געקומען קלאָגן אין וואָלאָסט אַריין, האָט מען זיי דאָרטן געענטפערט, אַז אַ סאָלדאַטן=פאַרזאַמלונג פון די אַרומיגע דערפער האָט אַרויסגעטראָגן אַ באַשלוס צו מאַכן אָט די „רעקוויזיציעס“; די סחורות, וואָס מ'האָט בּיי יידן צוגענומען, וועלן פונאַנדערגעטיילט ווערן צווישן די קאָאָפּעראַטיוון פון די דאָזיגע דערפער. אין קאַהאַרליק זיינען די פּויערן אָנגעפאַלן אויפן יידישן בית=עולם און אים אינגאַנצן חרוב געמאַכט. אין פּאָדאָליער גובערניע זיינען באַוואוסט די פּאָגראָם=עקסצעסן, וואָס דער קובּאַנער פּאָלק האָט געמאַכט אין טולטשין, אין חדש יאַנואַר: די יידישע קליטן האָט מען צעראַבּירט, די הייזער אונטערגעצונדן, עטליכע יידן פאַרוואונדעט [2]. דער זעלבּיגער קובּאַנער פּאָלק האָט נאָכדעם געמאַכט אַ פּאָגראָם אויך אין בּראַצלאַוו.

---

[1]) אַרכיוו פון מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים (1917=1918), די מעלדונג פון קאַמענקע, באַקומען דעם 14=טן יאַנואַר 1918. זעה אויך „יעווריעסקאַיאַ מיסל“, № 9, 1918. דאָ רעדט זיך וועגן קאַמענקע–קיעוו. גוב. די פריהער דערמאָנטע קאַמענקע (פּאָגראָם 6=טן נאָוועמבּער) איז פּאָדאָל. גובּ.

[2]) לויט אַנדערע ידיעות האָבן דעם פּאָגראָם געמאַכט די סאָלדאַטן פונם 132=טן פוסגייער=פּאָלק („יעווריעסקאַיאַ מיסל“, № 9, 1918). אַז די שטאָט=דומע האָט זיך געווענדעט צו דעם ראַט פונם 132=טן פוסגייער פּאָלק נאָך הילף, האָבן די סאָלדאַטן געענטפערט, אַז זיי ווילן ניט „פאַרטיידיגן די זשידעס“.

לויט זייער טיפּ געהערן אָט די אַלע עקסצעסן צום *ערשטן* פּעריאָד פון דער פּאָגראָם־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן זומער 1917. דער דירעקטער מקור פון די פּאָגראָמען, וואָס זיינען פּאָרגעקומען אינם ווייטערדיגן פּעריאָד, האָט שוין ניט געשטאַמט פונם צעפאַל פון דער רוסישער אַרמיי; זיי זיינען ענג פאַרבונדן מיט די נייע עטאַפּן און די יידיש־אוקראַינישע באַציהונגען, מיט די שטימונגען פון דער ניי־געבילדעטער אוקראַינישער נאַציאָנאַלער אַרמיי, ווי אויך מיט די נייע אינסורגענטן־שטרעמונגען אינם אוקראַינישן דאָרף.

---

## III

די נאַציאָנאַלע אוקראַאינישע באַוועגונג נאָך דער רעוואָלוציע און די ייִדישע פּאַרטייען. — די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן טרעטן אַריין אין ראַדע און גענעראַל־סעקרעטאַריאַט. — די אוקראַאיניש־ייִדישע באַציהונגען. — דער ייִדישער וויצע־סעקרעטאַריאַט — דאָס ייִדישע מיניסטעריום. — דער קער צו „סאַמאָסטינאָסט". — די אוקראַאינישע פאָלקס־רעפּובליק און די ייִדישע פּאַרטייען. — די באַציהונג פון דער ייִדישער פּראָווינץ. — די אומאָפּהענגיקייט פון אוקראַאינע און די פּאָזיציע פון די ייִדישע פּאַרטייען; דער צעריסענער רעוואָלוציאָנס־פראָנט. — דער געזעץ וועגן נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אַווטאָנאָמיע. — דער איבערברוך אין דער באַציהונג פון די אוקראַאינער צו ייִדן. — די בריסקער שלום־אונטערהאַנדלונגען; דער קאַמף פון צוויי דעלעגאַציעס. — ערב דעם אָנקומען פון די באָלשעוויקעס. — די אוקראַאינישע מיליטער־פּאַרטיי. — די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע אין קיעוו. — די הריגה פונם פּאָרזיצער פון „ייִדישן מיליטערישן פאַרבאַנד".

בעת די אוקראַאינישע פּאַרטייען האָבן, נאָך דער רעוואָלוציע, אָנגעהויבן בויען דעם בנין פון דער אווטאָנאָמער אוקראַאינע, האָבן זייערע תביעות, באַזונדערס וועגן אַ פעדעראַטיוון איבערבוי פון רוסלאַנד, ניט באַגעגנט מצד דער רוסישער דעמאָקראַטיע, ווי מיר האָבן געזעהן, קיין שום סימפּאַטיע, און האָבן זי אַפילו אויפגעבראַכט. דער יונגער אוקראַאינע איז אויסגעקומען אָנצוהייבן אַן ערנסטן אידייאישן קאַמף פאַר אירע לאָזונגען. אין אַזאַ מאָמענט איז די ייִדישע געזעלשאַפטליכקייט אין אוקראַאינע, — אויף וויפיל פּאָליטישע פּאַרטייען און אנפירנדע אָרגאַנען דריקן אויס געזעלשאַפטליכקייט, — געווען אויף דעם צד פון די אוקראַאינער. שוין אין אַפּריל 1917, אויפן אַלאוקראַאינישן נאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין קיעוו, זיינען די ייִדישע פאָרשטייער אַרויסגעטראָטן מיט באַגריסונגען. דער רעדנער פונם „ראַט פון די פאַראייניגטע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס" האָט פאַרענדיגט זיין וואָרט מיט „סלאַוואַ" דעם אוקראַאינישן פאָלק. מיט באַגריסונגען זיינען אויך אַרויסגעטראָטן איינצנע ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און די ציוניסטן. דער מיטגעפיל פון ייִדישע פּאַרטייען האָט געטראָגן אַ באַזונדער וויכטיגן כאַראַקטער, מחמת די אַ ל ג ע מ י י נ ע דעמאָקראַטישע אָרגאַנען אין קיעוו האָבן די ערשטע צייט געפירט אַן אַקטיוון קאַמף ק ע ג ן דער אוקראַאינישער באַוועגונג. אַזוי האָט, למשל, דער אויספיר־קאָמיטעט פונם „ראַט פון די פאַראייניגטע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס", וואָס האָט מיט זיך נאָך פעברואַר אייגנטליך פאָרגעשטעלט די פאַקטישע רעוואָלוציאָנערע מאַכט אין קיעוו, באַשלאָסן צו דעלעגירן אַ ספּעציעלע דעפּוטאַציע צו דער צייטווייליגער רעגירונג אין פּעטראָגראַד

מיטן צוועק צו שטערן די אוקראַינער אין זייערע פּלענער וועגן אַ באַלדיגער אַווטאָנאָ־מיע. אינם באַשטאַנד פון דער דאָזיגער דעפּוטאַציע איז באַשלאָסן געוואָרן איינ־צושליסן אויך אַ פאָרשטייער פון די יידן. אַ דאַנק אָבער דעם ווידערשטאַנד מצד אייניגע יידישע געזעלשאַפטליכע קרייזן, איז קיין ייד אין דעפּוטאַציע ניט אַריין [1]. די באַציהונג פון די יידישע פּאַרטייען צו דער וואַקסנדיגער אוקראַינער באַוועגונג האָט זיך אַ לאַנגע צייט באַגרענצט נאָר מיט ריין־מאָראַלישער שטיצע. און ערשט דעמאָלט, ווען די ראַדע האָט זיך אָנגעהויבן קאָנסטרואירן, אַלס אַ מאַכט אין געגנט, און ווען די אוקראַינער באַוועגונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַלס אַ ערנסטע קראַפט, איז אויסגעוואַקסן דער אַקטיווער אינטערעס פון די יידישע פּאַרטייען צו איר.

אין די ערשטע חדשים, וואָס די ראַדע האָט עקזיסטירט, איז די פראַגע וועגן די אוקראַיניש־יידיש באַציהונגען ניט געשטעלט געוואָרן קאָנקרעט. אויפן אַל־אוקראַי־נישן קאָנגרעס איז, אמת, אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע וועגן דעם, אַז „ס'ווערט אָנער־קענט, אַלס איינער פון די הויפּט־פּרינציפּן פון אוקראַינער אַווטאָנאָמיע, די פולע גאַראַנטיע פון די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס לעבן אין אוקראַינע". פּראַקטיש האָט מען אָבער פאַר דעם גאָר ניט געטאָן. די יידישע פּאַרטייען, ווידער, זיינען אויך נאָך געשטאַנען אָן אַ זייט פון די אוקראַינישע ענינים. אין יוני 1917 האָט דער „בונד", רעכנענדיג זיך דערמיט, וואָס די אַווטאָנאָמיע פון אוקראַינע ווערט שוין אַ פ אַ ק ט, אַרויסגעשטעלט דעם געדאַנק פון אַ טעריטאָריאַלן צוזאַמענפאָר, כּדי זיך צונויפריידן וועגן די יסודות פון דער אַווטאָנאָמיע און וועגן די רעכט פון די מינדערהייטן. פּראַקטיש אָבער איז די פראַגע וועגן אָנטייל פון די מינדערהייטן אין די אַווטאָנאָמיע־אָרגאַנען אַנטשיידן געוואָרן ערשט דורכן „הסכם פונם 3־טן יולי", וואָס די ציטווייליגע רע־גירונג האָט געשלאָסן מיט דער ראַדע און וואָס האָט באַשטימט, אַז אין דער ראַדע און אינם גענעראַל־סעקרעטאַריאַט זאָלן אַריינגיין אויך פאָרשטייער פון די איבריגע נאַציאָנאַליטעטן אין אוקראַינע. מעלדנדיג וועגן דעם, האָט דער צווייטער אוניווער־סאַל אונטערגעשטראָכן, אַז די דאָזיגע ראַדע וועט פון איצט אָן זיין „דער איינציגער העכסטער אָרגאַן פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע אין אוקראַינע און וועט פאָרשטעלן די אינטערעסן פון דער ג אַ נ צ ע ר ב אַ פ ע ל ק ע ר ו נ ג פון אונזער געגנט". דאָס האָט שוין געקלונגען גאַנץ אַנדערש, ווי אין ערשטן אוניווערסאַל, וואו ס'האָט זיך גערעדט וועגן דער „שטאַטליכער („דערזשאַוונאַ") נאַציע אין אוקראַינע". לויט דעם הסכם האָבן 30 פּראָצענט ערטער אין דער ראַדע באַקומען די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן (יידן, גרויס־רוסן, פּאָליאַקן), און אינם באַשטאַנד פונם גענעראַל־סעקרעטאַריאַט זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן ניט־אוקראַינער. די יידן האָבן אַזוי אַרום באַקומען 50 ערטער אין צענטראַלער ראַדע און 5 ערטער אין קלענער ראַדע [2].

---

[1]) זעה די בראָשור פון נ. ס י ר ק י ן, „אונזער פּאָזיציע אין דער אוקראַינער צענטראַלער ראַדע" (רוסיש), קיעוו, 1917.

[2]) לויט דער פּראָפּאָרציע האָבן יידן נעדאַרפט באַקומען מער ערטער, זיי האָבן זיך אָבער געגנומען נאָר 50 און 5 — איבער מאָטיוון פון פּאָליטישן טאַקט.

די ערטער זיינען פונאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן אַלע יידישע פּאַרטייען. אויף אַזאַ אופן איז צוערשט געשאַפן געוואָרן אַ יידישע נאַציאָנאַלע פאַרשטייערשאַפט.

פון דער צייט הויבן זיך אָן די סאַמע פריינטליכסטע באַציהונגען צווישן די אוקראַאינישע און יידישע פאַרשטייער. אויף דער ערשטער זיצונג פון דער קליינער ראַדע (אַן אָרגאַן, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן פון דער צענטראַלער ראַדע, מיט אַ קלענערן באַשטאַנד און אַ מער בּויגזאַמער), דעם 11-טן יולי, זיינען מיט הייסע באַגריסונגען אַרויסגעטראָטן, שוין אַלס גלייכבאַרעכטיגטע מיטגלידער, אַלע יידישע פּאַרטייען און האָבן דערביי געערדט ווענן דעם „אויפלעבנדן אוקראַאינער פאָלק“, וועגן די גערעכטיגע פאָדערונגען פון אַווטאָנאָמיע, און איינער אפילו וועגן אַ פעדעראַציע אין רוסלאַנד. „דאָס איז געווען איינער פון די שענסטע מאָמענטן אינם צוזאַמענלעבן פון די נאַציאָנאַליטעטן אין אוקראַינע“. — שרייבט ה. ווינישענקאָ אין זיין געשיכטע פון דער עפּאָכע. „ס'איז געווען אַן אויפריכטיגקייט אינם שלום, ס'איז געווען אַ ווילן פריינטליך צו לעבן און אַרבעטן צוזאַמען לטובת דעם געמיינזאַמען עניין, ס'איז געווען ווילן צו פאַרגעסן די אַלטע מיספאַרשטייענישן. און איך דאַרף נאָך אַמאָל אונטערשטרייכן: אָט די אויפריכטיגקייט האָט זיך באַזונדערס בולט אַרויסגעוויזן ביי די פאָרשטייער פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן שוין נעהאַט אויסגעפאַסט די ראַדע, אַלס זייער אָרגאַן, און זיינען אַרויסגעטראָטן, אַלס אירע גלייכבאַרעכטיגטע מיטגלידער, וואָס האָבן די זעלבינע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט“ [1]). רעדנדיג אין אַן אַנדער אָרט, אין דעם זעלבינן בוך, וועגן דער באַציהונג פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן צו דער אוקראַאינישער מאַכט, שרייבט ווינישענקאָ וועגן די יידן: „די יידישע פּאַרטייען האָבן זיך באַצויגן מיט פאַרשטאַנד, און איינינע פון זיי אויך סימפּאַטיש, צו דער אידייע פון דער אוקראַאינער מלוכהשאַפט... פאַרשטייענדיג לאָגיש, אַז די אוקראַאינער וועלן היינט-מאָרגן אָהן ספק באַזייטיגן די הערשאַפט פון די רוסן, האָבן זיי ניט געהאַט קיין שום גרונד צו קעמפן מיט די אוקראַאינער צוליב דער רוסישער הערשאַפט. זיי האָבן אויפגעפאַסט די אידייע פון אוקראַאינישער מלוכהשאַפט, אַלס אַ פאַקט, אַלס אַזעלכעס, וואָס איז נאַטירליך און אומפאַרמיידליך... און גאַנץ באַוואוסטזיניג, קלאָר און קאָנסעקווענט האָבן זיי זיך דערפילט, אַלס בירגער פון דער אוקראַאינער מלוכה“ [2]). „אָהן זיי, אָהן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, — איז ווינישענקאָ ווידער מודה, — וואָלטן מיר זיך ניט געקאָנט רעכענען פאַר אַ מאַכט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, וואָלטן מיר ניט אַנערקענט געוואָרן דורך דער צייטווייליגער רעגירונג און וואָלטן ניט געקאָנט קריגן די נויטיגע פינאַנציעלע רעסורסן“...

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, צי איז דער פאַרבאַנד געשלאָסן געוואָרן טאַקע נאָר משום אינטערעס, אָדער ער האָט זיך געשטיצט אויף אויפריכטיגן מיטגעפיל, ווי חינט-

---

[1]) ה. ווינישענקאָ, דאָס ציטירטע ווערק, ערשטער באַנד, זייטע 297.

[2]) דאָרט, זייטע 286.

טשענקאָ האָט דאָס פריער ערקלערט, — אָבער אַריינטרעטנדיג אין דער ראַדע, האָבן די יידישע פאָרשטייער בײַ יעדער צייט פאַרטיידיגט די אינטערעסן פון אוקראַינע און אוקראַינישער באַוועגונג. בעת ס׳איז אַרויס דער קאָנפליקט מיט פעטראָגראַד אין צוזאַמענהאַנג מיט דער „אינסטרוקציע פונם 4 אַוגוסט“, וואָס האָט באַגרעניצט די רעכט און די ראַמען פון דער אוקראַינער מאַכט, האָבן די פאָרשטייער פון די יידישע פאַרטייען אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט קעגן פעטראָגראַד צוגלייך מיט די אוקראַינער: אַפילו דער פאָרשטייער פון „בונד“, — וועמענס שטעלונג צו דער אוקראַינישער פראַגע איז געווען ניט אַזוי קאָנסעקווענט און אויפריכטיג, ווי בײַ די אַנדערע יידישע פאַרטייען, — מ. ראַפעס, וועלכער איז געווען קעגן דעם פעדעראַטיווען איבערבוי פון רוסלאַנד און האָט שאַרף קריטיקירט דעם ערשטן אוניווערסאַל, איז דאָך אין דעם סכסוך געשטאַנען אויף דער זייט פון די אוקראַינער[1]. תיכף נאָכן „הסכם פונם 3-טן יולי“ איז מ. ראַפעס אפילו אַריינגעטראָטן אינם באַשטאַנד פונם גענעראַל-סעקרעטאַריאַט, אַלס „גענעראַל קאָנטראָליאָר“. ער איז אויך אַריין אין דער דעלעגאַציע פון דער ראַדע, וואָס איז סוף יולי געפאָרן קיין פעטראָגראַד, כדי אויסצוקעמפן די פאַרברייטערונג פון די אַווטאָנאָמע רעכט פון אוקראַינע און די קאָמפעטענץ פון דער ראַדע. שפעטער האָט ער פאַרלאָזט דעם פאָסטן פון גענעראַל-סעקרעטאַר, און זיין אָרט האָט פאַרנומען אויך אַ פאָרשטייער פון „בונד“ — א. זאָלאָטאַריאָוו. פון דער אַנדערער זייט האָבן אויך די אוקראַינער, ניט קוקנדיג אויף זייער חשודיגער באַציהונג צו די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — ד. ה. צו די יידן — זיך אויפמערקזאַם אין יענעם פעריאָד פאַרהאַלטן צו די נאַציאָנאַלע יידישע פאָדערונגען. דעם 15-טן יולי איז געשאַפן געוואָרן דער פאָסטן פון „וויצע-סעקרעטאַר פאַר די ענינים פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט“ און אויף דעם פאָסטן איז, לויט אַ הסכם מיט די יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, באַשטימט געוואָרן דר. מ. זילבערפאַרב, דער פאָרשטייער פון „פאַראייניגטער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי“, וואָס איז געשטאַנען נאָהנטער פון אַנדערע צו דער אוקראַינער מאַכט. אין נאָוועמבער איז דער „וויצע-סעקרעטאַריאַט“ רעפאָרמירט געוואָרן אין „גענעראַל-סעקרעטאַריאַט“, און אָנהויב יאַנואַר 1918 — אין אַ „מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים“. אין דער געשיכטע איז דאָס געווען דער ערשטער פאַל פון אַ „יידישן מיניסטעריום“. נאָך אַ מער וויכטיגערע באַדייטונג האָט געהאַט דער געזעץ וועגן דער נאַציאָנאַל-פערסאָנאַלער אַווטאָנאָמיע, וואָס די ראַדע האָט אָנגענומען אין יאַנואַר.

כל זמן די אוקראַינישע פּאָליטישע טוער זיינען געשטאַנען אויפן יסוד פון אַווטאָנאָמיע און פעדעראַציע מיט רוסלאַנד און זיינען געווען פאַר איין רעוואָלוציאָנס-פראָנט מיט דער רוסישער דעמאָקראַטיע, פאַר אַ מלוכה-רעכטליכער פאַרבינדונג מיט רוסלאַנד, זיינען די יידישע פאַרטייען געגאַנגען גערן מיט זיי צוזאַמען. ווי נאָר אָבער די אוקראַינער באַוועגונג האָט, פון אָקטאָבער-נאָוועמבער אָן, זיך אַ קער געטאָן אינגאַנצן אין דער

[1]) זעה, למשל, דעם אַרטיקל אין „Голосъ Бунда“ 1917, № 3.

ריכטונג פון פולער אומאָפּהענגיקייט, האָבנדיג בדעה צעדייסן מיט רוסלאַנד, האָבן זיך די יידישע פּאַרטייען אָפּגעשטעלט. ווי ס'איז באַוואוסט, איז דער דריטער אוניווערסאַל (פונם 9 נאָוועמבר) געווען דער ערשטער אָנזאָג פון אָט דער ענדערונג. אָבער נאָך פריער, אין אָקטאָבער, האָבן די אוקראַינער פּאַרטייען געשטעלט די פראַגע וועגן צונויפרופן אַ סואווערענע אוקראַינישע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג (Установчи Збоpi). די יידישע פּאַרטייען זיינען זיך אין זייערע מיינונגען בנוגע אָט דער פראַגע פונאַנדערגעגאַנגען: אַלע יידישע פּאַרטייען, אויסער דעם „בונד“, האָבן צוזאַמען מיט די אוקראַינער געשטימט פאַר אַזאַ סואווערעניטעט, דער „בונד“ אָבער (צוזאַמען מיט די „מענשעוויקעס“) האָט זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן דעם. „אויב איר ווילט ניט, אַז רוסלאַנד זאָל צעטיילט ווערן, — האָט מ. ראַפעס געזאָגט, ווענדענדיג זיך צו די אוקראַינער, — קאָנט איר ניט רעדן וועגן סואווערעניטעט... מיר קוקן אויפן צערייסן מיט דער רוסלענדישער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, ווי אויף אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן אַקט, און מיר וועלן קעגן דעם קעמפן“. אַ כאַראַקטעריסטישע ערשיינונג דערביי איז געווען, וואָס אויך אַלע איבעריגע געגנער פון „סואווערעניטעט“, וואָס זיינען אין דער ראַדע אַרויסגעטראָטן אין נאָמען פון די רוסלענדישע פּאַרטייען, זיינען געווען י י ד ן: „מיר וועלן קעמפן מיט אַזעלכע טענדענצן, זאָלן נאָר די אוקראַינער ניט איבערשעצן זייערע קרעפטן“, האָט ערקלערט באַלאַבאַנאָוו, דער פאָרשטייער פון די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן „מענשעוויקעס“; ווילט איר זיך ווירקליך אָפּטיילן פון רוסלאַנד — טרעט אַרויס מיטן לעזונג פון סואווערעניטעט“, האָט געזאָגט סקלאָווסקי, דער פאָרשטייער פון די רוסלענדישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן.

דער דריטער אוניווערסאַל האָט געדינט, אַלס אַ ווייטערער עטאַפּ אין דער פאַרפרעמדונג. ער איז פאָרגעלייגט געוואָרן אין דער ראַדע דורך די אוקראַינישע פירער גאַנץ אומערוואַרטעט פאַר די יידישע פּאַרטייען, און די יידישע פּאַרטייען איז אויסגעקומען צו געבן אויף דעם אוניווערסאַל אַן ענטפער אין דער אַטמאָספער פון חשד און אויפגערעגטע נאַציאָנאַליסטישע ליידנשאַפטן. מ'האָט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן געשטעלט צום עקזאַמען אויף טרייהייט אוקראַינע. און די יידישע פּאַרטייען האָבן אַלע געשטימט פ אַ ר ן אוניווערסאַל, פאַר דער פראָקלאַמירונג פון אַ אוקראַינער פאָלקס־רעפובליק. דערביי האָבן זיי אָבער אויסגעפירט, ס'זאָל בולט זיין אונטערגעשטראָכן, אַז די אוקראַינישע מלוכה ווערט געשאַפן „ניט אָפּטיילנדיג זיך פון דער רוסלענדישער רעפובליק, אָפּהיטנדיג איר איינינקייט“, און שטרעבט דערצו, אַז די רוסלענדישע רעפובליק זאָל ווערן „אַ פעדעראַציע פון גלייכע און פרייע פעלקער“. דער וויכטיגער סטימול, וואָס האָט די יידישע פאָרשטייער געטריבן צו שטימען פאַרן אוניווערסאַל, איז געווען דער אָנגענומענער צוזאָג־פונקט וועגן נאַצ.־פערסאָנאַלער אַווטאָנאָמיע: „דאָס אוקראַינישע פאָלק, — האָט דער פונקט געלויטעט אינם אוניווערסאַל, — וואָס האָט אַליין לאַנגע יאָרן געקעמפט פאַר דער נאַציאָנאַלער פרייהייט, וועט איצינד, נאָכדעם, ווי עס האָט אָט די פרייהייט באַקומען, שטרענג אָפּהיטן די פרייהייט פון דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון אַלע פעלקער, וואָס לעבן אין אוקראַינע.

דעריבער זיינען מיר מודיע, אַז מיר גיבן די פעלקער פון אוקראַינע: דעם גרויס־רוסישן, דעם יידישן, דעם פוילישן און אַנדערע — נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע“.

די יידישע פאָרשטייער האָבן באַגריסט דעם אוניווערסאַל, זיי האָבן אָבער ניט געלייקנט, אַז דער נייער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער קודם שטעלט זיי אין אַ פאַרלעגנהייט. „מיט אַ אומרוהיגער שטימונג גייען מיר צו צו דעם דאָזיגן אַקט“, — האָט אויף דער זיצונג פון דער קליינער ראַדע, דעם 7־טן נאָוועמבער, ערקלערט מ. ליטוואַקאָוו, דער פאָרשטייער פון דער „פאַראייניגטער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי“, — „די פּראָקלאַמירונג פון דער אוקראַינישער רעפּובליק קאָן פאַרשטאַנען ווערן אין אַזאַ זין, גלייך ווי מיר וואָלטן אויף שטיקער צעריסן דעם לעבעדיגן גוף פון רוסלאַנד“. אין דעם זעלבינן גייסט האָבן זיך אויך אַרויסגעזאָגט די פאָרשטייער פון „בונד“ און „פּועלי־ציון“. מיט אַן אַנדער מין אומרוהיגער שטימונג איז צו דעם אַקט צוגעגאַנגען נ. סירקין, דער פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער פראַקציע: „איין זאַך שטעלט מיך אָפּ, — וואָס וועט זיין, אַז דאָס אָנגענומען פונם אוניווערסאַל וועט אַרויסרופן מער אַנאַרכיע? וואָס וועט זיין, אויב די אַנאַרכיע, וואָס לאָזט זיך אויס תמיד צו די יידישע קעפּ, וועט איצטער זיך פאַרגרעסערן?“[1]. ניט קוקנדיג אָבער אויף דער דאָזיגער אומרוהיגער שטימונג, האָבן זיך אַלע יידישע פאָרשטייער אַרויסגעזאָגט פאַר דער נייער אוקראַינישער רעפּובליק. דער פאָרשטייער פון „בונד“, אַ. זאָלאָטאַריאָוו, האָט דערביי ערקלערט: „ווען מיר זעהען, אַז דאָס באַפרייטע אוקראַינישע פאָלק גיט אויך אונזער פאָלק די פרייהייט, נעמען מיר אויף זיך דעם טייל פון דער גאַנצער פאַראַנטוואָרטליכקייט און שרייבן זיך אונטער מיטן גאַנצן האַרצן אונטער דעם אוניווערסאַל“[2].

נעמענדיג אויף זיך אַ טייל אַחריות, זיינען די יידישע פּאָליטישע טוער געוואָרן פאַרטיידיגער פון דער פאַקטיש כמעט זעלבסטשטענדיגער רעפּובליק. „קען מען פאָדערן פון זיי, פון די אוקראַינער, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייערע אינטערעסן און נאַציאָנאַלע שטרעבונגען אינם נאָמען פון אַ גלויבן (אין די קרעפטן פון דער רוסישער רעוואָלוציע), וועלכן זיי פילן ניט?.. די רעפּובליק איז ערקלערט געוואָרן אינם נאָמען און פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג פון אוקראַינע, פאַר דער יידישער, ווי פאַר דער אוקראַינישער, רוסישער און פוילישער... לעבן זאָל די פרייע אוקראַינע, דער ערשטער מיטגליד פון דער פעדעראַטיווער רוסלענדישער רעפּובליק“ — אַזוי האָט געשריבן אין יענע טעג דער אָרגאַן פון די „פאַראייניגטע“, — די „נייע

1) „נייע צייט“, № 49, פונם 10 נאָוועמבער 1917.

2) „נייע צייט“, דער זעלביגער נומער. ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז קעגן דעם אוניווערסאַל האָט קיינער ניט געשטימט. אָפּגעהאַלטן האָבן זיך 4 מיטגלידער פון ראַדע: די פאָרשטייער פון דער רוסלענדישער ס.־ד. און פון דער רוסלענדישער ס.־ר. פאַרטייען. עס האָט זיך ניט געחתמעט נאָר דער פאָרשטייער פון דער „פוילישער צענטראַלער פאַראייניגונג“.

צייט" [1]). די באַציהונג צום אוניווערסאַל מצד דער יידישער פּראָווינץ, ריכטיגער געזאָגט, מצד די יידישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס אין דער פּראָווינץ, איז אין פיל ערטער געווען זעהר אַ גינסטיגע. אַזוי, למשל, איז אין האָראָדישטשע, קיעווער גובערניע, אָנגענומען געוואָרן אויף אַ גרויסער יידישער מאַסן-פאַרזאַמלונג אַ רעזאָלוציע וועגן דעם, אַז „דער אוניווערסאַל פאַרווירקליכט ניט נאָר די הייליגסטע שטרעבונגען פון די בעסטע מענשן פון אוקראַינע, נאָר אויך די שטרעבונגען פון דער יידישער דעמאָקראַטיע און אונזער רעכט אויף נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע". די אָרגאַניזאַציע פון „די פאַראייניגטע יידישע סאָציאַליסטן" אין פּראָסקוראָוו האָט באַגריסט די ראַדע און געפונען, אַז „די נויטווענדיקייט פון אַזאַ אַקט איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער פּאָליטישער לאַגע, וועלכע ס'האָט זיך געשאַפן די לעצטע צייט אין רוסלאַנד" [2]). די ראַיאָן-קאָנפערענץ פון דער זעלביגער פּאַרטיי אין אומאַן האָט אויך באַגריסט אין צוזאַמענהאַנג מיטן אוניווערסאַל די ראַדע, אויסדריקנדיק דערביי אַ האָפנונג, אַז די פּאָגראָמען וועלן תיכף ליקווידירט ווערן [3]). אינם זעלביגן גייסט האָבן זיך אַרויסגעזאָגט אויך אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס. די באַראַטונג פון די קהלות פון כערסאָנער גובערניע, וואָס איז פאָרגעקומען אין יעליסאַוועטגראַד, האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן דעם, אַז „די איינציג פולבאַרעכטיגטע מאַכט אין אוקראַינע איז די צענטראַלע ראַדע, וועלכע שטיצט זיך אויף דעם צוטרוי פון דער אוקראַינער דעמאָקראַטיע און פון די ניט-אוקראַינישע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, צווישן זיי — דער יידישער". די באַראַטונג האָט זיך דערנאָך אַרויסגעזאָגט פאַר דער איינשליסונג פון כערסאָנער גובערניע אינם באַשטאַנד פון דער אוקראַינער רעפּובליק [4]). אַזעלכע באַגריסונגען און רעזאָלוציעס זיינען שוין אַרויסגעגאַנגען ווייט פונם גדר פון נאָר מאָראַלישער שטיצע.

מיטן דריטן אוניווערסאַל האָט זיך אָבער די אוקראַינער אַקציע ניט אָפּגעשטעלט. דער אוניווערסאַל איז געווען אַן אויסגאַנג-פּונקט פאַר אַ נייעם קורס. דער אָנגריף פון די באָלשעוויקעס און דער בירגער-קריג, וואָס איז דורך דעם אַרויסגערופן געוואָרן, האָט, ווי מיר האָבן געזעהן, געדינט, אַלס אַ שטאַרקער אימפּולס צו ברייננגען אין באַוועגונג די ביז איצט פאַרבאָרגענע ליידנשאַפטן, און גורם געווען דערצו, ס'זאָל נתגלה ווערן די שטרעבונג צו אומאָפּהענגיקייט, ד. ה. צו צערייסן מיט רוסלאַנד. צום ערשטן מאָל האָט זיך עס עפנטליך אַרויסגעוויזן אויף די זיצונגען פון דער קליינער ראַדע, דעם 22 נאָוועמבער 1917, בעת ס'איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן סעפּאַראַטן שלום מיט דייטשלאַנד. אַלע יידישע פּאַרטייען האָבן זיך איינשטימיג אַרויס=

[1]) „נייע צייט", № 48, פונם 9 נאָוועמבער 1917.

[2]) דאָרט, נומ. 55 און 56, פונם 16-טן און 17-טן נאָוועמבער 1917.

[3]) דאָרט, № 78, פונם 15-טן דעצעמבער 1917.

[4]) דאָרט, № 88, פונם 30-טן דעצעמבער 1917, זעה אויך די זעלביגע צייטונג 73 און 67 №№. עס ווערט באַשריבן, ווי יום-טובדיג ס'איז געפייערט געוואָרן דער דריטער אוניווערסאַל אין וויניצע. דאָס זעלבע איז אויך פאָרגעקומען אין קרעמענטשוג און אַנדערע שטעט. די קאָנפערענץ פון די אוקראַינער ציוניסטן האָט דאַן אין אַ ספּעציעלער רעזאָלוציע אויך היים פּאַרטיידיגט די אוקראַינישע באַוועגונג.

געזאָגט קעגן דעם. מיט די יידן זיינען געווען איינינג אין דער דאָזיגער פראַגע אויך די רוסלענדישע ס. ד. („מענשעוויקעס") און די סאָצ.־רעוואָלוציאָנערן. אינם נאָמען פון די דאָזיגע אַלגעמיין־רוסישע פּאַרטייען זיינען אָבער אַרויסגעטראָטן ווידער יידן... די אוקראַינער האָבן אנטשיידן אָפּגעוואָרפן די רעזאָלוציע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן וועגן דעם, אַז די שלום־אונטערהאַנדלונגען דאַרפן געפירט ווערן אין נאָמען פון דער צענטראַלער רוסלענדישער פעדעראַטיווער מאַכט. צוויי שטאַנדפּונקטן האָבן זיך דאָ אין די הייסע דעבאַטן פון ביידע צדדים באַגעגנט: „די גאַנצע צייט האָט איר געזאָגט, — האָט מ. שאַץ־אַנין, דער פאָרשטייער פון די „פאַראייניגטע סאָציאַליסטן", זיך געווענדעט אין זיין רעדע צו די אוקראַינער, — אַז איר ווילט זיין אַ פרייע אוקראַינע אין דער פאַראייניגטער רוסלענדישער פעדעראַציע. טאָ ווי אַזוי קאָן אַ טייל פון דער פעדעראַציע פירן באַזונדערע שלום־אונטערהאַנדלונגען, ווען דאָס קאָן שטערן די אינטערעסן פון דעם פאַראייניגטן לאַנד? הייסט דאָס, אַז איר ווילט זיך אָפּטיילן? — טאָ זאָגטע־זשע אָפן, באַהאַלט זיך ניט"[1].

דער פערטער אוניווערסאַל האָט דאָס טאַקע אָפן געזאָגט. די פראַגע וועגן אָפּטיילן זיך פון רוסלאַנד איז לכתחילה באַשלאָסן געוואָרן אין די רייען פון די אוקראַינער פּאָליטישע טוער, און די יידישע פאָרשטייער האָבן זיך געהאַט צו רעכענען מיט דעם, ווי מיט אַ פאַקט. זייענדיג קאַטעגאָריש קעגן אוניווערסאַל, וועלכער סאַנקציאָנירט דעם צעפאַל פון רוסלאַנד און וואָס צעשפּאַלט דאָס רוסלענדישע יידנטום אויף צוויי טיילן, אָריענטירנדיג זיך אויף דעם פאַראייניגטן רעוואָלוציאָנס־פראָנט, האָבן די יידישע פּאַרטייען דאָך ניט געקאָנט פועלן ביי זיך צו שטימען קעגן דעם מאַניפעסט פון דער אומאָפּהענגיגער אוקראַינע. זיי האָבן זיך דעריבער אָפּגעהאַלטן; נאָר דער „בונד" (צוזאַמען מיט די רוסלענדישע „מענשעוויקעס") האָט אָפן געשטימט קעגן; אויסער די יידישע פּאַרטייען (די ציוניסטן האָבן זיך אין דער דאָזיגער אָפּשטימונג ניט באַטייליגט) האָבן זיך אָפּגעהאַלטן אויך אַנדערע פאָרשטייער פון די מינדערהייטן — די רוסלענדישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און די „פּוילישע צענטראַלע פאַראייניגונג" [2]. „מיר האָבן זיך אָנגעמערקט אַ גרעניץ, וועלכע מיר קענען ניט אַריבערשפּאַנען צוזאַמען מיט אונזערע אוקראַינער חברים; די דאָזיגע גרעניץ איז — די גאַנצקייט פון רוסלאַנד", האָט נאָך ביי דער אָפּשטימונג פונם דריטן אוניווערסאַל ערקלערט א. זאָלאָטאַריאָוו. „די ערקלערונג פון „סאַמאָסטיינאָסט" איז געווען אַ פעלער, אַ לייכטזיניגער שריט, וואָס מוז און וועט זיך אָפּרופן אין דער נאָהענטער צוקונפט. סיי פון דער עקאָנאָמישער, סיי פון דער פּאָליטישער זייט וועט די „סאַמאָסטיינאָסט" נאָר פאַרשאַפן די מניעות און שוועריקייטן, וואָס שטערן סיי ווי

---

[1]) „נ י י ע צ י י ט", №№ 59, 60, פונם 22 און 23 נאָוועמבער 1917.

[2]) די פראַגע וועגן אוניווערסאַל איז אָפּגעשטימט געוואָרן אין דער קליינער ראַדע (דעם 11 יאַנואַר 1918) און איז דורכגעגאַנגען מיט 39 שטימען פון די אוקראַינער קעגן פיר. 6 האָבן זיך אָפּגעהאַלטן.

סיי דער פריערער אַנטוויקלונג פון דער אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובליק", האָט געשריבן וועגן דעם אוניווערסאַל דער אָרגאַן פון די ציוניסטן [1].

די באַציהונג פון די ידישע פּאַרטייען צום נייעם קורס האָט אַרויסגערופן אין די רייען פון די אוקראַינישע פּאָליטישע טוער, און באַזונדערס צווישן די איינפאַכע מיטגלידער, אַן אומגעהייערע אויפרעגונג. זיי זיינען געווען אויפגעבראַכט, הלמאי פירן די ידישע פּאַרטייען אַן אומאָפּהענגיגע פּאָליטיק בנוגע דעם שיקזאַל פון אוקראַינע. די דאָזיגע אומצופרידענע שטימונג האָט זיך אויף אַ דעמאָנסטראַטיוון אופן בולט אַרויסגעוויזן אויף דער זיצונג פון קליינער ראַדע דעם 6־טן יאַנואַר 1918, ווען ס'איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן דעם אָנגריף פון די באָלשעוויקעס און וועגן דער אוקראַינער שלום־דעלעגאַציע. בעת ס'איז אַרויסגעטראָטן דער פאָרשטייער פון „בונד" — מ. ראַפעס, האָט מען אים פון די כאָרן געשריען: „אין שול אַריין!" און מ'האָט אים ניט געלאָזט רעדן. די אוקראַינער האָבן אָנגעהויבן מאַכן פאָרוואורפן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אַז זיי „שטערן דער באַפרייאונג פון אוקראַינע". נאָך אַ מער שאָוויניסטישע אַטמאָספער האָט געהערשט אין דער ראַדע, ווען מ'האָט געשטעלט צו דער אָפּשטימונג דעם פערטן אוניווערסאַל. בעת ס'האָט גערעדט דער פאָרשטייער פון „בונד", מ. ליבער, האָט דאָס אוקראַינער פּובליקום אים געשטערט מיט זידלערייען און סוויסטשעריייען. אפילו די אַרויסטרעטונגען פון יענע ידישע פאָרשטייער, וואָס האָבן זיך אָפּגעהאַלטן ביי דער אָפּשטימונג, האָט מען אויך באַגעגנט מיט צאָרנדיגע אויסגעשרייען.

דעם 9־טן יאַנואַר 1918, פריער מיט צוויי טעג איידער דער אוניווערסאַל איז אָפּגעשטימט געוואָרן, האָט די ראַדע איינשטימיג אָנגענומען דעם געזעץ וועגן דער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אַוטאָנאָמיע, וואָס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן דורך דעם ידישן גענעראַל־סעקרעטאַריאַט. וועגן דער אומגעהייערער באַדייטונג פון דעם דאָזיגן געזעץ קאָן מען אורטיילן לויט דעם ענטוזיאַזם, וואָס ער האָט אַרויסגערופן ביי די פאָרשטייער פון די ידן, וועמען ער איז פאַקטיש מער פון אַלעמען געווען נוגע. „דער געזעץ, וואָס מיר האָבן אָנגענומען, קאָן פאַרגליכן ווערן נאָר מיט די אַקטן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע; דעמאָלט זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרן די רעכט פונם דער פּערזאָן, היינט זיינען פּראָקלאַמירט די רעכט פון דער נאַציע", האָט ערקלערט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פאַר ידישע ענינים (דער שפּעטערדיגער מיניסטר) מ. זילבערפאַרב. מ. ראַפעס, דער פאָרשטייער פון „בונד", האָט באַגריסט דעם געזעץ, „אַלס אַן אַקט פון דער גרעסטער באַדייטונג, צו וועלכן קיין איין לאַנד אין אייראָפּע האָט נאָך ניט זוכה געווען". אין דעם זעלבינן גייסט האָבן זיך אויך אַרויסגעזאָגט די פאָרשטייער פון די ציוניסטן און אַנדערע פּאַרטייען. דער פירער פון די ציוניסטן, נ. סירקין, האָט

---

[1]) „ד ע ר ט ע ל ע ג ר אַ ף", נומער 15, פינם 17 יאַנואַר 1918, א. מכבים אַרטיקל „די ערקלערונג פון סאַמאָסטיינאָסט".

מיט שמחה געשריבן: „אַן אַלטער חלום ווערט מקוים“[1]. די יידישע עסקנים האָבן פֿאַרגעשיקט דעפּעשן און מודיע געווען וועגן דעם אָנגענומענעם געזעץ בכל תפוצות ישראל — קיין פּעטראָגראַד, אַמעריקע, גאַליציע און אַנד. דער געזעץ וועגן דער נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אַווטאָנאָמיע איז אָנגענומען געוואָרן כמעט אין דער זעלביגער צייט שוין, ווען די אוקראַינישע פּאָליטישע טוער האָבן דורך דעם פערטן אוניווערסאַל אידייאיש צעריסן מיט די פּאָרשטייער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דער דאָזיגער געזעץ האָט דעריבער אין אַ געוויסער מאָס אָנגעוואָרן זיין באַדייטונג. גראָד יענער פּעריאָד, ווען עס האָט זיך קלאָר אויסגעשיילט די נייע אידעאָלאָגיע פון די אוקראַינער פּאָליטישע טוער און ס'איז אָנגענומען געוואָרן די אָריענטאַציע אויף „אומאָפּהענגיקייט“, ד. ה. די צייט צווישן נאָוועמבער 1917 און יאַנואַר 1918, איז געווען דער פּעריאָד פון דער גינסטיגסטער פאַר יידן געזעצגעבונג בנוגע זייערע נאַציאָנאַלע רעכט. די אוקראַינישע פּאָליטישע טוער זיינען אין הינזיכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטס-רעכט, באמת, געגאַנגען זעהר ווייט. אָבער די אַלגעמיינע פּאָליטישע ליניע און די מלוכה-אויפבויאונג פון אוקראַינע האָבן זיי באַשלאָסן דורכצופירן, ניט רעכנענדיג זיך מיט די שטימונגען פון דער יידישער געזעלשאַפטליכקייט און פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אין אַלגעמיין.

די יידישע פּאָרשטייער זיינען געווען קעגן אוניווערסאַל, נאָר אַז די אוקראַינישע טוער האָבן דעם אוניווערסאַל אָנגענומען און די אוקראַינישע אומאָפּהענגיקייט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, האָבן זיי זיך צום נייען קורס באַצויגן לאָיאַל. „די נאַציע קאָן ניט זיין אין אָפּאָזיציע“, האָט די „נייע צייט“ געשריבן אין לייט-אַרטיקל „דער געשעהענער פאַקט“. די צייטונג וויל זיך אָבער ניט נאַרן און ווייסט, אַז „די געשעהענישן, וואָס קענען באַגלייטן דעם פּראָצעס פון ווערן זעלבסטשטענדיג, קענען שטעלן אין אַ באַזונדער סכנה די יידישע מאַסן“[2]. די נאָהנטסטע געשעהענישן האָבן באַוויזן, אַז אין די ווערטער איז געלעגן אַ שטיק נביאות. גראָד אין די דאָזיגע חדשים אַנטוויקלט זיך אין די רייען פון די אוקראַינישע פירער יענע חשודיגע און אומצוטרויליכע באַציהונג צו יידן (צו די „נאַציאָנאַלע מינדערהייטן“), וואָס ווערט פּרימיטיוו אויפגעפּאַסט דורך די פּשוטע אוקראַינער, אויף די כאָרן פון דער ראַדע און דורך די ברייטע קרייזן, אַלס אַן אַנטיסעמיטישער אימפּולס. נאָך פריער, אויף דער זיצונג פון צענטראַלער ראַדע דעם 16-טן דעצעמבער, איז דער ראש פון רעגירונג, וו. ווינישענקאָ, אַרויסגעטראָטן מיט אַ ניפּטיגער רעדע קעגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. „אונז איז אייער ליניע גוט באַקאַנט“, האָט ער געזאָגט: „אַז מיר האָבן געשטרעבט צו האָבן אַ וועלכע ס'נים איז ראַדע מיט אַ קאָמיסאַר פון פּעטראָגראַד, האָבן אונז די מינדערהייטן געשריען: „איר זייט נאַציאָנאַליסטן, איר זייט שאָוויניסטן, איר פירט צו צעשפּאַלטונג“... נאָר אָט זיינען מיר דורכגעגאַנגען דעם עטאַפּ און זיינען געקומען צו אַווטאָנאָמיע. האָבן די

[1] „דער טעלעגראַף“, נומער 2, פונם 16 נאָוועמבער 1917, אַרטיקל „דער גוטער אָנהויב“.

[2] „נייע צייט“, 10 №, פונם 13 יאַנואַר 1916.

מינדערהייטן ווידער אָנגעהויבן שרייען: „איר זייט נאַציאָנאַליסטן, איר זייט שאָוויניסטן, איר פירט צו צעשפּאַלטונג“ ... און זיי האָבן אָנגעהויבן לויבן דעם שוין דורכגעמאַכטן עטאַפּ. נאָר אָט האָבן מיר זיך שוין אָפּגעזאָגט פון אויטאָנאָמיע און אַוועק ווייטער, — און זיינען געקומען צו פעדעראַציע. האָבן די מינדערהייטן ווידער געשריען: „איר זייט נאַציאָנאַליסטן, איר זייט שאָוויניסטן“. איצט האַלטן זיי אונז נעלויבט, ווען מיר שטעלן זיך אָפּ ביי אַוטאָנאָמיע. מיר ווילן אָבער גיין נאָך ווייטער, און וואוהין — ווייסן מיר אַליין. די מינדערהייטן ווילן, אַז ביי אונז זאָל זיין איין ליניע—אויף פּעטראָגראַד“ [1]). דאָס אוקראַינער פּובליקום האָט ווינישענקאָס רעדע אויפגענומען מיט האַסטיגע אַפּלאָדיסמענטן און צופרידענעם געלעכטער. אַן אַנדער אוקראַינישער טוער, אויך אַ מיטגליד פון דער אוקראַינישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס איז געשטאַנען אויף איר לינקן פלאַנג, נעראָנאָוויטש, האָט, בעת ס'איז אין דער ראַדע באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן סעפּאַראַטן שלום, אָפן געזאָגט: „איך האָב קיינמאָל ניט געגלויבט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געפירט אַ העצע קעגן דער ראַדע, און אפילו איצט, ווען די מינדערהייטן פאָדרן, די מאַכט זאָל איבערגעגעבן ווערן נאָר דער ראַדע, גלויבן מיר זיי אויך נישט“[2]). דאָס איז געווען אַ שווערע באַשולדיגונג, וואָס מ'האָט פאָרגעוואָרפן די ניט-אוקראַי-נישע, ד. ה. הויפּטזאַכליך — די יידישע פאָרשטייער. אינטערעסאַנט איז, אַז דער זעל-ביגער נעראָנאָוויטש איז איינער פון די ערשטע אַריבער אויפן צד פון די באָלשעוויקעס, בעת זיי האָבן זיך אָנגעהויבן דערנעהנטערן צו קיעוו, און האָט זיך געשטעלט קעגן דער ראַדע [3]) ...

דער ווענוויזער האָט זיך האַסטיג אַ דריי געגעבן אין דער ריכטונג פון אומ-אָפּהענגיקייט, און דורך דעם איז די גאַנצע פּאָליטיק און די אידעאָלאָגיע פון דער אוקראַינער באַוועגונג געשטעלט געוואָרן אויף נייע רעלסן. דעם אָנגריף פון די באָלשע-וויקעס, קעגן וועלכן ס'זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן אַלע רוסלענדישע פּאַרטייען, האָט מען אין קיעוו דאָך פאָרגעשטעלט, אַלס אָנגריף פון די „גרויס-רוסן“. דער פירער פון דער רעגירונג אַליין האָט עס אָפן ערקלערט. „דער קאַמף, וואָס די באָלשעוויקעס פירן מיט אונז, איז אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר קאַמף. די באָלשעוויקעס קעמפן אַלס גרויס-רוסן קעגן אונז“, האָט וו. ווינישענקאָ געזאָגט אויפן אַלאוקראַינישן ראַטן-צוזאַמענ-פאָר. אין דער זעלביגער צייט האָט אָט די אויפרעגונג קעגן די „גרויס-רוסן“ אויף אַ אומערוואַרטעטן אופן געבראַכט צו דער אויפרעגונג קעגן די יידן. די אַנטיסעמי-טישע געפילן, וואָס זיינען געווען פאַרבאָרגן אין דער טיפעניש פון דער אוקראַינער גע-זעלשאַפטליכקייט, זיינען פלוצים נתגלה געוואָרן.

---

[1]) „ק י ע וו ס ק אַ י אַ מ י ס ל“, פונם 19-טן דעצעמבער 1917. באַריכט פון דער צענטראַלער ראַדע.

[2]) ד אָ ר ט, פונם 22 און 23 נאָוועמבער 1917.

[3]) שפּעטער, אין יאַנואַר, איז ער דערהרגעט געוואָרן; דאָס איז געווען אַ נקמה מצד די אוקראַינער עקסטרעמע נאַציאָנאַליסטן פאַר „פאַרראַט“.

ס'איז קיין ספק ניט, אַז די שלום־אונטערהאַנדלונגען אין בריסק און דער קאָנפליקט, וואָס האָט דאָרט אויסגעבראָכן צווישן דער באָלשעוויסטישער און אוקראַינישער דעלעגאַציע, האָבן אויף לאַנג פאַרשאַרפט די נעגנזייטיגע פאַרביטערונג. די סעפּאַראַטע אונטערהאַנדלונגען, וואָס די דעלעגאַציע פון דער ראַדע האָט געפירט מיט די דייטשן, און דער סעפּאַראַטער שלום, וואָס זיי האָבן געשלאָסן, האָט צעמישט אַלע פּלענער פון די באָלשעוויקעס און האָט שטאַרק פאַרערגערט זייער פּאָזיציע. דער פירער פון דער באָלשעוויסטישער דעלעגאַציע, ל. טראָצקי, איז אין בריסק געצוואונגען געווען, פון איין זייט, צו אָנערקענען די אומאָפּהענגיקייט פון דער אוקראַינער רעפּובליק און אירע רעכט צו פירן אונטערהאַנדלונגען. פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט ער מיט אַלע כחות געשטרעבט צו שטערן דער אוקראַינער דעלעגאַציע שליסן אַ סעפּאַראַטן שלום. אַז דער שלום מיט דער ראַדע איז דאָך געשלאָסן געוואָרן (דעם 9־טן פעברואַר 1918), האָט ער העפטיג פּראָטעסטירט אויף דער זיצונג פון דער שלום־קאָנפערענץ. נאָך פריער, דעם 1־טן פעברואַר, איז אויף דער קאָנפערענץ פאָרגעקומען, פאַר די פאָרשטייער פון די צענטראַלע מלוכות אין די אויגן, אַ שאַרפער צוזאַמענשטויס צווישן טראָצקין און דער אוקראַינער דעלעגאַציע. טראָצקי האָט אַלע מיטלען אָנגעווענדעט, כדי צו דיסקרעדיטירן די רעגירונג פון דער צענטראַלער ראַדע פאַר די קאָנפערענץ־מיטגלידער; ער האָט ערקלערט, אַז די אוקראַינישע דעלעגאַציע האָט ניט דאָס רעכט צו רעדן אין נאָמען פון אוקראַינע. די אוקראַינער זיינען דאַן שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די באָלשעוויקעס. „די פאַלשע ערקלערונגען פון די באָלשעוויקעס — האָט דער מיטגליד פון דער אוקראַינער דעלעגאַציע, מ. לובינסקי, געזאָגט — וועגן דער פולער פרייהייט פון די פעלקער אין רוסלאַנד זיינען נאָר אַ גראָבער דעמאַגאָגישער מאַנעוור. די באָלשעוויסטישע רעגירונג, וואָס האָט צעטריבן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און שטיצט זיך נאָר אויף די באַגנעטן פון דער געדונגענער רויטער גוואַרדיע, וועט זיך קיינמאָל ניט אַנטשליסן דורכצופירן אין רוסלאַנד די יושרדיגע פּרינציפּן פון די רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג. . נאָר אויס מורא פאַר דער אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלע רעוואָלוציעס האָבן די באָלשעוויקעס מיט זייער געוואוינליכער דעמאַגאָגיע אַרויסגעשטעלט ווי אין רוסלאַנד, אַזוי אויך דאָ, אויף דער שלום־קאָנפערענץ, דעם טעזיס פון די רעכט פון אַלע נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג“. נאָך דעם דאָזיגן סכסוך איז גראַף ו. טשערנין אַרויסגעטראָטן, אין נאָמען פון די צענטראַלע מלוכות, מיט אַן ערקלערונג, אַז זיי אַנערקענען, אַז די אוקראַינישע פאָלקס־רעפּובליק איז שוין איצט אַן אומאָפּהענגיגע, פרייע, סוּווערענע מלוכה, וואָס איז באַרעכטיגט צו שליסן אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן“ [1].

דער שלום־אָפּמאַך, וואָס די אוקראַינער האָבן געשלאָסן „הינטערן רוקן פון די באָלשעוויקעס“, איז געווען פאַר די לעצטע אַ קלאַפּ און האָט זיי גענויט איינגיין אויף שווערערע באַדינגונגען. די ווייטערדיגע געשעהעניש, וואָס זיינען מיט דעם אָפּמאַך פאַר־

[1]) ציטירט לויט כריסטיוק, צווייטער באַנד, זייטע 112־108.

בונדן, האָבן נעטראָגן פאַר די באָלשעוויקעס נאָך מער סכנה: מיטן אָנקומען פון די דייטשן אויף אוקראַינע און קיין קרים און, באַזונדערס, מיט זייער מאַרש אויפן דאָן, איז פאַר די באָלשעוויקעס אויסגעוואַקסן אַ סכנה פון אַ דייטשן פראָנט, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט פון דריי זייטן, — פון מערב ביז מזרח. ס'איז קיין ספק ניט, אַז די אַלע סבות האָבן שפּעטער געשפּילט אַ אומגעהייערע ראָלע אין די באַציִונגען פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט, און באַזונדערס פון דעם אָנפירער פון דער רויטער אַרמיי, צו דער אוקראַינער אומאָפּהענגיקייט, און האָבן שטאַרק געווירקט אויף דער אַגרעסיווער פּאָליטיק קעגן די אוקראַינער. פון דער אַנדערער זייט, האָט ניט ווייניג מיטגעהאָלפן דער ווייטערדיגער אויפרעגונג פון די אוקראַינישע פּאָליטישע טוער די אַנטי-אוקראַינישע פּאָזיציע פון דער בריסקער דעלעגאַציע, בראש פון וועלכער ס'זיינען געשטאַנען צוויי יידן — ל. טראָצקי און א. יפה...

אין דערזעלביגער צייט קומען פאָר ענדערונגען אין דער רעגירונג. דער נייער פּאָליטישער גייסט האָט געבראַכט צו דער מאַכט נייע עלעמענטן. נאָכן פערטן אוניווערסאַל ווערט געשאַפן אַ נייער מיניסטאָרן-קאַבינעט: די אוקראַינישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, בראש מיט ווינישענקאָ, גייען אַוועק, און זייער אָרט פאַרנעמט די גרעסטע אוקראַינישע פּאַרטיי, — די אוקר. סאָצ.-רעוואָלוציאָנערן, מיט וו. גאָלובאָוויטשן, פּאָרזיצער פון מיניסטאָרן-קאַבינעט. אין דער איינענער צייט פאַרשטאַרקט זיך אויך דער רעאַקציאָנער-שאָוויניסטישער גייסט. וואָס נעענטער די באָלשעוויקעס קומען צו קיעוו, אַלץ שטאַרקער ווערט דער איינפלוס פון דער מ י ל י ט ע ר י ש ע ר פּ אַ ר ט י י אויף דער אוקראַינער פּאָליטיק. אין שטאָט ווערט ערקלערט באַלאַגערונגס-צושטאַנד, און אַלס אומבאַגרענצטער קאָמענדאַנט ווערט באַשטימט דער אָנפירער פון די קיעווער „פרייע קאָזאַקן“, א. קאָווענקאָ, אַ זעהר אָנגעזעהנע און אַקטיווע פיגור אין די שאָוויניסטיש-געשטימטע מיליטערישע קרייזן, אַ מענש, וואָס האָט אַ געפערליכע ראָלע געשפּילט אין דער פּאָגראָם-באַוועגונג פון דעם דאָזיגן און פון די שפּעטערדיגע פּעריאָדן[1]. מ. זילבערפאַרב, וואָס האָט דעמאָלט, אַלס יידישער מיניסטער און קאַבינעט-מיטגליד, נאָהענט צוגעזעהן די אוקראַינער ענינים, שרייבט אין זיין בוך:

„אין קיעוו האָט נאָך דערצו דעמאָלט געהעלטיגט די מיליטער-מאַכט, וועלכע איז קיין מאָל ניט געווען גאַנץ ריין פון אַנטיסעמיטיזם. נאָך פריער, ווען אין קיעוו איז ערקלערט געוואָרן דער קריגס-צושטאַנד, האָט די מיליטער-מאַכט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג, וואָס לויט איר דאַרפן פון קיעוו אַרויסגעשיקט ווערן אַלע קיעווער איינוואוינער, וואָס האָבן זיך באַזעצט נאָכן 1-טן יאַנואַר 1915. די דאָזיגע פאַראָרדנונג האָט באַדאַרפט דערלאַנגען אַ באַזונדער שטאַרקן קלאַפּ דער יידישער באַפעלקערונג פון קיעוו, ווייל איר גרעסטער טייל האָט באַקומען די מעגליכקייט זיך צו פאַררעגיסטרירן פאַר קיעווער תושבים ערשט נאָכדעם, ווי דער גלייכבאַרעכטיגונגס-אַקט פון 22-טן

---

[1]) מ. קאָווענקאָ איז, צוגלייך מיט ס. פּעטליורען און וו. ווינישענקאָ, געווען אַ מיטגליד פון דער אוקראַינער סאָצ.-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

מאַרט 1917 האָט אָפּגעשאַפּט די ספּעציעלע באַגרענעצונגען פון יידן זיך צו באַזעצן אין קיעוו. כמעט ¾ פון דער קיעווער יידישער באַפעלקערונג איז געשטאַנען אין דער סכנה אַרויסגעיאָגט ווערן פון קיעוו. דעמאָלט האָט זיך נאָך דעם יידישן גענעראַל־סעקרעטאַר איינגעגעבן אָפּשטעלן די דאָזיגע אומגעלומפּערט־אכזריותדיגע פאַראָרדנונג פון דער קיעווער מיליטער־מאַכט. שפּעטער איז די לאַגע געוואָרן ערגער. די באָלשעוויקעס זיינען שוין געשטאַנען הינטער קיעוו. אין קיעוו גופא האָט אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד. די שטאָט איז ערקלערט געוואָרן אין באַלאַגערונגס־צושטאַנד, און די גאַנצע הערשאַפט איז אַריבערגעגאַנגען צו דער מיליטער־מאַכט, וועלכע האָט מיט אַ באַזונדער ווילדקייט, צעהיצט פון יאוש, זיך גענומען רודפן אַלע חשודיגע נים־אוקראַינישע עלעמענטן בכלל, און יידן בפרט. אָהן אַ משפט און אָהן אַ דין האָט מען געהרגעט און געשאָסן צענדלינגער מענשן, וואָס אויף זיי האָבן די מיליטער מענשן געוואָרפן אַן אומחן. מ'האָט ביז נאָך עד היום ניט דעם חשבון פון די הרוגים פון יענע טעג, און וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען. איינצעלנע אָנפאַלן און רדיפות אויף יידן זיינען פאָרגעקומען אָהן אַ שיעור. אימפּראָוויזירטע — און אפשר אויך אָרגאַניזירטע — פּאָגראָם־אַרויסטרעטונגען אויף איינציגע גאַסן פון קיעוו האָבן ניט געפעלט. דער יידישער מיניסטער האָט ניט געהאַט קיין מאַכט אָפּצושטעלן די ווילדע מעשים... און דעם 16־טן יאַנואַר 1918 האָט ער דערלאַנגט דער ראַדע זיין דימיסיע"[1]).

די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע אין קיעוו איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז דעם 20 יאַנואַר האָט די ציוניסטישע פראַקציע אַריינגעטראָגן אין ראַדע אַן אָנפראַגע און האָט פאָרגעלייגט, אַז די ראַדע זאָל זיך ווענדן צו דער באַפעלקערונג מיט אַ ספּעציעלן אויפרוף קעגן נאַציאָנאַלער העצע. כאַראַקטעריסטיש דערביי איז, וואָס איינער פון די פירער פון די אוקראַאינישע ס.־ד., ב. מאַרטאָס, איז אַרויסגעטראָטן קעגן אַזאַ אויפרוף און האָט באַשולדיגט די „נאַציאָנאַלע מינדערהייטן" אין דעם, אַז זיי האָבן ניט געגוג ענערגיש געשטיצט די ראַדע אין איר קאַמף מיט די באָלשעוויקעס. באַזונדערס שאַרף איז ער אַרויס קעגן דעם „בונד", וועלכער פירט, לויט זיינע ווערטער, „אַ צוויי פנימדיגע פּאָליטיק בנוגע דער ראַדע"[2]). נאָך די דעבאַטן איז אָנגענומען געוואָרן אַ פאָרשלאַג, אַז דעם אויפרוף צו דער באַפעלקערונג זאָלן אַרויסלאָזן די סאָציאַליסטישע

---

[1]) דר. מ. זילבערפאַרב, „דאָס יידישע מיניסטעריום און די יידישע אַווטאָנאָמיע אין אוקראַאינע", אויסג. „פאָלקס־פאַרלאַג", זייטע 60־61. ס'איז באַוואוסט, אַז מ. זילבערפאַרב האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פּאָסטן ניט נאָר איבער די אַנטיסעמיטישע עקסצעסן, נאָר בכלל איבער דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן קורס, וועלכער האָט אָנגעהויבן ווערן רעאַקציאָנער און וועלכער האָט זיך, אגב, אויסגעדריקט אינם אַרעסט פון 7 מיטגלידער פון דער ראַדע, אוקראַאינער לינקע ס.־ר'ן, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו די באָלשעוויקעס. מ. זילבערפאַרב אי געווען קעגן דעם אַרעסט פון פאַרלאַמענט־מיטגלידער. אין „יעוור. מיסל" (7־8 №, 1918) ווערט געבראַכט די אָנפראַגע, וואָס נ. סירקין האָט אַריינגעטראָגן אין נאָמען פון די ציוניסטן אין ראַדע, דעם 6 יאַנואַר 1918, וועגן דער אויבנדערמאָנטער פאַראָרדנונג פון דער מיליטער־מאַכט וועגן אַרויסשיקן די ניט־באַזעצטע איינוואוינער פון קיעוו.

[2]) „דער טעלעגראַף", 16 №, פונם 24 יאַנואַר 1918.

פּראַקציעס. דער דאָזיגער אויפרוף איז פון די פּראַקציעס דעמאָלט פאַרעפנטלכט געוואָרן, אין אים רופן זיי די באַפעלקערונג אונטערשטיצן די ראַדע אין איר קאַמף מיט די באָלשעוויקעס — פון איין זייט, פון דער צווייטער — וואָרענען זיי קעגן נאַציאָנאַלער העצע.

אין יענע טעג פון פאַרביטערטע שטימונג און פּאַניק, ווען די באָלשעוויסטישע קאַנאָנען האָבן אָהן אויפהער באָמבאַרדירט די שטאָט און עס זיינען אומגעקומען עטליכע הונדערט מענשן פון דער פרידליכער באַפעלקערונג, האָט זיך די פּאָגראָם־שטימונג שטאַרק פאַרשאַרפט; ס'איז אפילו געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך צו ראַבירן יידישע קלייטן. אין דער צייט קומען פאָר די ערשטע פּאָגראָם־אַרויסטרעטונגען פון קאָווענקאָס „פרייע קאָזאַקן“. זיי מאַכן אַן אָרגאַניזירטן אָנפאַל אויף דער וואוינונג פונם „יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד“ און מאַכן אין דער וואוינונג אַ חורבן. דער פאָרזיצער פונם אויספיר־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד, יונה גאָנאָל, וועלכער איז געקומען אין דער קיעווער קאָמענדאַנטור קלאָר מאַכן דעם ענין מיטן אָנפאַל, איז דאָרט טאַקע אויף אַן אכזריותדיגן אופן דערהרגעט געוואָרן (דעם 20־טן יאַנואַר).

# IV

דער וואוקס פון אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד. – די באַציהונג פון די צענט־ראַלע ראַטן־אָרגאַנען און פון דער צייטווייליגער רעגירונג. – די באַציהונג פון דער אוקראַאינישער מאַכט; די אויפרופן פון א. שולגין, וויניטשענקאָ און פּעט־ליורע. – דער אויפרוף פון יידישן גענ.־סעקרעטאַר. – די קאָמיסיע צו קעמפן מיט אַנאַרכיע. – דער „אָאַזיס פון אָרדנונג“. – די שוואַכקייט און נייטראַ־ליטעט פון דער אוקראַאינישער מאַכט. – די פראַגע וועגן זעלבסטשוץ. – יידישע סאָלדאַטן אויפן פראָנט און די פּאָגראָמען. – די קאָנפערענצן פונם „יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד“. – פּראָיעקט פון יידישע מיליטער־טיילן. – די באַציהונג פון יידישן מיניסטעריום; די האָפנונגען אויף די „ווילנע קאָזאַקן“. – די זעלבסטשוץ־פראַגע אינם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט. – די פאַרטיידינער און געגנער פון באַוואָפנטער זעלבסטשוץ. – יידישע „דרושינעס“. – די ראָלע פונם יידישן מיניסטעריום אין קאַמף מיט די פּאָגראָמען. – די האָפנונגען פונם פּראָווינציעלן יידנטום.

די אַנטיסעמיטישע העצע און די פּאָגראָם־שטימונגען, וועלכע האָבן אָנגעהויבן וואַקסן ניט נאָר אין די דרום־גובערניעס, נאָר אין אַ גאַנצע רייע שטעט אין רוסלאַנד, האָבן זיך ארויסגעוויזן פאַר אַזאַ סכנה, אַז זיי האָבן צוגעצויגן צו זיך די אויפ־מערקזאַמקייט פון די רעגירנדע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַנען. אַ שטאַרקע אַנטי־יידישע אַגיטאַציע איז געפירט געוואָרן צווישן די סאָלדאַטן און איז באַגלייך געגאַנגען מיט דעם צעפאַל פון דער רוסישער אַרמיי און דער וואַקסנדער דעמאָראַליזאַציע. די דאָזיגע העצע האָט אין אייניגע פּונקטן אָנגענומען אַזאַ ערנסטע פאָרם, אַז, למשל, דער מיליטערישער געגנט־צוזאַמענפאָר אין אַדעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין יוני 1917, האָט באַשלאָסן, „היות ווי די אַנטיסעמיטישע העצע איז שעדליך פאַר די רוסישע רעוואָלוציע“, צו בעטן די צייטווייליגע רעגירונג „אָננעמען מיטלען כדי צו באַשיצן די יידן פון רדיפות“ [1]. די צענטראַלע אָרגאַנען האָבן אָבער שוין אַליין איינגעזעהן די סכנה פון דער פּאָגראָם־אַגיטאַציע. סוף יוני האָט דער ערשטער ראַטן־צוזאַמענפאָר אין פּעטראָגראַד איינשטימיג אָנגענומען אַן אַנטשלאָסענע רעזאָלוציע קעגן אַנטיסעמי־טיזם, אין וועלכער אַלע אָרטיגע אַרבעטער־ראַטן ווערן אויפגעפאָדערט „שטרענג נאָכצוקוקן נאָך אַלע מעשים־תּעתּועים פון די אַנטיסעמיטישע גרופּן און אַגיטאַטאָרן“, ווי אויך צו פירן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן דעם פאָלק; די רעזאָלוציע האָט

[1]) „יעוורעיסקאַיאַ זשיזן“ (וואָכנבלאַט, מאָסקווע), 23 №, פונם 25 יוני 1917.

צונעזאָגט די יידישע מאַסן „שטיין פּאַר זיי שטאָל און אייזן און באַשיצן פון יעדן פּאַרזוך צו באַגיין גוואַלדטאַטן קעגן יידן" ¹). שפּעטער, אין אָקטאָבער, ווען די פּאָגראָם-שטימונגען האָבן זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, האָט דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט פון די ראַטן אָנגענומען, נאָך ר. אַבראַמאָוויטשעס (דעם פאָרשטייער פון „בונד") פּאָרטראַג, אַ קאַטעגאָרישע רעזאָלוציע צו קעמפן מיט דער פּאָגראָם-באַוועגונג. „אין פּאַרשידענע געגנטן פון רוסלאַנד, — ווערט אין דער רעזאָלוציע געזאָגט, — ווילדעוועט אַ צערייצטער, פינסטערער, און אָפּט אַ פאַרשכורטער המון... וועלכער ראַבעוועט, גזלט, באַגייט גוואַלדטאַטן און הריגות". די רעזאָלוציע רעקאָמענדירט אויך שטרענג נאָכצוקוקן נאָך די מעשים פון די אַנטיסעמיטישע העצער און אַנטוויקלען אַן אַגיטאַציע קעגן די פּאָגראָמען. אַלס אַ קאָנקרעטער מיטל ווערט רעקאָמענדירט צו אָרגאַניזירן אויף די ערטער ספּעציעלע קאָמיסיעס מיטן אָנטייל פון פּאַרטייען, אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, פאָרשטייער פון דער מאַכט, מיטן צוועק „אידייאיש צו קעמפן קעגן דער פּאָגראָם-העצע און פאַרטיידיגן די בירגער" ²). די פּאָגראָם-געשעהענישן האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויך פון דער צייטווייליגער רעגירונג. דעם 27-טן סעפּטעמבער האָט די רעגירונג באַהאַנדלט די פראַגע און באַשלאָסן אָנצונעמען דרינגענדע מיטלען. „אין אַ ריי שטעט, — לויטעט דער באַשלוס, — קומען פאָר, הויפּטזאַכליך צוליב דעם ערנערונגס-קריזיס, גרויסע אומאָרדנונגען און פּאָגראָמען, וועלכע נעמען אָפּט אָן, באַזונדערס אין דרום, אַן אַנטי-יידישן כאַראַקטער". די סכּנה פון דער אַנאַרכיע זעהט די רעגירונג איין אין דעם, וואָס אויף די ערטער איז ניטאָ קיין פעסטע מאַכט, און דעריבער באַשליסט זי צו בילדן אויף די ערטער „ספּעציעלע קאָמיטעטן פון דער צייטווייליגער רעגירונג, מיטן אָנטייל פון די אָרטיגע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, מיט דער אויפגאַבע צו דערשטיקן די אומאָרדנונגען". די רעגירונגס-קאָמיסאַרן ווערן אויפגעפאָדערט דערביי „אויסצונוצן די גאַנצע פעסטקייט פון זייער מאַכט" ³).

ניט קוקנדיג אויף דעם גוטן ווילן, זיינען די אַלע פאַראָרדנונגען אין לעבן ניט דורכגעפירט געוואָרן. דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט פון די ראַטן און די צייטווייליגע רעגירונג האָבן זיך אפילו ניט צוגויפגערעדט וועגן אָט די „קאָמיסיעס" און „קאָמיטעטן" אויף צו קעמפן מיט פּאָגראָמען, און יעדער פון זיי האָט באַזונדער אויסגעאַרבעט מיטלען.

אין צענטראַל רוסלאַנד האָט די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג, ניט קוקנדיג אויף דער וואַקסנדער העצע קעגן יידן, דאָך ניט אָנגענומען אַן אַקטיוון כאַראַקטער פון עקסצעסן; עס זיינען דעמאָלט פאָרגעקומען (אין סעפּטעמבער) ערנסטע עקסצעסן נאָר אין טאַמבאָוו. אין דרום אָבער, אין אוקראַינע, האָט זיך אָנגעהויבן, ווי מיר האָבן געזעהן, אַ גאַנץ ברייטע פּאָגראָם-באַוועגונג, וועלכע האָט אין אַ קורצע צייט אַרומגעכאַפּט פילע

¹) מיר ציטירן לויטן „ראַזסוועט", נומער 1, פונם 9 יולי 1917.
²) דאָרט, 14 №, פונם 11 אָקטאָבער 1917.
³) דאָרט, 13 №, פונם 4 אָקטאָבער 1917.

צענדליגער פונקטן. די פאַראָרדנונגען פון פּעטראָגראַד, ווען אַפילו זיי וואָלטן געהאַט אַ רעאַלן יסוד, וואָלטן סיי ווי ניט געהאַט קיין שליטה איבער אוקראַינע, ווייל דאָ האָט שוין פאַקטיש עקזיסטירט אַן איינענע, נאַציאָנאַלע מאַכט, אָפּגעריסן פון צענטער.

די באַציהונג פון דער אוקראַינער מאַכט צו די געוואַלדטאַטן קעגן דער יידישער באַפעלקערונג איז תחילת געווען אַ גאַנץ באַשטימטע — די מאַכט האָט מיט אַלע מיטלען געפּרובט צו קעמפן מיט די עקסצעסן, ווי זי האָט, בכלל, געפּרובט אָפּצושטעלן די אַנאַרכיע אין לאַנד. מיט אַ חדש פריער איידער ס'איז געמאַכט געוואָרן אין דער ראַדע די ערשטע אָנפראַגע וועגן די פּאָגראָמען, האָט דער גענעראַל-סעקרעטאַר פאַר די ענינים פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, א. שולגין, שאַרף פאַראורטיילט די אַנטי-יידישע העצע אין אַ ספּעציעלן אויפרוף. דער דאָזיגער אויפרוף דאַרף פאַררעכענט ווערן, אַלס דער ערשטער אַרויסטריט פון דער אוקראַינער מאַכט אין דער פראַגע פון פּאָגראָמען. „פון פאַרשיידענע ערטער פון אוקראַינע,—איז געשטאַנען אין אויפרוף, — קומען אָן טרויעריגע ידיעות, אַז אַ חוץ די געוויינליכע רויבערייען, שרפות א. א. וו. באַמערקט זיך אַ פאַרזוך מאַכן יידישע פּאָגראָמען און רויבן יידיש גוטס. פאַרברעכערישע אַגיטאַטאָרן פרובן זיך, אויסוצנדיג די פינסטערקייט פון דער פאָלקס-מאַסע, פונאַנדערצובלאָזן די געפילן פון נאַציאָנאַלן האַס.. אַלע באַוואוסטזיניגע אוקראַינער דאַרפן מיט דער גאַנצער ענערגיע מיטהעלפן דעם גענעראַל-סעקרעטאַריאַט און דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע אין זייער קאַמף מיט אָט דער קללה, וואָס איז געבליבן, אַלס אַ ירושה פונם צאַרישן רעזשים"[1]. גלייך נאָך דעם האָט זיך אויך וו. וויניטשענקאָ, אַלס גענעראַל-סעקרעטאַר פאַר אינערליכע ענינים, געווענדעט צו די אוקראַינישע גובערניאַלע און אויעזד-קאָמיסאַרן מיט אַ דרינגענדן צירקולאַר וועגן דעם זעלביגן ענין: „פינסטערע עלעמענטן פירן אַן אַגיטאַציע צווישן המון, באַזונדערס אין די מאַרק-טעג און ירידים-טעג, אויף די ירידים און אַנדערע ערטער, וואו ס'נעמט זיך צונויף אַן עולם. דערביי זיינען געווען פאַלן, אַז די דאָזיגע אַגיטאַציע האָט זיך פאַרענדיגט מיט ראַבעווען קלייטן און פריוואַטע הייזער". דער צירקולאַר לייגט פאָר דער מאַכט אויף די ערטער אָנצונעמען אַנטשיידענע מיטלען קעגן אַזאַ אַגיטאַציע און אומרוהען און צו שיקן אַ באַוואָפנטע וואַך[2]. הגם דער צירקולאַר האָט פאַרשוויגן קעגן וועמען זיינען געוויינליך געווענדעט אַזעלכע פּאָגראָם-אַרויסטרעטונגען, דאָך איז געווען קלאָר, אַז ס'רעדט זיך וועגן יידן. די דאָזיגע מיטלען זיינען אָנגענומען געוואָרן אַ דאַנק דער ווירקונג פונם וויצע-סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים. עטוואָס שפּעטער, אין נאָוועמבער, האָט זיך מיט אַן אויפרוף צו די סאָלדאַטן געווענדעט אויך פּעטליורע, דער דאַמאָלסדיגער גענעראַל-סעקרעטאַר פאַר מיליטער-ענינים. „דערלאָזט ניט קיין פּאָגראָמען און אומאָרדנונגען, —

---

1) ציטירט לויט דער „נייע צייט" פונם 20 אָקטאָבער 1917.

2) אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום, צירקולאַר פון גענעראַל-סעקרעטאַר פאַר אינערליכע ענינים צו די גובערניאַלע און אויעזד-קאָמיסאַרן, פונם 20-טן אָקטאָבער 1917, № 1679.

ווערט אינם אויפרוף געזאָגט, — ווייל אויב איר וועט זיי דערלאָזן, וועט איר מיט שאַנדע
באַדעקן דעם העלדישן נאָמען פון דעם אוקראַינישן חיל. קיינע פּאָגראָמען טאָרן אויף
אונזער ערד ניט פּאָרקומען" [1]). מעלדנדיג וועגן די מיטלען, וואָס די רעגירונג נעמט
אָן, האָט דער אָפּיציאָז פונם יידישן וויצע־סעקרעטאַריאַט (מיר מיינען די „נייע צייט",
דעם אָרגאַן פון די „פאַראייניגטע יידישע סאָציאַליסטן") געשריבן: „מ'מוז אָבער
ווידער אַכטונג געבן, צי האָבן טאַקע די אָרטיגע קאָמיסאַרן ערפילט דעם באַפעל,
צי האָט די מיליטער־מאַכט טאַקע געהאָלפן די קאָמיסאַרן, צי פירט דער פּראָקוראָר
אַן אויספאָרשונג און ווי זי ווערט געפירט" [2]).

די פראַגע וועגן די פּאָגראָמען האָט ניט ווייניג באַאומרוהיגט דעמאָלט די יידישע
פּאַרטייען און איז באַהאַנדלט געוואָרן אויף די זיצונגען פונם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט,
וואָס איז געווען צונויפגעשטעלט פון פאָרשטייער פון די פּאַרטייען און האָט זיך גע⸗
פונען ביים יידישן גענעראַל־סעקרעטאַריאַט. אויף דער זיצונג פונם 5 נאָוועמבר איז
געמעלדעט געוואָרן, אַז דער גענעראַל־סעקרעטאַריאַט נעמט אָן צוזאַמען מיטן יידישן
סעקרעטאַריאַט אַלע מיטלען צו באַשטראָפן די שולדיגע, אַז אַ פולע העצער און אָנ⸗
טיילנעמער אין די פּאָגראָמען זיינען שוין אַרעסטירט. אין הסכם מיטן באַשלוס פון
דער דאָזיגער זיצונג האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פאַר יידישע ענינים, מ. זילבער⸗
פאַרב, אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלן אויפרוף צו דער יידישער באַפעלקערונג. אָנהויי⸗
זנדיג, אַז די כוואַליע פון פּאָגראָמען, וואָס האָט פאַרפלייצט אַ רייע יידישע שטעט און
שטעטלאַך, איז אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער אַנאַרכיע, וואָס הערשט אין לאַנד,
ערקלערט דער אויפרוף: „אין אמתן אָבער האָט איצט אין די גובערניעס פון אוקראַינע
דאָס שטענדיגע מורא־האָבן פאַר פּאָגראָמען ווייניגער גרונט, ווי ערגעץ אַנדערש...
אויב אין אַלע איבריגע קאַנטן פון רוסלאַנד איז אין דעם מאָמענט קיין פעסטע מלוכה⸗
מאַכט ניטאָ, און ס'ווערט איבער דעם אין פיל ערטער ניט ווייניג בלוט פאַרגאָסן, איז
אין אוקראַינע די מאַכט אַ פעסטע און שטאַרקע. און די
מאַכט שטרעבט דאָ מיט אַלע כחות צו באַוואָרענען און צו זיכערן די אָרדנונג און רו⸗
הינקייט פאַר אַלע פעלקער, וואָס וואוינען אין אוקראַינע. דער גענעראַל־סעקרעטאַריאַט
האָט פעסט באַשלאָסן ניט צו דערלאָזן קיין שום אומרוהען, קיין שום אומאָרדנונגען
אויף דער אוקראַינער טעריטאָריע... נאָר ניט פאַרלירן דעם מוט, בירגער יידן" [3]).
אַזוי אָפּטימיסטיש זיינען דעמאָלט געווען געשטימט די יידישע פּאָליטישע טוער.

צווישן די מיטלען, וואָס די אוקראַינער רעגירונג האָט אָנגענומען, כדי צו דער⸗
שטיקן די פּאָגראָמען און אומאָרדנונגען, איז געווען אַ פּראָיעקט צו שאַפן אַ „ספּע⸗
ציעלע באַראַטונג" („נאַראַד") מיט דעם צוועק צו קעמפן מיט דער אַנאַרכיע אין אוק⸗

---

[1]) מיר ציטירן לויט דעם „טעלעגראַף" 1 №, פונם 15 נאָוועמבר 1917.

[2]) „נייע צייט", 35 №, פונם 23 אָקטאָבער 1917.

[3]) אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום (פּאָגראָם־אָפּטיילונג), קאָ⸗
פּיע פון דר. מ. זילבערפאַרבס אויפרוף; אָפּגעדרוקט אויך אין דער „נייער צייט",
50 №, 1917.

ראַינע. אין דער „באַראַטונג“ האָבן געזאָלט אַריינגיין פֿאָרשטייער פֿון די מיניסטעריומס
פֿאַר אינערליכע ענינים און מיליטער=ענינים, פֿון די נאַציאָנאַלע וויצע=סעקרעטאַריאַטן
און פֿאָרשטייער פֿון די געזעלשאַפֿטליכע אָרגאַניזאַציעס. „די אַנאַרכיע, וואָס האָקסט
אין אוקראַינע, — איז געזאָגט געוואָרן אין צירקולאַר, וואָס איז אין צוזאַמענהאַנג מיטן
פּראָיעקט פֿונאַנדערגעשיקט געוואָרן צו אַלע אַנשטאַלטן, — חוץ דעם, וואָס זי שוואַכט
אָפּ דעם אויטאָריטעט פֿון דער מאַכט, גראָבט זי נאָך אונטער די יסודות פֿונם
פֿרידליכן צוזאַמענלעבן פֿון די פֿעלקער, וואָס געפֿינען זיך אין אוקראַינע, און
ברענגט אין אַ פֿולע פֿאַלן די אינטערעסן פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אַזאַ שאָדן,
וועלכן ס'איז אוממעגליך צו פֿאַרריכטן“ [1]. אַזאַ קאָמיסיע („ספּעציעלע באַראַטונג“)
צו קעמפֿן מיט דער אַנאַרכיע איז טאַקע געגרינדעט געוואָרן, נאָר זי האָט ניט אַרויסגע=
וויזן קיין סימן חיות און האָט אין קיין שום מאָס ניט געווירקט אויפֿן גורל פֿון דער פּאָג=
ראָם=באַוועגונג אין לאַנד. אין נאָוועמבער און דעצעמבער 1917 האָט די באַוועגונג אָנ=
גענומען נאָך אַ ברייטערן כאַראַקטער, ווי פֿריער. אויף דער זיצונג פֿונם 14=טן דע=
צעמבער, בעת דער אַכטער סעסיע פֿון דער צענטראַלער ראַדע, האָט מ. זילבערפֿאַרב
אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון וועגן דער טעטיקייט פֿונם יידישן גענעראַל=סעקרעטאַריאַט,
וועלכער האָט זעהר אַ פֿולע כחות אין ענערגיע אָנגעווענדעט, כדי צו קעמפֿן מיט
די פּאָגראָמען, און האָט גערופֿן די ראַדע צושטיין צום דאָזיגן קאַמף.

די אוקראַינער רעגירונג איז אָבער, ווייזט אויס, ניט געווען בכח צו קעמפֿן מיט
דער פּאָגראָם=באַוועגונג, אָדער זי האָט מיט איר געקעמפֿט ניט גענוג אינטענסיוו. אינם
סאַמע ברען פֿון דער אַנאַרכיע אין לאַנד און פֿון די גוואַלדטאַטן איבער די יידן האָט וו.
ווינישענקאָ אויף אַ זיצונג פֿון דער זעלבער אַכטער סעסיע אין ראַדע ערקלערט, אַז
„אוקראַינע איז איצט אַן אָאַזיס פֿון אָרדנונג“. אַז די יידישע פֿאָרשטייער האָבן אים
דערביי אָנגעוויזן אויף דער כוואַליע פֿון יידישע פּאָגראָמען, האָט ער געזאָגט, אַז „צומאָל
זיינען די ידיעות וועגן פּאָגראָמען איבערגעטריבן און אַ אומבאַדייטנדער פֿאַל
ווערט אויסגעטייטשט, ווי אַ פּאָגראָם“. אַלס ענטפֿער אויף דער צווייטער אָנפֿראַגע
וועגן די פּאָגראָמען אין דער קליינער ראַדע האָט וו. ווינישענקאָ ערקלערט: „דער
גענעראַל=סעקרעטאַריאַט האָט, פֿאַרשטייט זיך, באין אופֿן ניט געפֿועלט ביי זיך צו
בלייבן פּאַסיוו בנוגע דער שרייענדיגער ערשיינונג... ס'ווערן אָבער, צום באַדויערן,
געמאַכט נאָך גרעסערע פּאָגראָמען, און אויב אין אוקראַינע וועלן קומען די באָלשעוויקעס,
וועט פֿאָרקומען אַן אַלגעמיינער פּאָגראָם. דערמיט ערקלערט זיך די סבה, וואָס ס'איז
אוממעגליך אָנצונעמען ענערגישע מיטלען. פֿון די ערטער ווערן פֿאַרנומען די
סאַמע געזונטע עלעמענטן און ווערן אָפּגעשיקט אויף דעם אוקראַיניש=רוסישן פֿראָנט,
כדי צו פֿאַרטיידיגן אוקראַינע“. אין אַ געוויסן זין איז די אָנווייזונג, אַז דער מאַסשטאַב
פֿון דער פּאָגראָם=באַוועגונג פֿלעגט צומאָל איבערגעטריבן ווערן, געווען ריכטיג, ווי

[1]) אַרכיוו פֿון יידישן מיניסטעריום, קאָפּיע פֿון פּראָיעקט
פֿון דער „ספּעציעלער באַראַטונג“ צו קעמפֿן מיט דער אַנאַרכיע.

מיר האָבן עס געזעהן. דער ענטפער אָבער פונם פירער פון דער רעגירונג האָט אין די אויגן פון דער יידישער געזעלשאַפט אויסגעזעהן, ווי אַ קלאָרער באַווייז פון אַ גלייכגילטיגער באַציהונג צו די פאָגראָם-עקסצעסן. בעת ס'איז אַריינגעטראָגן געוואָרן די ערשטע אָנפראַגע וועגן די פאָגראָמען, האָט דער גענעראַל-סעקרעטאַריאַט פאַר מיליטערישע ענינים (ד. ה. דער קריגס-מיניסטער), ס. פעטליורע, געזאָגט: „די פאָגראָמען קומען פאָר אין די פראָנט-ראַיאָנען, וואו ס'זיינען קאָנצענטרירט זעהר פיל רעזערווע מיליטער-טיילן. אָט די טיילן מאַכן עס די פאָגראָמען... די באַפרייאונג פון די רעזערוו-טיילן, וואָס בלאָנקען זיך אַרום ליידיג, האָט באַגעגנט געוויסע ביוראָקראַטישע שטערונגען. די דאָזיגע רעפאָרם וועט אָבער אין גיכן דורכגעפירט ווערן. דער סעקרעטאַריאַט וועט אין גיכן אויך האָבן גענוג מיליטערישע קראַפט, מיט דער הילף פון אָט דעם מיליטער וועט ער זיך נעמען פאַרן קאַמף מיט דער אַנאַרכיע". אַזאַ קראַפט האָט די אוקראַינער מאַכט דאָך ניט געהאַט. אַריינטראָגנדיג אין דער ראַדע אין מיטן דעצעמבער די צווייטע אָנפראַגע וועגן די פאָגראָמען, האָט דער פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער פראַקציע, נ. סירקין, געזאָגט: „עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז די לעצטע צייט געפינען שוין ניט מער די וויי-געשרייען פון די קרבנות דעם *פריערדיגן אָפּקלאַנג ביים גענעראַל-סעקרעטאַריאַט*, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פאַטאַליסטיש צוגעוואוינט צו זיי". אין אַן אַרטיקל „אוקראַינע, ערפיל דיין חוב!" האָט דער זעלביגער פאָרשטייער פון די ציוניסטן געשריבן: „פריער, ביי די ערשטע ידיעות וועגן אַ פאָגראָם אָדער אַפילו אַ פאָגראָם-סכנה, פלעגט דער גענעראַל-סעקרעטאַריאַט ווערן אויפגערעגט... איצט הערט דער גענעראַל-סעקרעטאַריאַט אויס די ידיעות וועגן פאָגראָמען און די פאָדערונגען וועגן הילף, ווי אַ דערעסן לידל, וואָס איז שוין נמאס געוואָרן... און קיינע פראַקטישע מיטלען ווערן ניט אָנגענומען"[1]. אויף דער זעלבער זיצונג פון ראַדע, וואו ווינישענקאָ האָט אָנגערופן אוקראַינע „דער אָאַזיס פון אָרדנונג", האָט דער פאָרשטייער פון „בונד" אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג, אַז די רעגירונג זאָל אָננעמען ענערגישע מיטלען כדי צו באַקעמפן די אַנאַרכיע אין לאַנד און צו ליקווידירן די פאָגראָם-באַוועגונג. בעת אין טאַראַשטשע, קיעווער גובערניע, האָט אויסגעבראָכן דער פאָגראָם, האָבן די יידישע פאָרשטייער אין קיעוו זיך געווענדעט, דעם 17-טן דעצעמבער, צום גובערניאַלן קאָמיסאַר סאַליקאָווסקי נאָך הילף. דער קאָמיסאַר האָט געענטפערט, אַז עס קומען טעגליך אָן אהן אַ צאָל טעלעגראַמעס וועגן פאָגראָמען און ער איז ניט בכח צו העלפן, ווייל ער האָט ניט קיין חיל. דאָס אייגענע האָט אויך געענטפערט דער מיליטערישער קאָמאַנדיר, גענעראַל באָהוסלאַווסקי, צו וועלכן די יידישע פאָרשטייער האָבן זיך געווענדעט נאָך הילף[2]. בעת עס איז אין ראַדע אַריינגעטראָגן געוואָרן די צווייטע אָנפראַגע וועגן פאָגראָמען, האָט ווינישענקאָ געמאָלדן, אַז „דער גענעראַל-סעקרעטאַריאַט נעמט אָן

---

[1]) „דער טעלעגראַף", № 27, פונם 22 דעצעמבער 1917.

[2]) דאָרט, № 25, פנם 19-טן דעצעמבער 1917.

אַלע מיטלען כדי בילדן ספּעציעלע מיליטער־טיילן צו באַקעמפן די פּאָגראָמען". די דאָזיגע הבטחות האָבן אָבער צו גאָרניט געבראַכט. די צוגעשיקטע אוקראַינער אָפּטיילונגען האָבן זיך אָפּט אַליין געשטעלט אין די רייען פון די רויבער. ביז גאָר אַן אומזיכערע גאַראַנטיע האָבן מיט זיך אויך פאָרגעשטעלט, ווי מיר וועלן עס זעהען שפּעטער, די שוץ־אָפּטיילונגען פון דעם אַזוי גערופענעם „פרייען קאָזאַקנטום", וואָס זיינען דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן אין פּראָווינץ.

בעת אַ טייל פון די יידישע עסקנים האָבן זיך איבערצייגט, אַז די מאַכט איז ניט בכח אַ פולע אויפצוטאָן און אַז די רעגירונגס־מיטלען העלפן ניט, זיינען זיי געקומען צום געדאַנק וועגן אַ באַוואָפנטער זעלבסטשוץ. בנוגע צו דער פראַגע זיינען אָבער די יידישע פּאַרטייען ניט געווען אייניג. אַריינטראָגנדיג סוף נאָוועמבער אין נאָמען פון די ציוניסטן די אָנפראַגע וועגן די פּאָגראָמען, האָט י. שעכטמאַן דערביי ערקלערט: „פון אַלע זייטן קומען אָן קאַטעגאָרישע פאָדערונגען פון יידישע סאָלדאַטן, מ'זאָל זיי ערלויבן אָרגאַניזירן זיך אין ספּעציעלע „דרוזשינעס", כדי צו פאַרטיידינן דאָס לעבן און דעם כבוד פון זייערע עלטערן, מוטערס און שוועסטער... צי געפינט ניט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פאַר מעגליך ערלויבן די יידן־סאָלדאַטן צו אָרגאַניזירן ספּעציעלע דרוזשינעס בכדי צו באַשיצן די יידישע באַפעלקערונג?". אין זיין ענטפער האָט פעטליורע זיך אַרויסגעזאָגט אין פּרינציפּ פאַר אַזעלכע יידישע „דרוזשינעס" [1]) און האָט דערביי אויך צוגעזאָגט צו קאָמאַנדירן אין יענע ערטער, וואו די סכנה איז באַזונדערס גרויס, „זיכערע מיליטער־טיילן". אָבער קעגן דעם פאָרשלאָג פון די ציוניסטן זיינען אַרויסגעטראָטן טאַקע דאָ אין ראַדע די פירער פון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. דער פאָרשטייער פון „בונד", מ. ראַפעס, האָט ערקלערט, אַז באַזונדערע יידישע מיליטער־טיילן וועלן נאָר ארויסרופן פּאָגראָמען, און מ. שאַץ־אַנין האָט אין נאָמען פון די „פאַראייניגטע" ערקלערט, אַז אַזעלכע טיילן „זיינען קעגן די אינטערעסן און ווילן פון פאָלק". אויף דעם זעלבינן שטאַנדפּונקט האָט זיך אויך געשטעלט דער פאָרשטייער פון דער מעסיגערער „פאָלקספּאַרטיי". די דאָזיגע פראַגע איז טאַקע מער אין דער ראַדע ניט אויפגעהויבן געוואָרן.

דער געדאַנק וועגן זעלבסטשוץ איז אָבער ניט פאַרשוואונדן. ער איז געשטעלט געוואָרן אין די רייען פונם „יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד", וועלכער האָט באַשלאָסן צו בילדן זעלבסטשטענדיגע מיליטערישע דרוזשינעס. די פּאָגראָם־ידיעות האָבן אַרויסגערופן דעמאָלט אַן אומגעהייערע אויפרעגונג צווישן די יידישע סאָלדאַטן פון דער רוסישער אַרמיי, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן פראָנט. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דאָזיגער שטימונג איז די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן, בעת די פּאָגראָם־באַוועגונג האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, אויף דער פאַרזאַמלונג פון פאָרשטייער פון די יידישע סאָלדאַטן אין דער 10־טער פוסנייער דיוויזיע: „יעדן טאָג, — ווערט געזאָגט אין דער רעזאָלוציע, — לייענען מיר מיט ווייטאָג און טרערן וועגן די אכזריותן, וואָס פּינ־

[1]) באַוואָפנטע טיילן צוליב וואַך.

סטערע, אומפּאַרטײאישע אָרטליכע און צומאָל אויך אָרגאַניזירטע כּחות באַגײען בנוגע דעם יידישן פאָלק, די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע, וואָס האָט פּראָקלאַמירט פאַרן לאַנד און פאַר אַלע זײנע פעלקער דעם אויפגאַנג פון אמתער פרייהייט, איז, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, ניט בכּוח אָפּצושטעלן די שעדליכע אַגיטאַציע און אירע רעזולטאַטן פאַר יידן". די יידישע סאָלדאַטן פּראָטעסטירן און פאָדערן, אַז „אומעטום זאָלן די אָרטיגע מאַכטהאָבער און געוויילטע אָרגאַניזאַציעס שטערן מיט אַלע מיטלען די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען". „מיר פאָדערן, ס'זאָלן אָנגענומען ווערן ענערגישע מיטלען, בכדי די יידישע סאָלדאַטן, טרײע אָנהענגער פון פרייהייט און רעוואָלוציע, זאָלן רוהיג קענען ערפילן זייער חוב" [1]). מיט ענליכע רעזאָלוציעס זײנען אויך אַרויסגעטראָטן די אָרגאַניזאַציעס פון די יידישע סאָלדאַטן פונם 224-טן יוכנאָווער פוסגײער־פאָלק, פונם 5-טן סיבירער אַרמײ־קאָרפּוס און אַנדערע [2]). אָט די שטימונג פון די יידישע סאָלדאַטן האָט געהאַט אַ ווירקונג אויך אויף די אַלגעמײנע אַרמײ־אָרגאַנען. אַזוי האָט, למשל, דער דיוויזיאָנס־קאָמיטעט פון דער זעלבּיגער 10-טער פוסגײער־דיוויזיע אָנגענומען, לויטן פאָרשלאַג פון די פאָרשטײער פון יידישע סאָלדאַטן, אַן אַנטי־פּאָגראָם־רעזאָלוציע, אין וועלכער „דער קאָמיטעט דריקט אויס אַ פּראָטעסט קעגן די שענדליכע ערשײנונגען (די מאַסן־פּאָגראָמען) און פאָדערט, ס'זאָלן אָנגענומען ווערן די ענערגישסטע מיטלען, כדי ניט צו דערלאָזן און צו ליקווידירן אַזעלכע ערשײנונגען" [3]).

די פראַגע וועגן דעם, ווי צו קעמפן מיט די פּאָגראָמען, איז ערנסט באַהאַנדלט געוואָרן אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פונם „יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד", וועלכע איז פאָרגעקומען אין קיעוו דעם 10-13 אָקטאָבער 1917. „אין רוסלאַנד הערשט איצט דער המון", האָט געזאָגט דער פאָרטרעגער וועגן דער פּאָגראָם־פראַגע. „דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס וואַקסט איצט אַזוי שנעל, איז אַ פּסיכאָז פונם המון". „די צענטראַלער ראַדע איז אינם קאַמף מיט די פּאָגראָמען מאַכטלאָז. די רויטע גוואַרדיע גאַראַנטירט אויך ניט די זיכערע שוץ, ווייל דער אַנטיסעמיטיזם אַנטוויקלט זיך אויך אין דער רויטער גוואַרדיע". „ס'איז נויטיג אַ יידישע זעלבּסטשוץ־אָרגאַניזאַציע אינם ברייטן מאַסשטאַב, אַ זעלבּסטשוץ אַן אָרגאַניזירטע, וואָס זאָל אַרויסרופן ערנסטע באַציהונג צו זיך" [4]). און אין דעם זין האָט די קאָנפערענץ טאַקע אָנגענומען אַ באַשלוס. דער דאָזיגער פּראָיעקט איז ניט איינמאָל באַהאַנדלט

---

[1]) אַרכיוו פון יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד, פּראָטאָקאָל פון דער פאַרזאַמלונג פון די יידישע פאָרשטײער פון דער 10 פוסגײער דיוויזיע, 9 אָקטאָבער 1917. פון אַן אַנדער דאָקומענט אין אַרכיוו איז צו זעהען, אַז אין דער 10 פוסגײער־דיוויזיע זײנען געווען ביז 500 יידישע סאָלדאַטן.

[2]) דאָרט.

[3]) דאָרט, אויסצוג פונם פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג פונם דיוויזיאָנס־קאָמיטעט פון דער 10 פוסגײער־דיוויזיע, דעם 14-טן אָקטאָבער 1917.

[4]) דאָרט, די פּראָטאָקאָלן פון דער ערשטער קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד, די זיצונג פון 12-טן אָקטאָבער 1917 (אײנגעטליך – די קאָנפערענץ פונם פאַרבאַנד פון דרום־מערבדיגן פראָנט).

געוואָרן אין די רייען פון „פאַרבאַנד“. אין אַ פולע שטעטלאַך האָבן זיך אין יענער
צייט שוין אָנגעהויבן, גאַנץ אָפט על דעת עצמם, עפנטליך אָרגאַניזירן יידישע
זעלבסטשוץ=טיילן.

דער געדאַנק פון אַ יידישער זעלבסטשוץ איז געוואָרן באַזונדערס אַקטועל נאָך
דער אָקטאָבער=איבערקערעניש, ווען די מאַסן „האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אונטער יעדער
השגחה“, ווי ס׳ווערט נעזאָגט אין די מאַטעריאַלן פון „פאַרבאַנד“. די כוואַליע פון
עקסצעסן איז אַלץ מער און מער געוואַקסן, און דעמאָלט האָט מען ווידער אָנגעהויבן
רעדן וועגן יידישע דרוזשינעס, דאָסמאָל שוין מער קאָנקרעט. אַזוי, למשל, איז אויף
דער פאַרזאַמלונג פון די יידישע סאָלדאַטן פון דער 19 פוסגייער=דיוויזיע, וואָס איז
געשטאַנען אין נאָוואָסעליעץ, אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיגע רעזאָלוציע: „מיר יידן=
סאָלדאַטן, וואָס זיצן אין די טראַנשיי=גריבער, פאָדערן, ווי פון דער צענטראַלער ראַדע,
אַזוי אויך פון דער צענטראַלער רוסלענדישער מאַכט, אַז פונם מיליטער אין פראָנט=
רוקן זאָלן אָרגאַניזירט ווערן דרוזשינעס פון סאָלדאַטן=יידן און אַנדערע נאַציעס, וואָס
פילן מיט דעם געדאַנק פון באַשיצן די הילפלאָזע יידישע מאַסן פון פאָגראָמען. די
דאָזיגע דרוזשינעס דאַרפן זיין באַוואָפנט און זיך געפינען אין שטענדיגן רשות פונם
גענעראַל=סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים אין אוקראַינע, און אין רשות פון די
דעמאָקראַטישע געוויילטע קהלות — אין צענטראַל רוסלאַנד, שפּעטער — אין רשות
פונם אַלרוסלענדישן יידישן צוזאַמענפאָר“ [1]. לערך אין דער זעלביגער צייט איז
פאָרגעקומען דער דריטער מיליטער=צוזאַמענפאָר פון דער XI=טער אַרמיי, וואָס איז
דעמאָלט אויך געשטאַנען אין אוקראַינע. דער צוזאַמענפאָר האָט, לויט דעם פאָר=
שלאַג פון אַ דעלעגאַט פון דער יידישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע, אָנגענומען אַ
פראָטעסט=רעזאָלוציע קעגן די פאָגראָמען און האָט אָנערקענט, אַז „דער הייליגער חוב
פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע איז באַטייליגן זיך אין דער זעלבסטשוץ, וואָס
די יידן אָרגאַניזירן“, און האָט אויך איינגעפונען, אַז ס׳איז געוואונטשן צו פאָרמירן באַ=
זונדערע י י ד י ש ע טיילן [2]. דער סאָלדאַטן=קאָמיטעט פונם 5=טן סיבירער אַרמיי=
קאָרפּוס האָט אויך אָנגענומען אַ באַשלוס: „אויסטיילן באַזונדערע מיליטער פון יידן און
פון פרייוויליגע, כדי אָפּצוהיטן די יידישע באַפעלקערונג“ [3].

בכדי אָבער פלאַנמעסיג צו אָרגאַניזירן די מיליטערישע זעלבסטשוץ, האָט זיך
געפאָדערט אַן אָפיציעלע סאַנקציע. די יידן=סאָלדאַטן פון קיעווער גאַרניזאָן האָבן
עטליכע מאָל אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן אַן אָפיציעלער ערלויבניש פאַר זעלבסט=
שוץ (סוף אָקטאָבער און אין דעצעמבער). אויף דער פאַרזאַמלונג פונם 21=טן דע=
צעמבער האָבן די יידן=סאָלדאַטן פונם קיעווער גאַרניזאָן פּראָטעסטירט קעגן דער „אומ=

[1]) ד אָ ר ט, די רעזאָלוציע פון די סאָלדאַטן פון דער 12 פוסגייער=דיוויזיע,
פונם 7=טן דעצעמבער 1917.

[2]) ד אָ ר ט, מאַטעריאַלן פאַר דער צייטונג „די שטים פונם יידישן סאָלדאַט“.

[3]) ד אָ ר ט, פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג פונם קאָרפּוס=קאָמיטעט פונם 5 סי=
בירער אַרמיי=קאָרפּוס, דעם 20=טן דעצעמבער 1917.

אַנטשלאָסענער פּאָליטיק פונם יידישן סעקרעטאַריאַט (מיניסטעריום) אין דורכפירן דעם באַשלוס צו גרינדן יידישע מיליטער-טיילן" און האָבן געפאָדערט פון אים, אַז אַזעלכע טיילן זאָלן תּיכּף אָרגאַניזירט ווערן און אַז דער סעקרעטאַריאַט זאָל, צוזאַמען מיטן „יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד", אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פון ענערגישע מיטלען פאַר אַ באַלדיגן קאַמף מיט די פּאָגראָמען. „אין פאַל, ווען דער יידישער סעקרעטאַריאַט וועט אין משך פון דריי טעג ניט באַפרידיגן אָט די פאָדערונג, וועט דער אויספיר-קאָמיטעט פון „יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד" זיך פילן פריי אין זיין האַנדלונג", ד. ה. זיך איבערלאָזן דאָס רעכט ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ג צו אָרגאַניזירן יידישע מיליטער-טיילן" [1]). און אין ניכן, דעם 30-טן דעצעמבער, האָט זיך אין קיעוו, ווירקליך, געעפנט די צווייטע קאָנפערענץ פון „פאַרבאַנד", אויף וועלכער ס'זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן די תּקנות פון יידישע מיליטער-טיילן („אָטריאַדן"). די דאָזיגע גענויע תּקנות, וואָס האָבן געטראָגן דעם נאָמען: „פּראָיעקט פון סטאַטוט וועגן מיליטער-טיילן פון יידישער זעלבסטשוץ אויף דער טעריטאָריע פון דער אוקראַינער פאָלקס-רעפּובליק", זיינען נאָכדעם צוגעשטעלט געוואָרן דעם גענעראַל-סעקרעטאַריאַט פאַר מיליטערישע ענינים, וועלכער האָט די תּקנות איבערגעגעבן דעם סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים. די צילן און כאַראַקטער פון די „אָטריאַדן" ווערן, לויטן סטאַטוט, באַשטימט אויף פאָלגנדיגן אופן: שיצן די ווערדע, דעם כבוד, לעבן און פאַרמעגן פון דער יידישער באַפעלקערונג, פאַרטיידיגן זי פון אַנאַרכישע פּאָגראָם-אַרויסטרעטונגען, פון וועמענס צד ס'זאָל ניט זיין, אויף דער טעריטאָריע פון דער אוקראַינער פאָלקס-רעפּובליק. די „אָטריאַדן" נעמען ניט קיין אָנטייל אין קיין שום פּאָליטישן און צווישן-נאַציאָנאַלן קאַמף, אויף וויפיל אָט דער קאַמף שטעלט ניט אין סכנה דעם לעבן און וואוילשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג". די טיילן בילדן זיך פון אַ קאַדר יידישע סאָלדאַטן, וואָס געפינען זיך אין דער אַרמיי, נאָר וואָס טויגן ניט פאַר אַקטיווער מלחמה-דינסט, און פון רעזערווע פרייוויליגע עלעמענטן, וואָס געהערן ניט צום מיליטער. וואָס איז נוגע צו דער העכערער אָנפירונג, דאַרפן זיך די „אָטריאַדן" געפינען אין דער זעלבער לאַגע, ווי די איבעריגע מיליטער-טיילן; ביי דער העכערער קאָמאַנדע אין די מיליטער-קרייזן דאַרפן זיין, צוליב פראַגן פון יידישע זעלבסטשוץ-טיילן, פאָרשטייער פונם „יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד". געווער, ערנערונגס-מיטלען און הלבשה באַקומען די יידישע „אָטריאַדן" אויף די זעלביגע יסודות, ווי די אַלגעמיינע מיליטער-טיילן [2]).

דאָס יידישע מיניסטעריום האָט אָפן ניט מסכּים געווען מיט אָט די פּלענער. „דער גענעראַל-סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים, — ווערט געזאָגט אין די מאַטע-

---

[1]) אַ ר כ י ו ו פ ו ן מ י נ י ס ט ע ר י ו ם פ אַ ר י י ד י ש ע ע נ י נ י ם, קאָפּיע פון רעזאָלוציע פון די יידישע סאָלדאַטן פון קיעווער גאַרניזאָן, רעג. 363 א, באַקומען דעם 22-טן דעצעמבער 1917.

[2]) אַ ר כ י ו ו פ ו ן י י ד י ש ן מ י ל י ט ע ר י ש ן פ אַ ר ב אַ נ ד, פּראָיעקט פון סטאַטוט פון יידישע זעלבסטשוץ-אָטריאַדן.

ריאַלן פונם „יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד“, — האָט זיך באַצויגן צום פּראָיעקט פון סטאַטוס אינגאַנצן נעגאַטיוו און האָט פון זיין זייט פאָרגעלעגט, אַלס אַ קאָמפּראָמיס, צושטיין צו דער אָרגאַניזאַציע פון „פרייען קאָאָקנטום“, וועלכע דאַרף האַלטן 40 יידישע אינסטרוקטאָרן“ [1]. דער „פאַרבאַנד“ האָט דערויף ניט מסכים געווען און האָט אויף זיינע אַחריות ווייטער אָרגאַניזירט יידישע מיליטער-טיילן. די באַציהונג פונם יידישן מיניסטעריום [2] צו דער פראַגע פון יידישער זעלבסטשוץ איז געווען ניט קיין צופעליגע; זי האָט, ווי מיר וועלן ווייטער זעהן, אויסגעדריקט די שטעלונג פון די יידישע לינקע פאַרטייען, וועמענס אָנפירער זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די פּלענער פונם „יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד“.

באַזונדער בולט האָט זיך אָט די נעגאַטיווע באַציהונג אַרויסגעוויזן אין דעם נאַציאָנאַל-ראַט: אויף די זיצונגען פונם 15-טן און 18-טן נאָוועמבער און פונם 4-טן דעצעמבער איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע, ווי אַזוי צו קעמפן מיט פּאָגראָמען. דער פאָרזיצער פון „יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד“ י. נאָגאָל, וועלכער איז איינגעלאַדן געווען צו די דאָזיגע זיצונגען, האָט אָנגעוויזן אויף דער נויטיגקייט צו פאָרמירן יידישע מיליטערישע זעלבסטשוץ-טיילן: „דאָס פאָדערן בפירוש אפילו סאָלדאַטן פון פראָנט“. מיר האָבן ניט געקאָנט וואַרטן, — האָט ער געזאָגט, — און האָבן אַליין אָרגאַניזירט, כדי ניט צו דערלאָזן צו קיין פּאָגראָם אין קיעוו, אַ יידישע מיליטערישע זעלבסטשוץ; מיר רעכנען, אַז אַזעלכע טיילן דאַרפן אָרגאַניזירט ווערן אויפן גאַנצן שטח פון אוקראַינע. מיר שטייען פאַר אַ סכנה, אַז אין גיכן וועט אָנהויבן צעפאַלן דער פראָנט און וועט פאַרגיסן גאַנץ אוקראַינע מיט אַ בלוטיגער כוואַליע פון פּאָגראָמען. קעגן אָט דעם פאָרשלאַג האָבן זיך קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט אַלע יידישע פאַרטייען, וואָס האָבן דעמאָלט געבילדעט דעם נאַציאָנאַל-ראַט (די ציוניסטן און די מער רעכטע פאַרטייען האָבן זיך אין יענעם פּעריאָד אין נאַציאָנאַל-ראַט ניט באַטייליגט). דער פאָרשטייער פון „בונד“ האָט געפונען, אַז די זעלבסטשוץ-דרוזשינעס זיינען געפערליך פאַר די יידן גופא, אַז זיי שאַפן אַ נייע מיליטערישע קאַסטע, און זיי וועלן אַרויסרופן אַן אַנטיסעמיטישע העצע. דער פאָרשטייער פון די „פועלי-ציון“ האָט געפונען, אַז זיי קענען אפילו „פּראָוואָצירן פּאָגראָמען“ און אַז מ'דאַרף בלויז האָבן אַלגעמיינע געמישטע מיליטערישע טיילן מיט אַ יידישער מערהייט. די זעלביגע מיינונג האָבן אויך אַרויסגעזאָגט די פאָרשטייער פון די „פאַראייניגטע“ און פון דער „פאָלקס-פּאַרטיי“. און דער פאָרשטייער פון מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים, י. כורגין, האָט ערקלערט, אַז דער

---

[1] דאָרט, מאַטעריאַלן פאַר דער צייטונג „די שטים פונם יידישן סאָלדאַט“ – אין רוסיש (די נאָטיץ „דער פאַרבאַנד און זעלבסטשוץ“).

[2] ווי ס'איז באַוואוסט, האָט דאָס מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים אָנגעהויבן טראָגן אָט דעם נאָמען ערשט אין יאַנואַר 1918 (נאָכן נעזעץ וועגן דער נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אַווטאָנאָמיע פונם 9 יאַנואַר). ביז נאָוועמבער-דעצעמבער האָט עס געהייסן „וויצע-סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים“, און אין דעצעמבער „גענעראַל-סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים“. צוליב באַקוועמליכקייט וועגן שרייבן מיר פּשוט „יידישע מיניסטעריום“.

ערנסטער פּאָליאַטיוו אינם קאַמף מיט די פּאָגראָמען זיינען יידישע „אָטריאַדן"... מדאַרף בילדן בירגערליכע דרוזשינעס, און צוליב דעם צוועק קאָן מען אויסנוצן דעם אינסטיטוט פונם „פרייען קאָזאַקנטום"... אין הסכּם מיט דעם איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז „שאַפן ספּעציעלע יידישע מיליטער=טיילן צו באַשיצן די יידישע באַפעלקערונג איז שעדליך, סיי פון דעם פּאָליטישן שטאַנדפּונקט, סיי אין פּראַקטישן זין" [1]). ס'איז דערביי באַשלאָסן געוואָרן, אַז ביים יידישן מיניסטעריום זאָל געגרינדעט ווערן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע צו באַהאַנדלען די פראַגע וועגן די מיטלען ווי צו קעמפן מיט די פּאָגראָמען. צו דער צווייטער זיצונג האָט די קאָמיסיע צוגעשטעלט איר פּלאַן: ביים גענעראַל=סעקרעטאַריאַט פאַר אינעווייניגסטע ענינים ווערט אָרגאַניזירט אַ שטאַט פון 200 אינסטרוקטאָרן „צו קעמפן מיט דער אַנאַרכיע", פון זיי דאַרפן 50 זיין יידן, וועלכע וועלן קאָמאַנדירט פונם „יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד" [2]).

די חלוקי=דעות ביי די יידישע פּאַרטייען בנוגע דער פראַגע פון יידישער זעלבסט=שוץ שטייען אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַלגעמיינע מיינונגס=פאַרשידנהייטן — צי דאַרפן, בכלל, די יידן=סאָלדאַטן אין אוקראַינע בילדן באַזונדערע מיליטערישע טיילן. אין יענעם פּעריאָד איז ענערגיש דורכגעפירט געוואָרן די אוקראַיניזאַציע פונם מיליטער; די יידן האָבן זיך געפונען אין אַ שווערער פאַרלעגנהייט: די אוקראַינער האָבן זיי פון זייערע רייען אויסגעשלאָסן. „צווישן די יידישע סאָלדאַטן — שרייבט די „נייע צייט", — פאַרשפּרייט זיך אַ לאָזונג גרינדן יידישע באַטאַליאָנען, יידישע פּאָלקן און דיוויזיעס, דעמאָלט (זאָגן די סאָלדאַטן) וועט מען זיך אויפהערן אַרומוואַרפן מיט אונז פון די אוקראַינער צו די רוסן און צוריק, און די הויפּטזאַך — מיר וועלן קענען קעמפן קעגן די פּאָגראָמען מיט אייגענע כּוחות". „אָבער, — שרייבט ווייטער די צייטונג, וועלכע האָט אויסגעדריקט די מיינונג פון די לינקע פּאַרטייען, — דאָס וועט אונז ברענגען מער שאָדן, ווי נוצן. דאָס וועט אַרויסרופן גאַנץ שטאַרקע רייבונגען צווישן די יידישע מיליטער=טיילן און דעם איבעריגן מיליטער און מיט דער אַרומיגער באַפעלקערונג"... [3]) די פאָרשטייער פון די לינקע שטרעמונגען זיינען געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז די פּאָגראָמען זיינען אַן אומגליק ניט נאָר פאַר יידן און דעריבער דאַרף די גאַנצע דעמאָקראַטיע קעמפן מיט זיי, און אַז ס'איז ניטאָ

---

[1]) די פּראָטאָקאָלן פון נאַציאָנאַל=ראַט, די 6 זיצונג פונם 18 נאָוועמבער 1917. קורצן באַריכט פון די דעבאַטן זעה אויך אין דער „נייער צייט", 53, 57 №№, פונם 15-טן און 20-טן נאָוועמבער 1917.

[2]) דאָרט, די 7 זיצונג פונם 4-טן דעצעמבער 1917.

[3]) „נייע צייט" 55 און 54 №№, 1917, „יידישע מיליטערישע פראַגען", אַרטיקל פון מ. כץ.

דאָ קיין אָרט פאַר אַ ספּעציעל יידישער זעלבסטשוץ[1]). די רעזאָלוציע פון דער סאָציאַליסטישער פראַקציע אויף דער קאָנפערענץ פונם „יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד“ פון קיעווער קרייז האָט איינגעפונען, אַז יידישע נאַציאָנאַלע מיליטערישע פאָרמירונגען זיינען אַ „שאָוויניסטישער טומל“. די רעזאָלוציע געפינט, אַז דער דאָזיגער פּלאַן „וועט אויפן קינסטליכן אופן דעם קאַמף פון דער מלוכה־מאַכט קעגן קרימינעלע מערדער צוגעבן דעם כאַראַקטער פון אַ צווישן־נאַציאָנאַלער מלחמה“[2]).

אויף אַ גאַנץ אַנדער שטאַנדפּונקט זיינען געשטאַנען די ציוניסטן, וועלכע האָבן פאַרטיידיגט דעם געדאַנק פון יידישע מיליטער־טיילן. „אין דעם גרויזאַמען מאָמענט קומט אַלעמען אויפן געדאַנק איין לאָזונג: זעלבסטשוץ, יידישע נאַציאָנאַלע זעלבסטשוץ“, האָט געשריבן נ. סירקין אינם ברען פון דער פּאָגראָם־באַוועגונג. לויט זיין פּלאַן, „דאַרף די זעלבסטשוץ זיין רעגיסטרירט פון די אַלגעמיינע מלוכהשע אינסטיטוטן און פון זיי קריגן געווער“[3]). אין דער זעלבער ציוניסטישער צייטונג זיינען געווען אָפּגעדרוקט אַ רייע אַרטיקלען, אין וועלכע דער געדאַנק פון זעלבסטשוץ איז ווייטער אַנטוויקלט געוואָרן, אַלס אַ „דרינגענדע אויפגאַבע“: „די יידישע זעלבסטשוץ מוז אין אונזער צייט זיין נאָר אַ סאָלדאַטישע זעלבסטשוץ. ניט ווייניגער פון 400 טויזנד יידן געפינען זיך אין די רייען פון דער רוסלענדישער אַרמיי, און דאָס יידנטום האָט דאָס רעכט צו פאָדערן שוץ פון זיינע זין“ — אַזוי האָט געשריבן דער הויפּט־פאַרטיידיגער פון דעם געדאַנק. דער מחבר פון דעם אַרטיקל קומט אין די ווייטערדיגע נומערן שוין מיט אַן אויסגעאַרבייטערטן פאָרשלאַג און שטעלט אַרויס דעם געדאַנק פון „יידישע פאָלקן“ בכלל. אין דער רוסישער אַרמיי, — שרייבט ער — גייט אַ פּראָצעס פון אַ נאַציאָנאַלן בויען, אַ צעטיילונגס־פּראָצעס אויף אירע איינצעלנע נאַציאָנאַלע עלעמענטן. „דאָס יידישע פאָלק אין רוסלאַנד שטייט פאַר אַ סכנה אויסגעשטויסן צו ווערן פון ערפילן די עלעמענטאַרסטע און גרינדליכסטע פליכט — די „בלוט פליכט“. דעריבער מוז מען גרינדן אייגענע יידישע פאָלקן, און דער עיקר — צוליב באַשיצן פון פּאָגראָמען“[4]). אַ צווייטער אָנהענגער פונם געדאַנק פאָדערט אין נאָך אַ קאַטעגאָרישער פאָרם די גרינדונג פון יידישע מיליטער־טיילן: „אַצינד מוז מען

---

[1]) זעה, למשל, די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויפן צוזאַמענפאָר פון די יידישע סאָלדאַטן פון דער 7 אַרמיי, דעם 23 נאָוועמבער, אין פּראָסקוראָוו: „נעמענדיג אין באַטראַכט, אַז די אומגליקן פון דער פּאָגראָם־כוואַליע פאַלן ניט נאָר אויף יידן, נאָר אויך אויף אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג, געפינט דער צוזאַמענפאָר, אַז די מיטלען צו קעמפן מיט אָט דער שענדליכער ערשיינונג מוזן אָנגענומען ווערן אינאיינעם מיט דער גאַנצער רוסלענדישער דעמאָקראַטיע“. זעה „נייע צייט“, 66 №, פונם 30 נאָוועמבער 1917.

[2]) „נייע צייט“, 6 №, 1918, זעה אויך אין 8 №, 1918, דעם אַרטיקל פון דר. ב. סינאַף: „צי דאַרפן מיר אַ יידישע אַרמיי?“

[3]) „דער טעלעגראַף“, 11 №, פונם 29 נאָוועמבער 1917.

[4]) דאָרט, א. קאַנטאָרס אַרטיקל וועגן זעלבסטשוץ אין 14 №, פונם 4־טן דעצעמבער 1917, און זיין אַרטיקל „יידישע פאָלקן“ אין די נומערן 26 און 27.

הויך אויסרופן: יידישע סאָלדאַטן — יידישע פאָלקן. יידישע פאָלקן — אין יידישע שטעטלאַך"[1]. אויף דעם זעלבינן שטאַנדפונקט איז, ווי מיר האָבן געזעהן, געשטאַנען אויך דער „יידישער מיליטערישער פאַרבאַנד". „די גאַנצע אַרמיי אין רוסלאַנד ווערט נאַציאָנאַליזירט, — האָט דער פאָרזיצער פון פאַרבאַנד, י. גאָנאָל, געזאָגט אויף דער זיצונג פון נאַציאָנאַל-ראַט, — פאַרוואָס מעגן די פאָלאַקן און מוסלמענער האָבן זייערע אייגענע מיליטער-טיילן און מיר יידן ניט?... דאָס לעבן שטויסט אונז דערצו. מיר שטייען פאַר אַ פאָגראָם-סכנה".

די לאַגע אין אוקראַינע האָט זיך אין גיכן אַזוי געביטן, אַז די האָפנונגען געהאָלפן צו ווערן דורכן אוקראַינישן מיליטער זיינען לחלוטין פאַרשוואונדן. דער פאָרשטייער פונם יידישן מיניסטעריום, וועלכער איז דעם 4-טן יאַנואַר 1918 אַרויסגעטראָטן אויפן צוזאַמענפאָר פון „יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד", האָט געזאָגט: „די ערשטע צייט איז געווען אַ מעגליכקייט צו פאַרלאָזן זיך אויף מיליטער-טיילן, וועלכע האָבן געזאָלט באַשטימט ווערן קעגן די פאָגראָמען, די לעצטע צייט אָבער... איז אפשר געקומען די צייט צו בילדן אַ באַזונדערע יידישע מיליטערישע זעלבסטשוץ"[2]. דאָס יידישע מיניסטעריום, וואָס האָט זיך פריער אַזוי נעגאַטיוו באַצויגן צו דער אידייע פון יידישע מיליטער-טיילן, בייט איצט ראַדיקאַל זיין מיינונג. אין אַ אָפיציעלער ווענדונג צום קאָמאַנדיר פון קיעווער מיליטער-קרייז, דעם 15-טן יאַנואַר 1918, שרייבט דער אייגענער י. כורגין — איצט געהילפס-מיניסטער פאַר יידישע ענינים,—וועלכער איז אויף דער זיצונג פון נאַציאָנאַל-ראַט אַזוי שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן יידישע דרושינעס, אַז „היות ווי די קאָמיסיע צו קעמפן מיט דער אַנאַרכיע האָט ניט קיין רעאַלע מיליטער קראַפט", פאָדערט זיך דעריבער, אַז „ס'זאָל דרינגענד באַשטעטיגט ווערן דער ביינעלייגטער פראָעקט (די „תקנות" פון דער קאָנפערענץ פון די יידישע סאָלדאַטן), אַלס דאָס איינציגע רעאַלע מיטל פאַר דער רעגירונגס-מאַכט צו קעמפן מיט דער פאָגראָם-כוואַליע אינם איצטיגן מאָמענט («як одинокої для урядової влади реальної міри в боротьбі с погромною хвилею в сучастний момент» [3]). דאָס יידישע מיניסטעריום האָט זיך, קאָנטיג, מיאש געווען הן אין דער „קאָמיסיע צו קעמפן מיט דער אַנאַרכיע", הן אינם פלאַן פון די אינסטרוקטאָרן, פון וועלכן ס'איז גאָרניט אַרויס, הן אין דער הילף פונם „פרייען קאָזאַקנטום", וואָס האָט אינגיכן אַנטפלעקט זיין אמתן פרצוף.

די געשעהענישן, וואָס זיינען באַלד נאָך דעם געקומען, האָבן אָבער אויף הייט אָפגערוקט די האָפנונגען אויף אַן אָפיציעלער סאַנקציע פון יידישער מיליטערישע

---

[1]) דאָרט, אַ בריוו אין דער רעדאַקציע פון מיליטער-דאָקטאָר שימקין, 26 №, פונם 21 דעצעמבער 1917.

[2]) „נייע צייט" 4 №, פונם 6-טן יאַנואַר 1918, וועגן דעם יידישן מיליטער-צוזאַמענפאָר, די ערקלערונג פון י. כורגין.

[3]) אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום, ווענדונג צום קאָמאַנדיר פון קיעווער מיליטער-קרייז פונם 15 יאַנואַר 1918, רעג. 702 №.

זעלבסטשוץ=דרוזשינעס. די גאַנצע ליניע פון דער אָנפירנדער פּאָליטיק אין אוקראַינע האָט אָנגענומען גאָר אַן אַנדער ריכטונג. אין עטליכע טעג ארום נאָך דער ווענדונג פונם יידישן מיניסטעריום ווענן יידישער זעלבסטשוץ האָט דאָס אוקראַינישע מיליטער געמאַכט אַ חורבן אינם „יידישן מיליטערישן פּאַרבאַנד“ און דערהרגעט זיין פּאָרזיצער. די טעטיקייט פונם „פּאַרבאַנד“ איז פּאַקטיש אָפּגעשטעלט געוואָרן, און די גרינדונג פון זעלבסטשוץ=גרופּעס, געוואוינליך ביי פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס, האָט שוין געטראָגן אַ צופעלינן כאַראַקטער, — ס'איז ניט געווען קיין אָרגאַניזירנדער צענטר. ביי דער אָנגעוויזענער באַציהונג צום געדאַנק פון יידישער זעלבסטשוץ, וואָס האָט ניט געפונען קיין שום אָפּקלאַנג אפילו אין יידישן מיניסטעריום, האָט זי ניט געקענט שפּילן קיין ערנסטע ראָלע, אַלס קאַמפּס=מיטל קעגן פּאָגראָמען. דאָך איז דעם „יידישן מיליטערישן פּאַרבאַנד“ אין אַ רייע ערטער, וואו ער האָט געבילדעט מיליטער=דרוזשינעס, געלונגען צו פאַרטיידיגן די יידישע באַפעלקערונג פון עקסצעסן. אַזוי האָט, למשל, אין אָוורוטש, וואָלינער גובערניע, די אָפּטיילונג פון „פּאַרבאַנד“ באַקומען ביי דער מאַכט געווער, — אמת שוין נאָכן פּאָגראָם, — און פאָרמירט אַן אָפּטיילונג פון 120 מאַן, וועלכע האָט אָפּגעשלאָגן דעם אָנפאַל פון אַ באַנדע, וואָס האָט אָפּערירט אין דער סביבה, — אין סלאָוועטשנאַ, נאָרינסק און אַנדערע ערטער. אַ דאַנק דעם „פּאַרבאַנד“ זיינען קיין עקסצעסן ניט דערלאָזט געוואָרן אויך אין טאַראַשטשע, קיעווער גובערניע. פון קיעוו איז אַהין אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ יידישע באַוואָפנטע אָפּטיילונג פונם „פּאַרבאַנד“, און די שטאָט איז פאַרהיט געוואָרן פון אַ פּאָגראָם. אין דימער, קיעווער גובערניע, האָט אַ יידישע דרוזשינע, וואָס איז עקסטרא אָנגעקומען, אָפּגעשטעלט דעם טויט=אורטייל, וועלכן אַן אימפּראָוויזירטער „פאָלקס=געריכט“ האָט אַרויסגעטראָגן אַ היגן יידישן בעל=הבית, און אַזוי אַרום אָפּגעהיט דאָס שטעטל פון אַ פּאָגראָם [1]). אין אַ פולע פונקטן האָבן זיך לויט איינענער איניציאַטיוו געגרינדעט יידישע זעלבסטשוץ=דרוזשינעס. אַזוי איז, למשל, באַוואוסט די יידישע דרוזשינע אין אַדעס, אויף וועלכער מיר שטעלן זיך שפּעטער אָפּ גענויער. אין יעקאַטערינאָסלאַוו האָבן עקזיסטירט עטליכע דרוזשינעס, — ביי די דריי יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און ביים „יידישן מיליטערישן פּאַרבאַנד“. אין לוהין, וואָלינער גובערניע, האָט זיך אָרגאַניזירט אַ יידישע זעלבסטשוץ, וואָס האָט זיך מיט געווער געשטעלט קעגן די רויבער בעתן פּאָגראָם דעם 8=טן יאַנואַר 1918; דערביי זיינען עטליכע מענשן דערהרגעט און עטליכע פאַרוואונדעט געוואָרן. אַ גאַנצע רייע קליינע יידישע דרוזשינעס, צו 10 מענשן אין אַ דרוזשינע, האָבן זיך אָרגאַניזירט צו פאַרטיידיגן פון פּאָגראָמען אין זאַסלאַווער אויעזד, וואָלינער גוב. [2]) אַ יידישע דרוזשינע האָט זיך אָרגאַניזירט סוף 1917 אין גאָלאָוואַנעווסק, פּאָדאָליער גובערניע, — אַ שטעטל, וועלכע איז שפּעטער, אין 1919, געוואָרן באַרימט דורך איר זעלבסטשוץ, ווענן וועלכער אונז וועט נאָך אויסקומען צו רעדן. בעת דעם פּאָגראָם אין נאָווגראַד=וואָלינסק (דעם 20=23 יאַנואַר) איז

[1]) „ד ע ר ט ע ל ע ג ר א ף“, נומער 9, פונם 10 יאַנואַר 1918.
[2]) „נ י י ע צ י י ט“, פונם 21=טן דעצעמבער 1917.

אַרויסגעטראָטן די יידישע דרוזשינע, מיטן געהילפס-קאָמענדאַנט, אַ קריסט, בראַש, און דערשטיקט דעם פּאָגראָם אין דערביי דערהרגעט צוויי פון די פּאָגראָמשטשיקעס [1]. בעת די יאַנואַר-געשעהענישן אין בראַצלאַוו, פּאָדאָליער גובערניע, האָט זיך דאָרטן אויך אָרגאַניזירט אַ יידישע אָפּטיילונג. אַן ענליכע אָפּטיילונג האָט זיך געבילדעט אינם שכנותדיגן נעמיראָוו, און זי האָט דאָ, ווירקליך, פאַרהיט די שטאָט פון אַ פּאָגראָם בעתן יריד דעם 19-טן יאַנואַר, צעטרייבנדיג דעם פּאָגראָם-געשטימטן ערב רב מיט אַ שיסעריי; איין מיטגליד פון דער זעלבסטשוץ איז דערביי פאַרוואונדעט געוואָרן [2]. אין מאַקאַראָוו, קיעווער גובערניע, האָט אַ המון פּויערן, וואָס איז אָנגעפאַלן בעתן יריד דעם 21-טן נאָוועמבער 1917 אויף די יידישע קלייטן און זיי אָנגעהויבן ראַבירן, באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד מצד אַ גרופּע אָרטיגע יידן; עטליכע יידן זיינען דערביי שווער פאַרוואונדעט געוואָרן [3]. אַזעלכע איינצעלנע פאַלן פון זעלבסטשוץ זיינען געווען ניט וויניג, ברייט אָבער איז די זעלבסטשוץ-באַוועגונג ניט פאַרשפּרייט געוואָרן, און קיין פּלאַנמעסיג אָרגאַניזירטן כאַראַקטער האָט זי ניט געטראָגן. אין צוזאַמענהאַנג מיט די נייע געשעהענישן, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין אוקראַינע, מיט דעם וואוקס פון אַנטיסעמיטיזם אין די רייען פון דער אוקראַינער אַרמיי, מיטן אָנקומען פון די דייטשן, זיינען אַ פּולע יידישע דרוזשינעס אַנטוואָפנט געוואָרן; אַנדערע דרוזשינעס זיינען, ווי מיר וועלן שפּעטער זעהן, אַנטוואָפנט געוואָרן דורך די באָלשעוויסטישע טיילן.

אַ וויכטיגע ראָלע אינם קאַמף מיט דער פּאָגראָם-באַוועגונג האָט געשפּילט דאָס **יידישע מיניסטעריום**. פון חצי אָקטאָבער 1917 אָן האָט דער גענעראַל-סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים אָנגעהויבן באַקומען פון אַלע שטעטלאַך, וואו ס'האָבן אויסגעבראָכן עקסצעסן, אָדער וואו ס'האָט געדראָהט אַ סכנה, אָנקלאַגעס, בקשות און אַפילו פאָדערונגען פון שוץ און רעטונג. די צאָל פון די בקשות איז באַדייטנד פאַרגרעסערט געוואָרן אין נאָוועמבער און דעצעמבער. די טעטיקייט פונם יידישן מיניסטעריום האָט זיך אויסגעדריקט דער עיקר אין ווענדונגען צו פאַרשידענע מאַכט-אָרגאַנען אָדער צו געריכטס-אינסטאַנציעס מיט בקשות און אויפפאָדערונגען אָנצונעמען תיכף די נויטיגע מיטלען: צו דער צענטראַלער מאַכט — וועגן אַלגעמיינע פאַראָרדנונגען און וועגן שוץ-מיטלען, צום פּראָקוראָר פון דער געריכטס-פּאַלאַטע (אָדער פונם מיליטערישן קרייז-געריכט) — „תיכף באַשטימען אַן אויספאָרשונג און איבערגעבן די שולדיגע צו דעם געזעצליכן משפּט“, צום גובערניאַלן קאָמיסאַר אָדער צום מיליציע-פאַרוואַלטער — וועגן אַרויסשיקן מיליטערישע אָפּטיילונגען אָדער וועגן מאַכן אַ חקירה ודרישה. אין איינציגע פאַלן האָט זיך דאָס מיניסטעריום אויך

---

[1] אַרכיוו פון רעדאַקציע (1919), מעלדונג וועגן נאָווגראַד-וואָלינסק, פון א. סאַפּיאַן.

[2] אַרכיוו פון רעדאַקציע, באַריכט וועגן בראַצלאַוו (פון די מאַטעריאַלן פון יידישן מיניסטעריום אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק פאַר די יאָרן 1919-1920).

[3] אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום, מעלדונג פון מאַקאַראָוו, רעג. № 126, פונם 24-טן נאָוועמבער 1917.

געווענדעט צום ראַט פון די אַרבעטער=דעפּוטאַטן. הגם דאָס יידישע מיניסטעריום האָט געהאַנדלט, אַלס אַ אָפיציעלער רעגירונגס=אָרגאַן, דאָך האָט עס פּאַקטיש געשפּילט די ראָלע פון אַ מליץ=יושר פאַר יידן, וועמעס ווענדונגען ס׳האָבן ניט תמיד געהאַט די ערוואַרטעטע פּעולה. פּונדעסטוועגן זיינען לויט די פאָדערונגען פונם מיניסטעריום אַרויסגעשיקט געוואָרן מיליטערישע טיילן אין אַ רייע שטעט (קיין אומאַן, אין קאַנעווער אויעזד און אַנד.), אין איינינע פונקטן זיינען באַשטימט געוואָרן ספּעציעלע אויספאָרשונגס=קאָמיסיעס מיטן אָנטייל פון זיינעם אַ פאָרשטייער. אַזוי איז געווען אין סקווירע און אין קאַגעוו: אין די דאָזיגע ערטער, ווי אויך אין טשערקאַס און עטליכע אַנדערע פּונקטן, האָט די פּראָקוראַטור, אַ דאַנק די דאָזיגע קאָמיסיעס, אָנגעהויבן אַ געריכטליכע אויספאָרשונג וועגן די שולדיגע. די באַציהונג פון די מאַכט=אָרגאַנען צו די ווענדונגען פונם יידישן מיניסטעריום איז ניט תמיד געווען איין און די זעלבינגע. אָפּטער פאַר אַליץ פלעגט די אָרטיגע מאַכט לחלוטין זיי איגנאָרירן: בעת דער יידישער סעקרעטאַריאַט האָט זיך געווענדעט צום קיעווער גובערניאַלן מיליציע=אינספּעקטאָר מיט אַ בקשה צו באַזייטיגן דעם שעף פון מאַקאַראָווער מיליציע, וועלכער האָט אָפן געשטיצט די פּאָגראָם=אַגיטאַציע אין שטעטל, האָט דער מיליציע=אינספּעקטאָר זיך אָפּגעזאָגט צו ערפילן אָט די בקשה און קורץ געענטפערט: „איך זעה ניט איין קיין שום געזעצליכן יסוד אָפּצוזאָגן דעם מיליציע=שעף אין מאַקאַראָוו פון זיין פּאָסטן“ [1]. אַזוי האָט זיך אָפּגערופן די מיליציע=פאַרוואַלטונג אויף דער ווענדונג פון אַן אָרגאַן, וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ מיניסטעריום! דאָס יידישע מיניסטעריום האָט געפּרובט אָנצונעמען אויך אַנדערע מיטלען: האָט אויסגעאַרבעט אַ געזעץ=פּראָעקט, לויט וועלכן די מלוכה דאַרף אומקערן די שאָדנס, וואָס די באַפעלקערונג ליידט פון פּאָגראָם=עקסצעסן. דער דאָזיגער געזעץ=פּראָעקט איז אָבער געבליבן טאַקע נאָר אַ פּראָעקט. די ראָלע פונם מיניסטעריום האָט זיך אָבער ניט אויסגעשעפּט נאָר מיט אָט די אָ פ י צ י ע ל ע אַרויסטרעטונגען און ווענדונגען, ניט ווייניגער וויכטיג איז געווען דער פּ ע ר ז ע נ ל י כ ע ר איינפלוס פון די, וואָס זיינען געשטאַנען בראש פונם מיניסטעריום, און פון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי=פירער בכלל, אויף די אָנפירער פון דער אוקראַ׳נער פּאָליטיק אין הינזיכט פון באַשיצן די יידישע באַפעלקערונג. אַזוי, קען מען פאַרשטיין, איז דער געדאַנק וועגן אַ „ספּעציעלער באַראַטונג צו קעמפן מיט דער אַנאַרכיע“, ווי אויך דער פּלאַן פון אַ אינסטרוקטאָרן=אינסטיטוט ביים מיניסטעריום פאַר אינעווייניגסטע ענינים כדי צו קעמפן מיט דער אַנאַרכיע — אינספּירירט געווען פון די יידישע פּאָליטישע טוער. די „ספּעציעלע באַראַטונג“, אָבער, און, באַזונדערס, דער אינסטרוקטאָרן=אינסטיטוט האָבן, כידוע, צו קיין שום רעזולטאַטן ניט געבראַכט.

---

[1] ד אָ ר ט, די ווענדונג פונם מיליציע=אינספּעקטאָר אין קיעווער גובערניע, פונם 22=טן נאָוועמבער 1917. זיין ענטפער דעם יידישן מיניסטעריום איז געחתמעט אפילו ניט דורך דעם מיליציע=אינספּעקטאָר אַליין, נאָר דורך זיין געהילף...

די באַציהונג פונם פּראָווינציעלן יידנטום, וואָס האָט געליטן פון די עקסצעסן, צום יידישן מיניסטעריום איז אין אַלגעמיין געווען אַ פּאַרטרוילעכע. צומאָל האָט אָט די באַציהונג געטראָגן אַ קוריאָזן כאַראַקטער. אַזוי, למשל, קלאָגן זיך די איינוואוינער פון מאַקאַראָוו אויף זייער מיליציע=שעף און שרייבן, אַז „ער טוט צום טויט דעם שטעטל: פריער איז געווען אַ מטבע ביי אים 10 רובל. היינט איז 100 רובל אויך ווייניג, און ער באַרימט זיך, אַז עס מוז זיין אַ פּאָגראָם". „גרויסער הער — ווענדן זיי זיך צום יידישן מיניסטער, — דער באַלויכטער פון יידן, העלף אונז כאָטש מיט דעם — נעם אים צו פון אונזער שטעטל און שיק אונז כאָטש אַ וועלוועלערן"...[1] ניט אַלע אָבער האָבן אויף אַזאַ נאאיוון אויפן רעאַגירט אויף די גוואַלדטאַטן. דער יידישער „ועד הקהלה" פון מיאַסטקאָווקע, פּאָדאָליער גוב., וואָס האָט שוין איין פּאָגראָם איבערגעלעבט און האָט געוואַרט אויף אַ צווייטן, ווענדעט זיך צום יידישן מיניסטעריום מיט אַ בקשה: אַרויסשיקן תיכף אַ באַוואָפנטע וואַך פון 20 מענשן; אָנווייזן, וואו וואָלטן זיי נעקענט פאַר זייער אייגן געלט קויפן דאָס נויטיגע געווער, „בכדי צו פאַרטיילן עס צווישן די, וואָס קענען זיך מיט דעם באַגיין", און אויך קאָמאַנדירן אַ פּראָקוראָר אויף צו מאַכן אַן אויספאָרשונג און אונטערזוכונגען ביי די רויבער פון צוגענומענע זאַכן[2]. איינינע ווענדונגען צום יידישן מיניסטעריום דריקן אויס אַ שאַרפע אומצופרידנקייט מיט דער נעגאַטיווער באַציהונג צו די יידישע זעלבסטשוץ=אָפּטיילונגען. איינער „אַ באַרויבטער יידישער שניידער" פון אָוורוטש פרעגט אין אַ לאַנגען און זעהר כאַראַקטעריסטישן בריף: „וואו איז אונזער נאַציאָנאַל=ראַט אויף אוקראַינע, וועלכער פאַרטיידיגט אונזערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן?... וואָס טראַכטן זיי ביי זיך אין קאַבינעט, בשעת די יידישע באַפעלקערונג ווערט גערויבט און געטראָטן דורך באַנדעס דעזערטירן=פּאָגראָמשטשיקעס? ווער קען נאָך בעסער באַשיצן די טאַטעס, מאַמעס, ברידער און שוועסטער ווי דער יידישער מיליטער=פאַרבאַנד"?[3].

דער תושב פונם יידישן שטעטל האָט געגלויבט אין די אָנפירער פונם יידישן מיניסטעריום, אינם נאַציאָנאַל=ראַט און די יידישע פּאַרטייען, אַז זיי וואָלטן געקאָנט, ווען זיי שטעלן זיך אויפן ריכטיגן וועג, ווירקן אויף דער אוקראַינער פּאָליטיק בנוגע דער יידישער פראַגע. דער ווייטערדיגער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון די ייִדיש=אוקראַינישע באַציהונגען האָט באַוויזן, ווי אומבאַגרינדעט די דאָזיגע אמונה איז געווען...

---

[1] דאָרט, דער בריף פון די מאַקאַראָווער איינוואוינער, 21=טן אָקטאָבער 1917.

[2] דאָרט, דער בריף פון מיאַסטקאָווקע, פּאָדאָליער גובערניע, פונם 28=טן נאָוועמבער 1917 (געשריבן אין העברעאיש).

[3] דאָרט, דער בריף פון אַ „באַרויבטן יידישן שניידער" פון אָוורוטש פונם 17=טן דעצעמבער 1917.

## V

די אוקראַיניזאַציע פון אַרמיי און די אויסשליסונג פון יידן. — די התחלה פון אוקראַינישן חיל. — דער לאַגער ראַשטאַט אין דייטשלאַנד. — באָהונער פאָלק. — די אָרגאַניזאַציע פון „ווילנע קאָזאַצטוואָ"; די אויסשליסונג פון יידן. — די ראָלע פון די „פרייע קאָזאַקן" אין די פאָגראָמען. — דער נצחון פון באָלשעוויקעס און דאָס אַנטלויפן פון ראַדע אין זשיטאָמיר. — דער צוריקקער פון אוקראַינישער אַרמיי אין קיעוו און איר פאָגראָם־שטימונג. — די נאַציאָנאַלע פאָליטיק פון די באָלשעוויקעס אין אוקראַינע. — „פּאַטאַקאָווושטשינע". — דער ערפאָלג פון באָלשעוויזם. — די באַציהונג פון די יידישע פאַרטייען צו די באָלשעוויקעס; די ראַדע אָדער די באָלשעוויסטישע מאַכט? — זשיטאָמירער נפלות פון ראַדע און דער „נייטראַליטעט פון די מינדערהייטן". — דער יידישער בעל־הבית און די אוקראַינישע אידייע. — רוסיפיקאַציע, צענטראַליזם און אַסימילאַציע. — „דער פאַרראַט פון יידן". — סימפטאָמען פון באַגרענצונגען אין רעכט. — די צוואַנג־אוקראַיניזאַציע. — דער וואַקסנדער שאָוויניזם.

וואָס מער עס האָט זיך דערנעהענטערט דער נצחון פונם באָלשעוויזם, אַלץ מער האָבן די אוקראַינישע טוער דעם איינציגן רעטונגס־מיטל איינגעזעהען אין אַקטיוון נאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד, האָפנדיג אויף אַ ישועה פון יענע טיילן אוקראַינער אַרמיי, וועלכע זיינען געבליבן טריי דער נאַציאָנאַלער אידייע. ווי אַלעמאָל אין אַ צייט פון מלחמה און מיליטער־נאַציאָנאַליסטישער אויפרעגונג, האָבן זיך אָנגעהויבן מערן חשדים און באַשולדיגונגען אין „פאַרראַט". אין דעם פעריאָד זיינען עס אין אוקראַינע צום ערשטן מאָל אויסגעוואַקסן יענע צוויי הויפט־באַשולדיגונגען קעגן יידן, וועלכע האָבן שפּעטער געשפּילט אַזאַ געפערליכע ראָלע, אַלס מאָטיוון פאַר פאָגראָמען: „יידן זיינען שונאים פון אוקראַינע", „יידן שטייען אויפן צד פון די באָלשעוויקעס". ווען די יידישע פאָרשטייער האָבן חצי יאַנואַר 1918, בעת דער נייטער סעסיע פון צענטראַלער ראַדע, ווידער אויפגעהויבן די פראַגע וועגן פאָגראָם־עקסצעסן, האָבן זיי באַקומען אַן ענטפער, אַז יידן מאַכן זיך אַוועק און נעמען ניט קיין אָנטייל אין דער אוקראַינישער אַרמיי. פון יידן האָט מען געפאָדערט, אַז זיי „זאָלן דערווייזן מיט מעשים, אַז זיי זיינען איבערגעגעבן דער אוקראַינער רעפובליק" און „זאָלן זיך אָפגרענעצן פון די באָלשעוויקעס" און אַרויסזאָגן עס אין אַ ספעציעלן אויפרוף. דער פירער פון די „סאָציאַליסטן־סאַמאָסטיניקעס", סטעפאַנענקאָ, האָט איינמאָל אין דער ראַדע געמאַכט די

ייִדן אין אָפענעם פאָרוואורף, אַז זיי שטייען אָן אַ זייט אין אַ צייט, ווען מ'דאַרף פאַרטיידיגן אוקראַינע.

פאָרמעל האָט דער פאָרוואורף געהאַט אַ יסוד: אין דער אוקראַינער אַרמיי זיינען באמת ניט געווען גאָר קיין ייִדן, ווי בכלל קיינער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דאָס איז אָבער ריכטיג נאָר פאָרמעל. די אוקראַינער אַרמיי האָט זיך געבויט אויסשליסליך ווי אַ *ריין=נאַציאָנאַלער* חיל — דאָס איז געווען די שטרעבונג פון די אוקראַינישע טוער. און בעת אָט דער נאַציאָנאַלער חיל האָט זיך אָנגעהויבן פאָרמירן — דורך דער אוקראַיניזאַציע פון מיליטער=טיילן פון רוסישן פראָנט, — *האָט מען די ייִדן פון די דאָזיגע טיילן אומעטום אויסגעשלאָסן*. דאָס ווערט באַשטעטיגט דורך אַ רייע פאַקטן [1]. די ייִדישע סאָלדאַטן=אָרגאַניזאַציעס האָבן ניט איינמאָל פראָטעסטירט קעגן דעם. אַזוי, צום ביישפיל, האָבן זיך די ייִדישע סאָלדאַטן פון 13=טן רעזערוו=פאָלק געקלאָגט אין אַ רעזאָלוציע, אַז מען שליסט זיי אויס פון פאָלק, וואָס ווערט אוקראַיניזירט [2]. די ייִדישע מיליטער=אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך אין אַ סך פאַלן אָפגערופן אויף די דאָזיגע ערשיינונגען. אַזוי, האָט די ייִדישע סאָלדאַטן=אָרגאַניזאַציע פונם 5=טן סיבירער אַרמיי=קאָרפוס אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, לויט וועלכער זי „האַלט די דאָזיגע ערשיינונג פאַר אַן אַנטידעמאָקראַטישע, וואָס איז סותר די פרינציפן פון נאַציאָנאַלער טאָלעראַנץ, וועלכע די אוקראַינער ראַדע האָט ניט איינמאָל פראָקלאַמירט“ [3]. נאָך שאַרפער האָבן זיך אויף אַזאַ אוקראַיניזאַציע אָפגערופן די ייִדישע סאָלדאַטן פון דער 12=טער פוסגייער=דיוויזיע: זיי באַגריסן „דעם ברידערליכן אוקראַינישן פאָלק אין זיין נאַציאָנאַלער און באַפרייאונגס=באַוועגונג און די צענטראַלע ראַדע, וועלכע האָט פראָקלאַמירט די נאַציאָנאַל=פערסאָנאַלע אווטאָנאָמיע“, נאָר דערביי געפינען זיי, אַז „די אוקראַיניזאַציע פון פראָנט איז ניט קיין מיטל צו פאַרשטאַרקן די רעוואָלוציע“. „אין פאַל — ווערט ווייטער געזאָגט אין דער רעזאָלוציע — אויב די טיילן פון דיוויזיע וועלן דאָך אוקראַיניזירט ווערן, מוזן יענע ייִדישע סאָלדאַטן, וועלכע שטאַמען פון אוקראַינע, בלייבן אין

---

[1] כאַראַקטעריסטיש, למשל, איז דער פאַל מיטן ייִדישן אונטער=אָפיצער פונם „הײדאַמאַקן-פאָלק אויפן נאָמען פון העטמאַן סאַהײדאַטשני“, דוד קצב. נאָך דעם, ווי זיין דיוויזיע אויפן פראָנט, וואו ער האָט פריער געדינט, האָט מען בטל געמאַכט, איז ער, אַלס איינוואונער פון אוקראַינע, אַריין אין דעם דערמאָנטן הײדאַמאַקן-פאָלק אין קיעוו. אָבער די אָפיצערן-אוקראַינער און די סאָלדאַטן האָבן אים געוואָלט מיט טויט-דראָהונגען צווינגען צו פאַרלאָזן דעם פאָלק. דעמאָלט האָט זיך ד. קצב געווענדעט נאָך הילף צום ייִדישן גענעראַל-סעקרעטאַריאַט (מיניסטעריום). זעה אויספירליך וועגן דעם ענין אין *„נייע צייט“* פונם 13 דעצעמבער 1917 — „דער אַנטיסעמיטיזם אין דער אוקראַינישער אַרמיי“, זעה אויך *„דער טעלעגראַף“* 22 №, 1917.

[2] *„קיעווסקאַיאַ מיסל“*, 9-טן נאָוועמבער 1917.

[3] *אַרכיוו פונם ייִדישן מיליטערישן פאַרבאַנד*, (קיעוו), רעזאָלוציע פון דעם קאָרפוס-קאָמיטעט פון די ייִדישע סאָלדאַטן אין 5-טן סיבירער אַרמיי-קאָרפוס, פונם 12-טן נאָוועמבער 1917.

ווייערע טיילן, נאָר אין קיין שום ברידער=קאַמף און בירגער=קריג, וועלכער איז סותר דעם גייסט פון רעוואָלוציע, טאָרן זיי קיין אָנטייל ניט נעמען"[1]). אויף דער ערשיינונג האָבן זיך אָפּגערופן אויך אייניגע אַלגעמיינע אַרמיי=אָרגאַניזאַציעס. דער דריטער צוזאַמענפאָר פון דער XI=טער אַרמיי האָט אָנגענומען אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע, אַז ער געפינט אויך די אויסשליסונג פון יידן פון די מיליטער=טיילן, וואָס ווערן אוקראַיניזירט, פאַר אַנטידעמאָקראַטיש און האַלט פאַר יושרדיג, אַז די יידן, וואָס ווערן אויסגעשלאָסן, זאָלן בילדן „באַזונדערע יידישע מיליטער=טיילן", אויב זיי פאַרלאַנגען עס[2]).

די פראַגע וועגן דער אויסשליסונג פון יידן איז ערנסט באַהאַנדלט געוואָרן אויף די זיצונגען פון יידישן נאַציאָנאַל=ראַט, לויט דער איניציאַטיוו פונם „יידישן מיליטער=פאַרבאַנד", אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פראַגע וועגן פאָרמירן יידישע זעלבסט=שוץ=דרוזשינעס. אויף דער 6=טער זיצונג פון נאַציאָנאַל=ראַט איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וואָס לויטעט: „די יידישע דעמאָקראַטיע דאַרף קעמפן קעגן דעם, אַז דאָס מיליטער אין אוקראַינע זאָל אָרגאַניזירט ווערן אויף נאַציאָנאַלע יסודות, און דאַרף פאָדערן פון דער אוקראַינער ראַדע, אַז ס'זאָל שטרענג אויסגעהאַלטן ווערן דער פּרינציפּ פון טעריטאָריאַלן מיליטער=בוי". „דער אוקראַינישער גענעראַל=סעקרעטאַר פאַר קריגס=ענינים דאַרף אַרויסגעבן אַ ספּעציעלן באַפעל וועגן דעם, אַז ס'זאָלן ניט דערלאָזן ווערן קיינע פּרובן אויסצושליסן וועלכע ס'איז אוקראַינישע בירגער פון דעם אוקראַינישער מיליטער און קיינע פּרובן אויפצורייצן סאָלדאַטן=אוקראַינער קעגן סאָלדאַטן ניט=אוקראַינער"[3]). לויטן פאָרשלאַג פונם נאַציאָנאַל=ראַט האָט זיך בײַם יידישן גענעראַל=סעקרעטאַריאַט געבילדעט וועגן דער פראַגע אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס האָט צוגעשטעלט צו דער קומענדיגער זיצונג אירע באַשלוסן, וועלכע פאַלן צונויף מיט די, וואָס מיר האָבן ערשט ציטירט: „עס ווערט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל איבער אוקראַינע, אַז די אוקראַינער אַרמיי דאַרף זיין אַ טעריטאָריאַלע און ניט קיין נאַציאָנאַלע". דער יידישער גענעראַל=סעקרעטאַר האָט זיך דעמאָלט געווענדעט צו פּעטליורען (דעם גענעראַל=סעקרעטאַר פאַר מיליטער=ענינים) מיט אַן אָנפראַגע, לויט וועלכן יסוד קומט פאָר די אוקראַיניזאַציע פון אַרמיי — לויטן טעריטאָריאַלן אָדער נאַציאָנאַל=פּערסאָנאַלן; פּעטליורע האָט קיין באַשטימטן ענטפער אויף דעם ניט געגעבן. באַרירנדיג די פראַגע פון אוקראַיניזאַציע, האָט די „נייע צייט" געשריבן, אַז די יידישע סאָלדאַטן און יונקערס געפינען זיך אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע, ווייל „גיין אין ריין=אוקראַינישע פּאָלקן לאָזן זיי די אוקראַינער ניט, און אַוועקגיין אין „ריין=רוסישע" פּאָלקן ערלויבט זיי ניט דער פּשוטער פּאָליטישער טאַקט; עס וועט אויסקומען, אַז זיי זיינען קעגן די אוקראַינער"[4]).

---

[1]) דאָרט, רעזאָלוציע פון די יידישע סאָלדאַטן פון דער 12 פוסגייער=דיוויזיע, פונם 7=טן דעצעמבער 1917.

[2]) דאָרט, רעזאָלוציע פונם 3=טן צוזאַמענפאָר פון 11 אַרמיי וועגן פּאָגראָמען.

[3]) פּראָטאָקאָלן פון נאַציאָנאַל=ראַט, 6 זיצונג, 18 נאָוו. 1917.

[4]) „נייע צייט", № 54, דער שוין ציטירטער אַרטיקל פון מ. כן: „יידישע מיליטער פראַגן".

אויף אַזעלכע יסודות האָט זיך געבויט די אוקראַינישע אַרמיי. עס איז געווען נאָך אַ מאָמענט — אַ פּסיכאָלאָגישער, וואָס האָט געשאַפֿן אַ גדר קעגן יידישער אַריינטרעטונג אין דער אַרמיי. די בויער פון דער נאַציאָנאַלער אַרמיי האָבן מיט אַלע מיטלען זיך באַמיהט אויפצולעבן דעם קאַמפּס־ראָמאַנטיזם פונם אוקראַינער היסטאָרישן עבר — דעם גייסט פון היידאַמאַטשינע, פון „זאַפּאָראָזשער סיטש", פון דעם אַמאָליגן קאָזאַקנטום. די סימבאָלן פון כמעלניצקי, גאָנטע און שפּעטער פון נאַליוואַיקאָ, אין וועמענס נעמען עס זיינען געשאַפֿן געוואָרן ספּעציעלע פּאָלקן, האָבן האַרמאָנירט מיט דעם דאָזיגן געפיל פון היסטאָרישן ראָמאַנטיזם. אָבער די דאָזיגע סימבאָלן און נעמען האָבן אַנדערש געקלונגען פאַר אוקראַינער און גאָר אַנדערש פאַר יידן... דער גייסט פון שאָוויניזם, וועלכן מען האָט קולטיווירט אין דער נאַציאָנאַלער אַרמיי, האָט געפירט מיט אַ גלייכן וועג צום יידן־האַס און האָט תיכּף געלאָזט די יידן פילן, אַז די טראַדיציעס פון דער אַמאָליגער פאַרשייטער היידאַמאַטשינע ווערן איצט אויף אַן אמת מקוים אין לעבן. עס האָט ניט לאַנג געדויערט — און דער עפעקטפולער „היידאַמאַק", דער „סיטשעוויק", מיטן רויטן טשיפּעק אויפן היטל, און דער קאָזאַק אין „בלויען זשופּאַן" האָבן אין דער היינטיגער אוקראַינע געוואָרפן אַזאַ אימה אויף דער יידישער באַפעלקערונג, ווי עס איז געווען פאַרצייטנס, אין דעם 17־טן און 18־טן יאָרהונדערט.

דער אָנהויב פונם אוקראַינישן חיל באַציהט זיך, ווי מיר האָבן געזעהן, צו יענעם פּעריאָד, ווען פון דער רוסישער אַרמיי האָבן זיך אָנגעהויבן אויסטיילן אויף אַ זעלבסטשטענדיגן אופן די אוקראַינער מיליטער־פאָרמירונגען, ווען ס'האָט זיך געבילדעט „דער ערשטער פּאָלק פון באָגדאַן כמעלניצקין" און נאָך אים אַ רייע אַנדערע. דער אוקראַינישער גענעראַלער מיליטער־קאָמיטעט (בראש פון וועלכן ס'איז געשטאַנען ס. פּעטליורע) פלעגט דעם דאָזיגן פּראָצעס צוגעבן אַ פּלאַנמעסיגן כאַראַקטער. די ערשטע אוקראַינער פּאָלקן זיינען געווען זעהר וואַקלדיג אין זייער שטימונג. צוערשט נאַציאָנאַל־באַגייסטערטע, צומאָל שטורמיש־שאָוויניסטישע, זיינען אַ פולע פון אָט די פּאָלקן אַריבער צו די באָלשעוויקעס גראָד אין דעם שווערסטן מאָמענט פאַר די אוקראַינער. מיר האָבן פריער געזעהן, וויפיל עגמת נפש עס האָט דער אוקראַינער רעגירונג פאַרשאַפט דער „פּאָלובאָטקאָ־פּאָלק", וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אויפן פראָנט און האָט אַפילו געמאַכט אַ פּרוב צו פאַרכאַפּן די מאַכט. נאָכן דריטן אוניווערסאַל, אין נאָוועמבער 1917, איז מען צוגעטראָטן צו בילדן אַ גאַנץ זעלבסטשטענדיגן אוקראַינישן חיל, לחלוטין אַן אומאָפּהענגיגן פונם רוסישן. אָנהויב יאַנואַר 1918 האָט די ראַדע אָנגענומען אַ ספּעציעלן געזעץ וועגן בילדן אַן אַרמיי אין אוקראַינע. אָבער אונטער דעם אָנגריף פון די באָלשעוויקעס איז זיך דער אוקראַינישער חיל כמעט אינגאַנצן צעפאַלן. נאָך דעם, ווי ס'איז געשלאָסן געוואָרן דער שלום מיט די צענטראַלע מלוכות, אין פעברואַר 1918, איז די אוקראַינער רעגירונג צוגעטראָטן צו פאָרמירן אַ נייע אַרמיי. דעם קערן פון אַזאַ אַרמיי האָבן געבילדעט עטליכע רעגימענטן פון „סיטשעוויקעס" („סיטשאָווי סטרילצי"), וועלכע האָבן זיך פאָרמירט אין ד י י ט ש ל אַ נ ד, פון אוקראַינער קריגס־

געפאַנגענע, אין לאַגער ראַשטאַט, באַדען. דער אָנהויב פון דער „סיטשעוויקן“-אָרגאַניזאַציע אין דעם לאַגער באַציהט זיך נאָך צו די ערשטע חדשים פון 1916 יאָר, ווען עס האָט זיך דאָ געבילדעט, לויטן פּלאַן פון די דייטשן, „דער ערשטער זאַפּאָראָזשער פּאָלק אויפן נאָמען פון טאַראַס שעווטשענקאָ“. אין לאַגער ראַשטאַט האָט דער דייטשער מיליטער-שטאַב צונויפגענומען די קריגסגעפאַנגענע פון רוסישן פראָנט, וועלכע שטאַמען פון די אוקראַאינער גובערניעס, און דאָ האָט מען זיי ספּעציעל „באַאַרבעט“ אין אוקראַאיניש-שאָוויניסטישן גייסט און געפּרובט אין זיי איינפלאַנצן אַ שאַרפן האַס צו „מאָסקאָוויע“; דערביי האָבן די דייטשן בדעה געהאַט אויסצונוצן זיי אין דער מלחמה ק ע ג ן רוסלאַנד אונטערן לאָזונג, אַז אוקראַאינע טיילט זיך אָפּ אין אַ באַזונדער מלוכה. אין לאַגער האָט זיך געבילדעט אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע „זאַפּאָראָזשסקאַ סיטש“, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט צוגרייטן אַזעלכע אוקראַאינער מיליטער-טיילן לטובת דייטשלאַנד. „די הויפּט-באַדייטונג פון דער אָרגאַניזאַציע, — שרייבט דער היסטאָריקער פון ראַשטאַטער לאַגער, — איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט געשטעלט די אוקראַאינישע באַוועגונג אויפן באָדען פון פולער מלוכה-זעלבסטשטענדיקייט פון אוקראַאינע“. „אויב מיר ווילן געפינען דעם ערשטן מוסטער פון דער סיטשעוויקן-אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז שפּעטער געשאַפן געוואָרן אין אוקראַאינע גופא, דאַרפן מיר אים זוכן אין לאַגער ראַשטאַט. די אָרגאַניזאַציעס פון „סיטש“ און „ווילנע קאָזאַצטוואָ“, וועלכע האָבן זיך אויסגעבילדעט אין אוקראַאינע אין דער צייט פון רעוואָלוציע 1917, זיינען אין גרונט געווען פון דעמזעלבינן מוסטער, ווי די ראַשטאַטער סיטש“ [1]. העלפן די דייטשן אין זייערע פּלענער און אָנצופירן מיט דער אוקראַאינישער פּראָפּאַגאַנדע און מיט די מיליטער-פאָרמירונגען אין לאַגער האָט אויף זיך גענומען די אוקראַאינישע אויסערסט-נאַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט — „דער פאַרבאַנד צו באַפרייען אוקראַאינע“ („סאָיוז וויזוואָלעניאַ אוקראַאיני“), וואָס האָט געהאַט זיין צענטער אין בערלין. אַזעלכע לאַגערן, ווי אין ראַשטאַט, ספּעציעל פאַר אוקראַאינישע קריגסגעפאַנגענע, מיט די זעלבע צוועקן האָבן זיך געפונען אין דייטשלאַנד אויך אין וועצלאַר און זאַלצוועדעל, זיי זיינען אָבער געווען אַ סך קלענער. ווען אין קיעוו האָט זיך געגרינדעט די צענטראַלע ראַדע, האָבן די דייטשן פאָרגעלעגט איינינגע אוקראַאינישע טוער די דאָזיגע קאַדרן פון באַאַרבעטע אוקראַאינער קריגסגעפאַנגענע, אלס אַ קאַמפס-קראַפט קעגן רוסלאַנד; דאָס איז דעמאָלט אָפּגעוואָרפן געוואָרן. איצט אָבער, נאָך דעם, ווי אוקראַאינע האָט צעריסן מיט רוסלאַנד און נאָכן בריסקער אָפּמאַך, זיינען די דאָזיגע אוקראַאינישע טיילן פון די לאַגערן צוזאַמען מיט די דייטשן געקומען אין אוקראַאינע, אָנגעטאָן אין עפעקטפולע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען (אין „בלויע זשופּאַנען“). פון ראַשטאַט האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צוויי פּאָלקן, דער ערשטער

[1]) אָ. ט ע ר ל ע צ ק י, „Історія української громади в Раштаті“ לייפּציג, 1919, זייטע 205. דער מחבר ברענגט זעהר אַ אינטערעסאַנטן פאַקט, וואָס כאַראַקטעריזירט די פּאָליטישע נאַטור פון דער אוקראַאינישער „סיטש“ אינם לאַגער: די „סיטש“ האָט אינם 1917-טן יאָר געהאַט עטליכע מיליטער-פּאַראַדן — אין טאָג פון שעווטשענקאָס יום-טוב און... אינם געבורטסטאָג פון קייזער ווילהעלם II. זעה זייטע 312

איז אַוועק דער „באַהונער פּאָלק“. „אַ מאַן אַכטהונדערט, — באַשרייבט דער היסטאָריקער פון לאַגער, — האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן „דער פּאָלק אויפן נאָמען פון באָהונען“ און זיינען דעם 17 פעברואַר 1918 אַרויסגעפאָרן פון ראַשטאַט אין אוקראַינע“. נאָך זיי איז אָפּגעפאָרן דער צווייטער פּאָלק[1]. די דאָזיגע מיליטער=טיילן, נאָכן אומקערן זיך אין אוקראַינע, זיינען געווען געשטימט עקסטרעם פיינטליך צו „מאָסקאָדיע“ און בכלל זייער שאָוויניסטיש. די אָנווייזונג פון דעם מחבר וועגן דער אָפּשטאַמונג פון „באָהונער פּאָלק“ האָט אַ וויכטיגע באַדייטונג. מיט דעם דאָזיגן פּאָלק וועט אונז שפּעטער ניט איינמאָל אויסקומען צו באַגעגענען זיך, בעת די געשעהענישן פון 1919=טן יאָר. דער „באָהונער פּאָלק“ איז אינם ערשטן פּעריאָד פון דער ראַטן=מאַכט אין 1919 יאָר געווען דער עמוד התוך פון דער סאָוועטישער אוקראַינישער אַרמיי און האָט ביטער געקעמפט קעגן די „פּעטליוראָווצעס“ און פאַר די באָלשעוויקעס. און גלייכצייטיג מיט דעם האָבן די „באָהונצעס“ געוואָרפן אן אימה אויף די יידישע שטעט און שטעטלאַך מיט זייערע גרויזאַמקייטן און פּאָגראָם=עקסצעסן.

עס איז געווען קלאָר, אַז די שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין די נאַציאָנאַלע אוקראַינישע מיליטער=טיילן, האָט ניט געקענט צוציהען דעם יידישן סאָלדאַט, וועןאפילו ער וואָלט ניט געהען מיט גוואַלט אויסגעשלאָסן, און האָט אויך ניט געקענט דינען אַלס אַ גענוגנדע גאַראַנטיע פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. אויך האָט צו זיך ניט געקענט צוציהען די אָרגאַניזאַציע „פרייע קאָזאַקנטום“ („וויִלנע קאָזאַצטוואָ“). דאָס „פרייע קאָזאַקנטום“ האָט זיך צוערשט אָרגאַניזירט זומער 1917 אין זוועניגאָראָדער אויעזד, קיעווער גובערניע, לויט דער איניציאַטיוו פון אַ פּשוטן סאָלדאַט גריזלאָ. דאָס איז געווען אַ פרייוויליגע אָרטיגע שמירה אין די דערפער און שטעטלאַך, מיטן צוועק אָפּצוהיטן פון גזלות, צו כאַפּן דעזערטירן א. א. וו., און אין גאָר אַ קורצער צייט האָט זי זיך שטאַרק פאַרשפּרייט. „אין משך פון יוני און יולי האָבן זיך איינגע פאָוויטן פון קיעווער גובערניע באַדעקט מיט „ווילני קאָזאַקן“, — שרייבט דער היסטאָריקער פון אוקראַינישער רעוואָלוציע. „פון דאַנען האָט זיך די באַוועגונג פאַרשפּרייט איבער אַנדערע גובערניעס. פון די דערפער איז זי אַריבער אויך אין איינגע שטעט (יעקאַטערינאָסלאַוו) צווישן די אַרבעטער און ספּעציעל צווישן אייזענבאַן=אַרבעטער און אָנגעשטעלטע“[2]). אָנהויב סעפּטעמבער 1917 איז אין טשיהירין, קיעווער גובערניע, פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די „פרייע קאָזאַקן“, אויף וועלכן אַלס „אַטאַמאַן“ פון דער אָרגאַניזאַציע איז אויסגעקליבן געוואָרן „דעם לעצטנס העטמאַנס יורש“ — גענעראַל פּ. סקאָראָפּאַדסקי — דער זעלבינער, וועלכער איז מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער אַליין געוואָרן, מיט דער הילף פון די דייטשן, „העטמאַן פון אוקראַינע“. די ערשטע צייט איז די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע ניט נאָר ניט געווען אָפיציעל אונטערשטיצט, נאָר זי האָט אפילו באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד מצד דער אוקראַינער רעגירונג: דער

[1]) דאָרט, זייטע 360.

[2]) פּ. כ ר י ס ט י ו ק, דאָס ציטירטע ווערק, ב. II, ז. 187 (הוספות), אויך ז. 15.

סעפּטעמבער-צוזאַמענפאָר פון די אוקראַינער קאָמיסאַרן אין קיעוו האָט באַשלאָסן „תיכּף אַנטואָפּנען די שוין עקזיסטירנדע אָפּטיילונגען פון ווילנע קאָזאַצטווע". אָבער עס דויערט ניט לאַנג, און זי ווערט אָפיציעל אָנערקענט, ווערט מיליטאַריזירט און אַרייַנגענאָסן אין די אוקראַינישע מיליטער-טיילן. אין אָקטאָבער 1917 האָט די רעגירונג אויסגעאַרבעט פאַר איר אַ ספּעציעלע „אינסטרוקציע", לויט וועלכע איר אויפגאַבע איז צו פאַראייניקן אַלע בירגער „אָהן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט", כדי אָפּצוהיטן די אָרדנונג אויף די ערטער, „אָנצונעמען אַלע מיטלען ניט צו דערלאָזן קיין שום פּאָגראָמען און רויבערייען". די רעגירונג — דער גענעראַל-סעקרעטאַריאַט — האָט אייַנגעגלויבט אין די „ווילני קאָזאַקן" און שטאַרק געהאָפט, אַז זיי וועלן אייַנשטילן די אַנאַרכיע אין אוקראַינע. אין דער אמתן אָבער איז די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע געוועזן נאָר אַ קנאַפּע סגולה קעגן אַנאַרכיע און פּאָגראָמען. זי איז אַליין מער און מער געוואָרן דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון די עקסטרעמע „סאַמאָסטיניקעס" און נאַציאָנאַלן שאָוויניזם און האָט ניט דערלאָזט קיין יידן אין אירע רייען. די קהלה פון ראַכמיסטראָווקע, קיעווער גוב., אין אירער אַ ווענדונג צום יידישן מיניסטעריום „פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס די יידן, וועלכע האָבן זיך פאַרשריבן אין ווילנע קאָזאַצטווע, ווערן אויסגעשלאָסן"; עס איז אַפילו אין שטעטל געוואָרן אַ פּלאַן צו גרינדן „אַ ספּעציעל יידישע ווילנע קאָזאַצטווע, אָבער מען האָט דאָס געפונען פאַר ניט צוועקמעסיג" [1].

די באַציהונג צו דער „ווילנע קאָזאַצטוואָ" מצד די הערשנדע לינקע יידישע קרייזן איז די ערשטע צייט געוועזן זעהר אַ גוטע — זיי האָבן ניט תופס געווען די אמתע נאַטור פון אָט דער אָרגאַניזאַציע. די „נייע צייט", דער אָרגאַן פון די „פאַראייניגטע" און דער אָפּיציאָז פון יידישן מיניסטעריום, האָט געשריבן וועגן איר נוצליכקייט [2]. אַליין דאָס יידישע מיניסטעריום האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט פאַר דער „ווילנע קאָזאַצטוואָ" אַנשטאָט יידישער זעלבסטשוץ. די ערשטע צייט האָבן טאַקע די „פרייע קאָזאַקן" אין איינצע ערטער געקעמפּט קעגן פּאָגראָם-עקסצעסן (צום ביישפּיל — אין ביעלאָצערקאָוו, טשערקאַס, אין זוועניגאָראָדער קרייז), אָבער עס האָט ניט לאַנג געדויערט און זיי האָבן באַוויזן זייער אמתן פּרצוף. די „פרייע קאָזאַקן" קריגן אַ שם פון אָנטיילנעמער און אַפילו איניציאַטאָרן פון פּאָגראָם-עקסצעסן. די יידן פון קאַנעוו קלאָגן זיך אין זייער ווענדונג צום יידישן מיניסטעריום, אַז די אָרטיגע פּאָגראָמשטשיקעס „האָבן זיך אַ נאָמען גענעבן „ווילנע קאָזאַטשעסטוואָ" און שטעלן אַרויס אַלס הויפּט-פאָדערונג, אַז די גאַנצע מאַכט, הן אין שטאָט, הן אין פּאָוויט, זאָל אַריבער צו זיי, און אַלס שעף פון פּאָוויט האָבן זיי באַשטימט דעם פירער פון די פּאָגראָמשטשיקעס" [3]. אויך פון אַנדערע

---

[1]) אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום (1917-1918), פּראָטאָקאָל פון ראַכמיסטראָווקער יידן, מיט 192 חתימות, ערהאַלטן 8 דעצעמבער 1917.

[2]) „נייע צייט", 14-טער אָקטאָבער 1917, אַרטיקל וועגן די „ווילני קאָזאַקן".

[3]) אַרכיוו פונם יידישן מיניסטעריום, מעמאָראַנדום פון די דעלעגאַטן פון קאַנעווער קהלה, רעג. 200 №, ערהאַלטן 4-טן דעצעמבער 1917.

שטעטלאַך — טאַראַשטשע, קאַמענקע, נאָוואָ־פּרילוקי זיינען געקומען ידיעות וועגן
מעשים־תּעתּועים פון די „פרייע קאָזאַקן“. אָבער מער פון אַלץ האָבן זיי זיך אַרויס־
געוויזן אין קיעוו, אין די יאַנואַר און מערץ־טעג. עס איז העכסט כאַראַקטעריסטיש, וואָס
די אָרגאַניזאַטאָרן פון „פרייע קאָזאַקן“ אויף די ערטער זיינען גאַנץ אָפט געווען פער־
זאָנען, וועלכע האָבן זיך שפּעטער קונה שם געווען ווי אָנפירער פון די געפערליכסטע
פּאָגראָם־באַנדעס; אַזוי, למשל, איז דער אַטאַמאַן סטרוק געווען דער אָרגאַניזאַטאָר
פון „פרייע קאָזאַקן“ אין טשערנאָבילער קרייז. אַליין דער איניציאַטאָר, דער אריבנ־
דערמאָנטער סאָלדאַט גריזלאָ, איז שפּעטער, אין יאָר 1919־1920, געוואָרן באַקאַנט, אַלס
איינער פון די פּאָגראָם־אַטאַמאַנעס אין זוועניגאָראָדער אויעזד, וואו ער האָט געמאַכט
אַ שחיטה אויף יידן אין שטעטל מאָקראַיאַ־קאַלינאָרקאַ און אין אַנדערע שכנות־
דיגע פּונקטן[1]. ניט קוקנדיג אויף דעם אמתן פּרצוף פון דער אָרגאַניזאַציע, גיט וו.
ווינישענקאָ אין זיין בוך, וועלכן אונז קומט אויס אָפט ציטירן, אַזאַ באַגייסטערטע
כאַראַקטעריסטיק פון די „ווילני קאָזאַקן“, — שוין דעמאָלט, ווען ער איז געווען
קאָמוניסטיש געשטימט: „דער מער ערנסטער — אין פּאָליטישן און נאַציאָנאַלן זין —
עלעמענט האָט אויף זיך גענומען אָפּצוהיטן די אָרדענונג אין געגנט... אויף אַזאַ אופן
ווערן געשאַפן די „סאָטניעס“, „קורעניעס“, די „קאָזאַצקע קאָשען“. „די פּראַקטיק
פון דעם פרייען קאָזאַקנטום האָט באַוויזן, אַז עס האָט צו זיך צוגעצויגן דעם רע־
וואָלוציאָנער־ און נאַציאָנאַל־אַנטוויקלטן עלעמענט. עפּעס ראָמאַנטישעס איז געווען
אין אָט די „סאָטניעס“ און „קורעניעס“, אַפילו אין דער הלבשה — זשופּאַנעס, אַלט־
מאָדישע שווערדן, קאָזאַקישע היטלען“[2]. אַן אַנדער היסטאָריקער פון דער
אוקראַאינער רעוואָלוציע, פּ. כריסטיוק, איינער פון די פירער פון די אוקראַאינישע ס. ר.[3],
שרייבט אויך מיט התלהבות וועגן די פרייע קאָזאַקן, ווי וועגן אַן אָרגאַניזאַציע מיט ראָ־
מאַנטיש־היסטאָרישע טראַדיציעס: „די דאָזיגע באַוועגונג האָט זיך פון זיך זעלבסט פאַר־
שפּרייט איבער גאַנץ אוקראַאינע אין דער פאָרם פון אַ פאָלקס־באַוואָפנונג, מיטן צוועק
צו באַשיצן זיך פון באַנדיטיזם און צו פאַרטיידיגן די עקאָנאָמישע קלאַסן־אינטערעסן
פונם פּויערטום אין פּראָצעס פון רעוואָלוציע“. דער מחבר מאַכט אַ פאָרוואורף דער
אוקראַאינער רעגירונג, פאַר וואָס זי האָט ניט פאַרשטאַנען אויסצונוצן די „סטיכישע
באַוועגונג“, ווי ער שרייבט, פאַר דער רעוואָלוציע און פאַר דער מלוכה־איפבויונג...

וואָס שאַרפער עס איז געוואָרן די מלחמה צווישן די אוקראַאינער און באָלשע־
וויקעס און וואָס ערפאָלגרייכער דער באָלשעוויסטישער אָנגריף איז געווען, אַלץ פאַר־
ביסענער זיינען געוואָרן די נאַציאָנאַליסטישע געפילן ניט נאָר אין די רייען פון דער
אוקראַאינער אַרמיי, נאָר אויך אין די רייען פון די אוקראַאינישע טוער. דאָס אַנטלויפן

[1] אַרכיוו פון רעדאַקציע (1919), באַריכט וועגן די געשעהענישן אין מאָקראַיאַ קאַליגאָרקאַ (פון די מאַטעריאַלן פון „קאָפּע“, צוגעשטעלט פון כערכאָנסקי).

[2] וו. ווינישענקאָ, דאָס ציטירטע ווערק, באַנד II, זייטע 52.

[3] פּ. כריסטיוק איז אויך געווען אינערן־מיניסטער אין גאָלובאָוויטשעס קאַבינעט, אין מערץ 1918.

פון קיעוו קיין זשיטאָמיר בעתן באָלשעוויסטישן אָנגריף האָט דאָ זעהר אַ פולע געווירקט. אין מיטן יאַנואַר 1918 זיינען די באָלשעוויקעס צוגעקומען צו קיעוו און האָבן עלף טעג נאָכאַנאַנד שטורמיש און אומברחמנותדיק באָמבאַרדירט די שטאָט. דעם 26=טן יאַנואַר זיינען זיי אַריין אין קיעוו. ווען די מיטגלידער פון דער אוקראַינער רעגירונג און אַ טייל פון דער ראַדע זיינען אַנטלאָפן קיין זשיטאָמיר, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן זיי איז ניט געווען קיין איין פאָרשטייער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — ניט פון גרויס=רוסן, ניט פון די פאָלאַקן, ניט אויך פון די יידן. דער כעס אָבער פון די פאַרלאָזטע אוקראַינער איז געפאַלן אויסשליסלעך אויף די יידישע קעפּ. דער איבערברוך אין דער באַציהונג צו יידן, וועלכער האָט זיך שוין פריער געלאָזט מערקן, איז איצט, אין „זשיטאָמירער גלות“, געוואָרן שאַרפער. אין פעברואַר 1918 האָט די אוקראַינער שלום=דעלעגאַציע געשלאָסן אין בריסק אַ סעפּאַראַטן שלום מיט דער דייטשער קאָאַליציע. די דייטשן האָבן זיך אונטערגענומען העלפן דער אוקראַינער רעגירונג „אינם שווערן קאַמף קעגן די גרויס=רוסן“, ווי עס איז געווען אָפיציעל פאָרמולירט, און זיינען תיכף אַריינגעדרונגען מיט זייער חילות אין אוקראַינע. דעם 1=טן מערץ (לויטן נייעם סטיל) האָבן זיי פאַרנומען קיעוו [1]. צוזאַמען מיט זיי האָט זיך אומגעקערט אויך דאָס אוקראַינישע מיליטער, אָנגעפירט פון פעטליורען. און אויפן וועג צוריק פון זשיטאָמיר קיין קיעוו זיינען פאָרגעקומען אַ ריי ערנסטע פאָגראָם=עקסצעסן. פון איצט אָן און ווייטער באַווייזט זיך אין דער פאָגראָם=באַוועגונג אַ נייער אָנטיילנעמער, וועלכער האָט פריער געשפּילט נאָר אַ צופעליגע ראָלע, — די אוקראַינישע אַרמיי.

אַ קלאָר בילד פון די שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט אין דער אַרמיי אויף איר צוריקוועג פון זשיטאָמיר, גיט דער באַריכט פון פאָרשטייער פון „בונד“, מ. ראַפעס. מ. ראַפעס איז געווען אַ מיטגליד פון דער דעלעגאַציע, וואָס די סאָציאַליסטישע פראַקציעס פון קיעווער שטאָט=דומע האָבן אַנטקעגנגעשיקט דער אַרמיי צו בעטן, אַז אין שטאָט זאָלן ניט דערלאָזן ווערן קיינע עקסצעסן מצד דעם חיל, היות ווי ס'זיינען דערגאַנגען ידיעות וועגן זיין אויפגערעגטער אַנטיסעמיטישער שטימונג. דער באַריכט גיט אויספירלעך איבער, ווי די דעלעגאַציע איז אויפגענומען געוואָרן אין גענעראַל פריסאָווסקיס וואַנגאַרד=אָפּטיילונג. די סאָלדאַטן און אפילו די אָפיצערן האָבן ניט באַהאַלטן זייער שאַרף=אַנטיסעמיטישע שטימונג. אויף דער בקשה פון דעלעגאַציע, אַז מען זאָל ניט דערלאָזן קיין עקסצעסן, האָבן די סאָלדאַטן מיט כעס געענטפערט: „מיר וועלן זיך אָפּרעכנען, אָפּרעכנען אָהן רחמנות“. „איך וועל אַליין אויסקוילען ניט ווייניגער ווי 50“, האָט געשריען איינער אַ סאָלדאַט; „אַ האַלבע שטאָט, אַלע זשידעס דאַרף מען אויסשחטען“, האָט געשריען אַ צווייטער. „מיר האָבן געלעבט מיט די יידן אין שלום און פריינטשאַפט. „מיר“ האָבן זיי „געגעבן“ גלייכבירגערטום, די נאַציאָ=

[1]) פון איצט אָן און ווייטער האַלטן מיר זיך אָן דעם נייעם אַלגעמיינעם קאַלענדאַר; ביז איצט האָבן מיר באַנוצט אומעטום דעם אַלט=רוסישן קאַלענדאַר=סטיל.

נאַל־פּערסאָנאַלע אַווטאָנאָמיע. אָבער דאָס אַלץ איז זיי ווייניג, זיי האָבן געוואָלט נאָגן אוקראַינע פאַרכאַפּן אין זייערע הענט. דער „זשיד" טראָצקי גייט מיט מלחמה אויף אוקראַינע און ס'האַלטן אים אונטער אַלע יידישע קאַפּיטאַליסטן. די זשידעס האָבן שוין איין מלוכה אומגעבראַכט — די רוסישע, איצט ווילן זיי צושטערן די צווייטע מלוכה—די אוקראַינער", האָט אַ סאָלדאַט געשריען אין איין אָרט. אין אַ צווייטן האָבן זיך געהערט אַזעלכע רייד: „ווען מיר זיינען אָפּגעטראָטן אויף פּאָדאָל, אין קיעוו, האָבן מיר אין יעדער יידיש הויז געפונען אַ פּולעמיאָט, פון וועלכן מ'האָט אויף אונז געשאָסן", „אַלע דריי מיליאָן זשידעס דאַרף מען אַרויסטרייבן פון אוקראַינע, זאָלן זיי זיך גיין וואוהין זיי ווילן"; „אוקראַינע פאַר אוקראַינער!" [1]).

די דאָזיגע אויסגעשרייען און די דראָהונגען, וועלכע האָבן זיך געלאָזט הערן אין אַלע טיילן, האָבן איבערצייגט די דעלעגאַציע, אַז „אין די רייען פון דער אוקראַינער אַרמיי גרייט זיך אַ פּאָגראָם אויף יידן". אינם געשפּרעך מיט דער דעלעגאַציע האָט דער שעף פון אַוואַנגאַרד, גענעראַל פּריסאָווסקי, געזאָגט: „נאָך ערגער איז די לאַגע אין דער אָפּטיילונג, וואָס עס פירט איצט אין קיעוו פּעטליורע, זי באַשטייט פון הײַדאַמאַקעס". די דעלעגאַציע איז דאַן אַוועקגעפאָרן צו פּעטליורען. „מיר באַקומען אַ מעגליכקייט, — שרייבט מ. ראַפעס אין זיין באַריכט, — דורכצורעדן זיך מיט אים פון אויג צום אויג. מיר גיבן פּעטליורען צו פאַרשטיין אַלץ, וואָס מיר האָבן געזעהען און געהערט, און ווייזן אָן אויף דער נויטווענדיקייט אָנצונעמען געהעריגע מיטלען קעגן אַ בלוט־באָד און קעגן אַ פּאָגראָם, מיר רעדן צו אים, ווי צו אַ מיטגליד פון ס. ד. פּאַרטיי". פּעטליורע האָט געענטפערט, אַז „ער נעמט זיך גאָרניט אָן צו גאַראַנטירן. די שטימונג איז אים באַוואוסט, הגם ער זעהט דאָ נאָר אַ דורשט נאָך נקמה און ניט קיין אַנטיסעמיטיזם" [2]). צוליב פאָרזיכטיקייט ווען האָט פּעטליורע דאָך באַשלאָסן אַריינפירן זיין חיל אין שטאָט ניט דורכן יידישן פּאָדאָל, נאָר דורכן פאָרשטאָט קורעניאָווקע. בעת די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע האָבן דערזעהן די שטימונג פון אוקראַיניִשן מיליטער, האָט איינער פון זיי, דער אוקראַינישער ס. ד. טשיקאַלענקאָ, געזאָגט: „זיי וועלן דערשטיקן די פרייהייט פון אוקראַינע אין יידיש בלוט"...

די פאַרביטערטע שטימונג פון די ברייטע אוקראַינישע קרייזן איז אין אַ גרויסער מאָס געקומען אַלס רעזולטאַט פון יענער פּאָליטיק, וועלכער די באָלשעוויקעס, באַהערשנדיג אוקראַינע, האָבן געפירט אין דער קורצער צייט פון זייער ממשלה. דער באַזיגער פון אוקראַינע, דער „הויפּט־קאָמאַנדיר פון מזרח־פראָנט", דער באַוואוסטער פּאָלקאָווניק מוראַוויאָוו, האָט דעם 30־טן יאַנואַר, נאָך דעם, ווי ער האָט גענומען קיעוו, פאַרעפנטליכט זיין באַרימטן „באַפעל נומער 14", אין

[1]) ס. ראַפעס, „אויפן שוועל פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע", קיעוו, 1918, דער באַריכט פון דער דעלעגאַציע, ז. 53 ביז 96 („פּולעמיאָט" – אַ קוילנוואַרפער אין רוסיש).

[2]) דאָרט.

וועלכן עס ווערט בפירוש געזאָגט: „אַט די מאַכט (פון סאָוויעטן) ברענגען מיר פון ווייטן צפון אויפן שפּיץ פון די באַגנעטן, און דאָרט וואו מיר שטעלן זי איין, האַלטן מיר זי אונטער מיט דער קראַפט פון די דאָזיגע באַגנעטן און מיטן מאַטעריעלן אַוטאָריטעט פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער אַרמיי"[1]. „מיט בלוט און פייער זיינען מיר דורך דורכן קאַנט", האָט פּאָלקאָווניק מוראַוויאָוו ערקלערט אויף אַ זיצונג פון קיעווער סאָוויעט... אין משך פון איינציגע וואָכן, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געהערשט אין קיעוו, האָבן זיי ביזן גרונט צושטערט דאָס, וואָס ס'איז מיט אַזעלכע שוועריקייטן און מיט אַזעלכע האָפנונגען אויסגעבויט געוואָרן פון דער אוקראַינער באַוועגונג. די ראַדע האָט געמוזט אַנטלויפן, די מיניסטעריומס זיינען צעשטערט געוואָרן, דאָס אוקראַינישע געלט אַנולירט, די אוקראַינער נאַציאָנאַליסטן האָבן געליטן שרעקליכע רדיפות, די נאַציאָנאַלע עראָבערונגען זיינען געלעגן רואינירט. פּאַקטיש האָבן די באָלשעוויקעס אויך אָפּגעשאַפט די נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן[2]. אַזאַ בילד שילדערן אפילו די, וועלכע זיינען בכלל נוטה צו שלום מיט די באָלשעוויקעס. אַזוי, צום ביישפּיל, שרייבט ווינישענקאָ, שוין אין יאָר 1920, ווען יענע טעג פון באָלשעוויסטישער ממשלה: „די גאַנצע אוקראַינישע נאַציאָנאַלע קולטור איז ערקלערט געוואָרן בבחינת קאָנטער-רעוואָלוציע און איז אָהן רחמנות דערשטיקט געוואָרן. די פּרעסע האָט מען פאַרבאָטן, די אוקראַינישע דרוקערייען קאָנפיסקירט, די בוכהאַנדלונגען צוגעמאַכט, די שולן אָפּגעשטעלט... די מער אומוויסנדע באָלשעוויסטישע עלעמענטן פלעגן אַראָפּרייסן פון די ווענט שעווטשענקאָס בילד און טרעטן מיט די פיס. אין די דערפער פלעגט מען כאַפּן די אוקראַינישע שול-לערער, אידעקעווען זיך איבער זיי און צעשיסן נאָר דערפאַר, וואָס זיי זיינען איבערצייגטע אוקראַינישע פּאַטריאָטן"[3]. אַזאַ בילד שילדערט אויך פּ. כריסטיוק אין זיין געשיכטע פון דער רעוואָלוציע: „איבער גאַנץ אוקראַינע איז פאָרגעקומען אַ גרויזאַמער פּאָגראָם אויף דער אוקראַינישער אינטעליגענץ. דער מאָסקווער חיל, וועלכן מען האָט אויפגעהעצט מיט אַגיטאַציעס און וואָס האָט געברענט פון כעס, פלעגט הרגענען יעדן, ווער ס'האָט גערעדט אוקראַיניש". דער מחבר ברענגט נאָכדעם די נעמען פון אַ רייע דערשאָסענע דורך די באָלשעוויקעס אוקראַינישע סאָציאַליסטישע טוער. „אנשטאָט סאָוויעטן האָבן געבעל-הביתעוועט רעוו.-קאָמיטעטן און פאַרשידענע קאָמיסאַרן... אומעטום האָט געוועלטיגט דער שפּיז"[3]. אין דעם פּעריאָד פון זייער ערשטן אָנקומען אין אוקראַינע זיינען די באָלשעוויקעס

---

[1]) מיר ציטירן לויט כריסטיוקס ווערק, באַנד II, זייטע 149; זעה אויך די בונדישע „פאָלקסצייטונג" (קיעוו) פונם 31-טן יאַנואַר 1918.

[2]) די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען די דירה פונם יידישן מיניסטעריום, ווי אויך פונם גרויס-רוסישן. דאָס פּוילישע מיניסטעריום איז געבליבן עקזיסטירן, נאָר מיט אַ באָלשעוויסטישן קאָמיסאַר אַ פּאָלאַק.

[3]) פּ. כריסטיוק, דאָס ציטירטע ווערק, ב. II, זייטע 149 און ווייטער.

אָפן נעגאַנגען ווי צענטראַליסטן און פּאַקטישע רוסיפיקאַטאָרן. דאָס איז געווען דער פּעריאָד פון דער אַזוי גערופענער „פּיאַטאַקאָווטשטשינע“, לויטן נאָמען פון דעם פירער פון די קיעווער קאָמוניסטן פּיאַטאַקאָוו[1]). די דאָזיגע פּאָליטיק פון די באָלשעוויקעס האָט אין אַ געוויסער מאָס צוגעצויגן צו זיי די סימפּאַטיע פון יענע רוסישע פּאָליטישע גרופּן אין אוקראַינע, וועלכע זיינען בכלל, אין אַלעם איבעריגן, געווען זייערע שאַרפסטע שונאים. דער קיעווער שטאָט-גאָלאָוואַ ריאַבצאָוו, אַ רוסישע ס. ר., אַן אויסגעשפּראָכענער נעגנער פון די באָלשעוויקעס, האָט דאָך באַגריסט דעם אַריינמאַרש פון באָלשעוויסטישן חיל, אַלס „די באַנייאונג פון דעם איינהייטליכן אַלגעמיין-רוסישן רעוואָלוציאָנס-פראָנט“ (כריסטיוק, II באַנד, ז. 135).

אין יענע טעג זיינען די אוקראַינישע טוער געבליבן איינזאַם — און דאָס האָט פאַרביטערט זייער געמיט. אין זייער צאָרן האָבן זיי פאַרגעוואָרפן די יידן, אַז „זיי שטייען איפן צד פון די באָלשעוויקעס“ און פאַרראַטן אוקראַינע. די פאַקטן באַווייזן אָבער, אַז דער באָלשעוויזם האָט אַריינגעדרונגען אין די אוקראַינישע רייען גופא: בראש פון די באָלשעוויסטישע חילות איז קעגן דער ראַדע, צוזאַמען מיט מוראַוויאָוון, געגאַנגען אויך יורי קאָציובינסקי, דער זון פונם באַוואוסטן אוקראַינישן שרייבער; דער נצחון פון באָלשעוויזם איז בכלל מעגליך געוואָרן דורך דעם, וואָס די בעסטע טיילן פונם אוקראַינישן חיל („באָגדאַן כמעלניצקים פּאָלק“, סאַהיידאַטשנעס פּאָלק“ און אַנד.) האָבן פאַרראַטן די ראַדע. דער מיטגליד פון ראַדע נעראָנאָוויטש, וועלכער איז ערשט ניט לאַנג געווען אַזאַ הייסער פאַרטיידיגער פון „סאַמאָסטינאָסט“, איז אַריבער צו די באָלשעוויקעס אינם סאַמע געפערליכסטן מאָמענט. דעם 16-טן יאַנואַר האָט מען אַרעסטירט 7 מיטגלידער פון ראַדע, אוקראַינער לינקע ס. ר., פאַר באָלשעוויסטישע סימפּאַטיעס. די באָלשעוויסטישע אַגיטאַציע האָט פאַרכאַפּט דעם גאַנצן קאַנט. „דער באָלשעוויזם האָט טיף אַריינגעדרונגען אויך אין אוקראַינע. ער געפינט זיך אַפילו דאָ, אין ראַדע גופא“, האָט אין יענע טעג געזאָגט איינער פון די פירער פון רוסישע ס. ר., סוכאָוויך. די אוקראַינישע טוער זיינען ניט געווען זיכער אפילו מיט דעם דאָרף — זייער הויפּט-פעסטונג. „ווען מיר זיינען אַוועק פון שטאָט, — האָט זיך דער גענעראַל-פּיסאָווסקי מודה געווען פאַר דער אובנדערמאָנטער דעלעגאַציע פון דומע, — האָט אונז די באַפעלקערונג אַזוי באַליידיגנדיג גלייכגילטיג אָפּגעלאָזט. מען האָט געשאָסן אין פלייצע אַריין. אונז האָבן פאַרפאָלגט די פּויערן פון די דערפער“ [2]).

---

[1]) עס זיינען געווען צוויי ברידער פּיאַטאַקאָווס באָלשעוויקעס, איינעם (לעאָניד) האָבן די „ווילנע קאָזאַקן“ אין קיעוו דערהרגעט ערב דעם אָנקומען פון די באָלשעוויקעס. דער צווייטער — ג. פּיאַטאַקאָוו האָט געשפּילט אַן אָנגעזעהענסטע ראָלע אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זומער 1922 איז ער באַשטימט געוואָרן, אַלס פאָרזיצער פונם העכסטן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל, בעתן באַוואוסטן פּראָצעס פון די ס. ר. אין מאָסקווע.

[2]) מ. ראַפעס, די ציטירטע בראָשור, זייטע 78.

דער שטראָם פון באָלשעװיזם האָט פאַרכאַפּט די אוקראַיִנישע באַפעלקערונג — און האָט אויך פאַרכאַפּט די יידישע באַפעלקערונג. די שטעט און שטעטלאַך, וואו די יידן בילדן זעהר אַ באַדייטנדן טייל און ערטערוויַיז די גרעסטע מערהייט, שטעלן מיט זיך פאָר די הויפּט־פעסטונג פון די באָלשעװיקעס. די אָנגעזעהנסטע באָלשעוויסטישע טוער האָבן זיך מער פון אַלץ אויסגעצייכנט אין דער הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע, אין קיעװ: (טשודנאָװסקי — דער שטאָט־קאָמיסאַר, קרייצבערג—קאָמיסאַר פון פינאַנסן, רייכ־שטיין—קאָמיסאַר פון פּרעסע, שאַפּיראָ—קאָמיסאַר ביי דער ארמיי, קוליק און אנד.) און אויך אין אַזעלכע שטעט, ווי אַדעס אָדער יעקאַטערינאָסלאַװ [1]). אַ געוויסע צאָל יידישע אַרבעטער איז אַריינגעטראָטן אין דער „רויטער גוואַרדיע". דאָס אַלץ האָט בלתי ספק עדות געזאָגט, אַז דער באָלשעװיסטישער געדאַנק באַזיצט אַ שטאַרקע צו־ציִהונגס קראַפט. אָבער צווישן די יידישע פּ אַ ר ט י י ע ן און אָנפירנדע אָרגאַנען פון דער י י ד י ש ע ר ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל י כ ק י י ט איז קיינער ניט געווען אויפן צד פון די באָלשעװיקעס. נאָך מער: די יידישע פאָרשטייער אין ראַדע האָבן פאַרנומען בנוגע צו די באָלשעװיקעס אַ שאַרפערע שטעלונג, ווי די אוקראַינישע. אַזוי, צום ביישפּיל, באַלד נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש האָט דער פאָרשטייער פון די „פאַראייניגטע", מ. ליטוואַקאָוו, אויפגעפאָדערט די ראַדע, וועלכע האָט זיך קאָנטיג נאָך געקוויינקלט אין איר פאָזיציע, אַז זי זאָל זיך „קלאָר און שאַרף אַרויסזאָגן קעגן דער אַתאַנטיורע פון די באָלשעװיקעס". בעת די באָלשעוויקעס האָבן ערקלערט דער ראַדע מלחמה, האָט דער פאָרשטייער פון „בונד", אַ. זאָלאָטאַריאָוו, אין דער קליינער ראַדע גערופן — צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון די רוסישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען — „ניט אָפּצושטעלן זיך אויפן האַלבן וועג און דערפירן דעם קאַמף מיט די קברנים פון רעוואָלוציע ביזן סוף" [2]). דער פאָרשטייער פון די „פאַראייניגטע", דער מיטגליד פון ראַדע מ. שאַץ־אַנין, האָט ערקלערט אויפן צוזאַמענפאָר פון די סאָוויעטן אין קיעוו, אַז „אינם קאָנפליקט פון דער אוקראַינישער רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע מיט דער הייפּעלע אוזורפּאַטאָרן וועלן די סימפּאַטיעס פון דער יידישער דעמאָקראַטיע זיין אויפן צד פון אוקראַינישן פאָלק" [3]). די „נייע צייט", דער אָרגאַן פון די „פאַראייניגטע", האָט געשריבן בעת די באָלשעוויקעס האָבן ערקלערט דער ראַדע מלחמה, אַז „די ראַדע האָט ניט דערלאָזט אין אוקראַינע די אַנאַרכיע פון גרויס־רוסלאַנד, און טאַקע פאַרן דאָזיגן חטא האַלטן מיר פאַר נויטיג, אַז די יידישע דעמאָקראַטיע פון אוקראַינע זאָל שטיצן די

---

[1]) א. גאָלדענוויַיזער אין זיינע זכרונות וועגן קיעוו שרייבט, אַז צוזאַמען מיט מוראַ־וויאָוון איז בראש פונם רויטן חיל געקומען קיין קיעוו דער „קראָנשטאַדטער מאַטראָס ראשאַל" (זעה „אַרכיוו פון דער רוסישער רעוואָלוציע", באַנד 6, רוסיש – בערלין 1922). ווי ס'איז באַוואוסט, איז ראַשאַל געווען אַ ייד, אַ סטודענט. מיר האָבן אָבער ערגעץ ניט געפונען קיין באַשטעטיגונג וועגן ראשאַלס ראָלע אינם אָנגריף אויף די אוקראַינער.

[2]) „נ י י ע צ י י ט" פונם 27־טן און 28־טן אָקטאָבער, אויך פונם 7־טן דע־צעמבער 1917.

[3]) ד אָ ר ט, פונם 6־טן דעצעמבער 1917.

ראַדע" [1]). פאַרגלייכנדיג אין איינער פון זיינע רעדעס די לאַגע אין רוסלאַנד און די לאַגע אין אוקראַינע, האָט מ. ראַפעס מיט צופרידנקייט געזאָגט: „מיר האָבן, אַ דאַנק גאָט, אַ צענטראַל ראַדע" (זעה כריסטיוק, ב. II, ז. 46). פילע אוקראַינישע טוער זיינען געווען אומצופרידן מיט אַזאַ שאַרפער שטעלונג פון די יידישע פאַרטייען צו דער באָלשעוויסטישער מאַכט אין פעטראָגראַד. נאָך דעם, ווי די קליינע ראַדע האָט אָנגענומען איר רעזאָלוציע קעגן דער אָקטאָבער-איבערקערעניש, האָט דער אָרגאַן פון די אוקראַינישע ס. ד. „ראָביטניטשאַ האַזעטאַ" — כמעט אַ רעגירונגס-צייטונג — געשריבן, אַז די דאָזיגע רעזאָלוציע האָבן די „בונדאָווצעס" און „מענשעוויקעס" בעל כרחך אַרויסגעריסן ביי דער ראַדע [2]). פ. כריסטיוק שרייבט אָפן אין זיין בוך: „מען קען זאָגן, אַז דערהויפט אַ דאַנק די „מינדערהייטן" האָט זיך די צענטראַלע ראַדע ניט אָפּגעשטעלט ערנסט אויפן געדאַנק וועגן אָנערקענען פאָרמעל דעם באָלשעוויסטישן ראַט פון פאָלקס-קאָמיסאַרן, אַלס די מאַכט פון גרויס-רוסלאַנד, און אַזאַ אָנערקענונג איז געווען זעהר לאָגיש [3]).

אָבער נאָך מער כאַראַקטעריסטיש איז געווען די באַציהונג פון די יידישע פאַרטייען צו די באָלשעוויקעס דעמאָלט, ווען די לעצטע זיינען אַריין אַלס זיגער. דער פאָרשטייער פון „בונד", וועלכער האָט צווישן די אוקראַינער געהאַט אַ שם פון אַ „פיינט פון אוקראַינע" און אַרויסגערופן דערפאַר אַ צאָרן קעגן זיך, מ. ראַפעס, האָט שוין נאָכן אַריינטרעטן פון די באָלשעוויקעס געשריבן וועגן זיי: „אַ פרעמדע מאַכט איז געקומען אין קיעוו. אַן אָקופאַציאָנס-אַרמיי איז געקומען. זי האָט צוטריבן די גאַנצע דעמאָקראַטיע, האָט זיך געזעצט אַלעמען אויפן רוקן — און זי וויל הערשן". דער מחבר פירט אַ פאַראַלעל צווישן דער באָלשעוויסטישער מאַכט און דער ראַדע, און מיט אַ ריי פאַקטן באַווייזט ער, אויף וויפיל די ראַדע איז מער דעמאָקראַטיש און רעוואָלוציאָנער [4]). אין די אַרטיקלען „שטיקאָקראַטיע" און „ווי גרויס איז די קאַטאַסטראָפע" גיט מ. ראַפעס ווידער אַ שאַרפע כאַראַקטעריסטיק פון די באָלשעוויקעס: „די מאַכט פונם שטיק". „דורך די „סאָציאַליסטישע" האַרמאַטן האָבן די באָלשעוויקעס אויסגעפירט שולגינס אַרבעט — זיי האָבן צושאָסן אַלע נאַציאָנאַלע עראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע אויף אוקראַינע" [5]). דער אָרגאַן פון אַ צווייטער פאַרטיי, פון די „פאַראייניגטע", האָט אויך געשריבן, אַז דער באָלשעוויזם „טראָגט פאַקטיש נאָר חורבנות און קרבנות". „אין די קאָשמאַר-טעג פונם הערשן פון דער באָלשעוויסטישער שהועדר", האָט די צייטונג גערופן „ניט אַרויסצולאָזן די פאָן ניט נאָר פון סאָציאַלער באַפרייאונג, נאָר אויך פון נאַציאָנאַלער זעלבסט-

---

1) „נייע צייט", פונם 9-טן דעצעמבער 1917.

2) „Було „вымучено“ від Малоі Ради“

3) פ. כריסטיוק, דאָס ציטירטע ווערק, באַנד II, זייטע 53.

4) „פאָלקסצייטונג" (אָרגאַן פון בונד), פונם 30-טן יאַנואַר 1918, דער אַרטיקל „איך וועל פרובן פאַרגלייכן".

5) דאָרט, פונם 13-טן יאַנואַר און 1-טן פעברואַר 1918.

שמענדיקייט" [1]). ניט קיין קלענערע סימפּאַטיע האָט די אוקראַינישע באַוועגונג באַגעגנט מצד די "פּועלי-ציון"; איינִיגע פון די פירער פון דער פּאַרטיי אין אוקראַינע, ווי ש. גאָלדעלמאַן, למשל, זיינען געווען אויסגעשפּראָכענע אָנהענגער פון פולער אוקראַינישער זעלבסטשטענדיגקייט. ס'איז קלאָר, אַז די ניט-סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, ווי, למשל, די ציוניסטן, זיינען פיל פרעמדער געווען דעם באָלשעוויזם און זיינען נאָך שאַרפער אַרויסגעטראָטן קעגן אים און אָפן אַרויסגעזאָגט זייער סימפּאַטיע דער אוקראַינישער באַוועגונג, וועלכע איז צווישן די ציוניסטן אין אוקראַינע בכלל געווען גאַנץ פּאָפּולער. אָבער אונז אינטערעסירט דאָ דער עיקר די שטימונג פון די סאָציאַליסטישע גרופּירונגען, וועמען די אוקראַינישע שאָוויניסטען האָבן מער חושד געווען אין באָלשעוויזם און אין פיינטשאַפט צו אוקראַינע. ביי איינִיגע יידישע אָנהענגער פון אוקראַינישער באַוועגונג איז די אמונה אין דער באַוועגונג און אין אירע פירער גענאַנגען זעהר ווייט. אין יענע טעג, ווען אין קיעוו האָבן געהערשט די באָלשעוויקעס און ווען אַלץ, וואָס אוקראַיניש איז, איז געווען גערודפט, איז אין דער "נייער צייט" געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל מיט אַ כאַראַקטעריסטישן קעפּל: "פּאָגראָם-רכילות", — רכילות אויף די אוקראַינער, אַז זיי מאַכן פּאָגראָמען, רכילות, וואָס שטאַמען פון אַ באָלשעוויסטישן מקור, ווי דער מחבר שרייבט: "מ'דאַרף איינפלאַנצן ביי דער יידישער באַפעלקערונג אַ שרעק פאַר דעם, עס זאָלן חלילה ניט קומען צוריק צו דער ממשלה די אוקראַינער, וואָס אויפן "שפּיץ פון זייער שווערד" טראָגן זיי פאַר די יידן אַ בלוטיגן פּאָגראָם — וועט מען שוין ממילא בענטשן די באָלשעוויסטישע מאַכט". "מיר ליי-קענען ניט, — שרייבט דער מחבר ווייטער, — אַז אפילו אויך אין די רייען פון דער אוקראַינישער דעמאָקראַטיע זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נאָך ניט באַפרייט פון דעם חטא פון שנאה צו יידן... אפילו צו די אוקראַינישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן זיך אָנגעטשעפּעט אַ היבש ביסל פון די שוואַרץ-מאהדינע עלעמענטן". אָבער "די אוקראַינער צענטראַלע ראַדע, די אוקראַינער רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע און אירע אָרגאַנען זיי זיינען ריין פון שולד, זיי האָבן קיין צוויי-פּנימדיגע ראָלע דערביי ניט געשפּילט" [2]).

ווען די ראַדע האָט זיך צוריק אומגעקערט צו דער מאַכט, האָבן אַלע יידישע פּאַרטייען און פאָרשטייער זי באַגריסט. די "נייע צייט" האָט אין אַרטיקל "אויף די אַלטע פּאָזיציעס" געשריבן: "מיר זיינען בירגער פון דער אוקראַינישער פאָלקס-רעפּובליק און מיר וועלן פאַרטיידיגן אַלע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע דערגרייכונגען פון דער פרייער רעוואָלוציאָנערער אוקראַינע" [3]). נאָך אויסדריקליכער איז געווען די שטעלונג פון די ציוניסטן. אזוי, למשל, האָט דער פירער פון דער ציוניסטישער

[1]) "נ י י ע צ י י ט", פונם 31-טן יאַנואַר 1918, אַרט. "וואָס ווייטער?", פאַר-גלייך אויך די אַרטיקלען "די נייע מאַכט" און "פאַר וואָס?" אינעם זעלביגן נומער.

[2]) ד אָ ר ט, 19-טן פעברואַר 1918, מ. ברענערס אַרטיקל "פּאָגראָם-רכילות".

[3]) ד אָ ר ט, פונם 2-טן מערץ, 1918, לייט-אַרטיקל.

פּאַרטיי אין אוקראַינע, נ. סירקין, געשריבן וועגן דער פּראַגע פון כעלמער קאַנט, וואָס איז געווען אַ שטרייט־פּונקט צווישן אוקראַינע און פּוילן: „אין אַלע סכסוכים צווישן פּוילן און אוקראַינע וועגן גרעניץ־פּראַגן, וואָס וועלן פאָרקומען ביז צום שלום־קאָנגרעס, מוזן מיר, יידן, שטיין אויף דער זייט פון דער יונגער דעמאָקראַטישער אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובליק... ווען פּוילן וועלן פאַרשפּרייטן איר השפּעה אויף די לענדער פון דער אמאָליגער לובלינער אוניע, פאַרכאַפּן די גרעניצן פון אוקראַינע, ליטע און ווייס־רוסלאַנד, וועלן מיר מוזן אומעטום אָנהענדן אונזער השפּעה דאָס ניט צו צולאָזן... די דעמאָקראַטישע אוקראַינע האָט די ערשטע, אָהן שום דונג (דינגעריי?) און קרע־מערישע אונטערהאַנדלונגען, אָנערקענט דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר דער יידישער נאַציאָן, און וואָס ברייטער עס וועלן זיין די גרעניצן פון אוקראַינע — אַלץ שטאַרקער וועלן ווערן אונזערע נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס... אזוי ווי אין דעם קאַמף צווישן דעם צענטראַליסטישן רוסלאַנד און דעם פרייען פעדעראַליסטישן פּרינציפּ זיינען מיר געשטאַנען אויף דער זייט פון דער פרייער אויטאָנאָמער אוקראַינע“ ...[1])

די דאָזיגע געדאַנקן וועגן אַ „אימפּעריאַליסטישער“ אוקראַינע האָט דער פירער פון די ציוניסטן אַרויסגעזאָגט אין מאַי 1918 — שוין דעמאָלט, ווען די אוקראַינישע זעלבסט־שטענדיקייט איז געוואָרן אַ קרבן פון דער דייטשער אָקופּאַציע.

די אוקראַינישע טוער האָבן זיך אָבער ניט באַגנוגנט מיט אַזעלכע פּלאַטאָנישע סימפּאַטיעס. דער רעדאַקטאָר פון „נאָוואַ ראַדאַ“, א. ניקאָווסקי, האָט דאָס אויסגעדריקט אין זיין אַרטיקל: „כּל זמן, — האָט ער געשריבן, — עס איז אָנגעגאַנגען אַ פאַפּירענער קאַמף צווישן אונזער מאַכט און די באָלשעוויקעס, האָבן זיך די יידישע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס אַרויסגעזאָגט קעגן די באָלשעוויקעס... עס האָט זיך געדוכט, אַז ווען ס'וועט אויסקומען צו פאַרטיידיגן די הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע, וועט דאָס גאַנצע פאָלק זיין אויפן צד פון די פאַרטיידיגער פון קיעוו און וועט זיי העלפן מאָראַליש און פיזיש... וואָס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט?“ און באמת, די יידן האָבן קיין אַקטיוון מיטהילף דער אוקראַינער באַוועגונג ניט דערוויזן. עס וואַרפט זיך אין די אויגן דער פילדייטנדיגער פאַקט, אַז אין די אוקראַינישע פּאָליטישע פאַרטייען זיינען גאָר קיין יידן ניט געווען. צי ערקלערט זיך עס דערמיט, וואָס די אוקראַינישע פאַרטייען, אפילו די סאָציאַליסטישע, ווי „אוקר. ס.־ד.“ און „אוקר. ס.־ר.“ האָבן זיך געבויט, אַלס אויס־געשפּראָכענע נאַציאָנאַלע פאַרטייען, אָדער מיט אַנדערע סבות, דער פאַקט בלייבט אָבער, אַז זיי זיינען געווען ריין פון יידן[2]). אין דער זעלביגער צייט זיינען יידן גע־

[1]) „א ו י ף ד ע ר ו ו אַ ך“, (וואָכנבלאַט), קיעוו, 4 ,א .1918. נאָך אין אַפּריל 1917, גאָר אין אָנהויב פון דער אוקראַינישער באַוועגונג, איז נ. סירקין דער ערשטער אַרויסגע־טראָטן אין „יעווריעסקאַיאַ זשיזן“ (צענטראַל אָרגאַן פון די ציוניסטן אין פּעטראָ־גראַד) מיט אַ רייע אַרטיקלען „אין אוקראַינע“, אין וועלכע ער האָט וואַרעם פאַרטיידיגט די אוקראַינישע באַוועגונג. זעה נומער 17 און 18, יאָר 1917.

[2]) די איינציגע אוקראַינישע פּאַרטיי, וואו עס זיינען געווען עטליכע יידן־מיטגלידער, איז די מעסיגע פּאַרטיי „סאָצ. פעדעראַליסטן“ (ס. פ.), אָבער אויך גאָר געציילטע פּערזאָנען.

שטאַנגען בראש פון אַלע רוסלענדישע פּאַרטייען אין קיעוו און אין אוקראַינע בכלל (ביי די מענשעוויקעס, אין אַ קלענערע מאָס — ביי די ס. ר. און ביי די באָלשע־וויקעס). ווי מיר האָבן געזעהן זיינען קיין יידן ניט געווען אויך אין דער אוקראַינער אַרמיי, וועלכע איז געווען אַ נאַציאָנאַלע אַרמיי, וואָס האָט ניט דערלאָזט צו זיך קיין פרעמדע. די יידישע פאָרשטייער האָבן פּאַקטיש ניט געטראָגן קיין אחריות פאַר דער אוקראַינישער פּאָליטיק, הגם זיי האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דער ראַדע. זיי האָבן ניט געפונען פאַר נויטיג מיטגיין מיט דער ראַדע און אָפּריכטן מיט איר גלות אין זשי־טאָמיר בעתן באָלשעוויסטישן אָנגריף. די אומשטאַנדן זיינען געווען אַזעלכע, אַז יידן האָבן ניט געקענט זיין אַקטיוו אין דער אויפבויאונג פון דער נאַציאָנאַלער אוקראַינע. און אין דער ראַדע האָט זיך אויסערליך געשאַפן אַ געפערליכע סיטואַציע, אין תוך אַ פאַלשע: עס איז פאָרגעקומען אַ קאַמף ניט פון פּאַרטייען בכלל אַרום אַזעלכע, למשל, וויכטיגסטע פראַגן, ווי די פראַגע פון אָפּרייסן זיך פון רוסלאַנד אָדער פון אַ סעפּאַראַטן שלום מיט דייטשלאַנד, נאָר פון דער יידישער נאַציע קעגן דער אוקראַינישער, פון איין נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע קעגן אַ צווייטער.

דער דאָזיגער פאַקט האָט זיך באַזונדערס געוואָרפן אין די אויגן די אוקראַינישע טוער. דער היסטאָריקער פון דער אוקראַינער רעוואָלוציע שרייבט וועגן דעם אָנגריף פון די באָלשעוויקעס, אַז אַ טייל פון דער רוסישער און יידישער אַרבעטער־מאַסע האָבן, אונטער דער ווירקונג פון דער באָלשעוויסטישער אַגיטאַציע, אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד אין קיעוו גופא, און דער רעכטער, אַנטיבאָלשעוויסטישער, טייל פון דער אַרבעטער־מאַסע, אָנגעפירט פון די „מענשעוויקעס", ס. ר. און „בונד", „האָט פשוט, — ווי ער שרייבט, — ניט געוואָלט פאַרטיידיגן קיעוו". „די ראַפּעסעס, באַלאַבאַנאָוס און סקלאָוו־סקיס [1] — די דאָזיגע אויסגעשפּראָכנסטע געגנער פון די באָלשעוויקעס אין צענטראַלער ראַדע — זיינען איצט געשטאַנען אָן אַ זייט... דער „נייטראַליטעט פון די מינדער־הייטן" האָט געמאַכט זעהר אַ שווערן איינדרוק אויף דער אוקראַינישער דעמאָקראַטיע". אין די ערשטע טעג פון באָלשעוויסטישן אָנגריף האָט זיך דער אוקראַינישער ס. ד. פירער און מיניסטער, מ. פּאָרש, געווענדעט אין צענטראַלער ראַדע מיט אַן אָנפראַגע צו די „מינדערהייטן" וועגן דעם דאָזינן „נייטראַליטעט", נאָר ער האָט פון זיי קיין דירעקטן ענטפער ניט באַקומען. „פאַר אַלעמען אין די אויגן — האָט ער געזאָגט — איז פאָר־געקומען די צוטיילונג פון די קיעווער אַרבעטער און אינטעליגענץ אויף צוויי לאַגערן, ניט אַזוי לויטן קלאַסן־ און סאָציאַלן סימן, ווי לויט דעם נאַציאָנאַלן: אויף איין צד האָט זיך געבילדעט דער אַנטי־אוקראַינישער לאַגער, אויף דער צווייטער — האָבן זיך אַלײן מער און מער איזאָלירט און פאַרקלענערט די כחות פון דער אוקראַינער רעוואָלו־ציאָנערער דעמאָקראַטיע". און אַז די אוקראַינער זיינען אַוועק אין גלות קיין זשי־

---

[1]) די פירער פון „בונד", רוסישע „מענשעוויקעס" און רוסישע ס. ר. אין דער ראַדע.

טאָמיר, „איז קיינער פון די „מינדערהייטן“ ניט מיטגעגאַנגען מיט דער רעגירונג פון דער אוקראַינער פאָלקס=רעפּובליק“ [1]).

מען מוז באמת אָנערקענען, אַז דער אוקראַינישער געדאַנק האָט נאָך ניט אַריינגעדרונגען אין דער ברייטער יידישער באַפעלקערונג, ניט קוקנדיג אויף דער שטיצע מצד די יידישע פּאַרטייען. אויסער פּאַרטייען האָט עקזיסטירט דער פּשוטער בעל=הבית, וועלכער האָט קיין שום אמונה און בטחון אין דער אוקראַינישער באַוועגונג ניט געהאַט; אין בעסטן פאַל האָט ער זיך פאַרהאַלטן צו איר גלייכגילטיג. די דאָזיגע באַציִונג האָט זיך אויסגעדריקט ניט נאָר אין דעם, וואָס ער פלעגט מאַכן שפּאַס איבער דער אוקראַינישער שפּראַך אָדער איבער אַ אוקראַיניש שילד; אויף דער אוקראַיניזאַציִע פלעגט ער ענטפערן מיט אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד. דער יידישער בעל=הבית האָט מורא געהאַט פאַר דער באַוועגונג, זי איז אים געווען לחלוטין פרעמד, בעת אין דער רוסישער מלוכה און קולטור האָט ער, ניט קוקנדיג אויף דער רוסישע אַנאַרכיע, דאָך געגליבט. מען מוז געדענקען דעם וויכטיגן פאַקט, אַז די שטעט אין אוקראַינע זיינען כמעט ניט=אוקראַיניש, די אוקראַינישע באַוועגונג האָט זיך געשטיצט הויפּטזאַכליך אויף דעם דאָרף, אויף דעם ערד=אָרעמען און מיטעלן פּויער. די וואַלן אין די שטאָט=דומעס, וועלכע זיינען פאָרגעקומען זומער 1917, האָבן באַוויזן, ווי שוואַך עס איז די ווירקונג פון אוקראַינישן עלעמענט אין שטאָט. כמעט אין אַלע שטעט (אויסער אַ גאַנץ קליינער צאָל פּונקטן) האָט דער בלאָק פון די אוקראַינישע פּאַרטייען באַקומען אויף די וואַלן אַן אומבאַדייטנדע מינדערהייט=שטימען, אומעטום האָבן מנצח געווען די אַלגעמיין=רוסישע פּאַרטייען. אפילו אין קיעוו, אין דער פעסטונג פון אוקראַיניזם, וואו עס האָט אינם שטימען אָנטייל גענומען אויך דער אוקראַינישער חיל, האָבן די אוקראַינער צונויפגעקליבן ניט מער ווי 20 פּראָצענט פון אַלע אָפּגעגעבענע שטימען. באַרירנדיג די פראַגע וועגן דעם דורכפאַל פון די אוקראַינער און וועגן דער ראָלע פון יידן, שרייבט ווינטשענקאָ: „די יידישע באַפעלקערונג, וואָס בילדעט אַ גענוג הויכן פּראָצענט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, האָט זיך אין דעם פּעריאָד, ווען די וואַלן זיינען פאָרגעקומען, אומעטום אין אוקראַינע געהאַלטן אָן דער רוסישער אָריענטאַציע; זי האָט נאָך ניט געהאַט קיין אמונה אינם נצחון פון דער אוקראַינישער באַוועגונג און האָט דעריבער ניט געהאַט קיין יסוד צו שטימען פאַר איר“ [2]).

די אידעאָלאָגיע פון צענטראַליזם און רוסיפיקאַציע, וועלכע דער אַלטער רעזשים האָט פאַרפלאַנצט, איז געווען זעהר שטאַרק ניט נאָר ביי דער רוסישער באַפעלקערונג פון קאַנט, נאָר אויך ביי דער יידישער; ביי דער יידישער בורזשואַזיע און אינטעליגענץ און אַ טייל פון דער אַרבעטער=מאַסע זיינען נאָך צוגעקומען די אַסימילאַציאָנס=געפילן.

---

[1]) פּ. כריסטיוק, דאָס ציטירטע ווערק, באַנד II, זייטע 126 און 127; אַ ענליכע אָנווייזונג געפינען מיר אויך אינם בוך פון א. מאַרגאָלין, דעם הייסן חסיד פון פּעטליורישער רעגירונג, „אוקראַינע און די פּאָליטיק פון דער אַנטאַנטע“ (רוסיש), בערלין 1922, זייטע 52 און 55.

[2]) וו. ווינטשענקאָ, דאָס ציטירטע ווערק, באַנד II, זייטע 44.

די יידישע פּאַרטייען, שטעלנדיג זיך אויפן צד פון דער אוקראַינער באַוועגונג, האָבן זיך אין דעם מאָמענט בלתי שום ספק פונאַנדערגעגאַנגען אין דער שטימונג מיט דעם פשוטן יידישן עולם. און ניט נאָר מיטן פשוטן עולם. אפילו צווישן דער יידישער אַרבעטער־מאַסע, אין וועמעס נאָמען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פלעגן אַרויסטרעטן אין ראַדע, איז געווען זעהר אַ פולע עלעמענטן, וואָס זיינען געווען לחלוטין פרעמד דעם אוקראַינישן געדאַנק. די יידישע אַרבעטער האָבן געגעבן אַ געוויסע צאָל פרייוויליגע אין דער באָלשעוויסטישער „רויטער גוואַרדיע“, זיי האָבן אָבער קיין איין פרייווילינג ניט געגעבן דער אוקראַינער אַרמיי. אפילו אין די פּ אַ ר ט י י ע ן גופא האָט די אוקראַינישע אָריענטאַציע פון די פירער אין קיעוו אַרויסגערופן אפנים אַ געוויסע אומצופרידנקייט, אויב מיר זאָלן גלויבן די שפּעטערדיגע ערקלערונגען. די פירער פון די „פּ אַ ר אַ י י נ י ג ט ע“ — אַ פּאַרטיי, וואָס איז בשעתו געשטאַנען נאָהענט צו דער אוקראַינישער באַוועגונג — האָבן שפּעטער, בעת זיי זיינען אַריבער צו די קאָמוניסטן און האָבן קריטיקירט זייער אַלטע פּאָזיציע, געשריבן: „די אַרבעטער־מאַסע, ווי די, וואָס איז געווען אָרגאַניזירט דורך די „פּאַראייניגטע“, אַזוי אויך די, וואָס איז געווען אין „בונד“, האָט זיך די גאַנצע צייט באַצויגן צו דער ראַדע און צום קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע זעהר איינגעהאַלטן און קאַלט. דאָס איז אַלץ געווען „האָך־פּאָליטיק“ פון די פּאַרטיי־גדולים“. „אין קיעוו, קעגן דער ליניע פון צ. ק., האָבן זיך די אַרבעטער, מיטגלידער פון דער פּאַרטיי („פּאַראייניגטע“), פאַרשריבן אין דער רויטער גוואַרדיע; אין יעקאַטערינאָסלאַוו האָט די אָרגאַניזאַציע געפירט אַן אחדות־ליניע מיט באָלשעוויקעס“ [1]. אַזאַ מין אָפּאָזיציע האָט עקזיסטירט אויך אין די רייען פון „בונד“ און „פּועלי־ציון“. די לעצטע פּאַרטיי האָט אפילו געהאַט אַן אויסגעשפּראָכן באָלשעוויסטישן פליגל.

אָבער אויף וויפיל די יידישע געזעלשאַפטליכקייט בכלל דריקט זיך אויס אין פּ אַ ר ט י י ע ן, איז דאָס אוקראַינישע יידנטום געווען אויפן צד פון די אוקראַינער און האָט זיי מאָראַליש פיל געשטיצט. דאָס האָט אָבער ניט באַפרידיגט די אוקראַינער. און פונקט אַזוי, ווי זיי האָבן פון די יידישע קרעמער געפאָדערט איבערצומאַכן אין אַ קורצסטער צייט די שילדן פון רוסיש אויף אוקראַיניש, אַזוי האָבן זיי פון די יידישע פאָרשטייער געפאָדערט אין אַ קורצסטער צייט איבערצומאַכן ביזן גרונט די אידעאָלאָגיע פון דער ג אַ נ צ ע ר יידישער באַפעלקערונג, געפאָדערט ערבות פאַרן כלל,

---

[1]) זעה די בראָשור „נאַ פּאָוואָראָטיע“ (אויפן ווענדע־פונקט), אַרויסגעגעבן פ״ז צ. ק. פון די „פּאַראייניגטע“, מאָסקווע, אין מאַי 1920. די דאָזיגע בראָשור האָט באַנרינדעט די פּאָזיציע פון דער מערהייט פון פּאַרטיי, וועלכע איז אַריבער צו די קאָמוניסטן. עס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, וואָס כמעט אַלע פירער פון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין ראַדע, וועלכע פלעגן אַזוי שאַרף אַרויסטרעטן קעגן די באָלשעוויקעס און פאַרטיידינגן די אוקראַינער אינטערעסן, זיינען שפּעטער אַליין אַריבער צו די באָלשעוויקעס און אַריינגעטראָטן אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (מ. ראַפעס, א. זאָלאָטאַריאָוו, ד. ליפעץ – פון „בונד“; מ. ליטוואַקאָוו, י. נאָוואַקאָווסקי, י. כורגין און אַנד. – פון די „פּאַראייניגטע“).

צושטעלנדיג אַ שטר־חוב פאַר שיינקן יידן נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע און אַ יידישן
מיניסטעריום. די יידישע פאָרשטייער האָבן ניט געקענט און ניט געוואָלט נעמען אויף
זיך אַזאַ ערבות הכלל, און די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן האָבן זיי דערפאַר באַשול־
דיגט אין „פאַרראַט“. אויף דער זיצונג פון קליינער ראַדע, דעם 19־טן מערץ, האָט דער
פירער פון די „סאָציאַליסטן־סאַמאָסטיניקעס“, סטעפאַנענקאָ, דורכגעלייענט אַ דעקלאַ־
ראַציע, וועלכע פאָדערט, אַז מען זאָל אָנווענדן קעגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן רע־
פרעסיעס דערפאַר, וואָס זיי אַרבעטן קעגן די אוקראַינישע אינטערעסן, אַז מען זאָל
צומאַכן דעם יידישן מיניסטעריום (און אויך דעם גרויס־רוסישן). „די יידן און די רוסן
ציהען צו רוסלאַנד און דעריבער טאָרן זיי ניט צוגעלאָזט ווערן צו קיינע פאַראַנטוואָרט־
ליכע פאָסטנס און צום אָנטייל אינם מלוכה־אַפאַראַט פון אוקראַינע“ — האָט ער איינ־
מאָל געזאָגט אָפן אין ראַדע. דאָ ווערט שוין קלאָר רעקאָמענדירט אָפצונעמען ביי די
נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זייערע פּאָליטישע גלייכע רעכט. אין יענע טעג האָבן זיך
באַוויזן די ערשטע סימפּטאָמען פון באַרויבן אויך די נאַציאָנאַלע רעכט. זייענדיג אין
זשיטאָמיר האָט די קליינע ראַדע אָנגענומען צוויי אויסדריקליך שאָוויניסטישע געזעצן.
איינער פון זיי, זעהר אַ וויכטיגער, וועגן בירגערטום האָט געלויטעט: „אַ בירגער פון
אוקראַינע קען זיין דער, ווער ס'איז געבאָרן געוואָרן אין אוקראַי־
נע און ווער ס'איז ענג מיטן לאַנד פאַרבונדען“. אַזאַ פאָר־
מולירונג האָט געלאָזט פרייע הענט פאַר פאַרשידענע אויסטייטשונגען. דער צווייטער
געזעץ איז נאָך ניט קיין באַדייטנדער, אָבער אַ כאַראַקטעריסטישער; דאָס איז דער „גע־
זעץ וועגן שילדן“: אין נאָר אַ קורצסטער צייט מוזן אַלע שילדן איבערגעמאַכט ווערן
אין אוקראַיניש. אין דער זעלביגער צייט האָט די רעגירונג אויך אַנולירט די „100
קאַרבאָוואַנצעס“ (רובל) — מיט די אויפשריפטן אויסער אוקראַיניש אויך אין יידיש,
רוסיש און פויליש. די דאָזיגע „קאַרבאָוואַנצעס“ זיינען ערשט מיט אַ קורצע צייט
פאַר דעם ערשינען און האָבן דעמאָנסטרירט דעם פּרינציפּ פון גלייכבאַרעכטיגונג פון די
נאַציאָנאַליטעטן אין אוקראַינע. איצט, מיט דער אַנולירונג, האָט מען דעם דאָזיגן
פּרינציפּ אונטערגעריסן. נאָכן אומקערן זיך אין קיעוו האָט דער אוקראַינישער מיני־
סטער פאַר אינערלעכע ענינים פאַרעפנטליכט אַ באַפעל, אַז אַלע שילדן, אויפשריפטן
און אַנאָנסן דאַרפן זיין געשריבן נאָר אויף אוקראַיניש; ענליכע באַפעלן האָבן אויך
פאַרעפנטליכט דער פּאָסט־מיניסטער און יוסטיץ־מיניסטער. אָנהויב מערץ האָבן די
„פּועלי־ציון“ אַריינגעטראָגן אין ראַדע אַן אָנפראַגע וועגן די דאָזיגע באַפעלן; אַזאַ אָנ־
פראַגע איז אויך געמאַכט געוואָרן דעם מיניסטער־פּרעזידענט, געחתמעט פון „פאָלקס־
פאַרטיי“, „פאַראייניגטע“ און די רוסישע ס. ר.

דאָס זיינען אַלץ געווען סימפּטאָמען, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז עס וואַקסט
אַ געזעלשאַפטליכער און רעגירונגס שאָוויניזם. דער „קליינער נאַציאָנאַליזם“, ווי
פּראָפ. גרושעווסקי האָט זיך אויסגעדריקט, איז ביסלעכווייז מגולגל געוואָרן אין אַ
„גרויסן נאַציאָנאַליזם“. דער ערשטער אויפרוף קעגן פּאָגראָמען, וועלכן דער גענעראַל־
סעקרעטאַר פאַר נאַציאָנאַלע ענינים, א. שולגין, האָט אין אָקטאָבער 1917 פאַרעפנטליכט,

האָט נאָך דעמאָלט מתרה געווען קעגן אַזאַ שאָוויניזם: „אונז האָט מען אונטערדריקט, — הערט דאָרט געזאָגט, — אָבער מיר טאָרן קיינעם ניט אונטערדריקן. יעדער אוקראַי־נער דאַרף געדענקען, אַז אונזער פרייהייט איז נאָך ניט פעסט, מיר נויטיגן זיך אין מאַטעריעלע און גייסטיגע קרעפטן. אויב מיר וועלן דערלאָזן די אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלן האַס און יידישע פּאָגראָמען, וועלן מיר מיט דעם אָפּשטויסן פון זיך אַ גאַנץ פאָלק, מיר וועלן נעמען אַ שוואַרצן פלעק אויף אונזער געוויסן, און די גאַנצע וועלט וועט אונז האַלטן פאַר אַ פאָלק, וואָס איז ניט ווערט צו זיין פריי" [1].

אויפן פאָן פון אָט אַזעלכע נאַציאָנאַלע באַציהונגען, אין דער אַטמאָספער פון אויפרעגונג קעגן יידן, האָט די שאָוויניסטישע התלהבות געבראַכט די אוקראַינישע אַר־מיי צו פּאָגראָם־עקסצעסן.

---

[1]) מען דאַרף ניט צונויפמישן דעם מחבר פון דעם דאָזיגן אויפרוף – דעם אוקראַינישן מיניסטער פאַר נאַציאָנאַלע ענינים א. שולגין מיטן רעדאַקטאָר פון דער אַנטיסעמיטיש־רעאַקציאָנערער ציטונג „קיעוולאַנין" און באַוואוסטן מאָנאַרכיסטישן טוער ה. שולגין, וועלכער איז כידוע געווען אויך אַ שאַרפער פיינט פון דער אוקראַינישער באַוועגונג.

# VI

דער צוריקקער אין קיעוו און די פּאָגראָם-עקסצעסן פון אוקראַינישער אַרמיי. — קיעווער געשעענישן; די שטאָט-דומע; די אוקר. סאָציאַליסטישע פראַקציעס. — עקסצעסן אין קיעווער גובערניע; די „באַפולמעכטיגטע פון ראַדע”. — עקסצעסן אויף די אייזנבאַן-סטאַנציעס גרעביאָנקע און ראָמאַדאַן; אָנפראַגעס אין ראַדע. — עקסצעסן אין פּאָלטאַווע און וו. קאָראָלענקאָ. — פּאָגראָמען מצד די פויערן. — די געשעענישן אין מעדווין און דער גובערניאַלער קאָמיסאַר. — די פויערן טרייבן יידן פון די דערפער. — „זשידיווסקאַ סאַניפעסטאַציא”. — די אוקראַינישע פרעסע און די פּאָגראָמען. — די „נאָוואַ ראַדאַ” און אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען. — אָנפאַלן אויף יידן אין ראַדע. — די ראַטיפיצירונג פון בריסקער אָפּמאַך. — צווי היפּוכדיגע צדדים. — „אַ נעווינס אָדער אַ גזרה?”. — די אַנטוואָפנונג פון יידישער זעלבסטשוץ; די אדעסער „דרוזשינע”. — דער סוף פון „גאָלדענער תקופה” אין דער אוקראַינישער באַוועגונג.

די פּאָגראָם-מעשים פון דער אוקראַינער אַרמיי האָבן זיך אָנגעהויבן אין די פונקטן פון מיליטערישן צוזאַמענשטויס מיט די באָלשעוויקעס. איינצעלנע עקסצעסן זיינען פאָרגעקומען נאָך אין יאַנואַר 1918 (אין נאָוואָגראַד-וואָלינסק). די אמתע כוואַליע אָבער האָט זיך פאַרשפּרייט ערשט בעת דאָס דייטש-אוקראַינישע מיליטער האָט געמאַכט דעם אָנגריף אויף די באָלשעוויקעס, דער עיקר אויף דעם וועג, דורך וועלכן די אוקראַינער האָבן זיך אומגעקערט פון זשיטאָמיר קיין קיעוו. דעם 17-טן פעברואַר זיינען די היידאַמאַקעס אָנגעפאַלן אויף די יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף די וואָקזאַלן סאַרנע און קאָראָסטען, און פון זיי אַ סך דערהרגעט; די גענויע צאָל פון די דאָזיגע הרוגים איז ביז איצט ניט פעסטגעשטעלט. פּאָגראָם-עקסצעסן זיינען אויפן וועג קיין קיעוו פאָרגעקומען, אין פעברואַר, אויך אין באַרדיטשעוו. דעם 3-טן מערץ איז אין דער קליינער ראַדע, וואָס האָט דעמאָלט אָפּגעהאַלטן אירע זיצונגען אין זשיטאָמיר, אַריינגעטראָגן געוואָרן אַן אָנפראַגע וועגן די באַרדיטשעווער געשעענישן. אין דער אָנפראַגע איז געמאָלדן געוואָרן, אַז בעת די אוקראַינער זיינען צוגעגאַנגען צו באַרדיטשעוו, איז זיי אַנטקעגן אַרויס מיט אַ באַגריסונג אַ דעלעגאַציע פון פאָרשטייער פונם אַרבעטער-ראַט, פון דער שטאָט-דומע און פון דער זעמסקער אופּראַווע (דער ראַט, די דומע און די אופּראַווע האָבן זיך אין באַרדיטשעוו געפונען ביי די יידן אין די הענט) — און די דעלעגאַציע איז באַשאָסן געוואָרן. אין משך פונם ערשטן טאָג, ווען די אוקראַינער זענען אַריין אין שטאָט, זיינען געווען 20 קרבנות; אויף דער באַפעלקערונג איז

אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אַ קאָנטריבוציע פֿון 5 מיליאָן רובל[1]. דעם 23־טן פֿעברואַר פֿאַרנעמען די הײדאַמאַקעס די סטאַנציע באָראָדיאַנקע (אויף דער זעלבער ליניע קאָראָסטען־קיעוו), הרגענען 2 יידן און פֿאָדערן, די יידישע באַפֿעלקערונג זאָל אַרויסגעבן דאָס געווער. אין קלאָוודיעוואָ, נעבן באָראָדיאַנקע, האָבן זיי געהרגעט 7 יידן. דער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער „נייער צייט" גיט איבער דאָס בילד פֿון די געשעהענישן אין באָראָדיאַנקע: די הײדאַמאַקעס זיינען געקומען אין שטעטל און ערקלערט, אַז ביי די יידן זיינען פֿאַראַן צוויי פֿולעמיאָטן און 70 ביקסען, און אויב די יידן וועלן תּיכּף ניט אָפּגעבן דאָס געווער, וועלן זיי מאַכן אַ פּאָגראָם. ס'האָבן נישט געהאָלפֿן אַלע שבועות און פֿאַרזיכערונגען, אַז קיין געווער איז אין שטעטל נישטאָ. און דאַן, ס'איז געווען פּורים, האָבן אַלע יידן אָנגעטאָן טלית און תּפֿילין און מיט אַלע ספֿרי תּורות, וואָס געפֿינען זיך אין שטעטל, געשוואָרן פֿאַר די הײדאַמאַקעס. „דאָס בילד איז געווען אַ שרעקליכע". ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפֿן, ביז די קהלה האָט זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז מ'דאַרף זיך אויסקויפֿן ביי די הײדאַמאַקעס. „מ'דאַרף נאָך צוגעבן — מעלדעט דער קאָרעספּאָנדענט ווייטער, — אַז די באַפֿעלקערונג פֿון באָראָדיאַנקע האָט געשיקט אַ דעלעגאַציע אויפֿן וואָקזאַל צו פּעטליורען. ס'זיינען געפֿאָרן 8 ניט־יידן און 2 יידן. פּעטליורע האָט שוין געהאַלטן ביים אָפּפֿאָרן און ער האָט זיי אָפּגעשיקט צו זיין געהילף זאַגאָראָדסקי. אָבער זאַגאָראָדסקי האָט געענטפֿערט, אַז די הײדאַמאַקעס זיינען „צערייצט" און ער קען גאָרנישט העלפֿן"[2]. עקסצעסן אָהן מענשליכע קרבּנות זיינען חצי פֿעברואַר פֿאָרגעקומען אויך אין קאָראָסטישעוו, װאָלאָדאָליער גוב., וואו די הײדאַמאַקן האָבן אין דער קאָמענדאַנטור געשמיסן 25 יידן, און אין בעלאַ־צערקאָוו, וואו די „ווילני קאָזאַקן" זיינען אָנגעפֿאַלן אויף דער שול און אָנגעהויבן זוכן געווער, וואָס די יידן האָבן כּלומרשט דאָ באַהאַלטן[3].

---

[1] די אָנפֿראַגע האָבן אַריינגעטראָגן די אוקראַינישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אויפֿן סמך פֿון דער אינפֿאָרמאַציע, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן דורכן פֿאָרשטייער פֿון „בונד". ד. ליפּעץ. די ראַדע האָט די דאָזיגע אָנפֿראַגע איינשטימיג אָנגענומען.

ד. ליפּעץ, וועלכער איז ספּעציעל אַראָפּגעקומען צוליב דעם פֿאַל אין זשיטאָמיר, איז דאָ געווען דער איינציגער ניט־אוקראַינישער מיטגליד פֿון ראַדע, אָבער ער האָט קיין שום אָנטייל אין די זיצונגען ניט גענומען. ער האָט אַפֿילו ערקלערט, אַז „צוליב דער ניי־געשאַפֿענער לאַגע געפֿינט ער פֿאַר אוממעגליך אַרויסטרעטן אַלס אַ פֿולמעכטיגטער פֿאָרשטייער פֿון „בונד" און געפֿינט זיך נאָר צוליב אינפֿאָרמאַציאָנס־צוועקן". זעה „נ י י ע צ י י ט", 8־טן מערץ, 1918. דאָס האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די איזאָלירונג פֿון די אוקראַינער.

[2] „נ י י ע צ י י ט", פֿונם 19־טן מערץ 1918.

[3] די הײדאַמאַקעס האָבן דאַן געמאַכט גאַנץ ערנסטע עקסצעסן אויך אין יענעם טייל ווייסרוסלאַנד, וועלכער איז לויטן בריסקער אָפּמאַך אַריבער צו אוקראַינע: אין אַ רייע קליינע פּונקטן אין מאָזירער ראַיאָן זיינען פֿאָרגעקומען פּאָגראָמען, איינציגע אַפֿילו מיט הרוגים. בראש פֿון אַט די הײדאַמאַקעס איז געשטאַנען דער אַדעסער אוקראַינישער טוער, דער פֿירער פֿון די „סאַמאָסטיניקעס", דר. לוצענקאָ.

אָבער באַזונדער דוּערנד און ערנסט זיינען געווען די געשעהענישן אין קיעוו,
נאָכדעם ווי די אוקראַינער האָבן זיך אַהער אומגעקערט דעם 1־טן מערץ. אין משך
כמעט פון 3 וואָכן קומען דאָ פאָר אכזריותן קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. בעת
דאָס אוקראַינישע מיליטער האָט זיך דערנעהנטערט צו דער שטאָט, האָט די שטאָט־
דומע, אויסער דער אויבנדערמאָנטער שוין דעלעגאַציע פון די סאָציאַליסטישע
פראַקציעס, אַרויסגעשיקט אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע צו פּעטליורען. נעמענדיג אין
אכט די בקשה פון דער דומע און קענענדיג טאַקע די שטימונג פון זיינע הײדאַמאַקן,
האָט פּעטליורע זיי אַריינגעפירט אין שטאָט ניט דורכן פּאָדאָל, וואו ס'וואוינען סאַמע יידן.
ער האָט אָבער דערמיט ווייניג וואָס געפּועלט. ווי נאָר די אוקראַינישע סאָלדאַטן זיי־
נען אַריינגעטראָטן אין קיעוו, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גוואַלדיגע פּאָגראָם־אַגיטאַציע.
די הײדאַמאַקעס און „ווילני קאָזאַקן“ האָבן גענומען כאַפּן אין די גאַסן „זשי־
דאָווסקי קאָמיסאַרן“ — געוואָרנליך פרידליכע יידישע בירגער, מאַכן אַרעסטן אָהן שום
אָרדערס, די פאַרהאַלטענע אָפּפירן אין די קאַזאַרמעס און דאָרטן צעשיסן. „מיר
וועלן אַלע זשידעס אויסקוילן“, האָבן די הײדאַמאַקעס געשריען. די אָפיצערן זיינען
אַרומגעפאָרן איבער דער שטאָט און מיט די נאַהייקעס געשלאָגן יידן. אין אַ מורא־
דיגער פּאָגראָם־שרעק איז די יידישע באַפעלקערונג געלעגן באַהאַלטן אין די הייזער. פון
אינדערפריה ביז אויף דער נאַכט פלעגן אין דער שטאָט־דומע אָנקומען טרויעריגע
ידיעות וועגן גוואַלדטאַטן איבער יידן. „מיכאַילאָווסקי מאָנאַסטיר“, וואו ס'האָט זיך
געפונען דער שטאַב פון אַ הײדאַמאַקן־אָפּטיילונג (פון אַ „קורין סמערטי“), איז גע־
וואָרן דער צענטער פון געהיימע רציחות. „דאָרטן קומען פאָר שרעקליכע, קאָשמאַרע
סצענעס, — האָט געשריבן די „נייע צייט“, — פון דאָרטן איז שוין שווער אַרויס אַ
לעבעדיגער. מען גיט אויך איבער, אַז אויף וולאַדימירער באַרג קומען פאָר שרעק־
ליכע מאָרדן. אַ סך טויטע קערפּערס וואַרפט מען אַריין אין דניעפּר“. נאָר פאַר איין
טאָג, דעם 6־טן מערץ, מעלדעט די צייטונג, — האָט מען אויף דער „וולאַדימירסקי
גאָרקע“ געפונען 3 יידן הרוגים, צווישן זיי איינעם אַן אינוואַליד (ברוך זאַק). אויף
דער „וולאַדימירסקי גאָרקע“ זיינען אויך אַכזריותדיג געהרגעט געוואָרן די ברידער
מייזעל, גימנאַזיסטן פון 16 און 17 יאָר. באַזונדערס האָט געליטן די יידישע באַפעל־
קערונג פון פאָרשטאָט — אויפן פּאָדאָל און אויף דעמיעווקע. לויט דעם, ווי
ס'האָט פעסגעשטעלט די קאָמיסיע ביי דער שטאָט־דומע, זיינען נאָר אין משך פונם
1־טן ביזן 8־טן מערץ פאַרעגיסטרירט געוואָרן 172 פאַלן פון גוואַלדטאַטן איבער יידן,
צווישן זיי: 22 פאַלן פון הריגות, 11 — פייניגונגען, 3 פאַלן פון מאנס זיין, 19 דראָ־
הונגען מיט שיסן, 28 אַרעסטירטע, וועמענס גורל איז אומבאַוואוסט, 16 — פאַרפאַלענע
א. א. וו. שפּעטער ווערט די צאָל עקסצעסן קלענער, נאָר איינצעלנע פאַלן קומען נאָך
פאָר ביזן 20 מערץ. די דערמאָנטע קאָמיסיע איז געגרינדעט געוואָרן ביי דער דומע
דורך די יידישע ראַטמענער, צוזאַמען מיט דער קהלה, כדי צו באַשיצן די יידישע
באַפעלקערונג פון די רציחות. דער קאָמיסיע איז אָבער אויסגעקומען די דאָזיגע פאַלן
נאָר צו רעגיסטרירן, ווייל אָפּשטעלן זיי איז זי ניט געווען בכח. ס'האָבן אויך ניט

געהאָלפן די באַמיהונגען פון איינינע ניט=יידישע מיטגלידער פון דער דומע — אוקראַי=
נישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אָנגענומען ענערגישע מיטלען, כדי צו ליקווידירן די עקס=
צעסן. זיי זיינען אַרומגעפאָרן איבער די אַרעסט=הייזער און נעפּרובט צו באַפרייען
די אומשולדיגע אַרעסטירטע יידן. די אוקראַינישע פראַקציעס פון דומע האָבן זיך
אויך געווענדעט צו די אוקראַינישע סאָלדאַטן מיט א ספּעציעלן אויפרוף, אין וועלכן
ס'איז געשטאַנען: „פאַרפלעקט ניט אוקראַינע מיט גוואַלדגעריכטן און מאַסן=באַליי=
דיגונגען פון די מענשליכע רעכט. מיר גלויבן, אַז די סאָלדאַטן=אוקראַינער היטן אָפּ
דעם געבאָט פון זייערע אורעלטערן, אַז דעם ניט באַוואָפנטן שלאָגט מען ניט. מיר
גלויבן, אַז איר וועט ניט דערלאָזן צו קיין שום רויבערייען, צו קיין שום באַליידיגונ=
גען איבער די אומשולדיגע איינוואוינער, צו אַ וואָסערע נאַציע זיי זאָלן ניט געהערן“.
די קיעווער שטאָט=דומע האָט אין די דאָזיגע טעג געשפּילט זעהר אַן אָנגעזעהע=
נע ראָלע מיט אירע השתדלותן פאַר דער טעראָריזירטער יידישער באַפעלקערונג. דער
שטאָט=גאָלאָוואַ ריאַבצאָוו האָט זיך געווענדעט צום „שעף פונם פרייען קאָזאַקנטום
אין קיעוו“, אַטאַמאַן דאַנטשענקאָ, מיט אַ הייסן אויפרוף אָפּצושטעלן די גוואַלדטאַטן:
„איך בעט אייך, — שרייבט ער אין דער ווענדונג, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין
דער פרעסע, — לשם דער צוקונפט פון דער אוקראַינער פאָלקס=רעפּובליק, שטעלט
אָפּ די טויט=שטראָפן, וואָס ווערן באַגאַנגען אָהן אַ שום משפּט, שטעלט אָפּ די הפקר=
דיגע אַרעסטן פון אומשולדיגע בירגער... זעהט, אַז די קאָזאַקן זאָלן אויפהערן פאַר=
פאָלגן יידן, וואָס ווערן געיאָגט נאָר אויף דעם סמך, וואָס צווישן די באָלשעוויקעס זיינען
געווען יידן. יידן זיינען געווען און זיינען איצט דאָ צווישן די, וואָס קעמפן קעגן די
באָלשעוויקעס, פונקט ווי ס'זיינען געווען אויך אוקראַינער צווישן די באָלשעוויקעס... איך
בעט אייך, ליקווידירט די בלוטיגע נקמה“[1]). מיט אַן ענליכער אויפפאָדערונג האָט
זיך אויך געווענדעט צום אוקראַינישן קריגס=מיניסטער זשוקאָווסקי און צום קאָמענ=
דאַנט פריסאָווסקי. אלס ענטפער אויף די דאָזיגע ווענדונגען זיינען געקומען באַפעלן
צו די קאָזאַקן מאַכן אַ סוף צו די גוואַלדטאַטן. דעם פּרעמיער=מיניסטער ה. גאָלובאָוויטש
האָט דעמאָלט באַזוכט אַ דעפּוטאַציע פון אַלע פראַקציעס פון יידישער קהלה, וואָס
האָט צוגעשטעלט אַ מעמאָראַנדום וועגן די געשעהנישן און האָט אויך געפאָדערט אָפּ=
שטעלן די רציחות אין שטאָט און באַשטראָפן די שולדיגע. דער מעמאָראַנדום האָט
געבראַכט די ציפערן פון די מאַסן=גוואַלדטאַטן, וואָס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן
דורך דער קאָמיסיע ביי דער דומע. „די דאָזיגע גוואַלדטאַטן קומען פאָר כמעט נאָר לויטן
נאַציאָנאַלן סימן“, — ווערט אינם מעמאָראַנדום אָנגעוויזן. „מ'שיסט כמעט אויס=
שליסליך יידן, און די פּאָגראָם=כוואַליע, וואָס רייסט תמיד אונטער די יסודות פון
מלוכות און פעלקער, איז געריכטעט נאָר קעגן יידן“. דער מעמאָראַנדום האָט גע=
פאָדערט, אַז די רציחות זאָלן ליקווידירט ווערן „מיטן גאַנצן כח פונם מלוכה=אַפּאַראַט“.
אין זיין ענטפער האָט גאָלובאָוויטש פאַרזיכערט די דעפּוטאַציע, אַז די פּאָליטיק פון
דער רעגירונג, בכלל, און בנוגע דער נאַציאָנאַלער פראַגע, בפרט, בלייבט די זעלבע ווי

[1]) „קיעווסקאַיאַ מיסל“, 3=טן מערץ, 1918.

פריער. ער האָט געבעטן איבערגעבן דער יידישער באַפעלקערונג, אַז ס׳איז ניטאָ קיין שום יסוד פאַר שרעק און מורא.

די אוקראַינישע מאַכט האָט זיך תחילת באַצויגן גלייכגילטיג צו די געשעהענישן, ווייל זי האָט געהאַלטן, אַז די יידישע באַפעלקערונג איז זיי מגזם. אַז מ׳האָט אָבער אַרום און אַרום אָנגעהויבן שטאַרק רעדן וועגן די היידאַמאַקישע מעשים־תעתועים, וואָס ווערן אַלץ גרעסער, אַז די שטאָט־דומע איז אַרויסגעטראָטן צו באַשיצן די באַפעלקערונג, אַז ס׳האָט שוין לסוף וועגן דעם אָנגעהויבן רעדן אַליין דער פאָרזיצער פון ראַדע, מ. גרושעווסקי, — האָט זיך די מאַכט אַרומגעקוקט און אַרויסגעגעבן אַ רייע באַפעלן, וואָס פאָדערן אויף די קאָזאַקן תיקף אָפשטעלן די הפקרדיגע מעשים און רציחות. וועגן שטראָף־מיטלען אָבער קעגן די שולדיגע קאָזאַקן האָט דעמאָלט קיין שום רייד ניט געקאָנט זיין, ווייל זיי האָבן זיך ערשט אין קיעוו אומגעקערט, ווי „גואלים פון די באָלשעוויקעס“, ווי טרעגער און שטיצער פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, און די אוקראַינער האָבן זיי באַגעגנט מיט באַגייסטערונג. אויף וויפיל די מאַכט האָט באמת אויפריכטיג געהאַט בדעה צו קעמפן מיט די פאָגראָם־עקסצעסן, קען מען זעהן פון דעם פאָלגנדיגן פאַקט: בעת ס׳איז געגרינדעט געוואָרן אַן אָפיציעלע קאָמיסיע אויף אויסצופאָרשן די קיעווער געשעהענישן, איז דער פאָרשטייער פון דומע (אוליאַניצקי), וועלכער איז אין איר תחילת נעהאַט אַריינגענאַנגען, גלייך פון איר אַרויס, ערקלערנדיג אין דומע, אַז „די קאָמיסיע באַשעפטיגט זיך כלל וכלל ניט מיט די מערדערישע געשעהענישן (מיט די גוואַלדטאַטן איבער יידן) נאָר זי פאָרעט נאָר אויס די מעשים פון די באָלשעוויקעס“... די קיעווער יידישע קהלה (וואָס איז ניט לאַנג פאַר דעם אויסגעווײלט געוואָרן אויף דעמאָקראַטישע יסודות) האָט אין אַ אויפרוף צו דער באַפעלקערונג אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעהענישן געשריבן, אַז די אָפיציעלע מאַכט און די פאָרשטייער פון די אוקראַינישע פאַרטייען באַציהען זיך נעגאַטיוו צו די פאָרקומענדיגע פאָגראָם־עקסצעסן. „בריִדער, — שרייבט דער ועד הקהלה, — זייט חיסן, אַז אין די דאָזיגע שענדליכע אָנפאַלן איז ניט שולדיג די נייע אוקראַינישע מאַכט, וואָס איז ערשט ווידער אַריין אין קיעוו. מיט אַלע מיטלען באַמיהען זיך די אַלע פאַראַנטוואָרטליכע פירער פון די פאָליטישע אוקראַינישע פאַרטייען צו דערשטיקן די פאָגראָם־שטימונג“. „די דאָזיגע שווערע צייט פאָדערט אַ באַזונדערן פאָליטישן טאַקט און פאָרזיכט“, — ווערט געזאָגט אין אַן אַנדער שטעלע פונם אויפרוף, — „טוט ניט קיין שום אומבאַקלערטע שריט“ [1]. מיט די דאָזיגע התראות האָט די יידישע קהלה מרמז געווען אויף פאַקטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין קיעוו, ווען איינציגע יידישע איינוואוינער האָבן אין צוזאַמענהאַנג מיט די קיעווער פאָגראָם־עקסצעסן זיך געווענדעט מיט דעפּוטאַציעס צו דער דייטשער מיליטער־מאַכט, וואָס איז ערשט אָנגעקומען קיין קיעוו, און געבעטן ביי איר, זי זאָל זיך אַריינמישן. די יידישע קהלה האָט געהאַלטן

[1]) לויטן אַרכיוו פון קיעווער קהלה איז צו זעהן, אַז די מחברים פון דעם דאָזיגן אויפרוף, וועלכער האָט פאַרטיידיגט די אוקראַינישע מאַכט, זיינען געווען: נ. סירקין (ציוניסט), דר. גאַרבער (פועלי־ציון) און מ. ליטוואַק („פאַראייניגטער“).

אַזעלכע טריט פאַר אומטאַקטיש לגבי די אוקראַינער און געוואָרנט וועגן דעם די יידן. לערך אין דעם זעלבינן פאָרזיכטינן און פריינטליכן טאָן רעדן וועגן דער הנהגה פון די אָפיציעלע קרייזן אויך די יידישע ראַטמענער פון שטאָט־דומע אין זייער אויפרוף וועגן די געשעהענישן. די יידישע פרעסע האָט אָבער אַנדערש אָפּגעשאַצט די לאַגע. „אמת — האָט געשריבן די „נייע צייט" אין אַרטיקל „פאַר וואָס שווייגן זיי?" — די אוקראַינישע רעגירונג איז דירעקט ניט שולדיג אין די אָנפאַלן אויף יידן. זי רייצט געוויס ניט אָן די אוקראַינישע סאָלדאַטן... אָבער — און דאָס מוז מען מודה זיין — זי איז דערוייל „נייטראַל" צו די שרעקליכע געשעהענישן" [1].

דאָס אוקראַינישע מיליטער האָט, קאָנטיג דערפילט אָט דעם „נייטראַליטעט" פון צענטראַלער מאַכט, איר וואַקלדיגע פּאָליטיק אין דער דאָזיגער פראַגע און האָט אָהן שטערונגען ממשיך געווען די פריערדיגע מעשים. אַ פולע פאָרשטייער פון דער מאַכט אויף די ערטער און באַזונדערס די קאָמאַנדירן פון די מיליטער־טיילן האָבן אַפילו ניט אָפּגעהיט אָט דעם „נייטראַליטעט" און לחלוטין ניט געשטערט די פּאָגראָם־עקסצעסן. און צייטנווייז האָט זיך געשפּירט עפּעס אַ געהיימע האַנט, וואָס האָט גע־שטופּט צו נעמען נקמה פון די יידן פאַר די מעשים פון די באָלשעוויקעס...

די פּאָגראָם־כוואַליע, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן מיטן צוריקקער פון אוקראַינער מיליטער און וואָס האָט איר העכסטע שטופּע דערגרייכט אין קיעוו, האָט אין מערץ־אַפּריל פאַרכאַפּט אַ רייע פּונקטן הויפּטזאַכליך אין קיעווער ראַיאָן. דעם 1־טן מערץ איז קיין קאָרסון אָנגעקומען אַן אוקראַינישע מיליטער־אָפּטיילונג, בראש מיט איינעם קיריטשענקאָ. קיריטשענקאָ האָט זיך אָנגערופן מיטן טיטל „קאָמיסאַר פון צענ־טראַלער ראַדע". ער האָט אַנטוואָפנט די שטעטלשע וואַך־דרוזשינע, געדראָהט „אויס־צוקוילן אַלע זשידעס" און געפאָדערט ביי דער יידישער באַפעלקערונג קאָנטריבוציע [2].
דעם 2־טן מערץ איז אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג הייידאַמאַקעס קיין ראַדאָמיסל, בראש מיט מיזערניצקין, דעם שעף פון דער אויעזד־מיליציע. ער האָט אַרויפגעלעגט אויף דער שטאָט זעהר אַ גרויסע קאָנטריבוציע און געדראָהט מאַכן פון איר אַ תל, אויב מען וועט ניט איינצאָלן. אין אַ חדש אַרום איז דער זעלבינער מיזערניצקי געקומען מיט אַן אָפּטיילונג קיין ברוסילאָוו, ראַדאָמיסלער אויעזד, האָט אַרויסגערופן צו זיך פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג און האָט זיך צו זיי געווענדעט בוכ־שטעבליך בזה הלשון: „איך בין באַפולמעכטיגט פון דער צענטראַלער ראַדע שמייסן, שלאָגן, שיסן, הערגענען כדי איינפירן אָרדנונג". ער האָט געשראָקן נקמה נעמען פון שטעטל, אויב מען וועט אים ניט איינצאָלן אַ גרויסע סומע קאָנטריבוציע [2]. דאָס יידישע מיניסטעריום האָט ספּעציעל אויפמערקזאַם געמאַכט דעם גובערניאַלן קאָמיסאַר

[1]) „נ י י ע צ י י ט", פונם 6־טן מערץ 1918, לייט־אַרטיקל.

[2]) אַ ר כ י ו ו פ ו ן י י ד י ש ן מ י נ י ס ט ע ר י ו ם, רעגיכט. 1165 №, פונם 9־טן אַפּריל 1918, מעלדונג וועגן די געשעהענישן אין קאָרסון פון די יידישע מיטגלידער פון דער וואָלאָסט־זעמסטווע.

[3]) ד אָ ר ט, מעלדונג פון די פאָרשטייער פון ברוסילאָווער פאָסעלקאָווער אופּראַווע, רעג. 1080, פונם 5־טן אַפּריל 1918.

אויף די מעשׂים פון מיזערניצקין [1]). אין עטליכע טעג אַרום נאָך דעם האָט די „פאַראייניגטע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי" אַריינגעטראָגן אין דער קליינער ראַדע אַן אָנפראַגע, וואו צווישן אַנדערע עקסצעסן זיינען אויסגערעכנט די מעשׂים פון מיזערניצקין, וועלכער האָט זיך אויך אָנגערופן „באַפולמעכטיגטער פון דער צענטראַלער ראַדע" [2]).

פּאָגראָם־עקסצעסן זיינען פאָרגעקומען, תחילת מערץ, אויך אויף דער סט. בוטשאַ, אין האָסטאָמעל, שפּעטער אין כאַבנע, בראָזאַרי און אין נאָגאָלעווא. אַ באַזונדער בלוטיגן כאַראַקטער האָבן אָנגענומען די געשעהענישן אין לעצטן פּונקט. דעם 23־טן מערץ איז קיין נאָגאָלעווא (אַ שטעטל נעבן קיעוו) אַריינגעגאַנגען אַן אָפּטיילונג פון היידאַמאַקעס; זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין יידישע דירות און דערשאָסן צוויי יידן. איינער פון די הרוגים איז געווען דער פאָרשטייער פון דער אָרטיגער קהלה, ב. קאַהאַנאוו. „אַריינגייענדיג אין זיין וואוינונג, — הערט געזאָגט אין דער מעלדונג וועגן די געשעהענישן, — האָבן די היידאַמאַקעס געהייסן ליינען זיך אויף דער פּאָדלאָגע און האָבן צוויי מאָל אין אים אויסגעשאָסן. זיין אַלטע מוטער, די פרוי און די זעקס קינדער האָבן בעת מעשׂה שרעקליך געשריגן און געבעטן רחמים. די היידאַמאַקעס האָבן געהייסן די יידן זאָלן אָפּפירן די קערפּערס פון די הרוגים אויפן בית־הקברות און זיך גענומען זוכן אַנדערע יידן, די סאַמע חשובע און אָנגעזעהנע. די לעצטע האָבן אָבער באַוויזן זיך אויסצובאַהאַלטן. ביינאַכט האָבן די היידאַמאַקעס אָנגעהויבן גיין איבער יידישע הייזער און געפאָדערט כופר־נפש — געלט און בראָנפן". די היידאַמאַקעס האָבן זיך אויך צוגעטראַכט אַ ספּעציעלן שפּיל: איינעם אַ יידן האָבן זיי אָנגעטאָן אַ פעסל אויפן קאָפּ, געגעבן שטעקנס אין די הענט און געטריבן איבערן

[1]) ר אָ ר ט, מעלדונג פון יידישן מיניסטעריום, פון 5־טן אַפּריל 1918, רעגיסט. № 928.

[2]) ר אָ ר ט, קאָפּיע פון דער אָנפראַגע אין דער קליינער ראַדע פונם 11־טן אַפּריל 1918.

אינטערעסאַנט איז די ווייטערדיגע קאַריערע פונם דאָזיגן מיזערניצקי: ער איז שפּעטער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי אוקר. לינקע ס.־ר. „באָראָטבאַ", וועלכע האָט געאַרבעט מיט די באָלשעוויקעס, און בעתן באַ־אויסטן פּראָצעס פון די ס. ד. „מענשעוויקעס" אין קיעוו, אין מערץ 1920, איז ער, אַלס פאָרשטייער פון די „באָראָטביסטן", געווען אַ מיטגליד פון דעם אויסעראָרדענטליכן רעוואָלוציאָנס־טריבונאַל, וואָס האָט זיי געמשפּט. ער איז אויך געווען מיטגליד פון דער אָנפירנדער קאָלעגיע אין „נאַראָבראַז" — פאָלקס־בילדונג — אין קיעוו. אין געכן נאָך דעם טרעט ער אַריין אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אוקראַינע, וואו ער פאַרנעמט גאַנץ וויכטיגע פּאָסטנס (ער איז געווען בילדונגס־קאָמיסאַר אין פּאָלטאַווער גובערניע). אַפּריל 1920 האָבן איניגע יידישע סאָציאַליסטישע טוער צוגעשטעלט דעם פאָרזיצער פון קיעווער „גובאיספּאָלקאָם" (דער אויספיר־קאָמיטעט פון די סאָוויעטן און גובערניע), איוואַנאָוו, אַ מעלדונג און באַווייזן וועגן דער אַמאָליגער פּאָגראָם־טעטיגקייט פון מיזערניצקין. איוואַנאָוו האָט פאַרשפּראָכן אויסצופאָרשן דעם ענין, ס'איז אָבער דערפון נאָרניט אַרויס איבער דעם, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געמוזט עוואַקואירן קיעוו פאַרן אָנגריף פון די פּאָלאַקן.

מאַרק: „כאַי גראַיע, שטשאָב דיווטשאַטאַ טאַנציוואוואַלי" — זאָל ער שפּילן, די שיקסעס זאָלן טאַנצן"[1].

צווישן די עקסצעסן פון דעם פעריאָד דאַרפן באַזונדער פאַרצייכנט ווערן די געשעהנישן אויף די א י י ז ע נ ב א ן ־ ס ט אַ נ צ י ע ס. די דאָזיגע עקסצעסן זיינען פאָרגעקומען אויף די ליניעס קיעוו־פּאָלטאַווע און קיעוו־באַכמאַטש. אויף דער ליניע קיעוו־פּאָלטאַווע האָבן די געשעהענישן אָנגענומען אַ באַזונדער אַכזריותדיגן כאַראַקטער אין ג ר ע ב י אָ נ ק ע און ר אָ מ אַ ד אַ ן. אָט וואָס עס זיינען מודיע דעם יידישן מיניסטעריום פאָרשטייער פון די דריי יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון שכנותדיגן שטאָט פּיריאַטין: „אָנהויבנדיג פון תחילת מערץ ביז דער לעצטער צייט (חצי אַפּריל) ווערן אויף דער סטאַנציע באַגאַנגען אכזריותן בנוגע די דורכרייזנדע פּאַסאַזשירן, דערביי ראַבעוועט מען, מ'מאַכט חוזק, מ'שלאָגט און ס'טרעפט זיך מ'הרגעט אויך". „אויף דער טעריטאָריע פון וואָקזאַל געפינט מען די גאַנצע צייט קערפּערס פון געהרגעטע פּאַסאַזשירן... אין פּיריאַטין זיינען צו קבורה געבראַכט געוואָרן די 10, וואָס זיינען געהרגעט געוואָרן אין גרעביאָנקע. חוץ דעם זיינען 8 פּערזאָן באַגזלט און געהרגעט געוואָרן אין דער נאַכט פון 10־טן אַפּריל"[2]. נאָך אַ מער אַכזריותדיגן כאַראַקטער האָבן די רציחות אָנגענומען בנוגע צו די יידישע פּאַסאַזשירן אויף סטאַנציע ראָמאַדאַן: פונם 30־טן מערץ אָן ביזן 30־טן אַפּריל האָבן די קאָזאַקן דאָ געהרגעט ביז 40 יידן. די „ספּראַווקע" פון דעפּאַרטאַמענט פאַר אַלגעמיינע ענינים פונם יידישן מיניסטעריום ברייננט פאָלגנדע קורצע ידיעות: „אויף דער סט. ראָמאַדאַן טעראָריזירט די מיליטערישע קאָמאַנדע די פּאַסאַזשירן, — מ'אַרעסטירט, מ'שלאָגט, מ'נעמט צו דאָס געלט און מ'באַגייט אַפילו הריגות". ווייטער ווערט געבראַכט אַ רייע פאַקטן: דעם 31־טן מערץ האָט מען געשאָסן צוויי יידן־פּאַסאַזשירן, דעם 6־טן אַפּריל געפּייניגט אַ דריטן, דעם 9־טן אַפּריל צושלאָגן און פאַרוואונדעט נאָך אַ פּאַסאַזשיר, צושלאָגן אַ 60־יאָריגן זקן מיט זיין איידעם, געשמיסן מיט נאַהייקעס אַן אַנדער פּאַסאַזשיר[3]. ענליכע רציחות, הגם ניט אַזעלכע אַכזריותדיגע, זיינען פאָרגעקומען אויך אויף דער סט. ב אַ כ מ אַ ט ש: „היידאַמאַקעס פאַלן אָן אויף יידישע פּאַסאַזשירן, שלאָגן זיי אומברחמנותדיג און ראַבעווען. זיי זיינען עטליכע מאָל אַריין אין שטאָט גופא, האָבן געשאָסן עטליכע יידן און צוגענומען ביי זיי דאָס געלט. דער דייטשער קאָמענדאַנט האָט געענטפערט, אַז ער קען מיט גאָרניט העלפן, און די אוקראַאינישע מאַכט נעמט קיין שום מיטלען ניט אָן"[4].

די אומאָרדנונגען, וואָס היידאַמאַקעס האָבן געמאַכט, האָבן דעמאָלט אַרויסגערופן צוויי אָנפאַלן אין דער קליינער ראַדע, דעם 16־טן אַפּריל. איין אָנפראַגע איז אַריינ־

---

[1]) אַ ר כ י וו פ ו ן י י ד י ש ן מ י נ י ס ט ע ר י ו ם, רעג. 1085 №, מעלדונג פון פאָרשטייער פון גאָגאָלעוואָ.

[2]) ד אָ ר ט, רעג. 1263 №.

[3]) ד אָ ר ט, רעג. 1087 № („ספּראַווקע").

[4]) ד אָ ר ט, רעג. 1364 №, פונם 19־טן אַפּריל 1918.

געטראָגן געוואָרן דורך די ציוניסטן, און די צווייטע דורך די „פּאַראייניגטע“. די ערשטע האָט באַרירט ספּעציעל די עקסצעסן אויף די אײַזנבאַן־סטאַנציעס. „לויט דער מעלדונג פון די אָרטיגע אייגוואוינער געפינט מען נאָך עד היום אין ראַיאָן פון סט. ראָמאַדאַן טויטע קערפּערס, מערטיילס יידישע, פון געהרגעטע און דערשטיקטע... ס׳קומען פאָר רויבערייען און אָנפאַלן, דערביי נעמען ניט אָן ניט דער קאָמענדאַנט פון סטאַנציע, ניט די אַנדערע מאַכט־פּאָרשטייער קיין שום מיטלען, כדי צו באַשיצן די באַפעלקערונג“. רעדנדיג וועגן די געשעהנישן אויף דער סט. גרעביאָנקע — „איגב צווייטן צענטער פון גוואַלדטאַטן און הריגות“, — ווייזן די אָנפרעגער אָן אויף דעם, אַז די „ווילני קאָזאַקן“ האָבן דאָ אַרעסטירט 9 פּאַסאַזשירן, וועלכע מ׳האָט דערנאָך געפונען נעהרגעט. „די אַזוי גערופענע „ווילני קאָזאַקן“, — שטייט ווייטער אין דער אָנפרעגע, — האָבן אָפּגעשמיסן דעם אָרטיגן רב, א 60־יאָריגן זקן, וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן אין קאָמענדאַנטור כלומרשט געבן ערקלערונגען... די סט. ראָמאַדאַן און גרעביאָנקע זיינען מגולגל געוואָרן אין אַ געפערליכן תחום... נאָך דעם, ווי ס׳איז דורכגעפאָרן דער מיליטערישער צוג, וואָס איז אַרויס פון קיעוו דעם 2־טן אַפּריל, האָט מען צווישן די סטאַנציעס באַרישעווקע און בערעזאַן געפונען 2 טויטע קערפּערס, און צווישן פּערעיאַסלאַווער מעבר־דרך און סט. יאַגאָטין — 3 קערפּערס. דעם 4־טן אַפּריל איז אויף דער סט. באַרישעווקע אָנגעקומען אַ וואַגאָן, אין וועלכן, ווי ס׳האָט זיך נאָכדעם אַנטדעקט, זיינען געלעגן 5 טויטע קערפּערס פון יידן, וואָס זיינען דערשטיקט געוואָרן מיט רימענס און שטריק און צעקאַליטשעט. ווי ס׳ווייזט אויס, האָט מען זיי אַרויסגעוואָרפן פונם וואַגאָן אויף דער אייזענבאַן־ליניע, ווייל ביי איינעם זיינען ביידע פיס געווען אָפּגעשניטן... די רציחות, וואָס קומען פאָר ביי דער פּאַסיווקייט פון דער מאַכט, האָבן אָנגענומען אַזאַ סיסטעמאַטישן כאַראַקטער, אַז זיי קעדן אום די יידישע באַפעלקערונג צו די רעכטלאָזע צייטן פון צאַריזם“ [1]). די צווייטע אָנפראַגע, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויף די דערמאָנטע מעלדונגען צום יידישן מיניסטעריום, האָט גערעדט וועגן די עקסצעסן אין גאָגאָלעוואָ, ברוסילאָוו, קאָרסון און ראַדאָמיסל און אויך אויף די סטאַנציעס ראָדאָמאַן און גרעביאָנקע [2]). די דאָזיגע ביידע אינטערפּעלאַציעס זיינען אין ראַדע אָנגעקומען געוואָרן אויף דער זיצונג פונם 20־טן אַפּריל.

---

[1]) די דאָזיגע אָנפראַגע איז אין נאָמען פון דער ציוניסטישער פראַקציע אַריינגעטראָגן געוואָרן דורך מ. גראָסמאַן. מיר ציטירן די אָנפראַגע לויט דעם וואָכנבלאַט „יעווריעסקאַיאַ מיסל“, פונם 26־טן אַפּריל 1918. צום באַדויערן האָט די אָנפראַגע, ברענגענדיג אַ רייע וויכטיגע ידיעות וועגן גוואַלדטאַטן, ניט אָנגעוויזן נעמען דעם מקור, פון וואַנען אָט די ידיעות שטאַמען. די אָנפראַגע איז אָפּגעדרוקט אין „קיעווסק. מיסל“ און מיט אַ קיצור אויך אין „ראַזסוועט“, 16—17 №, 1918.

[2]) די אָנפראַגע איז אַריינגעטראָגן געוואָרן דורך די „פּאַראייניגטע“ און איז אין נאָמען פון דער פראַקציע אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך מ. שאַץ־אַניין. זעה קאָפּיע פון דער אָנפראַגע אין אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום, פונם 11־טן אַפּריל 1918.

דערבײַ האָבן אָבער עטליכע פֿאָרשטייער פֿון די אוקראַאינישע פֿאַרטייען אין אַ אומפֿריינטליכן טאָן פֿאָרגעוואָרפֿן די ייִדן, אַז זיי צעבלאָזן די ידיעות וועגן די כּלומרשט פֿאָגראָמירטע ערטער: „ס׳איז דאָרטן גאָרניט אַזוי שרעקליך, ווי ס׳האָבן איבערגעגעבן די אינטערפּעלאַנטן“, האָט ערקלערט אַ פֿאָרשטייער פֿון דער פּויערשער פּאַרטיי („סעליאַנסקאַ טרודאָוואַ פּאַרטיאַ“), קריזשאַנאָווסקי. אַנדערע האָבן פּשוט באַשולדיגט די ייִדישע אינטערפּעלאַנטן אין „ניט ערליכער אָפּאָזיציע“ (די ווערטער פֿונם פֿאָרשטייער פֿון די אוקראַאינישע סאָצ.-רעוואָלוציאָנערן — גריגאָריעוו).

אין דער זעלביגער צייט, ווען מ׳האָט די ייִדישע פֿאָרשטייער געמאַכט די דאָזיגע פֿאָרוואורפֿן, איז די כוואַליע רציחות אַ ביסל געפֿאַלן, דאָך אינגאַנצן איז זי ניט ליקווידירט געוואָרן. די עקסצעסן זיינען פֿאָרגעקומען אין אַ גאַנצער רייע פּונקטן און באַזונדערס אויף די אייזנבאַן-סטאַנציעס, ווי, למשל, אויף דער ליניע סאַרני-לוהין, אויף דער סט. אָלשאַניצע, טאַראַשטשע, סטאַווישטש, קיעווער גובערניע, אויף דער סט. לאָזאָוואַיאַ און ראָמני, פּאָלטאַווער גובערניע. וועגן איינעם פֿון אַזעלכע עקסצעסן אין ראַיאָן פֿון טאַראַשטשע ווערט געמאָלדן (אין אַ ידיעה פֿון כאַשטשעוואַטע) פֿאָלגנדיגעס: „דעם 23-טן אַפּריל זיינען די ייִדן פֿון שטעטל אויפֿגעוועקט געוואָרן דורך אַ שיסעריי פֿון עפּעס אַ באַהאָפֿנטן טייל, וואָס איז מיט אויסגעשרייען „שלאָגט די זשידעס“ אָנגעפֿאַלן אויף די הייזער, זיי רואינירט, צעראַבירט און 9 ייִדן פֿאַרוואונדעט, צווישן זיי 4 פֿרויען. קינדער, פֿרויען און מיידלעך האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן, אויסגעייענדיג נאָך הילף. קיין הילף איז אָבער פֿון ערגעץ ניט געקומען“[1].

די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפֿט האָבן דעמאָלט צוגעצויגן די גוואַלדטאַטן, וואָס די היידאַמאַקעס זיינען באַגאַנגען אין פּ אָ ל ט אַ װ ע, אַ דאַנק דער אַריינמישונג פֿונם באַרימטן רוסישן שרייבער וו. קאָראָלענקאָ, וועלכער איז אַ תּושב פֿון דער שטאָט. פֿון די ערשטע טעג אָן, זינט די היידאַמאַקעס זיינען אַריין אין פּאָלטאַווע, האָבן זיי אָנגעהויבן שלאָגן ייִדן אין די גאַסן. דעם 29-טן מערץ האָבן זיי אַרעסטירט עטליכע ייִדן, אָפּגעפֿירט זיי אין דער געבײַדע פֿון „ווילנער מיליטערשול“ און דאָ אַכזריותדיג אָנגעהויבן צו שמייסן און צו שלאָגן מיט די „שאָמפּאָלן“, מ׳האָט זיך איבער זיי איזדעוועקעוועט, געצווינגען צו מאַכן „דייטשע גימנאַסטיק“, צו שלאָגן איינער דעם צווייטן איבערן פּנים; אין אַלגעמיין האָט יעדער פֿון די אַרעסטירטע באַקומען צו 200 קלעפּ; די געשלאָגענע האָט מען בעת דער עקזעקוציע געצווינגען צו שרייען: „כאַי זשיווע ווילנאַ אוקראַאינאַ“ („זאָל לעבן די פֿרייע אוקראַאינע“). קענען אָט די דאָזיגע רציחות איז אין דער אָרטיגער סאָצ.-דעמאָקראַטישער צייטונג „נאַשאַ מיסל“ אַרויסגעטראָטן וו. קאָראָלענקאָ מיט אַן אַרטיקל: „אַ שאַנד און אַ זינד“. „מ׳האָט מענטשן געשינדן מיט שאָמפּאָלן, — האָט ער געשריבן, — מ׳האָט זיי געצווינגען עטליכע מאָל איבערצולעבן די שרעקן פֿון מעגליכן טויט, דערבײַ האָט

---

[1]) אַרכיוו פֿון ייִדישן מיניסטעריום, רעג. נומ. 1675, מעלדונג פֿון כאַשטשעוואַטע (אין העבּרעאיש).

מען אויף דעם מיאוסטן אופן דערנידעריגט זייער מענשליכע ווערדע — געניט צו שרייען „אורא“ לכבוד דעם אוקראַינטום און שילטן די „זשידעס“ און די „קאַצאַפּעס“. „אַז מ'האָט זיי געהאַט אָפּגעפּייניגט, האָט מען די געפּייניגטע אָפּגעלאָזט, חייל ס'האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן קיין שום שייכות ניט צום באָלשעוויסטישן קאַמף.. מ'האָט זיי געפּייניגט נאָר פֿאַר זייער נאַציאָנאַליטעט“[1]. דער דאָזיגער אַרטיקל האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם, — שרייבט דער באַפּולמעכטיגטער פֿון „יעקאָפּאָ“, — ער האָט אַרויסגערופֿן אַ התנצלות מצד די אוקראַינישע אָפֿיצערן, וועלכע האָבן ערקלערט, אַז זיי זיינען ניט שולדיג, און האָבן זיך אָפּגעגרעניצט פֿון די תּליינים פֿונם „אינקוויזיציאָנס-קאַמער“. קלאַנגען האָבן צירקולירט אין שטאָט, אַז מיט די פּייניגונגען האָט אָנגעפֿירט איינער אַ פּאָלקאָווניק שאַפּאָוואַל[2]. קעגן קאָראָלענקאָן איז אַרויסגעטראָטן מיט אַן ענטפֿער אין אַן אויפֿגערעגטן טאָן און פֿאַרטיידיגט דאָס אוקראַינישע מיליטער דער מיטגליד פֿון ראַדע מאַקאַרענקאָ. ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס די דערמאָנטע פֿאַקטן זיינען פֿאַרעפֿנטליכט געוואָרן, האָט מען אין פּאָלטאַווע ניט אויפֿגעהערט צו פּייניגן יידן און איניגע רוסישע אָפֿיצערן, הגם דעם אינקוויזיציאָנס-קאַמער האָט מען מפּני מראית עין בטל געמאַכט. דאָס הויז פֿון „ווילנער מיליטער-שול“ האָט אין שטאָט געקראָגן דעם שם פֿון „ווילנער אינקוויזיציאָנס-קאַמער („זאַסטיענאָק“). „פֿאַר זיין אַרטיקל אין ציימונג, — דערציילט די „קיעווסקאַיאַ מיסל“, — האָט וו. קאָראָלענקאָ אָנגעהויבן באַקומען התראות, אין וועלכע מען האָט אים געדראָהט צו שלאָגן און אפֿילו צו הרגענען“[3]. ענליכע עקזעקוציעס, ווי אין פּאָלטאַווע, זיינען באַגאַנגען געוואָרן איבער די פֿרידליכע יידישע איינוואוינער אין קאָנסטאַנטינאָגראַד, פּאָלטאַווער גובערניע. די היידאַמאַקעס האָבן דאָ אויך דערהרגעט 3 יידן. אין אַפּריל זיינען פֿאָרגעקומען עקסצעסן אין קרעמענטשוג: די היידאַמאַקעס האָבן דאָ געכאַפּט יידן קרעמער, זיי באַזוכט, געפּייניגט און איניגע שטילערהייט געשאָסן; די אָפֿיצערן האָבן נאָך אונטערגעגעבן חשק צו די גוואַלדטאַטן[4]. די דאָזיגע רציחות זיינען באַהאַנדלט גע-

[1]) „קיעווסקאַיאַ מיסל“, פֿונם 19-טן אַפּריל 1918, ווען די געשעהנישן אין פּאָלטאַווע און דעם אַרטיקל פֿון וו. קאָראָלענקאָ.

[2]) אַרכיוו פֿון רעדאַקציע (1919), באַריכט פֿונם באַפּולמעכטיגטן פֿון „יעקאָפּאָ“, י. קאַזאַקאָוו, וועגן פּאָלטאַווע.

דאָ האַנדלט זיך, ווייזט אויס, ניט וועגן ס. שאַפּאָוואַל, דעם אָנגעזעהענעם אוקראַינישן ס.-ר., נאָר וועגן אָ. שאַפּאָוואַלן, דעם „סאָציאַליסט-סאַמאָסטיניק“, וואָס האָט גענומען אַ חיכטינן אָנטייל אין די מיליטערישע פֿאָרמירונגען צווישן די אוקראַינישע קריגס-געפֿאַנגענע אין לאַגער ראַשטאַט און האָט געהערט צום אויסערסטן שאָוויניסטישן פֿליגל. אגב האָט מען אים באַשולדיגט, אַז ער האָט געהרגעט דעם ראַדע-מיטגליד נעראָנאָוויטש, פֿאַר וואָס ער איז אַריבער צו די באָלשעוויקעס.

[3]) „קיעווסקאַיאַ מיסל“, פֿונ'ם 19-טן אַפּריל, 1918.

[4]) פּראָטאָקאָלן פֿון דער קרעמענטשוגער שטאָט-דומע, די זיצונג פֿונם 16-טן אַפּריל 1918, זעה אַרכיוו פֿון רעדאַקציע (וועגן קרעמענטשוג), אויך גבית-עדות פֿון ל. פּטרוזשעווסקי.

וויאָרן אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פון דער קרעמענטשוגער שטאָט־דומע. דער פאָרשטייער פון יידישע קהלה האָט דערביי געזאָגט: „ס׳איז באַשערט געווען, אַז דער ערשטער אַרויסטרעט פונם קהלה־פאָרשטייער אין דער דומע זאָל זיין די פאַרטיידיגונג פון דער אָנפראַגע וועגן גוואַלדטאַטן איבער יידן. אָנשטאָט אַ נאַציאָנאַל־פערסאָנאַלע אווטאָנאָמיע האָבן מיר נאַציאָנאַל־פערסאָנאַלע רציחות, פייניגונגען, רויבעריי, הוזקמאַכעריי. די כוואַליע פון די דאָזיגע גוואַלדטאַטן גייט איבער גאַנץ אוקראַינע פון די ערשטע טעג אָן, זינט מען האָט פאַרטריבן די באָלשעוויקעס און ס׳האָט זיך באַפעסטיגט די אוקראַינישע מאַכט, און די טעג האָט זיך די דאָזיגע כוואַליע דערקייקלט אויך צו אונז“. נאָך דעם, ווי די געשעהענישן זיינען באַהאַנדלט געוואָרן, האָט די דומע אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אָנצוהויבן אַן אויספאָרשונג און אפילו געפאָדערט ס׳זאָל פון צענטר צוגעשיקט ווערן אַ „פאַרלאַמענטאַרישע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע“ און מ׳זאָל איבערגעבן צום געריכט אַלע פאָרשטייער פון דער מאַכט, וועלכע זיינען אין די גוואַלדטאַטן שולדיג. די אַלע באַשלוסן האָבן צו קיין רעזולטאַטן ניט געבראַכט. בעת מ׳האָט פאַרעפנטליכט די פראָטאָקאָלן וועגן די עקסצעסן, האָט אַ מיטגלידערין פון דומע, אַ קריסטין, וואָס איז דערביי געווען, באַמערקט: „נאָך דעם, וואָס איך האָב דאָ אויסגעהערט, וואָס קאָן איך זאָגן? — איך בין אַ רוסין, און איך שעם מיך צו זיין צווישן יידן“ [1].

כמעט דריי חדשים — פעברואַר, מערץ און אַפּריל 1918 — ציהט זיך דער פעריאָד פון די פּאָגראָם־עקסצעסן, וואָס ווערן באַגאַנגען דורך די אוקראַינישער מיליטעראָפּטיילונגען. דאָס איז געווען דאָס ערשטע באַגעגעניש פון דער נאַציאָנאַלער אוקראַינישער אַרמיי מיט דער יידישער באַפעלקערונג. שפּעטער, אָנהויבנדיג פונם יאָר 1919, בעת דער דירעקטאָריע, קומט פאָר די צווייטע באַגעגעניש פון די דאָזיגע צוויי עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד — דעם אוקראַינישן קאָזאַק מיטן איינוואוינער פונם יידישן שטעטל, און זי ברייננט צום זעלבינן טרויעריגן רעזולטאַט, נאָר אין אַ ניט־דער־ערך ברייטערן און שרעקליכערן מאַסשטאַב.

גלייכצייטיג מיט די עקסצעסן פון דער אוקראַינישער אַרמיי קומען פאָר אין דעם פעריאָד א רייע אַנדערע פּאָגראָמען, אין וועלכע די הויפּט־אָנטיילנעמער זיינען די פּ ו י ע ר ן — די צווייטע, זעהר ערנסטע, אַקטיווע קראַפט אין דער פּאָגראָם־באַוועגונג. אין דעם פעריאָד אָבער טראָגן די פויערשע פּאָגראָמען נאָך אַ גאַנץ שוואַכן כאַראַקטער. דער אַנטיסעמיטיזם פון די פויערן דריקט זיך לעת עתה אויס אין פּאַסיווע פאָרמען, און ערשט שפּעטער, אין יוני־אַווגוסט 1918, ווען אין דאָרף הויבט זיך אָן דער אויפשטאַנד קעגן דער דייטש־העטמאַנישער ממשלה, וואַקסט אויך אויס אַן אַקטיווע באַוועגונג פון די פויערן קעגן יידן אין די אויפשטאַנדס געגנטן. אָבער דער

[1]) פּ ר אָ ט אָ ק אָ ל ן  פ ו ן  ד ע ר  ק ר ע מ ע נ ט ש ו ג ע ר  ש ט אָ ט ־ ד ו מ ע, די ווערטער פון דער דומע־מיטגלידערין וו. פּאַנעראַטצעווא.

ריכטיגער, סיסטעמאטישער קרייץ־צוג פון דעם אוקראַינישן דאָרף אויף דער
יידישער באַפעלקערונג הויבט זיך אָן אין דעם שרעקליכן יאָר 1919, צוזאַמען מיט די
מאַסן־באַוועגונגען פון די פּאָווסטאַנצעס אין דאָרף. איינער פון די כאַראַקטעריסטישע
פויערן־פּאָגראָמען אין דעם פּעריאָד פון 1918, וואָס באַווייזט אויך די באַציִונג פון
דער אוקראַינישער מאַכט צו אַזעלכע גוואַלדטאַטן קעגן יידן, איז פּאָרגעקומען אין
מעדווין, קיעווער גובערניע. אין די מעלדונגען פון די אָרטיגע איינוואוינער ווערן
די געשעהענישן דאָ געשילדערט אויף פאָלגנדיגן אופן: „דעם 22־טן יאַנואַר האָבן
זיך די פויערן פון מעדווין צונויפגענומען אַ המון רב, מיט קוילנוואַרפערס, ביקסן, באָמ־
בעס, אין צענטר פון שטעטל און אָנגעהויבן מאַכן אַ פּאָגראָם אויף די יידישע איינ־
וואוינער... ס'זיינען צעראַבירט געוואָרן אַלע יידישע הייזער און קראָמען. די פויערן
האָבן אַלע סחורות אַרויפגעלייגט אויף פורן און אָפּגעפירט צו זיך אַהיים; דאָס זעלבע
האָבן זיי געטאָן אויך מיט דער גאַנצער בעל־הביתישקייט, מיטן מעבל און מיט דער
הלבשה פון די מעדווינער יידן. אַז דאָס גאַנצע באַהעלטעטע פאַרמעגן איז צעראַבירט
געוואָרן, האָבן די רויבער זיך גענומען פאַר דעם אומבאַוועגליכן: זיי האָבן אָנגעהויבן
צינדן הייזער; ס'זיינען פאַרברענט געוואָרן אַ סך בנינים. דער פּאָגראָם האָט געדוי־
ערט עטליכע טעג; באַזונדערס אכזריותדיגע פאָרמען האָט ער גענומען אין אָוונט און
ביי נאַכט... ס'זיינען געווען הרוגים און פאַרוואונדעטע (1 הרוג און 2 פאַרוואונדעטע)".
אַז די געליטענע יידן האָבן זיך געווענדעט נאָך הילף צו דעם שעף פון דער אוי־
יעזד־מיליציע, האָט ער געענטפערט, אַז „אָהן אַ דייטשער אָפּטיילונג איז ער ניט בכח
צו קעמפן מיט אַזאַ באַוואָפנטן המון, ווייל אין מעדווין זיינען דאָ מער פון דריי
טויזנט ביקסן, פיל קוילנוואַרפערס און אַ מאַסע האַנט־גראַנאַטן"... נאָך לאַנגע
השתדלותן איז דער שעף פון דער אויעזד־מיליציע אין צוויי חדשים
אַרום נאָכן פּאָגראָם געקומען אין שטעטל; דאָ האָט ער דערזעהן דעם פולן חורבן
פון דער יידישער באַפעלקערונג און האָט באַשלאָסן אָנצוהויבן אַן אויספאָרשונג צווישן
די פויערן. זיי האָבן אָבער אים דורכגעטריבן. „די פויערשע באַפעלקערונג האָט אויף
אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג ערקלערט, אַז אין פּאָגראָם האָבן זיך באַטייליגט גאַנצע
געמיינדעס און אַז זיי וועלן ניט דערלאָזן, ס'זאָלן געפירט ווערן וועלכע ס'איז חקירות
ודרישות וועגן פּאָגראָם", — אַזוי מעלדעט דער מיליציע־שעף אין אַן אָפיציעלן
פּראָטאָקאָל נאָך דעם, ווי ער האָט באַזוכט מעדווין[1]. אַז די רואינירטע יידישע באַפעל־
קערונג האָט זיך ניט געקענט דערשלאָגן, ס'זאָל געמאַכט ווערן אַן אויספאָרשונג אויפן
אָרט, האָט זי געשיקט אַ דעפּוטאַציע אין יידישן מיניסטעריום. דאָס מיניסטעריום
האָט די מעדווינער דעפּוטאַציע אָפּגעשיקט צום קיעווער גובערניאַלן קאָמיסאַר.

---

[1] ארכיוו פון יידישן מיניסטעריום, רעג. 1195 №, פונם
10־טן אַפּריל 1918.

אַט וואָס די מעדווינער דעפּוטאַציע דערציילט וועגן קבלת פּנים, וואָס זי האָט געהאַט בײַם דאָזיגן קאָמיסאַר: נאָך דעם, ווי ער האָט שטאַרק געטופּעט מיט די פיס און געדראָהט מיט די פויסטן, שרייענדיג, אַז „אַלע יידן זיינע באָלשעוויקעס“ און אַז „90 פּראָצענט יידן זיינען געווען אין דעם באָלשעוויסטישן בונט“, — נאָך דעם, ווי ער האָט אַרויסגענומען אַ צייטונג און פון איר אַרויסגעלייענט אַלע נעמען פון די יידן־באָלשעוויקעס, — האָט ער געענטפערט, אַז ער איז גאָר ניט בכח צו טאָן, ווייל קיין מאַכט איז אויף די ערטער ניטאָ, און „פון דער קעשענע קען ער קיין מאַכט ניט געבן“ [1]. די נסיונות פון די מעדווינער יידן האָבן זיך דערמיט ניט געענדיגט. אין אַ שטיקל צייט אַרום איז קיין מעדווין דאָך אַראָפּגעשיקט געוואָרן אַ מיליטער־טייל פון „סעמעשעוויקעס“ אויף אָפּצוהיטן די שטאָט. אָבער אַט וואָס ס'מעלדן די יידישע פאָרשטייער וועגן דער הנהגה פון די „סעמעשעוויקעס“: „ווי נאָר זיי זיינען אַריין אין שטעטל, דעם 19־טן אַפּריל, האָבן זיי אָנגעהויבן מאַכן אונטערזוכונגען אין יידישע הייזער, אַריינרייסנדיג זיך בײַנאַכט אין די וואוינונגען; איינינע דירות האָבן זיי אָפּגעראַבעוועט. זיי האָבן אָנגעהויבן פאָדערן, די יידן זאָלן זיי אַרויסגעבן דאָס געווער, האָבן עטליכע יידן אַרעסטירט, איינעם געשמיסן, און די דעפּוטאַציע, וואָס איז געקומען אין נאָמען פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָבן זיי שיער ניט צוהרגעט מיט די נאַהאַיקעס“. „דער דאָזיגער מיליטער־טייל האָט אונז ניט נאָר ניט געבראַכט קיין שום ניצן, נאָר ער האָט נאָך אונזער לאַגע ערגער געמאַכט, ווייל די פּויערן פרייען זיך איצט איבער אונזערע אומגליקן און צרות“ [2]. אין דער זעלביגער צייט זיינען ווילדע גוואַלד־טאַטן באַגאַנגען געוואָרן מצד די פּויערן איבער דער יידישער באַפעלקערונג אויך אין סאַווראַן, אַ שטעטל אין פאָדאָליער גובערניע. די פּויערן, וואָס זיינען אָנגעפאַלן אויפן שטעטל, האָבן צעראַבעוועט אַלע יידישע קלייטן, אַ טייל שטעטל האָבן זיי פאַרברענט, צוויי אָנגעזעהענע פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג, דר. קליין, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון דער זעלבסטשוץ, מיט זיין שווער קירזשנער האָבן זיי אכזריותדיג פאַרמוטשעט: דעם דר. קליין האָבן זיי אָפּגעשניטן די הענט און אַ פולע אַנדערע וואונדען געמאַכט, קירזשנערן האָבן זיי אַזוי לאַנג געטריבן איבער דער שטאָט און געשלאָגן מיט אייזערנע שטעקענס, ביז די נשמה איז אים אויסגעגאַנגען [3].

די באַציהונג פונם דאָרף צו די יידן האָט זיך אויסגעדריקט ניט נאָר אין אַזעלכע פאָרמען פון פיזישע גוואַלדטאַטן און הפקרדיגע רויבערייען. דער אַנטיסעמיטיזם האָט דאָ געשלאָגן טיפע וואָרצלען. אין אַ רייע ערטער טראָגן די פּויערן אַרויס אויף זייערע

[1]) אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום, רעג. 1210 №, פונם 11־טן אַפּריל 1918, מעלדונג פונם מיטגליד פון מעדווינער דעלעגאַציע. גובערניאַלער קאָמיסאַר איז דעמאָלט געווען איינער פון די אָנגעזעהענע אוקראַאינישע טוער און פירער פון די סאָצ.־פעדעראַליסטן (ס.־פ.) – א. סאַליקאָווסקי. בכלל איז סאַליקאָווסקי ניט געווען חשוד אויף אַנטיסעמיטיזם און דאָס איז געווען אַ צופאַל, נאָר דער צופאַל איז אויך כאַראַקטעריסטיש.

[2]) דאָרט, רעגיסטרירט 1510 №.

[3]) זעה קיעווער וואָכענבלאַט „אויף דער וואַך“, 1918, 3 №.

„סכאָדן“ באַשלוסן („פּריגאָוואָרן“) אַרויסצוטרייבן די יידן פון די דערפער. דאָס קומט פאָר שוין באַלד נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע. און איינינע דערפער אין פּראָסקוראָווער אויעזד זיינען געווען פאַלן, ווען די פויערן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרדינגען אויף ווייטער דירות יידן, וואָס האָבן שוין כמה שנים געוואוינט אין דאָרף, און די יידן האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און זיך געמוזט אַרויסציהען [1]. די דאָזיגע פאַלן פון אַרויסיאָגן יידן ווערן אָפטער, אָנהויבנדיג פון הערבסט 1917, באַזונדערס אין ליטינער און בראַצלאַווער אויעזד, פּאָדאָליער גוב. און אין טאַראַשטשער אויעזד, קיעווער גוב. איינער פון די אַרויסגעטריבענע קלאָגט זיך אין זיין מעלדונג צום יידישן מיניסטעריום: די פויערן ערקלערן באַשטימט, אַז „מיר דאַרפן קיין יידן ניט אין דאָרף, זאָלן זיי זיך גיין אין שטאָט אַריין“ [2]. איך בין מודיע—שרייבט ער — אַז די גירושים קומען פאָר אין אַלע דערפער פון ליטינער אויעזד [3]. אָנהויבנדיג פונם יאָר 1918 ווערט די צאָל פון אַזעלכע פאַלן נאָך גרעסער. אין אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום (אין דער אָפּטיילונג „רעכטליכע לאַגע“) האָט זיך אָנגעקליבן פאַר אָט דעם פּעריאָד אַ רייע אָנקלאַגעס אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס די „סכאָדן“ האָבן באַשלאָסן אַרויסצוטרייבן די יידן, דערביי אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן געוואוינט אין דאָרף צו 30 און אפילו צו 60 יאָר [4].

באַזונדערס שטאַרק זיינען געווען די אַנטיסעמיטישע שטימונגען פון די פויערן אין טאַראַשטשער אויעזד, קיעווער גובערניע — אין דעם זעלבן אויעזד, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער נעסט פון אינסורגענטן־באַוועגונג פון די פויערן אין קיעווער קרייז און איינער פון די וויכטיגסטע פּונקטן פון דער פויערשער רעוואָלוציע אין אוקראַינע בכלל. די יידן פונם דאָרף סקאָמאָראָשקי, טאַראַשטשער אויעזד, ווענדענדיג זיך אין אַפּריל 1918 צום יידישן מיניסטעריום נאָך הילף, מעלדן, אַז די פויערן האָבן נאָך אין יאַנואַר אַרויסגעטראָגן אויף אַ „סכאָד“ אַ החלטה אַרויסצוטרייבן פונם דאָרף די 15 יידישע משפּחות, וואָס וואוינען דאָרטן. סוף מערץ האָבן די פויערן ווידער באַשלאָסן אַרויסצוזאָגן די עטליכע יידישע פאַמיליעס, אָנגעשטעלטע אויף דער צוקער פאַבריק, וואָס דערביי (כאַראַקטעריסטיש איז, אַז די פאַבריק האָט געהערט צו אַ יידן, די אַדמיניסטראַציע איז אויך געווען אַ יידישע). אויפ'ן „סכאָד“ האָבן זיך

---

[1] „יעווריעסקאַיאַ נעדעליאַ“, 21 №, פונם 28־טן מאַי 1917.

[2] „Ни треба нам жидів в силі, нихай вони ідут собі у город“

[3] אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום, (אָפּטיילונג „רעכטליכע לאַגע“), מעלדונג פון דאָרף סיאָמקי, ליטינער אויעזד, רעג. 138 №, פונם 8 דעצעמבער 1917.

[4] דאָרט, זעה, למשל, די אָנקלאַגע פון דאָרף לוקיאַנאָווקע, קיעווער גובערניע, וואָס איז אָנגעקומען דעם 15־טן אַפּריל („די פויערן האָבן זיך צונויפגענומען און ערקלערט, אַז זיי ווילן ניט דעם יידן“). זעה אויך אין אַרכיוו פון ייד. מיניסטעריום די ווענדונגען פונם מיניסטעריום וועגן אַזעלכע פאַלן: צום בראַצלאַווער אויעזד־קאָמיסאַר (פונם 28־טן נאָוועמבער) און צום נאָוואָגראַד־וואָלינער קאָמיסאַר (פונם 29־טן נאָוועמבער 1917).

די פּויערן בכלל אַרויסגעזאָגט, אַז מ׳דאַרף אַרויסטרייבן אַלע „זשידעס“, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט[1]. ווענן ענליכע שטימונגען פֿון די פּויערן זיינען געווען ידיעות אין דער פּרעסע אויך פֿון עטליכע ערטער פּאָדאָליער גובערניע — פֿון לאַדיזשין און אַ רייע דערפֿער אין דעם ראַיאָן. דאָס יידישע מיניסטעריום האָט ווענן גירושים פֿון די יידן אין ליטינער אויעזד זיך ספּעציעל געווענדעט צום גובערניאַלן קאָמיסאַר פֿון ווינניצע מיט אַ בקשה אָנצונעמען מיטלען[2]. די וואָלאָסט-קאָמיטעטן נעמען אָן אין איינינע ערטער החלטות צו שאַפֿן אַ ספּעציעלן „תּחום“ פֿאַר די יידן און אַרויסטרייבן זיי פֿונם דאָרפֿישן ישוב. מיט אַ באַזונדער שנאה האָבן זיך די פּויערן באַצויגן צו דעם, וואָס די יידן פֿאַרנעמען זיך מיט ערד-אַרבעט. ניט נאָר זיי לאָזן ניט צו יידן אויפֿסניי צו ערד-ווירטשאַפֿט, נאָר זיי פּרובן אַפֿילו אַרויסטרייבן די יידישע קאָלאָניסטן פֿון די יידישע קאָלאָניעס. אַזוי מעלדעט מען פֿון טשעוואַנסקער קאָלאָניע (נעבן פּאַסטאָוו, קיעווער גוב.), אַז „צווישן די פּויערן פֿירט זיך אַ שטאַרקע אַגיטאַציע מ׳זאָל אַרויסטרייבן די יידן פֿון דער קאָלאָניע, מיט דעם צוועק אָפּצושלאָגן ביי זיי יעדן חשק זיך צו פֿאַרנעמען מיט ערד-אַרבעט“[3]. אין דער פּרעסע האָט מען אויך געמאָלדן ווענן עקסצעסן מצד די פּויערן אין די יידישע קאָלאָניעס פֿון כערסאָנער גובערניע, — אין נאָוואָפּאָלטאַווקאַ, יעפֿינגאַר און אַנדערע.

דער אַנטיסעמיטישער שטראָם, וואָס די אוקראַינישע אַרמיי האָט מיט זיך געבראַכט, האָט זיך אַריינגעגאָסן אין דאָרף, ווי וואַסער אויף מיהל-רעדער, און האָט געגעבן אַ נייעם אימפּולס און אַזוי ווי סאַנקציאָנירט די פּאָגראָם-אַרויסטרעטונגען. מעלדענדיג ווענן די גוואַלדטאַטן פֿון די היידאַמאַקעס אין נאָגאָלעוואָ, טשערנינאָווער גוב., מאַכן די פֿאָרשטייער פֿון דער אָרטיגער באַפֿעלקערונג זעהר אַ כאַראַקטעריסטישע הוספה: „דער פּחד צווישן די יידן וואַקסט נאָך צוליב דעם, וואָס די פֿינסטערע פּויערישע מאַסן, זעהנדיג, ווי גרינג און אומבאַשטראָפֿט די היידאַמאַקעס איז אַדורך זייער באַגיין זיך מיט די יידן, האָבן זיך איינגערעדט, אַז די היידאַמאַקעס זיינען געשיקט געוואָרן פֿון דער העכערער מאַכט פֿון אוקראַינע, כדי זיך אָפּצורעכנען מיט די יידן, און פֿון דעמאָלט אָן האָבן זיי אָנגעהויבן קוקן אויף יידן, ווי אויף געשטעמפּלטע פֿאַרברעכער, וואָס געפֿינען זיך אויסער יעדער געזעצליכער שוץ“[4]. די פּויערן האָבן לייכט און גערן אויפֿגענומען די פּאָגראָם-אידייע און זיינען תּמיד מיט חשק נאָכגעגאַנגען נאָך די היידאַמאַקעס מיט אַ ליידיגן זאַק, כדי צו פֿאַרנעמען יידישע האָב און גוטס. דאָס דאָרף איז אָבער אָפּט לחלוטין גלייכגילטיג צו די פּאָזיטיווע מאָמענטן פֿון דער אוקראַינער נאַציאָנאַלער באַ-

[1]) אַרכיוו פֿון יידישן מיניסטעריום, רעג. 1232, פֿונם 15-טן אַפּריל 1918.

[2]) דאָרט, ווענדונג צום קאָמיסאַר אין ווינניצע, רעג. 174 א, פֿונם 5-טן דעצעמבער 1917.

[3]) דאָרט, ווענדונג פֿון טשעוואַנסקער קאָלאָניע, רעג. 843 א, פֿונם 15-טן מערץ 1918.

[4]) דאָרט, מעלדונג פֿון נאָגאָלעוואָ, 5-טן אַפּריל 1918, רעג. 1085.

װענונג. אײנער, אַן עד ראיה פון איװאַנקאָװ, קיעװער גוב., — אַ פּונקט, װאָס האָט זיך שפּעטער קונה שם געװען מיט זײנע פּאָגראָמען, — ניט איבער פּאָלגנדיגע אינטערעסאַנטע סצענע: „אין אַפּריל 1918 האָבן די אָרטיגע אוקראַאינישע טוער אײנגעאָרדנעט אַ שעװטשענקאָ־יום־טוב און אײנגעלאַדן באַטײליגן זיך אין אים אויך די ייִדן. די ייִדן האָבן מסכים געװען, און אין דער פּאָרגעקומענער מאַניפעסטאַציע האָבן אָנטײל גענומען אויך די ייִדישע בעלי־בתּים פון שטעטל, מיטן רב בראש; חוץ זײ זײנען געגאַנגען בסך הכּל אַ מענשן 10 אוקראַאינער. די פירער האָבן זיך צו דער דאָזיגער גאַנצער מאַניפעסטאַציע באַצױגן מיט אַ געלעכטער און זי אָנגערופן „זשידיװסקאַ מאַניפעסטאַציאַ [1]).

די אוקראַאינישע פּרעסע האָט זיך אין אַלגעמײן אַרױסגעזאָגט קעגן די פּאָגראָם־עקסצעסן. „באָראָטבאַ“, דער אָרגאַן פון די אוקראַאינישע ס.־ר׳ן, האָט בעת די קיעװער געשעהענישן געשריבן, אַז ס׳איז נױטיג אַן אױספאָרשונגס־קאָמיסיע װעגן די פּאָגראָם־עקסצעסן און אַז די דאָזיגע קאָמיסיע מוז זײן אונטער דעם קאָנטראָל פון דער באַפעלקערונג. די „באָראָטבאַ“ האָט אָבער ניט אָנגעװיזן, װער באַטײליגט זיך אין די עקסצעסן. אָפענער איז אַרױסגעטראָטן דער אָרגאַן פון די אוקראַאינישע ס. ד. — די „ראָבּיטניטשאַ האַזעטאַ“. „מיר װײסן, — האָט זי געשריבן, — אַז צװישן די אומבאַװאוסטזיניגע מאַסן באַמיהען זיך אומפאַראַנטװאָרטליכע מענשן צו מאָלן די באָלשעװיסטישע געשעהנישן, אַלס אַ הערשאַפט פון ייִדן, אַלס אַ ייִדישע אינטריגע. מיר מוזן אױפן ענערגישן אופן אַרױסטרעטן קעגן אָט די קלאַנגען און רופן צו אײניגקײט און מיטאַרבעטערשאַפט מיט דער ייִדישער דעמאָקראַטיע. מיר מוזן דערמאָנען אָט די אומפאַראַנטװאָרטליכע מענשן, אַז די שטעלונג פון די ייִדישע פּאַרטײען צום באָלשעװיזם איז די גאַנצע צײט געװען אַ שאַרף נעגנערישע“. קעגן די פּאָגראָמען איז אױך אַרױסגעטראָטן די „נאָװאַ ראַדאַ“, דער אָרגאַן פון די סאָציאַליסטן־פעדעראַליסטן (ס. פ.); ער האָט אָבער פאַרלײקענט די אמתע שולדיגע: די פּאָגראָם־אַגיטאַציע, — שרײבט ער, — פירן נעהײמע שװאַרצמאַהניקעס און כוליגאַנעס, אױך די כּלומרשטע „באָלשעװיקעס“, װאָס װילן פאַרװישן זײערע שפורן, און פּשוטע „בירגער“. „מיר זײנען זיכער, — איז די צײטונג מוסיף, — אַז קײן פּאָגראָמען און גװאַלדטאַטן װעלן ניט פאָרקומען, אַז די אוקראַאינישע אַרמײ װעט ניט גײן, קאָן ניט גײן אױפן װעג פון די באָלשעװיסטישע רױבער“ [2]). עס זײנען פאָריבער עטליכע טעג, די פּאָגראָם־שטימונג אין שטאָט האָט זיך שטאַרק אױפגעהױבן, און די זעלביגע צײטונג איז אַרױסגעטראָטן מיט אַ רײע אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען. אין סאַמע ברען פון די קיעװער עקסצעסן איז געװען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין „נאָװאַ ראַדאַ“, װאו דער מחבר ניט איבער די אַרגומענטן פון די קאָזאַקן: „מ׳האָט אונז געשאָסן אין רוקן... ייִדן האָבן געטראָגן עסן די באָלשעװיקעס, האָבן זײ איבערגעגעבן ידיעות װעגן אונזערע פּאַטרולן,

[1]) אַ ר כ י װ פ ו ן ר ע ד אַ ק צ י ע (1919), באַריכט װעגן די געשעהנישן אין איװאַנקאָװ, פאַרשריבן לױט דער מעלדונג פון סעקרעטאַר פון קהלה א. כּהן.

[2]) לױט דער „נ י י ע ר צ י י ט“, 31 №, פונם 6־טן מערץ 1918.

מיט רויטע בענדלאַך אויף די אַרבעל פלעגן זיי דורכקריכן, כדי צו בריינגען זיי הילף. און אַז די באָלשעוויקעס האָבן מנצח געווען, איז די גאַנצע יידישע יוגנט אַריינגעטראָטן אין די רייען פון דער רויטער גוואַרדיע". „די יידישע באַפעלקערונג האָט אונז ניט ליב, זי פילט אונז ניט מיט... מיר ווייסן, אַז ביי אַ נייער געלעגנהייט וועלן אונז די יידן נאָכאַמאָל פאַרראַטן, וועלן שיסן אויף אונז, וועלן אונז מסרן... מיר זיינען סאָלדאַטן, און אויף שיסערייען ענטפערן מיר מיט שיסערייען, אויף אַ קלאַפּ מיט אַ קלאַפּ". איבערגעבנדיג די דאָזיגע אַרגומענטן, איז דער מחבר פון זיך מוסיף: „דער לאָגישער אַרט דענקען ביי די קאָזאַקן איז גאָר ניט אַזאַ ווילדער". „די יידן, – פאַרענדיגט ער,— דאַרפן אָנגעמען מיטלען צו דערשטיקן די שׂנאה צו זיך, זיי דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון די טשודנאָווסקיס, רייכשטיינס און שאַפּיראָס. זיי דאַרפן מיט מ ע שׂ י ם באַווייזן, אַז זיי זיינען טריי דער אוקראַינישער מלוכה, אַז זיי האַלטן ניט דעם קורס לויטן פּאָליטישן וועטער" [1]). אין גיכן נאָך דעם אַרטיקל איז אין „נאָוואַ ראַדאַ" ערשינען אַ צווייטער, אונטערן נאָמען „די יידן און דאָס אוקראַינישע מיליטער", מיט ענליכע אַרגומענטן, אָבער נאָך שאַרפער אויסגעדריקט. דער מחבר פונם אַרטיקל, דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג א. ניקאָווסקי, אַן אָנגעזעהנער אוקראַינישער פּאָליטישער טוער און געהילפס⸗פאָרזיצער פון דער ראַדע, איז אַרויסגעטראָטן אָפן. שילדערנדיג די לאַגע פון די קאָזאַקן אין קיעוו בעתן אָנגריף פון די באָלשעוויקעס שרייבט ער: „צו די באָלשעוויקעס האָט זיך אַריבער⸗געגנבעט די יידישע יוגנט, מיט צייכנס פון „רויטן קרייץ" אויף די אַרבל, און האָט זיך נאָכדעם באַוואָפנט מיט ביקסן קעגן די אוקראַינישע קאָזאַקן. דאָס אוקראַינישע מיליטער איז אַריינגעפאַלן, ווי אין אַ מויזן⸗פאַסטקע. אומעטום זיינען זיי געווען אַרומגערינגלט מיט שׂונאים. אַז די אוקראַינער זיינען לסוף געצוואונגען געווען אַוועקצוגיין, האָט זיי „קיעוו" געשאָסן אין רוקן ביזן לעצטן הויז ביי סוויאַטאָשינאָ. צוקוקנדיג זיך צו זייערע שׂונאים, צו די איינצעלנע און גרופּן⸗פיינט, האָבן די אוקראַינער זיך קלאָר איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען א ו י ס ש ל י ס ל י ך י י ד י ש ע י ו ג נ ט, — סטודענטן, גימנאַזיסטן, אַרבעטער"... „די קאָזאַקן זיינען ווידער אַריין אין קיעוו. וואוהין זיינען זיי אַריינגעקומען? ניט מער און ניט ווייניגער, ווי אין אַ פיינטליכער שטאָט... זיי (די יידן) שווייגן ווען אונזערע קומען, שווייגן ווען אַלע אָנפאַלן אויף אונז מצד זייערע קרובים און זין, דערפאַר מאַכן זיי אַ ליאַרם איבער אַרעסטן אָהן אָרדערס, אַלע הריגות וואַרפן זיי אויף אונזער קאָפּ, זיי אַגיטירן קעגן דער אוקראַינישער מאַכט, און אגב אורחא זאָגן זיי זיך ניט אָפּ פון אַ פאַרדינסטל אַרום די דייטשן"... די קאָזאַקן, — שרייבט ווייטער ניקאָווסקי, — באַזוכן ניט קיין פאַרלאַמענטן; „דאָרטן זיינען נאָר ווערטער, און אויף וואַסילקאָווער גאַס (דער יידישער געגנט) טוען זיך אָפּ אַזעלכע מעשׂים, אַז אויף יעדער שריט און טריט דאַרף מען זיך אַרומקוקן, זאָלסט ניט כאַפּן אַזוי גלאַט אַ קויל, וואָס די נאַציאָנאַלע מינדערהייט האָט אין די⸗

[1]) אַרטיקל פון יאַרינאָוויטש אין „נאָוואַ ראַדאַ" № 28, 1918. יאַרינאָוויטש איז דער פּסעוודאָנים פון א. ניקאָווסקי, רעדאַקטאָר פון דער צייטונג.

אויסנעשאָסן". „דאָס יידנטום באַהאַלט זיך הינטער די פּלייצעס פון דער דומע, פון דער פּרעסע, דירעקט האָט עס אָבער גאָרניט געזאָגט... און קיעווער יידנטום האָט דאָך איבער 40 געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס... פאַרוואָס פּראָטעסטירן זיי ניט (קעגן די באָלשעוויקעס)? פאַרוואָס ערקלערן זיי, די יידן, ניט, אַז זיי זיינען אויך בירגער פון דער אוקראַינער רעפּובליק?... און ווידער: „די רויט-גוואַרדייער, וואָס זיינען, מערסטנטייל, באַשטאַנען פון יידן, האָבן געשאָסן אוקראַינער נאָר דערפאַר, וואָס זיי זיינען אוקראַינער, און זייערע פּאָטערס און ברידער האָבן אָנגעוויזן, וואו ווער פון די אוקראַינער ס'באַהאַלט זיך אויס, ווער וואָס ס'איז געווען בעת דער „ממשלה" פון די אוקראַינער" [1].

אַזוי האָט געשריבן דער סאַמע מעסיגער און סאָלידער אוקראַינישער אָרגאַן אין ברען פון די הײדאַמאַקישע רציחות און דורך דעם ווי געגעבן אָט די רציחות אַ מאָראַלישע און פּסיכאָלאָגישע באַרעכטיגונג [2]. שפּעטער האָבן זיך די דאָזיגע אוקראַינישע פּרעסע-אָרגאַנען אַרומגעזעהן און האָבן געביטן זייער טאָן, דער תהום צווישן די אוקראַינישע און יידישע פּאָליטישע טוער איז אָבער געוואָרן אַלץ טיפער און טיפער.

די בייז-אויפגערעגטע שטימונג פון די אוקראַינער קעגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן האָט זיך באַזונדערס שאַרף אַרויסגעוויזן אויף דער זיצונג פון דער קליינער ראַדע דעם 17-טן מערץ, בעת ס'איז אַנטגילטיג באַהאַנדלט געוואָרן דער שלום-אָפּמאַך מיט די צענטראַלע מלוכות, וועלכן די אוקראַינישע דעלעגאַציע האָט געשלאָסן אין בריסק. די זיצונג, — דערציילט אַן עדות, — האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַן אָפענעם סקאַנדאַל, פון אַ רייע עקסצעסן קעגן די „מינדערהייטן". די דעפּוטאַטן (באַזונדערס, די ס. פּ. און אויך די ס. ר.) האָבן זיי געשטערט צו רעדן, אויף די כאָרן האָט מען זיך געזידלט און געשריגן. די פראַגע איז באַשטאַנען אין דעם, צי זאָל מען ראַטיפיצירן דעם שלום, דערביי האָבן אַלע אוקראַינישע, און אויך אַלע יידישע פּאַרטייען — אויסער דעם „בונד", — זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער ראַטיפיקאַציע, און די רוסלענדישע „מענשעוויקעס", צוזאַמען מיטן „בונד" און די רוסלענדישע סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן זיינען געווען קעגן. אַלס רעדנער פון די לעצטע דריי פּאַרטייען זיינען אַרויסגעטראָטן יידן (ביסק, ראַפּעס און סקלאָווסקי). אָבער זיי זיינען געווען קעגן דעם שלום ניט אויס וועלכע ס'איז יידישע נאַציאָנאַלע מאָטיוון, אפילו דער פאָרשטייער פון יידישן „בונד" האָט ניט מיט אַזעלכע מאָטיוון אַרגומענטירט; ער האָט געזאָגט צו די אוקראַינער: „מיט אייער שלום האָט איר פאַרקויפט דאָס רוסישע פאָלק

---

[1]) ניט האָבנדיג אונטער דער האַנט דעם דאָזיגן נומער „נאָווא ראַדאַ" (דער אַרטיקל איז געווען געדרוקט דעם 9-טן מערץ), ציטירן מיר לויט דעם וואָכנבלאַט „יעוו. מיסל" 16 №, 1918, וואו דער אַרטיקל איז איבערגעדרוקט כמעט אינגאַנצן („די ערשטע התראה"). זעה אויך „נייע צייט" פונם 11-טן מערץ 1918.

[2]) מיט ענליכע באַשולדיגונגען קעגן יידן איז דעמאָלט אַרויסגעטראָטן אויך דער אוקראַינישער סאָצ.-דעמאָקראַט סוואָהאָבאָטשני (גר. העטמאַנעץ) אין אַ ספּעציעלער בראָשור „צו די שרעקליכע טעג אין קיעוו" (אוקראַיניש).

און די ראַנד־פעלקער פון רוסלאַנד". און ניט קוקנדיג דערויף, וואָס אַלע איבעריגע פיר יידישע פּאַרטייען האָבן געשטימט צוזאַמען מיט די אוקראַינער, איז די אויפרעגונג קעגן די יידן, באַזונדערס צווישן עולם, געווען אַזוי גרויס, אַז דער פּאָרזיצער פון ראַדע, פּראָפ. מ. גרושעווסקי, האָט געהייסן דער וואַך באַפרייען די כאָרן פון עולם. „אוקראַינצעס טרייבט מען אַרויס, און זשידעס בלייבן בעל־הבּיתעווען", האָט מען געשרינגן פון די כאָרן. „די אוקראַינצעס בלייבן דאָ", האָט גרושעווסקי געענטפערט, אָנווייזנדיג אויף זיך [1]). ניט קוקנדיג דערויף, וואָס די ליידנשאַפטן זיינען אַזוי פאַרשארפט געוואָרן, האָבן זיך די יידישע פּאָרשטייער אין דריי טעג נאָך די פּאַסירונגען באַטייליגט צוזאַמען מיט די אוקראַינער אין פייערן דעם יאָר־טאָג פון דער ראַדע. „נאָך דעם אַלעמען, וואָס אוקראַינע האָט איבערגעלעבט, זיינען מיר זיכער געוואָרן, אַז זי קאָן און וועט לעבן", — האָט ערקלערט דער פּאָרשטייער פון די „פּאַראייניגטע", י. נאָוואַקאָווסקי. מיט ענליכע באַגריסונגען זיינען אַרויסגעטראָטן אויך אַנדערע יידישע פּאַרטייען. דער פּאָרשטייער פון „בּונד", מ. ראַפעס, האָט דערביי געזאָגט: „עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע קעגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דערמיט הויבט מען אָן צו באַגראָבן די רעוואָלוציע. און אויב מיר וועלן מיט אייך צוזאַמען ניט געפינען קיין וועג (צו פאַראייניגונג), וועלן מיר ביידע באַגראָבן ווערן"... גלייך ווי אַן ענטפער דערויף האָבן געקלונגען די ווערטער פון קושנירן, דעם רעדנער פון די „סאָצ. פעדעראַליסטן": „ביז די מינדערהייטן וועלן ניט גיין מיט אונז, וועלן מיר מוזן זיין שאָוויניסטן" [2]).

אין די דאָזיגע ווערטער פון די צוויי פּאָרשטייער פון די הויפּט־נאַציאָנאַליטעטן אין אוקראַינע ליגן באַהאַלטן צוויי היפּוכדיגע שטאַנדפּונקטן. גלייך ווי אַ וואַנט וואָלט צווישן זיי געשטאַנען. די אומנאָרמאַלע לאַגע, אין וועלכער ס'האָט זיך געפינען די יידישע געזעלשאַפטליכקייט ביי דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון די אוקראַינער, האָט ביי איינינע יידישע עסקנים אַרויסגערופן ספקות, צי ברייננט גאָר, בכלל, נוצן דער אינסטיטוט פון דער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע. אין אַן אַרטיקל „אַ געווינס אָדער אַ גזרה?" האָט איינער פון די פירער פון די „פּאַראייניגטע", מ. ליטוואַקאָוו, געשריבן, אַז די אוקראַינער האָבן „דעם אינסטיטוט ביסלאַכווייז פאַרוואַנדלט אין אַ מין מלוכה־פּאָליטישן תחום". זיי זאָגן די יידן: „נעמט אייך צו ביי אונז דעם קרייז פון אייערע ספּעציעלע ענינים, טוט אייך מיט אים, וואָס איר ווילט, לעזט אייערע פראַגן, ווי אייער האַרץ גלוסט זיך, אָבער די אוקראַינישע מלוכה איז אייך ניט נוגע, דאָס איז שוין אונזער זאַך". דער מחבר באַווייזט ווייטער, אַז אַלע וויכטיגסטע אַקטן אין דער ראַדע, — אַלע, אָנהויבנדיג באַזונדערס פונם דריטן אוניווערסאַל, — פלעגן אָנגענומען ווערן

---

[1]) „נ י י ע צ י י ט" פונם 19־טן מערץ 1918. דער שלום איז ראַטיפיצירט געוואָרן מיט אַלע שטימען קעגן 7 („מענשעוויקעס", „בונד", רוסלענדישע ס. ר־ן און „פּוילישער צענטראַל").

[2]) ד אָ ר ט, פונם 22־טן מערץ 1918.

אָהן דער וויסן און ווילן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אמת, לאחר המעשה פלעגט מען זיי ערלויבן צו לייענען זייערע דעקלאַראַציעס, נאָר דאָס לייענען פון די דעקלאַראַציעס גופא איז געוואָרן אַ מין עקזאַמען אויף טרייקייט דער אוקראַינישער מלוכה. „און דער עקזאַמען איז געווען אַ שטרענגער, אַ אומבּרחמנותדיגער און אַ פּיל=פּניותדינער“[1]...

וואַרפנדיג אַ בּליק אויך צוריק, אויף דער דאָזיגער תּקופה פון די פּאָגראָם=עקסצעסן, דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז די יידישע בּאַפעלקערונג, אַלס גאַנצע, האָט זיך אין דער תּקופה נאָך ניט געפילט טעראָריזירט דורך די פּאָגראָם=געשעהנישן. ניט קוקנדיג אויפן גאַנץ בּרייטן און פּערמאַנענטן כאַראַקטער פון די פּאָגראָמען, זייט נאָך דאָס פּראָווינציעלע יידנטום אַרויס אַ געוויסע ענערגיע אינם קאַמף מיט זיי. מיר האָבּן פריער שוין געבּראַכט אַ רייע פאַקטן וועגן דער טעטיגקייט פון די בּאַוואָפנטע זעלבּסטשוץ=אָפּטיילונגען, ווען ס'איז ניט איינמאָל געלונגען אָפּצוראַטעווען די שטעטלאַך. דורך דעם אָבּער, וואָס דער שאָוויניסטיש=רעאַקציאָנערער קורס איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער, איז ניט נאָר אוממעגליך געוואָרן די אָפיציעלע אָנערקענונג פון יידישער זעלבּסטשוץ, נאָר מען האָט זיך אַפילו גענומען די זעלבּסטשוץ צו אַנטוואָפנען. אַזוי האָבּן, למשל, די יידן פון נאָלאָוואַנעווסק, פּאָדאָליער גוב., — וועמעס דרוזשינע איז נאָכדעם, אין יאָר 1919, שטאַרק בּאַרימט געוואָרן, — זיך איצט געווענדעט צום יידישן מיניסטעריום מיט אַ בּקשה זיך משתּדל זיין, מ'זאָל זיי אומקערן דאָס צוגענומענע געווער. אין שטעטל איז געווען „אַ קרינס=דרוזשינע בּיים קאָמיטעט פון געזעלשאַפטליכער זיכערקייט“, וואָס איז אַנטוואָפנט געוואָרן דורכן אויעזד=קאָמענדאַנט. דער זעלבּיגער גורל האָט אויך געטראָפן די „יידישע קאַמפּס=דרוזשינע“ אין אדעס. די אדעסער „דרוזשינע“ איז געגרינדעט געוואָרן, לויט דער איניציאַטיוו פון די יידישע געזעלשאַפטליכע טוער, אין אַוגוסט 1917, אינם סאַמע בּרען פון די „שכּורע עקסצעסן“, און אין אַ משך פון אַ קורצער צייט איז פון איר געוואָרן אַן ערנסטע מיליטער=טייל, וואָס האָט זעהר פיל אויפגעטאָן, כּדי מציל זיין די שטאָט פון פּאָגראָמען. די אדעסער „דרוזשינע“ האָט עקזיסטירט מיט הפסקות בּיי אַלע מאַכטן איבּער צוויי יאָר. זי האָט געהאַט אַ שטענדיגן בּאַשטאַנד פון געוועזענע יידישע סאָלדאַטן, אויף שכירות, איז געווען אויסגעהאַלטן פון דער יידישער בּאַפעלקערונג און אַ געוויסע צייט האָט זי אַפילו געקראָגן סובּסידיע פון דער שטאָט=דומע. די „דרוזשינע“ איז געווען שטרענג אַפּאָליטיש און האָט נאָר געהאַט די צוועקן בּאַשיצן די יידישע בּאַפעלקערונג און בּאַהיטן די שטאָט בּכלל. איר ראָלע איז געווען בּאַזונדערס גרויס אין די איבּערגאַנגס=פּעריאָדן, בּעתן קאַמף צווישן די בּאָלשעוויקעס מיט די אוקראַינער און שפּעטער מיט די דייטשן, ווען זי האָט בּאמת פאַרהיט די שטאָט פון אַ פּאָגראָם. ערב דעם אַריינטרעט פון די דייטשן, האָט די „דרוזשינע“ געציילט בּיז 600 שטענדיגע מיטגלידער (אויסער די רעזערוון), וועלכע האָבּן געוואוינט אין 12 קאַזאַרמעס און זיינען

[1] דאָרט, פונם 25-טן מערץ 1918, „אַ געווינס אָדער אַ גזרה?“

נעווען זעהר גוט בּאַוואָפנט, האָבּן אפילו געהאַט ספּעציעלע קוילנוואַרפער־קאָמאַנדעס. די דייטשן האָבּן אַנטוואָפנט די „דרוזשינע“, וועלכע האָט זיי געמוזט אָפּגעבּן זעהר פיל געווער (22 קוילנוואַרפערס, 1000 בּיקסן און אַ סך פּאַטראָנעס). זי האָט אָבּער אַ טייל פון איר געווער, לערך אַ דריטל, פאַרלייקנט און געהיים פאַרגראָבּן אין דר׳ערד. אַז די דייטשן זיינען אַוועקגעגאַנגען, סוף 1918, איז די אדעסער „דרוזשינע“ ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן, אָבּער אין אַפּריל 1919 איז זי ווידער אנטוואָפנט געוואָרן — דאס מאָל דורך די בּאָלשעוויקעס. ערב דעם אנקומען פון דעניקינס אַרמיי האָט זי נאָכאַמאָל אויפגעלעבּט, אָבּער די דעניקינצעס האָבּן זי צום דריטן מאָל אַנטוואָפנט און בּטל געמאַכט לגמרי [1]. אַ בּאַוואָפנטע זעלבּסטשוץ האָט עקזיסטירט אויך אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אָבּער דאָ איז ניט געווען קיין אַלגעמיינע זעלבּסטשוץ־אָרגאַניזאַציע, נאָר יעדערע פון די דריי יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָט געהאַט איר „דרוזשינע“, חוץ דעם איז אין שטאָט געווען אויך אַן אָפּטיילונג פונם „יידישן מיליטערישן פאַרבּאַנד“. די „דרוזשינעס“ זיינען געווען גוט בּאַוואָפנט, און אַ דאַנק דעם האָט די פּאָגראָם־אַגיטאַציע אין שטאָט ניט אָנגענומען קיין אַקטיווע פאָרמען. די דאָזיגע אַלע „דרוזשינעס“ זיינען אָבּער סוף מערץ 1918 מיט געוואַלט אַנטוואָפנט געוואָרן דורך דער היגער „רויטער גוואַרדיע“, וואָס איז בּאַשטאַנען פון בּאָלשעוויקעס און אַנאַרכיסטן (וועגן דעם זעה ווייטער). אין אַ קלענערער פאָרם האָט די בּאַוואָפנטע זעלבּסטשוץ עקזיסטירט אין אַ רייע אַנדערע שטעט (למשל — אין כּאַרקאָוו), אָבּער מיטן אָנקומען פון די דייטשן און העטמאַן האָט די זעלבּסטשוץ זיך געמוזט אומעטום ליקווידירן.

חוץ אָט די מיטלען פון בּאַוואָפנטן ווידערשטאַנד פלעגן, ווי פריער, אָנגענומען ווערן שריט, וואָס האָבּן געטראָגן אַ פּאָליטישן כּאַראַקטער: מ׳פלעגט זיך ווענדן צו דער צענטראַלער מאַכט נאָך הילף. אויך איצט האָט מיט אָט דער אַרבּעט אָנגעפירט דאָס יידישע מיניסטעריום, וואוהין ס׳פלעגן אָנקומען מעלדונגען פון די ערטער וועגן די רציחות. די דאָזיגע מעלדונגען אָבּער זיינען שוין געווען ניט קיין פּאָדערונגען, ווי פריער, נאָר גיכער קלאָג־בּקשות. עס פילט זיך אין זיי, אַז דאָס פּראָווינציעלע יידנטום פאַרלירט בּיסלאַכווייז די אמונה אין דער אמתער קראַפט פון זיינע נאַציאָנאַלע און מלוכהשע רעכט, און פילט זיך פאַרלוירן פונם וואַקסנדן שאָוויניסטישן קורס. די ווענדונגען פונם יידישן מיניסטעריום צו דער מאַכט האָבּן אויך אַ פאַרשיידענע הצלחה אין פאַרשיידענע פּעריאָדן. בּיז יאַנואַר 1918 איז זייער ערפאָלג געווען אַ בּאַדייטנד גרעסערער — די מאַכט שיקט אויף די ערטער וואַך־אָפּטיילונגען, ס׳טרעפט זיך, אַז זי בּאַשטימט אויך אַן אויספאָרשונג, ס׳גרינדן זיך קאָמיסיעס צו קעמפן מיט די עקסצעסן. אָנהויבּנדיג אָבּער פון יאַנואַר און ווייטער, הערט מען שוין ניט וועגן קאָמיסיעס, ניט וועגן וועלכע ס׳איז אויספאָרשונגען, און אַ

[1]) נעבוי וועגן אדעסער דרוזשינע זעה די זכרונות פונם איר אָרגאַניזאַטאָר און פירער ש. יאַקאָבּי, אין אַרכיוו פון רעדאַקציע (מאַטעריאַלן וועגן זעלבּסטשוץ).

פשיטא שוין ניט וועגן מיליטער=אפטיילונגען צו קעמפען מיט די עקסצעסן — די אַקטיווע אָנטיילנעמער אין די עקסצעסן זיינען דאָך זעהר אָפט די אוקראַינער מיליטער=טיילן גופא.

דער קרייז פאָגראָם=עקסצעסן, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער „גאָלדענער תקופה“ פון דער אוקראַינישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, שליסט זיך צו מאי 1918. די לעצטע חדשים פון דער תקופה ווערט דער פאָליטישער קורס רעכטער און די דיקטאַטור פונם „נאַציאָנאַל=באָלשעוויזם“ שטאַרקער. אין די דאָזיגע חדשים מערקן זיך בולט אָן די צוויי קאַנאַלן, אין וועלכע ס'האָט זיך אָנגעזאַמלט און דורך וועלכע ס'איז געפלאָסן די פאָגראָם=ענערגיע — די נאַציאָנאַלע אוקראַינישע אַרמיי, רעסטאַרירט אינם גייסט פון די אַמאָליגע היידאַמאַקעס, און דאָס אוקראַינישע בעל=הגופיש=אַנאַרכיסטישע דאָרף, וואָס האָט נאָך ניט אַנטוויקלט אַלע זיינע אומגעהייערע אינסור=גענטן=פּאָטענציעס. פון מאי אָן און ווייטער קומט פאָר אַן איבערברוך אין פאָליטישן שיקזאַל פון דער יונגער אוקראַינע, ס'הויבט זיך אָן דער פעריאָד פון אָפענער דייטשער אָקופּאַציע, העטמאַנשטשינע און ליקווידאַציע פון די רעוואָלוציאָנערע דערגרייכונגען, ווי אויפן נאַציאָנאַלן, אַזוי אויך פאָליטישן און, באַזונדערס, סאָציאַלן געביט. די פאָגראָם=געשעהענישן אין דער נייער תקופה קומען שוין פאָר אין גאַנץ אַנדערע ראַמען, אָבער זיי בילדן דאָך אַ רינג אין דער גאַנצער קייט, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער דאָזיגער „גאָלדענער תקופה“ פון אוקראַינישער באַוועגונג.

# VII

דער אָנגריף פונם דייטש-אוקראַיִנישן חיל. — אין צפון טשערניגאָווער גובערניע. — די מפּלה פון די רויטע טײלן און פּאָגראָם-עקסצעסן. — די געשעהענישן אין מגלין און סוראַזש. — די שחיטה אין גלוכאָוו. — פּאָגראָם-אָדיסעיע; די ערשטע פּאָגראָם-אַנטלאָפענע. — די שחיטה אין נאָווגאָראָד-סעווערסק. — אין ראַיאָן. — פּאָגראָמען און די ראַטן-מאַכט. — איינצעלנע עקסצעסן מצד באָלשעוויסטישע טײלן.

בעתן איבערגאַנג פון איין פּעריאָד צום אַנדערן, אין מערץ-אַפּריל 1918, קומען בײ די גרעניצן פון אוקראַיִנע פּאָר עטליכע פּאָגראָמען, וואָס לויט זייער כאַראַקטער און די אָנטיילנעמער טײלן זיי זיך אויס פון דער רייע געוואוינליכע עקסצעסן פון יענער צייט. זיי זיינען ווייט אַרויס מהויץ לגדר, אַרויסגעפאַלן פון דער אַלגעמיינער קייט רציחות אין די יאָרן 1917-1918 און געקומען, אַלס אַן אנזאָג פון די בלוטיגע געשעהענישן, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַרן יאָר 1919, מיט זיין ווילדער פּאָגראָם-רציחה. אין דער צייט, וואו מיר האַלטן, האָבן אָט די פּאָגראָמען פאַרכאַפּט נאָר אַ קליינע טעריטאָריע אין צפון-מזרחדיגן ווינקל פון טשערניגאָווער גובערניע און האָבן ניט אָנגענומען קיין ברייטן און לאַנגדויערנדיגן כאַראַקטער.

גלוכאָוו, נאָווגאָראָד-סעווערסק, סערעדינאַ-בודאַ און דער גאַנצער ראַיאָן פון אָט די אויעזדן ווערט אַ צענטער פון ביז דעמאָלט אומערהערטע אכזריותן, פון יידישער שחיטה. די פּאָגראָם-סכּנות, וואָס האָבן געשוועבט איבערן קאָפּ פון דער יידישער באַפעלקערונג פון דעם ראַיאָן, און די שטענדיגע מורא טרייבן די באַפעלקערונג פון אָרט צו אָרט, פון די קלענערע פּונקטן אין די שטעט, וואו זיי האָפן צו געפינען אַ מקום מנוחה. פאַר דעם פּעריאָד איז דאָס אַ נייע ערשיינונג, אַ אומערוואַרטעטע עליה פון דער פּאָגראָם-כוואַליע. און באַזונדער כאַראַקטעריסטיש איז דערביי דאָס, וואָס אין די דאָזיגע געשעהענישן טרעטן אַרויס גאַנץ נייע אָנטיילנעמער — די דעזאָרגאַניזירטע באָלשעוויסטישע מיליטער-טײלן. די געשעהענישן זיינען ניט פאַרבונדען מיט דער פריערדיגער ליניע פון דער פּאָגראָם-באַוועגונג אין אוקראַיִנע, מיט אירע אַקטיווע הויפּט-כחות — דער אוקראַיִנישער אַרמיי און דעם פּויערטום. זיי האָט אַרויסגערופן אַ קראַמפּ, וואָס איז דעם נעגנט פרעמד געווען — די רויטע-גוואַרדייער און מאַטראָסן, וואָס זיינען געקומען פון צפון און וואָס האָבן אונטער באָלשעוויסטישע לאָזונגען באַהאַלטן די פריערדיגע סאָציאַל-אַנאַרכישע הפקרות, וועלכע האָט זיך ביים דעמאָראַליזירטן סאָלדאַטנטום זומער און הערבסט 1917

אויסגעגאָסן אין שכורע פּאָגראָמען, אין רויבערייען און עקסצעסן אין די יידישע שטעטלאַך פון וואָלין און פּאָדאָליע.

ווי אַלע פּאָגראָמען כמעט, וואָס קומען פאָר פון דעם מאָמענט אָן אין אוקראַינע, שטייען די דאָזיגע פּאָגראָמען אין פעסטן צוזאַמענהאַנג מיט די מיליטערישע אָפּעראַציעס. דאָס זיינען געווען עפּיזאָדן אין די צוזאַמענשטויסן צווישן די באָלשעוויקעס און די אָנרייפנדע דייטשן, וואָס זיינען געקומען העלפן די אוקראַינער אָפּרייניגן די צפון-אויעזדן אין טשערניגאָווער גובערניע און די דרום-אויעזדן אין פּאָלעסיע פון דער באָלשעוויסטישער ממשלה און וואָס האָבן מיט אַן אייזערנער האַנט דורכגעפירט, אין הסכם מיט בריסקער אָפּמאַך, אַ גרעניץ-ליניע צווישן אוקראַינע און רוסלאַנד. די דאָזיגע פּאָגראָמען זיינען געמאַכט געוואָרן דורך די פאַריאָגטע רויטע חילות אויף אייגענער אחריות און איניציאַטיוו, און זיינען געשטאַנען אין אַ סתירה מיט דער גאַנצער פּאָליטיק פון דער צענטראַלער ראַטן-מאַכט. נאָר אין יענעם פּעריאָד (דער סוף פונם „פּעטראָגראַדער פּעריאָד" פון ראַטן-מאַכט) האָבן נאָך די באָלשעוויקעס אין צענטער אַליין פּראָפּאַגאַנדירט „זעלבסטעטיקייט" פון די מאַסן, מ'האָט נאָך דאָס רויטע מיליטער ניט אָנגעהויבן אַריינגעמען אין דיסציפּלין און אין צוים, און קעגן די גאַנץ שטאַרקע אַנטיסעמיטישע אינסטינקטן האָט זיך נאָך אין די רייען פונם דאָזיגן מיליטער ניט געפירט קיין סיסטעמאַטישער קאַמף, ווי דאָס איז געשען שפּעטער.

אַ רייע ערשיינונגען זאָגן עדות, אַז צווישן דעם ראַטן-מיליטער, וואָס האָט אָפּערירט ביים גרעניץ-ראַיאָן פון פּאָלעסיע און טשערניגאָווטשטשינע, זיינען דעמאָלט געווען גאַנץ שטאַרק די אַנטיסעמיטישע שטימונגען. די פּרעסע האָט דעמאָלט געבראַכט ידיעות, אַז איידער די ראַטן-מאַכט האָט זיך עוואַקואירט פון האָמלער געגנט, פון וואַנען די דייטשן האָבן אויף דעם ראַיאָן געפירט זייער אָנגריף, האָבן די רויטע מיליטער-טיילן געפּרובט מאַכן אין האָמעל אַ פּאָגראָם, נאָר די באַוואָפנטע זעלבסטשוץ האָט צו קיין פּאָגראָם ניט דערלאָזט און דערביי עטליכע פּאָגראָמשטשיקעס געהרגעט און פאַרוואונדעט. די דעזאָרגאַניזירטע טיילן פון רויטן מיליטער, וואָס זיינען זיך צולאָפן איבער דער סביבה, האָבן נאָכדעם פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז „די זשידעס צושיסן די רויטע-אַרמייער". אין מגלין, טשערניגאָווער גובערניע, איז די אַנטיסעמיטישע שטימונג צווישן איינגע באָלשעוויסטישע עלעמענטן געווען אַזוי שטאַרק, אַז איינער פון די מיטגלידער פונם אָרטיגן ראַט, אַ ייד, האָט מתרה געווען די יידישע באַפעלקערונג, זי זאָל זיך ריינוואַשן פון באַשולדיגונג אין „קאָנטר-רעוואָלוציע", ווייל „די פראַגע וועגן אַ פּאָגראָם איז שוין געשטעלט אויפן סדר היום פונם ראַט" [1]. אין אַ שטיקל צייט אַרום זיינען אין מגלין טאַקע פאָרגעקומען בלוטיגע געשעענישן:

---

[1] מיר ציטירן בוכשטעבליך די ווערטער פונם קאָרעספּאָנדענט, אָבער מיר גלייבן ניט, ס'זאָל הייסן, אַז דער ר אַ ט קלייבט זיך מאַכן אַ פּאָגראָם, נאָר, מסתמא, אַז דער ראַט האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דער פּאָגראָם-פראַגע איבער די אַנטיסעמיטישע שטימונגען פון אַ טייל רויטע סאָלדאַטן.

אויפן אויעזד=צוזאַמענפאָר פון די פויערן=דעפוטאַטן איז דערהרגעט געוואָרן דער פאָר=זיצער פונם ראַט; פון דער סט. אוניעטשי איז אָנגעקומען אַ שטראָף=עקספעדיציע פון רויטע=גוואַרדייער און אונטערן אויסרייד, אַז זי באַשטראָפט די שולדיגע, האָט זי געמאַכט אַ יידישן פּאָגראָם: ס׳זיינען 15 יידן געהרגעט געוואָרן, עטליכע יידן פאַרוואונדעט און צושלאָגן, און די יידישע דירות צורויבט. אין איין הויז, וואו ס׳האָבן זיך אויסבאַהאַלטן יידן און רוסן, זיינען אַריין רויטע=גוואַרדייער און אויסגעשריען: „רוסן — אַרויס, יידן — בלייבט!“ די איבערגעבליבענע יידן האָט מען אויסגעשחטן; צווישן די הרוגים איז געווען אַ צוויי=יאָריג מיידעלע. פּאָגראָם=עקסצעסן, נאָר אָהן מענשליכע קרבנות, זיינען פאָרגעקומען אויך אינם שכנותדיגן שטעטל סוראַזש. אַהער איז אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג רויטע=אַרמייער פונם ערשטן פאָלק, וואָס האָט געטראָגן לענינס נאָמען, מיטן צוועק „צו באַשטראָפן די קאָנטר=רעוואָלוציאָנערן“, און האָט באַגאַנגען עקסצעסן אין די יידישע הייזער; די סאָלדאַטן האָבן דערביי געשריען, אַז „די יידן האָבן אין אַנדערע ערטער מקבל פּנים געווען די דייטשן מיט ברויט און זאַלץ“ [1].

אָבער באַדייטנד ערנסטער זיינען געווען די געשעהענישן, וואָס האָבן אויסגעבראָכן אין גלוכאָוו. אָט וואָס ס׳מעלדעט וועגן דעם די כאַרקאָווער צייטונג „סאָציאַל=דעמאָקראַט“: פון 5 אַ זייגער אָן אויפדערנאַכט דעם 7=טן מערץ איז די שטאָט געווען אין משך פון צוויי מיט אַ האַלב מעת=לעת אין דער מאַכט פונם צעווילדעוועטן המון... געליטן האָבן כמעט אויסשליסליך יידן... ביי אַ סך פון די, וואָס זיינען לעבן געבליבן, זיינען אָפּגעהאַקט די הענט. פאַר די מוטערס אין די אויגן האָט מען געהרגעט זייערע קליינע קינדער... די מאַנסבילן האָט מען אַרויסגעשלעפּט אין די גאַסן, זיי דאָ געשלאָגן מיט די ביקסן, געשטאָכן און דערשאָסן. דערביי האָט מען געזונגען שכורע לידער, געזידלט מיט מוראדיגן נבול=פּה. וועגן רויבעריען איז שוין ניטאָ וואָס צו רעדן. פון די אַרומיגע דערפער איז מען געקומען מיט זעק און לחלוטין אַלץ אַרויסגעפירט. איבערגעלאָזט האָט מען נאָר די הוילע ווענט“. אַן עד ראיה שרייבט: „בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער, מ׳האָט אויסגעשאָסן גאַנצע משפחות, מ׳האָט ניט געלייגט קיין רחמנות אויף קיין קינדער און זקנים. גאַנצע משפחות זיינען צוזאַמען צו קבורה געקומען אויפן יידישן בית=עולם“. דער פּאָגראָם האָט פאַרכאַפּט אויך דאָס פאָרשטאָט — דאָרף יעסמאַן. דער גלוכאָווער פּאָגראָם איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון אַ פאַרביסענעם קאַמף, וואָס האָט זיך געפירט צווישן די באָלשעוויסטישע און אוקראַאינישע מיליטער=טיילן. דער באַטורינער פאָלק, וואָס איז געשטאַנען אין גלוכאָוו און וואָס האָט זיך ערקלערט פאַר אַן אוקראַאינישן, האָט אַרויסגעטריבן די באָלשעוויקעס פון שטאָט; די באָלשעוויקעס איז דעמאָלט געקומען צו הילף פון קורסק דער ראָסלאַוולער מיליטער=טייל פון די רויטע=גוואַרדייער, און די

[1]) „ר אַ ז ס ו ו ע ט“ (פּעטראָגראַד) 18 №, 1918, „אויפן רויטן פאָן“. די דאָזיגע ידיעות וועגן מגלין און סוראַזש נעמען מיר נאָר פון דער צייטונג. מיר האָבן ניט קיין שום באַשטעטיגונג וועגן די דאָזיגע פאַקטן פון אַנדערע מקורות.

שטאָט איז צוריק פאַרנומען געוואָרן. דער דאָזיגער מיליטער־טייל (בראש פון וועלכן ס׳איז געשטאַנען איינער אַ מאַטראָס ציגאַנקאָ) האָט זיך אַריינגעריסן אין שטאָט און באַשלאָסן נעמען נקמה און „אויסקוילן אַלע בורזשויעס און זשידעס". צו זיי זיינען צוגעשטאַנען פיל באַוואָפנטע, „באָלשעוויסטיש" געשטימטע פויערן פון אַרום און אויך דער אָרטיגער המון. די סאָלדאַטן פון באַטורינער פּאָלק זיינען אויך איבערגעגאַנגען אויף זייער זייט, ערקלערנדיג דערביי, אַז „די גלוכאָווער יידן האָבן זיי געדונגען צו שלאָגן זיך מיט די באָלשעוויקעס". די שחיטה איז געווען נאָר אויף דער יידישער באַפעלקערונג, פון ניט־יידן זיינען געהרגעט געוואָרן דער אוקראַינישער קאָמיסאַר דראָזד און די אָפיצערן פונם אוקראַינישן פּאָלק. בסך הכל זיינען געהרגעט געוואָרן אַריבער 100 יידן. צווישן זיי אַרבעטער, געוועזענע סאָלדאַטן, סתם בעלי־בתים [1].

בעתן פּאָגראָם זיינען פאָרגעקומען גוואַלדיג אכזריותדיגע סצענעס, וואָס זייער גלייכן באַגעגנט מען כמעט ניט אין די פּאָגראָמען פון יענעם פּעריאָד. מענשן, וואָס האָבן דעם פּאָגראָם איבערגעלעבט, האָבן דערציילט, אַז אין איין הויז האָט מען אויסגעהרגעט אַ גאַנצע פאַמיליע, — דעם פאָטער, די מוטער און דריי טעכטער; דערביי האָט מען פון די טויטע קערפּערס געשפּאָט. אין אַן אַנדער הויז האָט מען פאַר דער מוטער אין די אויגן דערהרגעט אירע דריי זין, דערביי האָבן איר די רוצחים רוהיג ערקלערט: „דיך וועלן מיר ניט אָנרירן. מאָרגן וועלן מיר צו דיר קומען מיטאָג עסן, גרייט זיך צו". און אויפן צווייטן טאָג זיינען זיי טאַקע געקומען. דעם רב, אַ זקן פון קרוב 70 יאָר, האָט מען אַרויסגעשלעפּט אויפן פּלאַץ, אַנידערגעשטעלט אין איין שורה מיט אַסך אַנדערע יידן און דערשאָסן; דאָס איינגע האָט מען געטאָן מיטן שוחט, וועמען מ׳האָט אַ פאַרוואונדעטן אַרויסגעשלעפּט פונם שפּיטאָל. די שול איז באַשאָסן געוואָרן, די ספרי־תורות האָט מען צוריסן. די שכורע און צעווילדעוועטע סאָלדאַטן האָבן געשריען: „מיר האָבן אַ באַפעל אויסצוקוילן אַלע יידן". דער פּאָגראָם איז אָנגעשטילט געוואָרן ערשט אויפן אַנדערן טאָג, נאָך דעם ווי דער אָרטיגער ראַט האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף: „רויטע־גוואַרדייער, גענוג בלוט!". אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך: אויף דעם קבר פון די באַגראָבענע, וואָס זיינען געפאַלן בעתן צוזאַמענשטויס מיט די אוקראַינער, האָבן די סאָלדאַטן אַריינגעשטעקט אַ רויטע פאָן מיט אַן אויפשריפט: „לעבן זאָל דער אינטערנאַציאָנאַל" [2]...

---

[1] אין דער „נ י ו ע ר צ י י ט" פונם 24־טן און 25־טן אַפּריל 1918 איז אָפּגעדרוקט אַ רשימה פון אַנ׳ערך 100 יידישע הרוגים אין גלוכאָוו. לויט אַנדערע, קאָנטיגוזמאַדינגע ידיעות, זיינען געווען מער פון 400 הרוגים (זעה למשל, די אויבנדערמאָנטע צייטונג „ס אָ צ י אַ ל ־ ד ע מ אָ ק ר אַ ט").

[2] זעה די יידישע צייטונג „פּ ע ט ר אָ ג ר אַ ד ע ר ט אָ ג ב ל אַ ט", פונם 19־טן אַפּריל 1918, אַ גענויע גבית־עדות פון אַ געפּיטענעם. זעה אויך דעם „ר אַ ז ס װ ע ט" (װאָכנבלאַט) 14 און 12, 11 מײַ, 1918, וועגן גלוכאָוו.

די אָנפירנדע באָלשעוויסטישע קרייזן אין פּעטראָגראַד האָבן נאָר אַנדערש אויסגעטייטשט די גלוכאָווער געשעהענישן. אין צענטראַל-אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, „פּראַוודאַ", איז געווען אָפּגעדרוקט אַ דעפּעשע פונם 18-טן מערץ מיט אַזאַ אינהאַלט בוכשטאַבליך: „דער העלדישער ראָסלאַוולער מיליטער-טייל האָט נאָך אַ עקשנותדיגן ווידערשטאַנד פאַרנומען גלוכאָוו. די גאַסן פון גלוכאָוו און די גאַנצע סביבה פון דער אייזענבאַן-ליניע זיינען באַדעקט מיט טויטע קערפּערס. אין שטאָט איז אָרגאַניזירט אַ ראַט"[1] . . .

תּיכּף נאָך גלוכאָוו זיינען פאָרגעקומען הריגות פון יידן אויף די נאָהענטע סטאַנציעס, און דעם 19-טן מערץ האָט די אָפּטיילונג פון דער רויטער גוואַרדיע, צוזאַמען מיט צונעשטאַנענע פּויערן, געמאַכט אַ הריגה אויף יידן אינם שטעטל סערעדינאַ-בודאַ. כּמעט אַלע יידן פונם שטעטל זיינען אין שרעק אַנטלאָפן. די פּאָגראָמשטשיקעס איז אָבער דאָך געלונגען צו הרגענען ביז 20 יידן (אין איין פאַמיליע זיינען געהרגעט געוואָרן דער פאָטער, די מוטער, אַ זון און אַ טאָכטער)[2]. דער פּאָגראָם-טעראָר האָט פאַרכאַפּט דעם גאַנצן ראַיאָן פון גלוכאָוו, די יידן זיינען זיך אין שרעק צולאָפן איבער די פעלדער און וועלדער, די פּויערן האָבן זיי פאַריאָגט און איבערגעגעבן צו די רויטע חילות. בשעתו האָט די יידישע פּרעסע געהאַט פאַרעפנטליכט אַ בריף פון איינעם פון אַזעלכע אַנטלאָפענע, וואָס האָט בפרטיות באַשריבן זיינע שרעק-איבערלעבונגען בעת אָט דער פּאָגראָם-אָדיסעיע[3]. אזוי האָט זיך געוואָרפן אין טויט-שרעק פאַר די פּאָגראָם-געשפּענסטער ניט איין יידישע משפּחה.

די באַוועגונג אין די רויטע טיילן קעגן יידן האָט געפונען אַ אָפּקלאַנג אין די שכנישע אויעזדן. אין אַ מעלדונג צום יידישן מיניסטעריום איז מען מודיע וועגן פּאָגראָם-געשעהענישן אין עטליכע קליינע פּונקטן פון סאָסניצער אויעזד. „די טעראָריזירטע יידישע באַפעלקערונג פון די דערפער אַכראַמעיעוויטשי און סיאַדרינאָ, אַריבער 120 מענשן, האָבן איבערגעלאָזט אויף הפקר דאָס גאַנצע פאַרמעגן און זיינען אונטער דער וואַך פון אַ דייטשן פּאַטרול אַנטלאָפן קיין קאָרכאָווקע. וואָס ס'טוט זיך מיט דער יידישער באַפעלקערונג ווייטער מיט 15 וויאָרסט ווייסט קיינער ניט, נאָר די

---

[1]) אינטערעסאַנט איז, אגב, צו באַמערקן, אַז דער דאָזיגער ראַט האָט פּסח-צייט אַרויפגעלייגט אויף די יידן אַ קאָנטריבוציע און געשראָקן, אַז אויב מ'וועט ניט באַצאָלן, קען דער פּאָגראָם זיך איבערחזרן. זעה „פּעטראָג. טאָגבלאַט", פונם 19-טן אַפּריל 1918, גבית-עדות פון אַ געליטענעם.

[2]) „נייע צייט", פונם 4-טן מאַי, 1918.

[3]) דער בריף („מאַטעריאַלן פאַר דער געשיכטע") איז געווען אָפּגעדרוקט אין מאַי אין „פּעטראָג. טאָגבלאַט", 64-66 №№ 1918. זעה אויך דעם וואָכענבלאַט „יעוור. נעדעליאַ", 15 №, 1918, און דעם „ראַזסוועט" 18 №, 1918 יאָר.

פּויערן דערציילן, אַז דער אומגליק איז דאָרטן ניט קלענער... קיין מיליציע און קיין מאַכט, בכלל, איז ניטאָ" [1])․

די מיליטער-אָפּעראַציעס צווישן די באָלשעוויקעס און די דייטש-אוקראַינישע חילות האָבן שוין געהאַלטן ביים סוף, ווען עס האָט אויסגעבראָכן אַ נייער בלוטיגער פּאָגראָם אין נ אָ ו ו ג אָ ר אָ ד - ס ע ו ו ע ר ס ק. דעם פּאָגראָם האָט געמאַכט, דעם 6-טן אַפּריל, די שארית הפּליטה פונם ראַטן-מיליטער, וואָס איז אָפּגעטראָטן פון סאָסניצע אין ריכטונג פון בריאַנסק. נאָך פאַרן פּאָגראָם האָט דאָ די יידישע באַפעלקערונג געהאַט אויסצושטיין כל׳ערליי גוואַלדטאַטן: בעת ס׳האָט זיך אָרגאַניזירט דער אָרטיגער ראַט, האָבן די רויטע-אַרמייער און מאַטראָסן אָנגעהויבן מאַכן אונטערזוכונגען ביי יידן און צונעמען געלט, דער תּירוץ איז געווען ווי תּמיד — אַז מ׳זוכט געווער. סוף מערץ איז אַהער אָנגעקומען אַ נייער באָלשעוויסטישער מיליטער-טייל (בראש מיטן מאַטראָס בערעטי), וועלכער האָט צונויפגערופן אַלע פאַרמעגליכע יידן און געפאָדערט, זיי זאָלן אַריינטראָגן ביז אויף דער נאַכט 750 טויזנט רובל. אָנהויב אַפּריל האָט אַ מיליטער-טייל, וואָס איז געבליבן פונם באָלשעוויסטישן חיל, געפּרובט מאַכן אַ שטיקל פּאָגראָם, נאָר זי איז אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון שטאָט דורך דער שטאָטישער וואַך. די אָפּטיילונג האָט אָבער באַקומען הילף און האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו דער שטאָט. דער אָרטיגער קאָמיטעט צו העלפן די געליטענע פונם פּאָגראָם שילדערט אַזאַ בילד פונם פּאָגראָם: דעם 6-טן אַפּריל איז קיין נאָווגאָראָד-סעווערסק אָנגעקומען אַ ייד, אַ שליח-מיוחד, מיט אַ ידיעה, אַז ס׳דערנענטערט זיך אַ גרויסער באָלשעוויסטישער מיליטער-טייל און אַז די באָלשעוויקעס האָבן געזאָגט די פּויערן, אַז זיי פאָרן אין שטאָט אויסקוילן אַלע יידן. איניקן האָבן זיך ווירקליך באַוויזן אויספירער, וואָס האָבן זיך געווענדעט צו די מיליציאָנערן מיט אַן אויסגעשריי: „מנוולים, וואַרפט אַוועק דאָס געווער, קוילעט די זשידעס", און זיינען זיך צופאָרן איבער די גאַסן מיט קולות: „שלאָגט די זשידעס". באַלד האָבן אָנגעהויבן אַריינצוגיין די הויפּט-כחות פון די באָלשעוויקעס, און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די שחיטה און דער פּאָגראָם. „די רציחה און אכזריות פון די באַנדיטן, — דערציילט דער מעמאָראַנדום, — איז ניט צו באַשרייבן. מערסטנטייל האָט מען די קינדער געהרגעט פאַר די די עלטערן אין די אויגן, און די פאָטערס פאַר די ווייבער און די קינדער אין די אויגן... ס׳זיינען געווען פאַלן, ווען קריסטן און יידן זיינען געווען צוזאַמען, האָט מען די קריסטן געהייסן אַוועקגיין אָן אַ זייט, און די יידן פלעגט מען הרגענען. ס׳זיינען געווען פאַלן, ווען מ׳האָט די יידן אויסגעשטעלט שורות-ווייז, זיי געהייסן זיך מכין זיין צום טויט, ווידער אָפּגעלאָזט, ווידער אויסגעשטעלט, און אַזוי איבערגעחזרט די ענוים צו עטליכע מאָל, כדי וואָס מער זיך לוסטיג צו מאַכן איבער די ליידן און ער-

[1]) אַ ר כ י ו ו פ ו ן י י ד י ש ן מ י נ י ס ט ע ר י ו ם, מעלדונג פון סיאַדרינאָ און אַבראַמעיעוויטש, פונם 8 אַפּריל 1918, רעג. 1147 №, זעה אויך „נ י י ע צ י י ט" פונם 10 אַפּריל 1918.

נידערונגען פון די צום טויט פאַרמשפּטע... ס'זיינען געווען עטליכע פאַלן, ווען די רוצחים האָבן צוגענומען דאָס געלט, פריער גוט אויסגעמוטשעט און חוזק געמאַכט פון די קרבנות, און דערנאָך ערשט, נאָך לאַנגע יללות און געבעט, געשיינקט זיי דאָס לעבן". „באַהאַלטן האָט זיך יעדער, וואו ער האָט געקענט, — דערציילט ווייטער דער מעמאָראַנדום, — אַ סך האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין די גריבער אַרום דער שטאָט און האָבן זיך געלאָזט אין די נאָהענטע דערפער. די פויערן האָבן אָבער באַגעגנט די יידן מיט שנאה, באַרופנדיג זיך אויף אַ באַפעל, וואָס דראָהט מיט טויט־שטראָף פאַר אויפנעמען יידן. ס'זיינען אין די דערפער געווען אויך איינציגע פאַלן פון הרינות". די שחיטה האָט געדויערט א י נ ג אַ נ צ ן 4 ש ע ה. ס'זיינען אומגעקומען, שוין אַריינרעכנענדיג די הרוגים אויף די וועגן און אין דער סביבה, 88 יידן, 11 זיינען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. די רויבערייען האָבן נאָכדעם ממשיך געווען די אָרטיגע פויערן פון זאַרוטשיאַ, רעשעטילאָווקע און פּאָקראָווטשטשינע. בעתן פּאָגראָם אין נאָווגאָראָד־סעווערסק איז געהרגעט געוואָרן דער העברעאישער שרייבער א. י. סלוצקי („איסי הבבלי").

דער אָנגריף פון די דייטשן האָט אָפּגעהאַלטן דעם ווייטערדיגן וואוקס פונם פּאָגראָם. די באָלשעוויקעס זיינען אַוועק, אין אַ טאָג אַרום האָבן זיי זיך אָבער אומנעקערט און אַרויסגעשטופּט די דייטשן. „בעת די דייטשע אָפּטיילונג איז אַוועקגעגאַנגען, — גיט דער מעמאָראַנדום איבער אַ כאַראַקטעריסטישע סצענע, —זיינען מיט איר מיטגעגאַנגען, ווי בעת יציאת מצרים, אַלע אָרטיגע יידן. דעם 8־טן אין דער פריה איז די שטאָט אינטגילטיג פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן, ס'איז געוואָרן אָרדנונג, און די יידן האָבן זיך אומגעקערט צו די איבערגעלאָזענע היימען". „דעמאָלט (נאָכדעם, ווי די באָלשעוויקעס האָבן אָפּגעטראָטן) האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעק אין די אַרומיגע דערפער. אַלע יידן, וואָס האָבן געלעבט אין די דערפער, זיינען אויף די טראַקטן, דורך וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן אָפּגעטראָטן קיין פּאָגאַרע, פּאָגראָמירט געוואָרן. באַזונדער שטאַרק האָט געליטן דאָס שטעטל גרעמיאַטש, וואו ס'זיינען געווען 15 יידן הרוגים און וואו אַלע זיינען אָפּגעראַבעוועט געוואָרן. די פּאָגראָם־שטימונג האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן אויעזד, און די יידן האָבן איבערגעלאָזט אויף הפקר דאָס גאַנצע האָב און גוטס און זיינען געלאָפן אין שטאָט אַריין. אין אויעזד זיינען געווען 24 יידישע הרוגים... און ביז דער לעצטער צייט — פאַרענדיגט דער מעמאָראַנדום, — בושעווען נאָך איינצעלנע באַנדעס אין אויעזד" [1].

[1]) אַ ר כ י ו ו פ ו ן ק י ע ו ו ע ר י י ד י ש ע ר ק ה ל ה, מעמאָראַנדום פון נאָווגאָראָד־סעווערסקער הילפס־קאָמיטעט צו דער קיעווער קהלה, פונם 19־טן אַפּריל 1918. דער דאָזיגער מעמאָראַנדום איז אָפּגעדרוקט אויך אין די „צ י ו נ י ס ט י ש ע ז אַ ם ל ־ ב י כ ע ר" (אין יידיש), ערשטער באַנד, 1918. קורצע ידיעות וועגן די געשעהענישן אין נאָווגאָראָד־סעווערסק זעה אין אַ ר כ י ו ו פ ו ן י י ד י ש ן מ י נ י ס ט ע ר י ו ם, באַריכט פונם ראַבינער, רעג. 1045, פונם 21־טן מאַי 1918. זעה אויך פּעטראָגר. „ט אָ ג ־ ב ל אַ ט" פונם 9־טן מאַי 1918, אויך „ראַזסוועט" 16-17 №, 1918, אויך „נ י י ע צ י י ט" פונם 19־טן אַפּריל 1918, וואו ס'איז אָפּגעדרוקט אַ רשימה פון 63 נאָווגאָראָד־סעווערסקער

לויט זיין כאַראַקטער איז דער נאָוואָגראָד־סעווערסקער פּאָגראָם, ווי אויך דער פּאָגראָם אין גלוכאָוו, געווען אַ פּראָטאָטיפּ פון יענע פּאָגראָמען, וואָס דעמאָראַליזירטע טיילן פון דער רויטער־אַרמיי, וועלכע האָבן זיך צעבונטעוועט און אויסגעלאָזט זייער כּעס צו די יידנס קעפּ, האָבן געמאַכט שפּעטער, זומער 1919. די דאָזיגע פּאָגראָמען האָבן דעמאָלט געפונען זייער פולן אויסדרוק אין דער „גריגאָריעווטשטשינע“. דאָס זיינען געווען פאַרפוילטע עלעמענטן פונם באָלשעוויזם, מיט וועלכע די צענטראַלע ראַטן־מאַכט האָט אין 1919 געפירט אַן עקשנותדיגן קאַמף. איצט אָבער, פרילינג 1918, האָבן זיך אָט די דעמאָראַליזירטע באַנדיטישע טיילן גאַנץ באַקוועם געפילט אין דער רויטער אַרמיי און ערנסט געהאַלטן זיך פאַר באָלשעוויקעס. די סצענע פון אַ יידישער מאַסן־יציאה פאַרן אָנקומען פון באָלשעוויקעס איז געווען אַ סימפּטאָמאַטישע. זי האָט זיך איבערגעחזרט נאָך אַ מאָל סוף 1918. „אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס גלוכאָוו און נאָוואָגראָד־סעווערסק זיינען די לעצטע צייט איבערגעגאַנגען צו די באָלשעוויקעס אין די הענט, איז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון די דאָזיגע ערטער אַרויסגעפאָרן“, מעלדעט אַ דאָקומענט, וואָס כאַראַקטעריזירט די געשעהענישן אין דעצעמבער 1918 [1]. אָט די „יציאה“ און די פּאָגראָם־היימלאָזיקייט איז אַ געוויינלעכע ערשיינונג געוואָרן אין די טרויעריגע יאָרן 1919 און 1920, — אַ טראַגישער סימבאָל פונם אוקראַינישן יידנטום, געיאָגט פון פּאָגראָמען און שחיטות. נאָר דעמאָלט זיינען די יידן נאָכגעגאַנגען די באָלשעוויקעס, אַנטלויפנדיג פאַר די דאָרפישע „פּאָווסטאַנצעס“ און דעניקינצעס. איצט אָבער, צום ערשטן מאָל, איז די „יציאה“ געקומען איבערן פּחד פאַרן אָנגריף פון די באָלשעוויקעס...

די פּאָגראָמען, וואָס די דעמאָראַליזירטע טיילן פון דער באָלשעוויסטישער אַרמיי האָבן געמאַכט אין טשערניגאָווער קאַנט, זיינען, ווי געזאָגט, נאָר אַן עפּיזאָד אין דער געשיכטע פונם באָלשעוויסטיש־דייטשן פראָנט. בדרך כּלל האָבן די פּאָגראָמען באַגעגנט אַ שאַרפן ווידערשטאַנד מצד די אָנפירער פון ראַטן־מאַכט. די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען האָבן אָבער די דאָזיגע מאַכט אינטערעסירט אויסשליסלעך פונם שטאַנדפּונקט פון „קאָנטר־רעוואָלוציע“. אין ניכן נאָך דעם, ווי ס'איז אָפּגעדרוקט געוואָרן די דערמאָנטע ראַטן־דעפּעשע וועגן דעם „העלדישן ראָסלאַוולער אָטריאַד“, וואָס האָט פאַרנומען גלוכאָוו, האָט די „איזוועסטיאַ“ געבראַכט די ידיעה וועגן גלוכאָווער פּאָגראָם. אַ מעלדונג וועגן דעם איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אויך אין נאָמען פונם קאָמיסאַר פאַר נאַציאָנאַלע ענינים און פונם יידישן קאָמיסאַריאַט, וואָס האָט אפילו מודיע געווען אַ גוזמא, אַז „אין גלוכאָוו האָט מען בעתן פּאָגראָם אויסגעשחטן די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ“. ביידע מעלדונגען האָבן אָבער פאַרשווינן, ווער

---

הרוגים, צווישן זיי 20 פרויען. זעה אויך דעם אדעבער האָכנבלאַט „יעוור. טימפ“, 36 №, די באַשרייבונג פונם פּאָגראָם פון ש. שניפּאַל, איבערגעדרוקט פונם וואַרשאווער „היינט“.

[1]) אַרכיוו פון יידישן נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט, מעלדונג פון קאָנאָטאָפּער קהלה וועגן די געשעהענישן, פון יאַנואַר 1919 יאָר.

ס׳האָט די שחיטה געמאַכט. די באָלשעוויקעס אין פּעטראָגראַד האָבן צונויפגערופן פּראָטעסט-מיטינגען קעגן דער „שחיטה פון די יידן אין אוקראַינע און פון די אַרמענער אויף קאַווקאַז“ און אַ ספּעציעלע זיצונג פונם פּעטראָגראַדער ראַט. דערביי האָט מען אָבער מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט די מעשים פונם רויטן מיליטער אין גלוכאָוו און אין אַנדערע אויבנדערמאָנטע פּונקטן, מ׳האָט סתם און אויסשליסלעך גערעדט וועגן „די שטעט און דערפער, וואָס זיינען פאַרנומען געוואָרן דורך די אוקראַינער, דייטשן און רומענער“. דער קאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַלע ענינים און דער יידישער קאָמיסאַריאַט האָבן אויסגעאַרבעט אַ ריי מיטלען צו קעמפן מיט די פּאָגראָמען: זיי האָבן באַשלאָסן צו פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער, „אַכטונג צו געבן אויף דער אַגיטאַציע פון די גלחים“, פאַרלייגן „דזערזשינסקיס קאָמיסיע“ (שפּעטער „טשעקאַ“) צו קעמפן מיט די פּאָגראָמען א. א. וו.[1] די ראַטן-מאַכט האָט אָבער ניט געמאַכט קיין חקירה ודרישה ניט וועגן די געשעענישן אין גלוכאָוו, ניט וועגן די געשעענישן אין נאָווגאָראָד-סעווערסק. די שולדיגע זיינען לחלוטין ניט באַשטראָפט געוואָרן, און פונם גאַנצן „עפּיזאָד“ האָט מען קאָנטיג קיין גרויסן וועזן ניט געמאַכט. אויף דער דאָזיגער גלייכגילטיקייט האָט דעמאָלט אָנגעוויזן די יידישע פּרעסע. וואָס איז שייך די יידישע געזעלשאַפטליכע קרייזן, האָבן די געשעענישן אין גלוכאָוו און אין נאָווגאָראָד-סעווערסק געמאַכט אויף זיי אַ גוואַלדיגן איינדרוק. דאָס איז געווען צו זעהען, למשל, פון דער זיצונג פון קיעווער קהלה-ראַט, אין אַפּריל 1918, ווען ס׳איז אָנגעקומען די באַשרייבונג פון נאָווגאָראָד-סעווערסקער פּאָגראָם.

די צפון-מזרחדיגע אויעזדן פון טשערניגאָווער גובערניע זיינען דער איינציגער פּונקט, וואו דאָס רויטע מיליטער האָט אַזוי פלוצלינג אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע פּאָגראָם-אַקטיוויטעט. איינצעלנע עקסצעסן אָבער, וואָס זיינען געווען געווענדעט קעגן יידן אָדער וואָס האָבן פּ אַ ק ט י ש אָנגעגריפּט די יידן, האָט דאָס רויטע מיליטער באַגאַנגען אין עטליכע פּונקטן. אין אָנהויב 1918 האָט אַ גרופּע מאַטראָסן-באָלשעוויקעס געמאַכט אין סימפעראָפּאָל אַ שרעקליכע שחיטה אויף דער היגער אינטעליגענץ און בורזשואַזיע, פון וועלכער ס׳האָבן געליטן הויפּטזאַכליך יידן. די דאָזיגע „סימפעראָ-

[1]) אין יענער צייט האָט אין ראַטן-רוסלאַנד בכלל געהערשט אַ אומרוהיגע פּאָגראָם-שטימונג. אין פאַרשיידענע עקן רוסלאַנד האָבן אויסגעבראָכן איינצעלנע אַנטיסעמיטישע עקסצעסן און פּאָגראָמען, אין וועלכע ס׳האָבן אָנטייל גענומען שטאָטישע איינוואוינער, פּויערן אָדער סאָלדאַטן. די פּאָגראָמען האָבן אָבער קיין ברייטן כאַראַקטער ניט אָנגענומען און האָבן אַרומגעכאַפּט הויפּטזאַכליך ווייס-רוסלאַנד – מינסקער, וויטעבסקער און טיילווייז מאָהילעווער גובערניע, פאָלגנדיגע פּונקטן: קאַידאַנאָוו, ראַדאַשקאָוויטש, סטאָלבצי, ראַקאָוו, נאַראָדאָק, קלעצק, וואָלאָזשין און אַנד. אַ פּאָגראָם איז פאָרגעקומען אויך אין וויטעבסק גופא. אין מאָהילעווער גוב. האָבן דעם פּאָגראָם געמאַכט די פּוילישע לעגיאָנערן (פונם „ערשטן קאָרפּוס“). יידישע פּאָגראָמען זיינען אויך פאָרגעקומען אין דער מיטעלער בוכאַרע און אין טאַשקענט, געמאַכט דורך די אָרטיגע „סאַרטן“ און רוסישע סאָלדאַטן.

פאָלער" מאַטראָסן זיינען אין פעברואַר 1918 אָנגעקומען אין אדעס און אָנגעשלאָסן
זיך אָן דעם ראַטן=חיל פון פאָלקאָווניק מוראַוויאָוו. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן
מאַכן אויך אין אדעס אַזאַ שחיטה, ווי אין סימפעראָפאָל, אָבער דורך אַ צופאַל איז
די שטאָט ניצול געוואָרן [1]). אויף אַ זיצונג פון דער קרעמענטשוגער שטאָט=דומע,
אין אַפּריל, האָט דער פאָרשטייער פון דער יידישער קהלה ערקלערט: „אויפן קרעמענ=
טשוגער יידישן בית=עלמין איז נאָך פריש דער קבר פון די 17 יידן, וואָס זיינען אַכ=
זריותדיג דערשאָסן און פאַרמוטשעט געוואָרן אין גאַליעשטשינע (אַ סטאַנציע נעבן קרע=
מענטשוג) פאַר „שפּיאָנאַזש" לטובת דער אוקראַיניש=דייטשער ארמיי" [2]). איינצעלנע אַנ=
טיסעמיטישע ערשיינונגען האָבן זיך באַוויזן אויך אין אַנדערע פונקטן, אָבער אָהן ערנ=
סטע רעזולטאַטן. אַזוי, למשל, זיינען אין יעקאַטערינאָסלאַוו די „אַנאַרכיסטן=מאַקסימאַליס=
טן", צוזאַמען מיט באָלשעוויסטישע רויטע=גוואַרדייער, פלוצלינג אָנגעפאַלן, סוף מערץ
1918, אויף די יידישע זעלבסטשוץ=„דרוזשינעס", וואָס האָבן אָפּגעהיט די שטאָט
פון די גוואַלדטאַטן, און האָבן זיי אַנטוואָפנט (די „דרוזשינעס" האָבן געהערט צו די דריי
יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען און איינע צום „יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד").
זיי זיינען אָנגעפאַלן צוערשט אויפן הויז, וואו ס'האָט זיך געפונען די דרוזשינע פון
דער „פאַראייניגטער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי", באַשאָסן זיי פון קוילן=
וואַרפער און צונעגומען ביי איר דאָס געווער; איינער פון די יידישע דרוזשיניקעס
איז פון זיי דערהרגעט געוואָרן; דערביי האָבן זיי געשריען, אַז „די זשידעס זיינען
קאָנטר=רעוואָלוציאָנערן און וויים=גוואַרדייער" [3]). אין גיכן נאָכדעם איז די שטאָט פאַר=
נומען געוואָרן דורכן דייטש=אוקראַינישן מיליטער. אַז אין הינזיכט פון אַנטיסעמיטיזם
איז אין די באָלשעוויסטישע רייען, באַזונדערס אין פראָווינץ, געווען ניט אַלץ בשלום,
איז צו זעהען פונם פאָלגנדיגן פאַקט, וואָס איז פאַרעפנטליכט געוואָרן דורכן צענ=
טראַל אָרגאַן פון דער ס. ד. פאַרטיי „וופּעריאָד" (מאָסקווע, מאַי 1918): דער קאָ=
מיסאַריאַט פאַר מיליטערישע ענינים האָט באַקומען פון זיין פאַראַנטוואָרטליכן אינ=
סטרוקטאָר, פאָמין, אַ מעלדונג וועגן דער „פאַרעטישער האַנדלונג פון דער יידישער
זעלבסטשוץ אין קורסק, וועלכע האָט געשאָסן אינם אָפּטרעטנדן ראַטן=מיליטער". דער
קורסקער ראַט און דער יידישער קאָמיסאַריאַט האָבן אָפּגעלייקנט אָט די ידיעה, אָנ=
ווייזנדיג, אַז אין קורסק איז ניטאָ קיין ספּעציעלע יידישע זעלבסטשוץ בכלל, אַז ס'עקזי=
סטירט נאָר אַן אַלגעמיינע וואַך=אָפּטיילונג אויף אָפּצוהיטן די שטאָט און אַז די גאַנצע ידיעה
טראָגט אַ „פּראָוואָקאַטאָרישן כאַראַקטער" [4]).

[1]) זעה די אויבנדערמאָנטע זכרונות פון ס. יאַקאָבי וועגן דער אדעסער קאַמף=דרו=
זשינע, אין אַרכיוו פון רעדאַקציע.

[2]) פּראָטאָקאָל פון קרעמענטשוגער שטאָט=דומע, זיצונג
פונם 16 אַפּריל 1918 (אַרכיוו פון רעדאַקציע). לויט זיין רעדע איז צו זעהען, אַז ער
האָט, אַז די דאָזיגע הרינה האָבן געמאַכט די רויטע, מיר האָבן אָבער אין ערגעץ מער
ניט געפונען קיין באַשטעטיגונג פונם צופאַל אין גאַליעשטשינע.

[3]) „נייע צייט" פונם 12 אַפּריל אויך פונם 9 אַפּריל 1918.

[4]) דאָרט, 84 №, פונם 15 מאַי 1918.

דער צייטווייליגער שטילשטאַנד אין די מיליטערישע אָפּעראַציעס האָט אָפּגעשוואַכט דעם מקור פון די פּאָגראָם־„אינטענציעס“ אין אוקראַינע בכלל, און אין די רייען פון די באָלשעוויסטישע טיילן בפרט. די אַנטיסעמיטישע געפילן פון אָט די טיילן (צווישן וועלכע ס׳זיינען געווען אַ פולע אַזוי גערופענע „לינקע ס. ר.“) האָבן אין גיכן געפונען אַ מער פרידליכן אויסדרוק. אין די גרעניץ־פּונקטן ביים איבערגאַנג פון גרויס־רוסלאַנד קיין אוקראַינע זיינען זומער 1918 געשטאַנען קאָרדאָנען פון באָלשעוויסטישע פּאַטרולען, וואָס פלעגן ביי די אונטערזוכונגען באַזונדערס ענערגיש ראַבעווען און רודפן די יידישע פּאַסאַזשירן. דאָס איז געווען די צייט, ווען די בורזשואַזיע און אינטעליגענץ איז מאַסנווייז געלאָפן פון צפון קיין דרום, הויפּטזאַכליך קיין אוקראַינע, וואו די דייטשן האָבן „איינגעפירט אָרדנונג“. מ׳פלעגט אויפן גרעניץ רודפן „בורזשויען“ — און טרעפן פלעגט מען גראָד יידן.

דורכפירנדיג אַ גרעניץ צווישן רוסלאַנד און אוקראַינע, זיינען די דייטשן אין גיכן געוואָרן די אמתע בעלי־בתים אין לאַנד. תחילת האָבן זיי לפנים איבערגעלאָזט די מאַכט פון דער ראַדע, דערנאָך האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן די מאַסקע, אַוועקגעזעצט דעם העטמאַן און פאַקטיש גענומען אין די אייגענע הענט די גאַנצע מאַכט. דער העטמאַניש־דייטשער פעריאָד, ד. ה. דער פעריאָד פון מאַי ביז סוף 1918, איז אַן איבערגאַנגס־תקופה. נאָך דעם הויבט זיך אָן אַ גאַנץ נייער פאַזיס אין דער אַנטוויקלונג פון די פּאָליטישע קאַטאַקליזמען און פּאָגראָם־געשעהענישן אין אוקראַינע.

# VIII

די אײַנלאַדונג פֿון די דײַטשן. — די ראַדע װערט צעטריבן. — די העטמאַנשטשינע.—דײַטשע אָקופּאַציע. — „די גענעראַלישע רעאַקציע אין אוקראַינע״. — דײַטשן און די רעסטאַװראַציע. — קיעװ און די בורזשואַזיע און מאָנאַרכיסטישע קאָנצענטראַציע. — די פּאָזיציע פֿון דער ײדישער בורזשואַזיע. — מ׳גנבעט אַרויס א. דאָברין. — די שטימונג פֿון דער ײדישער פּראָװינץ. — דער רעזשים פֿון העטמאַנשטשינע און די ײדישע געזעלשאַפֿטליכע קרײַזן. — ליקװידאַציע פֿון די נאַציאָנאַלע דערגרײכונגען; באַגרענצונגען אין רעכט. דער אַנטיסעמיטיזם פֿון דער אָפּיצ. פּרעסע. — די אוקראַינישע דעמאָקראַטיע און ײדן; „דער אוקראַינישער נאַציאָנאַל־מלוכהשער פֿאַרבאַנד״. — די האַלטונג פֿון דער אוקראַינישער לינקער פּרעסע. — די אַדמיניסטראַטאָרן אין פּראָװינץ. — אַנטיסעמיטישע אויפֿרופֿן פֿון דער דײַטשער אָקופּאַציאָנסמאַכט. — „ײדן זײַנען די שעדליכסטע אַגיטאַטאָרן קעגן די דײַטשן״. — מיטלען צו קעמפֿן מיט די ײדן. — די דײַטשן און ײדישע פּאָגראָמען.

דעם 28־טן אַפּריל האָבן די דײַטשן געמאַכט אין אוקראַינע אַ מלוכה־איבערקערניש. די ראַדע צעטריבן, דאָס רעפּובליקאַנישע מיניסטעריום אָפּגעשאַפֿט, און סקאָראָפּאַדסקי, אַ יורש פֿונם לעצטן אוקראַינער העטמאַן, אַ גענעראַל פֿון ניקאָלאַיס צײַטן און דער פֿריערדיגער אָרגאַניזאַטאָר פֿון די „װילני קאָזאַקן״, האָט זיך פּראָקלאַמירט, מיט דער הילף פֿון די דײַטשן, פֿאַרן „העטמאַן פֿון דער אוקראַינער מלוכה״. צוזאַמען מיט דעם פֿאַרשטאַרקט זיך די ממשלה פֿון די דײַטשן, װעלכע װערן פֿאַקטיש די אָקופּאַנטן פֿון לאַנד. די זיבן און אַ האַלב חדשים פֿון דער העטמאַנישער און דער דײַטשער ממשלה זײַנען געװען לפֿי ערך די רוהיגסטע אין זין פֿון פּאָגראָם־אַרויסטרעטונגען. דאָס ערקלערט זיך, ראשית כּל, מיט דער שטרענגער אָרדנונג, װאָס די דײַטשן האָבן מיט אַ שטאַרקער האַנט אײַנגעפֿירט, און דער עיקר מיט דעם, װאָס קיין שום מלחמה־אָפּעראַציעס זײַנען אין דער צײַט ניט פֿאָרגעקומען. דער פֿריערדיגער נאַציאָנאַל־אוקראַינישער חיל און די „װילנע קאָזאַצטװאָ״ זײַנען ליקװידירט געװאָרן; ס׳זײַנען נאָר איבערגעבליבן עטליכע אוקראַינער פּאָלקן, װאָס האָבן געשפּילט די ראָלע פֿון דער העטמאַנישער גװאַרדיע, און די „דערזשאַװנא װאַרטאַ״, ד. ה. די מלוכה־מיליציע אויף אָפּצוהיטן אָרדנונג. דער דאָזיגער פּעריאָד איז אָבער געװען אַ רוהיגער נאָר לפֿי ערך: דער פּאָגראָם־פּאָדעם אין אוקראַינע האָט זיך אויך קיין איין מינוט אינגאַנצן ניט איבערגעהערט צו װעבן.

שליסנדיג דעם שלום מיט די דייטשן, איז אוקראַינע גלייך אַריינגעפאַלן אינם שפּינוועבס פונם דייטשן אימפּעריאַליזם. די פאָרשטייער פון דער ראַדע אין בריסק האָבן ניט פאָראויסגעזעהען די גרויסע און סכנתדיגע פּועל־יוצאס, וואָס דער דאָזיגער שריט קען האָבן פאַרן גורל פון דער רעוואָלוציע און זייער לאַנד. די לאַגע פון דער אוקראַינער רעגירונג ערב דעם אָפּמאַך איז באמת געווען אַ שווערע און הילפלאָזע. די רעגירונג צוזאַמען מיט דער ראַדע זיינען געזעסן איינגעשפּאַרט אין זשיטאָמיר אָהן חיל: נאָר אַ קליין הייפעלע אוקראַינער סאָלדאַטן — ביי אַ 2000 מאַן — איז זיי טריי געבליבן. „די לאַגע איז געווען אַ פאַרצווייפלטע“, — שרייבט דער היסטאָריקער פון דער רעוואָלוציע אין אוקראַינע. „אויפן שאָסיי און אין ראָוונע האָבן זיך געפונען די באָלשעוויקעס. אויף באַרדיטשעוו האָבן זיך אָנגערוקט די באָלשעוויסטישע אַרמייען פון קאַזאַטין־פּאַסטאָוו, און אויף קאָראָסטישעוו — פון קיעוו“. אַ חוץ דעם—איז ער מוסיף — האָט די „הערשנדיגע דעמאָקראַטיע“ פון זשיטאָמיר זעהר ניט גאַסטפריינטליך אויפגענומען די צענטראַלנע ראַדע און די רעגירונג, און זיי געגעבן אָנצוהערעניש, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן די שטאָט. אין דעם דאָזיגן מצב האָט זיך די ראַדע געווענדעט מיט אַ בקשה צו די דייטשן, זיי זאָלן ערלויבן אויסנוצן די „סיטשעוויקעס“ — די גאַליציש־אוקראַינישע מיליטער־טיילן און אויך יענע טיילן, וואָס זיינען פאָרמירט געוואָרן אין די דייטשע לאַגערן פון די אוקראַינער קריגס־געפאַנגענע. די דייטשן האָבן דעם דאָזיגן פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן און אַנשטאָט אים אַרויסגעשטעלט זייער פּלאַן — קומען צו הילף מיט דער דייטשער רעגולערער אַרמיי. די ראַדע האָט מסכים געווען — און תיכף האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די אייזערנע רעגימענטן פון דייטשלאַנד און עסטרייך, רעשדיג אַריינגעריסן זיך אין די גרעניצן פון לאַנד, אין משך פון צוויי־דריי וואָכן עס אָפּגערייניגט פון די באָלשעוויקעס און מיט אַ פעסטער האַנט פאַרנומען אוקראַינע. די אוקראַינער שלום־דעלעגאַציע אין בריסק האָט באַלד נאָך דעם אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף „צום דייטשן פאָלק“. רעדנדיג וועגן דעם אָנגריף פון די באָלשעוויקעס אויף אוקראַינע, האָט די דעלעגאַציע וועגן זיי געשריבן: „דער פיינט פון אונזער פרייהייט האָט זיך אַריינגעריסן אין אונזער לאַנד, כדי ווידער, ווי מיט 254 יאָר צוריק, צו פאַרקנעכטן דאָס אוקראַינער פאָלק מיט פייער און שווערד“. „אינם דאָזיגן שווערן קאַמף פאַר אונזער עקזיסטענץ זוכן מיר הילף. מיר זיינען טיף איבערצייגט, אַז דאָס דייטשע פאָלק, וואָס האָט ליב רוהיקייט און אָרדנונג, וועט ניט בלייבן שטיין פון דערווייטנס, ווען ס׳ווערט זיך דערוויסן וועגן אונזער שווערן גורל. די דייטשע אַרמיי, וואָס געפינט זיך ביים זייט פון אונזער מזרח־פיינט, איז גענוג שטאַרק אונז צו העלפן און דורך איר אַריינמישונג אָפּהיטן אונזערע מזרח־גרעניצן פונם שונאס ווייטערדיגן אָנגריף“ [1]).

אָט אַזוי איז פאָרגעקומען די איינלאַדונג פון די דייטשן. די סאָציאַליסטישע אוקראַינישע פירער האָבן זיך אין גיכן אַרומגעקוקט, מיט וואָס זיי האָבן באַצאָלט

---

[1]) ציטירט לויטן הערך פון פ. כ ר י ס ט י ו ק, 2־טע טייל, ז. 139.

פאַר דער דאָזיגער הילף, נאָר אויף צוריק איז שוין קיין וועג ניט געווען. אוקראַינע האָט זיך שוין אינגאַנצן געפונען אין דער שליטה פון דייטשער מיליטערישער אָקופּאַציע. די ראַדע און די אוקראַינער סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן געשפּילט די ראָלע פון די, „וואָס טראָגן די שלעפּע פון דער גענעראַלישער רעאַקציע אין אוקראַינע", ווי ס'שרייבט ווינישענקאָ; אמת, „דער גענעראַל האָט מסכים געווען, די דאָזיגע שלעפּע זאָל זיין געל-בלוי באַפאַרבט" (געל-העל-בלויע פאָן איז די נאַציאָנאַלע פאָן פון אוקראַינע), — די דייטשן האָבן פאַרשלייערט זייער אָקופּאַציע מיטן שלייער פון „סאַמאָסטיינע אוקראַינע". אָבער פאַר זיי איז נויטיג געווען אַ לאַנד אַ באַרוהיגטע און אַ פאָלגעדיגע, וואָס האָט שוין דורכגעפיבערט די רעוואָלוציע — און געפונען האָבן זיי אַ לאַנד, וואָס איז פול געווען מיט רעוואָלוציאָנערע ליידנשאַפטן און אין דער שפּיץ פון פאַרוואַלטונג זיינען געשטאַנען אָפּאָזיציאָנעלע נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און ראַדיקאַלע מאַכט-אָרגאַנען. דאַן איז געקומען אַ דייטשער לייטענאַנט אויף דער זיצונג פון ראַדע, דעם 28-טן אַפּריל, און האָט זי פונאַנדערגעטריבן, עטליכע אוקראַינער מיניסטאָרן אַריינגעזעצט אין תפיסה, — און אַזוי פּשוט ליקווידירט אַ גאַנצן פּעריאָד פון אוקראַינער רעוואָלוציע, וואָס איז פול געווען מיט אַנטציקנדע קאַמפן און האָפנונגען.

דער רעזשים, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט נאָך די דאָזיגע געשעהענישן, איז פאַקטיש געווען אַ רעזשים פון ר ע ס ט אַ ו ו ר אַ צ י ע, נאָר אונטער דעם נאַציאָנאַלן דעקאָרום פון דער העטמאַנטשינע. אויפן נאַציאָנאַלן געביט האָט די רעסטאַוראַציע די ערשטע צייט ניט אויפגעדעקט איר אמתן פּרצוף, אָבער אויפן פּאָליטישן געביט און נאָך מער אויפן סאָציאַלן איז די ליקווידאַציע פון די רעוואָלוציאָנערע דערגרייכונגען פאָרגעקומען אויף אַ מער אָפענערן אופן. אינגיכן נאָך זיין אָנקומען האָט דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון די דייטשע חילות אין אוקראַינע, גענעראַל אייכהאָרן, אַרויסגעגעבן אַ צוואַנגס-באַפעל וועגן פאַרזייען די פעלדער און אָפּגעבן די תבואות די דייטשן „צו פּאַסיגע פּרייזן". חצי מאַי זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן „צייטווייליגע געזעצן וועגן די ערד-קאָמיסיעס", אין וועלכע מ'האָט באַפוילן „אומקערן די מאַיאָנטקעס צו זייערע בעלי-הבתים און ווירקן אויף דער באַפעלקערונג, מ'זאָל אומקערן מיט גוטן ווילן די עקספּראָפּריאירטע גוטס און באַצאָלן פאַר היזקות", דערביי זיינען די גובערניאַלע און קרייז-קאָמיסאַרן מחויב מיטצוהעלפן מיט ב אַ וו אָ פ נ ט ע ר מאַכט. שטיצנדיג זיך אויף די דאָזיגע באַפעלן און בכלל אויפן גייסט פון נייעם פּאָליטישן קורס, האָבן זיך די פּריצים גענומען אומקערן אין זייערע מאַיאָנטקעס און האָבן גאַנץ אָפט צוגענומען מיט גוואַלט די ערד ביי די פּויערן. ביסלאַכווייז האָט זיך אויך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון די פּאָליטישע דערגרייכונגען און די פאַרשמעלערונג פון די פרייהייטן. די אַדמיניסטראַטיווע פּאָסטנס זיינען באַזעצט געוואָרן דורך אַ סך אַלטע אַדמיניסטראַטאָרן פונם צאַרישן רעזשים, וואָס האָבן איצט, ביז אַ צייט, געאַרבעט אונטערן פאָן פון „אוקראַינער מלוכהשאַפט". ביי די אַרבעטער האָט מען אָנגעהויבן אַוועקנעמען זייערע ניט לאַנג אויסגעקעמפטע עקאָנאָמישע רעכט, און פון דער צווייטער זייט האָט מען שטאַרק געשטיצט די אָרגאַניזאַציעס פון גרויס-אינדוסטריע און גרויסע ערדבאַזיצער

(„פּראָטאָפּים“, „סויוז“ און דעם „פֿאַראיין פֿון די כלעבאָראָבן“), וועלכע זיינען געווען אַגרעסיוו געשטימט און האָבן אָפֿן געפֿירט צו רעאַקציע. אונטער דער ממשלה פֿון די דייטשן און דעם העטמאַן איז אוקראַינע געוואָרן די באַזע פֿון דער אַנטלאָפֿענער בורזשואַזיע און דער צענטער פֿון ווילדער ספּעקולאַציע.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט, און די רעאַקציע האָט זיך אויך באַוויזן אויפֿן נאַציאָנאַלן געביט. תּחילת האָט דער העטמאַן אָנגעהויבן מיט אַ נאַציאָנאַל־מעסיגער אוקראַינישער פּאָליטיק, נאָר שפּעטער בייט ער זיין אָריענטאַציע און קניפּט אָן נאָהענטע באַציהונגען מיט די רוסישע „פּרייוווילינע“ עלעמענטן, וואָס פֿרעדיגן אָפֿן „אַ אומצוטיילבאַרע רוסלאַנד“ און זיינען געשטימט שטאַרק פֿיינטליך צו דער אוקראַינישער באַוועגונג. דער העטמאַן שטיצט די קאָנצענטראַציע פֿון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע גרופּירונגען אין אוקראַינע, און קיעוו ווערט אונטער זיין שוץ אַ מקום־מקלט פֿאַר דער „ווייסער גוואַרדיע“ און פֿאַר אַן אָפֿענער מאָנאַרכיסטישער קאָנצענטראַציע. אַזוי, למשל, איז דעם 23־טן יולי פֿאָרגעקומען אין קיעוו אַ גרויסער מאָנאַרכיסטישער צוזאַמענפֿאָר, וועלכער האָט באַטראַכט די מיטלען ווי אויפֿצוריכטן די רוסישע אימפּעריע אין אירע אַלטע גרעניצן, „אונטער דעם שרבֿיט־הזהבֿ פֿון אַ מאָנאַרך“. דעם 24־טן יולי איז אין קיעוו אָפּגעריכט געוואָרן אַ „פּאַניכידע“ נאָך ניקאָלאַי דעם צווייטן, מיטן אָנטייל פֿון די באַאַמטע פֿון פֿינאַנץ־מיניסטעריום. דעם 7־טן יולי איז פֿאָרגעקומען אַ מאָנאַרכיסטישע מאַניפֿעסטאַציע אין דעם סאָפֿיען־קלויסטער. אויסער דער דאָזיגער קאָנצענטראַציע פֿון די רעאַקציאָנערע כּוחות, איז פֿאָרגעקומען אַ גרופּירונג אויך פֿון די ליבעראַלע עלעמענטן אינם „רוסישן פֿאַראיין“ („רוסקי סאָיוז“), וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין קיעוו אין מאַי 1918, מיטן ציל צו פֿאַראייניקן די רוסישע כּוחות אין אוקראַינע בכדי צו פֿאַרטיידיקן די רוסישע קולטור און די רוסישע שול, וועלכער האָט אָבער אין דער אמתן געהאַט די אויפֿגאַבע אויפֿצוריכטן די „אומצוטיילבאַרע רוסלאַנד“ און צו פֿירן אַ קאַמף מיט דער אוקראַינישער באַוועגונג אין לאַנד גופֿא. אינם דאָזיקן פֿאַראיין זיינען אַריינגעטראָטן סאַמע פֿאַרשידענע רוסישע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען — פֿון די קאַדעטן ביז די „פֿאָלקס־סאָציאַליסטן“ (נ. ס.), ס'האָבן אָנטייל גענומען אויך איינצעלנע פּערזאָנען פֿון די רעכטע ס.־ר.'ן און „מענשעוויקעס“.

די יידישע בורזשואַזיע, וואָס איז זייער שטאַרק פֿאָרגעשטעלט אין די אוקראַינישע שטעט, איבערהויפּט אין אַזעלכע גרויסע צענטערן, ווי קיעוו, כאַרקאָוו, אָדעס און יעקאַטערינאָסלאַוו, האָט זיך זייער פֿיל באַטייליקט אין דער אַלגעמיינער יאָגעניש נאָך לייכטע פֿאַרדינסטן און ספּעקולאַציע, אינם אַזאַרט פֿון בערזן־שפּיל, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן פּעריאָד פֿון דער העטמאַנשטשינע. זיי האָבן זיך, אמת, אָפּגעהאַלטן פֿון נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פּ אָ ל י ט י ש ע ר רעסטאַווראַציע, ווייל זיי האָבן אינסטינקטיוו מורא געהאַט פֿאַר דעם צוריקקער פֿון דער אַלטער רעכטלאָזיקייט, אָבער מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פֿון די דייטשן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו שאַפֿן אָרדנונג מיט שטרענגע מיטלען, זיינען זיי געווען העכסט צופֿרידן. די דאָזיגע האַלטונג פֿון דער יידישער בורזשואַזיע האָט אין די אויגן פֿון דער אוקראַינער באַפֿעל־

קערונג אויסגעזעהען חוצפהדיג. די אוקראַינער האָט געשטאָכן די אויגן דאָס, וואָס דער אָנגעזעהענער אָדעסער יידישער פינאַנסיסט א. גוטניק איז אַריינגעטראָטן אין דעם ערשטן מיניסטאָרן=קאַבינעט פון העטמאַן, כאָטש גוטניק האָט טעטיג מיטגעהאָלפן צו ליקווידירן די יידישע נאַציאָנאַלע ערובערונגען און פריער פאַר אַלץ די נאַציאָנאַל=פערסאָנאַלע אַווטאָנאָמיע. נאָך מער האָט די אוקראַינישע קרייזן אויפגערייצט די טעטיקייט פונם צווייטן אָנגעזעהענעם יידישן באַנקיר — א. דאָברי פון קיעוו, וועמען דער אוקראַינער היסטאָריקער רופט אָן „די רעכטע האַנט פון די דייטשן אין זייערע אַנטי=מלוכהשע פלענער“. סוף אַפּריל, בעת די ראַדע האָט נאָך עקזיסטירט, האָט דער אינערן=מיניסטער, דער אוקראַינער ס.=ד. מ. טקאַטשענקאָ, באַשלאָסן צו אַרעסטירן דאָברין, אַלס אַ שעדליכע, לויט זיין מיינונג, פערזאָן. אָבער ניט וואַגנדיג עס צו טאָן אָפן, האָט ער זיך באַנוצט מיט דער הילף פונם „פאַרבאַנד צו באַפרייען אוקראַינע“, וועלכער האָט אויף אַ געהיימען אויפן „אַרויסגעגנבעט“ דאָברין; אַזוי אַרום האָט דער דאָזיגער אַרעסט באַקומען אַ אַוואַנטיוריסטישן כאַראַקטער[1]. די דייטשע מיליטער=מאַכט האָט באַפוילן צו באַפרייען דעם אַרעסטירטן, האָט איבערגעגעבן צום געריכט עטליכע אוקראַינער מיניסטאָרן און האָט גלייכצייטיג אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג אַריינצופירן אין אוקראַינע דייטשע מיליטערישע פעלד=געריכטן.

די יידישע באַפעלקערונג פון די קלענערע שטעט און אויפן ישוב האָט זיך באַצויגן צו די דייטשן ניט מיט אַזאַ באַגייסטערונג, ווי די גרויס=שטאָטישע בורזשואַזיע, אָבער דאָך מיט צוטרוי, איבערהויפט אין דער ערשטער צייט. קודם כל האָט מען אין די דייטשן געזעהן אַ שטאַרקע שוץ קעגן אַנאַרכיע און פאָגראָם=עקסצעסן. אַ חוץ דעם האָט די דייטשע ממשלה געעפנט גרויסע מעגליכקייטן פאַרן האַנדל און ספעקולאַציע. ס׳פלעגן דערביי צומאָל באַגאַנגען ווערן אומטאַקטישע מעשים, די דייטשן (דער עיקר אין יענעם טייל, וואָס איז געווען אָקופּירט דורך עסטרייכישע מיליטער) פלעגן אָפטמאָל אויסגענוצט ווערן, אַלס אַ שוץ פאַר אומגעשטערטן שמוגל. עס זיינען אויך געווען פאַלן, ווען יידן פלעגן מיטפאָרן מיט די דייטשע שטראָף=עקספעדיציעס אין דאָרף (באַזונדערס אין פאָדאָליער גובערניע)[2]. אָבער אין גיכן הויבט זיך אָן צו שפירן

---

[1]) וועגן דעם, ווי אַזוי מ׳האָט „אַרויסגעגנבעט“ דאָברין, זעה די „נייע צייט“ פון 6 און 7 מאַי 1918, אינטערוויו מיט אים. מיט עטליכע חדשים שפעטער, אין יולי, איז פאָרגעקומען „דאָברים פראָצעס“. אַלס אָנגעקלאָגטע האָבן פיגורירט עטליכע אָנגעזעהענע מיטגלידער פון דער לעצטער ראַדע-רעגירונג, בראש מיטן געוועזענעם פרעמיער גאָלובאָוויטש, וועלכע זיינען געווען אַרעסטירט; געמשפט האָט זיי אַ דייטשער מיליטער-געריכט. דער דאָזיגער פראָצעס איז געווען די גרעסטע באַליידיגונג פאַר דער אוקראַינישער זעלבסטשטענדיקייט און האָט אַרויסגערופן ביי די אוקראַינישע טוער די שאַרפסטע אויפרעגונג קעגן די דייטשן. באַלכסון האָט זיך די דאָזיגע אויפרעגונג אַריבערגעטראָגן אויך אויף די יידן, ווייל דער דאָזיגער שענדליכער פראָצעס איז געקומען איבער אַ יידישן באַנקיר . . .

זעה ש. גאָלדעלמאַן, „אין גלות ביי די אוקראַינער“, ווין, 1921, זייטע 43.

אין דער יידישער שטעטל אַ פיל קעלטערע באַציהונג צו די דייטשן. פון איין זייט האָבן געשראָקן די סימנים פון רעאַקציע, וועלכע זיי האָבן מיט זיך געבראַכט, ס׳האָט געשראָקן זייער אכזריותדיגע פּאָליטיק אין דאָרף, וואָס רופט אַרויס אויפשטאַנדן פון די פּויערן, וועלכע זיינען זיך קודם כל נוקם אינם יידישן שטעטל; פון דער צווייטער זייט — האָבן די דייטשן אַליין אָפּט גאַנץ קלאָר אַרויסגעוויזן אַן אַנטיסעמיטישע שטימונג און אין אַ סך ערטער האָבן זיי יידן גערודפט. ס׳זיינען אַפילו געווען פאַלן, ווען מ׳האָט יידן מאַסנווייז געשמיסן — כלומרשט פאַר „ספּעקולאַציע“, ווען מ׳פלעגט זיי „אונטערהענגען“ און שטראָפן מיט אַנדערע מיני ענויים [1]. ביים פּשוטן יידישן בעל־הבית און תושב באַמערקט זיך אַן אַנטוישונג אין די דייטשן און אַ וואַקסנדע אומצופרידנקייט מיט זיי.

די באַציהונג פון דער יידישער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטליכקייט, פון די פּאָליטישע טוער און פאָרשטייער פון די דעמאָקראַטישע קהלות צום רעזשים פון העטמאַנשטשינע און דייטשער אָקופּאַציע איז געווען אַ קלאָר נעגאַטיווע. די אַלגעמיינע רעאַקציע האָט זיך גלייך אָפּגערופן, ווי ס׳קומט פאָר שטענדיג, אויף דער יידן־פראַגע. די רעכט, וועלכע די יידישע באַפעלקערונג האָט באַקומען אינם פאַרגאַנגענעם פּעריאָד, די רעכט, מיט וועלכע ס׳זיינען געווען פאַרבונדן אַזוי פיל האָפנונגען, זיינען איצט ליקווידירט געוואָרן. דעם 9־טן יולי איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער געזעץ וועגן נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אַווטאָנאָמיע, ס׳איז בטל געוואָרן דאָס יידישע מיניסטעריום, וואָס האָט שוין פונם ערשטן מאָמענט אָן פון דעם העטמאַנס ממשלה געהאַלטן ביים גוססן [2]. דערנאָך איז געשאַפן געוואָרן אַ ריי באַגרענצונגען פאַרן יידישן קהלה־אויפבוי [3]. אין דעם געזעץ „וועגן דער צייטווייליגער איינאָרדנונג פון דער אוקראַינער מלוכה“ איז באַשטימט געוואָרן, אַז „די הערשנדיגע אמונה אין דער אוקראַינער מלוכה איז די קריסטליכע, די פּראַוואָסלאַווע“. די ניט־

---

[1] זעה, למשל, די באַשרייבונג פון י. קלינאָוו וועגן שטעטל נאָלאָוואַנעווסק, פּאָדאָליער גוב., אינם זאַמלבוך „אין דער תקופה פון רעוואָלוציע“, וועלכער ערשיינט אין „יידישן ליטעראַרישן פאַרלאַג“, בערלין.

[2] נאָך דעם, ווי מ. זילבערפאַרב האָט פאַרלאָזן זיין פּאָסטן, איז אַ געוויסע צייט גאָר קיין יידישער מיניסטער ניט געווען. אַ קורצע צייט, שוין נאָכן אָנקומען פון די דייטשן, האָט דעם פּאָסטן פאַרנומען דער פאָרשטייער פון „פאָלקספּאַרטיי“ וו. לאַצקי, וועלכן ס׳האָבן געשטיצט די לינקע יידישע פּאַרטייען. אין גיכן, אָנהויב העטמאַנס פּעריאָד, איז וו. לאַצקי אויך אַרויס, און ביז דער ליקווידאַציע פון מיניסטעריום איז קיין יידישער מיניסטער ניט געווען. דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט פאַר אַלגעמיינע ענינים איז געווען נ. גערגעל, וועלכער איז געבליבן ביז דאָס מיניסטעריום איז ליקווידירט געוואָרן.

[3] אַזוי, למשל, האָט מען אין איינינע שטעט אַרעסטירט די פאָרזיצער פון קהלה (האָראָדישטש, סטאַראָ־סיניאַווע), אין אַנדערע האָט מען פאַרווערט די זיצונגען פון קהלה־ראַט (יאַמפּאָל, פעלשטין), אָדער צונעמאַכט די קהלה־קאַנצעלאַריע (פּאָגרעבישטשע). זעה דעם בוך „די יידישע אַווטאָנאָמיע און דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט אין אוקראַינע“, קיעוו 1920, ז. 218 און אַנד.

פּראָהאָסלאַווגע ווערט נאָר ערלויבט „פּריי אָפּצוהיטן זייער אמונה און זייער ריטואַל“. אין
גיכן הויבן זיך אָן די פּאַקטישע באַגרענצונגען אויך פון בירגערליכע רעכט. יידן
ווערן ניט צוגעלאָזן צו מלוכה־שטעלעס [1]. יידן ווערן געצוואונגען צו צאָלן אַ טייל
קאָנטריבוציעס, וואָס מ'לייגט אַרויף אויף די דערפער „פאַר אָנטיילנעמען אין אַגראַר־
אומרוהען“, כאָטש די יידישע באַפעלקערונג האָט, זעלבסטפאַרשטענדליך, קיין שום
אָנטייל אין די פּויערן־אומרוהען ניט גענומען; דערביי ווערן די יידן באַשטראָפט מיט
אַ סך גרעסערע סומעס, ווי די ניט־יידישע באַפעלקערונג. אַזוי, למשל, האָט מען
אַרויפגעלייגט אויף דעם שטעטל אָבוכאָוו, קיעווער גובערניע, אַ קאָנטריבוציע פון הע־
כער צוויי מיליאָן רובל, אַלס פאַרגיטיגונג פאַר די היזקות, וואָס דער פּריץ האָט גע־
ליטן, און דערביי איז אויסגעקומען דורכשניטליך אויפן חלק פון אַ יידישער פאַמיליע
2000 רובל און אַ פּויערשער נאָר 400 [2]. אַן ענליכע קאָנטריבוציע איז אויך אַרויפ־
געלייגט געוואָרן אויף דער יידישער באַפעלקערונג פונם שטעטל לודוויפּאָל, „אַלס פאַר־
גיטיגונג פאַר די היזקות, וואָס די פּריצים פון דער סביבה האָבן געליטן אין דער איבער־
גאַנגס־צייט“. „די קאָנטריבוציע איז אויפגענומען געוואָרן מיט די גרעסטע אכזריות“ [3].
אַזעלכע פאַקטן זיינען פאָרגעקומען אויך אין אַ רייע אַנדערע ערטער.

אין דער אָפיציעלער פּרעסע האָט זיך אָנגעהויבן אַ אָפענע אַנטיסעמיטישע
אַגיטאַציע. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט די צייטונג „ווידראָדזשעניאַ“, דער אָר־
גאַן פון קרינס־מיניסטעריום. סוף מאַי איז די דאָזיגע צייטונג אַרויסגעטראָטן מיט אַ
גאַנצע רייע אַרטיקלען וועגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און האָט זיך מיט גרויס שנאה
אַרויפגעוואָרפן אויף די יידן. „עקספּאַנסיווע, באַוועגליכע, זשעדנע, מיט פּיבערדיגע
הענט און אויגן“, „אַ פאָלק, וואָס רופט אַרויס אומעטום קענן זיך האַס“, „וואָס
פאַרקוקט יעדן מאַכטהאָבער אין די אויגן“ — אַזוי כאַראַקטעריזירט דער אַרטיקל די
יידן. „אין קיעוו זיינען די יידן געווען די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן אויפ־
שטאַנד פון די באָלשעוויקעס און האָבן געפירט די פּאַרטיזאַנישע מלחמה. דערפאַר
איז דער צאָרן פונם צד שכנגד געפאַלן פריער פאַר אַלץ אויף זייערע קעפּ: די פיינט־
שאַפט צו זיי איז שטאַרק אויסגעוואַקסן, מען האָט זיי דערשאָסן אָהן רחמנות, אַפילו
סאָציאַליסטישע עלעמענטן האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטיזם“. „דאָרט, וואו
עס שאַפט זיך די אוקראַינישע מלוכהשאַפט — דאָרט זיינען ניטאָ קיין יידן, אַלס אַק־
טיווע אַרבעטער, אָבער דאָרט, וואו זי ווערט צושטערט — דאָרט אַרבעטן די יידן זעהר

[1] אַזוי, למשל, איז אין אָחרוטש, וואָלינער גובערניע, אָנגעקומען פון זשיטאָמיר
אַ נעהיימער באַפעל ניט צולאָזן יידן צו מלוכה־שטעלעס און די פריער צוגענומענע
ביסלאַכוויז באַזייטיגן. זעה אַרכיוו פון דער רעדאַקציע, דעם באַריכט
פון א. גילערסאָן וועגן אָוורוטש (1919).

[2] אַרכיוו פון קיעווער קהלה, מעמאָראַנדום פון קיעווער
קהלה־ראַט צום אינערן־מיניסטער, פון 27־טן אַווגוסט 1918; אויך מאַטעריאַלן בכלל וועגן
גוואַלדטאַטן קעגן יידן אונטער דער הערשאַפט פון העטמאַן; ידיעות וועגן אָבוכאָוו.

[3] דאָרט.

פּלייסע... זיי וואָלטן באַדאַרפט זיין אָדער לחלוטין נייטראַל, זיך ניט מישן אין דער עמאַנסיפּאַציע פון אוקראַינישן פאָלק, אָדער — ווען זיי זיינען אַקטיוו אַרויסגעטראָטן קעגן אוקראַינע — וועלן זיי מוזן שניידן דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרזייט". „די יידן, — פאַרענדיגט דער אַרטיקל, — זיינען געווען איפן צד פון די פּאָלאַקן, ווען מיר האָבן מיט זיי מלחמה געהאַלטן, און זיי האָבן דערפאַר טייער באַצאָלט. די היסטאָריע גיט גלענצנדע אילוסטראַציעס צו דעם. איצט קעמפט אוקראַינע מיט מאָסקאָווטשינע, — און דאָס יידנטום איז נאָך אַ מאָל אַריבער אין דעם לאַגער פון אונזער שונא. זיי וועלן באַצאָלן אויך דערפאַר"[1]... אין אַזאַ אויפגערעגטן טאָן, מיט אָפענע דראָהונגען האָט געשריבן די אָפיציעלע פּרעסע. אויפן אוקראַינישן ביכער-מאַרק האָבן זיך גענומען באַווייזן אָהן שום שטערונגען אַנטיסעמיטישע אויסגאַבעס. אַזוי, האָט דער פאַרלאַג „נאַציאָנאַלני פּראַפּאָר" אַרויסגעלאָזט אַ בראָשורע „ווי אַזוי האָט געלעבט דאָס אוקראַיניש פאָלק", אין וועלכער דער מחבר זידלט די „מאָסקאַלן" (רוסן) און „ליאַכן" (פּאָלאַקן), און ווענן יידן ווערט אַזוי געזאָגט: „זשידעס זיינען פון שטענדיג אָן געווען אונזערע שונאים און ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיינען זיי בוגד אין אונזער מלוכה". עס זיינען דעמאָלט אויך ערשינען פאָלקס-בילדער — „ווי אַזוי מאַקסים זשעלעזניאַק און סאָטניק איוואַן גאָנטאַ האָבן איינגענומען אומאַן, און די היידאַמאַקעס האָבן מיט די געהייליגטע מעסערס אויסגעשחטן אַלע זשידעס און ליאַכעס".

אָבער אַ סך מער סימפּאַטאַטיש, ווי די מיינונג פון אַ סובסידירטער מיניסטערישער צייטונג, אָדער פון צופעליגע בראָשורעס, איז געווען די באַציהונג פון דער אוקראַינישער דעמאָקראַטיע צו דער יידן-פראַגע. אין דער הינזיכט איז זעהר כאַראַקטעריסטיש די האַלטונג פון אוקראַינישן „נאַציאָנאַל-מלוכהשן פאַרבאַנד" (נאַציאָנאַלנאַ-דערזשאַווני סאָיוז), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין מאַי 1918. שפּעטער, אין אַווגוסט, האָט זיך די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע, נאָך אַ געוויסן שנוי אין איר צוזאַמענשטעל, אַ נאָמען געגעבן „נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד". דאָס איז דער „פאַרבאַנד", וואָס האָט אין נאָוועמבער אַרויסגערופן די מרידה קעגן העטמאַן און פון וועמעס קרייזן ס'איז אַרויס די אוקראַינער דירעקטאָריע. בעת ער האָט זיך געגרינדעט, אין מאַי, האָט זיך דער דאָזיגער „נאַציאָנאַל-מלוכהשער פאַרבאַנד", וועלכער איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון די „ס. פ.", „סאָציאַליסטן-סאַמאָסטיניקעס", „דעמאָקראַטישע כליבאָראָבן", פון דער „ראַדע פון אייזנבאַן-, פּאָסט- און טעלעגראַפן-אָנגעשטעלטע", געווענדעט מיט אַ לאַנגן אויפרוף „צום דייטשן פאָלק" (אַזעלכע אויפרופן זיינען דעמאָלסט געווען אין מאָדע) ווענן דעם מצב אין אוקראַינע. צווישן אַנדערעס איז אינם דאָזיגן אויפרוף אַזוי געשטאַנען: „דאָס יידישע פאָלק, וועמעס בורזשואַזיע האָט זיך לויט דער שפּראַך לגמרי

---

[1]) מיר האָבן ניט ביי זיך די צייטונג „ווידראָדזשעניא" און מיר ציטירן לויט דער „נייער צייט", פונם 1-טן יוני 1918, וואו דער אַרטיקל איז כמעט אינגאַנצן איבערגעדרוקט.

אַסימילירט מיטן רוסישן פֿאָלק, זעהט אין דער אָפּטיילונג פֿון אוקראַינע אַ טעריטאָרישע פֿאַרשמעלערונג פֿון זיין אינדוסטריעל־מסחרישער טעטיקייט, און אין דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויפֿלעבונג פֿונם אוקראַינישן פּויער זעהט ער איין אַ דירעקטע סכּנה פֿאַר זיין לאַגע, אַלס אַן אַלטן האַנדלס־פֿאַרמיטלער. דאָס יידישע פֿאָלק שטרעבט צו אַ אומצוטיילבאַרער רוסלאַנד און פֿאַרהאַסט די אוקראַינישע זעלבסטשטענדיקייט"[1]. אין אַן אַנדער אָרט שרייבט דער אויפֿרוף ווידער: „טראָגנדיג אַ שנאה צום אוקראַינישן פֿאָלק, זעהען די רוסן, יידן און די פּאָלאַקן זייער איינציגע רעטונג נאָר אין דעם, וואָס זיי שטרעבן אַרויסצורופֿן אַ קאָנפֿליקט צווישן אוקראַינישן פֿאָלק און דעם דייטשן" (אונטערגעשטראָכן אין אָריגינאַל). די יידישע און רוסישע פֿאָרשטייער אין דער ראַדע פּלעגן צעבלאָזן יעדע קלענסטע עולה פֿון דער דייטשער אַרמיי און דורכדעם „סיסטעמאַטיש און באַוואוסטזיניג פּראָוואָצירן די אוקראַיניש־דייטשע באַציהונגען", און פֿון דער צווייטער זייט — געפּרובט איינרעדן די אוקראַינער פּויערן, אַז „די ראַדע האָט פֿאַרקויפֿט אוקראַינע צו די דייטשן און אַז די דייטשן זיינען געקומען אומקערן די ערד צו די פּריצים"[2]. אינם דאָזינן גייסט פֿון אַ קלאָרער מסירה איז געשריבן געוואָרן דער אויפֿרוף, מיט וועלכן דער „פֿאַרבאַנד" האָט זיך געווענדעט „צום דייטשן פֿאָלק" און אין אמתן צו די דייטשע אָקופּאַנטן, אָנווייזנדיג דייטליך אויף די שולדיגע אין די מהומות פֿון לאַנד. די דאָזיגע מסירה איז געוועזן באַזונדערס ביטער צו הערן מצד פֿאָרשטייער פֿון דער אוקראַינער דעמאָקראַטיע: בעת דער דייטשער לייטענאַנט איז אַריינגעקומען דעם 28־טן אַפּריל אין זיצונגס־זאַל פֿון דער ראַדע, כּדי זי צו צעטרייבן, איז אויף דער טריבונע געשטאַנען דער לעצטער רעדנער פֿון ראַדע — דער פֿאָרשטייער פֿון אַ יידישער פּאַרטיי (פֿון „בונד"), מ. ראַפֿעס, און האָט גערופֿן „די אַרבעטער פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן אין אוקראַינע פֿאַרטיידיגן די סואווערענע רעכט פֿון דער אוקראַינער פֿאָלקס־רעפּובליק קעגן דעם דייטשן אימפּעריאַליזם"...[3].

אין דער זעלבינער צייט, אמת, באַמערקט זיך אַ שטיקל אויסניכטערונג אין די לינק־געשטימטע אוקראַינער קרייזן, וועלכע פּלעגן פֿריער צוליבן קאַמף מיט די באָלשעוויקעס אָפּטמאָל באַנוצן אַנטיסעמיטישע אַרגומענטן. אַזוי, איז דער אָרגאַן פֿון דער רעגירונגס־פּאַרטיי (די אוקראַינישע ס. ר.) „באָראָטבאַ" שאַרף אַרויסגעטראָטן נאָך אין דער צייט פֿון דער לעצטער ראַדע מיט אַן אַרטיקל קעגן פּאָגראָמען, אונטערן נאָמען „מען דאַרף זיך אָפּשטעלן". „די שטאַרקע מאַכט, וואָס אונזער רעגירונג וויל איצט דורכפֿירן, האָט מען אויף די ערטער ניט פֿאַרשטאַנען", שרייבט די צייטונג. „די שטאַרקע מאַכט האָט די אָרטיגע „נאַטשאַלסטוואָ" פֿאַרשטאַנען נאָר אין דעם זין פֿון

[1]) „Жидівській нарід прагне единої Росії і ненавидит самостійность".

[2]) פּ. כריסטיוק, באַנד 3, זייטן 66 און 67.

[3]) מיר ציטירן זיינע ווערטער לויט פּ. כריסטיוקס בוך, באַנד 2, זייטע 173.

„שלאָגן, שחטן אָהן שום שאלות“... „און די דאָזיגע „שטאַרקע מאַכט“ האָבן צום ערשטן דערפילט די יידישע פּלייצעס“. „עס איז נישט קיין וואונדער, — איז די צייטונג מוסיף, — וואָס די אָרגאַנען פון יענע יידישע פּאַרטייען און שיכטן, וואָס זיינען שטענדיג מיט אונז געגאַנגען האַנט ביי האַנט, הויבן זיך אָן אומצוקוקן אויף אונז מיט אומצוטרוי. אַזוי קען ווייטער ניט זיין“. „די, וואָס אָן זיי חענדעט זיך דאָס, מוזן תיכּף, נישט אָפּלייגנדיג, אָפּשטעלן דאָס געיעג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין פּראָווינץ אויף דער יידישער באַפעלקערונג“[1]. אין מאַי, ווען מ׳האָט אָנגעהויבן שמועסן וועגן מבטל מאַכן דעם געזעץ פון דער נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע, איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ וואַרימען אַרטיקל צו פּאַרטיידיגן די אינטערעסן פון די „מינדערהייטן“ די „נאָוואַ ראַדאַ“, דער אָרגאַן פון די „ס. פּ.“, פון יענער פּאַרטיי, וואָס האָט איר חתימה געשטעלט אויף דער מסירה צום דייטשן פּאָלק חעגן דער יידישער אינטריגע... „איינע פון די שענסטע דערגרייכונגען פון דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע איז געווען די נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיגונג“ — האָט די „נאָוואַ ראַדאַ“ געשריבן. — „כאָטש אין דער צענטראַלנע ראַדע זיינען פאָרגעקומען געוויסע רייבונגען צווישן די אוקראַאינישע פּאַרטייען און די אַזוי גערופענע „מינדערהייטן“, האָט זיך אָבער דער אוקראַאינער רעוואָלוציאָנערער פּאַרלאַמענט פון סאַמע אָנהויב איינמאָל פאַר אַלע מאָל געשטעלט אויפן באָדן פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיגונג“. דער אָרגאַן דריקט אויס דעריבער זיין זיכערקייט, אַז די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס וועלן ווידעראַמאָל אויפלעבן[2]. די דאָזיגע וואַקלדיגע שטעלונג פון פאַראַנטוואָרטליכע אוקראַאינישע אָרגאַנען צו אַזאַ ערנסטער פראַגע, ווי די יידישע, אין משך פון אַזאַ קורצער צייט איז געווען כאַראַקטעריסטיש.

די דאָזיגע פּרעסע־אָרגאַנען און די פּאַרטייען, וואָס שטייען הינטער זיי, זיינען אָבער דעמאָלט שוין געווען דערווייטערט פון מאַכט, ביים פּאָליטישן רודער זיינען געשטאַנען אַנדערע כּחות — און מ׳האָט אָנגעהויבן רעדן צו יידן גאַנץ אַנדערע דבורים. אויף אַ גאָר אָפענעם אופן האָט מען עס געוויינטליך געטאָן אין דער פּראָווינץ. די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע וועגן די זשיטאָמירער פּאָגראָמען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אָנהויב 1919, גיט אין איר באַריכט איבער וועגן דער פאַר־פּאָגראָם צייט אַזאַ פאַקט: דער וואָלינער גובערניאַלער סטאַראָסטאַ (ד. ה. דער פאַרוואַלטער פון גובערניע), ס. אַנדראָ, האָט איינגעלאַדן צו זיך, אין נאָוועמבער 1918, דעם פּרעזידיום פון דער זשיטאָמירער יידישער קהלה, גראָב אים אויפגענומען און אין דער געגנוואַרט פון אַ סך עדות געזאָגט בזה הלשון: „די נידערטרעכטיגע יידישע יוגנט האָט דערשאָסן אין באַרדיטשעוו אָפיצערן און פרייווילינע, וואָס קעמפן מיט די באָלשעוויקעס

[1]) דער אַרטיקל איז אָפּגעדרוקט אין „ב אָ ר אָ ט ב אַ“ פון 11 אָדער 12 אַפּריל 1918.

[2]) דער אַרטיקל איז אָפּגעדרוקט אין „נאָוואַ ראַדאַ“ דעם 22 אָדער דעם 23 מאַי 1918.

(ד. ה. מיטן חיל פון דירעקטאָריע, וואָס האָט אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן העטמאַן). ניט איבער דער באַפעלקערונג, אַז מער וועל איך ניט שווייגן; פאַר דער קלענסטער באָלשעוויסטישער אַרויסטרעטונג פון די יידן וועל איך פאַרגיסן זשיטאָמיר מיט יידיש בלוט"...)[1].

די דייטש-עסטרייכישע מיליטערישע מאַכט האָט מיט אַזאַ אָפענע פּאָגראָם-שפּראַך ניט גערעדט, פונדעסטוועגן האָט זי אויך ניט היפּיג געהאָלפן דער אויפרעגונג קעגן די יידן מיט אירע אָפטע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען. שוין גלייך נאָך זייער אָנקומען אין קיעוו האָבן די דייטשן אויסגעהאַנגען אויפן וואָקזאַל איינעם נעבן אַנדערן צוויי פּלאַקאַטן: „וואַרנונג פאָר טאַשענדיבן" און „וואַרנונג פאָר יידישע געלדוועקסלערן" („היט אייך פאַר קעשענע-גנבים" און „היט אייך פאַר יידישע חלפנים"). דאָס איז שוין געווען אַ מין סימפּטאָם. די יידישע פאָרשטייער האָבן אַריינגעטראָגן דעם 2-טן אַפּריל אין ראַדע אַ אָנפראַגע וועגן דעם. די אוקראַינער, וואָס זיינען דענסטמאָל נאָך געווען צופרידן מיטן אָנקומען פון די דייטשן, האָבן אין דער אינטערפּעלאַציע געזעהן נאָר אַ „יידישע פּריטשעפּקע")[2]. אָבער די דאָזיגע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען פון די דייטשן זיינען געווען ניט קיין צופעליגע. אין מערץ האָט אַ אוקראַינישער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן אַ בראָשורע, אונטערן נאָמען „צוליב וואָס זיינען די דייטשן געקומען קיין אוקראַינע?", אין וועלכער ס'געפינט זיך אַ גאַנצע רייע אָפיציעלע דאָקומענטן, וואָס גיבן אַ ענטפער אויף דער דאָזיגער פראַגע. אין דער בראָשורע איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אויך דער ענטפער פון די פאָרשטייער פונם דייטשן מיליטער-שטאַב אין קיעוו, אין וועלכן ס'ווערט צווישן אַנדערס געזאָגט: „אַ גרויסער טייל יידן האַלטן, אַז די דייטשן האָבן געשאַט זייערע אינטערעסן, ווייל אונטער דער הערשאַפט פון די באָלשעוויקעס האָבן זיי געהאַט די מעגליכקייט צו האַנדלען מיט אָנגעראַבירטע זאַכן". די דאָזיגע באַשולדיגונג איז אויף אַזוי ווייט געווען אומערוואַרטעט, אַז דער אוקראַינישער פאַרלאַג, וואָס האָט די דאָזיגע בראָשורע אַרויסגעגעבן, האָט געהאַלטן פאַר נויטיג פון זיין זייט צו באַמערקן: „מיר זיינען ניט אינגאַנצן מסכים מיט דער דאָזיגער מיינונג וועגן דער ראָלע, וואָס די גרעסטע טייל יידן האָט געשפּילט אין דער צייט פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש")[3].

אָבער די באַציהונג פון די דייטשן צו יידן האָט אָפטמאָל אָנגענומען אַ מער ערנסטע פאָרם. די דייטש-עסטרייכישע קאָמאַנדע האָט אַרויסגעגעבן אין פאַרשידענע

[1]) אַרכיוו פון רעדאַקציע, דער באַריכט פון דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע וועגן די פּאָגראָמען אין זשיטאָמיר; זעה אויך די גביות עדות פון דזעוואַלטאָווסקי, י. ראָזענבלאַט און עליאַסבערג (מאַטעריאַלן וועגן זשיטאָמיר).

[2]) די אָנפראַגע האָט אַריינגעטראָגן מ. גראָסמאַן אין נאָמען פון דער ציוניסטישער פראַקציע. אנב: ענליכע פּלאַקאַטן האָבן די דייטשן אויסגעהאַנגען אויך אין עטליכע אַנדערע שטעט; אַזוי, למשל, ווייסן מיר וועגן אַזאַ פאַל אין אַלעקסאַנדריע, כערסאָנער גוב.

[3]) די בראָשורע (אין אוקראַיניש) „צוליב וואָס זיינען די דייטשן געקומען אין אוקראַינע?" איז ערשינען אין פאַרלאַג „ווידראָדזשעניאַ".

ערטער אַ רייע פאַראָרדנונגען און אויפרופן, וועלכע האָבן שאַרף אָנגעגריפן די יידן. מיר ברענגען דאָ עטליכע אַזעלכע פאַקטן. די דייטשע קרייז⸗קאָמאַנדאַנטור אין סמעלע, קיעווער גוב., האָט פאַרעפנטליכט אַ מעלדונג צו דער באַפעלקערונג, אונטערגעשריבן פונם אָבערסט⸗לייטענאַנט שערער, וואו ס'ווערט געזאָגט: „ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז פיינטליכע אַגענטן, דאָס רוב יידן, פאַרשפּרייטן אין די שטעט און אויפן ישוב פאַלשע און אויפרייצנדיקע קלאַנגען וועגן די דייטשן; זיי ווילן דורכדעם אונטער⸗גראָבן דעם נאָמען פון דער דייטשער מלוכה און צושטערן אייער צוטרוי צו די דייטשן, וועלכע באַשיצן אייך פון רויבער און באַנדעס". פאַר פאַרשפּרייטן אַזוינע קלאַנגען דראָהט די מעלדונג מיט תפיסה און אפילו מיט טויט⸗שטראָף [1]). אין אַ קורצע צייט אַרום האָט דער איינענער אָבערסט⸗לייטענאַנט שערער אַרויסגעלאָזט אַ צווייטן אויפרוף (אויף דייטש, אוקראַיניש און רוסיש) וועגן דעם, אַז „אָנפירער פון באַנדעס און אַגענטן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז אין קורצן וועט די דייטשע מיליטער אָפּגעצויגן ווערן פון אוקראַינע" — און דערנאָך מיט גרויסע בוכשטאַבן: „דער עיקר ווידער אַמאָל יידן פאַרשפּרייטן אַזעלכע קלאַנגען" (הויפּטזעכליך זינד עס ווידערום יודען, וועלכע דיזעס געריכט אונטער די לויטע טראַגען). די מעלדונג וואָרנט „די רוהיגע און אַרבעט⸗זאַמע בירגער און פויערן", זיי זאָלן זיך היטן פאַר די יידן, וועלכע צעטראָגן אַזעלכע קלאַנגען, און דראָהט די יידן מיט די אויבנדערמאָנטע שטראָפן [2]). דעם 18⸗טן יולי איז אין בעלאַ⸗צערקאָוו אויסגעקלעפּט געוואָרן אַ מעלדונג, אונטערגעשריבן פון דייטשן קרייז⸗קאָמענדאַנט, אָבערסט ניקיש פאָן ראָזענעק, אין וועלכן ס'איז געזאָגט געוואָרן: „די קאָמענדאַנטור האָט באַקומען ידיעות, אַז אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, דער עיקר דאָס רוב יידישע הענדלער פירן אויפן מאַרק און איבער די דערפער אַ שענדליכסטע אַגיטאַציע קעגן דער אוקראַינער רעגירונג און קעגן דער דייטשער מאַכט". אויפפאָדערנדיק די קרייז⸗סטאַראָסטעס (קאָמיסאַרן) און די סטאַרשינעס פון די וואָלאָסטן תיכּף ומיד מודיע זיין די נעמען פון די דאָזיקע שעדליכע עלעמענטן, דראָהט די מעלדונג די דאָזיקע „יידישע פרידנסשטערער" מיט די סאַמע האַרבסטע שטראָפן [3]). בעת אַ דעלעגאַציע פון דער אָרטיקער שטאָט⸗פאַרוואַלטונג און פון דער יידישער קהלה איז געקומען אין דייטשער קאָמענדאַנטור זיך משתדל זיין, מ'זאָל דעם דאָזיקן אויפרוף ניט פונאַנדער⸗שפּרייטן, האָט זיי דער פאָרשטייער פון קאָמענדאַנטור קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט און ער⸗קלערט, אַז דער דאָזיקער אויפרוף וועט אדרבה פאַרשפּרייט ווערן אין אַ גרויסער צאָל עקזעמפּלאַרן, ווייל „די יידן זיינען די שעדליכסטע אַגיטאַ⸗

---

[1]) אַרכיוו פון רעדאַקציע (דאָקומענטן⸗אָפּטיילונג), די דייטשע „בע⸗קאַנטמאַכונג", דאַטירט: סמעלאַ, 6 אָקטאָבער 1918.

[2]) דאָרט, „בעקאַנטמאַכונג", פונם 17⸗טן אָקטאָבער 1918, סמעלאַ.

[3]) דאָרט, „בעקאַנטמאַכונג", דאַטירט דעם 18⸗טן יולי 1918, אין דייטש און אין רוסיש (אין בעלאַ צערקאָוו), זעה 2⸗טן טייל פון דאָזיקן בוך, דאָקומענטן⸗אָפּטיילונג.

טאָרן קענען די דייטשן". דער קהלה־ראַט האָט דאַן אויף אַן עקסטראַ־זיצונג אָנגענומען אַ פראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן דער באַשולדיגונג, וואָס „קערט אום די יידן צו די אַלטע צייטן", און באַשלאָסן מודיע זיין וועגן דעם פאַקט די צענטראַלע אָרגאַנען און באַקאָנען די געזעלשאַפטליכע מיינונג [1]. דער פאָרשטייער פון דער עסטרייכישער פאַרוואַלטונג אין ווערכנעדנעפראָווסק, יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, איז אַוועק נאָך ווייטער. ער האָט צעקלעפט פאָלגנדיגן באַפעל: „איך פאַרווער די אָרטיגע איינוואוינער פון יידישן גלויבן צו האָבן וועלכע ניט איז מגע־משא מיט מיינע סאָלדאַטן, שמועסן מיט זיי, שפאַצירן און ד. ג.". פאַר עובר זיין אויפן באַפעל וועט מען באַשטראָפן דעם ערשטן מאָל מיט שמיץ און דעם צווייטן מאָל — מיט דערשיסן.

זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פסיכאָלאָגיע פון דער דייטשער מיליטער־מאַכט און איר באַציהונג צו די יידן איז דער צירקולאַר, וואָס איז צעשיקט געוואָרן אין אַווגוסט 1918 דורך דער עסטרייכישער קאָמאַנדע צו די רבנים און צו די קהלות פון פאָדאָליער, פאָלטאַווער און כערסאָנער גובערניעס, — „וועגן דעם איינפלוס פון דער יידישער באַפעלקערונג אויף די סאָלדאַטן". ס'איז דערוויזן געוואָרן, — ווערט געזאָגט אינם דאָזיגן צירקולאַר, — אַז איינצעלנע פערזאָנען, וואָס געהערן צו דער יידישער נאַציע, פאַרזוכן אַריינציהען אונזערע סאָלדאַטן צו באַגיין עולות און פאַרברעכנס, הן אויפן פאָליטישן געביט, אַזוי אויך אויפן עקאָנאָמישן (צו גנבות, רויבעריען, פאַרבאָטענעם האַנדל, האַנדל מיט כלי־זין וכדומה)". „ס'איז באַקאַנט, ווי דאָס פאַראייניגטע יידנטום האַלט זיך סאָלידאַריש", און דעריבער „מוסען וויר די געזאַמטע יודענשאַפט צור פעראַנטוואָרטונג ציהען" (מוזן מיר די אחריות אַרויפלייגן אויף דעם גאַנצן יידנטום). דאָס יידנטום איז מחויב איינצוהאַלטן זיינע שעדליכע עלעמענטן. „אויב ער וועט עס ניט טאָן, מאַכט ער זיך מיטשולדיג און וועט מוזן טראָגן אַלע פאָלגן דערפון. די פאָלגן זיינען: קאָנטריבוציע אויף דער יידישער באַפעלקערונג און ספעציעלע מיטלען קעגן יידן" [2]. די פאָרשטייער פון דער עסטרייכישער מיליטערישער מאַכט אויף דער פראָווינץ האָבן גענומען דעם דאָזיגן צירקולאַר גאַנץ ערנסט. אַזוי האָט, למשל, דער פלאַץ־קאָמענדאַנט פון פראָסקוראָוו אויפגעפאָדערט, אויפן גרונט פון דעם אויבנדערמאָנטן צירקולאַר, דעם אָרטיגן יידישן קהלה־ראַט, ער זאָל „אַרויסגעבן יענע יידישע עלעמענטן, וועלכע פירן אַן אַגיטאַציע קעגן דער

[1]) וועגן דאָזיגן אויפרוף און די אונטערהאַנדלונגען זעה אין אַרכיוו פון רעדאַקציע די קאָפיע פון דער מעלדונג צום יידישן מיניסטעריום פון בעלאָ־צערקאָוו.

[2]) אַרכיוו פון רעדאַקציע (דאָקומענטן־אָפטיילונג), קאָפיע פון צירקולאַר: „איינפלוס דער יודענשאַפט אויף די מאַנשאַפט", פון אַלעקסאַנדריע (כערסאָנער גובערניע), דעם 25־טן אַווגוסט 1918, פאַרעפנטליכט פונם „ק. אונד ק. 11 קאָר. ברינג.־קאָמ־דאָ". („Tut sie das nicht, macht sie sich mitschuldig und muss dann die Folgen tragen. Die Folgen sind: Kontribution auf die Judenschaft, Sondermaßnahmen gegen dieselbe").

איצטיגער מאַכט אין אוקראַינע״, און אויב ניט — וועט עס הייסן, אַז די קהלה „היל בפֿין באַהאַלטן די דאָזיגע פֿאַרברעכער״, און זי וועט באַשטראָפֿט ווערן מיט קאָנטריבוציע. דער פּראָסקוראָווער קהלה-ראַט האָט, אַלס ענטפֿער אויף דער ווענדונג, אַרויסגעטראָגן אַ פּראָטעסט-רעזאָלוציע און האָט אָנגעוויזן, אַז „דער קהלה-ראַט איז אויסגעוויילט געוואָרן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אויף צו באַפֿרידיגן זיינע נאַציאָנאַלע באַדערפֿנישן, אָבער אויף קיין פֿאַל ניט אויף אויסצופֿירן פּאָליציייאישע פֿונקציעס״ [1].
לערך אין דער זעלביגער צייט האָט דער עסטרייכישער קאָמענדאַנט אין יעקאַטערינאָסלאַוו אַרויסגערופֿן צו זיך די רבנים פֿון שטאָט און די פֿאָרשטייער פֿון קהלה-ראַט און האָט אין אַ שטרענגן טאָן זיי פֿאָרגעלייענט אַ צעטל פֿון יידישע חטאים: אַז „דער אַלוועלטלעכער יידישער פֿאַרבאַנד״ פֿאַרנעמט זיך מיט שפּיאָנאַזש לטובת ענגלאַנד און פֿראַנקרייך, אַז די יידן זיינען אין אוקראַינע „די אָנפֿירער פֿון די גנבות און פֿאַלשקייטן״. דער קאָמענדאַנט האָט געפֿאָדערט, אַז די קהלה זאָל אַרויסגעבן דער מאַכט די דאָזיגע שפּיאָנען און פֿאַרברעכער און זאָל אויך אָננעמען אַ רעזאָלוציע, אַז זי אָריענטירט זיך אויף די צענטראַלע מלוכות, ווייל „עס איז באַוואוסט, אַז די יידן באַציהען זיך ניט פֿריינטלעך צו די דייטשע מלוכות״. די יידישע פּאָליטישע טוער האָבן זיך דעמאָלט הפּנים ניט געפֿילט דערשראָקן פֿון אַזעלכע נגישות, און די פֿראַקציעס פֿון יעקאַטערינאָסלאַווער קהלה-ראַט האָבן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז „די קהלה נייט מיט פֿאַראַכטונג פֿאַרביי די אַלע אינסינואַציעס״ און געפֿינט ניט פֿאַר נייטיג מאַכן ערקלערונגען וועגן איר אָריענטאַציע [2].

די דאָזיגע אָפֿענע אַרויסטרעטונגען פֿון דער דייטשער מאַכט קעגן יידן זיינען פֿאָרגעקומען אין אַ לאַנד, וואָס איז געווען אַדורכגעזאַפּט מיט אַנטיסעמיטישער שנאה, און וואו מ׳האָט באַדאַרפֿט באַזונדער פֿאָרזיכטיג זיין. זעהר אָפֿט האָט געטראָפֿן, אַז בעת די אוקראַינער מיליטער-טיילן, אָדער די „וואַרטאַ״ (די מיליציע) פֿלעגן באַגיין גוואַלדטאַטן קעגן יידן, פֿלעגן די דייטשן האַלטן נייטראַליטעט, אָדער אָפֿן זיך שטעלן אויפֿן צד פֿון די פֿאַרגוואַלטער און זיי מיטהעלפֿן. ס׳פֿלעגן אָבער פֿאָרקומען אויך פֿאַרקערטע פֿאַלן — דער עיקר אין די נענטסטן פֿון די פּויערן-אויפֿשטאַנדן, — ווען די דייטשן פֿלעגן דערשטיקן די רדיפֿות קעגן די יידן, ווייל דאָס האָט געשטערט דער אַלגעמיינער אָרדנונג אין לאַנד. די דאָזיגע פּאָליטיק האָט טאַקע געווירקט, אַז די פּאָגראָם-באַוועגונג זאָל אין דער דאָזיגער תקופֿה ניט אָננעמען קיין ברייטן כאַראַקטער. זעהר ערנסט זיינען געווען יענע פּאָגראָמען, וואָס די פּ ו י ע ר ן האָבן געמאַכט, אָבער דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אויפֿרעגונג אין דאָרף ק ע ג ן דער מאַכט — קעגן דעם העטמאַן און די דייטשן, און קעגן אויפֿן חשבון פֿון דער מאַכט ניט פֿאַרשריבן ווערן.

[1] ד אָ ר ט (מאַטעריאַלן פֿון 1917–1918), קאָפּיע פֿון דער רעזאָלוציע פֿון פּראָסקוראָווער קהלה-ראַט, פֿונם 26-טן אויגוסט 1918.
[2] „ג י י ע צ י י ט״, פֿונם 13-טן סעפּטעמבער 1918, „חזק אָדער ערגער״.

# IX

פּאָגראָמען מצד די העטמאַנישע קאָזאַקן און דער „האַרטאַ“. — די געשעהע־נישן אין האָראָדניער אויעזד, טשערניגאָװער גובערניע. — די געשעהענישן אין קיעװער גובערניע. — די אַגראַר־פּאָליטיק פון דער ראַדע. — די אַגראַר־פּאָליטיק פון דער אָקופּאַציאָנס־מאַכט; די דײַטשן און די פּריצים. — די דײַטשן נעמען שפּײַז פון אוקראַינע. — די דײַטשע שטראָף־עקספּעדי־ציעס. — דער אױפשטאַנד פון די פּויערן. — די אױפשטאַנד־באַװעגונג און ײִדישע פּאָגראָמען. — די געשעהענישן אין זװעניגאָראָדער קרײַז; ליסיאַנקע; טאַראַשטשער און סקװירער קרײַז. — „די ײִדן האָבן געבראַכט די דײַטשן“. — מעמאָראַנדום פון קיעװער קהלה און מיניסטער א. קוסטיאַ־קאָװסקי. — אויפן שװעל פונם שרעקליכן יאָר.

פון די פּאָגראָם־עקסצעסן, װעלכע דעם העטמאַנס חיל האָט באַגאַנגען, דאַרפן באַזונדערס אויסגעטײלט װערן די געשעהענישן, װאָס זײַנען פאָרגעקומען, אין מאַי 1913 אין האָראָדניער אויעזד, טשערניגאָװער גובערניע. אָנגעהויבן האָט זיך עס פון דעם שטעטל סלאָבאָדאַ־ראַדול (דעם 1־טן מאַי), פון אַ צװאַמענשטויס צװישן די העטמאַנישע קאָזאַקן און אַ דײַטשער מיליטער־אָפּטײלונג, װעלכע אַן איבער־געשראָקענע ײִדיש מײדל האָט אײַנגעלאַדן. אַז בײדע צדדים האָבן זיך באַרוהיגט און צװישן זיך שלום געמאַכט, האָבן די אוקראַינער קאָזאַקן באַשלאָסן נוקם זײַן זיך אין די ײִדן. דער קאָמאַנדיר פון דער אוקראַינער אָפּטײלונג, דער אויעזד־קאָמענדאַנט יאַראָ־שעװסקי, האָט באַפוילן צונויפטרײַבן די גאַנצע ײִדישע באַפעלקערונג פונם שטעטל — 27 מאַנסבילן און 28 פרויען — אין געבײדע פון שטאָט־פאַרװאַלטונג און דאָ האָט מען זײ אָנגעהויבן צו פּײַניגן. דערנאָך האָט יאַראָשעװסקי אויסגעשטעלט אַלע צושלאָ־גענע און צו זײ געזאָגט: „דער דײַטשער קאָמענדאַנט האָט מיר געגעבן די מעגליכקײט צו טאָן מיט אײַך, װאָס איך װיל, די באַפעלקערונג לײַגט פאַר אײַך אויסצוהרגענען, איך אָבער שײַנק אײַך דאָס לעבן, נאָר איך פאָדער, אַז אין משך פון 10 מינוט צײַט זאָלט איר אַרויסגעבן דאָס גאַנצע געװער“. די ײִדן האָבן אָנגעהויבן װײנען און שװערן, אַז זײ האָבן ניט קײן שום געװער, מ׳האָט זײ אָבער ניט געגלויבט. דעמאָלט איז אײנער פון די ײִדן אַװעק און בסוד געקויפט בײַ אַ קריסט אַ רעװאָלװער און געבראַכט צום קאָמענדאַנט... אַלס רעזולטאַט פון די דאָזיגע געשעהענישן איז דאָס אויבנדערמאָנטע ײִדיש מײדל געהרגעט געװאָרן; אַ סך פון די געפּײַניקטע האָבן באַקומען צו 40—50

וואונדעך, אייניגע זיינען ניט געווען אימשטאַנד אויפצושטיין פון בעט [1]. די זעלביגע אוקראַינער אָפּטיילונג, בראש מיטן קאָמענדאַנט, איז אַוועק דערנאָך אין דער שכנותדיגער שטעטל דאָבריאַנקע (אויפן גרעניץ פון מאָהילעווער גובערניע). צונעפאָרן צום שול און סטראַשענדיג מיט רעפּרעסיעס, האָט יאַראָשעווסקי אויפגעפאָדערט די מתפללים, זיי זאָלן אים „אין משך פון פינף מינוט" צושטעלן דאָס גאַנצע געווער, וואָס געפינט זיך ביי יידן. דער רב איז אַרויף אויפן בימה און האָט באַשוואָרן די יידן, וואָס האָבן ביי זיך וואָסער ניט איז געווער, עס אָפּגעבן די קאָזאַקן; אייניגע האָבן אויפגעזוכט ביי זיך און עס אָפּגעגעבן. דאַן איז די מחנה קאָזאַקן אָנגעפאַלן מיט אַ שרעקליכער אכזריות אויף דער יידישער באַפעלקערונג, און לערך אַ 20 פּערזאָן זיינען דערביי שטאַרק צושלאָגן געוואָרן [2]. דעם 23=טן מאַי איז דער זעלביגער יאַראָשעווסקי מיט זיין מיליטער=אָפּטיילונג באַגאַנגען גוואַלדטאַטן קעגן די יידן אין שטעטל האָראָדניע. די קאָזאַקן האָבן געפאָדערט פון די יידן, זיי זאָלן מודה זיין, אַז זיי האָבן איינגעאָרדנט אין שול „אַ געהיימע פאַרזאַמלונג", אויף וועלכער ס'איז כלומרשט באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן די „מיטלען און תחבולות ווי אומצובריינגען די אוקראַינישע מיליטער=אָפּטיילונג". ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז „די געהיימע פאַרזאַמלונג" איז געווען אַ פּשוטע אסיפה פון בעלי=הבתים וועגן רעמאָנטירן די שול. ניט קוקנדיג אויף דעם האָט מען פונדעסטוועגן אַרעסטירט דעם רב מיט נאָך עטליכע יידן און מ'האָט זיי מיט נאַהייקעס און קאָלבן געשלאָגן מכות רצח. מעלדנדיג וועגן די דאָזיגע געשעהענישן אין מיניסטעריום, שרייבן די האָראָדניער איינוואוינער אַזוי: „די יידישע באַפעלקערונג איז טעראָריזירט דורך די שטענדיגע דראָהונגען מיט אַ מאַסן=הריגה, דורך די פּלוצלינגע „אָבלאַוועס" און אונטערזוכונגען אינמיטן דער נאַכט... ישרן צוויי חדשים, ווי די יידישע באַפעלקערונג לעבט אין טויט=שרעק, אונטערן איינדרוק פון די אכזריותדיגע רציחות און הריגות אין ראַדול און דאָבריאַנקע" [3].

די גוואַלדטאַטן מצד די העטמאַנישע קאָזאַקן אָדער מיליציע זיינען פאָרגעקומען, אַ חוץ אין דאָזיגן ראַיאָן פון טשערניגאָווער גוב., אויך אין עטליכע פּונקטן פון קיעווער גובערניע. אין שטעטל פּליסקאָווע איז דעם 12=טן מאַי אַריין אַ מחנה אוקראַינער קאָזאַקן, צעשטעלט אין די גאַסן קוילנוואַרפערס און גענומען ראַבירן; יעדן אָנגעטראָפענעם יידן האָבן זיי אכזריותדיג געשלאָגן, ניט שאַנעווענדיג אפילו קיין חלאים, וועלכע זיי האָבן אַראָפּגעשלעפּט פון די בעטן און מיט נאַהייקעס צוהרגעט [4]. אין אַווגוסט איז אין שטעטל רוזשין אָנגעקומען אַ אוקראַינישע שטראָף=אָפּטיילונג

---

[1]) אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום, מעלדונג וועגן די געשעהענישן אין סלאָבאָדאַ ראַדול, רעג. 1892 №, פונם 24-טן מאַי 1918.

[2]) „נייע צייט" פונם 30 מאַי 1918.

[3]) אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום, קאָפּיע פון דער האָראָדניער מעלדונג צו דער קיעווער קהלה, רעג. 1956 №, דעם 31-טן מאַי 1918.

[4]) אַרכיוו פון קיעווער קהלה, דער קהלה-מעמאָראַנדום צום אינערן-מיניסטער, פונם 27 אַווגוסט 1918.

„צו מאַכן אָרדנונג“ און האָט באַנאַנגען אַ רייע גוואַלדטאַטן קענן דער יידישער באַפעלקערונג. עטליכע יידן האָט זי צושלאָגן; דעם רב מיט 7 בעל=הבתים האָט זי פאַרשלעפּט מיט זיך, אַריינגעפירט אין אַ שפּייכלער און געפּייניגט, ביז יענע זיינען געפאַלן הלשות. אַ צווייטע אָנגעקומענע מחנה קאָזאַקן האָט אויך גענומען ראַבירן און זיך לוסטיג מאַכן איבער דער יידישער באַפעלקערונג; דער קאָמאַנדיר, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג, האָט אויפגעהעצט די פּויערן קעגן די יידן און געגעבן אַן עצה אַריבערלייגן אויף די יידן אַ העלפט פון דער קאָנטריבוציע, וואָס די פּויערן האָבן געדאַרפט באַצאָלן דעם פּריץ פאַר די היזקות, וואָס ער האָט געליטן בעת די אַגראַר=אומרוהען [1].

אין איינגע ערטער איז דער הויפּט=אָנטיילנעמער אין די גוואַלדטאַטן געווען די „וואַרטאַ“ גופא — די מלוכה=מיליציע, וואָס איז באַרופן געווען אָפּצוהיטן די אָרדנונג. אַזוי, טעלעגראַפירט מען פון שטעטל בעלילאָווקע, קיעווער גוב., אַז „די מלוכה=וואַרטע, מיט איר אָנפירער בראש, טעראָריזירט די יידישע באַפעלקערונג, אַרעסטירט אומשולדיגע, שלאָגט און פּרעסט אויס גרויסע געלט=סומען“ [2]. אין אַ צווייטער טעלעגראַמע ווערט מיטגעטיילט, אַז „דעם 7=טן יולי האָט אַן אָפּטיילונג פון רעזערוו=מיליציע געראַבירט און געשלאָגן די יידישע באַפעלקערונג אין שטעטל קוזמין, וואָלינער גוב. די באַפעלקערונג, פון קליין ביז גרויס, צעלויפט זיך. 20 יידן האָט מען אַוועקגעשלעפּט, און מ'ווייסט ניט, וואָס מיט זיי איז געוואָרן“ [3].

אָט אַזוי האָבן די אָרטיגע מאַכט=אָרגאַנען, מיט זייערע איינענע מעשים קעגן איין טייל פון דער באַפעלקערונג, אַליין אונטערגעגראָבן די יסודות פון דער אָרדנונג, וועלכע זיי זיינען געווען באַרופן צו פאַרפעסטיגן. אין אַ סך ערטער אויף דער פּראָווינץ איז די פּאָליטיק פון ספּעציעלע קאָנטריבוציעס אויף יידן פאַר אויסגעטראַכטע הטאים אָפיציעל סאַנקציאָנירט געוואָרן. די דייטשן אַליין האָבן אין זייערע אויפרופן, ווי ס'איז אויבן דערמאָנט געוואָרן, ניט איינמאָל געסטראַשעט די יידן מיט ספּעציעלע קאָנטריבוציעס און אַנדערע שטראָפן פאַר כל המינים „עולות און חטאים“. די דאָזיגע ביישפּילן האָבן געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג. מ'האָט אָנגעהויבן קוקן אויף די יידן, ווי אויף אַ נאַטירליכן אָביעקט פון געלט=אויספּרעסונגען און גזלה. „אַ חוץ די אָנפאַלן און פאָגראָמען פון דער איבערגאַנגס=צייט — ווערט געזאָגט אינם מעמאָראַנדום פון קיעווער קהלה=ראַט — קומט נאָך אויס דער יידישער באַפעלקערונג צו טראָגן אויף זיך די שווערע משא פון כסדרדיגע געלט=קאָנטריבוציעס. . וועלכע קענען ניט באַרעכטיגט ווערן אפילו לויט די געזעצן פון דער היינטיגער שווערער איבערגאַנגס=צייט“.

די נגישות און עקסצעסן מצד דער מיליטער אָדער דער „וואַרטאַ“ זיינען אין דעם פּעריאָד דאָך פאָרגעקומען זעלטן און צופעליג און האָבן ניט געטראָגן קיין כאַ-

---

[1]) דאָרט.

[2]) אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום, רעג. 2860 №, פונם 15=טן יולי 1918.

[3]) דאָרט, רעג. 2638 №, פונם 9 יולי 1916, אַ דעפּעשע פון סטאַראָקאָנסטאַנטינאָווער קהלה=ראַט.

ראַקטער פון אַ סיסטעם. אַ סך ערנסטער זיינען געווען, ווי געזאָגט, די פּאָגראָמען פון צווייטן טיפּ, וועלכע האָבן אויסגעבראָכן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַוועגונג וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דאָרף קעגן דער ממשלה פון די דייטשן און העטמאַן. דאָס איז געווען די ערשטע אויפשטאַנד־באַוועגונג פון די פויערן אין אוקראַינע נאָך דער רעוואָלוציע, וואָס האָט שפּעטער געבראַכט צו דער מפּלה פון דער העטמאַנשטשינע און געצוואונגען די דייטשע חיילות צו פאַרלאָזן אוקראַינע.

די אומרוהען אינם אוקראַינישן דאָרף האָבן זיך אָנגעהויבן זומער 1918, און צו אַוגוסט צו האָבן זיי אָנגענומען אַ זייער ערנסטן כאַראַקטער. די דייטשן און דער העטמאַן, וואָס האָבן צוריק אומגעקערט די פּריצים צו דער מאַכט און האָבן געהאַט בדעה אָפּצונעמען די ערד, וואָס איז שוין פּאַקטיש געווען אין רשות פון די פויערן, האָבן ניט פאַרשטאַנען די קראַפט פון דער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע, וואָס דער פּויער האָט פאַרמאָגט און וועלכע ער האָט נאָך ניט געהאַט אויסגענוצט. אינם פריערדיגן פּעריאָד האָט די ראַדע, וואָס האָט זיך געשטיצט דער עיקר אויפן דאָרף, געפירט אַ פּאָליטיק לטובת די פויערן און געשטרעבט ראַדיקאַל צו לייזן דאָס ערד־פּראָבלעם. דער פערטער אוניווערסאַל האָט באַשטעטיגט דעם באַשלוס, אַז „די ערד ווערט איבערגעגעבן צום אַרבעטנדן פאָלק אָהן אויסקויף־געלט", דאָס רעכט אויף ערד־אייגנטום ווערט בטל, און אפילו אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון „ערד סאָציאַליזאַציע". מיט דעם דאָזיגן באַשלוס האָט די ראַדע אייגנטלעך נאָר סאַנקציאָנירט די פּאַקטישע פאַרכאַפּונג פון דער ערד דורך די פויערן. דעם אנטגילטיגן געזעץ וועגן „סאָציאַליזאַציע" פון דער ערד האָט די ראַדע אָנגענומען ערשט אין מערץ 1918, בעת עס זיינען שוין געווען די דייטשן, און אָט דער באַשלוס האָט עס דער עיקר געטריבן די גרויסע ערד־אייגנטימער צום געדאַנק אַריינצונעמען, מיט דער הילף פון די דייטשן, די מאַכט, הגם די ראַדע האָט עטוואָס שפּעטער אָפּגעטראָטן פון דעם פּרינציפּ, אָננעמענדיג אַ באַשלוס, אַז ערד־שטחים ביז 30 דעסיאַטין פאַרבלייבן אין רשות פון זייערע אייגנטימער. דער העטמאַן, וואָס האָט זיך תחילת געפּרובט צו שטיצן אויף די קליינע און מיטעלע „כליבאָראָבן", איז שפּעטער אָפן אַריבער אויפן צד פון די גרויסע פּריצים. דאָס דאָרף איז געווען העכסט אויפגערעגט אויך פון דער ערנערונגס־פּאָליטיק, וועלכע די דייטש־עסטרייכישע אָקופּאַציאָנס־מאַכט האָט מיט אַ שטאַרקער האַנט דורכגעפירט: אויסצופּאָמפּן פון דאָרף וואָס מער פּראָדוקטן, ניט אָפּשטעלנדיג זיך דערביי פאַר די שטרענגסטע מיטלען. די דייטשן זיינען קיין אוקראַינע געקומען נאָך ברויט — און האָבן עס גענומען, ווי זיי האָבן געקאָנט. „אין דאָרף איז פאָרגעקומען עטוואָס שרעקליכעס, — שרייבט דער היסטאָריקער פון דער דאָזיגער עפּאָכע, — ס'האָט זיך געדוכט, אַז ס'וועט קיין גרעניץ ניט זיין צו די נגישות איבער די פויערן". „מענשן פלעגן צומאָל אַריינפאַלן אין יאוש. אין צ. ק. פון דער אַלאוקראַינישער דאָרפישער „ספּילקע" (פאַרבאַנד) פלעגן אָנקומען דעלעגאַציעס, ס'פלעגן אין די הונדערטער אָנקומען השתדלותן פון דאָרפישע געמיינדעס

פון אַלע אויעזדן פון אוקראַינע, מיט דער בקשה, מ'זאָל באַפרייען דאָס פויערטום פונם אומגליק, וואָס „אפילו זקנים געדענקען ניט אַזוינס". „די דייטשע גענעראַלן פלעגן צושיסן פויערן, — שרייבט דער מחבר אין אַן אַנדער אָרט, — אויסברענען גאַנצע דערפער מיט אַרטילעריע, און דוך דעם האָבן זיי אַרויסגערופן צו זיך אַ גוואַלדיגע שנאה מצד די פויערן. די דייטשן און די פריצים — אָטאָ די צוויי באַגריפן האָבן זיך אין מוח פון די פויערן צונויפגעגאָסן צוזאַמען און אָנגענומען די פאָרם פון איין שרעקליכן שונא" [1].

ס'איז אַן אָנגענומענע הנחה, אַז די דייטש⸗העטמאַנישע ממשלה איז אַ תקופה פון שלום ושלוה. אין דער אמתן אָבער איז עס גאָר ניט אַזוי. דער טעות קומט פון דעם, וואָס מ'פלעגט נעמען אין אַכט נאָר די לאַגע אין ד י ש ט ע ט. אין די שטעט האָט זיך באמת געפילט אַ שטאַרקע מאַכט, די אייזערנע האַנט פון די דייטשן, וואָס האָבן איינגעפירט אויסערליכע אָרדנונג און רוהיקייט. אַנדערש איז דער מצב געווען אין דאָרף. דאָס דאָרף האָט זיך ניט אונטערגעוואָרפן דער דאָזיגער מאַכט און איז אין אַ סך ערטער אַרויסגעטראָטן אין אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. כדי בעסער צו כאַראַקטעריזירן די שטימונגען פונם דאָרף אין יענע חדשים, וועלן מיר ברייננען אַן אויסצוג פון אַן אַרטיקל אין אַ צייטונג, וואָס איז אין תוך שאַרף פיינטליך געווען געשטימט צו דער רעוואָלוציאָנערער און פויערשער באַוועגונג, — פון דער צייטונג „ראָסיאַ", וואָס וו. שולגין האָט אַרויסגעגעבן אין יעקאַטערינאָדאַר, — דאָס מאַכט די עדות נאָך שטאַרקער. „די לאַגע פון אוקראַינע, — שרייבט די צייטונג, — קען כאַראַקטעריזירט ווערן מיט צוויי הנחות: די דייטשע אָקופּאַציע און די פּאָלקס⸗מלחמה, וואָס הויבט זיך אָן... די אַנטיפּאַטיע צו די דייטשן ווערט אין איצטיגער צייט מגולגל אין אַ אָפענער באַוועגונג, וועלכע נעמט דערביי אָן אַלץ מער און מער אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער" [2]. „עס זיינען געווען פאַלן, ווען די דייטשן זיינען דעם גאַנצן אויעזד, פון איין עק ביזן אַנדערן, דורכגעגאַנגען מיט שטראָף⸗עקספּעדיציעס און מיטן כח פון שווערד און פייער איינגעפירט אָרדנונג". „אָבער, — שרייבט ווייטער די צייטונג, — ווי נאָר די דייטשן פלעגן אַוועקגיין, פלעגן ווידער אָנקומען אינסורגענטן און אויסהרגענען די איבערגעבליבענע מאַכט⸗פאָרשטייער". „אין אַלגעמיין קאָן מען זאָגן, אַז די דייטשן אָקופּירן נאָר די גרויסע שטעט אין וועלכע זיי האַלטן גרויסע גאַרניזאָנען. דאָס גאַנצע איבעריגע לאַנד לעבט ווי אויף אַ וואולקאַן, וועלכער פלאַקערט אויף אָפּט גאַנץ אומערוואַרטעט" [3]. שילדערנדיג שפּעטער די זעלביגע ערשיינונג, אין אַן אַנדער נומער, גיט די צייטונג ווידער אַ בילד פון „בלוטיגע צוזאַמענשטויסן צווישן די דייטשן און פויערן": „טויט⸗שטראָף, קאָנפיסקאַציע, באַשטראָפונגען פון גאַנצע דערפער, — דאָס זיינען די מיטלען, מיט דער

[1] פ. כ ר י ס ט י ו ק, דאָס ציטירטע ווערק, דריטער באַנד, זייטע 59 און 106.

[2] צייטונג „ר אָ ס י אַ" (יעקאַטערינאָדאַר) 3 №, פונם 18 אויגוסט 1918, אַרטיקל „א י ן א ו ק ר אַ י נ ע".

[3] ד אָ ר ט, 4 №, „נאָך וועגן דער פּאָלקס⸗מלחמה אין אוקראַינע".

הילף פון וועלכע ס'ווערט אין אוקראַינע דערגרייכט מער-ווייניגער אַן אָרדנונג"[1]. ו. ווינישענקאָ באַשרייבט אין זיין בוך די שטימונגען, וועלכע די דאָזיגע פּאָליטיק האָט אַרויסגערופן אין דאָרף: „ס'האָבן זיך אויפגעהויבן גאַנצענע דערפער, מ'האָט אויסגעגראָבן פאַרזשאַווערטע ביקסן, וואָס מ'האָט געבראַכט פון פראָנט, און מ'איז אַרויסגעטראָטן קעגן די פּריצישע און רעגירונגס מיליטערישע „מאות", מ'האָט געצונדן הייזער און מאַיאָנטקעס פונם העטמאַנס אָנהענגער"[2].

דער אויפשטאַנד פון די פויערן האָט אָנגענומען די ברייטסטע פאָרם אין קיעווער קרייז, וואו בראש פון דער באַוועגונג האָט זיך געשטעלט דער לינקער ס. ר. שינקאַר, וועלכער איז בעת דער ראַדע געווען קאָמאַנדיר פונם אוקראַאינישן חיל, וואָס האָט געקעמפּט קעגן דער ראַטן-אַרמיי, און אויך שעף פון קיעווער מיליטער-קרייז. דאָס ווינקעלע פון דער מרידה איז געווען זווענינאָראָדער אויעזד. „אין ניכן נאָכדעם, ווי ס'איז צעטריבן געוואָרן דער פויערן-צוזאַמענפאָר, — האָט געשריבן דער אָרגאַן פון די אוקראַאינישע ס.-ר.-ן „באָראָטבאַ" (2 №, סעפּטעמבער 1918), — האָט זיך אין זווענינאָראָדער אויעזד אָנגעהויבן דער ערשטער אויפשטאַנד. אין אַ קורצע צייט האָט ער פאַרכאַפּט דעם גאַנצן אויעזד און האָט זיך איבערגעוואָרפן אויף דער גאַנצער קיעווער שטשינע און אומאַנשטשינע". דער אָרגאַניזירנדער צענטר פונם אויפשטאַנד אין ראַיאָן איז געווען ל י ס י אַ נ ק ע. „פון ליסיאַנקע איז דער אויפשטאַנד אַריבער קיין זווענינאָראָדקע, באָהוסלאַוו, קאָרסון און ווייטער. די לעצטע צייט האָט ער אויך פאַרכאַפּט טאַראַשטשער אויעזד, דערנאָך אויך באַרדיטשעווער און וואַסילקאָווער ראַיאָן". צו אָקטאָבער צו ווערט די באַוועגונג, קאָנטיג, אַביסל שטילער, נאָר חצי נאָוועמבער לעבט זי ווידער אויף מיט אַ אומגעהייערער קראַפט כמעט אויפן גאַנצן שטח פון אוקראַאינע, ניט זיך אונטער דער אָנפירונג פון דער דירעקטאָריע, וועלכע האָט איצט אין אַ ברייטער פאָרם דעם אויפשטאַנד אויפגעהויבן, און שווייגט אַראָפּ דעם רעזשים פון דער העטמאַנשטשינע.

ווען מיר קוקן זיך צו צום וואוקס און כאַראַקטער פון דער אויפשטאַנד-באַוועגונג פון אוקראַאינער דאָרף, שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ באַדייטונגספולע ערשיינונג, וועלכע ווערט ערשט אין די ווייטערדיגע צוויי יאָר באַזונדערס בולט: דער ענגסטער, כמעט אָרגאַנישער צוזאַמענהאַנג צווישן דער אויפשטאַנד-באַוועגונג מיט יידישע פּאָגראָמען. גלייכצייטיג מיט די ערשטע אויסברוכן פון דער מרידה צווישן די פויערן הויבט זיך אויך אָן די פאַרביסענע באַוועגונג פון דאָרף קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. וועגן דעם ענגן צוזאַמענהאַנג פון די דאָזיגע צוויי ערשיינונגען קען גענוג עדות זאָגן דער

[1]) ד אָ ר ט, 29 №, אַרטיקל „אין אוקראַאינע".

[2]) ו. ו ו י נ י ט ש ע נ ק אָ, דאָס ציטירטע ווערק, דריטער באַנד, זייטע 71. די אָפיציעלע טעלעגראַפן-אַגענטור „אוטאַ" האָט אויך געמאָלדן וועגן אַ שטאַרקער אינסורגענטן-גרופּע אין ראַיאָן פון זווענינאָראָדקע, וואָס איז באַשטאַנען פון קרוב 12.000 מאַן און האָט פאַרמאָגט קוילנוואַרפערס און אַפילו אַרטילעריע.

פאַקט, וואָס דער גרעסטער טייל יידישע פּאָגראָמען פון דעם פּעריאָד איז פּאָרגעקומען
אין די דערפער און שטעטלאַך פון טאַראַשטשער און זוועניגאָראָדער קרייזן אין קיעווער
גובערניע, וועלכע זיינען גראָד דאָס ווינקעלע פון דער פויערן-רעוואָלוציע און פּאַרטיזאַ-
נישער באַוועגונג, — און אָנגעהויבן האָט זיך עס אויך פון ליסיאַנקע.

די פּאָגראָמען פון דעם טיפּ פלעגן געוויינליך פּאָרקומען אויף אַזאַ אופן: אָנפאַלן
פון פּאַרטיזאַנישע באַנדעס פון די אַרומיגע דערפער אויף אַ שטעטל, דאָס הייסט אויף
די יידן, צו וועמען מען פלעגט אויסלאָזן דעם גאַנצן גרימצאָרן קעגן די דייטשן און דעם
העטמאַנס ממשלה; פּאָגראָם-טעראָר אין משך פון וואָכן און אַ מאָל פון חדשים, אָפט
אויך אכזריותדיגע רציחות און הריגות; אַ גײעג נאָך די אַנטלאָפענע יידן אויף די
אַרומיגע וועגן; ראַבירונגען און קאָנטריבוציעס און טויט-דראָהונגען. דאָס דאָזיגע
מיטל — צוואַנג-קאָנטריבוציע מיט דראָהונגען — ווערט באַנוצט מעטאָדיש, מיט אַ באַ-
זונדער עקשנות, און פּאַקטיש האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז די אויפשטאַנד-באַוועגונג
פון די אוקראַינישע פויערן איז אויסגעהאַלטן געוואָרן אין די דאָזיגע ראַיאָנען אויף יידיש
געלט, וואָס מען האָט מיט גוואַלט צוגענומען.

די ערשטע אויפשטאַנד-פּאָגראָמען פון יאָר 1918 זיינען געווען קליין אין צאָל
און האָבן אויסגעבראָכן אויפן גרעניץ פון טאַראַטשער, זוועניגאָראָדער און טייל ווייז
אויך סקווירער אויעזד, אין קיעווער גובערניע; די תקופה פון די דאָזיגע פּאָגראָמען ציהט
זיך פון יוני ביז סעפּטעמבער 1918. די ערשטע האָט געליטן דאָס שטעטל ל י ס י אַ נ ק ע,
זוועניגאָראָדער אויעזד. ליסיאַנקע איז אַ שטעטל מיט אַ נאָמען אין דער געשיכטע:
נאָך אין די צייטן פון דער היידאַמאַטשינע האָט זיך אין יאָר 1768 זשעלעזניאַק צום
ערשטן מאָל געטראָפן דאָ מיט גאָנטן — און ס'איז אַ גרויסע שחיטה אויף יידן דאָ פּאָר-
געקומען. פון דעם שטעטל האָט זיך אויך היינטיגס מאָל אָנגעהויבן. „דער
גאַנצער ראַיאָן פון זוועניגאָראָדער, טאַראַשטשער און די שכנישע קרייזן, — מעלדן די
פּאָרשטייער פונם שטעטל, — לעבט ווי אויף אַ וואולקאַן, וואָס קען אַ ליאָדע מינוט
אויפרייסן“ [1]). „איבער סכסוכים ביי דער הלוקה פון דער ערד און איבער דער אומ-
צופרידנקייט מיט די דייטשן, — ווערט דערציילט אין אַ צווייטער מעלדונג, — האָבן
זיך אָנגעהויבן גרויסע מהומות און אַ באַוועגונג צווישן די פויערן פון זוועניגאָראָדער
אויעזד. דעם 5-טן יוני האָט זיך אַריינגעריסן אין שטעטל ליסיאַנקע אַ המון פון טויזנטער
פויערן פון די אַרומיגע דערפער און האָט חרוב געמאַכט און צעראַבירט אַלע יידישע
הייזער און געשעפטן. אַז מען האָט אַלץ חרוב געמאַכט, האָט מען אָפּגעריכט אַ בלוי-
טיגע הריגה אויף דער יידישער באַפעלקערונג“. „די טעראָריזירטע יידישע באַפעל-
קערונג האָט זיך באַהאַלטן אין די קעלערס. אַ טייל פון די אומגליקליכע קרבנות
האָט מען אַרויסגעשלעפּט און דערהרגעט. די הרוגים האָט מען נאָך דערביי געפּיי-
ניגט, אַ טייל האָט מען לעבעדיגערהייט געלאָזט טויט-פאַלן אונטער די חורבות —

[1]) אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום, מעלדונג פון ליסיאַנקע,
ערהאַלטן 1 יולי 1918, נומ. 2429.

מ׳האָט געוואָרפן באָמבעס אין די קעלערס. אַזוי זײנען 7 פּערזאָן באַגראָבן געוואָרן לעבעדינערהייט אין איין קעלער"[1]. בסך הכל זײנען דערהרגעט געוואָרן בײ 40 ײדן, חוץ די אַנטלאָפענע, װאָס זײנען אומגעקומען אױף די אַרומיגע טראַקטן, און 50 ײדן זײנען שװער פאַרװאונדעט געװאָרן. מיטן אָנקומען פון די דײטשן פלעגט דער פּאָגראָם אויפהערן און מיט זייער אַוועקגיין ווידער זיך אָנהויבן. אַזוי האָט זיך עס איבערגעחזרט דרײ מאָל. דער ליסיאַנקער רב גיט אבער אַ רײע מוראדיגע פאַקטן פון די פּאָגראָם־איבערלעבונגען אין שטעטל, וואָס האָט זיך געפונען בין המצרים — צווישן די צובונטעוועטע פויערן און די דײטשע שטראָף־עקספּעדיציעס: נאָך דעם, ווי די פויערן האָבן זיך אַרײנגעריסן אין שטעטל און געמאַכט אַ שחיטה, איז אויפן רב געפאַלן דער חוב אַרומצופאָרן אין דער סביבה אויפצוזוכן די הרוגים און זיי ברײנגען צו קבורה. „איך האָב זיך געווענדעט נאָך הילף אין די שכנישע שטעטלאַך, און זיי האָבן דורך מיר אַרײנגעשיקט ברויט און אַנדערע שפּייז, און איך האָב מיט גאָטס הילף אויסגעהאַלטן די שטאָט אַ חדש צייט. איך האָב אויך ניט אָפּגעזאָגט די גויים, וואָס האָבן זיך געווענדעט צו מיר נאָך הילף"... אַרויסטרײבנדיג די דײטשן, האָבן די פויערן פאַרשפּאַרט אַלע אויסגאַנגען פון שטעטל און זיך ווייטער גענומען צו רציחות איבער ײדן. מיט אַ באַזונדערער חיהשער אכזריות צייכנט זיך אויס די הריגה פונם אַדוואָקאַט ערליכמאַן: מ׳האָט אים געפונען אַ צוהאַקטן אויף שטיקער, מיט אויסגעשטאָכענע אויגן און אָפּגעשניטענע אויערן. נאָכהער איז אָנגעקומען אַ גרויסע מחנה דײטשן פון עטליכע טויזנט מאַן. „צו ערליכמאַנס לויה איז אויך געקומען דער דײטשער קאָמענדאַנט. בעת כ׳האָב דעם הרוג מספיד געווען, האָבן אַלע געוויינט, אַפילו בײם קאָמענדאַנט האָבן זיך געגאָסן טרערן, און ער האָט אָנגעהויבן מוסרן די פויערן נאָכסאָל זיי זײנען אַזעלכע רוצחים. דאָס האָט, ווייזט אויס, אויפן העכסטן אופן אויפגערייצט די פויערן קעגן מיר. דערנאָך האָבן די דײטשן אײנגעאָרדנעט אַ מיליטער־געריכט און געמשפט די רוצחים, און 40 מאַן האָט דער געריכט פאַרמשפּט צום שיסן. זיי האָבן גענויט די ײדן זיי זאָלן עדות זאָגן קעגן די מערדער, און דורך דעם אַרויסגערופן אַן אײביגע שנאה צו די היגע ײדן"... אַז די דײטשן זײנען אין עטליכע טעג אַרום אַוועק און איבערגעלאָזט דאָס שטעטל אויף הפקר, האָבן זיך די באַנדיטן ווידער אַרײנגעריסן אין שטעטל און ווידער געמאַכט אַ שחיטה אויף ײדן"[2].

[1]) אַרכיוו פון קיעווער קהלה, מעלדונג פון דער ײדישער באַפעלקערונג פון ליסיאַנקע, ערהאַלטן דעם 7־טן יולי 1918. זעה אויך דעם מעמאָראַנדום פון קיעווער קהלה צום אינערן־מיניסטער, פון 27־טן אַווגוסט.

[2]) אַרכיוו פון קיעווער צענטראַלן הילפס־קאָמיטעט פאַר די פּאָגראָמירטע (אָפּטײלונג פון שטאָט־קאָמיטעט), דער בריף פון ליסיאַנקער רב, ערהאַלטן דעם 30־טן אַפּריל 1919, רעג. 133 (אין העברעאיש). אין בריף ווערט אָנגעגעבן אַ נומעראַדיגע צאָל געהרגעטע 80 מאַן. אין אַ צווייטן דאָקומענט ווערט דערציילט ווענן די זעלבינע געשעהעענישן אַזאַ עפּיזאָד: נאָכדעם ווי די פּאָוסטאַנצעס האָבן פאַרטריבן די דײטשן פונם ראַיאָן, האָבן זיי באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אָן די ײדן דער־

די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג פון די פויערן האָט זיך אָנגעהויבן אויך אין שכנישן שטעטל ווינאָגראַד, אינם זעלבינן זוועניגאָראָדער אויעזד. „שוין דריי חדשים, — שרייבט דער באַפולמעכטיגטער פון שטעטל אין זיין בריוו פון 1-טן סעפּטעמבער, — ווי איבערן פויערן-אויפשטאַנד לעבן מיר אָהן אַ שום מאַכט. פון צייט צו צייט כאַפּן זיך אַריין אין שטעטל באַנדעס פון אַ 30—50 רייטער אין פולער קריגס-אַמוניציע, טרייבן צונויף אַלע יידן אין שול אַריין, רינגלען אַרום די שול און סטראַשען, אַז זיי וועלן דערשיסן, און פאָדערן, אַז מ'זאָל זיי אין משך פון אַ קורצעסטער צייט אויסצאָלן קאָנטריבוציע, און ביז מ'באַצאָלט זיי גייען זיי אַרום פון שטוב צו שטוב און ראַבירן" 1). אויף די וועגן אַרום האָבן זיי דערהרגעט 7 יידן, און אַז די ווייבער פון איינינע הרוגים זיינען געקומען אין דאָרף בעטן, מ'זאָל זיי אָפּגעבן די טויטע קערפּערס („אויסוויינען זייערע מאַנען"), האָט מען זיי אויך געהרגעט. חוץ די דאָזיגע הרוגים האָט מען נאָך אַ פולע אַנדערע געפונען אויף די אַרומיגע טראַקטן. אינם זעלבינן אויעזד האָט אויך געליטן די שטעטל ריזשאַנאָווקע, וואו די פּאָווסטאַנצעס האָבן געהרגעט 7 יידן.

די פויערן-באַוועגונג האָט זיך גלייכצייטיג אָנגעהויבן אויך אין טאַראַשטשער אויעזד, און אויך דאָ האָט זי תיכף אָנגעגריפן די יידן. חצי יוני זיינען אין דאָרף טאַטשיצע אַראָפּגעקומען פּאָווסטאַנצעס פון עטליכע דערפער און האָבן דערהרגעט 18 יידן: אין איין שטוב האָבן זיי געהרגעט אַ טאַטן מיט אַ טאָכטער, אין אַ צווייטער — אַ מאַמען מיט צוויי טעכטער, אין אַ דריטער שטוב — 4 פּערזאָן, צווישן זיי אַ צעהן-יאָריג קינד; די פאַרוואונדעטע האָבן זיי באַגראָבן לעבעדיגערהייט. די יידן האָבן זיך אין טויטשרעק צולאָפן, מ'פלעגט זיי אָבער נאָכיאָגן און דערהרגענען אויפן אָרט 2). אין שכנישן דאָרף סטריזשעוו האָבן די פויערן באַראַבעוועט עטליכע יידישע משפּחות, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט, און 2 יידן דערהרגעט. אין שטעטל סטאַווישטשע האָבן זיך די פּאָווסטאַנצעס עטליכע מאָל אַריינגעריסן. זיי האָבן זיך אָבער תחילת באַגנוגנט נאָר מיט קאָנטריבוציע; אין מיטן יולי איז אָבער אין שטעטל פאָרגעקומען אַ שלאַכט צווישן די פּאָווסטאַנצעס און אַ דייטשער מיליטער-אָפּטיילונג; ווען די לעצטע איז אַוועק, האָבן זיך די פּאָווסטאַנצעס פונאַנדערגעשפּרייט אין קליינע פּאַרטיזאַנישע גרופּעס איבער די וועלדער און טראַקטן פון דער סביבה און האָבן זייער גאַנצן כעס אויסגעלאָזט צו די פאַרבייפאָרנדיגע יידן. „טאָג-טעגליך, — שרייבן די סטאַווישטשער איינוואוינער אין זייער מעלדונג, — בריינגט מען אונז פון דער סביבה איינעם אָדער צוויי הרוגים-יידן. קיינער דערוואַגט זיך ניט לאָזן אין וועג אַריין. דאָס גאַנצע לעבן אין שטעטל איז אָפּ-

פּאַר, וואָס „זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט די דייטשן", און מאַכן אַ שחיטה. זייער אָנפירער אָבער, אַרטאַמענקאָ, האָט ערקלערט, אַז ער וועט בעסער זיך לאָזן הרגענען, איידער פאַרגיסן דאָס בלוט פון אומשולדיגע יידן. זעה אַרכיוו פון רעדאַקציע, באַריכט פונם באַפולמעכטיגטן פון „קאָפּע": „ליסיאַנקע אין די יאָרן 1918—1920".

1) אַרכיוו פון קיעווער קהלה, מעלדונג פון שטעטל ווינאָגראַד, רעג. 67 פונם 27-טן אָקטאָבער 1918.

2) דאָרט, מעלדונג פון טאַטשיצע.

געשטאָרבן... אייערנעכטן האָט מען געפֿונען בײַם דאָרף זשידאָװסקאַ גרעבליאַ 9 ייִדישע הרוגים, צווישן זיי 4 פֿרויען" [1]). דער ייִדישער קהלה־ראַט אין זשאַשקאָװ באַשרײַבט נענוי די געשעהענישן בײַ זיך אין שטעטל און אין דער גאַנצער סביבה. „שוין באַלד דרײַ חדשים, — װערט דערציילט אין בריף, — װי אונזער שטעטל און די שטעטלאַך אין סביבה — ליסיאַנקע, פּיאָטער, סטאַװישטשע, װינאָגראַד און אַנדערע לעבן אין גרויס סכנה". „איר האָט נעװיס געמוזט הערן װעגן די שרעקליכע געשעהענישן אין טאַראַשטשער אויעזד... װעגן די ענויים, װאָס מ'באַגייט אָפּן איבער די געהרגעטע, ס'זײַנען אודאי דערגאַנגען צו אײַך די יללות פֿון די װײַבער און קינדער". „איידער מיר באַװיזן צו מקבר זײַן איין הרוג, ברײַנגט מען שוין אַ צװייטן און אַ דריטן; די אויסװאורפֿן זײַנען מבזה די קערפּערס פֿון די קדושים, לאָזן זיי אויף די װעגן מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ, מיט צובראָכענע הענט, אויפֿגעשניטענע בײַכער און כדומה. דאָס גאַנצע לעבן בײַ אונז איז אָפּגעשטאָרבן ...גאַנצענע נעכט גייען מיר אַרום װי לעבעדיגע שאָטנס". „די דײַטשן, װאָס גייען אָפּט פֿאַרבײַ דעם שטעטל, זײַנען נאָר בוימל אויפֿן פֿײַער, װאָס האָט אַרומגעכאַפּט אונזער גאַנצן קאַנט: בעת מיר װענדן זיך צו זיי נאָך הילף, ענטפֿערן זיי, אַז זיי האָבן װעגן דעם ניט קיין שום פֿאַראָרדנונג פֿון דער העכערער מאַכט" [2]). דאָס שטעטל האָט נאָך פֿיל נעהאַט שפּעטער אויסצושטיין; דער באַפֿולמעכטיגטער פֿון „קאָפּע" מעלדעט, אַז באַלד נאָך די דאָזיגע געשעהענישן איז אין זשאַשקאָװ אַרײַן אַ מחנה „רויטע אַרמייער" (אפֿנים, אַ באָלשעװיסטישע פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונג), מיט איינעם גרעבענקאָ בראש. „זייער לאָזונג איז געװען: קעגן דער אוקראַינער מאַכט, קעגן דעם העטמאַן און אַ טויט די נבירים. אַ צעהן ייִדן האָט די דאָזיגע מחנה דאָ אויסגעהרגעט" (צו דער מעלדונג איז בײַגעלייגט די רשימה פֿון די געהרגעטע [3]).

פֿון סקווירער אויעזד איז דאָ אַ מעלדונג װעגן שטעטל װאָלאָדאַרקע: די פּאַרטיזאַנער פֿלעגן זיך אַרײַנרײַסן, אַרויפֿלייגן אויף די ייִדן קאָנטריבוציעס און באַראַבעװען זיי; דעם 3־טן אַװגוסט זײַנען נעבן שטעטל געהרגעט געװאָרן 9 און אויף די אַרומיגע טראַקטן — 21 ייִדן. בעת די פּאַרטיזאַנער זײַנען אָנגעפֿאַלן אויפֿן שטעטל, זײַנען זיי צוגעגאַנגען צום זעמסקן שפּיטאָל און געפֿאָדערט בײַם דאָקטאָר, ער זאָל אַרויסגעבן די ייִדן, װאָס מ'האָט ניט דערשלאָגן אין װאַלד, כדי מ'זאָל זיי איצט הרגענען. מיט גרויס מיה האָט זיך אײַנגעגעבן צו ראַטעװען די קראַנקע [4]).

דער לאָזונג — אָדער דער אויסרייד — פֿון די פּאָגראָמען אין דאָזיגן פּעריאָד פֿון אויפֿשטאַנד איז געװען: נוקם זײַן זיך אין די ייִדן פֿאַר דאָס, װאָס די דײַטשן בעל־

[1]) דאָרט, מעלדונג פֿון סטאַװישטשע פֿונם 10 אלול.

[2]) דאָרט, מעלדונג פֿון זשאַשקאָװער קהלה־ראַט, רעג. 31, פֿונם 29־טן אַװגוסט 1918.

[3]) אַרכיװ פֿון רעדאַקציע (1919), באַריכט פֿון באַפֿולמעכטיגטן פֿון „קאָפּע", ח. האָפֿמאַן, װעגן זשאַשקאָװ.

[4]) אַרכיװ פֿון קיעװער קהלה, מעלדונג פֿון װאָלאָדאַרקע, רעג. 27 א, פֿונם 23 אַװגוסט 1918.

הביתעוחען אין אוקראַינע. „די יידן האָבן אַראָפּגעבראַכט די דייטשן", האָבן די פּויערן געשריען בעתן פּאָגראָם אין ליסיאַנקע. אין וואָלאָדאַרקע האָבן זיך די אינסורגענטן ערב דעם פּאָגראָם געווענדעט מיט אַן אויפרוף „אַרויסצוטרייבן די דייטשן און אויסהרגענען די פּריצים מיט די י י ד ן". די אייגענע ערשיינונג האָט זיך אויך געמערקט אין ריזשאַנאָווקע און אין אַ גאַנצער רייע אַנדערע פּונקטן. אין דאָרף טאַרטשיצע האָבן די פּויערן באַשלאָסן אויסצוהרגענען די יידן דערפאַר, וואָס „די האָבן אַראָפּגעבראַכט די דייטשן און זאָגן זיך אָפּ צו באַטייליגן אין דער באַוועגונג, וואָס די פּויערן אָרגאַניזירן קעגן די דייטשן און דער אוקראַינישער רעגירונג"[1]. פון דער צווייטער זייט, האָבן די דייטשן באַשולדיגט די יידן פּונקט אין היפּוכדיגע חטאים. אַן עדות פון די געשעהענישן אין קאָרסון דערציילט, אַז אַרום דער שטאָט זיינען פאָרגעקומען עקשנותדיגע שלאַכטן צווישן די פּויערן-אינסורגענטן מיט די דייטשן; איין מאָל זיינען די דייטשן געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן די שטאָט. אַז זיי האָבן זיך אויפן צווייטן טאָג אומגעקערט צוריק (אָנהויב יולי), האָבן זיי אויסגעלאָזט זייער כעס צו די יידן, וועלכע האָבן כלומרשט וואַרעם אויפגענומען די „באָלשעוויקעס" — ווי די דייטשן האָבן גערופן די פּאָווסטאַנצעס. די דייטשן זיינען אַריין אין שטאָט אויף אַ געפּאַנצערטן אויטאָמאָביל און האָבן אויסגעשאָסן אין אַ רעדל יידן, וואָס איז פרידליך געשטאַנען אויפן מאַרק. אייניגע זיינען דערביי געהרגעט געוואָרן, אייניגע פאַרוואונדעט און איינגעשלאָגן געבליבן קאַליקעס[1]. די דייטשע מיליטער-מאַכט האָט אָפיציעל ערקלערט (אין בעלא-צערקאָוו), אַז „די יידן זיינען די שעדליכסטע אַניטאַטאָרן קעגן די דייטשן". און די פּויערן, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען מיט אַ מרידה קעגן די דייטשן, האָבן פּאָגראָמירט יידן דערפאַר, וואָס „די יידן האָבן אַראָפּגעבראַכט די דייטשן". אָט די צוויי סתירותדיגע אַרגומענטן האָבן געזאָלט פאַרמאַסקירן די אמתע סיבה — די בלויזע פּאָגראָם-געפילן, וואָס זיינען ביז נאָר פאַרשאַרפט געוואָרן אין דער אַטמאָספער פון אומברחמנותדיגן בירגער-קריג און אַנאַרכיע אין אוקראַינע.

דעם 29-טן אַווגוסט האָבן די פאָרשטייער פון דער קיעווער יידישער קהלה צונעשטעלט דעם אינערן-מיניסטער, איגאָר קיסטיאַקאָווסקי, אַ מעמאָראַנדום וועגן די פּאָגראָמען. קיסטיאַקאָווסקי, וועלכער איז ניט לאַנג ערשט געווען אַן אָנגעזעהענער טוער פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי און וואָס האָט זיך איצט ערקלערט פאַר אַ הייסן חסיד פון דער אוקראַינער מלוכהשאַפט, — האָט אויף די קאָנקרעטע אָנווייזונגען וועגן פאָרגעקומענע פּאָגראָמען געענטפערט, אַז לויט די ידיעות, וואָס ער באַקומט פון די גובערניאַלע און אויעזד-סטאַראָסטעס, באַמערקט זיך אין אוקראַינע אין ערגיץ ניט קיין ספּעציפישע באַוועגונג קעגן יידן. „אין אוקראַינע איז ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם", האָט ער באַרוהיגט די דעפּוטאַציע... „אמת, אין אייניגע ערטער זיינען באַגאַנגען געוואָרן גוואַלדטאַטן איבער יידן, נאָר דאָס ערקלערט זיך נאָר מיטן כאַאָס פון דער איבערגאַנגס-

---

[1]) אַרכיוו פון רעדאַקציע (1919), באַריכט וועגן קאָרסון, צונויפגעשטעלט פון א. יורזשצקי.

צייט, און חוץ לזה, זיינען די אַלע הריגות און רויבערייען אַ פּועל־יוצא פֿונם באָלשעוויזם, אין וועלכן די יידן באַטייליקן זיך אין אַ פֿיל גרעסערער פּראָפּאָרציע, ווי דאָס וואָלט געדאַרפֿט זיין וועדליג זייער צאָל אין אוקראַינע". ער האָט דאָך פֿאַרשפּראָכן אָנצונעמען ענערגישע מיטלען קעגן די עקסצעסן. אין איר מעמאָראַנדום האָט די קהלה געשריבן: „די פּאָגראָם־כוואַליע קען יעדע רגע מגולגל ווערן אין אַ בלוטיגן מבול איבערן גאַנצן שטח פֿון קיעוושטשינע, טשערניגאָוושטשינע און וואָלין". „אין אַ סך שטעטלאַך געפֿינט זיך די יידישע באַפֿעלקערונג אין שטענדיגן שרעק פֿאַרן לעבן און פֿאַרמעגן" [1]. די קהלה האָט פֿאָרגעלייגט דער רעגירונג: כּדי ניט צו דערלאָזן צו קיין ווייטערדיגע עקסצעסן, פֿאַרעפֿנטלעכן אַן אויפֿרוף צו דער באַפֿעלקערונג קעגן פּאָגראָמען; גרינדן אַן אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע, „אין וועלכער ס'זאָלן זיך אויך באַטייליקן, ווי ווייט מעגלעך, פֿאָרשטייער פֿון די יידישע געזעלשאַפֿטלעכע קרייזן", אַרויסגעבן אַ געזעץ וועגן דעם, אַז די רעגירונג קערט אום די שאָדנס דער געליטענער באַפֿעלקערונג; אַסיגנירן 300.000 רובל, אַלס דרינגענדע הילף, און אָננעמען נאָך אַנדערע מיטלען. פֿון אַלע פֿאָרשלאָגן און פֿון די הבטחות, וואָס קיסטיאַקאָווסקי האָט געגעבן, איז גאָר ניט אַרויס. די העטמאַנישע רעגירונג האָט ניט אָנגענומען קיין שום מיטלען קעגן פּאָגראָמען און קיין שום הילף די געליטענע ניט געגעבן. כּמעט אַלע פֿריער באַשריבענע פּאָגראָמען זיינען פֿאָרגעקומען שוין נ אָ ך ד ע ם, ווי דער דאָזיגע מעמאָראַנדום איז צוגעשטעלט געוואָרן. אייגנטליך איז טאַקע די העטמאַנישע רעגירונג ניט בּיכולת געווען צו ווירקן אויף דער מרידה־באַוועגונג, וועלכע איז מיט איר הויפּט־קראַפֿט געווען געריכטעט הויפּטזאַכלעך קעגן איר זעלבסט.

אָנהויב אַווגוסט נאָך, בעת די עקסצעסן האָבן אָנגענומען אַן ערנסטן כאַראַקטער, איז געשאַפֿן געוואָרן, לויט דער איניציאַטיוו פֿון קיעווער קהלה, אַ ספּעציעלע „קאָמיסיע פֿאַר יורידישער, אַדמיניסטראַטיווער און מאַטעריעלער הילף פֿאַר די געליטענע אין דער איבערגאַנגס־צייט". אין דער דאָזיגער קאָמיסיע האָבן געזאָלט, אויסער דער קיעווער קהלה, אַריינגיין פֿאָרשטייער אויך פֿון אַנדערע גרעסערע קהלות אין אוקראַינע. די קאָמיסיע האָט אויסגעקליבן אַ ביוראָ און צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, אָבער זי איז ניט בּיכולת געווען דורכצופֿירן אירע ברייטע פּלענער און זי האָט קאָנצענטרירט איר אויפֿמערקזאַמקייט נאָר אויף די פּאָגראָם־עקסצעסן. אָפּשטעלן די עקסצעסן האָט זי ניט געהאַט קיין מיטלען, זי האָט דעריבער נאָר רעגיסטרירט די פּאָגראָם־געשעענישן און געזאַמלט די מאַטעריאַלן.

די באַשריבענע פּאָגראָמען פֿון די פּאָוסטאַנצעס זיינען אין זיך כּולל די וויכטיגסטע טיפּישע שטריכן פֿון די אינסורגענטישע פּויערשע פּאָגראָמען, וועלכע האָבן שפּעטער, אין די יאָרן 1919־20, אַזוי ברייט זיך צעוואַקסן. איצט, באַגינען פֿונם אויפֿשטאַנד, האָט די באַוועגונג פֿון דאָרף קעגן יידן פֿאַרכאַפּט אַ קליינעם ראַיאָן פֿון 2־3 אויעזדן אין קיעווער

---

[1]) אַרכיוו פֿון קיעווער קהלה, מעמאָראַנדום צום אינערן־מיניסטער פֿונם 27־טן אויגוסט 1918.

גובערניע. שפּעטער אָבער האָט זי זיך פאַרברייטערט איבער דער גאַנצער רעכט־בּרעגיגער אוקראַינע, האָט זיך אַריבּערגעוואָרפן קיין מזרח־אוקראַינע, אויף יענער זייט דניעפּר, אין די אויעזדן פון פּאָלטאַווער און טשערניגאָווער גוב., האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דרום צו, בּיזן שוואַרצן ים, און האָט אָנגענומען אַן אומגעהייער־שרעקליכן כאַראַקטער, כּמעט פון אַן עפּידעמיע, אין אוקראַינישן דאָרף. געבאָרן געוואָרן איז די דאָזיגע עפּידעמיע צוזאַמען מיט דער פּויערשער רעוואָלוציע און אינם היימלאַנד פון דער דאָזיגער רעוואָלוציע. די מרידה פון פּויערטום האָט אין אַ קורצער צייט אָפּגערייניגט אוקראַינע פון דער העטמאַנשטשינע און פון די דייטשן און האָט איינגעפירט נייע פּאָליטישע און סאָציאַלע אָרדנונגען. און דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ טראַגישער קאַפּריז פון דער געשיכטע: דאָס, וואָס ס'איז פאַרן גאַנצן לאַנד געווען אַ שריט ווייטער — אַן אויסברייטערונג פון דער רעוואָלוציע, דאָס איז פאַר דער יידישער בּאַפעלקערונג געווען אַ קללה, וואָס האָט דערמאָנט אָן די מוראדיגע צייטן פון כמעלניטשטשינע און אומאַנער שחיטה...

איינע פון די פּאָגראָמירטע קהלות האָט זיך געווענדעט צו דער קיעווער קהלה, וואָס האָט דעמאָלט געשפּילט די ראָלע פון אַ צענטער, „אין נאָמען פון דער ליידנדער פּראָווינץ, וואָס לעבט אין פּאָגראָם־שרעק, אין נאָמען פון טויזנטער יידן, וואָס לעבן אין אַ שטענדיגן פּחד“, און האָט געשריבן: „מיינט ניט, אַז אַלץ, וואָס מיר דערציילן אייך, איז אַזוי גלאַט אַ צופאַל. ניין, דאָ אַרבעטן אָרגאַניזירטע רוצחים, און עס וואַרט נאָך אויף אונז אַ יידישע שחיטה, און ווער ווייסט, ווי לאַנג אַזאַ צושטאַנד וועט נאָך דויערן“ [1].

אין די דאָזיגע ווערטער איז געלעגן אַ שטיק נביאות, און די פאַקטן פונם שרעקליכן 1919־טן יאָר האָבן עס בּעליל בּאַוויזן.

---

[1]) אַרכיוו פון קיעווער קהלה, ווענדונג פון זשאַשקאָווער קהלה צו דער קיעווער, ערהאַלטן דעם 29־טן אַווגוסט 1918 (אין העבּרעאיש).

# מאַטעריאַלן און דאָקומענטן

## צו דער געשיכטע פון אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען אין אוקראַינע

1917—1918

# I. ידיעות און מעלדונגען וועגן פּאָגראָמען

(1917).

מיר ברענגען דאָ די מער כאַראַקטעריסטישע ידיעות וועגן די פּאָגראָם־עקסצעסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין משך פון סעפּטעמבער ביזן סוף דעצעמבער 1917. די דאָזיגע ידיעות האָבן מיר גענומען פון די צייטונגען און פון ניט־פאַרעפנטלעכע אַרכיוו־מאַטעריאַלן. דעם סטיל פון די ציטירטע מאַטעריאַלן לאָזן מיר אומעטום איבער במעט אָהן שום ענדערונג.

I

## „ספּעקולאַציע און פּאָגראָמען"

„איבערן לאַנד קייקלט זיך אַ שמוציגע כוואַליע פון מאַסן־רויבערייען און פּאָגראָמען. ניט קיין בלוטיגע כוואַליע דערווייל, צום גליק, נאָר אַ שמוציגע, ווייל מען פאַלט אָן הויפּטזאַכליך ניט אויפן נפש, נאָר אויפן אייגנטום, אויף יעדן פּלאַץ, וואו עס געפינען זיך סחורות, וועלכע מען קאָן צערויבן.

...מען דאַרף פון זיך ניט באַהאַלטן, אַז דאָס רוב אָנטיילנעמער אין די פּאָגראָמען און רויבערייען זיינען ניט קיין באַוואוסטזיניגע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן און אַז פיל פון זיי גלויבן אפשר אויפריכטיג, אַז זיי ערפילן מיט די אומאָרדנונגען און רויבערייען אַ מין רעוואָלוציאָנערע פליכט. זייער אויסרייד איז געוויינליך די פאַרפאָלגונג פון די ספּעקולאַנטן.

...דער קאַמף קעגן דער ספּעקולאַציע, וועלכער איז נויטיג און באַרעכטיגט, גייט אָפּט איבער אין אַ קאַמף קעגן די ספּעקולאַנטן פּערזענליך און קעגן אַלע, וואָס שטייען אונטערן פאַרדאַכט, אַז זיי האָבן אַ וועלכע עס איז שייכות צו ספּעקולאַציע.

...מען מוז אָנפאַנגען אַ שאַרפן, אומברחמנותדיגן, אָרגאַניזירטן און פּלאַנמעסיגן קאַמף קעגן דער ספּעקולאַציע, ווייל די ספּעקולאַציע מיט די לעבנס־מיטלען הויבט אָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ספּעקולאַציע מיטן לעבן פון די בירגער, מיטן לעבן פון דער רעוואָלוציע, מיטן עקזיסטענץ פון לאַנד".

„נייע צייט", 18 №, פונם 2 אָקטאָבער 1917, רעדאַקצ. אַרטיקל.

II

## „סאָלדאַטסקע פּאָגראָמען״

„יעדן טאָג קומען אָן ידיעות װעגן נײַע יידישע פּאָגראָמען. יעדן טאָג באַקומען מיר נײַע טרויעריגע באַריכטן װעגן די פּאָגראָמען. און איין זאַך װאַרפט זיך אין די אויגן: אומעטום הויבן זיך אָן די פּאָגראָמען אויף איין שטייגער, אומעטום גייען זיי דורך בײַ איינע און דיזעלבע אומשטאַנדן, אומעטום איז דער אויפֿרייד — יקרות און ספּעקולאַציע, אומעטום הויבן די פּאָגראָמען אָן סאָלדאַטן, מערסטנטיילס אַזעלכע, װאָס װילן ניט גיין אויפֿן פראָנט, אומעטום מישט זיך די מיליציע ניט אַריין, אָדער זי מישט זיך אויס מיט די פּאָגראָמשטשיקעס און מיט די רויבער, — די אָרטיגע „מעשטשאַנעס״ און די אַרומיגע פּויערן, װעלכע קומען מיט גרייטע זעק כּדי אַװעקצוטראָגן דעם רויב אַ היים.

און נאָך איין זאַך: די אָרטיגע אָרגאַנען פון דער דעמאָקראַטיע זיינען מיט װערטער פון איבערצייגונג ערגעץ ניט בכּח אָפּצושטעלן די פּאָגראָמען: קיינער הערט זיי ניט, אָפּט שלאָגט מען אַפילו זייערע פאַרטרעטער, אַלס פאַרטיידיגער פון די „זשידעס״.

אַן אַלט באַקאַנט בילד, — עס פעלט אַפילו ניט דער אַלטער שטריך: די פּאָגראָם-אַגיטאַציע קומט פאַר אָפן, פאַר אַלעמענס אויגן, מען באַשטימט פאַראויס דעם טאָג פון פּאָגראָם, און װען דער פּאָגראָם װערט איינגעשטילט, שפּאַצירן די פּאָגראָמשטשיקעס און רויבער אומבאַשטראָפט אַרום און סטראַשען װייטער. און נאָך אַן אַלטער שטריך: ס׳איז גענוג מען זאָל זיך ערנסט שטעלן קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס מיט געװער, װי די דאָזיגע צעלאָזענע רויבערישע באַנדע צעלויפט זיך.

און אַזוי קומט פאָר אומעטום, אַזוי װי מען װאָלט זיך צונויפגערעדט, אַזוי װי עס װאָלט אונטער אָט די אַנאַרכישע אַרויסטרעטונגען געװירקט איין האַנט״...

„נ י י ע צ י י ט״ № 41, פונם 30 אָקטאָבער 1917, רעד. אַרטיקל.

---

III

## פּאָגראָם אין סקווירע.

(קיעװער גוב.)

„דער פאַרװאַלטער מיט די ענינים פון יידישן װיצע-סעקרעטאַריאַט, י. כורגין, אַ מיטגליד פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע פונם גענעראַל-סעקרעטאַריאַט, װאָס איז געשיקט געװאָרן אין סקווירע, כּדי אויסצופאָרשן די דאָרטיגע געשעענישן, האָט איבערגעגעבן פאָלגנדיגע פּרטים װעגן דעם פּאָגראָם.

„דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן דעם 23-טן אָקטאָבער, 3 אַ זייגער בײַטאָג, און האָט געדויערט ביז בײַנאַכט. דער פּאָגראָם האָט געטראָגן אַן אויסשליסלעך אַנטי-יידישן כאַראַקטער און איז אין אַלע איינצעלהייטן געװען ענלעך צו די פּאָגראָמען פון 1905 יאָר. דער המון, װאָס איז באַשטאַנען פון סאָלדאַטן און „מעשטשאַנעס״, האָט

קאַלטבלוטיג געראַבירט די יידישע קראָמען און פּריוואַטע הייזער און מערדערליך געשלאָגן די יידן. צווישן המון האָבן זיך געפונען מיליציאָנערן און אַ מיליטער-פּאַטרול, וועלכע האָבן רוהיג צוגעקוקט צו דעם, וואָס קומט פאָר, און איינינע פון זיי האָבן זיך אפילו אַליין באַטייליגט אין פּאָגראָם. מיליציאָנערן האָבן אויפן גאַס אָפּגעשטעלט יידן און זיי רעוויזירט, צו זעהען אויב זיי טראָגן נישט מיט זיך קיין געווער. מען האָט אויך אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז יידן האָבן געשאָסן אין המון, און עס האָט זיך געעפנט אַ שיסעריי אויף די יידישע הייזער. אַלס רעזולטאַט זיינען דאָ אַ גרויסע צאָל צעראַבירטע יידישע קראָמען און וואוינונגען, 6 שווער פאַרוואונדעטע יידן און 4 לייכט פאַרוואונדעטע.

וועגן דער מעגליכקייט פון אַ פּאָגראָם האָט מען גערעדט נאָך מיט צוויי וואָכן פריער, אָבער קיין שום מיטלען קעגן דעם זיינען נישט אָנגענומען געוואָרן. ווען דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זיך נישט געפונען קיין איין שטאָטישער באַאַמטער, וועלכער זאָל זאָרגן וועגן איינשטעלן די אומאָרדנונגען. הגם עס וואָלט געווען גענוג איין שאָס, אַז דער גאַנצער המון פון פּראָפעסיאָנעלע און צופעליגע פּאָגראָמשטשיקעס זאָל זיך צעלויפן.

דער אויעזד-קאָמיסאַר האָט כלומרשט וועגן קיין שום זאַך נישט געוואוסט...

...די קאָמיסיע פון גענעראַל-סעקרעטאַריאַט און דער געהילף-פּראָקוראָר, וועלכער איז אויך אַרויסגערופן געוואָרן דורכן סעקרעטאַריאַט, האָבן געמאַכט אַ שטרענגע אונטערזוכונג פון די געשעהענישן. עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן פיל פּאָגראָמשטשיקעס. עס ווערט געפירט אַ שטרענגע אויספאָרשונג און אינגיכן וועלן די באַשולדיגטע געשטעלט ווערן צום געריכט".

„נ י י ע צ י י ט", № 40, פונם 28 אָקטאָבער 1917.

---

VI

פּאָגראָם אין הייסין.
(פּאָדאָליע).

„...זונטאג, דעם 22-טן (אָקטאָבער), אַרום 3 אַזייגער בייטאָג, זיינען צו זאַלצמאַנס פּאַפּיראָסן-פאַבריק געקומען אַ גרויסע צאָל סאָלדאַטן, האָבן אויפגעריסן די טירן און גענומען רויבן. צו זיי זיינען אָנגעלאָפן פיל שטאָטישע פויערן און האָבן געהאָלפן. אַ פּאָגראָם-שרעק האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט, און מענשן האָבן גענומען לויפן נישט ווויסנדיג וואוהין. נאָר באַלד האָבן זיך באַוויזן איבער די גאַסן עטליכע קאָזאַקן אויף פערד און האָבן אָנגעהויבן טרייבן דעם עולם אַהיים. אַרום 6 אַזייגער פאַרנאַכט, ווען דער עולם איז געזעסן פאַרשלאָסן אין די הייזער, האָט זיך דערהערט אַ געשריי און אַ געפילדער פון אַ באַנדע סאָלדאַטן-רויבער, וועלכע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבערן מאַרק און זיינען אַריין צוערשט אין אַ קלייט פון געווער, אָבער זיי האָבן דאָרט נאָך נישט געפונען. האָבן זיי אָנגעהויבן ברעכן די טירן פון אַלערליי קלייטן און האָבן

געוואָרפֿן די סחורות אויפֿן גאַס, פֿויערן און פֿויערטעס האָבן פֿאַרנומען די סחורות מיט זיך און קיינער האָט זיי ניט געשטערט. פֿון די הייזער האָט מען מורא געהאַט אַרויסצוגיין, ווייל די קאָזאַקן האָבן געטריבן און האָבן געשאָסן אין דער לופֿטן, אָבער די פּאָגראָמ־שטשיקעס האָבן זיי, ווי עס ווייזט אויס, ניט געשטערט. נאָר אין דריי שעה אַרום, ווען 13 קלייטן זיינען שוין צעראַבירט געוואָרן, האָבן די קאָזאַקן געבעטן די סאָלדאַטן: „גענוג, ברידער!"

די נאַכט איז קיינער ניט געשלאָפֿן, פֿיל האָבן זיך באַהאַלטן אין די קעלערס און האָבן זיך געריכט אויף די פּאָגראָמשטשיקעס...

אַ שרעק האָט אַרומגענומען די גאַנצע שטאָט, און יידן האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן. מע האָט אָרגאַניזירט אַ „רויטע גוואַרדיע", נאָר קיין געווער איז ניטאָ. מ'איז געגאַנגען צום מיליטער־נאַטשאַלניק נעמען ביקסן, האָבן די סאָלדאַטן ניט גע־לאָזן געבן, און רעוואָלווערן זיינען אויך אַריין אין שטאָט ווייניג. שרעקליכע טעג לעבן מיר איצט איבער און ווייסן ניט, וואָס מאָרגן וועט זיין".

„נייע צייט" 41 №, פֿונם 30־טן אָקטאָבער 1917, קאָרעספּאָנדענץ פֿון הייסין.

---

V

## וויניצע.

(פּאָדאָליע).

„די שטימונג איז זעהר אַ געדריקטע, נאָר מען רעדט וועגן ראַבירן און פּאָגראָמען. ווי ס'איז נאָר אָנגעקומען די ידיעות פֿון ליטינער אויעזד וועגן די געשעהענישן, וואָס דאָרט קומען פֿאָר, האָט דער אויספֿיר־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־דעפּוטאַטן געגרינדעט אַ קאָ־מיסיע צו היטן די שטאָט פֿון פּאָגראָמען. קודם כל האָט מען זיך גענומען פֿאַרניכטן דעם ספּירט, וואָס איז פֿאַראַן זעהר פֿיל אין די היגע זאַוואָדן... מען האָט געמוזט אַרבעטן זעהר פֿאָרזיכטיג, ווייל צווישן דעם היגן גאַרניזאָן, וועלכער איז באָלשעוויסטיש געשטימט, איז געווען אַן אָפֿענע אַגיטאַציע צו צעראַבעווען דעם זאַוואָד.

פֿון די שטעטלאַך און דערפֿער קומען נאָך ביז היינט אָן זעהר ניט קיין פֿרייליכע ידיעות. פֿון דעם שטעטל יאַזווין טעלעגראַפֿירט מען, אַז דאָרט האָט מען צוקלעפּט פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציעס, און די אַרומיגע גוים רעדן אָפֿן וועגן אַ פּאָגראָם. פֿון די איבעריגע שטעטלאַך בעט מען הילף".

„נייע צייט" 37 №, פֿונם 25־טן אָקטאָבער 1917. קאָרעספּאָנדענץ פֿון וויניצע.

---

## VI

## פּאָגראָם אין ליטין.

(פּאָדאָליע).

„...דעם 24־טן אָקטאָבער אינדערפריה האָט זיך פאַרזאַמלט אַ מאַסע סאָלדאַטן, הן פון די, וועלכע שטייען אין שטאָט, הן באַפרייטע, פון די אַרומיגע דערפער, און סתם אַזוי פויערן מיט פויערטעס מיט זעק און זיי זיינען באַפאַלן די יידישע קלייטן, פון די געשלאָסענע האָבן זיי אָפּגעהאַקט די שלעסער און מ׳האָט אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן, ברעכן, רייסן און טיילן זיך מיט כל המינים סחורות, אין די הייזער האָט מען געבראָכן די שויבן... ווען די הוסאַרן זיינען אָנגעקומען, זיינען זיך די רויבער גלייך צעלאָפן...

דעם 25־טן האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיסיע צו אויספאָרשן די שולדיגע אין די אומרוהען, און ס׳עפנט זיך אַ רעוואָלוציאָנס־געריכט.

פאַראַן אויך ידיעות וועגן פּאָגראָמען אין כמעלניק און איינגע דערפער פון דער סביבה״.

„נייע צייט״, 41 №, פונם 30־טן אָקטאָבער 1917, קאָרעספּאָנדענץ פון ליטין.

---

## VII

## „און פונדעסטוועגן...״

(אַרט. פון נ. סירקין).

„אין אָסטראָג, יאַמפּאָל, קאַנעוו און נאָך און נאָך — זיינען שוין פאָרגעקומען פּאָגראָמען. אין טאָמאַשפּאָל, טאַגאַנטשע און אַזוי ווייטער — וואַרט מען אויף פּאָגראָמען. אין סקווירע און כמעט אין גאַנץ וואָלינער גובערניע — גרייט מען זיך צו פּאָגראָמען. אין טאַראַשטשע און אַנדערע שטעט — האָט מען פאַרהיט פון פּאָגראָמען, און אין צענדלינגער אַנדערע שטעט און שטעטלאַך ווענדט מען זיך ווענן הילף קעגן פּאָגראָמען.

...איבער דעם גאַנצן לעבן אין אונזער געגנט שוועבן אַנגסט און פּאָגראָם־שרעקן. אַ שמוציגע כוואַליע פון רויב, ווילדקייט, אויסגעלאַסנקייט האָט זיך ווי זומפּ צונאָסן איבערן גאַנצן לאַנד.

...פון דערפער קומען כסדר אָן אויף ירידן אין די יידישע שטעטלאַך הונדערטער ליידיגע פורן, כדי אַוועקצופאָרן פולע, אָנגעלאָדענע מיט יידישע סחורות, יידיש גוטס און האָב, ווארום יעדער ייד איז דאָך אַ גביר.

...און פונדעסטוועגן רופן מיר דאָס יידישע פאָלק צו מוט, צו רוהיגער אַרבעט און, דער עיקר, צו אַקטיוון קאַמף ביים שאַפן דאָס נייע לעבן.

אַלע מיטלען אָפּצוהיטן פון רויב און מאָרד ווערן אָנגענומען, און אין דעם פּרט העלפט אונז מיט אַלע כּחות דער אוקראַינישער גענעראַל־סעקרעטאַריאַט מיט דער גאַנצער מאַכט, וואָס שטייט אין זיין רשות. — קיינער זאָל נישט און טאָר נישט צווייפלען אין דעם גוטן רצון פון דעם גענעראַל־סעקרעטאַריאַט. ער שטרעבט באמת אָן אַלע מעגליכקייטן, כּדי דאָס לאַנד צו פּאַרהיטן פון ווילדקייט און רויב".

„ד ע ר ט ע ל ע ג ר אַ ף", 3 №, פונם 17-טן נאָוועמבער 1917.

---

VIII

## פּאָגראָם אין אומאַן.

(קיעווער גוב.).

דער גענעראַל־סעקרעטאַריאַט פאַר מיליטער־ענינים האָט באַקומען פון קאָמאַנדיר פונם אומאַנער גאַרניזאָן די פאָלגנדע טעלעגראַמע:

„7 אַזייגער אין אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם. די סאָלדאַטן האָבן צעראַבירט די געווער־קלייטן. הייזער ברענען. די סאָלדאַטן ראַבירן די שטאָט. אין שטאָט גייט אַ שיסעריי. פון דעם אַרומיגן געגנט קומען אָן פויערן און נעמען אָנטייל אין ראַבירן די געוועלבן. די לאַגע איז אַ טראַגישע. ס'איז ניטאָ קיין שום שוץ. מ'בעט תיכּף אַרויסשיקן אַ דיסציפּלינירטע מיליטער־טייל. מאָרגן ערוואַרטן מיר, אַז מ'וועט פאַרכאַפּן דעם באַנק און די קאַזנאַטשייסטווא".

„ד ע ר ט ע ל ע ג ר אַ ף", 10 №, פונם 28-טן נאָוועמבער 1917.

---

IX

## פּאָגראָם אין אַנאָפּאָל.

(וואָלין).

„דאָנערשטאַג, דעם 30-טן נאָיאַבר, איז ביי אונז געווען אַ גרויסער יריד. שוין זייט אַ פּאָר חדשים, אַז איבער אונזער שטעטל הענגט דער פּחד פאַר אַ פּאָגראָם, די אָנגעשראָקענע באַפעלקערונג פלעגט צו יעדער יריד אַרויסרופן מיליציע און סאָלדאַטן.

...אַרום איינס אַ זייגער בייטאָג זיינען עטליכע פויערן אַריינגעגאַנגען אין אַ קירזשנער־קראָם און אָנגעהויבן דינגען היטלען, אין אַ פּאָר מינוט איז שוין אויסגעבראָכן דער סכסוך. דער סיגנאַל איז געגעבן געוואָרן. אַ גרויסער המון פויערן האָט זיך אַריינגעריסן צום קירזשנער און אַלץ צעראַבירט.

...באַלד האָט די טויזנט־קעפּיגע מאַסע זיך אַ לאָז געטאָן צו די קלייטן, וועלכע די קרעמערס האָבן שוין געהאַט פאַרשלאָסן. מיט אייזערנע פרענטעס האָבן זיי צעבראָכן די שלעסער און אין משך פון אַ האַלב שעה זיינען שוין אַלע קלייטן געווען ליידיג.

די קאָזאַקן האָבן צוויי מאָל אויסגעשאָסן אין דער לופט, נאָר עס האָט גאָר ניט געווירקט אויפן המון. ווי עס האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן, האָבן די קאָזאַקן אַליין אָנגערעדט די פויערן מאַכן אַ פּאָגראָם.

...אויף מאָרגן זיינען אָנגעקומען פון אויעזד אוסטראה פאָרשטייער פון אַרבעטער־ראַט און סאָלדאַטן. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע.

מ׳רעכנט פאָרן אין די אַרומיגע דערפער זוכן די סחורה, נאָר די פויערן סטראַשען עפנטליך, אַז זיי וועלן ערשט מאַכן דעם „אמתן" פּאָגראָם".

„ד ע ר ט ע ל ע ג ר אַ ף", № 20, פונם 11-טן דעצעמבער 1917, קאָרעספּאָנדענץ פון אַנאָפּאָל.

---

X

## פּאָגראָם אין קאָטעלנע.

(וואָלין).

סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים.

באַקומען דעם 15-טן נאָוועמבער 1917

№ 81

(איבערז. פון רוסיש).

„דעם הער גענעראַל־סעקרעטאַר פאַר יידישע ענינים, דר. מ. זילבערפאַרב.

פון די באַפולמעכטיגטע פון יידישער באַפעלקערונג פונם שטעטל קאָטעלנע, זשיטאָמירער אויעזד, בערל בן משה טראָכמאַן און שלמה בן יוסף גוטמאַן.

ב ק ש ה.

פאַר דער לעצטער צייט איז אין קאָטעלנע, זשיטאָמירער אויעזד, שטאַרק אויסגעוואַקסן דאָס שכרות און די העצעריי, אַז די היגע פויערן זאָלן מאַכן פּאָגראָמען אויף דער יידישער באַפעלקערונג. אַ באַנדע פון יונגע דאָרפס־שקצים גייען אַרום אין מיטן העלן טאָג איבער די שניט־קראָמען און אַנדערע יידישע געשעפטן און נעמען צו די סחורות, און די היגע מיליציע פילט זיך מאַכטלאָז אַנטקעגן די רויבער און טוט גאָרניט. ס׳איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די פויערשע באַפעלקערונג רעדט אָפן, אַז ניט נאָר דאָס פאַרמעגן מעג און דאַרף ביי די יידן צוגענומען ווערן, נאָר אַז די יידן אַליין זיינען אויסער דעם געזעץ, און מ׳קען מיט זיי טאָן, וואָס דאָס האַרץ גלוסט. אויף דעם סמך וואַרט מען די טעג אויף אַ פּאָגראָם מיט הריגות.

מיר האָבן זיך געווענדעט צום זשיטאָמירער אויעזד־קאָמיסאַר, ווי אויך צום וואָלינער גובערניאַלן־קאָמיסאַר און געבעטן ביי זיי הילף. דער אויעזד־קאָמיסאַר האָט

איינמאָל, אין טאָג פון יריד, צוגעשיקט מיליטער, כדי ניט דערלאָזן צו קיין פּאָגראָם; נאָר אויפן צווייטן טאָג זיינען די סאָלדאַטן אַוועק, און מיר זיינען ווידער געבליבן אָהן אַ שום שוץ. ערגער פון אַלץ איז, וואָס מען נעמט ניט אָן די נעהערינגע מיטלען קעגן דעם שכרות, וואָס ס׳איז דאָ אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט, און כּל זמן דאָס שכרות איז ניט אויסגעראָטן, זיינען פּאָגראָמען און רויבערייען אומפאַרמיידליך.

דעריבער ווענדן מיר זיך מיט דער דאָזיגער אונטערטעניגסטער בקשה צו אייך, אַלס צום גענעראַל-סעקרעטאַר פון צענטראַלער ראַדע, פאַר וועלכער אונזערע פּויערן האָבן גרויס דרך ארץ, איר זאָלט אָנעמען מיטלען כדי אָפּצושטעלן די רויבעריי פון אונזער פאַרמעגן און כדי צו פאַרמיידן אַ גראַנדיעזן יידישן פּאָגראָם, מיט אַלע זיינע אַטריבוטן, אויף וועלכן מיר ריכטן זיך דאָ. מיר קענען אייך, נאַטירלאַך, ניט אָנווייזן, וועלכע מיטלען איר זאָלט אָנגעמען. נאָר אונז ווייזט אויס, אַז קודם כּל וואָלט די צענטראַלע ראַדע באַדאַרפט אָנשרייבן דער וואָלאָסט-פאַרוואַלטונג, זי זאָל ניט דערלאָזן קיין שום גוואַלדטאַטן קעגן די יידן און זייער פאַרמעגן און זי זאָל אָננעמען שטרענגע מיטלען אויף אויסצוראָטן דאָס שכרות אין אונזער שטעטל".

געחתמעט: בערל טראָכמאַן,
שלמה גוטמאַן.

ארכיוו פון יידישן מיניסטעריום
1917–1918 (אָפּטיילונג וועגן פּאָגראָמען).

---

XI

צו די געשעהענישן אין מיאַסטקאָווקע-
(פּאָדאָליע).

סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים.
באַקומען דעם 1-טן דעצעמבער 1917.
(איבערז. פון העברעאיש).

„צו די חשובסטע הערן פון דער צענטראַלער ראַדע אין דער שטאָט קיעוו און צו דעם, וואָס פאַרנעמט אַן אָרט אויבנאָן, צווישן די אויסדערוויילטע, דעם חשובן סעקרעטאַריאַט, ה׳ דר. זילבערפאַרב.

חשובע הערן!

מיר האָבן אייך שוין נעלאָזט הערן דורך אַ טעלעגראַמע איין מאָל און אַ צווייטן מאָל אונזער שרעקליכן אַנגסט-געשריי וועגן די מוראדיגע פּאָגראָמען, וואָס זיינען פאַר-

געקומען אין אונזער שטעטל מיאַסטקאָווקע, פּאָדאָליער גובערניע, דעם 30-טן פון פאַרגאַנגענעם חדש אָקטאָבער.

מער ווי פופציג קראָמען און אַן ערך 30 הייזער זיינען פאַרוויסט און צושטערט געוואָרן דורך ווילדע ברואים, וואָס דורשטן נאָך בלוט און פרעמדן גוטס. אַלץ, וואָס האָט זיך אין די קראָמען געפונען פון וואָכנדיגע בגדים און שבתדיגע, ווינטערדיגע און זומערדיגע, פון ווירטשאַפט-זאַכן און פאַרשיידענע כלים האָבן זיי צעראַבירט און גענזלט און מיטגענומען מיט זיך, און די איבעריגע כלי-בית, וואָס איז שווער מיטצונעמען, האָבן די רויבער צובראָכן מיט זייערע העק און צוטראָטן מיט זייערע פיס אָהן רחמנות, אויך די פענסטער-שויבן און די שפּיגלען האָבן זיי צובראָכן און געמאַכט פון אַלץ אַ תל עולם, ניט צו פאַרריכטן. און היות מיר האָבן זיך זעהר געוואונדערט, וואָס מיר האָבן ניט געקראָגן פון דער צענטראַלנער ראַדע קיין שום הילף און קיין באַפרידיגנדע תשובה, האָבן מיר יענע וואָך געשיקט צו אייך אַ שליח מיוחד, דעם מוכ"ז ה' אליעזר וויצמאַן, ער זאָל בעטן אייער הילף אין אונזער עת צרה. און דאָס איז די תשובה, וואָס ער האָט אונז איבערגעגעבן: אַז מען וועט זיך ווענדן תיכף קיין וויניצע, מ'וועט צונויפרופן דאָרט אַלע קרייז-קאָמיסאַרן, איבערגעבן אין זייער רשות באַוואָפנטע סאָלדאַטן אויף צו באַוואַכן יעדע שטאָט, וואָס נויטיגט זיך אין אַ גוטער שמירה, און אויך פאַרשיידענע כלי-זין וועט מען אַרויסגעבן פאַר יעדער שטאָט אויף צו גרינדן אַ זעלבסט-שמירה, וואָס זאָל זיך שטעלן קעגן די אומרוהען און פּאָגראָמען, וועלכע פאַרשפּרייטן זיך אין דער דאָזיגער שרעקליכער מהומה איצט און אויף להבא. צו אונזער צער אָבער איז די האָפנונג אויך אויף דער דאָזיגער הבטחה צו נישט געוואָרן. און ביז איצט האָבן מיר נאָך קיין שום הילף ניט באַקומען; און מיר, די פּאָגראָם-געפּלאָגטע, זיינען צושראָקן און צוטומלט פונם מוראדיגן שטורם, וועלכן מיר האָבן מיט אונזערע אייגענע אויגן געזעהן אין טאָג פונם פּאָגראָם, ווען מיר האָבן געטרונקן פונם גיפט-כוס. מיר זיינען ממש ניט זיכער מיטן לעבן. ביינאַכט האַרטן מיר אויפן פרימאָרגן און בייטאָג ציילן מיר די שעהן, וויפיל האָבן מיר נאָך צו לעבן ביזן צווייטן טאָג. יעדן שבת, אונזער מאַרק-טאָג, וואָס איז דער מסוגלדיגסטער טאָג פאַר די פּאָגראָמשטשיקעס, ווען ס'קומען נאָך צו די ווילדע ברואים פון די אַרומיגע דערפער, ריכטן מיר זיך אויף אַ פּאָגראָם, און ס'איז שוין ניט מעגליך אַזאַ לעבן אויסצוהאַלטן. די צייט איז קורץ און ס'איז פאַראַן אַ סך צו טאָן און ס'איז נויטיג צו טאָן, — דער חלף ליגט אויפן האַלז. דעריבער שיקן מיר נאָך אַ מאָל איילינג דעם דערמאָנטן מוכ"ז הר. וויצמאַן מיט דער בקשה: 1) צושיקן אונז תיכף ומיד, ניט וואַרטנדיג קיין איין מינוט, אַ 20 באַוואָפנטע סאָלדאַטן, וואָס זאָלן תמיד שטיין אויף דער וואַך, ביז ס'וועט זיך איינשטילן דער צאָרן פון אַנאַרכיע. 2) אָנווייזן אַן אָרט, וואו וואָלטן מיר געקאָנט פאַר אונזער אייגן געלט קויפן דאָס נויטיגע געווער, בכדי צו פאַרטיילן עס צווישן די, וואָס קענען זיך מיט דעם באַגיין. 3) מ'זאָל אונז אַריינשיקן אויף עטליכע טעג אַ פּראָקוראָר, און אויף זיין באַפעל זאָל די מיליטער-אָפּטיילונג אויפזוכן די באַהאַלטענע רויב ביי די רויבער און פאַרדעכטיגע פאַרשוינען, כדי אויפצודעקן און מפרסם זיין זייער זינד און שאַנד, און ממילא, אַז זיי וועלן דער-

זעהן, וואָס ס׳שטייט זיי פאָר, אַז זיי דאַרפן אָפּגעבן אַ דין וחשבון פאַר זייערע מעשים, וועט די מורא פאַרן שטראָף אָנפאַלן אויף זיי און אויף זייערס גלייכן, און מ׳וועט זיך שוין מער ניט דערוועגן צו טאָן אַזוינס. דער דאָזיגער פּראָקוראָר זאָל גלייך אַריינזעצן אין תפיסה ביזן משפט לכל הפחות יענע רויבער, אויף וועלכע די געליטענע וועלן אָנווייזן, אַז ער האָט געראַבירט אָדער געהעצט, צובראָכן און צושטערט, כדי דאָס זאָל אָנוואַרפן אַ פּחד אויף די איבעריגע. דער שטענדיגער געריכטס־אויספאָרשער, וואָס וואוינט אין קריזשאָפּאָל, איז אַ צו געלאַסענער און ער האָט נאָך אויף זיין לעבן קיין איין פאַרברעכער ניט אַריינגעזעצט אין תפיסה, און ער האָט נאָך ניט אויסגעפאָרשט דערווייל אַפילו אַ פּערט־חלק פון די פּראָטאָקאָלן, וואָס די געליטענע האָבן צונעשטעלט".

אונטערגעשריבן יום ג׳, 28 נאָוועמבער 1917, מיאַסטקאָווקע (15 חתימות).

שטעמפּל: מיאַסטקאָווקער
יידישער קהלה־קאָמיטעט.

אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום,
1917–1918 (אָפּטיילונג וועגן פּאָגראָמען).

---

XII

## צו די געשעהענישן אין קאַנעוו.
(קיעווער גוב.).

סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים.
באַקומען דעם 4־טן דעצעמבער 1917.
№ 200
(איבערז. פון רוסיש).

„באַריכט פון די דעלעגאַטן פון דער קאַנעווער יידישער קהלה, מיטגלידער פון קאנעווער שטאָט־ראַט, ח. טשודנאָווסקי און מ. ווילנער.

נאָכן פּאָגראָם, וואָס די קאַנעווער יידישע באַפעלקערונג האָט איבערגעלעבט, געפינט זי זיך נאָך אַלץ אין אַ אומרוהיג־צעשראָקענעם מצב צוליב די פאָלגנדיגע טעמים:

1) די 8 כוליגאַנעס, וואָס האָבן געמאַכט דעם פּאָגראָם, גייען אַרום פראַנק און פריי. 2) פאַרכאַפּנדיג אויפן אַנדערן טאָג נאָכן פּאָגראָם דאָס געווער פון דער שטאָט־מיליציע, באַוואָפּענען זיי פאַרדעכטיגע פאַרשוינען און גרייטן זיך, ווי מ׳שמועסט, צו אַ שחיטה אויף יידן אין די נאָהענטסטע נעכט, אין די יריד־טעג זונטאָג, דעם 19 ה. ח., און מאָנטאָג. 3) די מאַכט, אין וועמענס רשות ס׳געפינט זיך אַ מיליטער־אָפּטיילונג פון 75 מאַן אוקראַינער, אונטער דער אָנפירונג פון אַ „סאָטסקן“, וואָס איז געשיקט גע־

וואָרן צו דערשטיקן די אומרוהען, בלייבט פּאַסיוו בנוגע די כוליגאַנעס, וואָס האָבן זיך אונטער דער אָנפירונג פון אַ אומבאַקאַנטן פירער אַ נאָמען געגעבן „ווילנאָיע קאָזאַטשעסטוואָ“, הגם זיי וויסן גאָר ניט זיין פּראָגראַם. 4) די הויפּט פאָדערונג פון דער „ווילנאָיע קאָזאַטשעסטוואָ“ איז, אַז די גאַנצע מאַכט, הן אין שטאָט, הן אין פּאָוויט, זאָל אַריבער צו זיי, און אַלס שעף פון פּאָוויט האָבן זיי באַשטימט דעם פירער פון די פּאָגראָמשטשיקעס. 5) דאָס וואָס די כוליגאַנעס בלייבן אומבאַשטראָפט און וואָס עס פעלט פולשטענדיג אַ געריכטליכע אויספאָרשונג פון דעם געשעהענעס, פירט אַרויף די פּויערשע און בירגערליכע קרייזן אויפן געדאַנק, אַז די יידישע פּאָגראָמען זיינען דער מאַכט ניחה, און דאָס ניט זיי חשק צושטייען צו די כוליגאַנעס, און אויף די יידן וואַרפט עס אָן אַ פּאַנישן שרעק. 6) דער שטאָט-גאָלאָוואַ איז ניטאָ אין שטאָט און די שטאָט-דומע ווערט ניט צונויפגערופן. די יידישע באַפעלקערונג איז הילפלאָז.

די יידישע באַפעלקערונג פון שטאָט קאַנעוו האָט אונז דעלעגירט צו דער צענטראַלער ראַדע און צום גענעראַל-סעקרעטאַריאַט מיט דער פאָלגנדיגער בקשה:

א) באַשטימען א געריכטליכע אויספאָרשונג, ווייל דער אָרטינער געריכט-אויספאָרשער טוט גאָר ניט, מאָטיווירנדיג עס מיט דער אומזיכערקייט פון דער מאַכט, און ב) אָנגעמען מיטלען צו אַרעסטירן די שולדיגע“.

(אונטערשריפטן).

א ר כ י ו ו פ ו ן י י ד י ש ן מ י נ י ס ט ע ר י ו ב,
1917–1918 (אָפּטיילונג וועגן פּאָגראָמען).

---

XIII

צו די געשעהענישן אין סודילקאָוו.
(וואָלין).

סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים.
באַקומען דעם 13-טן דעצעמבער 1917.
№ 293.
(איבערז. פון רוסיש).

„באַפולמעכטיגטער פונם יידישן קהל אין שטעטל סודילקאָוו, זאַסלאַווער אויעזד, וואָלינער גוב., ראַטמאַן פון דער וואָלאָסט-זעלבסטפאַרוואַלטונג, שמואל פינקעלשטיין.

די אַנאַרכיע פאַרכאַפּט אַלץ מער און מער אונזער געגנט. אין אַ באַזונדער שווערן צושטאַנד געפינט זיך די יידישע באַפעלקערונג. מענשן, געקליידעט ווי סאָלדאַטן, ראַבירן, פאַרניכטן, צינדן. די שרעקן, וואָס מ'לעבט איבער, איז ניט צו באַשרייבן. די

סאָלדאַטן, וואָס געפינען זיך דאָ, האַלטן זיך פאַר „באָלשעוויקעס“, זיי מאַכן אָן אומגליקן און פאַרשטאַרקן די אַנאַרכיע. „ס'איז ניט אונזערס, מיר זיינען ניט קיין אוקראַינער“ -- דאָס איז זייער אויסרייד. מיר בעטן הילף. אויב ס'איז מעגליך, שיקט אונז אַרויס כאָטש 10 סאָלדאַטן, אַזעלכע, וואָס מ'קאָן זיי געטרייען, וואָלט מען קענען איינשטעלן די אָרדנונג.

די הוצאות אויף אויסצוהאַלטן די 10 סאָלדאַטן וואָלט די יידישע קהלה גענומען אויף זיך. הוין לזה וואָלטן די דאָזיגע סאָלדאַטן געקאָנט קומען צו הילף דער אָרטיגער זעלבסטפאַרוואַלטונג איינצושטילן אַביסל די אַנאַרכיע.

ס'איז נויטיג תיכף אָנצונעמען מיטלען.

ראַטמאַן פון דער סודילקאָווער וואָלאָסט-זעלבסטפאַרוואַלטונג

דעם 13-טן דעצעמבר 1917. שמואל פינקעלשטיין“.

ארכיוו פון יידישן מיניסטעריום,

1917–1918 (אָפטיילונג וועגן פאָגראָמען).

---

## XIV

## צו די געשעהענישן אין דובנאָ.

(וואָלין).

(איבערז. פון רוסיש). דובנאָ, 14-טן דעצעמבר 1917.

„צום הילפס-קאָמיטעט, קיעוו“.

פון מיינע דעפעשן צו אייך און אין „קיעווסקאַיאַ מיסל“ ווייסט איר שוין וועגן די געשעהענישן אין דובנאָ. עטליכע טעג האָט מען זיך אין שטאָט געריכט אויף אַ צוזאַמענשטויס צווישן די באָלשעוויקעס און די אוקראַינער. ביי איינינע קלענערע באָלשעוויסטישע טיילן האָבן די אוקראַינער צוגענומען דאָס געווער, נאָר אין שטאָט איז די „מאַכט“ געבליבן ביים קריגס-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, וואו די מערהייט זיינען באָלשעוויקעס. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין שטאָט איז לחלוטין ניטאָ קיין זכר פון אַ מאַכט. ס'איז ניטאָ צו ווענדן זיך צו וועמען. גלייכצייטיג עקזיסטירן, אָדער, ריכטיגער, עקזיסטירן ניט, — דער קאָמיסאַריאַט, די ראַדע, דער קריגס-רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט און די מיליציע. צווישן די דאָזיגע אַלע אָרגאַנען איז ניטאָ קיין שום פאַרשטענדיגונג און קאָנטאַקט. די פינסטערע עלעמענטן, ווי די באָלשעוויסטישע אַזוי אויך די אוקראַינישע, האָבן אויסגענוצט און נוצן אויס דעם מאָמענט פאַר זייערע פאַרברעכערישע צילן. אין דעם פונקט הערשט אַ פולער שלום ואחוה צווישן די שונאים, און אינם יידישן פאָגראָם באַטייליגן זיך סיי די אַנטוואָרגנטע באָלשעוויקעס, סיי די סאָלדאַטן פון דער אוקראַינער קאָמאַנדע און אַנדערע. נעכטן האָבן די פאָגראָמשטשיקעס אַנטוואָפנט די מיליציע און איינינע סאַפיאָרן, וועלכע מען האָט אַרויסגערופן איינצושטעלן אָרדנונג. דער קריגס-רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האָט אַרויסגערופן אַ געפאַנצערטן

אויטאָמאָביל און קוילנוואַרפער, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי איבער די גאַסן, אין די רויבער זיינען זיך צעלאָפן. די באַפעלקערונג לעבט אין פאַניק און שרעק. היינט האָבן זיך די רויבער ווידער אומגעקערט אין שטאָט מיט זייער געווער, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי; ס׳זיינען פאַראַן עטליכע פאַרוואונדעטע הן מצד דעם קרייס־רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט, הן צווישן די פּאָגראָמשטשיקעס. ס׳האָט זיך אָרגאַניזירט אַ זעלבסטשוץ, נאָר זי איז ניט בכח עפּעס אויפצוטאָן אָהן געווער, און דער קרייס־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט זאָגט זיך אָפּ צו באַוואָפענען די באַפעלקערונג, אַרויס־גייענדיג פון פּאָליטישע טעמים, און אויף די קליינע פּאַטרולן פון קאָמיטעט קען מען זיך איינגנטליך אויך ניט שטאַרק פאַרלאָזן. מעגליך, אַז היינט וועט מען אונז אַרויס־געבן געווער פון אַ געווער־לאַגער, און דאַן וועט מען ביכולת זיין צו פאַרטיידיגן דעם לעבן און פאַרמעגן פון די בירגער מיט איינענע כחות, ווייל אין שטאָט געפינען זיך אין אורלויב אַריבער 200 יידישע סאָלדאַטן, וואָס וואָלטן צוזאַמען מיט דער יידישער יוגנט געקאָנט בילדן אַ גלענצנדע זעלבסטשוץ.

עס איז צערויבט געוואָרן ביז היינט 15 קראָמען. דער שאָדן באַטרעפט אַרום 200,000 רובל. דער אומגליק אָבער באַשטייט אין דעם, וואָס דער פּאָגראָם איז נאָך ניט ליקווידירט געוואָרן, עס טראָגן זיך אַרום משונהדיגע קלאַנגען, און וואָס מאָרגנדיגער טאָג וועט ברייננגען ווייס קיינער ניט.

ש. ווערטהיים".

אַרכיוו פון „קאָפּע" (קיעווער קאָמיטעט צו העלפן די מלחמה־געליטענע).

---

XV

פּאָגראָם אין זשאַבקאָריטש.

(פּאָדאָליע).

סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים.

באַקומען דעם 27־טן דעצעמבער 1917.

№ 143

(איבערז. פון רוסיש). זשאַבאָקריטשער יידישע קהלה.

„צום הויכפאַרעהרטן האַר, גענעראַל־סעקרעטאַר פאַר יידישע ענינים.

פון די ראַטמענער פון דער יידישער קהלה
אין זשאַבאָקריטש, אַלגאָפּאָלער אויעזד,
פּאָדאָליער גובערניע, שלמה בלעכמאַן
און הירש בריטמאַן.

בקשה.

דעם 16־טן נאָוועמבער האָבן מיר, בלעכמאַן און בריטמאַן, דעלעגירטע פון דער יידישער באַפעלקערונג פון אונזער שטעטל זשאַבאָקריטש, געהאַט דעם כבוד מיט אייך

פּערזענליך צו רעדן װעגן דער פּאָגראָם־כװאַליע, װאָס האָט אַרומגעכאַפּט אונזער געגנט, װי אויך אונזער שטעטל זשאַבאָקריטש, װעמענס פּויערשע באַפּעלקערונג, װאָס איז באַהערשט פון אַ פּאָגראָם־שטימונג, איז אַ סך שטאַרקער פון דער יידישער, און די לעצטע געפינט זיך דעריבער אין אַ גרויסער סכנה, — און האָבן געבעטן אייער הילף. די אומרוהיגע שטימונג צװישן די פּויערן װאַקסט מיט יעדן טאָג. נעכטן, דעם 22־טן נאָװעמבער (ס'איז געװען אַ חגא פון דער „הייליגער באָגאָראָדיצע“), זיינען אַריין אין שטעטל דאָרפישע שקצים, װאָס אָנערקענען גאָרנישט („נעגאַטיװ געשטימטע“, װי אין אָריגינאַל שטייט בוכשטעבליך. — א. טש.), און האָבן אָנגעהויבן שלאָגן מיט אייזערנע ריטער די יידן, װאָס זיי האָבן באַגעגנט אין גאַס. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין אַ היגער שול און דאָרט שטאַרק צעשלאָגן צװיי יידן. דערנאָך זיינען זיי אַװעקגעגאַנגען מיט נצחון־אויסגעשרייען, און די שוצלאָזע און מאַכטלאָזע יידן האָבן זיך װי פּאַריאָגטע געמוזט אויסבאַהאַלטן. לויט אייער עצה האָבן מיר זיך געװענדעט נעכטן, דעם 22־טן נאָװעמבער, צו אונזער אויעזד־קאָמיסאַר (אָלגאָפּאָל, פּאָדאָליער גוב.) מיט דער בקשה צו שיקן אין אונזער שטעטל זשאַבאָקריטש אַ גענוגנדע צאָל סאָלדאַטן, װעלכע ס'איז נייטיג כדי צו באַשיצן אונז פון די פּאָגראָם־געשטימטע עלעמענטן צװישן די פּויערן און פון זייערע גװאַלדטאַטן.

מיר מאַכן אויך אייך אויפמערקזאַם אויף אונזער שװערער לאַגע, יעדע מינוט קאָנען מיר װערן אַ קרבן פון אומגעהויערער רציחה און פון אַ פּאָגראָם־מהומה. דעריבער האָבן מיר דעם כבוד אונטערטעניגסט אייך צו בעטן, איר זאָלט שטיצן אונזער בקשה ביים אויעזד־קאָמיסאַר און פאַראָרדנען, אַז מ'זאָל אונז, די יידן פון זשאַבאָקריטש, צושיקן אַ זיכערע הילף, באַװאָוסטזיניגע אוקראַינישע סאָלדאַטן, װעלכע זיינען דערצו באַשטימט געװאָרן, אַז זיי זאָלן היטן די רוה און אָרדנונג“.

23־טן נאָװעמבער 1917. געחתמעט: שלמה בלעכמאַן, הירש ברייטמאַן.

אַרכיװ פון יידישן מיניסטעריום, 1918–1917.

---

## XVI

### פּאָגראָם אין אָװרוטש.

(װאָלין).

סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים.

באַקומען דעם 3־טן יאַנואַר 1918.

№ 483 אָװרוטש, דעם 17־טן דעצעמבער 1917.

„אין יידישן נאַציאָנאַלן ראַט אויף אוקראַינע,
קיעװ*).

חברים! מיט בלוט און טרערן פון די באַרויבטע שרייב איך אייך דיזע בריף; די פּאָגראָם־כװאַליע, װאָס קייקלט זיך יעצט אין די ערטער, װאו די מערהייט פון דער באַ־

*) מיר לאָזן לחלוטין אומבאַרירט דעם סטיל פונם מחבר. א. טש.

פעלקערונג זיינען יידן, האָט דערגרייכט צו אונז: פרייטאָג ביינאַכט האָט זיך געהערט שיסערייען פון אַלע גאַסן. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז קיינער האָט נישט געקענט אַרויס אין גאַס. אינדערפריה האָט מען דערזעהן, אַז אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון די שיסערייען איז געמאַכט געוואָרן אַ פּאָגראָם, בכל פּרטיו ודקדוקיו אויפן רוסישן אַמאָליגן שטייגער. העכער 60 יידישע קלייטן זיינען צערויבט געוואָרן. מען איז געלאָפן אין שטאַב (ביי אונז שטייט 215־טער פּאָלק), אין קאַראַולנער קאָמאַנדע. נאָר די אַלע שומרים זיינען געווען פאַרנומען ביי די קלייטן, איינינגע האָבן גערויבט און די איבעריגע זיינען געשטאַנען איבער די גאַסן און האָבן באַשוצט די פּאָגראָמשטשיקעס, שיסנדיג אין דער לופטן און נישט לאָזנדיג קיין זייטיגע זיי פאַרהאַלטן. די שיסעריי האָט געדויערט פון 1 ביינאַכט ביז 8 פריה. די סחורה איז אַרויסגעפירט געוואָרן דורך די פויערן, וועלכע זיינען געקומען פון די אַרומיגע דערפער מיט שליטנס. איינער אַ זייגערמייסטער, לייב העקסלער, וועלכער איז געשטאַנען קעגן זיי, איז דערהרגעט געוואָרן. חוץ וואָס מען האָט צוגענומען, האָט מען דאָס איבעריגע צעבראָכן און אוניצטאָזעט — „מען האָט זיך גוט נוקם געווען“. היזק העכער פון אַ מיליאָן רובל (פאַר חנא האָט מען אָנגעפירט אַ סך סחורה). עס איז צערויבט געוואָרן דער גוטס און האָב פון יידישער האָראָחאַניע פון צעהנדליגער יאָרן, פאַרמעגליכע זיינען געבליבן קבצנים און דאַרפן זיך אַרומוואַלגערן (און אויסקוקן) אויף די איבעריגע נאָך הילף. קליינע יידישע קלייטלאַך, וואו עס האָט זיך געפונען אין גאַנצן דער גוטס, זיינען חרוב געוואָרן. די שטימונג איז זעהר געדריקט. מען האָט טעלעגראַפירט אין ראַדע, קיין איסקאָראָסט, קיעוו, זיטאָמיר, נאָר קיין הילף איז ביז איצט נישטאָ. די דראָטן פון טעלעגראַף זיינען צעריסן. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ זעלבסטשוץ פון יידישע מיליטער, וועלכע האָבן געמאַכט אַן אָרדנונג אינאיינעם מיטן רוסישן, געהיט אַ גאַנצע נאַכט, צעטריבן די פויערן, וועלכע זיינען געפאָרן אויף זונטאָג אויף דער חתונה. איצט זיינען אַריין קאָזאַקן, און עס זיינען אָנגענומען געוואָרן די נויטיגע מיטלען.

דער באַרויבטער יידישער שניידער פון אָווראַטש“.

(די צווייטע העלפט פון דעם בריף, וואָס האָט אַ שייכות צו דער פראַגע וועגן זעלבסטשוץ און דער פּאָזיציע פון נאַציאָנאַל־ראַט און יידישן מיניסטעריום, זעה ווייטער, אין פרק III).

אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום, 1917–1918.

## XVII

### צו די געשעהענישן אין מאַקאראָוו.
(קיעווער גוב.).

סעקרעטאריאט פאר יידישע ענינים.
באַקומען דעם 28-טן דעצעמבער 1917.
№ 400

דעם 12-טן אָקטאָבר 1917.

„הערן זילבערפארב, גענעראל-סעקרעטאַריאט.

בקשה גדולה מעיר מאַקאַראָוו.

גרויסער הער פון יידן, וואָס 3 טויזנד סימייסטוועס פין אונזער שטאָט מאַקאַראָוו קוקן אַרויס פון דיר הילף, אַ חוץ אַלץ, ובפרט אויף איין זאַך, וואָס אייער הייליג האָרט האָט אונז עטליכע מאָל צוגעזאָגט מכח אונזער נאַצאַלניק מיליציע, וואָס ער טוט אונז אין טויט יעדער טאָג. זיינע כאַבאַרן, וואָס ער באַטריבט די שטאָט, איז אוממעגליך אויסצוהאַלטן. לסוף טוט ער אונז אין טויט, און עס העננט אויף גאָרניט, אַז ער זאָל זיין דער אָנפירער... ער האָט שוין צונענומען ביי דער שטאָט ערשט 500 רובל, און נאָר זיין שכרות אַליין איז אוממעגליך אויסצוהאַלטן מיט זיינע מיליציאָנערן. חוץ מזה איז נאָך דאָ ביי אים אַ 5 יידן, וואָס זיי וואַקסן מערב רב... זייט איר האָט צוגעזאָגט אונזער הרב מכלין, אַז איר בייט אים (דעם נאַצאַלניק מיליציע) איבער, און עס איז ניטאָ גאָרניט, טוט ער מיין צום טויט דעם שטעטל. פריער איז געווען אַ מטבע ביי אים 10 רובל, היינט איז 100 רובל אויך ווייניג, און ער באַרימט זיך, אַז עס מוז זיין אַ פאָגראָם. ווערט אין שטעטל חשך-פינסטער און מע מאַכט אַ אַסיפה און מען טראָגט אים אַהעק 500 רובל. אין 4—3 טאָג הייטער געלד. גרויסער הער, דער באַלייכטער פון יידן, העלף אונז האָץ מיט דעם, נעם אים צו פון אונזער שטעטל און שיק אונז האָץ אַ וועלהעלערן, מיר זאָלן קאָנען טראָגן. אַז דער גרויסער הער וועט אים צונעמען פון מאַקאַראָוו, וועלן מיר 1000 פאַרשוין אָפגעבן די פאָקאַזאַניעס, וואָס פאַר כאַבאַר פלעגט ער נעמען און ווי אַזוי ער האָט געוואָלט מאַכן אַ פאָגראָם. בקשה — העלף אונז, העלף!

בעטערס פון שטאָט".

(אונטערשריפטן).

ארכיוו פון יידישן מיניסטעריום, 1917–1918.

---

## XVIII

### פּאָגראָם אין ראַשקאָוו.
### (פּאָדאָליע).

סעקרעטאַריאַט פֿאַר יידישע ענינים.
באַקומען דעם 10-טן יאַנואַר 1918.
№ 603
(איבערז. פֿון רוסיש).

„דעם גענעראַל-סעקרעטאַריאַט פֿאַר יידישע ענינים אין אוקראַינע.

פֿון די יידישע בירגער, איינוואוינער פֿונם שטעטל ראַשקאָוו, פּאָדאָליער גובערניע.

אין נאָמען פֿון אַלע יידן פֿון אונזער שטעטל, וואָס האָט אין דער נאַכט קעגן דעם 31-טן דעצעמבער פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָר איבערגעטראָגן אַלע שרעקן פֿון אַ באַנדיטן-באַפֿאַלן... דעם 31-טן דעצעמבער פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָר איבערגעטראָגן אַלע שרעקן פֿון אַ באַ-האָפֿנטער רויבעריי, ווענדן מיר זיך צו אייך, ה׳ גענעראַל-סעקרעטאַר, דעם פֿאַרטרעטער פֿון אונזער פֿאָלק אין דער אוקראַינישער פֿאָלקס-רעפּובליק, מיט דער דרינגענדער בקשה אונז תיכּף קומען צו הילף. די פּרטים פֿונם פּאָגראָם זיינען פֿאָלגנדיגע:

שבת אינדערפֿריה, דעם 30-טן דעצעמבער, איז אַהערצו אָנגעקומען פֿון סאָראָקי איבער אַ מאה קאָזאַקן פֿון דער 4-טער אַרמיי, וועלכע זיינען געגאַנגען קיין באַלטע, פּאָד. גוב., און האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט אָפּרוהען. פֿאַרנאַכט צו האָט זיך אַ טייל פֿון די קאָזאַקן, באַוואָפֿנטע מיט ביקסן, באַוויזן אין די הויפּט-גאַסן פֿונם שטעטל און האָבן אָנגעהויבן שיסן אויף די הילפֿלאָזע מענשן, פֿאַרשפּרייטנדיג אַ פּאַניק אין גאַנצן שטעטל. אין דער זעלבּיגער צייט האָט דער צווייטער טייל אַרומגעצוימט מיט פּאַט-רולן די זייטיגע גאַסן און געסלאַך, אָפּשניידנדיג דעם וועג די איינוואוינער, וואָס זיינען פֿון זייערע הייזער אַנטלאָפֿן, כּדי צו באַהאַלטן זיך אין מער זיכערע ערטער. די קאָ-זאַקן האָבן דערהרגעט צוויי יידן אויף טויט און האָבן גענומען ראַבירן קלייטן און פּרי-וואַטע דירות. זיי האָבן צעראַבירט אַלע סחורות, פֿאַרניכטעט דאָס מעבל, אויפֿגעבראָכן די טירן און פֿענסטער פֿון די הייזער און געמאַכט אַ פֿולן חורבן. אַ פֿינסטערע מאַסע פּויערן איז צו זיי צוגעשטאַנען און האָט זיי געהאָלפֿן אין פּאָגראָם ראַבירן יידישע האָב און גוטס, וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן מיט שווייס און בלוט. די שוצלאָזע יידן זיינען געזעסן אין זייערע הייזער, און די קאָזאַקן האָבן יעדע מינוט געשאָסן אין די פֿאַר-שלאָסענע טירן. ערשט אַרום 12 אַזייגער ביינאַכט האָט די שיסעריי אויפֿגעהערט. אַז זיי זיינען געבליבן אָהן פּאַטראָנעס, האָבן זיך די קאָזאַקן אומגעקערט צו זיך אַ היים.

ס׳איז גאָרניט מעגליך איבערצוגעבן דאָס בילד, וועלכעס ס׳האָט זיך פֿאָרגעשטעלט נאָכן פּאָגראָם: צוויי רייען צעראַבירטע קראָמען, וועלכע זיינען אויסגעליידיגט געוואָרן

ביז גאָר; אַ גרויסע צאָל צעראַבירטע דירות מיט אויסגעבראָכענע טירן און פענסטער־ראַמעס; און דערביי האָבן זיך געוואַלגערט 2 דערהרגעטע פרידליכע איינוואוינער פונם שטעטל. לויט זיין רציחה דערמאָנט דער פאָגראָם אַן אָנפאַל פון ווילדע מערדער. מיר האָבן זיך געווענדעט נאָך הילף צום קאָמאַנדיר פון די קאָזאַקן און צום שעף פון ראַיאָן־מיליציע, האָט דער ערשטער געענטפערט, אַז ער איז ניט בכח אָפּצושטעלן די צעבושעוועטע כוואַליע, דער צווייטער האָט דורכן טעלעפאָן געזאָגט, אַז ער קומט מאָרגן אינדערפריה. און אין אמתן איז דער שעף פון ראַיאָן־מיליציע טאַקע געקומען פון קאַמענקע זונטאָג אינדערפריה, 11 אַ זייגער, נאָכדעם, ווי די קאָזאַקן זיינען שוין געווען אָפּגעפאָרן קיין באַלטע. ער האָט אפילו מיטגעבראַכט מיט זיך 8 באַוואָפנטע סאָלדאַטן, נאָר ער האָט לחלוטין גאָר ניט געטאָן כדי צוצונעמען ביי איינגע אָרטיגע פויערן די צעראַבירטע סחורות. נאָך מער, ער האָט אונז אפילו ניט געקאָנט לאָזן אויף עטליכע טעג די קליינע מיליטער־אָפּטיילונג אויף צו באַשיצן אונז פון ווייטערדיגע עקסצעסן, וועלכע האָבן, ווי מען האָט גערעדט, געזאָלט פאָרקומען די נאָהנסטע טעג. די סאָלדאַטן האָבן זיך בפירוש אָפּגעזאָגט צו בלייבן אין שטעטל אפילו אויף איין טאָג, און אינם זעלבן טאָג זיינען זיי צוזאַמען מיטן ראַיאָן־קאָמיסאַר אַוועק צוריק קיין קאַמענקע.

ס'איז לייכט זיך פאָרצושטעלן אונזער לאַגע איצט, בשעת אַזעלכע בלוטיגע געשעענישן גייען דורך פאַר די רויבער אומבאַשטראָפט; בשעת די אָרטיגע מאַכט איז אויף אַזוי פיל מאַכטלאָז, אַז זי האָט מורא אפילו מיט אַ וואָרט צו ווירקן אויף די רויבעריש געשטימטע פויערן; בשעת אונזער מיליטערישע שוץ — די סאָלדאַטן, וועלכע זיינען אַרויסגערופן געוואָרן, כדי צו דערשטיקן דעם פאָגראָם, זאָגן זיך קאַטעגאָריש אָפּ צו ערפילן זייער חוב. ביי אַזאַ מין לאַגע לעבט איבער די היגע יידישע באַפעלקערונג טרויעריגע טעג און האָט שטענדיג מורא ניט נאָר פאַרן פאַרמעגן, נאָר פאַרן לעבן. מיר ווענדן זיך דעריבער צו אייך, ה' גענעראַל־סעקרעטאַר, מיט דער אונטערטעניגסטער בקשה, תיכף אונז העלפן און מציל זיין להבא פונם שרעקליכן פחד, וואָס נעמט ביי אונז צו אונזער רוה און קען יעדע מינוט ווערן טאַקע אַ גרויזאַמע ווירקליכקייט. זאָלן די קולות פון די פאַריתומטע משפחות און די פאַראָרעמטע יידישע איינוואוינער ניט בלייבן קיין קול קורא במדבר!

שיקט אונז דאָס נויטיגע געווער און דורך דעם העלפט אונז צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ. שטרעקט אונז אויס די האַנט פון הילף. לאָזט אונז ניט פאַלן אַ קרבן פון דער איצטיגער איבערגאַנגס־צייט. זאָל זיך אייער מעכטיגע שטים לאָזן הערן לטובת אונז, אייערע אומגליקליכע ברידער, וועלכע זעהען זייער איינציגע הילף אין אייער שטיצע, וואָס וועט אונז געבן פיזישע און מאָראַלישע כחות איבערצוטראָגן אונזערע צרות.

מיר זיינען טיף איבערציינט, אַז די דאָזיגע בקשה אונזערע וועט ברייננען נוצן ניט נאָר אונז, נאָר אַלע אונזערע ברידער, וואָס וואוינען אין אונזער געגנט. מיר בעטן

אייך, איר זאָלט אונז תיכף ענטפערן, וואָס האָט איר אונטערגענומען, כדי צו באַשיצן פון פּאָגראָמען די יידן בכלל און אונז בפרט".

ראַשקאָוו, פּאָדאָליער גובערניע. דעם 2-טן יאַנואַר 1918.

פּאָרזיצער פונם שטעטלשן אויספיר-קאָמיטעט (חתימה).
מיטגלידער פונם קאָמיטעט (חתימה).
יידישע ראַטמענער פון ראַשקאָווער וואָלאָסט (חתימות).
תושבים (חתימות).

אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום, 1918–1917.

---

XIX

## רשימה פון די פּאָגראָמירטע פונקטן.

(סעפּטעמבער—דעצעמבער 1917).

די רשימה פון די פונקטן, — איבער 60, — אין וועלכע עס זיינען געווען פּאַררעגיסטרירט, לויט די ידיעות פונם אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום און דורך דער פּרעסע, פּאָגראָם-עקסצעסן אין משך פון חצי סעפּטעמבער ביז סוף דעצעמבער 1917.

קיעווער גובערניע:

ווינאָגראַד (13 נאָוועמבער).
מאָלאָדאַרקע (הערבסט 1917).
דאַשעוו (28 נאָוועמבער).
זשאַשקאָוו (20 אָקטאָבער).
זשאַרניצע (14 נאָוועמבער).
זשיטאָמאָוו (7 נאָוועמבער).
איוואַנקאָוו (4 און 12 נאָוועמבער)
אילאינעץ (אָנהויב נאָוועמבער).
קאַניעוו (6 נאָוועמבער).
קאָרנין (16 נאָוועמבער).
מאַקאַראָוו (21 נאָוועמבער).
מאָנאַסטירישטש (19 נאָוועמבער).
פּאָגרעבישטש (17 אָקטאָבער).
ראַקיטנע (14 דעצעמבער).
סקווירע (23 אָקטאָבער).
סט. סלאָבאָדקע (13 דעצעמבער).
סטאַווישטש (17 אָקטאָבער).
טאַלנע (12 דעצעמבער).
טאַראַשטשע (17 דעצעמבער).
טאָרנאַוועץ (10 און 18 דעצעמבער).
אומאַן (25 נאָוועמבער).

וואָלינער גובערניע:

אַנאָפּאָל (30 נאָוועמבער).
וואַרקאָוויטשי (9 דעצעמבער).
וועלעדניק (12 דעצעמבער).
ווישנאָראָדאָק (2 דעצעמבער).
גריצעוו (21 סעפּטעמבער).

דובנאָ (12 דעצעמבר).
זאַסלאַוול (30 נאָוועמבר).
קאָטעלנע (אָנהייב נאָוועמבר).
קרעמענעץ (15 דעצעמבר).
קופּעל (5 און 10 דעצעמבר).
מיראָפּאָל (1 דעצעמבר).
אָוורוטש (16 דעצעמבר).
אָליקאַ (27 נאָוועמבר).
אָסטראָג (30 נאָוועמבר).
פּאָלאָנע (26 נאָוועמבר).
סאַנדאָמיר (19 דעצעמבר).
סודילקאָוו (חצי דעצעמבר).
טעאָפּיפּאָל (11 און 17 דעצעמבר).

### פּאָדאָליער גובערניע:

גאָלאָוואָנעווסק (18 דעצעמבר).
הייסין (20 אָקטאָבער).
דעראַזשנע (1 דעצעמבר).
דזיגאָווקע (אָנהייב דעצעמבר).
יעדינעץ (29 נאָוועמבר).

זשאַבאָקריטש (22 אָקטאָבער).
ליטין (סוף נאָוועמבר).
מעדזשיבאָזש (18 אָקטאָבער).
מיאַסטקאָווקע (30 אָקטאָבער).
קאַמעניקע (6 נאָוועמבר).
ראַשקאָוו (30 דעצעמבר).
ריבניצע (נאָוועמבר).
סלאָבקאָווצי (23 נאָוועמבר).
יאַמפּאָל (6 נאָוו. און 19 דעצ.).

### פּאָלטאַווער גובערניע:

איוואַניצע (13 נאָוועמבר).
פּרילוקי (23 אָקטאָבער).

### טשערניגאָווער גוב.

קאָראָפּ (10 און 18 נאָוועמבר).

### כערסאָנער גובערניע:

טיראַספּאָל (אָקטאָבער).

אין דער רשימה זיינען ניט אַריין יענע פּונקטן, וואו די עקסצעסן האָבן ניט אָנגענומען אַ ברייטן כאַראַקטער און האָבן זיך אויסגעדריקט נאָר אין רויבערייען פון קלייטן און הייזער. עס איז פאַראַן אַ גאַנצע רייע פּונקטן, וואָס האָבן געליטן, וועגן וועלכע ס׳איז אָבער ניטאָ קיין גענויע ידיעות: טאָמאַשפּאָל (וואָלינער גוב.), איוואַנגאָראָד (פּאָדאָליער גוב.) און נאָך אַ גאַנצע רייע אַנדערע. אָבער אויסער די אויסגערעכנטע פּונקטן זיינען פאַראַן אַ סך שטעט און שטעטלאַך, וואָס זיינען געווען אויפן שוועל פון פּאָגראָם און וואָס האָבן איבערגעלעבט די שרעקן און האַרטענישן ערב אַ פּאָגראָם, ווי, למשל, וויניצע, סלאַוואוטע, אָדער ווי טאַראַשטשע, וואו דער פּאָגראָם האָט זיך שוין געהען אָנגעהויבן, נאָר אַ דאַנק דער יידישער „דרוזשינע“ איז ער געווען אָפּגעשטעלט. צווישן די פּונקטן, וואָס האָבן איבערגעלעבט דאָס וואַרפּעניש פון אַ פּאָגראָם, זיינען געווען אַזעלכע גרויסע צענטרן, ווי אדעס, כאַרקאָוו, קרעמענטשוג און אַנד.

די רשימה, וואָס ווערט דאָ געבראַכט, איז ניט קיין פולע, ווייל ניט אַלע פּונקטן האָט זיך איינגעגעבן צו פאַררעגיסטרירן.

---

## II. רעזאָלוציעס, פּראָטעסטן, אינטערפּעלאַציעס און אויפרופן וועגן פּאָגראָמען.

### I

### די צייטווייליגע רעגירונג און פּאָגראָמען.

דעם 29־טן סעפּטעמבער 1917 איז פאָרגעקומען, אונטער דעם פאָרזיץ פון א. קאָנאָוואַלאָוו, אַ זיצונג פון דער צייטווייליגער רעגירונג, אויף וועלכער ס׳זיינען באַהאַנדלט געוואָרן די באַריכטן וועגן דער אומרוהיגער לאַגע אויף די ערטער. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיגער באַשלוס:

„די אַנאַרכיע צעוואַקסט זיך. אין אַ רייע שטעט קומען פאָר, הויפּטזאַכליך צוליב דעם ערנערונגס־קריזיס, גרויסע אומאָרדנונגען און פּאָגראָמען, וועלכע נעמען אָפּט אָן, באַזונדערס אין דרום, אַן אַנטי־יידישן כאַראַקטער. אַן אָנגעוועהענע ראָלע אין אָנפירן מיט די אומרוהען נעמען אין איינ׳גע ערטער אָן די ט׳ער פון „סאָיוז רוסקאַוואָ נאַראָדאַ" (אַ שוואַרץ־מאהדינגע אָרגאַניזאַציע פון צאַרישע צייטן — א. ט ש.), וועלכע פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס, וואָס רופן צו יידישע פּאָגראָמען און צום צוריקאויפשטעלן דעם מאָנאַרכיסטישן רעזשים.

די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע איז ניט בכח דערשטיקן די אַזוי ברייט צעוואַקסענע אַנאַרכיע, ווייל איר פעלט אַ פעסטע מאַכט. איינע פון די הויפּט־סבות דערפון איז, וואָס אין אַ פולע ערטער עקזיסטירט אַ גאַנצע רייע קאָמיטעטן, וועלכע פּרעטענדירן צו זיין אַ מאַכט און וועלכע שטערן איינער דעם אַנדערן. דער רעגירונגס־קאָמיסאַר איז געצוואונגען איגנאָרירן די היפּוכדיגע באַשלוסן פון די פאַרשיידענע קאָמיטעטן, און זיין טעטיגקייט ווערט שטאַרק געשטערט.

די צייטווייליגע רעגירונג געפינט אַזאַ אָרדנונג פאַר אומדערלאָזבאַר, און כדי איינצופירן די איינהייטליכקייט פון מאַכט באַשליסט זי צו בילדן אויף די ערטער ספּעציעלע קאָמיטעטן פון דער צייטווייליגער רעגירונג, כ׳טן אָנטייל פון די אָרטיגע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, מיט דער אויפגאַבע צו דערשטיקן די אומאָרדנונגען. די איספיר־מאַכט ווערט אין דעם פאַל איבערגעגעבן דעם רעגירונגס־קאָמיסאַר, און אין די ערטער, וואו עס איז איינגעפירט קריגס־צושטאַנד, — צו די פאָרשטייער פון מיליטער-

שער מאַכט. די קאָמיסאַרן האָבן רעכט אויסצונוצן די גאַנצע פּעסטקייט פון זייער מאַכט ניט נאָר צו דערשטיקן די אומרוהען, נאָר אויך בכדי צו באַוואָרענען אַפריער, אַז אומאָרדנונגען זאָלן ניט פּאָרקומען.

אין דער ערשטער רייע ווערט פאָרגעלייגט אָנצונעמען ענערגישע מיטלען אין די ערטער, וואָס ליידן שוין פון דער פּאָגראָם־באַוועגונג.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן דורכצופירן די אַלע מיטלען קענן דער אַנאַרכיע דורך אַ טעלעגראַפישן באַפעל".

ציט. לויטן „ר א ז ס ו ו ע ט" (וואָכנבלאַט, פּעטראָגראַד), 13 №, פונם 4 אָקטאָבער 1917.

---

II

## דער ערשטער אַלרוסלענדישער ראַטן־צוזאַמענפאָר וועגן אַנטיסעמיטיזם.

(יוני–יולי 1917).

דער ערשטער אַלרוסלענדישער ראַטן־צוזאַמענפאָר פון אַרבעטער־ און סאָל־דאַטן־דעפּוטאַטן, וועלכער איז פאָרגעקומען אין פּעטראָגראַד סוף יוני און אָנהויב יולי 1917, האָט אָנגענומען פאָלגנדיגע רעזאָלוציע וועגן אַנטיסעמיטיזם.

„1) די רעכטלאָזע לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד אין משך פון יאָרהונדערטער און די אַנטיסעמיטישע העצע, וואָס איז געווען איינער פון די הויפּט־מיטלען פון צאַ־ריזם אין זיין קאַמף פאַר מאַכט און וואָס האָט אַ באַזונדער ווילדן כאַראַקטער אָנגענומען אין צייט פון דער מלחמה, — דאָס אַלץ האָט אַריינגעגאָסן אין די ברייטע פאָלקס־מאַסן דעם גיפט פון מענטשן־שנאה, פון האַס און חשד צו יידן.

2) די קאָנטער־רעוואָלוציע, וואָס איז ניט בכח צו דערגרייכן מיט אַן אָפענעם קאַמף, אַז דער אַלטער רעזשים זאָל זיך צוריק אומקערן, שטרעבט אויסצונוצן די דאָזיגע טונקעלע איינרעדענישן פון די מאַסן, אָפציהען זייער אויפמערקזאַמקייט פון די אמתע סבות פונם קריזיס, וואָס דאָס לאַנד לעבט איבער, און אויסלאָזן די סטיכישע אומצו־פרידנקייט פון די פאַרביטערטע פאָלקס־מאַסן צו די יידן.

3) די דאָזיגע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע, וואָס באַהאַלט זיך אָפט הינטער ראַ־דיקאַלע לאָזונגען, שטעלט מיט זיך פאָר אַ גוואַלדיגע סכנה ווי פאַרן יידישן פאָלק, אַזוי אויך פאַר דער גאַנצער רעוואָלוציאָנס־באַוועגונג אין לאַנד, ווייל עס דראָהט צו דערטרינקען אין ברודער־בלוט די באַפרייונג פון פאָלק און מיט שאַנד באַדעקן די רעוואָלוציאָנערע פאָלקס־באַוועגונג.

4) די דירעקטע אינטערעסן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן און דער כבוד פון רע־וואָלוציע פאָדערן דעריבער פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע אַ סאַמע ענערגישסטן קאַמף מיט יעטווידן פאַרזוך פון אַ אַנטיסעמיטישער העצע און די דערשטיקונג פון יעטווידער אַנטי־יידישער אַרויסטרעטונג נאָר אין אָנהויב.

5) דער אַלרוסלענדישער צוזאַמענפאָר פון די ראַטן פון אַרבעטער- און סאָלדאַטן-דעפוטאַטן פאָדערט אויף אַלע אָרטיגע ראַטן-אָרגאַנען שטרענג נאָכצוקוקן נאָך אַלע מעשים-תעתועים פון די אַנטיסעמיטישע גרופן און אַניטאַטאָרן, צו פירן אָהן אַן אויפהער אַן אַניטאַציאָנס-אַרבעט און אויפקלערונגס-אַרבעט צווישן די ברייטעסטע פאָלקס-מאַסן מיטן צוועק צו קעמפן מיט דער אַנטיסעמיטישער העצע; דער צוזאַמענפאָר ניט איבער זיין צענטראַל קאָמיטעט, ער זאָל באַזאָרגן די אויסגאַבע פון פאַסיגער ליטעראַטור וועגן דער יידן-פראַגע.

6) שיקנדיג זיין ברידערליכע באַגריסונג דעם יידישן אַרבעטער-קלאַס, וואָס קעמפט אין די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנס-רייען, רופט אים דער צוזאַמענפאָר איינצופלאַנצן ביי דער יידישער פאָלקס-מאַסע די פעסטע זיכערקייט, אַז די גאַנצע אָרגאַניזירטע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע פון לאַנד וועט שטיין שטאָל און אייזן און וועט באַשיצן פון יעדן פאַרזוך צו באַגיין וועלכע ס׳ניט איז גוואַלדטאַטן קעגן יידן".

די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיג.

ציט. לויטן „ר אַ ז ס ו ו ע ט", 1 №, פונם 9 יולי 1917.

---

III

## דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט פון די ראַטן וועגן פּאָגראָמען.

(סעפּטעמבער – אָקטאָבער 1917).

אויף דער זיצונג פון צ. א. ק. פון די אַרבעטער- און סאָלדאַטן-ראַטן איז אויסער אָרדנונג באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן קאַמף קעגן דער פּאָגראָם-באַוועגונג. מיט אַ פאָרטראַג איז אַרויסגעטראָטן דער פאָרשטייער פון „בונד" ר. אַ ב ר אַ מ אָ ו ו י ט ש, וועלכער האָט אָנגעוויזן אויף דער סכנה, וואָס די אַלגעמיינע פּאָגראָם-באַוועגונג און די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג בפרט שאַפן פאַר דער רעוואָלוציע.

ר. אַבראַמאָוויטש לייגט פאָר פאָלגנדיגע רעזאָלוציע: „אין פאַרשיידענע געגנטן פון רוסלאַנד ווילדעוועט אַ צערייצטער, פינסטערער און אָפט פאַרשכורטער המון, וואָס ווערט געפירט און אויפגעהעצט דורך טונקעלע פערזאָנען, געוועזענע פּאָליציייאַסטן („נאָראָדאָוויע") און קרימינאַל-פאַרברעכער און וואָס ראַבעוועט, גזלט, באַגייט גוואַלדטאַטן און הריגות. די דאָזיגע פּאָגראָם-באַוועגונג, וועלכע צוגיסט זיך ווי אַ ברייטע כוואַליע איבער רוסלאַנד, אַנטהאַלט אין זיך די גרעסטע סכנה פאַר דער גאַנצער רעוואָלוציע, ברענגט צו אַ פולקאָמענער אַנאַרכיע, צום פולן צעפאַל פון דער מלוכה, צו בלוטיגע צוזאַמענשטויסן, צו ווילדע רציחות איבער פרידליכע און אומשולדיגע איינוואוינער. נאָך מער: עס איז בלתי שום ספק און עס איז קלאָר פעסטגעשטעלט, אַז אין דער גאַנצער פּאָגראָם-באַוועגונג האָט אַ חלק די ערפאַרענע האַנט פון דער געניטער שוואַרצער קאָנטר-רעוואָלוציע. די פּאָגראָם-אַניטאַציע און ספּעציעל די אַנטיסעמיטישע העצע, די דרשות וועגן שנאה, האַס און גוואַלדטאַטן קעגן

פרעמדשטאַמיגע און יידן שטעלט מיט זיך פאָר, ווי ס'האָט באַוויזן די ערפאַרונג פון יאָר 1905, דעם בעסטן באָדן פאַרן נצחון פון קאָנטער=רעוואָלוציאָנערע שטימונגען און אידייען. אַלע רעוואָלוציאָנער געשטימטע אַרבעטער, פויערן און סאָלדאַטן דאַרפן דעריבער זיין דורכגענומען מיטן געדאַנק וועגן דער גרויסער סכנה, וואָס די פּאָגראָמען שטעלן מיט זיך פאָר פאַר דער פרייהייט, און אָנווענדן אַלע זייערע כחות צו קעמפן מיט זיי. דער צ. א. ק. רופט אַלע אָרטיגע אַרבעטער= און סאָלדאַטן=ראַטן שטרענג נאָכצוקוקן נאָך די מעשים תעתועים פון די פּאָגראָם=אַגיטאַטאָרן — די קאָנטער=רעוואָלוציאָנערן, אַנטוויקלען אַן ענערגישסטע אַנטיאַגיטאַציע קעגן דער פּאָגראָם=באַוועגונג און שאַרף איבערהאַקן אין סאַמע אָנהויב יעדן פאַרזוך פון פּאָגראָמען, וואָס איז אַן אָפענער אַקט פון קאָנטער=רעוואָלוציע, און ניט אָפּשטעלן זיך פאַר געברויכן אַ באַוואָפנטע קראַפט".

די דאָזיגע רעזאָלוציע ווערט איינשטימיג אָנגענומען. אַלס הוספה צו איר האָט דער צ. א. ק. אויסגעאַרבעט אַ רייע קאָנקרעטע מיטלען ווי צו קעמפן מיט פּאָגראָמען און רעקאָמענדירט די דאָזיגע מיטלען אין אַ ספּעציעלער צירקולאַר=טעלעגראַמע צו די ראַטן=אָרגאַנען. צווישן אַנדערע מיטלען ווערט אויך רעקאָמענדירט צו שאַפן ס פּ ע צ י ע ל ע ק אָ מ י ס י ע ס, מיטן אָנטייל פון פּאַרטייען, אַרבעטער=אָרגאַניזאַציעס, פאַרשטייער פון מיליטערישער און ציווילער מאַכט, מיטן צוועק אידייאיש צו קעמפן קעגן דער פּאָגראָם=אַגיטאַציע און צו אָרגאַניזירן די באַשיצונג פון בירגער.

ציט. לויטן „ר אַ ז ס ו ו ע ט", № 14, פונם 11 אָקטאָבער 1917.

IV

## אָנפראַגע אין דער קליינער ראַדע וועגן אומאָרדנונגען אין אוקראַינע.

אויף דער זיצונג פון קליינער ראַדע, דעם 24=טן אָקטאָבער 1917, איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַן אָנפראַגע וועגן דער אַנאַרכיע און אומאָרדנונגען אין לאַנד.

פאָרשטייער פון „פּוילישן דעמאָקראַטישן צענטער", וו. ר ו ד נ י צ ק י:

„אַלץ מער און מער פאַרגרעסערן זיך די אַנאַרכיע און פּאָגראָמען אין אוקראַינע. באַנדעס דעזערטירן און רויבער, און אָפט אויך אָרטיגע פויערן רויבן די שטעטלאַך אין דערפער. ווידער אַמאָל האָט מען זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די פּאָלאַקן און די יידן... וואָס האָט געטאָן די אוקראַינישע מאַכט צו דערשטיקן די פּאָגראָם=באַוועגונג?"

גענעראַל=שרייבער („פּיסאַר") און צייטווייליגער גענ.=סעקרעטאַר פאַר אינעוויניגסטע ענינים ל אָ ט אָ צ ק י:

„דער סעקרעטאַריאַט ווייסט עס, נאָר ער האָט גאָר ניט געקאָנט טאָן. עס זיינען בלויז אָרגאַניזירט אויספאָרשונגס=קאָמיסיעס, וועלכע זיינען אַרויסגעפאָרן קיין סלאַוואוטע *) און סקווירע".

*) דער פאָרשטייער פון די פּאָלאַקן האָט בלי ספק מיט זיין אָנפראַגע געהאַט אין זינען די באַוואוסטע, שרעקליכע הרינה פון פירסט סאַנגושקאָ מיט זיין משפחה אין סלאַוואוטע, וואָס די סאָלדאַטן און פויערן האָבן דאַן געמאַכט

ר ו ד נ י צ ק י  ענטפערט אויף דעם, אַז לאָטאָצקיס ערקלערונגען באַפרידיקן אים ניט.

„נ י י ע  צ י י ט“, 38 №, פונם 26 אָקטאָבער 1917, באַריכט וועגן דער זיצונג פון ראַדע.

---

V

## די ערשטע יידישע אָנפראַגע אין קליינער ראַדע וועגן פּאָגראָמען.

דעם 28־טן נאָוועמבער 1917 האָט י. ש ע כ ט מ אַ ן, אין נאָמען פון דער ציוניסטישער פראַקציע, אַריינגעטראָגן אַן אָנפראַגע וועגן פּאָגראָמען.

„נישט קוקנדיג דערויף, וואָס דער גענעראַל־סעקרעטאַריאַט האָט זיך צוויי מאָל געווענדעט צו דער באַפעלקערונג פון אוקראַינע מיט דער פאָדערונג אָפּצושטעלן די פּאָגראָם־עקסצעסן, וואָס זיינען אַ שאַנד פאַר דער רעוואָלוציע און דער פרייער אוקראַינע; ניט קוקנדיג דערויף, וואָס אין דער דאָזיגער פאָדערונג איז קאַטעגאָריש געווען ער־קלערט, אַז צו אַלע אַזעלכע פאַרברעכנס וועט מיט אַ שטאַרקער האַנט געמאַכט ווערן אַ סוף, — איז די פּאָגראָם־כוואַליע אין אוקראַינע ניט קלענער געוואָרן, נאָר זי ווערט אַלץ ברייטער און וואַקסט אַלץ מער און קאָן מיט זיך ברענגען די פולשטענדיגע אַנאַרכיע און דעם פולשטענדיגן חורבן פון די שטעט און שטעטלאַך.

דעפּעשן וועגן פּאָגראָמען זיינען אָנגעקומען מער ווי פון 30 פּונקטן פון פּאָדאָליער, וואָלינער און קיעווער גוב. אין די דעפּעשן ווערט אָנגעוויזן אויף דער הילפלאָזער לאַגע פון דער באַפעלקערונג, וואָס איז איבערגעגעבן אין רשות פון די רויבערישע שכורע פּאָגראָם־באַנדעס. ס׳ברענען שטעט, ס׳זיינען צעראַבירט קלייטן, ס׳איז פאַרניכטעט דאָס בעל־הביתישע האָב און גוטס, דער ווילדער המון מאַכט אָהן רחמנות אַ זינלאָזן תל פונם ביסל פאַרמעגן פון דער טעראָריזירטער יידישער אַרבעטנדער מאַסע. דאָס לעבן פון דער אומבאַשיצטער באַפעלקערונג הענגט אויף אַ האָר. די אָרטיגע מאַכט איז גאָר ניט בכח צו טאָן. ס׳איז ניטאָ קיין שום שוץ.

דאָס, וואָס די פּאָגראָם־כוואַליע וואַקסט, ניט קוקנדיג אויף די מיטלען, וואָס דער גענעראַל־סעקרעטאַריאַט האָט אָנגענומען, באַווייזט, אַז די מיליציע און די מיליטערישע טיילן, וואָס העלפן איר, קאָנען פאַקטיש ניט אויספירן זייער אויפגאַבע.

דער אומגליק פון דער באַשאַפענער לאַגע ווערט פאַרגרעסערט דורך דעם, וואָס די געזונטסטע און דערוואַקסענע טיילן פון דער יידישער מענליכער באַפעלקערונג גע־פינען זיך אין דער אַרמיי. ס׳איז ניטאָ ווער ס׳זאָל געבן אַ ווידערשטאַנד די רויבער; ס׳זיינען פאַרבליבן בלויז זקנים, קינדער און אומבאַהאָלפענע פרויען; עס דראָהט אַ סכנה זייער לעבן און זייער כבוד. דאָס ווייסן און פילן די יידישע סאָלדאַטן. זיי קאָנען ניט זיצן רוהיג אין די מיליטער־טיילן און פאַסיוו צוקוקן די גוואַלדטאַטן, וואָס קומען פאָר.

פון אַלע זייטן קומען צו אונז אָן קאַטעגאָרישע פאָדערונגען פון יידישע סאָלדאַטן, מ'זאָל זיי ערלויבן אָרגאַניזירן זיך אין ספּעציעלע „דרוזשינעס", כּדי צו פאַרטיידיגן דעם לעבן און כּבוד פון זייערע עלטערן, מוטערס און שוועסטער. מיט גרינגע טענהן זיי, אַז די פאַרטיידיגונג פון זייערע אומגליקליכע משפּחות איז זייער נאַטירליכע רעכט און חוב.

מיר לאָזן אָפן די פּרינציפּיעלע פראַגע וועגן פאָרמירן סאָלדאַטן אין באַזונדערע נאַציאָנאַלע מיליטערישע טיילן. מיר רעכענען אָבער, אַז מען טאָר ניט אָפּנעמען ביי יידישע סאָלדאַטן און אָפיצערן דאָס רעכט צו בילדן „דרוזשינעס" מיט דער ספּעציעלער אויפגאַבע צו באַשיצן די יידישע באַפעלקערונג פון פּאָגראָמען. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די דאָזיגע „דרוזשינעס" דאַרפן זיך געפינען, אויף אַלגעמיינע יסודות, אין פולקאָמענעם רשות פונם גענעראַל-סעקרעטאַריאַט פאַר מיליטערישע ענינים.

מיר זיינען איבערציינגט, אַז דער גענעראַל-סעקרעטאַריאַט וועט אָננעמען העלדישע מיטלען, כּדי איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף צו דער פּאָגראָם-וואַקכאַנאַליע, וואָס מאַכט חרוב דאָס לאַנד. די יידישע מיליטערישע „דרוזשינעס", וועלכע דאַרפן געשאַפן ווערן, וועלן צוזאַמען מיט דעם דיסציפּלינירטן טייל פון דער רעוואָלוציאָנערער אוקראַינישער אַרמיי בילדן אַ זיכערע שטיצע, אויף וועלכער ער וועט זיך קענען רוהיג פאַרלאָזן.

די ציוניסטישע פראַקציע, טיף אויפגערעגט פון די ווענדונגען און וויי-געשרייען מצד דער יידישער באַפעלקערונג וועגן הילף און רעטונג, ווענדעט זיך צו די גענעראַל-סעקרעטאַריאַטן פאַר אינערליכע און פאַר מיליטער ענינים מיט אַ אָנפראַגע:

1) וועלכע ממשותדיגע מיטלען זיינען אָנגענומען געוואָרן, כּדי תּיכּף אָפּצושטעלן די פּאָגראָמען?

2) צי געפינט ניט דער גענעראַל-סעקרעטאַריאַט פאַר מעגליך ערלויבן די יידן-סאָלדאַטן צו אָרגאַניזירן ספּעציעלע „דרוזשינעס", בכדי צו באַשיצן די יידישע באַפעלקערונג?"

ענטפערנדיג אויף דער דאָזיגער אָנפראַגע, האָט פּעטליורע, דער גענעראַל-סעקרעטאַר פאַר מיליטערישע ענינים, באַשטעטיגט, אַז די פּאָגראָמען האָבן זיך זעהר שטאַרק פאַרשפּרייט און אַז די מיטלען, וואָס מען האָט קענן זיי אָנגענומען, זיינען ניט גענוג. ער האָט זיך מיט מיטגעפיל באַצויגן צום געדאַנק — אויסצוטיילן די יידישע סאָלדאַטן אין באַזונדערע מיליטערישע טיילן אויף צו קעמפן מיט פּאָגראָמען — און האָט אויך ערקלערט, אַז דער סעקרעטאַריאַט וועט אָננעמען די שטרענגסטע מיטלען קעגן די פּאָגראָמען, און אין די ערטער, וואו די פּאָגראָם-סכּנה איז גרעסער, וועט ער שיקן זיכערע מיליטער-טיילן, אויף וועלכע מ'וועט זיך קענען פאַרלאָזן".

ארכיוו פון רעדאַקציע, מאַטעריאַלן פון 1918–1917, קאָפּיע פון דער ערשטער אָנפראַגע אין ראַדע, צוגעשטעלט פון י. שעכטמאַן.

דער אדעסער וואָכנבלאַט „יעווּרעיסקאַיאַ מיסל“ בּרענגט אויספירליכער פּעטליורעס ענטפער: „די פּאָגראָמען, — האָט געזאָגט פּעטליורע, — קומען פאָר אינם ראַיאָן בּיים פראָנט, וואו ס'איז זעהר אַ פולע פאַרשיידענע רעזערוו-טיילן פונם מיליטער. אָטאָ די טיילן מאַכן עס די פּאָגראָמען. אין פראָנט-רוקן איז די צאָל פון די דאָזיגע רעזערוו-טיילן זעהר גרויס, פיל מער, ווי דער פראָנט באַדערט עס. בּאַפרייען דעם פראָנט-רוקן פון אָט די רעזערוו-טיילן, האָט געקענט בּלויז איצט, איז אוממעגליך געוועזן צוליב ביוראָקראַטישע שטערונגען. די דאָזיגע רעפאָרם וועט אָבער אינגיכן דורכגעפירט ווערן. דער סעקרעטאַר וועט אויך האָבן גענוג מיליטערישע כחות, מיט וועלכער ער וועט ביכולת זיין צו קעמפן מיט דער אַנאַרכיע. פּעטליורע געפינט אויך, אַז עס וועלן ניט זיין קיין שום מניעות, ס'זאָלן געבילדעט ווערן יידישע דרושינעס“.

„יעווּרעיסקאַיאַ מיסל“ 3 №, 1918.

VI

## די צווייטע יידישע אָנפראַגע וועגן פּאָגראָמען.

דעם 19-טן דעצעמבער 1917 האָט נ. סירקין אַריינגעטראָגן אין נאָמען פון דער ציוניסטישער פראַקציע אַן אָנפראַגע וועגן פּאָגראָמען:

„מיט גרויס לייד מוז איך בּאַמערקן, אַז דער גענעראַל-סעקרעטאַריאַט פאַרנעמט זיך שוין איצט נישט מיט אַזאַ אויפמערקזאַמקייט און ענערגיע מיטן איינשטילן די פּאָגראָמען, ווי פריער. ס'ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק, אַז פּאָגראָמען זיינען אוממפאַרמיידליך. דאָס גאַנצע אוקראַינישע חיל איז איצט פאַרנומען נאָר מיט די בּאָלשעוויקעס. מען היט אָפּ די גרעניצן פון אוקראַינע. דאָס לאַנד אַליין, בּאַזונדערס די יידישע בּאַפעלקערונג, איז אָבער פאַרפלייצט מיט רויב און גזלה. קיין שום ערליכע רעגירונג קען נישט צולאָזן, אַז פרידליכע איינוואוינער זאָלן ווערן קרבּנות פון רויב, און דער גענעראַל-סעקרעטאַריאַט מוז אָננעמען ענערגישע מיטלען. אויב ניט, וועט זיך אין דעם מוזן אַריינמישן דער אוקראַינישער פּאַרלאַמענט, ווייל די פּאָגראָמען זיינען אַ גרויסע סכנה פאַר גאַנץ אוקראַינע. די אוקראַינישע רעפּובּליק האַלט זיך נאָר מיט דעם צוטרוי פון די פאָלקס-מאַסן. וועלן אָבער די רויבערייען און פּאָגראָמען ווייטער דויערן, וועט די יונגע אוקראַינישע רעפּובּליק און איר רעגירונג פאַרלירן דעם גאַנצן צוטרוי פון פאָלק.

איך פאָדער: 1) אויסצוטיילן פון אַלע מיליטער-טיילן אַ בּאַשטימטן פראָצענט חיל, וואָס זאָל האָבן נאָר איין אויפגאַבּע — שיצן די בּאַפעלקערונג פון רויב און גזלה. 2) אין די יידישע שטעט און שטעטלאַך פאַרשטאַרקן די גאַרניזאָנען און בּאַזאָרגן זיי מיט מער חיל, ווי ביז איצט“.

ה׳ ווינטשענקאָ ענטפערט:

„איך בין זעהר גערירט פונם חבר סירקין. מיר האָבן זיך און וועלן זיך נישט באַפרידיגן מיט דעם געדאַנק, אַז מען קאָן גאָרנישט העלפן. די צייט איז אַ שווערע, נאָר אַלע מיטלען וועלן מיר אָנווענדן, כדי צו שיצן דאָס לאַנד און די יידישע באַפעלקערונג. די ערשטע פאָדערונג פון ח׳ סירקין איז שוין אָנגענומען געוואָרן, די צווייטע וועל איך איבערגעבן אין גענעראַל־סעקרעטאַריאַט. יעדנפאַלס וועלן ווערן אָנגענומען אַלע מיטלען אָפּצוהיטן פון פּאָגראָמען“.

„דער טעלעגראַף“, 27 №, פונם 22־טן דעצעמבער 1917.

אין דער טעגליכער רוסישער צייטונג „קיעווסקאַיאַ מיסל“ ווערט אויך געבראַכט דער ערשטער טייל פון נ. סירקינס אָנפראַגע:

„די פּאָגראָם־כוואַליע אין אוקראַינע ווערט ניט נאָר ניט קלענער, נאָר האַלט אין איין וואַקסן, און פּאָגראָמען קומען פאָר יעדן טאָג ניט אין די צענדליגער, נאָר אין די הונדערטער. אום צו באַקעמפן זיי זיינען שוין ניט גענוג באַזונדערע, צופעליגע פאַראָרדנונגען און מיטלען. מען מוז אָננעמען אַלגעמיינע מיטלען, ס׳איז נויטיג אַ פּלאַנמעסיגער און ענערגישער קאַמף מיט די פּאָגראָמען.

עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז די לעצטע צייט, צום באַדויערן, געפינען שוין ניט מער די ווי־געשרייען פון די קרבנות דעם פריערדיגן אָפּקלאַנג ביים גענעראַל־סעקרעטאַר, — אַזוי ווי ער האָלט זיך פּאַטאַליסטיש צוגעוואוינט צו זיי. איך בין ניט מסופק אין די גוטע כוונות פונם גענעראַל־סעקרעטאַריאַט, נאָר זייענדיג פאַרנומען מיט פאַרטיידינן די גרעניצן פון אוקראַינע ביי באַכמאַטש און זשמערינקע, הויבט אָן דער גענעראַל־סעקרעטאַריאַט פּאַטאַליסטיש באַציהן זיך צו דער וואַקסנדיגער פּאָגראָם־כוואַליע.

פאַרטיידיגן די גרעניצן פון דער רעפּובליק איז, פאַרשטייט זיך, נויטיג; מ׳טאָר אָבער דערביי ניט פאַרגעסן, אַז די אוקראַינישע רעפּובליק איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק דער פאַרהעלטניסמעסיגער אָרדנונג און רוהיגקייט, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אויף דער טעריטאָריע פון אוקראַינע. אויב אָבער איבערן לאַנד וועט זיך פונאַנדערשפּרייטן די אַנאַרכיע, וועט דעמאָלט ניט זיין צוליב וואָס די גרעניצן צו פאַרטיידיגן.

בכדי ווי געהעריג איז צו קעמפן מיט די פּאָגראָמען איז נויטיג, אַז פון יעדן מיליטער־טייל זאָלן אויסגעטיילט ווערן באַזונדערע קאָמאַנדעס, וועלכע דאַרפן בילדן „אָטריאַדן“ מיט דער אויפגאַבע צו באַשיצן די באַפעלקערונג אויף די ערטער“.

ה. ווינטשענקאָס ענטפער איז, לויט דער צייטונג, געווען אַזאַ:

„דער גענעראַל־סעקרעטאַריאַט האָט, פאַרשטייט זיך, באין אופן ניט געפועלט ביי זיך צו בלייבן פּאַסיוו בנוגע אָט דער שרייענדיגער ערשיינונג — די פּאָגראָמען. מיר הערן אויס די דאָזיגע ידיעות מיט גרויס פאַרלעגנהייט. אָבער—ניט אין איטליכן פאַל איז מעגליך עפּעס צו מאַכן. ס׳הערן, צום באַדויערן, באַגאַנגען נאָך גרעסערע פּאָגראָמען, און אויב אין אוקראַינע וועלן קומען די באָלשעוויקעס וועט פאָרקומען אַן אַל־

געמיינער פּאָגראָם. דערמיט ערקלערט זיך די סבה, וואָס ס׳איז אוממעגליך אָנצונעמען ענערגישע מיטלען. פון די ערטער ווערן פאַרנומען די סאַמע נעזונטסטע עלעמענטן און ווערן אָפּגעשיקט אויף דעם אוקראַיניש־רוסישן פראָנט, כדי צו פאַרטיידינן אוקראַינע. דער נענעראַל־סעקרעטאַריאַט נעמט דאָך אָן אַלע מיטלען, כדי בילדן ספּעציעלע מיליטער־טיילן צו באַקעמפן די פּאָגראָמען. דאָס איז ניט גלאַט אַ תירוץ, דאָס איז שוין אַן באַשטימטער באַשלוס פונם סעקרעטאַריאַט״.

די אָנפראַגע וועגן פּאָגראָמען איז אויך נעווען אונטערשטיצט פונם פאָרשטייער פון „בונד״, א. זאָלאָטאַריאוו.

אַרכיוו פון רעדאַקציע, מאַטעריאַלן פאַר די יאָרן 1917–1918, קאָפּיע פון דער צווייטער אָנפראַגע, ווי זי איז נעווען אָפּגעדרוקט אין „קיעווסקאַיאַ מיסל״ פון דעם 22־טן–21־טן דעצעמבער 1917.

---

VII

## אויפרוף קעגן פּאָגראָמען.

### (אויסצוג).

„פון פאַרשיידענע ערטער פון אוקראַינע קומען אָן טרויעריגע ידיעות, אַז אַ חוץ די געוואוינלעכע רויבעריייען, שרפות א. א. וו. באַמערקט זיך אַ פּאַרזוך צו מאַכן יידישע פּאָגראָמען און צו רויבן יידיש גוטס. פאַרברעכערישע אַגיטאַטאָרן פּרובן זיך, אויסנוצנדיג די פינסטערקייט פון דער פאָלקס־מאַסע, פונאַנדערצובלאָזן די געפילן פון נאַציאָנאַלן האַס... אַלע באַוואוסטזיניגע אוקראַינער דאַרפן מיט דער גאַנצער ענערגיע מיטהעלפן דעם גענעראַל־סעקרעטאַריאַט און דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע אין זייער קאַמף מיט אָט דער קללה, וואָס איז געבליבן אַלס אַ ירושה פונם צאַרישן רעזשים...

„...אונז האָט מען אונטערדריקט, אָבער מיר האָבן קיינעם ניט אונטערדריקן. יעדער אוקראַינער דאַרף געדענקען, אַז אונזער פרייהייט איז נאָך ניט פעסט, מיר נויטיגן זיך אין מאַטעריעלע און גייסטיגע קרעפטן. אויב מיר וועלן דערלאָזן די אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלן האַס און יידישע פּאָגראָמען, וועלן מיר מיט דעם אָפּשטויסן פון זיך אַ גאַנץ פאָלק, מיר וועלן נעמען אַ שוואַרצן פלעק אויף אונזער געוויסן, און די גאַנצע וועלט וועט אונז האַלטן פאַר אַ פאָלק, וואָס איז ניט ווערט צו זיין פריי.

גענ.־סעקרעטאַריאַט פאַר די ענינים פון
נאַציאָנאַלע מינדערהייטן—א. שולגין״.

ציט. לויט „נייע צייט״, פונם 20־טן אָקטאָבער 1917.

---

## VIII

## צירקולאר קעגן פאָגראָם־אַגיטאַציע.

באַקומען אינם יידישן וויצע-סעקר.
דעם 27-טן אָקטאָבער 1917.
№ 32
(איבערז. פון אוקראַיניש).

ג ע נ ע ר אַ ל - ס ע ק ר ע ט אַ ר י אַ ט
פ ו ן א ו ק ר אַ י נ ע.
גענ.-סעקרעטאַריאַט פאַר אינערליכע ענינים.
אַדמיניסטראַטיוו-פּאָליטישע אָפּטיילונג.
№ 1679
20-טן אָקטאָבער 1917, קיעוו.

דרינגענדער צירקולאַר.

צ ו ד י ג ו ב ע ר נ י אַ ל ע א ו ן פּ אָ וו י ט אָ ו ו ע ק אָ מ י ס אַ ר ן.

די לעצטע צייט דערגייען צום סעקרעטאַריאַט פאַר אינערליכע ענינים ידיעות וועגן דעם, אַז פינסטערע עלעמענטן פירן אַן אַגיטאַציע צווישן המון, באַזונדערס אין די מאַרק-טעג, אין ירידים-טעג, אויף די ירידים און אין אַנדערע ערטער, וואו ס׳נעמט זיך צונויף אַן עולם. דערביי זיינען געווען פאַלן, אַז די דאָזיגע אַגיטאַציע האָט זיך פאַר-ענדיגט מיט ראַבעווען קלייטן, פּריוואַטע הייזער, קעלערס א. א. וו.

די אָרגאַנען פון דער אָרטיגער מאַכט — די גובערניאַלע און פּאָוויטאָווע קאָ-מיסאַרן ווערן באַאויפטראַגט צו פאַראָרדנען, אַז אין די מאַרק-טעג און יום-טובים, ווי אויך אין די טעג פון ירידים זאָלן די וואַך-אָפּטיילונגען פון מיליציע, — די פוסגייער און וואָס אויף פערד, — פאַרשטאַרקט ווערן און ס׳זאָלן אַרויסגערופן ווערן נאָך ספּעציעלע מיליטער-פּאַטרולן. די שעפן פון מיליציע, וואָס האָבן אין זייער רשות די שטאָטישע און קרייז-מיליציע, זיינען מחויב אָננעמען אַלע מיטלען און אפילו געברויכן געווער, כדי ניט צו דערלאָזן די אָרדנונג און רוה פון דער באַפעלקערונג זאָל געשטערט ווערן.

פּערזאָנען, וואָס וועלן פירן אַ פּאָגראָם-אַגיטאַציע, דאַרפן פאַרהאַלטן און איבער-געגעבן ווערן אין רשות פון געריכט.

גענ.-סעקרעטאַר פאַר אינערליכע ענינים,
וו. ווינישענקאָ.

אַדרעסירט דעם געהילף פון גענ.-
סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים.
24-טן אָקטאָבער 1917.

א ר כ י וו פ ו ן י י ד י ש ן מ י נ י ס ט ע ר י ו ם, 1918–1917.

## IX

### פעטליורעס אויפרוף קעגן פּאָגראָמען.

„איך, אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר איבער די מיליטער־ענינים פון דער אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובּליק, רוף אייך אַלעמען, מיינע חברים און פריינט, אין דער דאָזיגער צייט צו אַלגעמיינער איינשטימיגער אַרבעט. זייט אָרגאַניזירט און פאַראייניגט אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלעמען. אונזער מיליטער איז יונג, עס שטעלט זיך ערשט אויף די פיס, און מיט אייער אָרדנונג וועט איר דערווייזן, אַז איר זייט וואוילע יורשים פון אונזערע גרויסע אורעלטערן. אַלע ווי איינער, שטעלט זיך אַרום דער צענטראַלער ראַדע און איר גענעראַל־סעקרעטאַריאַט. דערלאָזט ניט קיין פּאָגראָמען און אומאָרדנונגען, ווייל אויב איר וועט זיי דערלאָזן, וועט איר מיט שאַנד בּאַדעקן דעם העלדישן נאָמען פון דעם אוקראַינישן חיל. קיינע פּאָגראָמען אויף אונזער ערד דאַרפן ניט זיין. איך האָב שוין אַרויסגערופן אוקראַינישע פאָלקן און דיוויזיעס, בכדי צו היטן די אָרדנונג אויף אוקראַינע. איך אוקראַיניזיר גלייכצייטיג פאַרשידענע טיילן אין „טיל“: רעזערוו־פאָלקן פון „פיעכאָטע“ און קאַוואַלעריע, אַרטילערישע דרוזשינעס, סאַפּיאָרן און אַנדערע בּאַטאַליאָנען, כדי צו האָבן מער איינענע טיילן. דאָס מיליטער וועט זיין איינגעטיילט איבער גאַנץ אוקראַינע, אויף אַלע אייזענבאַן־ליניעס און וועגן, כדי צו מאַכן אַ סוף מיט די אומאָרדנונגען און פּאָגראָמען. ווייסט, אַז דאָס אַלעס טו איך לויט דער בּאַפולמעכטיגונג פון אונזער רעגירונג פון דער אוקראַינישער רעפּובּליק. איך בּין פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער צענטראַלער ראַדע, פאַר דעם גענעראַל־סעקרעטאַריאַט און פאַר דער גאַנצער בּאַפעלקערונג פאַר דער רוה אין אונזער געגנט, איך קען אָבער טראָגן די פאַראַנטוואָרטליכקייט נאָר דאַן, ווען איך וועל זיך אָנשפּאַרן אויף אייך, אוקראַינישע סאָלדאַטן.

ס. פּעטליורע“.

„דער טעלעגראַף“, № 1, פונם 15־טן נאָוועמבער 1917.

---

## X

### אויפרוף פון יידישן גענעראַל־סעקרעטאַריאַט.

„צו דער יידישער בּאַפעלקערונג.

בּירנער יידן!

אין דער לעצטער צייט האָט זיך איבער אַ סך יידישע שטעט און שטעטלאַך דורכגעטראָגן דער ווילדער שטורם פון פּאָגראָמען אין האָט געלאָזן נאָך זיך תורבּונות.

מען קאָן מיינען, אַז ס׳קומען אָן די אַלטע צייטן, ווען איבער אונזער קאָפּ איז געהאַנגען דער שווערד פון ניקאָלאַיען, ווען מיר אַלע, אונזער לעבן און אונזער גוטס זיינען מיט אַן אמת געווען מפקר.

מען באַדאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז גאַנץ רוסלאַנד לעבט איצט איבער די שרעקליכסטע צייטן, אַז אין דעם לעבן פון אַלע פעלקער איז אָנגעקומען אַ גרויסע צערודערונג, וואָס ברענגט מיט זיך צרות און חורבונות. די מלחמה, וואָס שנייט אויף רעכטס און אויף לינקס; דער יקרות, וואָס קומט מיט הונגער-שרעק, די ספעקולאַציע, וואָס מאַכט נאָך גרעסער די גרויסע נויטן פון די אָרעמע, — דאָס אַלץ ברענגט צו שטאַרקע אויסברוכן פון אָנפאַלן, ראַבירן, צו אַנאַרכיע און פאָגראָמען בכלל.

ביי אַזאַ תוהו ובוהו אין לאַנד, בשעת די באַפעלקערונג איז אַזוי אויפגערייצט און צורודערט, איז קיין חדוש ניט, וואָס די בייזע האַנט קאָן אָנווייזן אויף יידישע קליישן און יידישע הייזער, — און עס ברעכן אויס די ספּעציעל יידישע פאָגראָמען. יידן לעבן דערווייל אין שטענדיגן פחד פאַר פאָגראָמען, און דאָס אַליין איז די גרעסטע קללה.

אין אמתן אָבער האָט איצט אין די גובערניעס פון אוקראַינע דאָס שטענדיגע מורא האָבן פאַר פאָגראָמען וויינינער גרונט, ווי ערגעץ אַנדערש. אין אַלע גובערניעס פון אוקראַינע איז די גאַנצע מלוכה-מאַכט אַריבער צו דער אוקראַינישער צענטראַלער ראַדע מיט איר אייגענער אויספיר-מאַכט, דעם גענעראַל-סעקרעטאַריאַט. און אויב אין אַלע איבעריגע קאַנטן פון רוסלאַנד איז אין דעם מאָמענט קיין פעסטע מלוכה-מאַכט ניטאָ און עס ווערט איבער דעם אין פיל ערטער ניט ווייניג בלוט פאַרגאָסן, איז אין אוקראַינע די מאַכט אַ פעסטע און שטאַרקע. און די מאַכט שטרעבט דאָ מיט אַלע כחות צו באַוואָרענען און צו זיכערן די אָרדנונג און רוהיגקייט פאַר אַלע פעלקער, וואָס וואוינען אין אוקראַינע. דער גענעראַל-סעקרעטאַריאַט האָט פעסט באַשלאָסן ניט צו דערלאָזן קיין שום אומרוהען, קיין שום אומאָרדנונגען אויף דער אוקראַינער טעריטאָריע. און ער האָט אויך אָנגענומען אַלע מיטלען דערצו, אַז קיין יידישע פאָגראָמען זאָלן אין אוקראַינע ניט פאָרקומען, און אויב ערגעץ וואו וועלן פאָגראָמען אויסברעכן, זאָלן זיי באַלד ענערגיש דערשטיקט ווערן.

איר דאַרפט אויך ניט פאַרגעסן, בירגער יידן, אַז אין דעם אוקראַינער גענעראַל-סעקרעטאַריאַט גייט אַריין אויך אַ י י ד י ש ע ר גענעראַל-סעקרעטאַר, וואָס צו אים זיינען שייך אַלע יידישע ענינים. און דער יידישער גענעראַל-סעקרעטאַר שטייט אויף דער וואַך צו באַשיצן אַלע אינטערעסן פון דעם יידישן פאָלק אין גאַנץ אוקראַינע. דער אָרטיגער מאַכט איז אומעטום אין גאַנץ אוקראַינע אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל פונם גענעראַל-סעקרעטאַריאַט צו קיין פאָגראָמען אויף קיין פאַל ניט דערלאָזן. און ווען איר זעהט קלאָר, אַז עס גרייט זיך אַ יידישער פאָגראָם, דאַן ווענדעט זיך צו דער אָרטיגער מאַכט און פאָדערט, אַז ס׳זאָלן תיכּף אָנגענומען ווערן די נויטיגע מיטלען. און ווען איר געפינט דאָס פאַר נויטיג, קאָנט איר וועגן דעם אויך מודיע זיין מיר, דעם גענעראַל-סעקרעטאַר איבער יידישע ענינים, און דאַן וועט טוין דער גענ.-סעקרעטאַריאַט זעהן,

אַז אייערע גערעכטע פאָדערונגען זאָלן ווי געהעריג דורכגעפירט ווערן: ס'זאָל צו קיין פּאָגראָם ניט קומען, אָדער ער זאָל אין דער התחלה דערשטיקט ווערן.

נאָר ניט פאַרלירן מוט, בירגער-יידן! דער גענעראַל-סעקרעטאַריאַט פון אוקראַיִנע טוט אַליך, וואָס נויטיג, צו באַשיצן אייער לעבן און צו פאַרהיטן אייער האָב און גוטס.

גענעראַל-סעקרעטאַר פאַר יידישע ענינים
ד"ר מ. זילבערפאַרב".

אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום, 1918–1917.

---

XI

פּראָטעסטן פון יידישע סאָלדאַטן קעגן פּאָגראָמען.

(פונם אַרכיוו פון „יידישן מיליטער-פאַרבאַנד").

(איבערז. פון רוסיש).

1.

פאָרשטייער פון די יידישע סאָלדאַטן פון דער 10-טער פוסגייער-דיוויזיע וועגן פּאָגראָמען.

(פּראָטאָקאָל פון דער פאַרזאַמלונג דעם 9-טן אָקטאָבער 1917).

„צו דער פאַרזאַמלונג זיינען געקומען 18 דעלעגאַטן פון אַלע טיילן דיוויזיע. פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג איז ח' שטערן, סעקרעטאַר — ח' לייבין.

די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן די עקסצעסן, וואָס קומען פאָר — אין דער פאָרם פון פּאָגראָמען און רויבערייען הויפּטזאַכליך קעגן יידן, — און האָט אָנגענומען פאָלגנדיגע רעזאָלוציע:

„יעדער טאָג ברענגט אונז ידיעות וועגן פילע נייע אומשולדיגע קרבנות פונם יידישן פאָלק. יעדן טאָג לייענען מיר מיט ווייטאָג און טרערן וועגן די אכזריותן, וואָס פינסטערע, אומפאַראַנטוואָרטליכע און צומאָל אויך אָרגאַניזירטע כחות באַגייען קעגן דעם יידישן פאָלק. די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע, וואָס האָט פּראָקלאַמירט פאַרן לאַנד און פאַר אַלע זיינע פעלקער דעם אויפגאַנג פון אמתער פרייהייט, איז, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, ניט בכח אָפּצושטעלן די שעדליכע אַגיטאַציע און אירע רעזולטאַטן פאַר יידן.

טייכן אומשולדיג בלוט שרייען אָהן אויפהער וועגן גערעכטיקייט און יושר. מיר, יידן-סאָלדאַטן, וואָס געפינען זיך אויפן פראָנט, קאָנען ניט רוהיג צוזעהען די רשעות פון ווילן און געדאַנק, וואָס ווערט באַגאַנגען. אַלס געטרייע זין פון דער רעוואָ-

לוציאָנערער אַרמיי, וואָס האָבן אין דער רעוואָלוציע געשעפּט נייע כחות און האָפֿ־נונגען, קוקן מיר מיט שרעק אויף דער היינטיגער לאַגע און אויפן עתיד. אַלס פאַרטרע־טער פון די יידן־סאָלדאַטן אין דער 10־טער פוסגייער־דיוויזיע, באַאומרוהיגטע און אויפ־געבראַכטע, הויבן מיר אויף אונזער שאַרפן פּראָטעסט קעגן די גוואַלדטאַטן און אכזריותן, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן אונזערע משפחות און די משפחות פון אונזערע קרובים, קעגן די בלבולים, וואָס מען טראַכט אויס אויף אונזערע ברידער. מיר ווענדן זיך מיט דער בקשה צו דער גאַנצער רוסישער דעמאָקראַטיע, צו די באַוואוסטזיניגע מאַסן פונם רוסישן פאָלק, זיי זאָלן מיט אַלע מיטלען קעמפן קעגן דער זינלאָזער העצעריי.

מיר פאָדערן, אַז אומעטום זאָלן די אָרטיגע באַטהאָבער און געווײלטע אָרגאַ־ניזאַציעס שטערן מיט אַלע מיטלען די אַנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען. מיר פאָדערן, ס'זאָלן אָנגענומען ווערן ענערגישע מיטלען, בכדי די יידישע סאָלדאַטן, טרייע אָנהענגער פון פרייהייט און רעוואָלוציע, זאָלן רוהיג קענען ערפילן זייער חוב. אַרויסגייענדיג דערפון, אַז נאָר געמיינזאַמע אָנשטרענגונג פון דער פאַראייניגטער דעמאָקראַטיע קאָן שאַפן דעם באָדן פאַר אַ זיכערער עקזיסטענץ פון די פעלקער, וואָס וואוינען אין רוס־לאַנד, ווענדן מיר זיך צו אַלע אונזערע חברים־סאָלדאַטן, צו די ראַטן פון די פאָלקן, ראַטעס און קאָמאַנדעס, זיי זאָלן שטיצן אונזער גערעכטן פּראָטעסט און פאָדערונג".

די פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן: „זיך משתדל זיין פאַרן דיוויזיע־קאָמיטעט, ער זאָל ערלויבן צו קאָמאַנדירן 2 דעלעגאַטן פ.ן דער דיוויזיע אין די שטעט פון רוסלאַנד, בכדי אויף די ערטער צו באַקאָנען זיך מיט דעם. וועלכע מיטלען ווערן אָנ־גענומען צו אָרגאַניזירן די שוץ פון דער יידישער באַפעלקערונג".

פאָרזיצער (חתימה).
סעקרעטאַר (חתימה).

---

2.

## רעוואָלוציע פון יידן־סאָלדאַטן פונם 5־טן סיבירער אַרמיי־קאָרפּוס.

„די ידיעות וועגן די פּאָגראָמען קעגן יידן קומען אַלץ אָפטער און אָפטער צו אונז אין די טראַנשייעס און פאַרשאַפן אונז גרוים ווייטאָג. מיר זיינען אין פחד פאַרן לעבן פון אונזערע קרובים און אייגענע, וואָס מיר האָבן געלאָזט אין דערהיים, און קאָנען ניט דעריבער רוהיג ערפילן אונזער מיליטערישן חוב.

דער קאָרפּוס־קאָמיטעט פון דער יידישער אָרגאַניזאַציע ביים 5־טן סיבירער אַרמיי־קאָרפּוס ערקלערט, אַז צוזאַמען מיט די יידן פון אַנדערע מיליטער־טיילן וועט ער אַנט־שלאָסן און ענערגיש קעמפן מיט דער נידערטרעכטיגער, פאַרברעכערישער באַנדע, וואָס

באַקומט אַלץ מער חוצפה און הויבט אויף איר האַנט אויפן לעבן און אויף דער פרייהייט פון יידן.

מיר רופן אויך די רוסלענדישע דעמאָקראַטיע צו אַן אומבּרחמנותדיגן קאַמף מיט דער „שוואַרץ־מאה“. ס'איז שוין צייט מאַכן אַ סוף צו די גוואַלדטאַטן און אכזריותן, וואָס זיינען אַ שאַנד פאַרן פרייען לאַנד. גענוג פאַרגיסן אומשולדיג בלוט!“.

פאָרזיצער (חתימה).
סעקרעטאַר (חתימה).

(שטעמפל).

---

3.

## רעזאָלוציע.

„אויף דער פאַרזאַמלונג פון 14־טן נאָוועמבּער האָבּן מיר, יידן פון 224־טן יוכנאָווער פוסגייער־פאָלק, באַשלאָסן שאַרף צו פּראָטעסטירן קעגן די פּרובּן פונם פינסטערן המון צו מאַכן פּאָגראָמען. מיר געפינען פאַר נויטיג באַמערקן, אַז בעת מיר פאַרגיסן אונזער בלוט דאָ אויפן פראָנט, מוזן מיר זיין רוהיג און ניט זיין אין איין ציטערניש פאַרן גורל פון אונזערע נאָהענטע ברידער און שוועסטער... מיר בעטן דעם צענטראַל קאָמיטעט אין קיעוו צו פאַרעפנטליכן אונזער פּראָטעסט“.

די פראָנט־אַרמיי, דעם 14־טן נאָוועמבּער 1917.

פאָרזיצער פונם יידישן קאָמיטעט ביים 224־טן פוסגייער־פאָלק.

סעקרעטאַר (חתימה).
מיטגליד (חתימה).

---

XII

## אַלגעמיינע רוסישע אַרמיי־אָרגאַניזאַציעס קעגן פּאָגראָמען.

### פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג, וואָס דער קאָמיטעט פון 10־ער פוסגייער־דיוויזיע האָט אָפּגעהאַלטן דעם 14־טן אָקטאָבּער 1917.

(אויסצוג).

„אויסהערנדיג דעם באַשלוס פון די יידן־סאָלדאַטן אין דער 10־טער פוסגייער־דיוויזיע און דעם באַשלוס פונם קאָמיטעט פון 38־טן טאָבּאָלסקער פאָלק וועגן די פּאָגראָמען, וועלכע קומען פאָר אינם פראָנט־רוקן, ערקלערט דער דיוויזיע־קאָמיטעט,

אַז ער שליסט זיך אָן אָן דער רעזאָלוציע פונם טאָבאָלסקער קאָמיטעט. די לעצטע צייט באַמערקט זיך, אַז די מאַסן-פּאָגראָמען, וועלכע ס׳באַגייען אומפאַראַנטוואָרטליכע פאַרשווינען, ווערן אַלץ אָפטער און זיינען געווענדעט הויפטזאַכליך קעגן יידן. דעריבער דריקט אויס דער דיוויזיע-קאָמיטעט זיין שאַרפן פראָטעסט קעגן די דאָזיגע שענדליכע מעשים און פאָדערט, אַז ס׳זאָלן אָנגענומען ווערן די סאַמע ענערגישסטע מיטלען, כדי ניט דערלאָזן און אָפּשטעלן אַזעלכע ערשיינונגען.

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן באַפרידיגן די השתדלות פון די יידישע סאָלדאַטן פון דער 10-טער פוסגייער-דיוויזיע וועגן דעם, מען זאָל זיי ערלויבן צו שיקן אין די שטעט 2 דעלעגאַטן, בכדי זיי זאָלן זיך באַקאָנען מיט דער לאַגע אויף די ערטער און זעהן, וועלכע מיטלען מען נעמט אָן צו אָרגאַניזירן די זיכערקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג״.

פּאָרזיצער (חתימה).

סעקרעטאַר (חתימה).

פונם אַרכיוו פון „יידישן מיליטער-פאַרבאַנד״, קיעוו.

## III. זעלבסטשוץ און יידישע מיליטער־טיילן. אוקראיניזאַציע פון דער ארמיי און יידישע סאָלדאַטן.

### I

### אַ פּראָיעקט וועגן יידישע באַוואָפנטע טיילן.

וויצע־סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים.

באַקומען 9־טן אָקטאָבר 1917.

№ 6

(איבערז. פון רוסיש).

קיעוו, 9־טן אָקטאָבר 1917.

„צו די פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ראַדע.

די אָפטע אומרוהען, וועלכע קומען די לעצטע צייט פאָר אין אַלע טיילן רוסלאַנד, נעמען אַלץ מער אָן אַן אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער. ניט אָפּשטעלנדיג זיך אויף די סבות, וועלכע האָבן אַרויסגערופן די טרויעריגע געשעהענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין בענדער, טיראַספּאָל, אָסטראָה, כאַרקאָוו א. א. וו., גיב איך פאַר מיין חוב אַלס ייד, וועמען ס'איז טייער אַלץ, וואָס איז נוגע דעם יידישן פאָלק, און אַלס אָפיצער — פאָרצולייגן די יידישע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס פאָלגנדיגן פּראָיעקט, ווי צו אָרגאַניזירן די זעלבסטשוץ פון דער יידישער באַפעלקערונג און די באַשיצונג פון איר האָב און גוטס.

איך שטיי אויפן שטאַנדפּונקט, אַז כל זמן ס'וועט ניט צוריק אויפגעשטעלט ווערן די דיסציפּלין און די מאַכט פון דער רוסלענדישער אַרמיי און ביז ס'וועט ניט רעאָרגאַניזירט ווערן די מיליציע, וועט די יידישע באַפעלקערונג, בעת די עקסצעסן מצד דעם המון, ניט האָבן דעם געזעצליכן שוץ, אויף וועלכן זי האָט דאָס רעכט, און וועט דעריבער זיין אָנגעוויזן אויף זיך אַליין. דאָס באַווייזן אין אַ געוויסער מאָס די לעצטע געשעהענישן און דער פאַקט, וואָס איז געווען פאַררעגיסטרירט פון אַלע צייטונגען, אַז אין די שטעט, וואו ס'זיינען פאָרגעקומען אומרוהען, איז די מיליציע מייסטנטייל ניט געווען

בכח אײנצוהאַלטן דעם צעבושעװעטן המון, און דאָס מיליטער האָט אָדער אַלײן גענומען אָנטײל אין די אומרוהען, אָדער ניט געװען בכח זײ אָפּצושטעלן.

מײן פּלאַן װי צו אָרגאַניזירן די זעלבסטשוץ איז פֿאָלגנדיגער:

אין אַלע שטעט און שטעטלאַך, וואו ס'זײנען פֿאַראַן צײטװײליגע אָדער שטענדיגע גאַרניזאָנען, דאַרפֿן די יידישע סאָלדאַטן און אָפֿיצערן, װעלכע געהערן צו די דאָזיגע גאַרניזאָנען, זיך אױסטײלן אין באַזונדערע גרופּעס, אונטער דער אָנפֿירונג פֿונם עלטסטן — לױטן ראַנג — יידן און זײן תמיד גרײט תיכף זיך אַרײנצומישן אין פֿאַל פֿון אומרוהען קעגן יידן. די דאָזיגע גרופּעס װערן, פֿאַרשטײט זיך, ניט באַפֿרײט פֿונם אַלגעמײנעם מיליטער-דינסט און פֿון די געװײנליכע מיליטער-התחיבות, און אין פֿאַל אױב דער גאַרניזאָן גײט אױפֿן פֿראָנט, דאַרפֿן זײ פֿאַרביטן װערן דורך אַנדערע אַזױנע גרופּעס פֿונם מיליטער, װאָס קומט אױפֿן אָרט פֿון דעם אַלטן גאַרניזאָן.

...לױט דער איניציאַטיװ פֿון די יידישע געזעלשאַפֿטלאַכע אָרגאַניזאַציעס און מיטן הסכם פֿון דער צײטװײליגער רעגירונג װאָלט מען געקאָנט תיכף צוטרעטן צו דער אָרגאַניזאַציע פֿון די דאָזיגע גרופּעס, געבנדיג װעגן דעם צו װיסן די גאַרניזאָן-קאָמאַנדירן. ס'װאָלט געװען זעהר נוצליך צו בעטן די דאָזיגע קאָמאַנדירן זײ זאָלן געבן צו פֿאַרשטײן די סאָלדאַטן, אַז עס איז קײן באַלײדיגונג ניט פֿאַר זײ דאָס, װאָס מען לײגט פֿאָר נאָר די יידישע סאָלדאַטן צו באַשיצן די יידישע באַפֿעלקערונג פֿונם המון, און אַז דאָס װערט אַזױ געמאַכט נאָר בכדי בעסער און ריכטיגער צו אָרגאַניזירן די שוץ פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג. דורך דעם, װאָס ס'װעלן עקזיסטירן יידישע גרופּעס, װעט דאָס איבעריגע מיליטער און די מיליציע, זעלבסטפֿאַרשטענדליך, ניט באַפֿרײט װערן פֿון זײער חוב צו באַשיצן דעם לעבן און פֿאַרמעגן פֿון די יידן. די יידישע גרופּעס קאָנען נאָר װערן דער צענטר פֿון דער שוץ-אַקציע.

די אָרגאַניזאַציע פֿון די דערמאָנטע גרופּעס װאָלט באַרוהיגט די יידישע באַפֿעלקערונג און װאָלט אָפּגעשראָקן דעם פֿחדנישן המון, װעלכער װאָלט ניט געװאַגט צו צולאָזן זײנע נידריגע געפֿילן, װי דאָס קומט פֿאָר איצט, װײל ער װאָלט געװאוסט, אַז הינטער דער יידישער באַפֿעלקערונג שטײען אָרגאַניזירטע גרופּעס פֿון סאָלדאַטן, װאָס זײנען גרײט זיך אַנטקעגנצושטעלן בײ דעם ערשטן רוף.

...מײן געװיסן פֿון אַ יידן און אַן אָפֿיצער זאָגט מיר אונטער, אַז עפּעס מוז געטאָן װערן.

פּאָרוטשיק (לײטענאַנט) י. ד. לאנדא״.

אַרכיװ פֿון יידישן מיניסטעריום, 1917–1918.

## II

### ערשטע קאָנפערענץ פון „יידישן מיליטער־פאַרבאַנד“ אין קיעוו *).

(די פראַגע וועגן פּאָגראָמען און זעלבסטשוץ).

זיצונג פונם 12-טן אָקטאָבר. פאָרזיצער י. טרומפּעלדאָר.

דאָס וואָרט באַקומט דער רעפערענט וועגן דער פּאָגראָם-באַוועגונג ה׳ ניר ענבערג:

„אין רוסלאַנד הערשט איצט דער המון, וואָס באַשטייט אויף 80 פּראָצענט פון „מערץ-סאָציאַליסטן“ — פון מענשן, וועלכע וואָלטן אפשר ביז דער מערץ-איבערקעריניש נאָנץ רוהיג באַנאַנגען רציחות איבער דער יידישער באַפעלקערונג. דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס וואַקסט איצט אַזוי שנעל, איז אַ פּסיכיאָז פונם המון און שטאַמט פון אַזעלכע ספערן, פון וועלכע מען האָט דאָס ניט געקאָנט ערוואַרטן. די מיטלען, וועלכע ווערן אין דער ריכטונג אָנגענומען דורך די אָרגאַנען פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, ברענגען ניט קיין שום ממשותדיגע רעזולטאַטן. די מאַכט איז מאַכטלאָז און קאָן ניט ערוב זיין פאַר דעם לעבן און די רעכט פון יידן. די רויטע גוואַרדיע גאַראַנטירט אויך ניט די זיכערע שוץ, ווייל דער אַנטיסעמיטיזם אַנטוויקלט זיך אויך אין דער רויטער גוואַרדיע. מען מוז רעאַגירן אויף די פאַרזוכן אָנצוגרייפן אונזער נאַציאָנאַלן כבוד. ס׳איז נויטיג אַ יידישע זעלבסטשוץ-אָרגאַניזאַציע אינם ברייטן מאַסשטאַב, אַ זעלבסטשוץ אַן אָרגאַניזירטע, וואָס זאָל אַרויסרופן אַן ערנסטע באַציהונג צו זיך. מ׳דאַרף זיך מאָביליזירן, כדי צו באַשיצן דעם נאַציאָנאַלן כבוד. די טעטיגקייט פון דער זעלבסטשוץ מוז מען קאָאָרדינירן מיט דער טעטיגקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. די איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן די יידישע זעלבסטשוץ מוזן נעמען אויף זיך די אָפּטיילונגען פונם „יידישן מיליטער-פאַרבאַנד“. מען דאַרף זיך ווענדן צו דער צייטווייליגער רעגירונג מיט אַ פּראָטעסט קעגן די פּאָגראָמען און אָנווייזן דערביי אויף דער נויטיגקייט פון יידישער זעלבסטשוץ.

ח׳ פּאָזנאַנסקי: דער נאַציאָנאַלער דיכטער, פרוג, זאָגט: „טראָפּנווייז די פרייד, בעכערווייז די לייד — דאָס איז אונזער לעבנס-גורל“. און אַזוי איז דאָס גאַנצע לעבן פונם יידישן פאָלק. מען קאָן גאָרניט פאַרגלייכן די פּאָגראָמען פון אַמאָל מיט די היינטיגע. פּאָגראָמען אין אַ צייט פון רעוואָלוציע — איז אַ גרויל, און די קריסטליכע באַפעלקערונג באַציהט זיך צו זיי גלייכגילטיג. די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע איז מאַכטלאָז. די הידרע פון קאָנטר-רעוואָלוציע הויבט אויף איר קאָפּ. ס׳איז נויטיג אַ לעגאַלער, שטאַרקער זעלבסטשוץ, וועלכע זאָל קאָנען ווי אַן אַרמיי זיך אַריבערוואַרפן פון איין אָרט אין אַן אַנדערן.

*) דאָס איז געווען די קאָנפערענץ פון די יידישע סאָלדאַטן פונם דרום-מערב-פראָנט; דאָס זעלבע אויך די צווייטע קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אויך אין קיעוו אין דעצעמבער (זעה ווייטער).

ה׳ ספעקטאָר: די סכּנה פון די פּאָגראָמען איז הויפּטזאַכליך די ערנערונגס־פראַגע. כאָטש בנוגע צו דער דאָזיגער פראַגע נעמט מען אָן די נויטיגע מיטלען, נאָר איינאָרדנען זי אינגאַנצן איז ניט מעגליך צוליב טעכנישע טעמים. פּאָגראָמען קומען אָבער אויך פאָר ווען דער המון שיכּורט זיך פּשוט אָן. מען מוז פאָדערן, אַז מע זאָל פאַרווערן פאַרקויפן בראַנפן, אויב ניט וועט זעהר שווער זיין צו קעמפן מיט פּאָגראָמען.

ה׳ טרומפּעלדאָר: די פּאָגראָם־שטימונג האָט נעלאָזן טיפע וואָרצלען אין דער קריסטליכער באַפעלקערונג. אפילו קינדער, אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אָנגעהערט פּאָגראָם־רעדעס פון זייערע עלטערן, פּרובן אָפטמאָל מאַכן אַ פּאָגראָם (אָנטיילנעמען אין פּאָגראָם). די טעטיגקייט פון דער יידישער זעלבסטשוץ דאַרף זיין אין פולן הסכּם מיט דער טעטיגקייט פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. מען דאַרף זיך ניט שרעקן און אָרגאַניזירן די יידישע זעלבסטשוץ. ס׳איז איצט גראָד אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע וועגן איבעראָרגאַניזירן די אַרמיי אויף טעריטאָריאַל־נאַציאָנאַלע יסודות. דער יידישער מיליטער־פאַרבאַנד דאַרף באַגריסן דעם דאָזיגן געדאַנק און מיט אַלע מיטלען מיטהעלפן, אַז די נאַציאָנאַלע אַרמיי זאָל פאַרשטאַרקט ווערן דורך פרייוויליגע עלעמענטן.

ה׳ גאָנאָל: די יידן קאָנען זיך פאַרלאָזן דערויף, אַז דער באַוואוסטזיניגער טייל פון דער אַרמיי וועט זיי זיכער העלפן אינם קאַמף מיט די פּאָגראָמען, נאָר פונדעסטוועגן מוזן זיך די יידן אָרגאַניזירן. מען טאָר ניט אַרויפוואַרפן אויף אַנדערע דעם שוץ פון אייגענעם פאָלק.

ה׳ שילמאַן: אַז דער המון וועט זיך אַנטוישן אין דער רעוואָלוציע, וועט ער דאַמאָלס ווערן די גרעסטע שטיצע פאַר דער קאָנטר־רעוואָלוציע, און אַלס ערשטע שוואַלב פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע וועלן קומען די פּאָגראָמען. ניט נאָר די יידן זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז פּאָגראָמען זאָלן ניט פאָרקומען, נאָר דאָס גאַנצע רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד, וועלכע האָט מורא פאַר דער קאָנטר־רעוואָלוציע, וויל זיי ניט דערלאָזן, און אויב די אָרגאַניזירטע יידישע באַפעלקערונג וועט אַרויסווייזן איניציאַטיווע אינם באַשיצן איר נאַציאָנאַלע ווערדע און אין קאַמף מיט דער קאָנטר־רעוואָלוציע, וועט זי געפינען די סאַמע ערנסטע שטיצע מצד די בעסערע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. די קאָנפערענץ מוז זיך ווענדן צו די אָרגאַנען פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע מיט אַ פאָרשלאַג וועגן אָרגאַניזירן קאַמף־דרושינעס, בכדי צו קעמפן ניט נאָר מיט פּאָגראָמען, נאָר אויך מיט יעטווידער אַרויסטרעטונג פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע.

ה׳ קישינעווסקי: מען האָט אונז געשלאָגן, מען שלאָגט אונז איצט און מען וועט אונז שלאָגן. אַזוי איז עס געווען און אַזוי וועט עס זיין, און העלפן דערצו איז זעהר שווער. קודם כּל דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אויף זיך אַליין. די יידישע זעלבסטשוץ איז נויטיג, זי מוז ווערן לעגאַליזירט און אַרבעטן אין הסכּם מיט דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. ספּעציעלע קרייז־קאָמיסיעס מוזן אָנפירן מיט דער אַרבעט פון דער זעלבסטשוץ אינם גאַנצן קרייז און שיקן זי אַהין, וואו ס׳וועט נויטיג זיין“.

ס'איז אָנגענומען געוואָרן וועגן דער פּאָגראָם־באַוועגונג פאָלגנדיגע רעזאָלוציע:
„נאָך דעם, ווי די קאָנפערענץ האָט אויסגעהערט דעם רעפעראַט און די דעבאַטן וועגן דער פּאָגראָם־באַוועגונג, באַשליסט זי צו שאַפן אַ יידישע זעלבסטשוץ אויף צו קעמפן מיט די פּאָגראָמען און ניט איבער אַ קאָמיסיע אויסצואַרבעטן ספּעציעלע תּקנות פאַר יידישער זעלבסטשוץ".

ארכיוו פון „יידישן מיליטער־פאַרבאַנד" (קיעוו).
פּראָטאָקאָלן פון דער ערשטער קאָנפערענץ,
אָקטאָבער 1917 (איבערז. פון רוסיש).

---

III

### די צווייטע קאָנפערענץ פון „יידישן מיליטער־פאַרבאנד" אין קיעוו.
### (דעצעמבער 1917–יאַנואר 1918).

1.

## רעזאָלוציע וועגן יידישע מיליטער־טיילן און זעלבסטשוץ.

אויף איינער פון די לעצטע זיצונגען פונם יידישן מיליטער־צוזאַמענפאָר איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיגע רעזאָלוציע וועגן יידישע פּאָגראָמען און די קאַמף־מיטלען קעגן זיי:
„איינזעהענדיג, אַז דאָס איינציגסטע מיטל צו קעמפן מיט דער אַלץ־שטייגנדיגער כוואַליע פון יידישע פּאָגראָמען איז אַ יידישע אָרגאַניזירטע מיליטער־מאַכט, געפינט די קאָנפערענץ פאַר נויטיג: 1) צו פאָרמירן יידישע „סוואָדני" (צונויפגעשטעלטע פון פאַרשיידענע טיילן) מיליטער־אָפּטיילונג צו קעמפן מיט די פּאָגראָמען, אויף אַזעלכע תּנאים, אַז די געהעריגע מאַכט זאָל געבן די יידישע מיליטער־לייט דאָס רעכט אויסצוטיילן זיך פון די אַלגעמיינע מיליטער־טיילן. 2) גלייכצייטיג געפינט די קאָנפערענץ פאַר נויטיג, אַז ס'זאָל עקזיסטירן אין די שטעט און שטעטלאַך אַ בירגערליכע זעלבסטשוץ פון זיכערע עלעמענטן. צוליב דעם דאַרפן געשאַפן ווערן ספּעציעלע אינסטרוקטאָרן פון די יידישע מיליטער־טיילן.
די יידישע „סוואָדני" מיליטער־טיילן, ווי אויך די זעלבסטשוץ אויף די ערטער דאַרפן אַרבעטן אין קאָנטאַקט מיט די רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס".

„דער טעלעגראַף", 7 №, פונם 8־טן יאַנואַר 1917.

---

2.

## פראָיעקט פון סטאַטוט וועגן מיליטער־טיילן („אָטריאַדן") פון יידישער זעלבסטשוץ אויף דער טעריטאָריע פון אוקראַינער פאָלקס־רעפּובליק.

(אָנגענומען אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פונם „יידישן מיליטער־פאַרבאַנד").

(איבערז. פון רוסיש).

### I. די צילן און דער כאַראַקטער פון די מיליטער־טיילן („אָטריאַדן").

1) שיצן די ווערדע, דעם כבוד, לעבן און פאַרמעגן פון דער ייד. באַפעלקערונג, פאַרטיידיגן זי פון אַנאַרכישע פּאָגראָם־אַרויסטרעטונגען, פון וועמעס צד ס'זאָל ניט זיין, אויף דער טעריטאָריע פון דער אוקראַינער פאָלקס־רעפּובליק.

2) די „אָטריאַדן" נעמען ניט קיין אָנטייל אין קיין שום פּאָליטישן און צווישן־נאַציאָנאַלן קאַמף, אויף וויפיל אָט דער קאַמף שטעלט ניט אין סכנה דעם לעבן און וואוילשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג.

3) די „אָטריאַדן" אַרבעטן תמיד אין הסכם מיט די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס.

### II. דער צוזאַמענשטעל פון די מיליטער־טיילן („אָטריאַדן").

די „אָטריאַדן" באַשטייען פון: א) אַ „קאַדר" און ב) אַ „רעזערוו". אין „קאַדר" גייען אַריין: דער קאָמאַנדיר פון „אָטריאַד", אַ פאַרוואַלטער מיט דער ווירטשאַפט, 2 דאָקטוירים, 13 אָפיצערן, אַ קאַנצעלאַריע־פירער, אַ געלט־פאַרוואַלטער און 1000סאָלדאַטן. דער „קאַדר" האָט פאָלגנדיגע פליכטן: אינעווייניגסטע מיליטער־דינסט לויט די באַשטימטע רעגעלן; זאָרגן וועגן פאַרמעגן פון „אָטריאַד"; פירן די ווירטשאַפטליכע אַרבעט פאַר די הצטרכות פונם „אָטריאַד"; לערנען דעם „רעזערוו" און אָנפירן מיט אים.

אין „קאַדר" גייען אַריין סאָלדאַטן, וועלכע טוען ניט פאַר אַקטיווער מלחמה־דינסט און וועלכע דינען אין פאַרשיידענע טיילן פון אַרמיי, וואָס געפינט זיך אויף דער טעריטאָריע פון דער אוקראַינער פאָלקס־רעפּובליק, הן ביים פראָנט און הן אין פראָנט־רוקן.

דער „רעזערוו" באַשטייט פון מענשן, וואָס געהערן ניט צום מיליטער, אינעלטער פון 18 ביז 45 יאָר, וועלכע טרעטן אַריין אין די „אָטריאַדן" פרייוויליג. די פּערזאָנען, וואָס טרעטן אַריין פרייוויליג אין רעזערוו, ווערן אַהין אָנגענומען לויט אַ רעקאָמענדאַציע פון פּאָליטישע פּאַרטייען און געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע נעמען אויף זיך די מאָראַלישע און מאַטעריעלע אחריות.

## III. די טעטיגקייט פון די מיליטער־טיילן („אָטריאַדן“).

די „אָטריאַדן“ ווערן פאָרמירט און פונאַנדערגעטיילט אין אַלע גובערניאַלע און אויעזד־שטעט פון דער אוקראַינער פאָלקס־רעפובליק און האָבן רעכט זיך פריי צו באַוועגן אינם גאַנצן אויעזד. די „אָטריאַדן“ טראָגן די נעמען פון די ערטער, וואו זיי ווערן צונויפגעשטעלט.

מיט דער העכערער מיליטערישער קאָמאַנדע שטייען די „אָטריאַדן“ אין דיזעלבע באַציהונגען, ווי אַלע אַנדערע טיילן פון מיליטער. ביי דער העכערער קאָמאַנדע אין די מיליטער־קרייזן, וועלכע גייען אַריין אין כּלל פון אוקראַינער פאָלקס־רעפובליק, דאַרפן, צוליב אַנגעלעגנהייטן פון יידישע זעלבסטשוץ־טיילן, זיין פאָרשטייער פונם צייטווייליגן צענטראַלן קאָמיטעט פונם אַלרוסלענדישן יידישן מיליטער־פאַרבאַנד.

די „אָטריאַדן“ ווערן איבערגעפירט פון איין אָרט אינם צווייטן לויטן הסכּם צווישן די דערמאָנטע פאָרשטייער און דער העכערער קאָמאַנדע. אין עקסטראַ פאַלן, ווען ס׳איז ניט מעגליך צו וואַרטן, קען דער „אָטריאַד“ אַריבערגעפירט ווערן לויט דער פאַראָרדנונג פונם קאָמאַנדיר פונם דאָזיגן „אָטריאַד“ און דעם פאָרשטייער פונם צייטווייליגן צענטראַל־קאָמיטעט פונם יידישן מיליטער־פאַרבאַנד, וואָס געפינט זיך ביים „אָטריאַד“. וועגן דעם מוז מען תּיכּף געבן צו וויסן דער העכערער מאַכט.

ביי איטליכן טייל פון „אָטריאַד“, וועלכער טרעט אַרויס, געפינט זיך אַ פאָרשטייער פון צייטווייליגן צענטראַל־קאָמיטעט פונם יידישן מיליטער־פאַרבאַנד, וועלכער דאַרף קאָאָרדינירן די טעטיגקייט פונם „אָטריאַד“ מיט דער טעטיגקייט פון דער אָרטיגער מיליטערישער און ציווילער מאַכט. די לעצטע האָבן דאָס רעכט צו שיקן זייערע פאָרשטייער אין שטאַב פון די „אָטריאַדן“.

## IV. די ווירטשאַפט פון די „אָטריאַדן“

די „קאַדרן“ פון די „אָטריאַדן“ באַקומען מלוכה־געלט אויף זייערע הצטרכות (סיי פאַר מענשן, סיי פאַר אויסהאַלטן די פערד) אויף די זעלביגע יסודות, ווי דאָס איז באַשטימט פאַר די איבעריגע מיליטער־טיילן פונם געגעבענעם קרייז. די „רעזערוון“ אָבער ווערן אויסגעהאַלטן פון די מיטלען פונם צייטווייליגן צענטראַל־קאָמיטעט פונם יידישן מיליטער־פאַרבאַנד.

ערנערונגס־מיטלען (פּראָדוקטן) באַקומט מען פון די אָרטיגע אינטענדאַנטן־סקלאַדן און די ערנערונגס־פאַרוואַלטונגען.

געווער (קוילנוואַרפערס, לענטעס צו זיי, ביקסן מיט שפּיזן און קוילן צו זיי, סאַבליעס, רעוואָלווערן און קוילן צו זיי און האַנט־גראַנאַטעס) און הלבשה באַקומען די „אָטריאַדן“ אויף די אַלגעמיינע יסודות, ווי די איבעריגע מיליטער־טיילן. די טראַנספּאָרט־מיטלען און די פאַרבינדונגס־מיטלען (פערד, זאָטלען, געשפּאַן, פורן, אַהטאָמאָבילן און לאַסט־אַוטאָמאָבילן) ווערן געגעבן דעם „אָטריאַד“ אויף אַלגעמיינע יסודות, ווי די איבעריגע מיליטער־טיילן“.

אין דעם סטאַטוט קומט נאָך אַ פּונקט 5 — וועגן דער געשעפטפירונג פון די מיליטער־טיילן.

ארכיוו פון „יידישן מיליטער־פאַרבאַנד", קיעוו.

---

IV

## דער נאַציאָנאַל־ראַט וועגן זעלבסטשוץ און יידישע מיליטער־טיילן.

6־טע זיצונג פונם צייטווייליגן יידישן נאַציאָנאַל־ראַט, דעם 18־טן נאָ־ וועמבער 1917. פאָרזיצער ה' יודין.

„ס'ווערט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן יידישע סאָלדאַטן.

דער פאָרשטייער פון „יידישן מיליטער־פאַרבאַנד", י. גאָנאָל, דערציילט וועגן דער שלעכטער לאַגע פון די יידישע סאָלדאַטן, וועלכע ווערן סיסטעמאַטיש אַרויס־ געשטויסן פון די מיליטער־טיילן, וואָס אוקראַיניזירן זיך. אַמערגסטן איז די לאַגע פון די יידישע יונקערס: „פאָרן אויפן דאָן איז אוממעגליך, ווייל דאָס וואָלט באַדייטן לאָזן זיך אויסנוצן צוליב ניט געוואונשטע פּאָליטישע צוועקן; פאָרן אין טיף רוסלאַנד איז ניט צוועקמעסיג, ווייל די גרויס־רוסישע מיליטער־טיילן, וואָס שטרעבן אויך צו נאַציאָנאַליזירן זיך, וועלן זיי אַלס אָפיצערן ניט אָננעמען. קיין אויסוועג זעהט מען ניט. די באַ־ וועגונג איז אַ סטיכישע און קעמפן דורך פאַראָרדנונגען און באַפעלן איז אוממעגליך".

דער רעדנער גייט אַריבער צו דער פּאָגראָם־פראַגע. ער זאָגט, אַז די אַלגעמיינע מיליטער־טיילן, וואָס ווערן געשיקט צו דערשטיקן די פּאָגראָמען, זיינען ניט קיין זיכערע שטיצע. מען מוז דערווייל אויסנוצן די יידישע סאָלדאַטן.

די פאָרשטייער פון די פּאַרטייען, וועלכע גייען אַריין אין נאַציאָנאַל־ראַט, זאָגן זיך אַרויס קעגן דעם פאָרשלאַג פונם „יידישן מיליטער־פאַרבאַנד".

ווייסענבלום („בונד")... „וואָס איז נוגע דער פּאָגראָם־פראַגע, איז לחלוטין אוממעגליך שאַפן צוליב דעם באַזונדערע טיילן פון יידישע סאָלדאַטן, עס וועט נאָך ברענגען שאָדן. בעת דער דעמאָביליזאַציע וועלן די יידישע „אָטריאַדן" סיי ווי ניט קאָנען אָפּהאַלטן די פּאָגראָם־מחנות, און פון אַזעלכע יידן־סאָלדאַטן, וואָס וועלן אויף זיך נעמען די דאָזיגע אויפגאַבע, קאָן זיך שאַפן אַ יידישע סאָלדאַטן־אַריסטאָקראַטיע".

קאָרנגאָלד („פּועלי־ציון"): ... „סאָלדאַטן־יידן, וואָס זיינען נאָר צוליב דעם אָרגאַניזירט, קאָנען נאָך פּראָוואָצירן פּאָגראָמען. פאַרלאָזן זיך אויף אַלגעמיינע טיילן קאָן מען אויך ניט, מען מוז אַלזאָ צוזאַמענשטעלן „אָטריאַדן" מיט אַ מערהייט פון סאָלדאַטן־יידן, און אַרויסטרעטן דאַרפן אַזעלכע טיילן אונטער אַ ניט־יידישער אָנפירונג".

דושקאַן („בונד“): ...„דער אַרויסטריט פון יידישע סאָלדאַטן איז אַ מסוכנער. ס׳קאָנען פאָרקומען צוזאַמענשטויסן“.

גאָנאָל: „אַרויסגייענדיג פון דער אוקראַיניזאַציע מוזן געשאַפן ווערן יידישע קענן־פאָנראָמען „אָטריאַדן“. דאָס פאָדערן בפירוש אפילו סאָלדאַטן פון פראָנט“.

כורגין (פאָרשטייער פון יידישן גענעראַל־סעקרעטאַריאַט): ...„בנוגע דער פאָגראָם־פראַגע זיינען אַלע פאָרשלאַגן פאַליאַטיוון, און דער ערנסטער פאַליאַטיוו איז דאָס אויסטיילן פון באַזונדערע יידישע „אָטריאַדן“. עס איז בכלל שווער אָפּצוגרעניצן אַ יידישן פון אַ ניט־יידישן פאָגראָם. מען דאַרף בילדן בירגערליכע „דרוזשינעס“, ווייל בכלל גייען ניט סאָלדאַטן קענן סאָלדאַטן. מיר קאָנען דאָ אויסנוצן דעם אינסטיטוט פון „חילנע קאָזאַצטוואָ“.

דובינסקי („פאָלקס־פאַרטיי“) טראָגט אַריין פאָלגנדיגע שריפטליכע רעזאָלוציע, וועלכע ווערט אָנגענומען:

„אויסהערנדיג דעם באַריכט פונם פאַרטרעטער פונם „יידישן מיליטער־פאַרבאַנד“ וועגן דער אָרגאַניזירונג פון די מיליטער־טיילן און אויך וועגן דער נויטיגקייט צו אָרגאַניזירן די שוץ קענן די יידישע פאָגראָמען, באַשליסט דער נאַציאָנאַל־ראַט:

1) די יידישע דעמאָקראַטיע דאַרף קעמפן קענן דעם, אַז דאָס מיליטער אין אוקראַינע זאָל אָרגאַניזירט ווערן אויף נאַציאָנאַלע יסודות, און דאַרפן פאָדערן פון דער אוקראַינישער ראַדע, אַז ס׳זאָל שטרענג אויסגעהאַלטן ווערן דער פרינציפ פון טעריטאָריאַלן מיליטער־בוי. דער טעריטאָריאַלער פרינציפ זאָל אין דער פראַקטיק ניט איבערגיין אין פאָרמען פון נאַציאָנאַלן בוי.

2) דער אוקראַינער גענעראַל־סעקרעטאַר פאַר מיליטער־ענינים דאַרף אַרויסגעבן אַ ספעציעלן באַפעל וועגן דעם, אַז ס׳זאָלן ניט דערלאָזט ווערן קיינע פרובן אויסצושליסן וועלכע ס׳איז אוקראַינישע בירגער פון דעם אוקראַינישן מיליטער און קיינע פרובן אויפצורייצן סאָלדאַטן אוקראַינער קענן סאָלדאַטן ניט־אוקראַינער.

3) שאַפן ספעציעלע יידישע מיליטער־טיילן צו באַשיצן די יידישע באַפעלקערונג געפינט דער נאַציאָנאַל־ראַט פאַר שעדליך, סיי פון פאָליטישן שטאַנדפונקט, סיי אין פראַקטישן זין.

כדי וואָס גיכער צו אָרגאַניזירן דעם שוץ פון דער יידישער באַפעלקערונג גרינדעט דער גענעראַל־סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים אַ ספעציעלע קאָמיסיע, וואָס זאָל אויסאַרבעטן דערצו נגהעריגע מיטלען און צושטעלן דעם נאַציאָנאַל־ראַט אַ באַריכט וועגן דעם. דער גענעראַל־סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים נעמט אויף זיך די איניציאַטיוו צו שאַפן אַ קאָמיסיע פון די פאָרשטייער פון נאַציאָנאַל־ראַט, פון „יידישן מיליטער־פאַרבאַנד“ און פון אַנדערע יידישע מיליטער־טיילן און מיליטער־אָרגאַניזאַציעס, כדי צו רעגולירן די באַציהונגען צווישן די יידישע און ניט־יידישע סאָלדאַטן אין אוקראַינע“.

7־טע זיצונג פון נאַציאָנאַל־ראַט, דעם 4־טן דעצעמבער 1917 יאָר. פּאָרזיצער מ. ליטוואַקאָוו.

י. כורגין גיט איבער וועגן דעם, וואָס די קאָמיסיע, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אויף דער פֿאָריגער זיצונג, האָט באַשלאָסן בנוגע די יידישע סאָלדאַטן.

מיר ברענגען דאָ די וויכטיגסטע פּונקטן פון אירע באַשלוסן:

„ס'ווערט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל איבער אוקראַינע, אַז די אוקראַינישע אַרמיי דאַרף זיין אַ טעריטאָריאַלע און ניט קיין נאַציאָנאַלע. אַ אויסנאַם זיינען די צוויי פּאָלקן, וואָס טראָגן די נעמען פון כמעלניצקי און פּאָלובאָטקא, בנוגע וועלכע ס'ווערט גענומען אין אַכט די אומשטאַנדן, ביי וואָסערע זיי זיינען פאָרמירט געוואָרן, און זיי בלייבן געבויט אויפן נאַציאָנאַלן פרינציפ" (פּ. 1).

„ס'ווערט פאָרגעלייגט דער שוין־אָפּטיילונג פון דעם גענעראַל־סעקרעטאַריאַט פאַר מיליטער־ענינים אָרגאַניזירן קורסן פון אוקראַינישער שפּראַך פאַר יידישע יונקערס, וואָס לערנען אין אוקראַינישע שולן אין קיעוו" (פּ. 2).

„דער גענעראַל־סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים שיקט זיינע קאָמיסאַרן אין מיליטער־קאָמיסאַריאַט פון אוקראַינער פאָלקס־רעפּובליק, וועלכע דאַרפן העלפן די קאָמיסאַרן פון דעם מיליטער־סעקרעטאַריאַט אין די ענינים, וואָס זיינען נוגע די יידישע סאָלדאַטן" (פּ. 5).

ס'ווערט אַרויסגעגעבן אַן ערקלערונג, אַז בירגער, וועלכע זיינען שטענדיג איינוואוינער פון אוקראַינע, רעכנען זיך פאַר אוקראַינער" (פּ. 6).

דערנאָך גיט י. כורגין איבער וועגן די באַשלוסן פון דער קאָמיסיע צו קעמפן מיט די פּאָגראָמען: פון 200 אינסטרוקטאָרן, וועלכע ווערן איצט אָרגאַניזירט אינם סעקרעטאַריאַט פאַר אינערן צו קעמפן מיט דער אַנאַרכיע, וועלן 50 זיין יידישע. דער „יידישער מיליטער־פאַרבאַנד" נעמט אויף זיך צו אָרגאַניזירן די דאָזיגע אינסטרוקטאָרן.

אַרכיוו פון נאַציאָנאַל־ראַט,
פּראָטאָקאָלן פון 6־טער און 7־טער זיצונגען.

---

V

## א געליטענער און די פראַגע וועגן זעלבסטשוץ.

(אויסצוג פון אַ בריף צום יידישן מיניסטעריום) *)

אָוורוטש, 17־טן דעצעמבער 1917.

...„אפילו אין דעם קריטישן מאָמענט איז געווען אַזעלכע פון די שווערע בעלי־בתים פון פאָלקס־פּאַרטיי, וועלכע האָבן געזאָגט, אַז עס איז נעפּערליך אַרויסגעבן געווער יידן, נאָר עס איז נישטאָ קיין אַנדערע עצה... ווייַ און וואונד וואָלט געווען

---

*) די ערשטע העלפט פון דעם בריף האָבן מיר שוין ציטירט — וועגן פּאָגראָם אין אָוורוטש. מיר לאָזן אומבאַרירט דעם סטיל פון מחבר.

אונז, ווען מיר זאָלן זיי געווען פאָלגן! מען האָט געוואָלט אַריבער פון די קלייטן אין די הייזער, ביז עס וואָלט קומען הילף פון אוקראַינע, אַן ענטפער אויף די טעלעגראַמעס...

עס פרעגט זיך, וואו איז אונזער נאַציאָנאַל־ראַט אויף אוקראַינע, וועלכער פאַרטיידיגט אונזערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן?... וואָס טראַכטן זיי בײַ זיך אין קאַבינעט, בשעת די יידישע באַפעלקערונג ווערט גערויבט און געטראָטן דורך באַנדעס דעזערטירן־פּאָגראָמשטשיקעס? ווער קען נאָך בעסער באַשיצן די טאַטעס, מאַמעס, ברידער, שוועסטער, ווי דער יידישער מיליטער־פאַרבאַנד? אמת, דאָס איז אַ שווערע פראַגע, צו וועלכער מען דאַרף צוגיין געהיט, נאָר מען דאַרף נאָר גוט אָרגאַניזירן. איך געדענק דעם ערשטן מיטינג פון די אוקראַינער, אַ סך האָבן געשטעלט דעם רעדנער־אָפיצער די שאָוויניסטישע פאָדערונג פון אוקראַינער מיליטער־זעלבסטשוץ, און ער האָט געענטפערט פאַרפלאַמט: עס ענדיגט זיך די שרעקליכע מלחמה, משאות מענשן װעלן דורך אוקראַינע, ווער וועט באַשיצן אונזערע „כאַטעס", פאַרמעגן און גוטס, אויב ניט אונזערע סאָלדאַטן די בעלי־בתים, װעלכע עס איז טייער אונזער גוטס? נאָר זיי קענען אָפּהיטן פון חורבן! און מיר האָבן געקוקט מיט איראָניע אויף דעם שאָוויניסט. מיר האָבן זיך פאַרנומען פאַרבעסערן די וועלט, מיר דאַרפן פירן דעם קלאַסן־קאַמף מיט דער בורזשואַזיע — ווער עס זאָל ניט זיין! — און קעמפן מיט כלל־ישראל פּאָליטיק. האָבן מיר סאָציאַליסטן געטענהט: עס איז נישטאָ קיין נאַציעס, עס איז דאָ קלאַסן! און אַזוי ווי מען פלעגט זאָגן, אַז יידישע בלוט שמירט די רעדער פון דער רעוואָלוציע, אַזוי פירן די פּאָגראָמען צו סאָציאַליזירן דעם קאַפּיטאַל; זיי זיינען נישט נאָר אויף יידן, נאָר אויף רייכע בכלל! פרעגט זיך, פאַר וואָס נאָר יידישע קלייטן, און אפילו אָרעמע קרעמערלאַך, וועלכע ווערן בעטלער, אויך יידישע שניידער, זיינגערמייסטער, בײַ וועלכע מען האָט צעבראָכן די מאַשין, צערויבט דעם געציינג? פאַרבלענדט האָט אונז די פרייהייט די אויגן, פאַרטעמפּט דעם געדאַנק! צושפּרייט זיינען מיר געוואָרן בין הפרטיות, אָנגענומען פרינציפּן, וועלכע האָבן גאָר קיין אָרט ניט, און די קללה: „וואו איר קומט, זאָלט איר פאַרשפּעטיגן, און שטענדיג זאָלט איר זיין די לעצטע" — האָט אונז באַטריבט. מיר טראַכטן וועגן נויטיגקייט פון אַ יידישן מיליטער־פאַרבאַנד, קרינן זיך, צי עס איז נויטיג צי ניין, צי עס איז מעגליך, אַז די מאַכט זאָל קענען בײַשטיין קעגן די ניט־אָרגאַניזירטע פויערן, (און דערווײַלע) ווערט צעגראַבעוועט יידישער פאַרמאָג, עס ווערן חרוב יידישע שטעטלאַך (ערשט איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון שטעטל וועלעדניק, וואו עס האָט אויסגעבראָכן אַ יידישער פּאָגראָם, מען בעט הילף), און דאָס האַרץ ווערט צעריסן פון ווייטאָג: האַנט בײַ האַנט זיינען מיר געגאַנגען, און איצט נישטאָ אויף וועמען פאַרלאָזן זיך, ציגל טראָגן מיר צוליב פרעמדע בנינים און אין זיך זעלבסט פאַרגעסן מיר בכלל! ערשט יענע וואָך איז געקומען אַ דעלעגאַט פון קיעווער מיליטער־פאַרבאַנד, גערעדט וועגן דער נויטיגקייט פון אַ יידישער זעלבסטשוץ — זעלבסט־מיליטער, האָבן מיר סאָציאַליסטן צושלאָגן דעם „אויפקלער" פון די ציוניסטן, מיר דאַרפן ניין אינאייִנעם מיט זיי. אַך! ווען עס וואָלט געווען זיין די אייגענע זעלבסטשוץ, וואָס איז געוואָרן נאָך דעם פּאָגראָם. צוויי צענדליג

געהאַפנטע יידישע מיליטער האָלטן געווען געוואוסט צעטרייבן די פויערן, וואָס זיינען אָנגעקומען, און אויפהאַלטן דעם המון, באַשיצנדיג יידישן גוטס, וואָס איז אַוועק לאבוד. — נאָר מיר האָבן פאַרשפּעטיגט! אויף איינינע עטליכע טעג.. און ווען מיר זאָלן געהען וואַרטן אויף הילף פון דער ראַדע, אָנשטאָט מאַכן אַ זעלבסטשוץ, וואָלט זיך געווען ציהען דער פּאָגראָם, ווי אין די איבעריגע שטעטלאַך, עטליכע טעג. און וואָס טוט אונזער נאַציאָנאַל-ראַט?.. אויף אַ טעלעגראַמע ענטפערט מען נישט, אַליין אָרגאַניזירן אויך נישט. וואָס פאַר אַ פּאָזיציע פאַרנעמען זיי? דאָס איז אַ היסטאָרישער פאַרברעך, וועלכער וועט באַשריבן ווערן מיט בלוט און טרערן פון די באַרויבטע, און זאָל שפּריצן דער אומשולדיגער בלוט אויף די קליידער פון די, וועלכע זוכן נישט און ווייזן נישט קיין מיטלען, ווי אַזוי צו פאַרהאַלטן די יידישע פּאָגראָמען! גיט אַן עצה! זוכט אויס הילף!"

נעתתמעט: „אַ באַרויבטער יידישער שניידער פון אָוורוטש".

אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום, 1917–1918.

---

## VI

### יידישע סאָלדאַטן און די זעלבסטשוץ.

סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים.

באַקומען דעם 22-טן דעצעמבער 1917.

№ 363

(איבערז. פון רוסיש).

### ר ע ז אָ ל ו צ י ע  װ ע ג ן  ז ע ל ב ס ט ש ו ץ.

אָנגענומען אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון יידישע מיליטער-לייט פונם קיעווער גאַרניזאָן, 21-טן דעצעמבער 1917.

„נעמענדיג אין אַכט: 1) אַז די פּאָגראָמען און גוואַלדטאַטן קענן דער יידישער באַפעלקערונג ווערן ניט נאָר ניט קלענער, נאָר, פאַרקערט, פאַרגרעסערן זיך, 2) אַז די מאַכט איז ניט בכח צו קעמפן מיט זיי צוליב דער אַנאַרכיע, וועלכע הערשט אין אוקראַינע, און ווייל עס פעלט אַ געוויסע פּלאַנמעסיגקייט פאַרן דאָזיגן קאַמף, 3) אַז דער יידישער סעקרעטאַריאַט פירט אַן אומאַנטשלאָסענע פּאָליטיק אין דורכפירן דעם באַשלוס צו גרינדן יידישע מיליטער-טיילן, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער גאַרניזאָן-פאַרזאַמלונג פון יידישע מיליטער-לייט דעם 29-טן אָקטאָבער דעם יאָר — פאָדערט די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון יידישע מיליטער-לייט ביים יידישן סעקרעטאַריאַט, ער זאָל תיכף אָרגאַניזירן יידישע מיליטער-„אָטריאַדן" און צוזאַמען מיטן „יידישן מיליטער-פאַרבאַנד" אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, ווי תיכף צוצוטרעטן צום אַנטשלאָסענעם קאַמף מיט די פּאָגראָמען.

אין פאַל, ווען דער יידישער סעקרעטאַריאַט וועט אין משך פון דריי טעג ניט באַפרידינן אָט די פאָדערונג, וועט דער אויספיר־קאָמיטעט פון „יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד" זיך פילן פריי אין זיין האַנדלונג".

פאָרזיצער (חתימה).

סעקרעטאַר (חתימה).

אַרכיוו פון „יידישן מיליטער־פאַרבאַנד", קיעוו.

---

VII

## דאָס יידישע מיניסטעריום און די פראַגע וועגן זעלבסטשוץ.

### 1.

### די צווייטע קאָנפערענץ פון „יידישן מיליטער־פאַרבאַנד".

מיט אַ פאָרטראַג וועגן פאָגראָמען און וועגן דער נויטיגקייט פון זעלבסטשוץ טרעט אַרויס דער פראַפּאַרשטשיק מיכלין (מענשעוויק).

„דער אויספיר־קאָמיטעט פון דעם „יידישן מיליטער־פאַרבאַנד" האָט שטענדיג געהאַלטן פאַר זיין הויב אָנווענדן אַלע זיינע כחות, כדי צו קעמפן מיט די פאָגראָמען און אַנאַרכיע. קומענדיג אין אָפטע באַציהונגען מיט דער מאַכט, האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע איז מאַכטלאָז עפּעס צו טאָן פאַר אונז רעאַלעס. מיר האָבן געמוזט אָננעמען דעם טרויעריגן פאַקט, אַז אין דעם קאַמף מיט די פאָגראָמען קענען מיר זיך פאַרלאָזן אויסשליסליך אויף אונזערע אייגענע קרעפטן. די גרויסע צאָל רעזאָלוציעס פון יידישע מיליטער־טיילן האָבן זיך אַלע אַרויסגעזאָגט פאַר אָרגאַניזירן יידישע מיליטער־טיילן. מיר זיינען צוגעטראָטן צו דער פאַרווירקליכונג פון דעם דאָזיגן געדאַנק, דערביי האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, גערעכנט צו קעמפן אויף דעם אַלגעמיינעם פראָנט קעגן די אַלגעמיינע שונאים פון דער רוסישער רעוואָלוציע, צוזאַמען מיט אַלע בירגער. דעם קאַמף אָבער מיט די יידישע פאָגראָמען האָבן מיר באַטראַכט, אַלס אונזער יידישן פראָנט.

נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָט אונזער קאָמיטעט אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק פון בירגערליכער זעלבסטשוץ. פון דער ערפאַרונג איז אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז די באַוואָפנונג פון דער בירגערליכער באַפעלקערונג איז מסוכנדיג און אומנוצליך, און מיר האָבן אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן מיליטער־שוץ.

די אוקראַינישע מאַכט האָט פּרינציפּיעל אָנגענומען אַלע אונזערע פּראָיעקטן אין דער דאָזיגער הינזיכט. מיר האָבן איר פאָרגעשלאָגן „אַ פּראָיעקט פון יידישער זעלבסטשוץ אין קיעווער מיליטער־

קרייז". לויט דעם דאָזיגן פּראָיעקט דאַרפֿן זיך די זעלבסטשוץ־אָפּטיילונגען געפֿינען אינם רשות פֿון דער אַלגעמיינער מיליטער־מאַכט, וועלכע באַדאַרף באַשטימען דעם קאָמאַנדע־פּערסאָנאַל לויט דער אָנווייזונג פֿון דעם „יידישן מיליטער־פֿאַרבאַנד". די אוקראַינישע מאַכט האָט פּרינציפּיעל אָנגענומען אונזער פּראָיעקט, זי האָט אָבער דערביי געפֿאָדערט, אַז דער יידישער גענעראַל־סעקרעטאַר זאָל געבן זיין הסכמה דערויף. נאָר מצד דעם יידישן סעקרעטאַריאַט האָבן מיר באַגעגנט אַ פֿאַרביטערטן ווידערשטאַנד. דאָרט האָט מען באַטראַכט אַלס יידישע פּאָגראָמען נאָר אַזעלכע, וועלכע טראָגן אַן אויסגעשפּראָכענעם אידעאָלאָגישן רייןֹ־אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער. דאָס רוב פּאָגראָמען זיינען פֿאַררעכנט געוואָרן צו דער אַלגעמיינער קאַטעגאָריע פֿון אומרוהען.

שטייענדיג אויף אַזאַ שטאַנדפּונקט, האָט זיך דער יידישער גענעראַל־סעקרעטאַריאַט דעריבער *קאַטעגאָריש אַקעגנגעשטעלט יעדן פּרוב איבערצונעבן אין יידישע הענט די אַרבעט פֿון זעלבסטשוץ קעגן די פּאָגראָמען.* דער יידישער גענעראַל־סעקרעטאַר האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז די אויפֿגאַבע פֿון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע און באַזונדערס פֿון דער „ווילנע קאָזאַצטווא", וואוהין ס'ווערן איצט קיין יידן ניט צוגעלאָזט. אונזער אויספֿיר־קאָמיטעט האָט אַרויסגעטראָגן וועגן דעם אַ רעזאָלוציע, אַז די „ווילנע קאָזאַצטווא" ערפֿילט ניט איר אויפֿגאַבע, נאָר דאָך האָבן מיר אויך מסכים געווען אויף דעם דאָזיגן מיטל, ווי אויף אַ צייטווייליגן. מען האָט אונז פֿאָרגעלייגט פֿון דער אַלגעמיינער צאָל 250 אינסטרוקטאָרן אויסצוקלייבן נאָר 50 יידן. דער יידישער גענעראַל־סעקרעטאַריאַט האָט אָבער נאָכדעם פֿאַרקלענערט די צאָל ביז 20. פֿון די דאָזיגע 20 האָט ער געפֿאָדערט, אַז ס'זאָלן אויסגעקליבן ווערן נאָר פֿינף, די „סאַמע געוואונטשטע", און מיט דעם תנאי, אַז ס'זאָל אָנגעוויזן ווערן זייער געזעלשאַפֿטליכע און פּערזענליכע כאַראַקטעריסטיק. די דאָזיגע פֿאָדערונג האָבן מיר געפֿונען אַלס אומווערדיג פֿאַר אונז — און מיר האָבן זי אָפּגעוואָרפֿן.

איצט האָט זיך דער יידישער גענעראַל־סעקרעטאַריאַט, ווי ס'ווייזט אויס, אַנטוישט אין דער „ווילנע קאָזאַצטווא" און האָט אויסגעאַרבעט אַ נייעם געזעץ־פּראָיעקט וועגן אָרגאַניזירן אַלגעמיינע אָפּטיילונגען צו קעמפֿן מיט די פּאָגראָמען. דער דאָזיגער פּראָיעקט איז אַ גענויע קאָפּיע פֿון אונזער פּראָיעקט, נאָר דאָס וואָרט „יידישע" איז אומעטום אויסגעשטראָכן.

אַזוי אַרום קומט אויס, אַז אונזער גאַנצע טעטיגקייט אין דעם קאַמף מיט די פּאָגראָמען איז, אייגנטליך, באַשטאַנען אין דעם קאַמף מיט דעם יידישן גענעראַל־סעקרעטאַריאַט. איצט בעטן מיר שטיצע אין דעם דאָזיגן קאַמף ביים צוזאַמענפֿאָר. די ערפֿאַרונג לערנט אונז, אַז פֿאַרן קאַמף מיט די פּאָגראָמען טויגן נאָר שוץ־קאָמאַנדעס פֿון סאָלדאַטן, וואָס זיינען ספּעציעל קאָמאַנדירט צו דעם דאָזיגן ציל. קיין זיכערע געמישטע מיליטער־אָפּטיילונגען זיינען אָבער נישט בנמצא. דאָס יידישע שטעטל איז פֿאַר די געמישטע אָפּטיילונג דאָס זעלבע, וואָס ספּירט־סקלאַדן. נאָר אויף *יידישע*

אָפּטיילונגען קען מען זיך פאַרלאָזן, אַז זיי וועלן זיך ניט פאַראייניגן צו די פּאָגראָם־שטשיקעס. מיר זיינען בלויז פאַראינטערעסירט צו שאַפן באַזונדערע יידישע מיליטער־אָפּטיילונגען צו קעמפן מיט די פּאָגראָמען".

„דער טעלעגראַף", 7 №, פונם 8־טן יאַנואַר 1918.

---

2.

## די ווענדונג פונם יידישן מיניסטעריום צום קאָמאַנדיר פון קיעווער מיליטער־קרייז.

(איבערז. פון אוקראַיניש). דעם 15־טן יאַנואַר 1918.

„צום קאָמאַנדיר פון קיעווער מיליטער־קרייז".

איך פאַררוף זיך אויף מיינע פּערזענליכע שמועסן מיט אייך און לייג דאָ ביי אַ פּראָיעקט פון סטאַטוטן וועגן בילדן אַ דרוזשינע אויף צו קעמפן מיט די פּאָגראָמען, וואָס ווערט אָרגאַניזירט פונם „יידישן מיליטער־פאַרבאַנד" אינם קיעווער מיליטער־קרייז. דעם דאָזיגן פּראָיעקט האָט מיר צונעשטעלט דער אויספיר־קאָמיטעט פונם דער־מאָנטן פאַרבאַנד. אינם פּראָיעקט זיינען געמאַכט געוואָרן די שנוים, וואָס האָבן אַ ישיבות צו מיליטער־דיסציפּלין. ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט אין פּערזענליכן שמועס, בין איך מיטן דאָזיגן פּראָיעקט מסכים.

גלייכצייטיג בין איך אייך מודיע, אַז אויף דער קאָנפערענץ פון די יידישע מילי־טער־לייט פון קיעווער מיליטער־קרייז און פון דרום־מערבדיגן פראָנט, וועלכע איז פאָר־געקומען אין קיעוו פון דעם 30־טן דעצעמבער פאָריגן יאָר ביזן 17־טן יאַנואַר דעם יאָר, זיינען אָנגענומען געוואָרן החלטות, פון וועלכע איך לייג אייך ביי קאָפּיעס. אויפן סמך פון די דאָזיגע החלטות איז דער אויספיר־קאָמיטעט פון די יידישע מיליטער־לייט פונם קיעווער מיליטער־קרייז, וועלכער איז אויסגעוויילט אויף דער דאָזיגער קאָנפערענץ, צוגע־טראָטן צו אָרגאַניזירן די דרוזשינע.

היות ווי, ערשטנס, די קאָמיסיע צו קעמפן מיט דער אַנאַרכיע האָט ניט קיין רעאַלע מיליטער־קראַפט, אויף וועלכער זי זאָל זיך קאָנען פאַרלאָזן, און צווייטנס, היות ווי דער אויספיר־קאָמיטעט באַשטייט פון מענשן, וועלכע איך קען פּערזענליך, און וועלכע זיינען בלי ספק לאָיאַל, ערלויב איך זיך, אַלס וויצע־מיניסטער פאַר יידישע ענינים און אַלס מיטגליד פון קאָמיסיע צו קעמפן מיט דער אַנאַרכיע, באַשטיין דערויף, אַז ס'זאָל דרינגענד באַשטעטיגט ווערן דער בייגעלייגטער פּראָיעקט, אַלס דאָס איינציגע רעאַלע מיטל פאַר דער רעגירונגס־מאַכט צו קעמפן מיט דער פּאָגראָם־כוואַליע אינם איצטיגן מאָמענט.

וויצע־מיניסטער פאַר יידישע ענינים י. כורגין".

אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום, 1918–1917.

VIII

## אַנטיסעמיטיזם אין דער אוקראַינישער אַרמיי

### 1.

אין גענעראַל-סעקרעטאַריאַט פֿאַר יידישע ענינים איז אָנגעקומען אַ מעלדונג פֿון אַ יידישן אונטער-אָפֿיצער דוד קאַצעוו, וועלכער דינט אין אוקראַינישן העטמאַן-סאַהײַדאַטשנעס הײַדאַמאַקן-פּאָלק. אין זײַן מעלדונג שרײַבט קאַצעוו פֿאָלגנדעס:

„שוין צוויי יאָר, אַז איך געפֿין זיך אין דער ווירקנדער אַרמיי (אויפֿן פֿראָנט). באַלד נאָך דער רעוואָלוציע בין איך אין 699-טן סאַראַטאָווער פּאָלק אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר אַ פֿאָרזיצער פֿונעם פּאָלק-קאָמיטעט. ווען מ׳האָט אָנגעהויבן אוקראַיניזירן די אַרמיי, בין איך, אַלס אוקראַינער אײַנוואוינער, אינאיינעם מיט איבעריגע אוקראַינער אָפּגעשיקט געוואָרן קיין קיעוו אין הײַדאַמאַקן-פּאָלק, וואו מ׳האָט מיך באַשטימט אין פּאָלק-קאַנצעלאַריע".

דעם 26-טן נאָוועמבער, ווען קאַצעוו איז געווען „דעזשורנע" איבער דער קאַנצעלאַריע, איז אַהין געקומען דער דעזשורנער אָפֿיצער, און דערוויסנדיג זיך, אַז קאַצעוו איז אַ ייד, האָט ער אים געפֿרעגט: „וואָס זיצט איר עפּעס בײַ אונז אין פּאָלק?" קאַצעוו האָט דערויף געענטפֿערט: „ווען אַ סאָלדאַט זאָל זיך צו מיר געווען ווענדן מיט אַזאַ פֿראַגע, וואָלט איך אים נאָך געקענט ענטפֿערן, נאָר מיט אייך, מיט אַ באַוואוסטזיניגן אָפֿיצער, האַלט איך פֿאַר איבעריג דערפֿון רעדן". מיט דעם האָט זיך דער געשפּרעך געענדיגט. נאָר דעם 1-טן דעצעמבער האָט דער קאָמאַנדיר פֿונעם הײַדאַמאַקן-פּאָלק באַקומען אַ ראַפּאָרט מיט אַ בקשה אויסשליסן קאַצעוון פֿונעם פּאָלק פֿאַר דער אַגיטאַציע, וואָס ער פֿירט בלומרשט צווישן די סאָלדאַטן. אויפֿן ראַפּאָרט האָט דער קאָמאַנדיר געשטעלט אַ רעזאָלוציע: „אויסשליסן".

קאַצעוו האָט זיך באַקלאָגט אין דער פּאָלק-ראַדע, וועלכע האָט באַשטימט איבערלאָזן קאַצעוון אין פּאָלק און אויספֿאָרשן, אויף וויפֿיל ס׳איז אמת דאָס, אין וואָס ער ווערט באַשולדיגט. דערוויסנדיג זיך פֿון אַזאַ באַשלוס פֿון דער ראַדע, האָט דער קאָמאַנדיר צונויפֿגערופֿן אַלע אָפֿיצערן, וועלכע האָבן ווידער באַשטימט אויסשליסן קאַצעוון פֿון פּאָלק אין משך פֿון 24 שעה. דערנאָך איז צו קאַצעוון צוגעשיקט געוואָרן אַ סאָלדאַט מיט אַן אולטימאַטיווער פֿאָדערונג באַלד פֿאַרלאָזן דעם פּאָלק. אין פֿאַל אויב קאַצעוו וועט ניט אַוועקגיין אַליין, האָט דער סאָלדאַט מודיע געווען, וועלן קומען סאָלדאַטן און וועלן אים צ ו וו י נ ג ע ן אַוועקגיין, אַניט וועלן זיי אים דערשטעכן.

קאַצעוו בעט דעם גענעראַל-סעקרעטאַריאַט, מען זאָל אים העלפֿן אַריבערגיין אין אַן אַנדער אוקראַינער טייל. די מעלדונג ענדיגט זיך מיט פֿאָלגנדיגע ווערטער:

„מער פֿון אַלעמען האָבן מיר, יידישע סאָלדאַטן, געליטן פֿון דער אַלטער רעגירונג. אונזערע פּלייצעס קענען נאָך איצט אויך זיך ניט אויסגלייכן פֿון די קלעפּ, וואָס מיר האָבן באַקומען. איצט טאָר אַזוינס ניט זײַן. נידער מיט דער קנעכטשאַפֿט. זאָל

לעבן דאָס יידישע פֿאָלק, וואָס האָט אַזוי פֿיל געליטען! זאָל לעבן אמתע גלייכרעכט פֿון אַלע פֿעלקער".

„דער טעלעגראַף", № 22, פֿונם 13־טן דעצעמבער 1917.

---

**2.**

אין נאָמען פֿון אַ גרופּע סאָלדאַטן־יידן פֿון דעם 33־טן פּוסנייער רעזערוו־פּאָלק איז דער סאָלדאַט ישראל מאַכמען (נחמן ?) מודיע פֿאָלגנדיגע פֿאַקטן.

„דעם 14־טן יולי האָט מען אונז, 7 סאָלדאַטן־יידן, צווישן אַנדערע 85 סאָלדאַטן אַריבערגעפֿירט פֿונם 33־טן פּוסנייער רעזערוו־פּאָלק, וועלכער איז געשטאַנען אין סימפֿעראָפּאָל, קיין אדעס, אין דעם קוילנוואַרפֿער רעזערוו־באַטאַליאָן. אַז מיר זיינען אַהין אָנגעקומען, זיינען מיר איבערראַשט געוואָרן פֿון דער אַנטיסעמיטישער שטימונג, וואָס הערשט אינם באַטאַליאָן. אפֿילו זיינע בעסערע פֿאָרשטייער — דער באַטאַליאָן־קאָמיטעט — האָט אויף איינע פֿון זיינע זיצונגען אָנגענומען אַ ריין אַנטיסעמיטישע רעזאָלוציע, דער רעזולטאַט פֿון וועלכער איז געווען, אַז מ'האָט אונז אַרויסגעיאָגט פֿון באַטאַליאָן צוריק צו אונזערער פֿריערדיגע מיליטער־טיילן. די איבעריגע סאָלדאַטן פֿון די 85 (די ניט־יידן) — די פּאָלאַקן, גרויס־רוסן, די אוקראַאינער און אַנד. — זיינען געבליבן אינם קוילנוואַרפֿער־באַטאַליאָן. ווען מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פֿונם הויף פֿון דער באַטאַליאָן־קאַזאַרמע, האָבן נאָך אין אונזערע אויערן געקלונגען יענע פּאָגראָם־ און אַנטיסעמיטישע אויסרופֿן, וועלכע אונז איז ניט איינמאָל מיט ווייטאָג אין האַרצן אויסגעקומען צו הערן פֿון זעהר זעהר פֿילע חברים־סאָלדאַטן ניט־יידן. מיר פֿרעגן: פֿאַרוואָס האָבן מיר, יידן־סאָלדאַטן, וואָס האָבן געטראָגן און טראָגן איצט אַלע שוועריגקייטן באַגלייך מיט אַנדערע בירגער, ניט דאָס זעלבע רעכט צו בלייבן דינען אין דעם קוילנוואַרפֿער־באַטאַליאָן צוזאַמען מיט אַלעמען?"

די דאָזיגע אויסגעשלאָסענע יידן־סאָלדאַטן האָבן זיך געווענדעט מיט אַ בריוו צום קריגס־מיניסטער, אין וועלכן זיי מעלדן אים וועגן דעם דאָזיגן פֿאַקט און ליינן צו דעם פּראָטאָקאָל פֿונם סאָלדאַטן־קאָמיטעט פֿון באַטאַליאָן (וועגן זייער אויסשליסונג).

די „איזוועסטיאַ פֿון צ. א. ק. פֿונם פּעטראָגראַדער אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַט" ברענגט די דאָזיגע ידיעה און שרייבט וועגן דעם:

„ביז איצט האָבן מיר געוואוסט נאָר וועגן אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען מצד צאַרישע דינער און שוואַרץ־מאַהניקעס און אויך מצד דער פֿינסטערער, פֿון זיי פֿאַרפֿירטער, מאַסע. איצט דערוויסן מיר זיך צום ערשטן מאָל וועגן אַזאַ אַרויסטרעטונג אויך מצד אַ אויסגעוויילטער מיליטער־אָרגאַניזאַציע".

„ראַזסוועט", № 8, פֿונם 30־טן אַווגוסט 1917.

---

IX

## די אוקראַיִניזאַציע פון אַרמיי און די יידישע סאָלדאַטן.

(פונם אַרכיוו פון „יידישן מיליטער-פאַרבאַנד", קיעוו).

(איבערז. פון רוסיש).

1.

### רעזאָלוציע,

אָנגענומען אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די יידן-סאָלדאַטן פון דער 12-טער פוסגייער-דיוויזיע.

נאָכדעם, ווי עס איז באַטראַכט געוואָרן די פראַגע וועגן אָרגאַניזירן די דיוויזיע, האָט די פאַרזאַמלונג באַשלאָסן:

1) מיר, יידן, וועלכע האָבן מער פאַר אַלע פעלקער, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד, געליטן פון דער זעלבסטהערשאַפט, ניט האָבנדיג ניט נאַציאָנאַלע און ניט בירגערליכע רעכט, — גייען אין די ערשטע רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע און קעמפן פאַר בירגערליכע און נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיגונג פון אַלע פעלקער און בתוכם אויך פאַרן יידישן פאָלק, ווייל מיר געדענקען, אַז פונם ערפאָלג און פון דער פאַרשטאַרקונג פון דער רעוואָלוציע הענגט אָפּ אונזער בירגערליכע און נאַציאָנאַלע פרייהייט. מיר האַלטן הויך די רויטע פאָן, אויף וועלכער ס'איז אָנגעשריבן געוואָרן ברידערשאַפט און גלייכהייט פון די פעלקער, נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַשטימונג און פעדעראַטיווע רעפּובליק. מיר באַגריסן דעם ברידערליכן אוקראַיִנישן פאָלק אין זיין נאַציאָנאַלער באַפרייונגס-באַוועגונג; מיר באַגריסן די צענטראַלע ראַדע, וועלכע האָט פראָקלאַמירט די נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלע אַוטאָנאָמיע פאַר אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס וואוינען אין אוקראַיִנע. נאָר היות, ווי די אוקראַיִניזאַציע פונם פראָנט איז ניט קיין מיטל צו פאַרשטאַרקן די רעוואָלוציע, נאָר באַטייט, פאַרקערט, א פולקאָמע אָפּשפּאַלטונג פון דער דעמאָקראַטיע פון גאַנץ רוסלאַנד, וועלכע שטרעבט צו אַ באַלדיגן דעמאָקראַטישן שלום; היות, ווידער, ווי די אוקראַיִניזאַציע קאָן מיט זיך ברענגען אַ צעשטערונג פון די אייזנבאַנען און צוליב דעם אַרויסרופן אַ ערנערונגס-קריזיס אין שטאָט און אין דער אַרמיי, ווייל די אוקראַיִניזאַציע פון דער אַרמיי וועט אַרויסרופן אַ שטאַרקע איבערגרופּירונג פון מיליטער; היות, ווי דאָס אַלץ קאָן אַרויסרופן אַ שטאַרקע אַנאַרכיע אין לאַנד, — געפינען מיר, יידן-סאָלדאַטן, אַז די אוקראַיִניזאַציע פון פראָנט איז סותר די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע און איז ניט רעכטפאַרטיג צוליב טעכנישע טעמים.

2) אין פאַל, אויב די טיילן פון דיוויזיע וועלן דאָך אוקראַיִניזירט ווערן, מוזן יענע יידישע סאָלדאַטן, וועלכע שטאַמען פון אוקראַיִנע, בלייבן אין זייערע טיילן, נאָר אין קיין שום ברידער-קאַמף און בירגער-קריג, וועלכער איז סותר דעם גייסט פון דער רעוואָלוציע, טאָרן זיי קיין אָנטייל ניט נעמען.

3) לייענענדיג יעדן טאָג מיט אַ ביטער האַרץ די ידיעות ווענן יידישע פּאָגראָמען, פאָדערן מיר, יידן-סאָלדאַטן, וואָס זיצן אין די טראַנשיי-גריבער, פון דער צענטראַלער ראַדע און פון דער צענטראַלער רוסישער רעגירונג, זיי זאָלן אָננעמען שטרענגע מיטלען צו קעמפן קעגן די יידישע פּאָגראָמען.

גלייכצייטיג פאָדערן מיר פון דער צענטראַלער ראַדע, אַזוי אויך פון דער צענטראַלער רוסלענדישער מאַכט, אַז פונם מיליטער אין פראָנט-רוקן זאָלן אָרגאַניזירט ווערן „דרוזשינעס“ פון סאָלדאַטן-יידן און פון אַנדערע נאַציעס, וואָס פילן מיט דעם געדאַנק ווענן באַשיצן די הילפלאָזע יידישע מאַסן פון פּאָגראָמען. די דאָזיגע „דרוזשינעס“ דאַרפן זיין באַוואָפנט און זיך געפינען אין שטענדיגן רשות פונם גענעראַל-סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים אין אוקראַינע און אין רשות פון די דעמאָקראַטישע געוויילטע קהלות אין צענטראַל רוסלאַנד, שפּעטער — אין רשות פונם אַלרוסלענדישן יידישן צוזאַמענפאָר“.

פאָרזיצער (חתימה).

סעקרעטאַר (חתימה).

7-טן דעצעמבר 1917, נאָוואָסעליצע.

---

2.

אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון דער XI-טער אַרמיי איז פון דער יידישער מיליטער-אָרגאַניזאַציע ביים 5-טן סיבירער אַרמיי-קאָרפּוס געווען דעלעגירט דר. קאַמינסקי. אויפן דאָזיגן צוזאַמענפאָר זיינען אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיגע רעזאָלוציעס, וועלכע דר. קאַמינסקי האָט פאָרגעשלאָגן:

1) דער דריטער צוזאַמענפאָר פון דער XI-טער אַרמיי רעכנט די גוואַלד-טאַטן, וועלכע מען באַגייט איצט קעגן יידישן פאָלק, פאַר אַ שאַנד-פלעק אויף דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע. דער צוזאַמענפאָר ווענדעט זיך צו אַלע חברים מיט דער פאָדערונג צו קעמפן קעגן די יידישע פּאָגראָמען און געפינט פאַר אַ הייליגן חוב פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע צו נעמען אנטייל אין דער זעלבסטשוץ, וואָס די יידן אָרגאַניזירן. דער קריגס-רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט לייגט פאַר דעם צוזאַמענ-פאָר אָנצונעמען אַלע נויטיגע מיטלען דערצו.

2) דער דריטער צוזאַמענפאָר פון דער XI-טער אַרמיי געפינט די אויסשליסונג פון יידן פון די מיליטער-טיילן, וואָס ווערן אוקראַיניזירט, פאַר אַן אַנטי-דעמאָקראַטישע ערשיינונג, וועלכע איז סותר די פּרינציפּן פון נאַציאָנאַלער טאָלעראַנץ. דעריבער פּראָטעסטירט ער שאַרף קעגן אַזעלכע טאַטן. דערביי געפינט דער צוזאַמענפאָר פאַר גערעכט, אַז פון די יידן, וואָס

זיינען פריער אָנגענומען געוואָרן אין מיליטער־דינסט און ווערן איצט אויסגעשלאָסן בעת דער נאַציאָנאַליזאַציע פון די טיילן, זאָלן געבילדעט ווערן באַזונדערע יידישע טיילן, אויב זיי ווינשן עס, מיט דער ערלויבניש פונם הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי" (די לעצטע ווערטער האָט פאָרגעשלאָגן אַ דעלעגאַט — אַ באָלשעוויק).

ביידע רעזאָלוציעס ווערן איינשטימיק אָנגענומען.

ארכיוו פון „יידישן מיליטער־פארבאנד", קיעוו.

---

X

„ווילנע קאָזאַצטוואָ" און יידן.

סעקרעטאריאט פאר יידישע ענינים.

באקומען דעם 8־טן דעצעמבער 1917

№ 240.

(איבערז. פון רוסיש).

## פּראָטאָקאָל.

ראַטמיסטראָווקע, קיעווער גוב., טשערקאַסער אויעזד.

„מיר, אייוואוינער פון ראַטמיסטראָווקע, האָבן אויסגעהערט אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג שבת, דעם 2־טן דעצעמבער 1917, די ערקלערונג פון יערמאַק, דובינסקי און דראָן וועגן דעם, אַז די „וואָלנאָיע קאָזאַטשעסטווא", וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין ראַטמיסטראָווקע, האָט אויסגעשלאָסן פון זיינע רייען אַלע מיטגלידער־יידן, האָבן די פראַגע באַהאַנדלט און געקומען צו אַזאַ החלטה:

1) דאָס אויסשליסן פון דער אָרטיגער „וואָלנאָיע קאָזאַטשעסטוואָ" די יידן־מיטגלידער, וואָס האָבן זיך שוין פאַרשריבן, טראָגט אַן אָפענעם אַנטיסעמיטישן כאַ־ראַקטער, זאָגט עדות וועגן דער אַנטיסעמיטישער שטימונג פון די אָרגאַניזאַטאָרן און געפינט זיך אין אַ סתירה מיטן דריטן „אוניווערסאַל" און מיט דער גאַנצער האַלטונג פון דער צענטראַלער ראַדע אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

2) די אָרגאַניזאַציע פון אַ ספּעציעל יידישער „וואָלנאָיע קאָזאַטשעסטוואָ", בכדי צו באַשיצן די אָרטיגע איינוואוינער, זייער לעבן און אייגנטום פון עקסצעסן, וואָס קומען, צום באַדויערן, פאָר אין אונזער שטאָט, איז ניט צוועקמעסיק, אַזוי ווי דאָס קאָן אַרויסרופן נאַציאָנאַלע רייבונגען און פאַרשאַרפן די באַציהונגען.

„מיר האָבן איינשטימיק באַשלאָסן צו קאָמאַנדירן די בירגער יוסף קאָטליאַרעווסקי און יוסף דראָן צום גענ.־סעקרעטאַר פאַר יידישע ענינים מיטן פאָלגנדינן אויפטראָג:

1) ענערגיש פּראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס די יידן ווערן איזאָלירט בעת ס'ווערט אָרגאַניזירט די „וואָלנאָיע קאָזאַטשעסטוואָ" און אַנדערע וואַך־אָרגאַניזאַציעס, און פאַ־

דערן, אַז דער יידישער סעקרעטאַריאַט זאָל אָננעמען דרינגענדע און סאַמע ענערגישסטע מיטלען, אַז די פראַגע זאָל געלעזט ווערן על צד היותר טוב.

2) פאָדערן, אַז דער גענעראַל סעקרעטאַריאַט פון אוקראַינע זאָל קאָמאַנדירן זיינעם אַ מיטגליד, וועלכער זאָל אויפן אָרט אויספאָרשן דעם ענין מיטן פאָרגעקומענעם קאָנפליקט און געפינען אַן אויסגלייך".

אונטערן פראָטאָקאָל שטייען 192 חתימות.

אַרכיוו פונם יידישן מיניסטעריום, 1917–1918.

## IV. עקסצעסן פונם אוקראַינישן חיל, די אוקראַינישע מאַכט און געזעלשאַפט.

(יאַנואַר — אַפּריל 1918).

### I

### אָנפראַגע אין צענטראַלער ראַדע וועגן דער פּאָגראָם־שטימונג אין קיעוו.

(יאַנואַר).

אין יענע טעג, ווען דער בּאָלשעוויסטישער חיל האָט בּאַלאַגערט און בּאָמבּאַרדירט קיעוו, האָט אין שטאָט געהערשט זעהר אַן אומרוהיגע שטימונג. אויף איינגע גאַסן (גרויס־וואַסילקאָווער און אויפן פּאָדאָל) האָט מען שוין אָנגעהויבּן ראַבּירן קלייטן. דעם 20־טן יאַנואַר איז אין דער צענטראַלער ראַדע אריינגעטראָגן געוואָרן אַן אָנפראַגע וועגן די ערוואַרטעטע עקסצעסן קעגן יידן.

---

„די זיצונג הויבּט זיך אָן מיט אַ אינטערפּעלאַציע פון דער ציוניסטישער פראַקציע וועגן דער אַנטיסעמיטישער שטימונג אין שטאָט אין צוזאַמענהאַנג מיט די לעצטע געשעהענישן.

י. שעכטמאַן טרעט אַרויס צו שטיצן די אינטערפּעלאַציע. ער ווייזט אָן, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס צווישן די געפאַנגענע בּאָלשעוויקעס געפינען זיך אויך יידן, איז אין שטאָט געשאַפן געוואָרן זעהר אַ אומרוהיגע שטימונג בּנוגע צו יידן. „דער המון, — זאָגט דער רעדנער, — טייטשט אויס דעם דאָזיגן פאַקט אַלס אַ סימן, אַז די יידן העלפן מיט די בּאָלשעוויקעס. קאָנסטאַטירנדיג ווייטער דעם אַלעמען בּאַוואוסטן פאַקט, אַז דער בּאָלשעוויזם איז אַן אַלגעמיינע ערשיינונג בּיי אַלע פעלקער און ניט נאָר בּיי יידן, פאָדערט שעכטמאַן, אַז די צענטראַלע ראַדע זאָל אין איר נאָמען אַרויסלאָזן צו דער בּאַפעלקערונג אַן אויפרוף, וועלכער זאָל בּאַרוהיגן די אויפגערודערטע שטימונג אין שטאָט.

ד. מאַרטאָס (אוקר. ס. ד.) זאָגט זיך אַרויס קעגן דעם, אַז מ׳זאָל אַרויסלאָזן אַן אויפרוף. מאַרטאָס בּאַשולדיגט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין דעם, אַז זיי האָבּן ניט גענוג ענערגיש געשטיצט די ראַדע אין איר קאַמף מיט די בּאָלשעוויקעס. בּאַ־

זונדערס שאַרף טרעט ער אַרויס קעגן דעם „בּונד“, וועלכער פירט, לויט זיינע ווערטער, אַ צוויי=פּנימדיגע פּאָליטיק בּנוגע צו דער ראַדע.

ה. סטעפּאַנענקאָ (אוקר. ס. ר.) זאָגט, אַז ס׳וואָלט פיל צוועקמעסיגער געווען, ווען די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן וואָלטן אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף וועגן שטיצן די ראַדע. דאָס וואָלט געווען דער בּעסטער ענטפער קעגן די אַלע בּאַאומרוהיגנדע קלאַנגען. זיי מוזן קלאָר זאָגן מיט וועמען זיי גייען.

מ. ליבּער („בּונד“), זעהר אויפגערעגט: דער „בּונד“ האָט שטענדיג געקעמפט ענערגיש קעגן דעם בּאָלשעוויזם. פאַרקערט אָבּער, דוקא די אוקראַאינישע סאָציאַליסטן זיינען פריער געגאַנגען האַנט=בּיי=האַנט מיט די רוסישע בּאָלשעוויקעס. אַרויסלאָזן אַ בּאַזונדערן אויפרוף וואָלט געהייסן בּאַווייזן, אַז מיר האָבּן זיך דערשראָקן.

פון די בּענק פון די אוקראַאינישע פּאַרטייען הערט זיך אַ גאַנצע רייע פּראָוואָקאַציעס קעגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן...

עס קומט פאָר אַ שאַרפער דיאַלאָג צווישן די פאָרשטייער פון די פאַרשיידענע פּאַרטייען. אַזוי, למשל, בּאַשטעטיגט דער פאָרשטייער פון „פּועלי=ציון“, אַז אין פּאָלטאַווע האָט ער אינם אַרבּעטער=ראַט געשטיצט די ראַדע — און די אוקר. ס. ר. זיינען געווען קעגן איר.

די אינטערפּעלאַציע פון די ציוניסטן ווערט אונטערשטיצט פון די רוסישע פאָלקסאָציאַליסטן (די רעדע פון ה. גאַנקין). אויך דער פאָרשטייער פון די רוסישע ס. ר־ן (ריכטער) האַלט, אַז אין דעם פּונקט דאַרף אַרויסגעלאָזט ווערן אַן אויפרוף צו דער בּאַפעלקערונג.

י. שעכטמאַן ענטפערט אָפּ די אוקראַאינישע סאָציאַליסטן. די יידישע בּאַפעלקערונג און די ציוניסטישע פראַקציע, — זאָגט דער רעדנער, — האָבּן געהאַט דאָס רעכט צו בּאַציהן זיך קריטיש צו איינצעלנע אַקטן פון דער ראַדע. אין אַלגעמיין אָבּער זיינען זיי אין קאַמף פון דער ראַדע מיט די בּאָלשעוויקעס שטענדיג געוועזן אויף דער זייט פון דער ראַדע. די אַנטיסעמיטישע שטימונג מוז דערשטיקט ווערן מיט אַלע מיטלען.

די אוקראַאינישע ס. ר־ן טראָגן אַריין אַ פאָרשלאַג, אַז דער אויפרוף זאָל אַרויסגעלאָזט ווערן פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

„דער טעלעגראַף“ № 16, פונם 24 יאַנואַר 1918.

---

II

**די מפּלה פון דער אוקראַאינישער ראַדע און די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.**

(די צייט פון בּאָלשעוויסטישן אָנגריף אויף קיעוו, יאַנואַר 1918).

...„די רוסישע און יידישע אַרבּעטער האָבּן, אונטער דער ווירקונג פון דער בּאָלשעוויסטישער אַגיטאַציע, אויפגעהויבּן אַן אויפשטאַנד אין קיעוו גופא. און דער

רעכטער, אַנטי־באָלשעוויסטישער טייל פון דער רוסיש־יידישער אַרבעטער־מאַסע, וועלכער איז נאָכגעגאַנגען נאָך די רוסישע ס. ד. „מענשעוויקעס", נאָך די רעכטע ס. ר'ן און נאָך „בונד", האָט פשוט ניט געוואָלט פאַרטיידיגן קיעוו. די ראַפּעסעס, באַלאַבאַנאָווס און סקלאָווקים — די דאָזיגע אויסגעשפּראָכנסטע געגנער פון די באָלשעוויקעס אין צענטראַלער ראַדע — זיינען איצט געשטאַנען אָן אַ זייט און לחלוטין ניט געטראַכט מיט עפּעס צו העלפן דער אוקראַינישער מאַכט אין פאַרטיידיגן קיעוו. דער „נייטראַליטעט פון די מינדערהייטן" האָט געמאַכט זעהר אַ שווערן איינדרוק אויף דער אוקראַינישער דעמאָקראַטיע. אויף דער אָנפראַגע פון מ. פאָרש (אוקראַינישער ס. ד.) אין צענטראַלער ראַדע אין די ערשטע טעג, ווען קיעוו איז געווען באַלאַגערט, פאַרוואָס שיקן ניט די רוסישע ס. ר'ן און דער „בונד" זייערע פאַרטייאישע קאַמפּס־דרוזשינעס צו פאַרטיידיגן קיעוו, האָבן די „מינדערהייטן" געענטפערט, אַז זייערע דרוזשינעס האָבן בלומרשט ניט קיין געווער. און אַז מ'האָט זיי אָנגעוויזן, אַז אינם קריגס־מיניסטעריום קען מען באַקומען געווער די והותר, האָבן די „מינדערהייטן" אויף דעם גאָר ניט געענטפערט. פאַר אַלעמען אין די אויגן איז פאָרגעקומען די צוטיילונג פון די קיעווער אַרבעטער און אינטעליגענץ אויף צוויי לאַגערן, ניט אַזוי לויטן קלאַסן־ און סאָציאַלן סימן, ווי לויט דעם נאַציאָנאַלן: אויף איין זייט האָט זיך געבילדעט דער אַנטיאוקראַינישער לאַגער, אויף דער צווייטער האָבן זיך אַלץ מער און מער איזאָלירט און פאַרקלענערט די כחות פון דער אוקראַינישער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע.

...און אַז די אוקראַינישע רעגירונג איז אַנטלאָפן קיין זשיטאָמיר נאָכן פאַלן פון קיעוו, איז קיינער פון די „מינדערהייטן" מיט דער רעגירונג פון דער אוקראַינער פאָלקס־רעפּובליק ניט מיטגעגאַנגען".

П. Христюк, „Замітки і матеріяли до історії українскої революції"
1921, באַנד II, זייטע 126.

---

## III

## די דעלעגאַציע פון קיעווער שטאָט־דומע צו דער אוקראַינישער אַרמיי.

(פון מ. ראַפּעסעס באַריכט).

די לעצטע טעג פון פעברואַר 1918, ווען די דייטש־אוקראַינישע חילות האָבן מנצח געווען די באָלשעוויקעס און די אוקראַינישע אַרמיי האָט געהאַלטן ביים אַריינטרעטן צוריק אין קיעוו, האָט די קיעווער שטאָט־דומע באַשלאָסן אַנטקעגנצושיקן דער אוקראַינישער אַרמיי אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע מיטן צוועק צו באַקאָנען מיט דער לאַגע אין שטאָט און בעטן, אַז מ'זאָל זיך אָפּהאַלטן פון פּאָליטישער נקמה, ווייל ס'זיינען דערגאַנגען קלאַנגען וועגן דער איפגערעגטער שטימונג, וואָס הערשט צווישן די אוקראַינישע קאָזאַקן, באַזונדערס בנוגע צו יידן.

די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער נאָר פון די סאָציאַליסטישע פראַק־ציעס פון דומע. אין איר האָבן אָנטייל גענומען: א. אַלעקסעיעוו — ס.־ד. „מענ־שעוויק", נ. פוכטינסקי — רוסישער ס.־ר., א. פעשטשענקאָ־טשאָפּאָווסקי — אוקר. ס.־פּ., ל. טשיקאַלענקאָ — אוקר. ס.־ד. און מ. ראַפעס — פאָרשטייער פון „בונד".

מ. ראַפעס האָט אין אַ אויספירליכן באַריכט באַקאַנט געמאַכט מיט די רעזולטאַטן פון דער נסיעה. מיר נעמען אַרויס פונם באַריכט די מער וויכטיגערע טיילן וועגן דער שטימונג פונם אוקראַיִנישן חיל.

---

דער באַריכט דערציילט וועגן די גרויסע מאַטערנישן, וואָס די דעלעגאַציע איז אויסגעשטאַנען, ביז זי איז דעם 1־טן מערץ געקומען אין אַ פאַרבינדונג מיט דער אוקראַיִנישער אַוואַנגאַרד־אָפּטיילונג פון גענעראַל פריסאָווסקי.

אַז די סאָלדאַטן אין וועג האָבן דערהערט, אַז די דעלעגאַציע איז געקומען בעטן, אַז ס'זאָלן ניט דערלאָזן ווערן קיין עקסצעסן אין שטאָט, האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען:

„— מיר וועלן זיך אָפּרעכענען, אָפּרעכענען אָהן רחמנות".

„— זעה נאָר, די דומע האָט געשיקט בלויז זשידעס!" (אין דער דעלעגאַציע, אויסער ראַפעסן, זיינען מער קיין יידן ניט געווען).

די דעלעגאַציע איז אָפּגעפאָרן ווייטער. דער מחבר פון באַריכט דערציילט:

...„מ'פירט אונז אַריין אין אַ שטוב פון דאָרף ראָמאַנאָווקע. דאָרט זיצט אַן אָפיצער. דאָס צימער איז פול מיט סאָלדאַטן. די סאָלדאַטן ווייזן ניט אַרויס קיין באַזונדערע דיסציפּלין, זיי מישן זיך אַריין אין שמועס, שטעלן אַריין ניפּטינע און בייזע ווערטלאַך.

אויך דאָ רוקן מיר אַרויס אויפן ערשטן פּלאַן אונזערע אוקראַיִנער. טשיקאַלענקאָ שטעלט פאָר די מיטגלידער פון ראַדע און באַקומט דעם ערשטן בייזן ענטפער פון אָפיצער:

— פאַרוואָס זיינען די דאָזיגע מיטגלידער פון ראַדע ניט אַוועקגעגאַנגען מיט דער רעגירונג, ווען זי איז אַוועקגעפאָרן אין זשיטאָמיר?

די דאָזיגע באַמערקונג, וואָס האָט אַנטהאַלטן אין זיך אַ וואונק אויף פאַרראַט, האָט אויפגעבראַכט טשיקאַלענקאָן און ער האָט אין אַ שאַרפער פאָרם געענטפערט:

— און פאַרוואָס זייט איר אַלע אַזוי גיך אַוועק פון קיעוו, אַז איר האָט אפילו ניט דערוויזן צו לאָזן וויסן אַלעמען וועגן אייער אַוועקפאָרן, און האָט זאָגאַר פאַרלאָרן די מיניסטאָרן אין קיעוו? מיר אַלע זאַלבאַדריט זיינען אַוועק פון דער לעצטער זיצונג אונטער אַ האָגל פון קוילן".

די דעלעגאַציע ניט איבער די רעזאָלוציע, וואָס די קיעווער שטאָט־דומע האָט אָנגענומען.

...„ווען עס ווערט געלעזן דער צווייטער פונקט וועגן אַן אַלגעמיינער אַמניסטיע, ווערט די שטובֿ פאַרהילכט פון גאַנץ אומצווייטייטיגע אויסגעשרייען, פול מיט פאַרביטערקייט, מיט דורשט נאָך נקמה. אין זיי פילט זיך דער גאַנצער צאָרן פון דער דאָזיגער קליינער צאָל סאָלדאַטן, וואָס זיינען געבליבן טריי דער רעגירונג פון דער אוקראַינישער פאָלקס-רעפובליק און זיינען אַזוי שטאַרק באַליידיגט געוואָרן דעם 25-טן יאַנואַר (דער טאָג, ווען די ראַדע האָט פאַרלאָזן קיעוו).

— יאָ, אין דער שטאָט-דומע זיצן נאָר בונדיסטן.

— איך וועל אַליין אויסקוילענען ניט ווייניער ווי 50.

— אַ האַלבע שטאָט, אַלע זשידעס דאַרף מען אויסשחטן.

מיר טרעטן ניט אַריין אין קיין ויכוח. די שטימונג איז צו באַשטימט“...

דעם זעלביגן טאָג האָט די דעלעגאַציע באַזוכט דעם גענעראַל פריסאָווסקי אינם סאַלאָן-וואַגאָן פון שטאַב אויף דער סטאַנציע בוטשאַ. בעת מען האָט אים פאַרגעלייענט די רעזאָלוציע, וואו ס'ווערט גערעדט וועגן אַמניסטיע און וועגן פאַרהערן זעלבסטגעריכטן, האָט גענ. פריסאָווסקי געענטפערט:

— „איך וועל פון אייך קיין זאַך ניט באַהאַלטן און ניט שאַפן ביי אייך קיין אילוזיעס. די לאַגע איז אין דעם פרט זעהר ערנסט. מיין אָפטיילונג באַשטייט הויפטזאַכליך פון אָפיצערן, פאַר 90 פראָצ. פון זיי בין איך ערב. אמת, לויט דער היינטיגער צייט האַלט מען אונז פאַר קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן, נאָר ביי אונז איז דאָ איבערגעבנהייט צו דער זאַך און דיסציפלין. איך בין זיכער, איך וועל באַפוילן — און אַלץ וועט זיין אין אָרדנונג, קיין שום עקסצעסן וועלן ניט זיין. עס זיינען אָבער, צום ביישפיל, דאָ אין מיין אָפטיילונג 10 פראָצענט, וואָס קיינער קען פאַר זיי ניט ערב זיין. נאָך ערגער איז די לאַגע אין דער אָפטיילונג, וואָס עס פירט איצט אין קיעוו פעטליורע, זי באַשטייט פון היידאַמאַקעס. די פאַרביטערקייט און דער דורשט נאָך נקמה זיינען דאָרט זעהר גרויס. אַ סך האַס איז דאָרט דאָ אויפן באָדן פון דער באַשולדיגונג, אַז די יידן האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דעם באָלשעוויסטישן אויפשטאַנד. די דאָזיגע לאַגע האָט באַאומרוהיגט אויך די רעגירונג. מיר האָבן גערעדט וועגן דעם אַ שמועס מיטן פאָרזיצער פון מיניסטאָרן-ראַט און אויסגעזוכט מיטלען, ווי אויסצומיידן עקסצעסן אין שטאָט, וואָס האָט ניט לאַנג איבערגעלעבט אַזאַ שרעקליכע באָמבאַרדירונג“...

...„אין דער צייט פון די דאָזיגע שמועסן אין בוטשע, וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ עכטן מיטינג, אין וועלכן ס'האָבן אָנטייל גענומען אויך ניט קיין סך אייזענבאַן-אַרבעטער פון בוטשע, איז דאָס בילד פון די שטימונגען פולשטענדיג קלאָר געוואָרן: דער דורשט זיך אָפצורעכענען און נוקם זיין זיך פאַר דער באַליידיגונג און שאַנד, וואָס די דאָזיגע קליינע צאָל סאָלדאַטן האָט געמוזט פאַרלאָזן קיעוו, — איז בלויז איין מאָמענט. דער דורשט פון נקמה האָט באַקומען אַ גאַנץ איינזייטיגן כאַראַקטער. ער איז עפּעס אינגאַנצן געווענדעט קעגן יידן, איז דייטליך אַנטיסעמיטיש. דאָס איז אָבער אַן אַנטיסעמיטיזם פון אַ ריין-פאָליטישער אָפשטאַמונג“...

...„איך וועל בלויז ברענגען דעם מער כאַראַקטעריסטישן שמועס.

די סאָלדאַטן ווילן ניט גלויבן, אַז אַלע באָלשעוויקעס זיינען אַוועק.

— ניין, זיי זיינען געבליבן און מיינען, אַז מען וועט זיי ניט דערקענען. מיר האָבן אָבער עס געזאָגט אונזער שפּיאָנאַזש, ס׳זיינען פאַראַן די ליסטן, אַרום 4000 מענשן. און פון אַלעמען וועלן מיר מאַכן אַ תּל. דאָס זעלבע איז געווען אין באַרדיטשעוו, מען האָט אַלעמען דערקענט.

— פאַרוואָס זיינען דאָס דאָ, אין בוטשע, די ערשטע שפּיאָנען פון די באָלשעוויקעס, וואָס מיר האָבן באַגעגנט, געווען יידן?

— ס׳האַלטן אַ ביקס — סרול און מאָשקע: איך בין אַ „רויטער גוואַרדייעץ“

— מיר וועלן זיי שוין ווייזן!

— איר זעהט, הער (ניט חבר, נאָר הער) ראַפּעס, איך האָב צעהן קוילן, אַזוי פיל האָב איך אָפּגעלייגט, מער וויל איך ניט — אַלע צעהן קענן יידן.

— איר זעהט, — זאָגט אַ צווייטער, — מיין קוילן-רענצל, דאָ איז ביי 30 שטיק, עס זיינען אָבער פאַראַן נאָך, אַלע קוילן וועל איך אויסשיסן. ווען מיר וועלן אייך טרעפן אין שטאָט, וועלן מיר אויך אייך שיסן“...

אַ טייל פון דער דעלעגאַציע האָט זיך געלאָזט פאָרן צו פּעטליורען. אויפן וועג האָט מ. ראַפּעס פאַרפירט אַ שמועס מיט אַ „ווילני קאָזאַק“, וועלכער איז מיט דער דעלעגאַציע מיטגעפאָרן.

...„איך וויל זיך דערוויסן, וואָס איז געווען אין באַרדיטשעוו און אין זשיטאָמיר. שוין פון אייניגע אָנצוהערענישן האָט מען נעקאָנט פאַרשטיין, אַז דאָרט האָט מען זיך גרויזאַם נוקם געווען. און באַרדיטשעוו איז דאָך קוים אויף אַ האָר שולדיג אין די באָלשעוויסטישע חטאים. די באַרדיטשעווער דומע, ווי מען האָט איבערגעגעבן, האָט אָפּילו באַגריסט דעם פערטן אוניווערסאַל — די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן ניט געוואוסט וועגן דער פּאָזיציע פון די צענטרן. דער אַרבעטער-ראַט איז אַן אַנטי-באָלשעוויסטישער, כּמעט דער איינציגער אין רוסלאַנד, וואָס האָט באַקומען פון באָלשעוויסטישן שטאַב אַ קאָמיסאַר איבער זיך. די באָלשעוויקעס זיינען דאָרט געווען פון אַ דייטשליך אָקופּאַציאָנס-כאַראַקטער; ס׳איז געקומען אַהין דער שטאַב פון באָלשעוויסטישן חיל און האָט אָנגעהויבן בעל-הביתעווען. ס׳איז גלייך ערקלערט געוואָרן, אַז דער ראַט פון אַרבעטער- און סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן אַנטשפּרעכט ניט די שטימונגען פון די וויילער, און עס זיינען באַשטימט געוואָרן נייע וואַלען, וועלכע זיינען דורכגעפאַנגען אונטער דעם אַנטי-באָלשעוויסטישן לאָזונג: איבערנעמען די מאַכט. אויך די שטאָט-דומע האָט אָנגענומען אַ שאַרפע רעזאָלוציע קעגן די פּרובן פון די באָלשעוויקעס צו פאַרכאַפּן די מאַכט. וואָס-זשע האָט באַדייט דעם קאָמענדאַנטס באַמערקונג, אַז מ׳האָט אין באַרדיטשעוו אונטערגעטראָגן די באָלשעוויקעס פינף מיליאָן? קיעוו האָט דאָך אויך „אונטערגעטראָגן“ מוראַוויאָוון צעהן מיליאָן, אָבער דאָ ווייסן אַלע, ווי דאָס איז פאָרגעקומען. צי איז די אָנגעקומענע אוקראַינער מאַכט ניט שלעכט אינפאָרמירט וועגן די אומשטאַנדן, ביי וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן באַקומען די באַרדיטשעווער פינף מיליאָן, אויב זיי האָבן דאָס טאַקע באַקומען?

— יאָ, אין באַרדיטשעוו זיינען פיל באַשטראָפט געווען. דער שלאַכט איז דאָרט פאָרגעקומען אין די גאַסן"...

אויפן וועג האָט זיך דער אַוטאָמאָביל פון דער דעלעגאַציע צוליב אַ סבה פאַרהאַלטן. אויף דעם אָרט, וואו ער איז געבליבן שטיין, האָבן די אוקראַינער סאָלדאַטן געפירט די זעלביגע שמועסן, פול מיט כעס און האַס.

...איין סאָלדאַט זאָגט:

— ווען מיר זיינען אָפּגעטראָטן אויף פּאָדאָל, האָבן מיר אין יעדער יידיש הויז געפונען אַ פּולעמיאָט, פון וועלכע מען האָט אין אונז געשאָסן"...

אין אַן אַנדער אָרט צווישן די סאָלדאַטן:

..."דער דורשט פון נקמה איז אויך דאָ געווען אויסערסט שטאַרק.

— צוועלף טעג בין איך געגאַנגען צופוס פון קיעוו קיין זשיטאָמיר. מיר וועלן זיך איצט אָפּרעכענען דערפאַר (האָט אַ סאָלדאַט געזאָגט).

איך פּרוב זיי איבערציינגן דאָ, אַז די דאָזיגע בלוטיגע קרבנות זיינען נוצלאָז, אומזיסט, דאָס ווירקט אָבער ווייניג אויף זיי.

— נו, וויפיל, — זאָג איך זיי, — קענט איר אַלע צוזאַמען אויסהרגענען מענשן אין קיעוו? נו — 500 מענשן, ניט מער?

— ניין, ס'איז ווינציג, — שרייט איינער אויס.

— נו, טויזנט, — זאָג איך.

די דאָזיגע צאָל באַפרידינט, ווייזט אויס, מער".

איינער פון די סאָלדאַטן זאָגט:

"— מיר האָבן געלעבט מיט די יידן אין שלום און פריינטשאַפט, "מיר" האָבן זיי "געגעבן" גלייכבירגערטום, די נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלע אַוטאָנאָמיע. אָבער דאָס איז זיי אַלץ ווייניג, זיי האָבן געוואָלט נאָכן אוקראַינע פאַרכאַפּן אין זייערע הענט. דער "זשיד" טראָצקי גייט אין מלחמה אויף אוקראַינע און ס'האַלטן אים אונטער אַלע יידישע קאַפּיטאַליסטן. די זשידעס האָבן שוין איין מלוכה אומגעבראַכט — די רוסישע, איצט ווילן זיי צעשטערן די צווייטע מלוכה — די אוקראַינער".

..."די אַנטיסעמיטישע געשרייען ווערן פאַרגעזעצט.

— אַלע דריי מיליאָן "זשידעס" דאַרף מען אַרויסטרייבן פון אוקראַינע, זאָלן זיי זיך גיין, וואוהין זיי ווילן.

און לסוף ווערט שוין אָפן געברויכט די פאַרשאָלטענע פראַזע פון אַלע נאַציאָנאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט:

— אוקראַינע פאַר אוקראַינער!

— איז דאָס ניט קיין חרפה, אַז אין קיעוו, אין הויפּט-שטאָט פון אוקראַינע, איז דער שטאָט-גאָלאָוואַ עפּעס אַ "קאַצאַפּ" — ריאַבצאָוו.

..."אָפּן פאַרטיידיגן די יידן, פּראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס ס'גרייט זיך דאָ אין דער אוקראַינער אַרמיי אַ פּאָגראָם אויף יידן, איז קיינער ניט אַרויסגעטראָטן, אויסער

ח׳ טשיקאַלענקאָן, וועלכער האָט, דוכט מיר, קיינמאָל אַזוי ניט געפילט די איינזאַמקייט פון אַ אוקראַאינישן סאָציאַליסט, ווי דאָ.

ווען מיר זיינען געפאָרן ווייטער, האָבן מיר זיך געטיילט מיט די איינדרוקן מיט ח׳ טשיקאַלענקאָן.

אַלץ די זעלבע ווערטער:

— „זיי ווילן דערשטיקן די פרייהייט פון אוקראַאינע אין יידיש בלוט“.

די דעלעגאַציע האָט זיך נאָך דעם געלאָזט פאָרן צו דעם טייל מיליטער, מיט וועלכן פעטליורע האָט אָנגעפירט.

... „מיר באַקומען די מעגליכקייט זיך דורכצורעדן מיט אים פון אויג צו אויג. מיר ניבן פעטליורען צו פאַרשטיין אַלץ, וואָס מיר האָבן געזעהען און געהערט, און ווייזן אָן אויף דער נויטווענדיגקייט אָנצונעמען געהעריגע מיטלען קענן אַ בלוט־באָד און קעגן אַ פּאָגראָם. מיר רעדן צו אים, ווי צו אַ מיטגליד פון ס.־ד.־פּאַרטיי.

פעטליורע ענטפערט, אַז אויב דער קריגס־מיניסטער וועט אָנגעמען זיין פּלאַן, וואָס ער לייגט אים פאָר, אויסשליסליך צוליב מיליטער־צוועקן, — אויב דאָס מיליטער וועט אַוועקגעשיקט ווערן איבערן דניעפּר צו פאַרפאָלגן די באָלשעוויקעס, וועט דאָס שוין זיין דער בעסטער אויסוועג פון דער לאַגע. ער נעמט זיך ניט אָן גאָר ניט גאַראַנטירן, די שטימונג איז אים באַוואוסט, הגם ער זעהט דאָ נאָר אַ דורשט נאָך נקמה, און ניט קיין אַנטיסעמיטיזם. דעם אַנטיסעמיטיזם איז ער געצווינגט אָפּצולייקענען“.

פון מ. ראַפעסעס בוך, „אויפן שוועל פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע“, קיעוו 1918, זייטן 97—53.

---

IV

## די געשעהענישן אין קיעוו.

(דער צוריקקער פון די אוקראַאינער נאָכן נצחון איבער די באָלשעוויקעס, אָנהויב מערץ 1918).

### 1.

### די שטימונג אין שטאָט

„די שטימונג אין שטאָט איז שרעקליך אָן אומרוהיגע, נאָר באַזונדער געדריקט איז די שטימונג ביי דער יידישער באַפעלקערונג. עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די אוקראַאינצעס ווילן זיך אָפּרעכענען מיט די יידן, ווייל אין קיעוו זיינען געווען צווישן די באָלשעוויקעס אויך יידן. די קלאַנגען האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן שבת, בעת די אוקראַאינער מאַכט איז אַריינגעגאַנגען אין קיעוו. נאָך דעם, ווי די אוקראַאינער סאָלדאַטן זיי־נען אָנגעקומען, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע פּאָגראָם־אַגיטאַציע צווישן זיי. די קיעווער

שטאָט-דומע האָט אָנגענומען אַ באַשלוס פּאָדערן בײַ די פּאָרשטייער פון אוקראַינער מאַכט ניט דערלאָזן צו קיין שום עקסצעסן. דער קאָמענדאַנט פּריסאָווסקי האָט איבערגעגעבן, אַז ער וועט אָננעמען אַלע מיטלען, אַז קיין פּאָגראָם זאָל ניט פּאָרקומען, ניט קוקנדיג וואָס צווישן די אוקראַינער סאָלדאַטן הערשט אַ פּיינטליכע שטימונג קעגן אייניגע טיילן פון דער קיעווער באַפעלקערונג.

שבת האָבן זיך שוין אָבער אָנגעהויבן אומגעזעצליכע רעוויזיעס, אַרעסטן און אויך דערשיסונגען; האָט זיך באַוויזן צווישן די סאָלדאַטן אַ ייד, איז מען באַלד אָנגעפאַלן אויף אים: „זשיד, דו ביסט, מסתמא, אַ זשידאָווסקער קאָמיסאַר?“ און מען האָט אים אַרעסטירט. אַזעלכע פאַלן זיינען פּאָרגעקומען אויף דעם דומע-פּלאַץ, אויף פונדוקלייעווסקי, סאָפּיעווער פּלאַץ, פּאָדאָל און אַנדערע טיילן שטאָט.

אויף דער נאַכט איז שוין באַוואוסט געוואָרן, אַז די אוקראַינער קאָזאַקן האָבן דערשאָסן צוויי אַרבעטער-בונדיסטן, וועלכע זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דעם ווערקשטאַט פון שטאָט-פּאַראַיין, ווי זיינען דערשאָסן געוואָרן נאָך איידער זיי האָבן אַרויסגענומען זייערע דאָקומענטן צו ווייזן ווער זיי זיינען. ביינאַכט זיינען פּאָרגעקומען פיל אַרעסטן און אויך רעוויזיעס צווישן יידן. די אַרעסטירטע יידן פירט מען אַממייסטן אָפּ אין די בענדערער קאַזאַרמעס. זונטאָג אינדערפריה איז די באַוועגונג אויף די גאַסן זעהר אַ קליינע. די גאַסן זיינען כמעט ליידיג פון מענשן. די טראַמוואַיען לויפן פּוסט, און עס הערשט אַ גרויסע פּאַניק. מען גיט איבער קלאַנגען, אַז אויף פּאָדאָל קומט פּאָר אַ יידישער פּאָגראָם. דער קלאַנג, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ פאַלשער, רודערט אויף נאָך מער די יידישע באַפעלקערונג אין קיעוו, און די יידישע איינוואוינער באַהאַלטן זיך אין די הייזער, מורא האָבנדיג אַרויסגיין אויף דער גאַס“.

„נייע צייט“, 29 №, פונם 4-טן מערץ 1918.

2.

## אונטערזוכונגען, אַרעסטן און צעשיסונגען.

„אין דער געביידע פון דער שטאָט-דומע געפינט זיך די גאַנצע צייט די רעזשורסטווע פון דער יידישער קאָמיסיע צו אויספאָרשן די אַרעסטן, אונטערזוכונגען און צעשיסונגען פון די יידן. איינס נאָך דעם אַנדערן ברענגט מען שרעקליכע פאַקטן. מערסטנטייל זיינען די דאָזיגע יידן אומשולדיגע מענשן, וואָס מען האָט אַרעסטירט נאָר דערפאַר, ווייל מען האָט אָנגעוויזן אויף זיי, אַז זיי זיינען געווען באָלשעוויקעס, אַז בײַ זיי האָבן זיך געפונען באָלשעוויקעס און ד. ג. אויף דער גאַס אַרעסטירט מען יידן נאָר דערפאַר, וואָס זיי „זעהען אויס ווי טיפּן פון באָלשעוויקעס“.

די צייטונג רעכנט אויס אַ רייע פאַקטן פון אונטערזוכונגען, אַרעסטן און פאַלן פון פאַרשוואונדענע פּערזאָנען. מיר ברענגען דאָ נאָר אייניגע פון די דאָזיגע פאַקטן.

...„נעכטן, 12 אַזייגער אינדערפריה, איז אַ גרופּע אוקראַינישע סאָלדאַטן־היידאַמאַקעס אָנגעפאַלן אויף דעם הויף נומ. 51 אויף ניזשני־וואל און האָט טראַ־ריזירט דאָס גאַנצע הויז. אין איין קוואַרטאַל האָבן זיי אַוועקגערויבט 9 טויזנט רובל; פּיי דעם אָנפאַל זיינען געוועזן די מיליציאָנערן און האָבן גאָר ניט געטאָן, פון דעם הויז האָט מען זיך געווענדעט אין דער שטאָט־דומע, מען זאָל שיקן אַן אָכראַנע, ווייל די איינ־וואוינער לעבן אין שרעק.

...אויף מעזשינאָרסקער גאַס האָבן קאָזאַקן אַרעסטירט דעם מיטגליד פון דער יידישער קהלה ל. קאזוליעץ מיט זיין מוטער און שוואָגער. קאזוליעץ איז אָפּגעפירט געוואָרן אין פלאָצקער ראַיאָן, וואו מען האָט אים פאַר אַלעמען אין די אויגן שטאַרק גע־שלאָגן און, צונעמענדיג ביי אים אויסלייז־געלט 50 רובל, האָבן זיי אים אָפּגעלאָזט.

אויף ניזשני־וואל זיינען פון 1 אַזייגער ביינאַכט אַרומגעפאָרן רייטער היידאַמאַקעס אין דעם ראַיאָן פון נומער 51 ביז 63 און באַפאַלן די יידן, שלאָגנדיג זיי מיט נאַגאַיקעס, שווערדן און ד. ג.

די היידאַמאַקעס האָבן דערביי געשריען: „מיר וועלן אַלע זשידעס אויסשניידן“.

„נייע צייט“, 30 №, פונם 5־טן מערץ 1918.

---

3.

## ביי דער קאָמיסיע פון די יידישע ראַטמענער.

„די אונטערזוכונגען, אַרעסטן און דערשיסונגען פון יידן אין קיעוו האָבן זיך נאָך ניט אָפּגעשטעלט, ניט קוקנדיג דערויף, וואָס עס ווערן אָנגענומען אַלע מיטלען סיי דורך דער אוקראַינישער מאַכט און סיי דורך דער שטאָט־פאַרוואַלטונג צו אָפּשטעלן די גוואַלדטאַטן. פון גאַנץ פריה האָט די קאָמיסיע צו באַהיטן די שטאָט אָנגעהויבן באַקומען טרויעריגע ידיעות וועגן אָנפאַלן, רויבערייען און אַרעסטן פון יידן. ס'רוב ווערן באַקו־מען אַזעלכע ידיעות פון פאָדאָל, קאָנסטאַנטינאָווער, ניזשני־וואַל, יאַראָסלאַווער און אַנדערע גאַסן. יעדע רגע קלינגט מען צו דער קאָמיסיע מיט בקשות צו העלפן. אין דעם צימער פון דער שטאָט־קאָמיסיע צו באַהיטן די שטאָט, וואו עס דערזשורען די יידישע ראַטמענער און די פאָרשטייער פון דער קיעווער קהלה, קומען פאָר שרעקליכע סצענעס. עס קומען פרויען, קינדער, מענער, סאָלדאַטן, סטודענטן און גיבן איבער וועגן די שרעק־ליכע פאַקטן מיט טרערן אין די אויגן.

עס קומען יידישע דעפּוטאַציעס פון פאַרשיידענע עקן שטאָט, ס'רוב פון פּאָ־דאָל, און בעטן דעם שטאָט־גאָלאָווא קומען צו הילף. „אויב איר וועט גאָרניט טאָן, ווער וועט אונז העלפן, אויב ניט איר?“, וויינט אַן אַלטער ייד פאַר דעם שטאָט־גאָלאָווא. דער שטאָט־גאָלאָווא באַרוהיגט אים און באַמערקט אַלע אָנוועזנדיגע יידן, אַז די שטאָט־פאַרוואַלטונג נעמט אָן אַלע עקסטרא מיטלען צו מאַכן אַ סוף צו די עקסצעסן. „מיר

טוען אַלץ, וואָס איז מעגליך, מיר האָפן, אַז נאָך אַ טאָג צוויי וועט זיך אַלץ באַרוהיקן. די אַלע אַרעסטירטע וועלן באַפרייט ווערן. עס אַרבעט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע 24 שעה אין מעת־לעת, איר מוזט זיך שטאַרקן!" דער ענטפער באַרוהיקט אויף אַ רגע. עס קומען ווייטער אַריין מענשן און גיבן איבער שוידערליכע פאַקטן.

דער שטאָט־גאָלאָווא נעמט אויף די אַלע יידישע דעפּוטאַציעס און באַרוהיקט זיי אַלע, אויף וויפיל נאָר עס איז מעגליך. „היינט, — זאָגט ער, — וועט פּאָדאָל גע־נומען ווערן אין די הענט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. די שמירה וועט זיין אַ שטרענגע, און מיר האָפן דערשטיקן די אָנפאַלן און רויבערייען אויף די יידן".

דער שטאָט־גאָלאָווא בעט די דעפּוטאַציע זיך ווענדן נאָר צו דער שטאָט־קאָ־מיסיע, כּדי די אַרבעט זאָל קאָנצענטרירט ווערן אין איין אָרט.

פאַר דעם נעכטיגן טאָג (4־טן מערץ) האָט די קאָמיסיע פאַררעגיסטרירט עטליכע פאַקטן פון גוואַלדגעריכטן אויף אומשולדיגע יידן, פיל אָנפאַלן און אומגעזעצליכע אָביסקן. (די ציימונג רעכנט אויס די דאָזיגע פאַקטן, מיר גיבן דאָ נאָר איינעגע פון זיי).

... עס איז כּדאי צו באַמערקן, אַז עס אַרבעט אין די אָנפאַלן איינער מ י ל אַ ש ע ו ו־ס ק י, וועלכער מעלדעט זיך פאַר אַן אַטאַמאַן פון דעם „קוריען סמערטי", מיט אַ באַנדע סאָלדאַטן, און ער האָט באַרויבט אויף דומער פּלאַץ נומער 3 עפּשטיינען, די הייזער 61, 65, 67 אויף אַלעקסאַנדראָווער גאַס און אויף מאַריאינסקי־בלאַגאָוועשטשינסקי הויז 33. דערביי האָט דער אַטאַמאַן געשענדעט עטליכע פרויען.

די קאָמיסיע האָט באַקומען די פאָלגנדיגע טרויעריגע ידיעה: אַרום 2 אַזייגער דעם 3 מערץ האָט מען אויף פּאָדאָל געזעהן, ווי עטליכע סאָלדאַטן פירן אַן יידישן סאָל־דאַט צו דעם ברעג פון דניעפּר. דער סאָלדאַט האָט זיך געבעטן רחמים ביי די סאָלדאַטן, מען זאָל אים אָפּלאָזן, מחמת ער האָט אַן אַלטע מוטער און 6 קליינע ברידערלאַך. דאָס האָט ניט געהאָלפן, און שפּעטער מיט אַ שטיקל צייט האָט מען אויף דעם ברעג געפונען זיין טויטן קערפּער.

אויף וולאַדימירער באַרג האָט מען געפונען 2 קערפּער פון די ברידער מייזעל, ביידע שילער, וועלכע זיינען מערדעריש דערהרגעט געוואָרן. שפּעטער האָט מען איבער־געגעבן, אַז אויף האָספּיטאַלער גאַס ליגט אַ טויטער קערפּער ענליך צו אַ יידן. אויף וואָלאָשסקער גאַס, ביי דעם הויז 60, ליגט אַ דערהרגעטער אומבאַקאַנטער ייד. אַזעלכע ידיעות זיינען אָנגעקומען אַ סך פאַר דעם נעכטיגן טאָג.

אויף לוואָווער גאַס נומער 1 זיינען עטליכע „ווילני קאָזאַקן" אַריין צו דעם הויז־וועכטער, אים אַוועקגעפירט און ביי דעם סאָפּיעווער סאָבאָר האָט מען אים שרעקליך געשלאָגן. דער הויז־וועכטער גיט איבער, אַז אין אַ באַזונדער אָרט, אין אַ קאַזאַרמע, פירט מען אָפּ די אַרעסטירטע און דאָרטן פייניגט מען זיי אַכזריותדיג. מען שלאָגט אַזוי, ביז דער קרבן פאַלט אין חלשות. די מערדערייען דאָרט זיינען שרעקליך גרויס, מען שנייט דאָרט אָפּ די הענט, פיס און קעפּ. דער הויז־וועכטער האָט געבעטן עמיצער

זאָל קומען צו אים פון דער קאָמיסיע, און ער וועט איבערגעבן פון פיל שווידערליכע פאַקטן.

...די קאָמיסיע אַרבעט אָהן אַן אויפהער און נעמט אָן אַלע מיטלען, כדי צו ליקווידירן די עקסצעסן אין שטאָט".

„נייע צייט" 31 №, פונם 6־טן מערץ 1918.

---

4.

## אַנטיסעמיטישער טעראָר.

(אין דער קאָמיסיע פון די יידישע ראַטמענער).

„פאַר דעם נעכטיגן טאָג (6־טן מערץ) איז, לויט די ידיעות פון דער קאָמיסיע פון די יידישע ראַטמענער, אַביסל קלענער געוואָרן די צאָל פון די אַרעסטן און גוואַלד־געריכטן איבער די אומשולדיגע יידן אין קיעוו. דאָך איז דער אַנטיסעמיטישער טעראָר אין קיעוו נאָך אַלץ ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן.

...אַרום 1 אַזייגער ניט מען איבער אין דער קאָמיסיע פון די יידישע ראַט־מענער, אַז די ברידער מייזלס לויה גייט פאַרביי דער דומע. אַלע יידישע קלייטן זיינען פאַרמאַכט, און דער גרויסער עולם, וואָס גייט נאָך דער לויה, פאָדערט, מען זאָל פון דער דומע האַלטן אַ פאַר טרייסט־ווערטער פאַרן יידישן עולם. די ראַטמענער פון דער קהלה האָבן געפונען פאַר נויטיג פון דער דומע ניט צו האַלטן קיין שום רעדעס, און די לויה איז זיך אַוועקגעגאַנגען ווייטער.

...איינע אַ יידישע פרוי מירעצקאַיאַ פון דעמיעווקע (קיטאַיעווסקי גאַס, נומ. 4) ברענגט אַ קוויטל, געשריבן אויף רוסיש, וועלכע זי האָט געפונען אַריינגעשטעקט אין דער טיר מיט פאָלגנדן אינהאַלט: „אויף אייער הויז גרייט זיך אַן אָנפאַל; טוט אַלעס כדי די אומשולדיגע קינדער זאָלן ניט אומקומען. טוט ניט נאָך זאַכן, גלויבט מיר". די פרוי דערציילט, אַז אַזאַ מין צעטל האָט באַקומען אויך דער ייד זאַק, וועלכער איז, ווי ס'איז באַוואוסט, דערהרגעט געוואָרן. די פרוי וויינט און בעט הילף. בכלל גיט מען איבער, אַז אויף דעמיעווקע איז דאָ אַ גרויסע באַנדע כוליגאַנעס, און מען האָט שטאַרק מורא פאַר אַ פאָגראָם. די קאָמיסיע איז זיך משתדל, מען זאָל אַהין שיקן אַן אַווטאָמאָ־ביל מיט אַ 20 סאָלדאַטן פאַר אַ שמירה.

אַרום 2 אַזייגער בייטאָג איז מען מודיע אין דער קאָמיסיע, אַז אין נאָס נעבן דער דומע שטייען 2 אָפיצערן און פירן אַן אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע. מען שיקט אַרויס פון דער דומע 2 דעשזורנע אָפיצערן, וועלכע צעטרייבן דעם המון. די אָפיצערן־אַנטיסע־מיטן אָבער זיינען שוין פאַרשוואונדן געוואָרן.

אויף לוקיאַנאָווקע, ניט מען איבער, נייען אַרום פאַרשוינען, וואָס רופן זיך אָן „היידאַמאַקעס" און נעמען אין די יידישע קלייטן אַלץ וואָס זיי ווילן אָהן געלט און זאָגן, אַז אין גיכן וועלן זיי אויסקוילן אַלע יידן און אויך זייערע פריינט — די דייטשן.

דער שומר פון וולאַדימירער בערגל גיט איבער, אַז אויפן בערגל האָט מען דערשאָסן 8 יידן, וועלכע מען האָט אַראָפּגעשלייִדערט פון בערגל. איין קערפּער האָט מען שוין געפונען, די מיליציע זוכט די איבעריגע. אויך אינם צאַרסקי גאָרטן געפינט מען טויטע קערפּערס.

אין קאָמיסיע קומען אַלע מאָל אָן אויפגערעגטע יידן און פאָדערן, אַז די קאָמיסיע זאָל אָננעמען ענערגישע מיטלען קעגן דעם אַנטיסעמיטישן טעראָר, וואָס הערשט אין קיעוו. די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע טוען אַלץ, וואָס זיי קאָנען. ליידער, אויסער השתדלותן, ביטעס, כּדי אויף וויפיל מעגליך קלענער מאַכן דעם דאָזיגן טעראָר, וואָס מיר לעבן איצט איבער, קענען זיי גאָרנישט טאָן".

„נייע צייט" № 33, פונם 8 מערץ 1918.

---

5.

## אין קיעווער שטאָט־דומע.

אויף דער זיצונג פון קיעווער שטאָט־דומע דעם 6 מערץ 1918 איז באַטראַכט געוואָרן דער צושטאַנד אין שטאָט. מיר גיבן דאָ אויסצוגן פון די רעדעס, וואָס האָבן באַרירט די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג.

„ראַטמאַן סירקין: די דומע דאַרף אויפהייבן איר שאַרפסטע פּראָטעסטשטימע קעגן די גוואַלדטאַטן און גוואַלדגעריכטן. די יידישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט אַזוי פיל אויסגעליטן בשעת דער באַלאַגערונג פון שטאָט און באָלשעוויסטישער געפאַנגענשאַפט, איז העכסט אויפגערעגט פון די שוידערהאַפטע מעשים, וואָס ווערן אָפּגעטאָן ספּעציעל איבער דער יידישער באַפעלקערונג. מיר פאָדערן אָנצונעמען די שטרענגסטע מיטלען קעגן די פּאָגראָמען, די גאַנצע פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר זיי פאַלט אויף דער אוקראַינער מיליטער־מאַכט.

ראַטמאַן סוכאָוויך (ס. ר.): די שרעקליכע הריגות אָהן אַ שום געריכט הערן נאָך אַלץ ניט אויף. נאָר אַ קליינע צאָל פון די דערשאָסענע געהערט צו דער רויטער אַרמיי, מערטיילס אָבער איז צו באַמערקן אַ גאַנץ באַשטימטע ערשיינונג: מ'שטעלט אָפּ אַ מענשן אין גאַס און מ'פרעגט אים: „דו ביסט אַ זשיד?" מ'רעוויזירט זיין פּאַס, מ'פירט אים אַוועק — און אויף מאָרגן געפינט מען אים שוין אַ טויטן. הה' ראַטמענער! דאָס איז דאָך שרעקליך, שוידערהאַפט! דאָס קערט אונז אום צו די פינסטערע צייטן פון פּלעוועס רעזשים, צו דער היסטאָרישער דאַטע פון 18־טן אָקטאָבער 1905 יאָר. דאָס שרעקליכע איז ניט נאָר אין דעם, וואָס עטליכע אומבאַוואוסטזיניגע סאָלדאַטן הרגענען אויס אומשולדיגע יידן, נאָר וואָס אָט די גאַנץ בולטע פּאָגראָם־שטימונג אין באַזונדערע מיליטער־טיילן פאַראייניגט זיך מיט דער פּאָגראָם־שטימונג, מיט וועלכע דאָס שוואַרץ־מאהדיגע קיעוו האָט זיך שטענדיג אויסגעצייכנט. די דאָזיגע שטימונג האָט ביז די באָלשעוויסטישע טעג ניט געקענט, ניין, ניט געהאַט די העזה אויפצוהייבן דעם קאָפּ,

און איצט האָט זי אים הויך אויפגעהויבן. די שרעקליכע מעשים הערן ניט אויף. אָקאָרשט האָט מען געמאָלדן, אַז מ'האָט געפונען די פאַרמוטשעטע קערפּערס פון די יונגע־לייט מייזעל, וואָס מ'האָט נעכטן ערגעץ אַוועקגעפירט. די באַפעלקערונג לעבט אין פּאַניק און שרעק פאַר פּאָגראָמען. אַלעמענס בליקן זיינען געווענדעט צו דער דומע, צו אונז קומען דעפּוטאַציעס, ביי אונז בעט מען הילף. דאָס אַלץ דאַרף מען זאָגן דער מאַכט אָפן. ס'מוזן אויפהערן די הפקרדיגע אונטערזוכונגען, אַרעסטן, הריגות פון די פּאָרשטייער פון דער יידישער נאַציע".

„יעוורעיסקאַיאַ מיסל" 14–15 №№, פונם 26־טן מערץ 1918.

---

## די רעזאָלוציע פון שטאָט־דומע קעגן די עקסצעסן.

צום סוף פון דער זיצונג (6־טן מערץ) ווערט אָנגענומען פאָלגנדיגע רעזאָלוציע:

„אויסהערנדיג די מיטטיילונגען וועגן די גוואַלדגעריכטן, צעשיסונגען, רויבע־רייען, גוואַלדטאַטן און ניט־געזעצליכע אונטערזוכונגען, וואָס ווערן געמאַכט דורך פּאַר־שיידענע באַוואָפנטע גרופּעס, באַשטעטיגט די דומע מיט טיפער אויפרעגונג, אַז די דאָזיגע טעטיגקייט באַדעקט מיט שאַנד די שולדיגע און פאַרשוואַרצט די אוקראַינער מאַכט. אין נאָמען פון דער נאַנצער באַפעלקערונג אנערקענט די דומע די פולשטענדיגע נייטיגקייט, אַז די העכערע אוקראַינישע מאַכט דאַרף אָננעמען אַלע ענערגישע און אַנט־שלאָסענע מיטלען, כדי אויפצושטעלן די רוה און אָרדנונג דורך דעם, וואָס זי וועט אַנט־וואָפנען און באַשטראָפן די שולדיגע אין די גוואַלדטאַטן. דער גאַנצער ענין פון באַ־שיצן די שטאָט דאַרף איבערגעגעבן ווערן צו אַ זיכערער און שטאַרקער שטאָט־מיליציע, וואָס שטייט אויפן וואַך פון דער בירגערליכער רוהיגקייט און אויסער יעדן נאַציאָנאַלן און פּאָליטישן קאַמף. אַלערליי ניט־געזעצליכע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן פאַרבאָטן ווערן".

„נייע צייט" 32 №, פונם 7 מערץ 1918.

---

6.

## די ווענדונגען פונם שטאָט־גאָלאָוואַ י. ריאַבצאָוו.

### 1. צום פירער פון די „פרייע קאָזאַקן" אין קיעוו, אַטאַמאַן דאַנטשענקאָ.

„איך בעט אייך, לשם דער צוקונפט פון דער אוקראַינער פאָלקס־רעפּובליק, שטעלט אָפּ די טויט־שטראָפן, וואָס ווערן באַגאַנגען אָהן אַ שום משפּט, שטעלט אָפּ די הפקרדיגע אַרעסטן פון אומשולדיגע בירגער, מיט וועלכע אייערע קאָזאַקן פאַרפינסטערן די טעג, ווען די אוקראַינער מאַכט איז אַריינגעטראָטן אין קיעוו,

די טעג, ווען די שטאָט איז באַפרייט געוואָרן פון באָלשעוויסטישן יאָך. זאָל דער רעפובליקאַנישער געריכט באַשטראָפן די שולדיגע. זעהט, אַז די קאָזאַקן זאָלן אויפהערן פאַרפאָלגן יידן, וואָס ווערן געיאָגט נאָר אויף דעם סמך, וואָס צווישן די באָלשעוויקעס זיינען געווען יידן. יידן זיינען געווען און זיינען איצט פאַראַן צווישן די, וואָס קעמפן קעגן די באָלשעוויקעס, פונקט ווי ס'זיינען געווען אויך אוקראַאינער צווישן די באָלשעוויקעס. און צוליבן פינסטערן נאַציאָנאַלן פאַנאַטיזם קענען ליידן די, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אייך געקעמפט קעגן די באָלשעוויקעס פאַר די באַפרייונג. איך בעט אייך, קלערט אויף די „ווילנע קאָזאַקן“, אַז אויב זיי וועלן ניט אויפהערן פאַרפאָלגן יידן אָהן אַ שום משפט, וועלן מיר בלייבן אָפּהענטיג אין אונזער טאָג־טעגליכער אַרבעט. אַליך וועט זיך אָפּשטעלן. דאָס לעבן וועט אָפּשטאַרבן. עס וועט ווידער קומען די סכנה פון הונגער. די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע וועלן ווידער ניט באַקומען זייערע שכירות, און זייערע משפחות וועלן שרעקליך ליידן. די אוקראַאינישע רעפובליק וועט אַריינפאַלן אין גרויס סכנה. איך בעט אייך, ליקווידירט די בלוטיגע נקמה, פירט איין געזעצליכקייט, אָרדנונג און גיט די בירגער די מעגליכקייט צו פאַרנעמען זיך מיט דער פאַרשטאַרקונג פון מלוכה־אָרדנונג אין דער יונגער דעמאָקראַטישער רעפובליק“.

## 2. צום קריגס־מיניסטער זשוקאָווסקי און צום קיעווער קאָמענדאַנט, גענעראַל פּריסאָווסקי.

„דער פאַרגאַנגענער טאָג, דער טאָג, ווען דאָס אוקראַאינער מיליטער האָט פאַרנומען קיעוו, באַפרייענדיג די באַפעלקערונג פון באָלשעוויסטישן יאָך, איז באַפלעקט געוואָרן מיטן בלוט פון אומשולדיגע קרבנות דורך די הריגות און אַרעסטן פון בירגער, הויפּטזאַכליך יידן. איך בעט אייך, איר זאָלט צו דעם מאַכן אַ סוף. די, וואָס טוען דאָס, גלויבן ניט, מסתמא, אַז דאָס איז די זעלבינע אַנאַרכיע, דער זעלבינער טעראָר, מיט וועלכן די באָלשעוויקעס האָבן געהאַלטן די גאַנצע באַפעלקערונג אין שרעק. מ'מוז דאָך פאַרשטיין, אַז דאָס רייסט אונטער די גאַנצע אַרבעט פון דער יונגער אוקראַאינער רעפובליק. אויב מיר, בירגער, וועלן ניט זיין זיכער מיט אונזער לעבן און האָב, אויב ס'וועט ניט איינגעשטעלט ווערן קיין געזעצליכקייט און אָרדנונג, — וועלן מיר ווידער, ווי אין די צייטן פון באָלשעוויקעס, זיך אָפּשטעלן אין אונזער פּראָדוקטיווער אַרבעט. עס וועט ווידער ניט זיין קיין רוה און מוט, ס'וועט ווידער אָפּשטאַרבן דאָס גאַנצע לעבן, און די רעפובליק וועט זיין אין אַ סכנה, אויב אַלע פּראָדוקטיווע כחות פון לאַנד וועלן פאַראַליזירט ווערן. איצט, ווען מ'מוז אָנשטרענגען מאַקסימום כחות, ווערט מען אָפּהענגיג, ווען מ'הערט וועגן דער בלוטיגער נקמה און די גוואַלדטאַטן איבער אומשולדיגע בירגער. איך בעט אייך, צוליב דער טובה פון לאַנד, מאַכט צו דעם אַ סוף.

י. ריאַבצאָוו“.

„קיעווסקאיא מיסל“, 3-טן מערץ 1918.

## 7.

## צו די אוקראַינער סאָלדאַטן

(אויפרוף פון די קיעווער אוקראַינער דומע־דעפוטאַטן).

„די אוקראַינער דעפוטאַטן פון דער קיעווער שטאָט־דומע, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אויפן דעמאָקראַטישן אופן, זיינען די ווירקליכע פאָרשטייער פון דער נאַנצער אוקראַינער באַפעלקערונג אין קיעוו. איצט באַגריסן מיר אייך, אונזערע באַשיצער פונם באָלשעוויסטישן קולאַק, די באַשיצער פון די רעכט און פרייהייט פונם אוקראַינישן פאָלק.

מיר, קיעווער בירגער, האָבן איבערגעלעבט אין משך פון די דריי וואָכן, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געבעל־הביתעוועט אין שטאָט, זעהר אַ שרעקליכע צייט פון אונטערדריקונג, באַליידיגונג, פחד און זאָרג. אָבער דער דאָזיגער אומגעהערטער אומגליק האָט געטראָפן ניט נאָר אונז אַליין, נאָר אַלע איינוואוינער פון קיעוו: יידן, פאָלאַקן און גרויס־רוסן. דער אַלגעמיינער אומגליק האָט אונז אַלעמען פאַראייניגט, און איצט באַגריסן מיר אייך, חברים קאָזאַקן, פאַר דער פרייהייט, וואָס איר האָט אונז אומגעקערט. אָבער, באַגריסנדיג אייך, בעטן מיר אָפצוהיטן די פרייהייט פון אוקראַינע, פאַר וועלכער איר האָט אַזוי פיל בלוט פאַרגאָסן. היט אָפּ די גלייכהייט און ברודערשאַפט, וואָס די צענטראַלע ראַדע האָט ערקלערט. פאַרפלעקט ניט אוקראַינע מיט גוואַלדנעריכטן און מאַסן־באַליידיגונגען פון די מענשליכע רעכט. מיר גלויבן, אַז די סאָלדאַטן־אוקראַינער היטן אָפּ דעם געבאָט פון זייערע אורעלטערן, אַז דעם ניט באַוואָפנטן שלאָגט מען ניט; מיר גלויבן, אַז איר וועט ניט דערלאָזן צו קיין שום רויבערייען, צו קיין שום באַליידיגונג איבער די אומשולדיגע איינוואוינער, צו אַ וואָסערע נאַציע זיי זאָלן ניט געהערן. איר קעמפט מיטן באָלשעוויזם, וואָס מען האָט אים צו אונז געבראַכט אויף די שפּיזן פון צפון, אָבער איר קעמפט ניט מיט די פעלקער, וואָס וואוינען אויף אוקראַינע און וואָס האָבן קיין שייכות ניט צו דער אַנטוויקלונג פון דעם באָלשעוויזם.

גיט־זשע אויך דער הויפּטשטאָט פון דער פרייער אוקראַינע שלום און רוה, גיט דער קיעווער באַפעלקערונג פרידליך אַרבעטען לטובת דער פרייער אוקראַינער רעפּובליק".

„נייע צייט", 29 №, פונם 4־טן מערץ 1918.

---

## 8.

## צו דער יידישער באַפעלקערונג.

### I. אויפרוף פון די יידישע ראַטמענער פון קיעווער דומע.

„בירגער יידן!

שווערע, טרויעריגע טעג לעבט איצט איבער קיעווער יידישע באַפעלקערונג. קוים זיך באַפרייט פון דעם שרעקליכן בירגער־קריג, וואָס האָט פאַרפלייצט די שטאָט

מיט בלוט און מאָרד, קוים אָפּגעאָטעמט פון דעם באָלשעוויסטישן רויב און גזלה — הויבן אָן אין שטאָט ווידער זיך צו פאַרשפּרייטן מרה־שחורהדיגע קלאַנגען וועגן אַ נייער סכנה, וואָס שוועבט איבער די יידישע קעפּ. אין די אומגליקליכע איבערגאַנגס־צייטן, אין דעם פּאָליטישן בין־השמשות, ווען עס בייט זיך, דורך שפּיז און שווערד, די מלוכה אין לאַנד און די הערשונג גייט איבער פון איין רעגירונג צו דער אַנדערער, — דאַמאָלס קענען פאַרקומען טרויעריגע עקסצעסן און אָנפאַלן פון איינצעלנע מענשן אָדער גרופּעס מיט נידעריגע אינסטינקטן, וואָס נוצן אויס די פינסטערניש צוליב מער־דערישע און רויבערישע צוועקן. און ביי אַזאַ צייט פאַלן יידן אַלס די ערשטע קרבנות.

אין דעם דאָזיגן מאָמענט ווענדן מיר זיך צו אייך, מיר, יידישע גלאַסנע, צו אייער פאַרטרויען געקליבן (?) און ערקלערן אייך:

אַלע אָנפירער פון די וויכטיגע אוקראַאינישע פּאַרטייען פירן אַ סיסטעמאַטישן קאַמף קעגן דער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע פון די שוואַרצע כחות. אַלע רעגירונגס־פאָרשטייער פון דער אוקראַאינישער רעפּובליק — די איינציגע מאַכט איצט אין לאַנד — האָבן געגעבן די בעסטע פאַרזיכערונג, אַז קיין שום פּאָגראָמען וועלן זיי ניט דערלאָזן און אַלע מיטלען וועלן זיי אָננעמען, כדי צו דערדריקן די אַנטיסעמיטישע שטימונג און די פּאָגראָם־אַגיטאַציע, וואָס פינסטערע עלעמענטן באַמיהען זיך צו פאַרשפּרייטן.

די יידישע גלאַסנע, אין לעבעדיגן צוזאַמענבונד מיט דער שטאָט־דומע, האָבן געגרינדעט אַ קאָמיסיע, וואָס שטייט אויף דער וואַך פון די יידישע אינטערעסן. אין אַלע אומגליקליכע פאַלן פון אַרעסטן אָדער אָנפאַלן זאָל זיך די יידישע באַפעלקערונג מיט פולן צוטרויען צו אונז ווענדן. מיר וועלן אָננעמען אַלע מיטלען, כדי צו פאַר־קלענערן דעם צער און העלפן מיט וויפיל מיר וועלן קאָנען.

מיר פאָדערן פון דער יידישער באַפעלקערונג, אַז אָהן דעם וויסן פון דער קאָ־מיסיע זאָל קיינער זיך ניט ווענדן צו קיין שום רעגירונג אָדער מיליטער־פאָרשטייער, כדי ניט צו שטערן אונזער אַרבעט, חוץ דורך דער קאָמיסיע און מיט איר וויסן.

מיר פאָדערן אויף די באַפעלקערונג, זי זאָל ניט פאַרגרעסערן די פּאַניק און דעם שרעק דורך אומבאַגרינדעטע קלאַנגען און ידיעות. אַלץ, וואָס איז דאָ אין דער מענש־ליכער מעגליכקייט, וועט ווערן געטאָן.

די יידישע גלאַסני פון דער קיעווער שטאָט־דומע".

„נייע צייט", 29 №, פונם 4־טן מערץ, 1918.

## II. אויפרוף פון קיעווער קהלה.

דער צייטווייליגער קאָמיטעט פון דער יידישער קהלה האָט ארויסגעלאָזן דעם פאָלגנדן אויפרוף צו דער יידישער באַפעלקערונג אין קיעוו:

„אין אַ שווערן און טרויעריגן מאָמענט ווענדעט זיך צו אייך דער ראַט פון דער קיעווער יידישער קהלה, וואָס איז אויסגעקליבן דורך אייך אַליין, דורך די ברייטע דע־

מאָקראַטישע יידישע פאָלקס־מאַסן, וועמען איר האָט אָנפאַרטרויט דעם שוץ פון אייערע
יידיש־נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

די טעג פון דעם באַפרייונג פון דעם באָלשעוויסטישן יאָך זיינען פאַרפינסטערט
געוואָרן דורך ווילדע אָנפאַלן פון שוואַרצע כחות. דער גיפטיגער שלאַנג פון פאָגראָם־
אַגיטאַציע צעגיסט זיך איבער דער אומגליקליכער שטאָט. אין דעם מאָמענט האַלטן מיר
פאַר אונזער חוב צו ערקלערן: ברידער, זייט וויסן, אַז אין די דאָזיגע שענדליכע אָנפאַלן איז
ניט שולדיג די נייע אוקראַינישע רעגירונגס־מאַכט, וואָס איז ערשט ווידער אַריין אין
שטאָט. מיט אַלע מיטלען באַמיהען זיך די פאַראַנטוואָרטליכע פירער פון די פאָליטישע
אוקראַינישע פאַרטייען צו דערשטיקן די פאָגראָם־שטימונג. אַלע פאָרשטייער פון דער
אוקראַינישער מיליטער־ און רעגירונגס־מאַכט האָבן געגעבן די פעסטע פאַרזיכערונג,
אַז זיי וועלן צו פאָגראָמען ניט דערלאָזן און וועלן שטרענג באַשטראָפן די איינצעלנע
נידערטרעכטיגע רויבער און מערדער, וואָס לאָזן זיך באַהערשן דורך זייערע נידעריגע
אינסטינקטן.

צוזאַמען מיט דער שטאָט־דומע און אין ענגן צוזאַמענבונד מיט איר האָט אונזער
קהלה־ראַט אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע, וואָס האַלט אָפּ אין דומע טאָג און נאַכט דע־
זשורסטוועס. ווענן אַלע אומגליקס־פאַלן ווענדעט זי זיך צו אַלע פאַרטרעטער פון דער
אוקראַינישער מאַכט און באַמיהט זיך מיט אַלע מעגליכקייטן צו העלפן און פאַרגרינ־
גערן דעם צער. צו די מיטגלידער פון דער דאָזיגער קאָמיסיע זאָלן זיך אַלע ווענדן מיטן
פולן צוטרוי.

מיר פאָדערן פון דער יידישער באַפעלקערונג, זי זאָל זיך אָהן דעם וויסן פון דער
קאָמיסיע צו קיין שום רעגירונגס־פאָרשטייער נישט ווענדן. טוט אַלץ דורך דער קאָמיסיע
און מיט איר וויסן.

שווער און טרויעריג איז די איבערגאַנגס־צייט, ווען עס בייטן זיך די מלוכה־
פאָרמען און רעגירונגס־אַפּאַראַטן. אַ סך טרויעריגער און געפערליכער איז זי פאַר אונזער
פאָלק, און די דאָזיגע שווערע צייט פאָדערט אַ באַזונדערן פאָליטישן טאַקט און אַ באַזונ־
דערן פאָרזיכט. פאַרשפרייט ניט קיין פאַניק, טוט נישט קיין שום ניט באַקלערטע שריט,
אין יעדן פאַל ווענדעט זיך צו דער קאָמיסיע“.

„נייע צייט“, № 31, פונם 6־טן מערץ 1918.

---

9.

## די דעפּוטאַציע פון דער קיעווער קהלה־פאַרוואַלטונג ביים פאָרזיצער פון מיניסטאָרן־ראַט.

„איבער די לעצטע געשעהענישן אין קיעוו, וועלכע טראָגן ס׳רוב אַן אַנטיסעמי־
טישן כאַראַקטער, ווי אויך צוליב די פאַרשיידענע קלאַנגען, אַז אין קיעוו גרייט זיך אַן

יידישער פּאָגראָם, האָט דער סעניאָרן־קאָנווענט פון דער קיעווער קהלה־פאַרוואַלטונג באַשלאָסן צו שיקן אַ דעלעגאַציע צום פּאָרזיצער פונם אוקראַאינישן מיניסטאָרן־ראַט, וו. א. גאָלובאָוויטש.

די דעלעגאַציע, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען פאָרשטייער פון אַלע פראַקציעס („פאַראייניגטע" — מ. שאַץ, „בונד" — א. סטראַשון, ציוניסטן — ג. סירקין, „פועלי־ציון" — א. רעוואוצקי, „פאָלקס־פאַרטיי" — יודין) האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם מיניסטער וו. א. גאָלובאָוויטש, באַגריסט די צוריקגעקומענע אוקראַאינישע מאַכט און איבערגעגעבן דעם פאָלגנדן מעמאָראַנדום:

„די פרייליכע טעג פון דעם צוריקקערן זיך פון דער אוקראַאינישער מאַכט אין דער הויפּט־שטאָט פון אוקראַאינע זיינען, צום טיפן באַדויערן, פאַרטונקלט געוואָרן מיט בלוטיגע רציחות, גוואַלדגעריכטן, רויבערייען און גוואַלדטאַטן איבער דער קיעווער יידישער באַפעלקערונג. די אַלע גוואַלדטאַטן, וועלכע טאָרן, בכלל, ניט דערלאָזט ווערן אין אַן אָרגאַניזירטער מלוכה, קומען פאָר כמעט אויסשליסליך נאָכן נאַציאָנאַל־יידישן סימן. עס ווערן צעשאָסן כמעט אויסשליסליך יידן, און דער פּאָגראָם־שטראָם, וועלכער גראָבט שטענדיג אונטער דעם יסוד פון מלוכות און פעלקער, איז אויסשליסליך געווענדעט קעגן דער יידישער נאַציע.

פונם 1־טן ביזן 8־טן מערץ האָט די קאָמיסיע צו פאַרהיטן די שטאָט פאַררעגיסטרירט פאָלגנדע צאָל גוואַלדטאַטן און גוואַלדגעריכטן: דראָהונגען — 19, אַרעסטירטע, וואָס מען ווייס ניט וואו זיי זיינען, — 28, אַרעסטירטע און באַפרייטע — 27, דערהרגעטע — 22, געשלאָגענע — 11, באַרויבטע — 13, צוגענומענע מיט גוואַלט — 5, געשענדעטע — 3 א. ד. ג.

חוץ קליינע אויסנאַמען געהערן די אַלע אומשולדיגע געליטענע צו דער יידישער באַפעלקערונג. דער ראַט פון דער קיעווער יידישער קהלה, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן נאָכן געזעץ פון דער אוקראַאינישער צענטראַלער ראַדע, אויפן יסוד פון דעם דעמאָקראַטישן וואַל־רעכט, אויפגעטרייסלט פון די דאָזיגע אַלע אכזריותן, ווענדעט זיך צו אייך, ווי צום פאָרשטייער פון דער העכערער מאַכט אויף אוקראַאינע, און ערלויבט זיך אייך אָנצעווייזן, אַז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג איז אַרומגענומען מיט פחד און טרויער און זי וואַרט פון אייך, אַז איר זאָלט תיכף באַפוילן און באַלד אָפּשטעלן די דאָזיגע גוואַלדגעריכטן און גוואַלדטאַטן. זי וואַרט אויף סאַמע אָנטשלאָסענע מיטלען אָפּצושטעלן אין וואָרצל די דאָזיגע הימל־שרייענדיגע מעשים און איבערגעבן די שולדיגע צום געזעצליכן געריכט.

די יידישע באַפעלקערונג האָפט, אַז צו דער פּאָגראָם־העצע, וואָס ווערט אונטערגעהאַלטן פון אַלע אויפגעוועקטע פינסטערע כחות און שונאים ניט נאָר פון די יידן, נאָר אויך פון דער פרייער אוקראַאינע און פון אַלע דערגרייכטע פרייהייטן, ווערט מיט דער גאַנצער קראַפט פון דעם מלוכה־אַפּאַראַט, וואָס געפינט זיך אין אייער רשות, באַלד געמאַכט ווערן אַ סוף".

די פֿאָרשטייער פון די סאָציאַליסטישע פראַקציעס האָבן צוגעגעבן, אַז פונם סאָציאַליסטישן שטאַנדפונקט טאָרן אַזוינע פאַלן בשום אופן ניט דערלאָזט ווערן, ווייל זיי ברענגען צו קאָנטר-רעוואָלוציע און סאָציאַלער רעאַקציע.

דער פאָרזיצער פונם מיניסטאָרן-ראַט האָט באַרוהיגט די דעלעגאַציע און ערקלערט, אַז די פאָרגעקומענע איינצעלנע פאַלן האָבן זיך גענומען דערפון, וואָס אין די ערשטע טעג איז נאָך ניט געווען קיין איינגעשטעלטער מלוכה-אַפּאַראַט, אַז אין איצטיגער צייט קומען שוין אַזעלכע פאַלן ניט פאָר און אַז עס זיינען אָנגענומען געוואָרן אַלע מיטלען אויף אונטערצודריקן די אַלע גוואַלדטאַטן.

נאָלובאָוויטש האָט געדאַנקט פאַר דער באַגריסונג פון דער יידישער באַפעלקערונג און פאַרזיכערט די דעלעגאַציע, אַז דער קורס פון דער מלוכה-פּאָליטיק בכלל און אין באַציהונג צו דער יידישער פראַגע בפרט בלייבט דער זעלבער, ער בעט איבערגעבן דער יידישער באַפעלקערונג, אַז עס איז ניטאָ קיין שום גרונט אויף צו באַאומרוהיגן זיך".

„נייע צייט", № 35, פונם 11-טן מערץ 1918.

---

V

„די יידן און דאָס אוקראַינישע מיליטער".

(אַרטיקל פון א. ניקאָווסקי, רעדאַקטאָר פון „נאָווא ראַדאַ". אויסצוג).

... „אויב ביז איצט האָט מען קיינמאָל אין ערגעץ, ניט צווישן דער אוקראַינער אינטעליגענץ, ניט צווישן פּאָליטיש-אַקטיווע פויערטום און ניט אויך אין דער אַרמיי ניט געקענט באַמערקן קיין שום אַנטיסעמיטיזם, און אויב ביז איצט האָט מען דעם יידישן פאָלק ניט חושד געווען אין אַ פיינטליכער באַציהונג צו אונז, — מוז מען קאָנסטאַטירן, אַז איצט האָט זיך גאַנץ בולט באַוויזן אַ פיינטליכע, אפילו אַ געפערליכע שטימונג קעגן יידן. און אָט די שטימונג צעוואַקסט זיך פון טאָג צו טאָג און נעמט אָן זעהר שאַרפע פאָרמען.

... כל זמן עס איז אָנגעגאַנגען אַ פאַפּירענער קאַמף צווישן אונזער מאַכט און די באָלשעוויקעס, האָבן זיך די יידישע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס אַרויסגעזאָגט קעגן די באָלשעוויקעס. אָן אַזאַ טאַקטיק האָט זיך געהאַלטן די יידישע פרעסע, ווי אויך די פרעסע, וואָס ווערט אָנגעפירט פון יידן. עס האָט זיך געדוכט, אַז ווען ס'וועט אויסקומען צו פאַרטיידיגן די הויפּט-שטאָט פון אוקראַינע, וועט דאָס גאַנצע פאָלק זיין אויפן צד פון די פאַרטיידיגער פון קיעוו און וועט זיי העלפן מאָראַליש און פיזיש. וואָס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט? דעם אויפשטאַנד האָבן אָרגאַניזירט די אַרבעטער פון אַרסענאַל, די צאָל זייערע איז געווען זעהר גוט באַוואוסט. ס'איז געווען גאַנץ לייכט צו איזאָלירן זיי אין אַרסענאַל, אַרומרינגלען און צונעמען דאָס געווער. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז זייער צאָל וואַקסט פון טאָג צו טאָג און, בעיקר, די שונאים האָבן זיך באַוויזן אומעטום. אויף די קאָזאַקן, וועלכע האָבן קיינמאָל ניט באַליידיגט די בירגער, וועלכע האָבן

אפילו ניט נעפּאָדערט פאַר זיך קיין ערנערונג־מיטלען, — אויף אָט די קאָזאַקן האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ האָגל פון קוילן פון אַלע הייזער, פון די באַלקאָנען, פון אַלע פענסטערלעך. די שטאָט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אַרמיי פון הונדערטער טויזנטער שונאים. פרויען און קינדער האָבן זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש און פלעגן ברענגען די באַלאַגערטע אין אַרסענאַל עסן און געווער. צו די באָלשעוויקעס האָט זיך איבערגעגנבעט די יידישע יוגנט, מיט צייכנס פון „רויטן־קרייץ" אויף די אַרבל, און האָט זיך נאָכדעם באַוואָפנט מיט ביקסן קעגן די אוקראַינישע קאָזאַקן. דאָס אוקראַינישע מיליטער איז אַריינגעפאַלן אין אַ מויזן־פאַסטקע. אומעטום זיינען זיי געווען אַרומגערינגלט מיט שונאים. אַז די אוקראַינער זיינען געצוואונגען געווען אַוועקצוגיין, האָט זיי „קיעוו" געשאָסן אין רוקן ביזן לעצטן הויז ביי סוויאַטאָשינאָ. צוקוקנדיג זיך צו זייערע שונאים, צו די איינצעלנע און גרופּן־פיינט, האָבן די אוקראַינער זיך קלאָר איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען אויסשליסלעך י י ד י ש ע יוגנט — סטודענטן, גימנאַזיסטן, אַרבעטער...

...די קאָזאַקן זיינען ווידער אַריין אין קיעוו. וואוהין זיינען זיי אַריינגעקומען? ניט מער און ניט ווייניגער, ווי אין אַ פיינטליכער שטאָט.

...אמת, אויך ביי אונז זיינען פאַראַן קאָציובינסקי, נעראָנאָוויטש און קאָסיאַנענקאָ. מיר קעמפן אָבער קעגן זיי. און די יידן? זיי שווייגן ווען אונזער קומען, זיי שהייגן ווען אַלע אָנפאַלן אויף אונז מצד זייערע קרובים און זין, דערפאַר מאַכן זיי אַ ליאַרם איבער אַרעסטן אָהן אָרדערס, אַלע הריגות וואַרפן זיי אויף אונזער קאָפּ, זיי אַגיטירן קעגן דער אוקראַינער מאַכט, און אַגב אורחא זאָגן זיי זיך ניט אָפּ פון אַ פאַרדינסטל אַרום די דייטשן...

...דאָרטן (אין פאַרלאַמענט) זיינען נאָר ווערטער, און אויף האַסילקאָווער גאַס טוען זיך אָפּ אַזעלכע מעשים, אַז אויף יעדער שריט און טריט דאַרף מען זיך אַרומקוקן, זאָלסט ניט כאַפּן אַזוי גלאַט אַ קויל, וואָס די נאַציאָנאַלע מינדערהייט האָט אין דיר אויסגעשאָסן. דאָס יידנטום באַהאַלט זיך הינטער די פּלייצעס פון דער דומע, פון דער פּרעסע, דירעקט האָט עס אָבער גאָרניט געזאָגט, רעאַגירט ניט אויף די אַלע באַשולדיגונגען מצד די קאָזאַקן און אוקראַינער אינטעליגענץ. און קיעווער יידנטום האָט דאָך אַריבער 40 געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס. פאַרוואָס שווייגן זיי, די אַלע אָרגאַניזאַציעס? פאַרוואָס פּראָטעסטירן זיי ניט? פאַרוואָס ערקלערן זיי, די יידן, ניט, אַז זיי זיינען אויך בירגער פון דער אוקראַינער רעפּובליק, און פּראָטעסטירן ניט מיט אַלע כוחות קעגן דעם פאָרוואורף, אַז די אוקראַינער סאָלדאַטן קענען זיך פירן ווי באָלשעוויקעס? פאַרוואָס האָבן זיי ביז איצט ניט ערקלערט, אַז די אַלע קרייצבערגס, רייכשטיינס און טשודנאָווסקים זיינען פאַררעטער פון דער אוקראַינער מלוכה און יידישן פאָלק? אויף אַזאַ אופן איז דאָך ביי דער אוקראַינער אַרמיי געבליבן דער איינדרוק, אַז די קיעווער דומע האָט ביים אָנקומען פון די באָלשעוויקעס באַגריסט דעם „איינהייטליכן רעוואָלוציע־פראָנט". און אין דער זעלביגער צייט, ווען די קרייצבערגס האָבן אַרויסגעגעבן זייערע פינאַנציעלע פאַראָרדנונגען, האָבן זייערע טאַטעס אַרום קאַפע סעמאַדעני ספּעקולירט מיט אוקראַינישע געלט. די רויט־גוואַרדייער, וואָס זיינען מערסטנטייל באַשטאַנען פון

יידן, האָבן באַשאָסן אוקראַינער נאָר דערפאַר, וואָס זיי זיינען אוקראַינער, און זייערע פאָטערס און ברידער האָבן אָנגעוויזן, וואו ווער פון די אוקראַינער ס׳באַהאַלט זיך אויס, ווער וואָס ס׳איז געווען בעת דער „ממשלה“ פון די אוקראַינער. די באָלשעוויקעס האָבן ראַבירט די קיעווער באַפעלקערונג, און די זעלבינע באַפעלקערונג, און מער פון אַלעמען יידן, האָבן זיך געפרייט, וואָס דאָס ראַבירן באָלשעוויקעס, אַבי ניט אוקראַינער“.

ציט. לויט „יעווריעיסקאיא מיסל“, 16 №,
פונם 1־טן אַפּריל 1918, „די ערשטע התראה“.

---

## VI

## די אָנפראַגע אין קליינער ראַדע וועגן די געשעהענישן אין באַרדיטשעוו.
(פעברואַר 1918).

„אויף דער זיצונג פון דער קליינער ראַדע דעם 3־טן מערץ (וועלכע האָט זיך דאַן געפונען אין זשיטאָמיר) האָט דער פאָרשטייער פון „בונד“ אין צענטראַלער ראַדע, ח׳ ליפעץ, אויפגעהויבן די פראַגע וועגן דער לאַגע אין באַרדיטשעוו. ער האָט אָנגעוויזן, אַז צוליב דער ניי־געשאַפענער לאַגע האַלט ער פאַר אוממעגליך אַרויסטרעטן, אַלס אַ פולמעכטיגער פאָרשטייער פון „בונד“ אין דער קליינער ראַדע, און אַז ער זיצט דאָ צוליב אינפאָרמאַציאָנס צילן. ער האָט זיך באַגרעניצט נאָר מיט איבערגעבן דעם עצם פון דער זאַך — די אָנפראַגע וועגן דעם ענין האָט אַריינגעטראָגן די אוקראַינישע ס.־ד. פראַקציע.

אין דער אָנפראַגע ווערט געזאָגט: „די אוקראַינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע אונטערשטיצט די אָנפראַגע אויפן סמך פון די ידיעות, וואָס דער פאָרשטייער פון „בונד“, חבר ד. ליפעץ, האָט אָנגעגעבן, וועגן די רעפרעסיעס אין באַרדיטשעוו, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט אין אַ רייע שטרענגע באַפעלן, וואָס דראָהען מיט דערשיסן און טויט־שטראָפן און, ענדליך, מיט אַ שטראָף פון פינף מיליאָן רובל, וואָס ווערט אַרויפגעלייגט אויף באַרדיטשעוו פאַרן כלומרשטן מיטפילן די באָלשעוויקעס. די אוקראַינער ס.־ד. פראַקציע בעט דעם ראַט פון די פאָלקס־מיניסטאָרן תיכף זיך נעמען אויספאָרשן די געשעהענישן אין באַרדיטשעוו און אָננעמען אַלע נויטיגע מיטלען צו באַשיצן די שטאָט פון די רעפרעסיעס און באַשטראָפן די שולדיגע לויטן געזעץ“.

לויט דעם פאָרשלאַג פון די אוקראַינער ס.־ד. איז די אָנפראַגע איינשטימיג אָנגענומען געוואָרן אַלס דרינגענדע.

ערקלערונגען צו דער אָנפראַגע האָט געגעבן דער ח׳ ליפעץ. ער האָט אין זיין רעדע אָנגעוויזן אויף פאָלגנדעס: בעת די באָלשעוויקעס האָבן געהערשט אין באַרדיטשעוו, האָבן די אָרטיגע ראַטמענער פון דער דומע אָנגענומען אַלע מיטלען צו פאַרהיטן די מיטגלידער פון דער (אוקראַינישער) פראָנט־ראַדע, אַז זיי זאָלן ניט פאַלן קיין קרבן פון דער באָלשעוויסטישער נקמה. צוויי נעכט האָט די בונדישע דרוזשינע אָפּ־

געהיט די מיטגלידער פון דער פראָנט־ראַדע; אַז די אוקראַינער מאַכט איז צוגעגאַנגען צו דער שטאָט, איז זיי אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן מיט אוקראַינישע פאָנען אַ דעלעגאַציע פון פאָרשטייער פון ראַט, פון דומע און זעמסקי אופּראַווע. די דעלעגאַציע איז באַשאָסן געוואָרן. דערביי האָט דער אַטאַמאַן, פונם ערשטן אווטאָמאָביל, ערקלערט, אַז ער וועט אויסקוילען אַ האַלבע שטאָט.

דער ערשטער טאָג איז אַריבער זעהר אומרוהיג. עס זיינען געווען מענשליכע קרבנות 20 מאַן. דערנאָך איז אָנגעקומען דער הויפּט־קאָמאַנדיר, וואָס גיט אַרויס איין באַפעהל נאָך דעם צווייטן, דערביי זיינען די באַפעהלן פול מיט דראָהונגען וועגן דערשיסן און הרגענען. דער לעצטער אַקט איז די פינפמיליאָניגע קאָנטריבוציע. דער הויפּט־קאָמאַנדיר דראָהט אויפמאָנען די קאָנטריבוציע מיט מיליטערישער קראַפט. די קלאַנגען, אַז די באָלשעוויקעס האָבן כלומרשט אַרויפגעלעגט אויף דער שטאָט אַ קאָנטריבוציע, זיינען לחלוטין פאַלש.

דער רעדנער האָט פאַרענדיגט זיין רעדע מיט די ווערטער: „די באַרדיטשעווער דומע האָט זיך שטענדיג באַצויגן מיט מיטגעפיל צום אויפלעבן פון אוקראַינע. די באַר־דיטשעווער איינוואוינער לעבן אונטער דעם שרעקליכן איינדרוק, אַז זיי ווערן אַזוי מער־דעריש גערודפט נאָר דערפאַר, ווייל דער רוב פון די שטאָט־איינוואוינער זיינען יידן“.

„נייע צייט“, 33 №, פונם 8־טן מערץ 1918.

VII

## „טרויעריגע טעג אין באָראָדיאַנקע“

(קיעווער גוב.).

(פעברואַר 1918).

„שרעקליכע, שוידערליכע טעג, וואָס דערמאָנען אָן מיטלאַלטער, האָבן איבער־געלעבט די יידן אין באָראָדיאַנקע צוליב די הייראַמאַקעס, וואָס האָבן פאַרבראַכט אין שטעטל אין משך פון עטליכע טעג, פון שבת, דעם 23־טן, ביז דאָנערשטאָג, דעם 28־טן פעברואַר. די גאַנצע צייט פון זייער פאַרברענגען אין שטעטל, בראש מיט אַן אַטאַמאַן, האָט געהערשט אַ טויט־שרעק, און מאָמענטנווייז איז געווען אויף אַ האָר פון אַן אַלגעמיינער שחיטה.

אָנגעהויבן האָט זיך דערמיט, וואָס אויפן וואָקזאַל האָבן זיי דערהרגעט צוויי יידן און צעראַבירט אַלע יידישע הייזער. צום גליק זיינען די איינוואוינער באַצייטנס אַנטלאָפן פונם וואָקזאַל, און עס זיינען קיין מאָרדן נישט פאָרגעקומען. עס איז כדאי צו באַ־מערקן, אַז די עטליכע טעג איז אויפן וואָקזאַל געווען פעטליורע און זיין געהילף זאַגאָראָד־סקי. דערנאָך זיינען די הייראַמאַקעס געקומען אין שטעטל און ערקלערט, אַז ביי די יידן זיינען פאַראַן צוויי פולעמיאָטן און 70 ביקסן, און אויב די יידן וועלן תיכף נישט אָפּגעבן דאָס געווער, וועלן זיי מאַכן אַ פּאָגראָם. עס האָבן נישט געהאָלפן אַלע שבועות און

פאַרזיכערונגען, אַז קיין געווער איז אין שטעטל נישטאָ. און דאַן, עס איז געווען פּורים, האָבן אַלע יידן אָנגעטאָן טלית און תּפילין מיט אַלע ספרי־תּורות, וואָס געפינען זיך אין שטעטל, און געשוואָרן פאַר די היידאַמאַקעס. דאָס בילד איז געווען אַ שרעקליכע! אַלע יידן, וואָס וואוינען אין שטעטל, זיינען געלאָפן מיט טלית און תּפילין און אויך גע־בראַכט די ספרי־תּורות פון מנינים צום שול־פּלאַץ, וואָס איז אַרום שאָסיי. איינינע פון די נכבדי־העיר זיינען געפאַלן אויף דער ערד און געהויבן די הענט צום הימל, אַנדערע — געהויבן די ספרי־תּורות אין דער הויך און פאַר די היידאַמאַקעס געשוואָרן. אַזוי ווי קיין נוסח אויף אַזאַ מין שבועה איז אין די אַלע תּחינות נישטאָ (אגב פאַרשטייען נישט די היידאַמאַקעס תּחינה־לשון), האָט יעדער ייד געשוואוירן אויף אַ באַזונדערן אופן: „יאַ קליאַנוס, יאַ באָזשוס“.

די היידאַמאַקעס האָבן צוערשט אפילו גענומען זיך ווערטלען פון דער עדה אין טלית און תּפילין, נאָר די געוויינען און געשרייען האָבן זיי אַביסל גערירט.

איינגאַנצן אָבער האָבן די שבועות ניט געהאָלפן, און מען האָט געמוזט אָנקומען צו אַן אַלט יידיש מיטל. מען האָט דעם אַטאַמאַן אַריינגעפירט אין אַ הויז און איינ־גערוימט אַ סוד... דאָס האָט געהאָלפן, און די צעזייצטע היידאַמאַקעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון געווער, וואָס איז געווען כּלומרשט ביי די יידן.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ: דאָנערשטאָג, בעת דער קבורה פון די צוויי יידן פונם וואָקזאַל און 7 יידן פון קלאָוודיעווא, בעת דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אויפן בית־עלמין, זיינען געקומען עטליכע היידאַמאַקעס און מיט אַ שיסעריי צעטריבן די יידן.

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז די באַפעלקערונג פון באָראָדיאַנקע האָט געשיקט אַ דעלעגאַציע אויפן וואָקזאַל צו פּעטליורען. עס זיינען געווען 8 ניט־יידן און 2 יידן. אָבער פּעטליורע האָט שוין געהאַלטן ביים אָפּפאָרן און ער האָט זיי אָפּגעשיקט צו זיין געהילף זאַגאָראָדסקי. אָבער זאַגאָראָדסקי האָט געענטפערט, אַז די היידאַמאַקעס זיינען „צעזייצט“, און ער קאָן גאָר נישט העלפן. אגב, האָבן די היידאַמאַקעס אָפּגעשמיסן דעם יידישן בעל־עגלה, וואָס האָט געבראַכט די דעלעגאַציע אויפן וואָקזאַל“.

„נייע צייט“, № 42, פונם 19־טן מערץ 1918, מעלדונג פונם קאָרעספּאָנדענט.

---

VIII

## עקסצעסן אויף די אייזנבאַנען.

(מערץ־אַפּריל 1918).

### 1.

## אָנפראַגע אין דער קליינער ראַדע.

אויף דער זיצונג פון קליינער ראַדע, דעם 16־טן אַפּריל 1918, האָט מ. גראָס־מאַן אַריינגעטראָגן, אין נאָמען פון דער ציוניסטישער פראַקציע, די פאָלגנדיגע אָנפראַגע וועגן גוואַלדטאַטן איבער יידן.

„פונם 1-טן אַפּריל אָן קומען פאָר אויף דער אייזנבאַן-ליניע קיעוו-פּאָלטאַווע אָהן אַן אויפהער רויבערייען, גוואַלדטאַטן און הריגות, וואָס ווערן באַגאַנגען הן מצד די דורכרייזנדע סאָלדאַטן, וועלכע רופן זיך מיטן נאָמען „הײַדאַמאַקעס“, הן מצד אָרטיגע גרופּן „פרייע קאָזאַקן“. די אַלע שוידערהאַפטע מעשים ווערן באַגאַנגען הויפטזאַכליך קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. דערביי קומט עס פאָר געוואוינליך אַזוי: די סאָלדאַטן, וואָס רופן זיך „הײַדאַמאַקעס“, שלעפּן אַריין אין די וואַגאָנעס אומשולדיגע יידן, שלאָגן זיי מיט נאַהײַקעס, און דערנאָך וואַרפן זיי זיי אַרויס פון וואַגאָן. יעדן טאָג קומען אָן קיין קיעוו מענשן, וועלכע האָבן דאָס אַליץ אַליין צוגעזעהן, און אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן עס אַליין איבערגעלעבט, און גיבן איבער דער ציוניסטישער פראַקציע מאַטעריאַלן און פאַקטישע ידיעות וועגן די דאָזיגע געשעהענישן. אָט די אַלע פאַקטן ווערן אויך באַשטעטיגט סיי דורך דער קיעווער, סיי דורך דער פּראָווינציעלער פּרעסע. אַזוי, האָבן סאָלדאַטן דעם 8-טן אַפּריל געשמיסן אויף דער סטאַנציע ר אָ מ אָ ד אַ ן אַ יידישן פּאַסאַזשיר דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געווענדעט מיטן וואָרט „טאָוואַרישטש“ (חבר). אויף דער זעלבינער סטאַנציע האָט מען באַראַבעוועט און דערנאָך געשלאָגן אַ יידן, יעקב גאָלדבערג. די פּאַסאַזשירן וואַבולסקי פון קיעוו און קאָנטאָרער פון קרעמענטשוג האָט מען שטאַרק געשלאָגן און דערנאָך געשמיסן דערפאַר, וואָס זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן די אַלע גוואַלדטאַטן און באַליידיגונגען. לויט דער מעלדונג פון די אָרטיגע איינוואוינער, געפינט מען נאָך עד היום אין ראַיאָן פון סטאַנציע ראָמאָדאַן טויטע קערפּערס, מערטיילס יידישע, פון דערהרגעטע און דערשטיקטע. איינינע פון די דערהרגעטע ברענגט צו קבורה דער אָרטיגער באַן-וועכטער דירדאַ. אויף די סטאַנציעס נעבן ראָמאָדאַן שפּילן זיך אָפּ די זעלבינע סצענעס, ס'קומען פאָר רויבערייען און אָנפאַלן, דערביי נעמט קיינער ניט אָן — ניט דער קאָמענדאַנט פון סטאַנציע ראָמאָדאַן, דוזנקעוויטש, ניט אַנדערע מאַכט-פאָרשטייער — קיין שום מיטלען, כדי צו באַשיצן די באַפעלקערונג.

דער צווייטער צענטר פון גוואַלדטאַטן און הריגות איז די סטאַנציע נ ר ע ב י אָ נ ק ע, וואו עס בעל-הביתעוועט אַ באַנדע סאָלדאַטן, וועלכע רופן זיך אָן „ווילני קאָזאַקן“. מיט עטליכע טעג צוריק האָבן זיי אין האָטעל אַרעסטירט 9 מענשן, וועלכע מ'האָט נאָכדעם געפונען טויטע. דינסטאָג, דעם 9 אַפּריל, האָט מען אויף דער זעלבינער סטאַנציע פאַרהאַלטן דעם פּאַסאַזשיר מאיר יאניק, מ'האָט אים אַריינגעשלעפּט אין קאָמענדאַנטור, געשלאָגן, באַראַבעוועט און דערנאָך געצוואונגען צו חתמענען אַ פּאַפּיר, אַז ער האָט קיינע פּרעטענזיעס ניט. וועגן ענליכע פאַלן פון רויבערייען און עקזעקוציעס דערציילט אויך דער קיעווער איינוואוינער נייוועלט. נאָך דעם 7-טן פעברואַר האָבן די אַזוי גערופענע „ווילני קאָזאַקן“ אָפּגעשמיסן דעם אָרטיגן רב, אַ 60-יאָריגן זקן, וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן אין קאָמענדאַנטור כלומרשט אויף צו געבן ערקלערונגען. די אַלע פאַקטן זיינען נאָר איינצעלנע ביישפּילן פון אַ סך ענליכע פאַלן פון גוואַלדטאַטן און הריגות.

די באַפעלקערונג איז אינגאַנצן טעראָריזירט, און די סטאַנציעס ראָמאָדאַן און גרע־ביאָנקע זיינען מגולגל געוואָרן אין אַ געפערליכן תּחום, וועלכן ס'איז אַ סכּנה פאַר יידן אַריבערטרעטן. ווייטער: נאָך דעם, ווי ס'איז דורכגעפאָרן דער מיליטערישער צוג, וואָס איז אַרויס פון קיעוו דעם 2־טן אַפּריל, האָט מען צווישן פּערעיאַסלאַווער מעבר־דרך און סטאַנציע יאַגאָטין געפונען 3 טויטע קערפּערס, און צווישן די סטאַנציעס באַרישעווקא און בערעזאַן — 2 טויטע קערפּערס. דעם 4־טן אַפּריל איז אויף דער סטאַנציע באַרישעווקא אָנגעקומען אַ וואַגאָן, אין וועלכן, ווי ס'האָט זיך נאָכדעם אַנט־דעקט, זיינען געלעגן 5 טויטע קערפּערס פון יידן, וואָס זיינען דערשטיקט געוואָרן מיט רימענס און שטריק און צעקאַליטשעט. ווי ס'ווייזט אויס, האָט מען זיי (פריער שוין) אַרויסגעוואָרפן פון וואַגאָן אויף דער אייזנבאַן־ליניע, ווייל ביי איינעם זיינען ביידע פיס געווען אָפּגעשניטן. די איינוואוינער פון באַרישעווקע האָבן באַמערקט, אַז דעם 4־טן אַפּריל איז צום אָרטיגן רב געקומען אַ סאָלדאַט פון קאָמענדאַנטור מיט אַ בריף פון אַטאַמאַן גערעסימענקאָ. ביז איצט איז ניט באַקאַנט דער אינהאַלט פון בריף, נאָר אין צוויי טעג אַרום נאָכדעם, ווי דעם רב האָט באַזוכט דער שעף פון מיליציע, זיינען ביי־נאַכט, הגם ס'איז שוין פאַרנאַנגען שבת, 15 יידן געווען פאַרנומען מיט גראָבן קברים אויפן יידישן בית־עולם. אין צוויי טאָג אַרום, דעם 7־טן אַפּריל, 2 אַזיינער ביינאַכט, האָט מען אויפן יידישן בית־עולם באַמערקט ליכט און עפּעס אַ באַוועגונג. ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, זיינען אויפן בית־עולם שטילערהייט געבראַכט געוואָרן צו קבורה 5 טויטע קערפּערס פון אומבאַקאַנטע יידן, וועלכע מ'האָט אין אַ ספּעציעלן וואַגאָן גע־בראַכט פון יאַגאָטין. עס איז בלתּי שום ספק, אַז די קבורה, אָהן אַ שום פּראָטאָקאָל אַפּריער, אָהן פאָטאָגראַפירן די טויטע און אָהן אַ מעדיצינישער ציינגיס, איז דורכגעפירט געוואָרן געהיים אונטערן דרוק פון דער אָרטיגער מאַכט, וועלכע האָט צוליב עפּעס אַ טעם געוואָלט באַהאַלטן דעם מאָרד פון די 5 יידן.

די הריגות, רויבערייען און רציחות, הויפּטזאַכליך קעגן יידן, וועלכע קומען פאָר ביי דער פּאַסיוויטעט פון דער מאַכט, האָבן אָנגענומען אַזאַ סיסטעמאַטישן כאַ־ראַקטער, אַז זיי קערן אום די יידישע באַפעלקערונג צו די רעכטלאָזע צייטן פונם צאַריזם. עס שטאַרבט אָפּ דאָס לעבן, פון טאָג צו טאָג פאַלט דער צוטרוי צו דער מאַכט, און אין אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג וואַקסט צוזאַמען מיט דעם אַ אומ־צופרידנקייט און אויפרעגונג. די אויבנדערמאָנטע פאַקטן זיינען ניט די איינציגע אין זיי כאַראַקטעריזירן די לאַגע ניט נאָר אין פּאָלטאַווער גובערניע, נאָר אויך אין טשער־ניגאָווער".

„יעווריעסקאַיאַ מיסל", 18 №, פונם 26־טן אַפּריל 1918.
די דאָזיגע אָנפראַגע איז געווען אָפּגעדרוקט אויך אין „קיעוו־סקאַיאַ מיסל".

## 2.

## צו די געשעהעניש אויף סטאַנציע ראָמאָדאַן.

מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים.
באַקומען דעם 10־טן אַפּריל 1918.
№ 1197.

## „אין דעם יידישן מיניסטעריום אין דער צענטראַלער ראַדע.

פונם בירגער נחום קאָנטאָרער, וואוינט אין קרעמענטשוג,
אַלעקסאַנדראָווקע נומ. 69.

זונטאָג, דעם 8־טן אַפּריל, ביינאַכט בין איך אַרויסגעפאָרן פון קרעמענטשוג אין קיעוו דורך ראָמאָדאַן. אין ראָמאָדאַן האָב איך געמוזט וואַרטן דעם 9־טן אַפּריל פון 6 אַזייגער אינדערפריה ביז 12 ביינאַכט אויף דעם פאָיעזד, וואָס גייט אויף קיעוו. אויף דער סטאַנציע האָבן די פּאַסאַזשירן זיך געקלאָגט, אַז די אוקראַאינישע מאַכט פון דער סטאַנציע טעראָריזירט די פּאַסאַזשירן: מען אַרעסטירט, מען שלאָגט, מען באַרויבט די געלט און דערנאָך הרגעט מען אויף טויט. אויף דאָס אַלעס קען איך אָנווייזן, אַז שבת, דעם 31־טן מערץ, האָט מען געשאָסן דאָרט אויף דער סטאַנציע צוויי יונגעלייט, ביי וועלכע עס איז געווען לערך 90,000 רובל (זיי זיינען פון באָהוסלאַוו, קיעווער גוב. איינעמס פאַמיליע איז גאָלדבערג). פרייטאָג און שבת, דעם 6־טן און 7־טן, האָט מען געמאַטערט און געשלאָגן איינעם ז. ניזשניק פון סט. מיראָנאָווקע; מען האָט ביי אים צוגענומען 1600 רובל, פון וועלכע מאָנטאָג האָט מען אים אומגעקערט נאָר 1400. מאָנטאָג אָוונט האָט מען דערציילט, אַז מען האָט געשאָסן אויף דער סטאַנציע 2 מענשן. אויך מאָנטאָג, דעם 9־טן אַפּריל, 10 אַזייגער ביינאַכט, בשעת עס איז אָנגעקומען דער פאָיעזד פון קיעוו, איז אין זאַל אַריינגעקומען אַ אָטריאַד פון אוקראַאינישע מיליטער, און דער אַטאַמאַן פון זיי האָט באַפוילן, אַז ווער עס האָט געווער זאָל אָפּגעבן, און ווער עס וועט באַהאַלטן דעם געווער און דערנאָך וועלן זיי געפינען, וועט באַקומען שמיץ אויפן אָרט. דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן איבערקוקן די דאָקומענטן. גלייך מיט מיר זיינען געזעסן צוויי אַלטע יידן, 65 יאָר, ביי וועלכע די פּאַספּאָרטן זיינען געווען „פּראָ־סראָטשעט“, אויף זיי האָט מען אָנגעהויבן שרייען: „זשידעס, מיר קענען אייך. מען דאַרף אייך מכבד זיין מיט 30 שמיץ יעדערן, וועט איר וויסן, ווי צו פאָרן מיט אַלטע דאָקומענטן!“[1] דאָ האָב איך ניט אויסגעהאַלטן און געווענדעט זיך צום אַטאַמאַן מיט

---

[1]) Жиды, знаемъ вас! Всыпать вам по 30 розог, и будете знать, как ѣхать со старыми документами!

## צו די עקסצעסן אויף סט. ראָמאָדאַן

(מערץ 1918)



נ ה מ ן ק ר ו מ ע ל צ ד י ק, געהרגעט דורך די היידאַמאַקעס אויף סט. ראָמאָדאַן.



מ ר ד כ י ג אָ ל ד ב ע ר ג, געהרגעט דורך די היידאַמאַקעס אויף סט. ראָמאָדאַן.

(צוגעשיקט פון מירגאָראָדער קהלה־ראַט אין יידישן מיניסטעריום).

## צו די עקסצעסן אויף סט· ראָמאָדאַן
(מערץ 1918)



דוד אָוואָדענקאָ, געהרגעט דורך די היידאַמאַקעס אויף סט. ראָמאָדאַן.



אומבאַקאַנטער, געהרגעט דורך די היידאַמאַקעס אויף סט. ראָמאָדאַן.
(צוגעשיקט פון מירגאָראָדער קהלה-ראַט אין יידישן מיניסטעריום).

אַ פּראָטעסט: „ווער האָט דיך באַפולמעכטיגט צו שמייסן?“ אויף וואָס ער האָט מיר געענטפערט: „שווייג בעסער, אַניט וועט דיר זײַן ערגער“, און איז דורכגעגאַנגען ווייטער, און די חברה, וועלכע זיינען געגאַנגען מיט אים, האָבן מיך אָנגעהויבן שלעפּן, און אַז מען האָט מיך אַרויסגעשלעפּט פון זאַל, האָט מען מיר פון אונטען אַרום געגעבן 2 זעץ מיט אַ נאַהייקע און מען האָט מיר געמאַכט מיט דעם אַ וואונד אין קאָפּ. אויף מיינע געשרייען פון ווייטאָג זיינען זיך צונויפגעלאָפן איינגע פּאַסאַזשירן און אויך דער אוקראַינישער קאָמענדאַנט, וועלכער האָט געהייסן מיר אַריינגיין אין סאַניטאַרנעם וואַגאָן, וואו דער דייטשער פעלדשער האָט מיר געגעבן נויטיגע מעדיצינישע הילף צו פאַרהאַלטן די בלוט, וואָס האָט געגאָסן פון דער וואונד. בשעת מען האָט מיך געשלעפּט פון זאַל, און אויך בשעת מען האָט מיך פאַרוואונדעט, זיינען געווען דער מיטגליד פון צענטראַלער ראַדע פּריכאָדקא און דער אונטערזוכונגס-ריכטער פון מיליטערישן געריכט ביים שטאַב פון 4-טער אַרמיי וו. פּראָטאָפּאָפּאָוו, וועלכער וואוינט אויף סט. ראָמאָדאַן און וועלכע קענען געבן ידיעות וועגן אַלעס און אויך עדות זאָגן פאַר דעם אָנפאַל אויף מיר.

אויך אויף דער סטאַנציע גאָגאָלעווא, קיעוו.-פּאָלטאַווער ליניע, ווי עס האָבן דערציילט פּאַסאַזשירן, זיינען פאָריגע וואָך געשאָסן געוואָרן דריי יידן. מען האָט זיי פאַרהאַלטן און צוגענומען אַלע דאָקומענטן און אָפּגעפירט פון סטאַנציע אין פעלד, לערך אַ ¼ וויאָרסט, און דאָרט האָט מען זיי געשאָסן, און דערנאָך האָט מען זיי באַגראָבן ביי דער קאַנאַווע. וועגן דעם, וואָס מען שלאָגט אויף דער סטאַנציע ראָמאָדאַן און וועגן אַלעס, וואָס דאָרט קומט פאָר, קענען געבן ידיעות די מיליציאָנערן פון סטאַנציע ראָמאָדאַן: דער עלטערער מיליציאָנער סלאַווקאָ און איוואַן לוצין, וועלכע זיינען עדות, ווי פאַר זיי אין די אויגן שלאָגט מען און מען שמייסט. וועגן דאָס אַלעס בעט איך דעם יידישן מיניסטער אָננעמען עקסטרא-מיטלען צו פאַראַליזירן די באַנדע באַוואָפנטע רויבער, וועלכע שטייען ביי דער מאַכט אויף דער סטאַנציע ראָמאָדאַן, פאַר וועלכע אַלע געריכטן פון דער אוקראַינישער רעפּובליק זיינען אָפּגעמעקט דורך זייערע מעשים, און מיט דעם באַשיצן די בירגער און איבערהויפּט די רייזנדע, וועלכע מוזען אָפּשטעלן זיך צוליב דער פערעסאַדקע אויף דער סטאַנציע ראָמאָדאַן.

נחום קאָנטאָרער“.

קיעוו, 10 אַפּריל, 1918.

אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום (1918–1917).

## 3.

# צו די געשעהענישן אויף סטאַנציע גרעבי‍אָנקע.

מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים.
באַקומען דעם 14־טן אפּריל 1918.
№ 1263.
(איבערז. פון רוסיש).

„דעם ה׳ מיניסטר פאַר יידישע ענינים
פון דער אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובליק.

מיר זיינען באַפולמעכטיגט פון פיריאַטינער פאַרטיי־קאָמיטעט פון „פועלי־ציון“, ס.־ס. און י.־ס. און „בונד“ צו ערקלערן פאָלגנדעס: אויף דער סטאַנציע גרעבי‍אָנקע, 13 וויאָרסט פון פיריאַטין, קומען פאָר פון די ערשטע טעג מערץ און ביז דער לעצטער צייט גוואַלדטאַטן איבער די דורכרייזנדע, וועלכע ווערן באַרויבט, באַליידיגט, געשלאָגן און אָפט אויך ערמאָרדעט. די זעלבע מיליציאָנערן, וועלכע רעווידירן די דאָקומענטן און מאַכן אונטערזוכונגען, פירן אָפט אַרויס מיט גוואַלט זייערע קרבנות פון וואָקזאַל מיטן אויסרייד, אַז זיי פירן זיי „צום קאָמענדאַנט“. צוריק קומען שוין ניט אַלע, און די צוריקגעקומענע זיינען דערהויפּט צעשלאָגן און באַרויבט. אויף דער טעריטאָריע פון וואָקזאַל געפינט מען כסדר טויטע קערפּערס. לויט דער באַשטעטיגונג פון פיריאַטינער ראַבינער פון 12־טן נאָוועמבער, נומער 74, און דער באַשטעטיגונג פון האָראָדישטשער וואָלאָסט־פאַרוואַלטונג פונם 23־טן מערץ, נומער 1528, זיינען אין פיריאַטין געבראַכט געוואָרן צו קבורה 10 דערהרגעטע יידן. אויסער דעם זיינען 8 יידן באַרויבט געוואָרן. אין דער נאַכט פון 10־טן אַפּריל איז דערהרגעט געוואָרן דער איינוואוינער פון לובני, פּאָלטאַווער גובערניע, סלוצקי, אַ 67 יאָהריגער ייד, וועלכער איז געווען באַקאַנט אין גאַנצן געגנט, אַלס פאַרמעגליכער מענש. לויט ווי ס׳זאָגן עדות די פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן געזעהען, ווי מ׳האָט צוגענומען סלוצקין, איז די ערמאָרדונג פאָרגעקומען ביי פאָלגנדיגע אומשטאַנדן: דער מיליציאָנער, וועלכער האָט רעווידירט די דאָקומענטן, האָט געפאָדערט ביי סלוצקין „אָפּצוגעבן דאָס געווער“. ניט קוקנדיג אויף סלוצקיס מעלדונג, אַז ער האָט ניט קיין געווער, און ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס מ׳האָט ביי אים גאָרנישט געפונען, הגם מ׳האָט גאַנץ גוט געזוכט, האָט דער מיליציאָנער דאָך אים צוגענומען, און אויף מאָרגן האָט מען סלוצקין געפונען אַ טויטן. אין דער זעלביגער נאַכט האָט מען שטאַרק צעשלאָגן און באַרויבט דעם איינוואוינער פון פּרילוק, יאַוויץ, און דעם ניעזשינער איינוואוינער, דאָברושין, וועלכע דער שטאָט־דאָקטאָר פון פיריאַטין, ה׳ בערניאַווסקי, האָט מעדיציניש אונטערזוכט. די באַפעלקערונג פון גאַנצן געגנט איז טעראָריזירט.

מיר בעטן אָנצונעמען גלייך מיטלען און אָפּשטעלן די הריגות און רויבערייען און שטרענג אויספאָרשן אַלץ, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען.

די דעלעגירטע פון פּיריאַטינער קאָמיטעט פון דער
יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי „פּועלי־ציון“, ס.־ס.
און י.־ס. און „בונד“.
(חתימות).

קיעוו, דעם 14־טן אַפּריל 1918 יאָר.

אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום (1918–1917).

---

IX

### וועגן די געשעהענישן אין קרעמענטשוג.

פּראָטאָקאָל פון קרעמענטשוגער שטאָט־דומע, זיצונג פונם 16־טן אַפּריל 1918/.

„ראַטמאַן באַלאַבאַן טראָגט אַריין אין נאָמען פון רוסל. ס.־ד. פּאַרטיי און „בונד“ אַן אָנפראַגע וועגן די גוואַלדטאַטן, וואָס ווערן אין שטאָט באַגאַנגען איבער פרידליכע בירגער. דער ראַטמאַן ווייזט דערביי אָן אויף עטליכע פאַלן פון גוואַלדטאַטן און רציחות, וואָס זיינען פאָרגעקומען אויף דער באַן־סטאַנציע פון קרעמענטשוג און אין שטאָט גופא. אַזוי למשל, האָט מען אָהן אַ שום סבה צעשלאָגן די ה״ה אָסטראָווסקי, סאַווראַנסקי און אַנד. מ׳מוז אָננעמען שטרענגע מיטלען קעגן דעם, וואָס מ׳שלאָגט מער־דעריש בירגער, הויפּטזאַכליך יידן.

ראַטמאַן ב. קונין ערקלערט, אַז ביי אים זיינען דאָ אַ גאַנצע רייע פאַקטן, אַז די אַלע גוואַלדטאַטן טראָגן אַן אָרגאַניזירטן כאַראַקטער. „די הריגות פון יידן מאַכן באַנדעס פון כוליגאַנעס און שוואַרץ־מאַהניקעס, אונטערן פאַן פון היידאַמאַקעס. די אַלע הריגות, ווי, למשל, אין פּאָלטאַווע, ראָמאָדאַן און אַנדערע ערטער זיינען דורכאויס אָרגאַ־ניזירטע און שטעלן מיט זיך, קאָנטינג, פּאָר אַ גאַנץ באַשטימטע סיסטעם. ווי נאָר אויף סטאַנציע קרעמענטשוג באַווייזט זיך אַ ייד, פאַלט מען אויף אים גלייך אָן אָהן אַ שום יסוד און מ׳שלאָגט ביזן טויט. אַלעמען, דוכט זיך, איז באַקאַנט, ווי די עקזעקוציעס איבער יידן קומען ביי אונז פאָר: מ׳נעמט מענשן און מ׳פירט זיי אַוועק אויפן וואָקזאַל, כדי „אָפּצופרישן“ מיט נאַהייקעס. דאָס אַלץ טוען אָפּ די היידאַמאַקעס... אויפן סמך פון די אַלעמען באַקאַנטע פאַקטן בעטן מיר די שטאָט־פאַרוואַלטונג צו ערקלערן, וואָס פאַר מיטלען ווערן אָנגענומען, כדי צו באַקעמפן די אַלע כוליגאַנישע אַרויסטרע־טונגען אין שטאָט“.

...אין נאָמען פון דער יידישער קהלה טרעט אַרויס ראַטמאַן י. דאָבניק.

„ווי לאַנג איז עס, אַז מיר האָבן אין דעם זעלבינן זאַל געהערט די פייערליכע פּראָקלאַמירונג פון דריטן אוניווערסאַל אויף פיר שפּראַכן? אַלע האָבן דאַן איינשטימיג און וואַרעם באַגריסט דעם היסטאָרישן דאָקומענט. אונזערע פאָרשטייער, די פאָר־שטייער פון יידנטום, האָבן מיט פרייד אונטערגעשטראָכן די באַזונדערע באַדייטונג פון אוניווערסאַל פאַר אונז, יידן, וועלכע האָבן צום ערשטן מאָל אויף זייער לאַנגן גלות־וועג דערהערט וועגן אַ נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אַווטאָנאָמיע פאַר זיך. פאַר אונז יידן איז דאָס געווען איינער פון די וויכטיגסטע נצחונות פון דער רעוואָלוציע. אונזער פרייד איז געווען דאַן באַזונדער גרויס, ווייל מיר האָבן געגלויבט, אַז די אַווטאָנאָמיע וועט ניט נאָר ברענגען צו אַ פרידליכן צוזאַמענלעבן פון אַלע פעלקער און צו זייער פרייער אַנטוויק־לונג אויפן געביט פון קולטור און פּראָגרעס, נאָר מיר האָבן אויך געוואָלט גלויבן, אַז דער אַקט וועט ווערן אַ וועג־ווייזער פאַר אַלע לענדער, ביי וועלכע די נאַציאָנאַלע פּראַגע שטייט אויפן סדר־היום. ווי לאַנג איז עס, אַז ס׳זיינען פאָרגעקומען די וואַלן צו דער יידישער קהלה, צו דעם אָרגאַן, וועלכער האָט געדאַרפט פאַרווירקליכן די נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אַווטאָנאָמיע. און איצט? ס׳איז באַשערט, אַז דער ערשטער אַרויסטריט פונם קהלה־פאָרשטייער אין דער דומע זאָל זיין די פאַרטיידיגונג פון דער אָנפּראַגע וועגן גוואַלדטאַטן איבער יידן. אָנשטאָט אַ נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אַווטאָנאָמיע האָבן מיר נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע רציחות, פּייניגונגען, רויבערייען, חוזק־מאַכעריי. די כוואַליע פון די דאָזיגע גוואַלדטאַטן גייט איבער גאַנץ אוקראַינע פון די ערשטע טעג אָן, זינט מ׳האָט פאַרטריבן די באָלשעוויקעס און ס׳האָט זיך באַפעסטיגט די אוקראַינישע מאַכט, און די טעג האָט זיך די דאָזיגע כוואַליע דערקייקלט אויך צו אונז. אין מיטן העלן טאָג, ביי אַלעמען אויף די אויגן, אַרעסטירט מען מענשן, מ׳שלאָגט זיי, און צוריק קערן זיך שוין ניט אַלע אום.

... מיר זיינען ווייט פון געדאַנק צו חושד זיין די מאַכט אין נאָכגעבן און פּאַס־וויטעט, בפרט נאָך אַלע הבטחות און צוזאָגן, וואָס דער אוקראַינער קאָמענדאַנט האָט געגעבן דער יידישער קהלה. מיר ווילן גלויבן, אַז די אַלע גוואַלדטאַטן ווערן באַגאַנ־גען פון אויסוואורפן, וועמעס חיהשע אינסטינקטן קלייבן זיך שוין צו דעם פּאַסיגן לאָזונג און פּלאַג. מיר ווילן אָבער אויך גלויבן, אַז אָט די שוואַרץ־מאהניקעס איז מעגליך צו באַקעמפן, אַבי מ׳זאָל נאָר שטאַרק וועלן. דער קאָמיטעט פון געזעלשאַפט־ליכער שוץ („קאָמיטעט אָבשטשעסטווענאָי בעזאָפּאַסנאָסטי”) האָט עס ניט לאַנג אַמ־בעכטן דערוויזן אין דער שווערער צייט פון מאַכטלאָזיקייט און צווישנמאַכט. מיר מוזן דעריבער זאָגן דער צענטראַלער מאַכט, דורך דער שטאָט־פאַרוואַלטונג: באַטראַכט ניט אָט די אַלע געשעהענישן אַלס פּריוואַטע, וואָס זיינען נוגע נאָר אונז יידן, נאָר אַלס אַל־געמיין־מלוכהשע, ווייל די ווערים, וועלכע האָבן אויפגעפרעסן די וואָרצלען פון דעם אַלטן מעכטיגן בוים פון רוסלאַנד, זיינען אַ סך געפערליכער פאַר דעם יונגן, נאָך ניט בעסטן אָרגאַניזם פון דער אויפלעבנדער אוקראַינע. די ווערים זיינען—דער נאַציאָנאַלער שאָוויניזם, די נאַציאָנאַלע שנאה און דער אַנטיסעמיטיזם. מיר זיינען זיכער, אַז די

דומע וועט אָננעמען דעם געהערינן באַשלוס, און עס וועלן אָנגעווענדעט ווערן די נוי־טיגע מיטלען צו פאַרזיכערן אונזער לעבן, אונזער כּבוד און אונזער האָב״.

...מיטגלידערין פון דומע, פּרוי ו. פּ אַ נ ע ר אַ ט צ ע ו ו אַ: „נאָך דעם, וואָס איך האָב דאָ אויסגעהערט, וואָס קאָן איך זאָגן? — איך בין אַ רוסין, און איך שעם מיך צו זיין צווישן יידן״... „פאַר אונז, רוסן, איז עס אַ שאַנד, וואָס מיר האָבן זיך נאָך ביז איצט ניט אויסגעלערנט צו אַכטן דעם מענשן אין דעם מענשן״.

מיט אַ מערהייט שטימען האָט די דומע אָנגענומען פאָלגנדיגע רעזאָלוציע: „די דומע פאָדערט, אַז ס׳זאָלן אָנגענומען ווערן די סאַמע ענערגישסטע מיטלען, כּדי מאַכן אַ סוף צו די כוליגאַנישע אַרויסטרעטונגען און איבערגעבן צום געריכט אַלע אָפּיציעלע פּערזאָנען, וועלכע זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די אַרויסטרעטונגען. צוליב דעם פאָדערט די דומע ס׳זאָל וואָס גיכער אָנקומען אין קרעמענטשוג אַ פאַרלאַמענטס־אויספאָרשונג־קאָמיסיע, און ביז זי וועט אָנקומען, זאָל די שטאָט־דומע בילדן אַ זעלבסט־שטענדיגע אויספאָרשונג־קאָמיסיע, מיט פולע רעכט, כּדי אויסצופאָרשן אַלע פאַקטן וועגן די שוואַרץ־מאהדיגע אַרויסטרעטונגען פון פּריוואַטע און אָפּיציעלע פּערזאָנען און אַנשטאַלטן״.

פּראָטאָקאָלן פון קרעמענטשוגער שטאָט־דומע, פונם 16־טן אַפּריל 1918, № 15 (אין רוסיש). אַ קאָפּיע זעה אין די מאַטעריאַלן פון „יעקאָפּא״ און אין אַרכיוו פון רעדאַקציע.

---

X

## אָנפראַגע אין ראַדע וועגן גוואַלדטאַטן מצד דער אָרטיגער מאַכט.

„אַן אָנפראַגע דעם אינערן־מיניסטער, דעם קריגס־מיניסטער און דעם מיניסטער פאַר יידישע ענינים פון דער פראַקציע „פאַראייניגטע יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי״.

(איבערז. פון רוסיש).

„פאַר דער לעצטער צייט קומען פאָר אַלץ אָפטער פאַלן, ווען די אָרטיגע מאַכט פאַרגוואַלדעוועט און ראַבירט די יידישע באַפעלקערונג פון דער אוקראַאינער פאָלקס־רעפּובליק.

1) אין שטעטל ג אָ נ אָ ל ע ו ו אָ, טשערניגאָווער גובערניע, האָט אַ גרופּע היידאַמאַקעס אָהן אַ שום סבה דערשאָסן דעם 23־טן מערץ צוויי יידן — ביעלאַנאָווסקי און קאַנאַנאָוו. ביינאַכט זיינען די היידאַמאַקעס אַרומגעגאַנגען איבער די יידישע הייזער, ראַבירט די יידן און באַגאַנגען גוואַלדטאַטן. אויף מאָרגן זיינען זיי אַרומגעגאַנגען איבער

די קראָמען און ווידער ראַבירט, דערביי האָבן זיי שטאַרק צושלאָגן נאָך צוויי יידן — מאַרגאָלין און בערמאַן.

2) אויף די סטאַנציעס ראָמאָדאַן און גרעביאָנקע טעראָריזירן סיסטע־מאַטיש די היידאַמאַקעס די פּאַסאַזשירן. דעם 31־טן מערץ האָט מען דערשאָסן 2 יידן (די פאַמיליע פון איינעם איז גאָלדבערג). דעם 6־טן אַפּריל האָט מען געשלאָגן עטליכע פּאַסאַזשירן, צווישן זיי ניזשניקן, ביי וועלכן מ׳האָט צוגענומען דאָס געלד. דעם 9־טן אַפּריל האָט מען געשלאָגן עטליכע פּערזאָן, צווישן זיי מ. קאָנטאָרערן.

3) אין שטעטל ברוסילאָוו, ראַדאָמיסלער קרייז, קיעווער גוב., האָט דער שעף פון דער מיליציע מיזערניצקי געפאָדערט דעם 4־טן אַפּריל, אַז די יידישע באַפעל־קערונג זאָל אים אַריינטראָגן ביזן 5־טן אַפּריל 50,000 רובל, און דערביי האָט ער ער־קלערט, אַז ער איז „באַפולמעכטיגט פון דער צענטראַלער ראַדע צו שמייסן, שלאָגן, שיסן, אַבי איינשטעלן אָרדנונג“. אויב מ׳וועט אים דאָס געלד ניט געבן, וועט ער זיך אומברחמנותדיג אָפּרעכענען מיט די יידן.

4) אין דער שטעטל קאָרסון, קאַנעווער קרייז, קיעווער גוב., האָט דעם 1־טן מערץ אַ גרופּע היידאַמאַקעס, מיטן רעגירונגס־קאָמיסאַר וו. קיריטשענקאָ בראש, געפאָ־דערט פון דער יידישער באַפעלקערונג אַריינצוטראָגן אין משך פון אַ האַלבע שעה צייט 2000 רובל און 6 פּאָר שטיוול. דאָס איז גלייך ערפילט געוואָרן. אויף מאָרגן האָט דער שעף פון מיליציע קאָפּאַטשעווסקי זיך געווענדעט צום פּאָרזיצער פון קאָרסונער „מעשטשאַנסקי אופראַווע“ מ. זיסקין מיטן פאָלגנדיגן בריף, נומער 366: „איך האָב באַקומען אַ מינדליכע פאַראָרדנונג פון קאָמיסאַר פון צענטראַלער ראַדע ב. קיריטשענקאָ, אַז די יידישע באַפעלקערונג זאָל היינט צוגרייטן 100 פּאָר גוטע שטיוול, 300 היטלען, 30 מיליטער־שינעלן, 100 העמדער, 100 פּאָר אונטערהויזן, 100 פּאָר „פּאָרטיאַנקעס“ און 7 פוטערנע היטלען מיט רויטע אויבערדעקן“.

אויסער דעם, וואָס די דאָזיגע פאָדערונג איז אומגעזעצליך, האָט מען זי בשום אופן ניט געקענט ערפילן. דעם 8־טן מערץ האָט קיריטשענקאָ געפאָדערט 3.000 רובל פון דער יידישער באַפעלקערונג — און האָט זיי באַקומען. אָט די ביידע פּער־זאָנען — קאָפּאַטשעווסקי און קיריטשענקאָ — טעראָריזירן די גאַנצע אָרטיגע באַפעל־קערונג.

5) אין ראַדאָמיסל האָט דער אויבנדערמאָנטער שעף פון מיליציע מיזער־ניצקי געפאָדערט ביינאַכט דעם 2־טן מערץ, אַז די יידן זאָלן אים אַריינטראָגן אין משך פון 24 שעה 100.000 רובל קאָנטריבוציע, און דערביי האָט ער געסטראַשעט אָפּצו־רעכענען זיך מיט די יידן, אויב זיי וועלן דאָס ניט ערפילן. אויף מאָרגן האָט מען אַריינגעטראָגן 50.000 רובל און אויף איבערמאָרגן נאָך 30.000.

אין די אַלע פאַקטן פון גוואַלדטאַטן און צוואַנגס־פאָדערונג מצד די אָרגאַנען פון דער אָרטיגער מאַכט בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג זעהן מיר אַ סיסטעם, אַ אומ־דערלאָזבאַרע פון אַלע שטאַנדפּונקטן און אַ געפערליכע פאַר דער מלוכה, וואָס רייסט אונטער די גרונט־יסודות פון בירגערליכן און פּאָליטישן צוזאַמענלעבן.

אינפאָרמירנדיג וועגן די אַלע געשעהענישן דעם אינערן־מיניסטער, דעם מיניסטער פאַר יידישע ענינים און דעם קריגס־מיניסטער, ווענדן מיר זיך מיט דער פאָלגנדער אָנ־פראַגע:

1. צי זיינען אָט די אַלע פאַלן פון צוואַנג־פאָדערונגען און גוואַלדטאַטן איבער דער יידישער באַפעלקערונג פון דער אוקראַינישער פאָלקס־רעפובליק באַקאַנט די הערן מי־ניסטאָרן?

2. אויב דאָס אַלץ איז יאָ באַקאַנט, וואָס רעכענען די מיניסטאָרן צו טאָן, כדי אָפּצוריינגען דעם אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט פון דער רעפובליק פון די שעדליכע עלע־מענטן און כדי צו באַשיצן די יידישע באַפעלקערונג אין דער אוקראַינער פאָלקס־רע־פובליק פון די פאַרפאָלגונגען און גוואַלדטאַטן, וואָס דערמאָנען אָן דעם מיטל־אַלטער?

מיר בעטן באַטראַכטן אונזער אָנפראַגע אַלס אַ דרינגענדע".

גענחתמעט: מ. שאַץ (אַנין).

באַקומען דעם 5־טן אַפּריל 1918.

אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום (1917–1918).

---

XI

## צו די געשעהענישן אין ברוסילאָוו.

מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים.
באַקומען דעם 5־טן אַפּריל 1918.
№ 1080.

1.

„אין פאָלקס־מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים אויף אוקראַינע.

א מעלדונג.

דעם 4־טן אַפּריל 1918 יאָר איז קיין ברוסילאָוו, קיעווער גובערניע, ראַדאָמיסלער אויעזד, געקומען דער אויעזדנער נאַטשאַלניק אָדער אינספּעקטאָר מיליציע מיט אַ גרויסער צאָל מיליציאָנערן און האָט גערופן צו זיך די פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג: די מיעסטעטשקאָווע אופּראַווע אָדער פאָסעלקאָווע אופּראַוואַ. ווען ס'זיינען געקומען צו אים דער גאָלאָוואַ מיט די מיטגלידער פון דער אופּראַווע, האָט זיי

דער אינספעקטאָר מיליציע, ה׳ מיזערניצקי, געזאָגט פאָלגנדעס: „איך בין באַפולמעכטיגט פון דער צענטראַלער ראַדע שמייסן, שלאָגן, שיסן, הרגענען, בכדי איינצופירן אָרדנונג״, און אויף צום סוף האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ קאַטעגאָרישער פאָדערונג: די ברוסילאָווער יידישע באַפעלקערונג זאָל אים ברענגען ביזן 5־טן אַפּריל 5 אַ זייגער בייטאָג (50.000) פופציג טויזנט רובל, און ווען ניט, וועט ער אָננעמען זיינע מיטלען, אויף וועלכע ער איז באַפולמעכטיגט. זייענדיג דעלעגירט פון דער ברוסילאָווער און וואַסילקאָווער אופראַווא פון יידישער באַפעלקערונג, בעטען מיר אָננעמען אַלע מעגליכע מיטלען אָפּצושטעלן דעם באַפעל פון דעם איבנדערמאָנטן אינספעקטאָר מיליציע, ה׳ מיזערניצקי, וועלכער געפינט זיך איצט אין ברוסילאָוו״.

קיעוו, דעם 5 אַפּריל 1918 יאָר.

(אונטערשריפטן).

---

2.

(איבערז. פון אוקראַיניש)

„5־טן אַפּריל, 928 №

רעם הער גובערניאַלן קאָמיסאַר.

אייך ווערט דאָ איבערגעשיקט, איבערגעזעצט אין אוקראַיניש, די מעלדונג פון די פאָרשטייער פון ברוסילאָווער „מיעסטעטשקאָווער־פאָסעלקאָווער אופראַווע״ וועגן די גוואַלדטאַטן, מיט וועלכע דער באַרימטער אינספעקטאָר מיליציע ה׳ מיזערניצקי דראָהט דעם שטעטל. דערביי בעט דאָס פאָלקס־מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים אָנצונעמען דרינגענדע מיטלען דורכן טעלעגראַף, אַז די אומגעזעצליכע מעשים און צוואַנג־פאָדערונגען בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג זאָלן אָפּגעשטעלט ווערן. וועגן די רעזולטאַטן בעטן מיר אונז מודיע זיין״.

געהילף פון פאָלקס־מיניסטער פאַר יידישע ענינים (חתימה)

קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר (חתימה)

אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום (1918–1917).

---

## XII

## דער פּאָגראָם אין גאָגאָלעוואָ (טשערניגאָווער גוב׳)

(מערץ 1918).

מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים.
באַקומען דעם 5־טן אַפּריל 1918.
№ 1085.

(איבערז. פון רוסיש).

### „אין סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים.

פון דער יידישער באַפעלקערונג פון
גאָגאָלעוואָ, טשערניגאָווער גובערניע,

### אַ מעלדונג.

שבת, דעם 23־טן מערץ, איז אַן אָפּטיילונג פון היידאַמאַקעס, 30־40 פּערזאָן, בראש מיטן „סאָטניק" ליכנעוויטש, אַריין אין שטעטל גאָגאָלעוואָ, וועלכע געפינט זיך 40 וויאָרסט ווייט פון קיעוו. דער אַריינפאָר פון די היידאַמאַקעס אין שטעטל האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ ווילדן אָנפאַל. ווי נאָר זיי האָבן זיך דערנעהנטערט צום מאַרק, האָבן זיי אָנגעהויבן מיט די נאַהייקעס שלאָגן אַלעמען, ווער ס'איז זיי געקומען אַנטקעגן, טעראָריזירנדיג די באַפעלקערונג און אַרויפוואַרפנדיג אַרום אַ שרעק. ווען די היידאַמאַקעס זיינען אַריין אין שטעטל, האָבן זיי זיך צוזאַמען מיטן „סאָטניק" אַריינגעריסן אין די יידישע הייזער, וואָס געפינען זיך אין צענטר, און באַגאַנגען אַ רייע מערדערישע מעשים און גוואַלדטאַטן איבער פרדיליכע יידישע איינוואוינער. איינעם אַ יידן, אפרים בעלאַנאָווסקי, האָבן די היידאַמאַקעס ארויסגעשלעפּט אויפן גאַס און נאָך לאַנגע ענויים קשים האָט מען אים געשאָסן. נאָכדעם זיינען די היידאַמאַקעס אַריין אין הויז פון בער קאַגאַנאָוו — אַ בכבודיגן יידן, וועלכער איז געווען זעהר חשוב ווי צווישן דער יידישער, אַזוי אויך צווישן דער אוקראַינישער באַפעלקערונג. אַריינגייענדיג אין זיין וואוינונג, האָבן די היידאַמאַקעס אים געהייסן ליינן זיך אויף דער פּאָדלאָגע און האָבן צוויי מאָל אין אים אויסגעשאָסן; ער איז תיכף געבליבן טויט. זיין אַלטע מוטער, די פרוי און די זעקס קינדער האָבן בעת מעשה שרעקליך געשריגן און געבעטן רחמים. די היידאַמאַקעס האָבן געהייסן די יידן אָפּפירן די קערפּערס אויפן בית־הקברות און האָבן זיך גענומען זוכן אַנדערע יידן, די סאַמע חשובע און אָנגעזעהענע. די לעצטע האָבן אָבער באַוויזן זיך אויסצובאַהאַלטן. ביינאַכט האָבן די היידאַמאַקעס, צו 2־3 פּער־

זאָן צוזאַמען, אָנגעהויבן נייַן איבער יידישע הייזער און געפּאָדערט כּופר־נפש־געלט און בראַנפן. אַזוי, צום בייַשפּיל, זייַנען צוויי היידאַמאַקעס אַרייַן אין הויז פון אהרן אַלעק־סאַנדראָוו און אָנגעהויבן פּאָדערן, אַז אין משך פון צוויי שעה זאָל מען זיי צושטעלן טויזנט רובל און בראָנפן, טאָמער ניט — וועלן זיי אויסשחטן אַלע ווייבער און קינדער אין הויז. די פאָדערונג האָט מען ערפילט, און די היידאַמאַקעס האָבן די טויזנט רובל צוגענומען און דעם בראָנפן דאָ אויפן אָרט אויסגעטרונקען. ענליכע פאַלן זייַנען געווען אין די הייזער פון מרדכי ספּיטקאָווסקי, בער וואַקסמאַן, לייזער האַפּט, מרדכי באַרסוק און אַנדערע. אויף מאָרגן, זונטאָג אינדערפריה, האָבן די יידישע קלייטנער באַ־קומען אַ באַפעל, וועלכער האָט געדראָהט מיט טויט, אויב מען וועט ניט עפענען אַלע קראָמען. ווי נאָר מ׳האָט די געשעפטן געעפנט, האָבן די היידאַמאַקעס אָנגעהויבן נייַן פון קראָם צו קראָם און צונעמען אַליץ, וואָס זיי האָט זיך פאַרגלוסט, און בעת דער דאָזיגער אָפענער גזלה האָבן זיי געטריבן חוזק און ליצנות... די אַלמנה פון גע־הרגעטן קאַנאַנאָוו האָבן זיי מיט מערדערישע קלעפּ געצוואונגען צו עפענען איר קראָם, און אַז די קראָם איז געווען געעפנט, האָבן זיי צוגענומען פון דאָרטן אויף עטליכע טויזנט רובל מאַנופאַקטור און באַקאַליי־סחורה. דעם זעלבינן טאָג האָט מען אכזריותדיג געשלאָגן און חוזק געמאַכט פון צוויי אָרעמע יידן, מוניע מאַרגאַלין און לייב בערמאַן. דעם ערשטן האָבן זיי אָנגעטאָן אויפן האַלז אַ שטריק און געשלעפּט איבערן גאַס, שלאָגנדיג מיט נאַהייקעס; דעם צווייטן האָבן זיי אויך אַזוי געשלאָגן מיט די נאַהייקעס, אַז דער גאַנצער פּנים איז אים געוואָרן צעבלוטיגט.

מאָנטאָג אינדערפריה זייַנען די היידאַמאַקעס אַוועק פון גאָנאָלעווא, אָבער די יידישע באַפעלקערונג געפינט זיך נאָך איצט אויך אין שרעק און אין אַ אומזיכערער לאַגע. דער פּחד צווישן די יידן וואַקסט נאָך צוליב דעם, וואָס די פינסטערע מאַסן, זעהענדיג, ווי גרינג און אומבאַשטראָפט די היידאַמאַקעס איז דורך זייער באַגיין זיך מיט יידן, האָבן זיך איינגערעדט, אַז די היידאַמאַקעס זייַנען געשיקט געוואָרן פון דער הע־כערער מאַכט פון אוקראַינע, כּדי זיך אָפּצורעכענען מיט די יידן, און פון דעמאָלט אָן האָבן זיי אָנגעהויבן קוקן אויף יידן, ווי אויף געשטעמפּלטע פאַרברעכער, וואָס געפינען זיך אויסער יעדער געזעצליכער שוץ.

מעלדנדיג אייך וועגן דעם, בעט די יידישע באַפעלקערונג אָננעמען אַלע מעגליכע מיטלען, בכּדי צו פאַרקלענערן דעם שרעק און די מורא, אין וועלכע עס לעבן די פּופּציג יידישע משפּחות פון גאָנאָלעווא״.

**(חתימות).**

**ארכיוו פון יידישן מיניסטעריום (1917–1918).**

XIII

## דער פּאָגראָם אין מעדווין און די אוקראַינער אַדמיניסטראַציע.

מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים.
באַקומען דעם 14־טן אַפּריל 1918.
№ 1210.

„געעהרטער הער מיניסטר![1]

ווענדענדיג זיך נעכטן צו אייך, כּדי זיך בּאַקלאָגן וועגן דעם פּאָגראָם, וואָס האָט געטראָפן 24־21־טן יאַנואַר היינטיג יאָר אין דער שטאָט מעדווין, האָט איר בּאַראָטן אונזער דעלעגאַציע, וועלכע איז געקומען פאַר אייך, מיר זאָלן זיך קערן, מ׳זאָל אונז העלפן, צום גובערנסקי קאָמיסאַר, צו וועמען איר האָט אונז געגעבן אַ בּריף. נאָר דער קאָמיסאַר האָט אונז צוגענומען זעהר ניט פריינטליך. נאָך זיין שטאַרק שרייען אויף אונז, טופּען מיט די פיס און מאַכן מיט די קולאַקעס, (האָט ער גענומען) אויסשרייען, אַז אַלע יידן זיינען בּאָלשעוויקעס און 90% יידן זיינען געווען אין דעם בּאָלשעוויסטישן בּונט. ווען מיר האָבן אים געענטפערט, אַז בּיי אונז איז ניט געווען קיין יידישע בּאָלשעוויקעס און מיר האָבן בּיז דער לעצטער צייט געוואוינט פריינטליך מיט די פויערן, האָט ער אונז דערמאָנט טראָצקין און קאַמענעווען, אַז זיי זיינען יידן און די גלאַוונע בּאָלשעוויקעס, און אַז דאָ אין קיעוו איז אַ ייד לאַפּידוס, פון 18 יאָר, געזעסן אויף זיין שטול, און ער האָט אַרויסגענומען אַ צייטונג און האָט איבּערגעלייענט פאַר אונז נעמען פון יידן־בּאָלשעוויקעס. נאָך זיין אויספּאָקאָיען זיך און אַז מיר האָבן אים דערציילט פון דעם שרעקליכן פּאָגראָם, ווי אַזוי מען האָט גערויבּט און געשאָסן אויף מענשן און מען האָט געהרגעט איין יידן פון 65 יאָר און דריי גראַנעט, און דאָס שיסן און אָנפאַלן בּיינאַכט אויף אונז שוין אין צייט פון 2 מאָנאַטן, און מיר האָבן ניט קיין שיצונג און מיר האָבן ניט צו וועמען זיך קערן, ווייל דעם נאַטשאַלניק מיליציע, וועלכער איז געקומען צו אונז פון בּאָהוסלאַוו צונעמען בּיי זיי די בּיקסן, האָבן זיי דורכגעטריבּן, און ער איז אַנטלאָפן קוים מיט דעם לעבּן, — האָט ער אונז געענטפערט, אַז „דאָס וואָס מען שיסט בּיי אייך, שיסט מען אין קיעוו אויך, און איך קאָן ניט העלפן מיט גאָרניט, ווייל קיין „וולאַסט" איז נישטאָ און פון דער קעשענע קען איך אייך קיין וולאַסט ניט געבּן, ווייל עס איז דאָרט נישטאָ". נאָך אונזער פיל בּעטן האָט ער אָנגעשריבּן אַ טעלעגראַמע צום אויעזדנעם קאָמיסאַר, ער זאָל צונעמען מיטלען אויף אָפּצושטעלן דעם פּאָגראָם. אונז האָט ער געזאָגט, אַז ער סאָמנעוואַיעט זיך (ער איז מסופק) צי דער קאָמיסאַר פון אונזער אויעזד וועט אונז קענען העלפן, ווייל ער האָט נישט מיט וועמען גיין מאַכן אַן אָרדנונג. אַלזאָ, בּעטן מיר אייך, הער מיניסטר, אַז איר

[1]) מיר לאָזן אומבּאַרירט דעם סטיל פון דער ווענדונג.

זאָלט צונעמען מיטלען אויף צו באַהיטן דאָס לעבן פון אונז, ווייל מיר זיינען אַלע טאָג אין סכנה, ווייל נאָך דעם צערויבן אין גאַנצן אונזער פאַרמעגן קלייבן זיי אונז אויסהרגענען אויך”.

(חתימות).

אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום (1917–1918).

---

## V. פּאָגראָמען פון באָלשעוויסטישע ארמיי־טיילן.

### (טשערניגאָווער גוב׳.)

### I

### די געשעהענישן אין מגלין און סוראַזש.

... „בעת די ראַטן־מאַכט האָט זיך אָנגעהויבן עוואַקואירן פון האָמעל, איידער די שטאָט איז נאָך געפאַלן, האָבן די איבערגעבליבענע סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי געפּרובט מאַכן אַ פּאָגראָם. די זעלבסטשוץ אָבער, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די אָרטיגע איינוואוינער, באַוואָפנט מיט ביקסן און קוילנוואַרפער, האָט צעקלאַפּט די פּאָגראָמשטשיקעס (סאָלדאַטן און אָרטיגע כוליגאַנעס) און ניט דערלאָזט צו קיין פּאָגראָם. דערביי זיינען עטליכע פּאָגראָמשטשיקעס דערהרגעט און פאַרוואונדעט געוואָרן, די איבעריגע זיינען זיך צולאָפן, אַנדערע האָבן זיך באַהאַלטן אין די אַרומיגע דערפער, אַנדערע ווידער זיינען צוגעשטאַנען צו די אָפּטרעטנדיגע אָפּטיילונגען פון דער רויטער אַרמיי און פאַרשפּרייט אַרום קלאַנגען וועגן „זשידעס, וואָס האָבן געשאָסן אין דער רויטער אַרמיי אין האָמעל“. די קלאַנגען האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט די אַנטיסעמיטישע שטימונג, וואָס איז אַזוי אויך געווען גרויס, און דאָס האָט זיך אין איינינע ערטער אויסגעגאָסן אין דער פאָרם פון פּאָגראָמען.

אין דער שטאָט מ ג ל י ן (טשערניגאָווער גובערניע) איז די אַנטיסעמיטישע שטימונג אַזוי שטאַרק אַריינגעדרונגען אין די סאָוויעטישע קרייזן, אַז איינער אַ מיטגליד פון ראַט — אַ ייד א. — איז אַרויסגעטראָטן אין שול און גערופן די יידן צו פאַרשרייבן זיך אין דער רויטער אַרמיי און אויף אַזאַ אופן רעאַביליטירן זיך פון באַשולדיגונגען אין קאָנטער־רעוואָלוציע און דערמיט ראַטעווען די יידישע באַפעלקערונג פון פּאָגראָמען, ווייל די פראַגע וועגן אַ פּאָגראָם, ווי ס׳האָט זיך אויסגעדריקט דער רעדנער, איז שוין געשטעלט אויפן סדר היום פונם ראַט... ווען אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיך אין מגלין פונאַנדערגעשפּילט בלוטיגע געשעהענישן, צו וועלכע די יידן, אַפילו אַלס איינצלנע פערזאָנען, האָבן מסתמא קיין שום שייכות ניט געהאַט (מען האָט דעם פאָרזיצער פון ראַט

שימאַנאָווסקי געהרגעט אויפן צוזאַמענפאָר פון די פויערן־דעפוטאַטן, צווישן וועלכע ס׳איז געווים קיין איין ייד ניט געווען), האָט די שטראָף־עקספּעדיציע, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן דורכן שטאַב פון סטאַנציע אוניעטשאַ, פּאָליעסער אייזנבאַן־ליניע, אין וועלכע איז באַשטאַנען פון דריי מיליטער־אָפּטיילונגען (אַ בריאַנסקער, אַ מאָסקווער און נאָך אַ דריטע, וועמעס נאָמען ס׳איז ניט באַקאַנט), געמאַכט דאָ אַן אמתן יידישן פּאָגראָם מיטן אויסרייד, אַז דאָס באַשטראָפט מען די שולדיגע. עס זיינען דערהרגעט געוואָרן 15 יידן, אַ סך יידן האָט מען שטאַרק צושלאָגן און פאַרוואונדעט, און מ׳האָט צעראַבירט א סך יידישע קראָמען. אויף מאָרגן נאָכן פּאָגראָם האָט די שטאָט נאָך געמוזט באַצאָלן אַ גרויסע קאָנטריבוציע.

די פּרטים פון דער שטראָף־עקספּעדיציע דערמאָנען אָן די פּאָגראָמען פון 1905 יאָר. אַזוי, זיינען עטליכע סאָלדאַטן אַריין אין שטוב צו די אָרטיגע גבירים און באַקאַנטע געזעלשאַפטליכע טוער ניעגינסקים, וואו ס׳האָבן זיך צונויפגעקליבן עטליכע צענדליג מענשן (קריסטן און יידן), מיט אַ געשריי „קריסטן — גייט אַרויס, זשידעס — בלייבט!“, האָבן אַרויסגעלאָזט די קריסטן (צופעליג האָבן זיך דורכגענגבעט אויך 2 יידישע פרויען) און די פאַרבליבענע 7 יידן האָבן זיי אויסגעקוילעט, צווישן זיי אַ 2־יאָריגע מיידעלע, אַ שטומע פרוי און אַנד. ווען די סאָלדאַטן האָבן פאַרענדיגט זייער בלוטיגע מלאכה און גענומען אַרויסגיין פון שטוב, האָט זיי באַגעגנט איינער פון די פירער פון דער שטראָף־עקספּעדיציע, אַ פויער זאָרין, און האָט זיי א פרעג געגעבן: „וואָס האָט איר דאָ געטאָן?“ — „געקוילעט זשידעס“, האָבן די סאָלדאַטן קאַלטבלוטיג געענטפערט. זאָרין איז זעהר אויפגערעגט געוואָרן און האָט אויפן אָרט דערשאָסן צווייען, גלייך אָבער האָט ער אַליין געמוזט אַנטלויפן, ווייל זיינע אייגענע סאָלדאַטן האָבן אים ניט געוואָלט מוחל זיין, וואָס ער נעמט זיך אָן פאַר יידן.

די געשעהענישן אינם שכנותדיגן סוראַזש, וועלכע האָבן זיך, אמת, באַשרענקט נאָר מיט מאַטעריעלע היזקות, האָבן נאָך בולטער באַוויזן, אויף וויפיל די רויטע אַרמיי איז דורכגעדרונגען מיט אַנטיסעמיטיזם.

בשעת אין סוראַזש איז נאָך געווען די ראַטן־מאַכט, איז לויטן באַשלוס פון דער שטאָט־דומע און מיט דער צושטימונג פון „סאָוויעט“ אָרגאַניזירט געוואָרן אַ שטאָטישע זעלבסטשוץ, און ווען דער „סאָוויעט“ האָט געמוזט עוואַקואירן זיך פון שטאָט, האָט ער איבערגעלאָזט דער זעלבסטשוץ אַ באַדייטנדע צאָל ביקסן און קוילנוואַרפער. שוין אין עטליכע טעג אַרום נאָך דעם האָט זיך צווישן די רויטע־אַרמייער, וואָס אויף דער סטאַנציע אוניעטשאַ, באַוויזן אַ פיינטליכע שטימונג קעגן דער סוראַזשער זעלבסטשוץ. אין די פּראָוואָקאַטאָרישע קלאַנגען, וועלכע האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן און וועלכע האָבן דערנאָך געבראַכט צו די געשעהענישן, האָט זיך אייגנטליך נאָר ניט געהערט ווענן יידן, — די אויפרעגונג איז געווען געריכטעט קעגן די אָפיצערן, וואָס האָבן אָנגעטאָן עפּאָלעטן, און די גוטבאַזיצער. ווען די אויפרעגונג פון די סאָלדאַטן האָט אָבער דערגרייכט איר העכסטע שטופע און קיין סוראַזש איז אָנגעקומען אַ צוג פון 20 וואַגאָנעס מיט רויטע־אַרמייער פון „לענינס ערשטן פּאָלק“ („פּערווי פּאָלק אימעני לעני נאַ“), מיטן צוועק

צו באַשטראָפֿן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, האָט זיך דער גאַנצער כעס זייערער און ענערגיע אויסגעלאָזט גראָד צו די יידישע הייזער. און נאָר אַ דאַנק איינעם פֿון די מיטגלידער פֿון דער קאָמיסיע פֿאַר שטאָט־שוץ, דעם חבר וו., איז דער פּאָגראָם דורכגעגאַנגען אָהן מענשליכע קרבנות. ניט קוקנדיג אויף אַלע דראָהונגען, האָט ער ביז דער לעצטער מינוט געפֿירט אונטערהאַנדלונגען דורכן צווישן־שטאָטישן טעלעפֿאָן מיטן שעף פֿון שטאַב וועגן פֿאַרהיטן פֿון אַ פּאָגראָם.

...צו פֿאַרנאַכט צו האָט זיך איינגעגעבן ליקווידירן דעם פּאָגראָם, און די שטאָט איז אָפּגעקומען נאָר מיט מאַטעריעלע היזקות. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז קיין מגלין אָנגעקומען אַ ספּעציעלע רייטער־אָפּטיילונג פֿון דער רויטער אַרמיי, אונטערן אָנפֿיר פֿון איינעם לאָבאַנאָוו, כדי אָפּצוהיטן די אָרדנונג אין שטאָט. לאָבאַנאָוו האָט נעבן מאַרק צונויפֿגערופֿן אַ מין מאַסן־מיטינג, האָט זיך געווענדעט צו די פֿאַרזאַמלטע מיט אַ באַרוהיגונגס־רעדע און פּלוצלונג האָט ער פֿאַרענדיגט: „יידן האָבן אין אַנדערע ערטער באַגעגנט די דייטשן מיט ברויט און זאַלץ. אויב דאָס זעלבע וועט אויך זיין אין סוראַזש, דאַן...“

„ר אַ ז ס ו ו ע ט“ 18 №, פֿונם 26־טן מאַי 1918, מ. יאַנאָוויטש,

„אויפֿן רויטן פֿאָן“.

---

II

## דער פּאָגראָם אין גלוכאָוו.

(דערציילט פֿון אַ געפֿיטענעם).

...„ נאָכדעם, ווי די קיעווער צענטראַלע ראַדע איז באַזיגט געוואָרן און איבער אוקראַינע האָט זיך צעגאָסן די באָלשעוויסטישע כוואַליע, האָבן די גלוכאָווער באָלשעוויקעס אויך פֿאַרכאַפּט די מאַכט. דער בעל־הבית אין שטאָט איז געוואָרן דער ראַט פֿון אַרבעטער־, פּויערן־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן, בראש מיט די קאָמיסאַרן, פֿון וועלכע איינער, וולאַסאָוו, איז אַ דאָרפֿישער קרעמער, דער צווייטער, פּילטשענקאָ, אַ מענש מיט אַ קרימינאַלער פֿאַרגאַנגענהייט, געווען געמשפּט פֿאַר פֿאַלש געלט..

די באַציהונגען צווישן די יידן און אוקראַינער זיינען די גאַנצע צייט געווען גאַנץ גוטע...

דעם 18־טן פֿעברואַר (לויטן אַלטן סטיל) האָט מען זיך אין שטאָט דערוואוסט, אַז קיין גלוכאָוו קערט זיך אום פֿון פֿראָנט דער באַטורינער פּאָלק, וואָס איז ביז דער מלחמה דאָרט געשטאַנען. דער פּאָלק איז אוקראַיניזירט געוואָרן און איז געשטאַנען אויף דער זייט פֿון דער צענטראַלער ראַדע, וואָס האָט באַפֿוילן אָפּצורייניגן גלוכאָוו פֿון די באָלשעוויקעס. דאָס איז געווען גענוג, אַז דער באָלשעוויסטישער ראַט מיט אַלע זיינע קאָמיסאַרן און מיט דער רויטער גוואַרדיע זאָלן מאַכן פּליטה.

דער באַטורינער פּאָלק, סך הכּל אַ מאַן 300, איז אַריין אין שטאָט. די מאַכט איז ווידער אַריבער צום אוקראַאינישן סעקרעטאַריאַט.

...אָבער ניט לאַנג איז געווען רוהיג. שוין אין פיר טעג אַרום, דעם 21-טן פעברואַר, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אויף גלוכאָוו גייען ווידער די באָלשעוויקעס — די ראָסלאַוולער פאַרטיזאַנען-אָפּטיילונג פון דער רויטער אַרמיי און, חוץ לזה, אַ גרויסע מחנה פויערן פון די אַרומיגע דערפער, וועלכע זיינען נאָך פון פריער געווען גוט באַוואָפנט און נוטה געווען צו די באָלשעוויקעס. די שטאָט איז געוואָרן אומרוהיג, מען האָט אַרויסגעשיקט נאָכשפּירער און בכּלל זיך גענומען גרייטן צו מלחמה, איטליכער אויף זיין שטייגער: יידן זיינען אַראָפּ אין די קעלערס.

דעם 12-טן פעברואַר אינדערפריה האָט זיך הינטערן שטאָט, ניט ווייט פונם וואָקזאַל, אָנגעהויבן אַן אמתע שלאַכט צווישן דער גלוכאָווער מיליציע און דעם באַטורינער פּאָלק, פון איין זייט, און די באָלשעוויקעס — סאָלדאַטן-פאַרטיזאַנער און פויערן — פון דער צווייטער זייט. ביי די לעצטע זיינען געווען קוילנוואַרפער און אַפילו האַרמאַטן, מיט וועלכע זיי האָבן באָמבאַרדירט דעם וואָקזאַל און די שטאָט. עס פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזעלכע קרעפטן האָבן די פאַרטיידיגער פון גלוכאָוו ניט געקאָנט לאַנג זיך שלאָגן, דערצו נאָך האָבן די סאָלדאַטן פון באַטורינער פּאָלק אין מיטן שלאַכט געוואָרפן דאָס געווער און אַריבער אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס, דערביי האָבן זיי ערקלערט, אַז גלוכאָווער יידן האָבן זיי אונטערגעקויפט צו קעמפן מיט די באָלשעוויקעס. די אָפיצערן פון פּאָלק זיינען פאַרבליבן אין די רייען פון דער מיליציע און צוזאַמען ענערגיש פאַרטיידיגט די שטאָט. אָבער דאָס הייפעלע מענשן איז שנעל צושלאָגן געוואָרן, און די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען די שטאָט, איבער וועלכער עס האָבן נאָך ניט אויפגעהערט זיך צו רייסן די האַרמאַטן-קוילן.

איבערן שטאָט האָט זיך צעגאָסן אַ כוואַליע באַוואָפנטע פאַרטיזאַנער און פויערן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען גנבים, פרויען און קינדער. די פויערן זיינען געקומען מיט ליידיגע פורן. באַזונדערע גרופּן האָבן אָנגעהויבן גיין איבער די הייזער און פרעגן:

— וואו וואוינען דאָ זשידעס ?

...אַריינקומענדיג אין די הייזער און געפינענדיג זיי פּוסט, האָבן זיי זיך געלאָזט איבער די בוידימער, קעלערס, שטאַלן און אַנדערע פאַרבאָרגענע ערטער, וואו די יידן האָבן זיך באַהאַלטן. אין אַ סך הייזער האָבן קריסטליכע דינסטן אָנגעוויזן, וואו די יידן באַהאַלטן זיך.

די באַנדיטן זיינען געווען שכּור. געפונען אין אַ קעלער, צי אַנדערש-וואו, יידן פלעגט מען זיי שטעלן אַ פאָדערונג, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן דאָס געווער, וואָס זיי האָבן כּלומרשט ביי זיך. און אַז קיין געווער האָט מען, נאַטירליך, ניט געפונען, פלעגט מען אַרעסטירן און פירן אין ראַט; אָבער צום ראַט פלעגט מען ניט דערפירן און אויפן וועג דערשיסן אָדער דערשטעכן. אין פיל אַנדערע פעלן איז מען זיך באַגאַנגען נאָר פשוט: אַרויסגעפירט גאַנצע פאַמיליעס אויפן הויף, אַוועקגעשטעלט אין רייע און דערשאָסן.

ווען אײנינע יידן מיט טויט־שרעק אין די אויגן האָבן זיך געפּרובט דערגײן בײ די שכּורע סאָלדאַטן, פאַרוואָס הרגעט מען, וואָס איז די שולד, פלעגן די סאָלדאַטן ענטפערן גאַנץ קורץ:

— מען האָט אונז באַפוילן אויסקוילן אַלע זשידעס.

אײנע אַ פאַמיליע האָט מען אַרויסגעפירט אין הויף און געגעבן אויף זײ אַ זאַלפּ (אַ שאָס). עס זײנע געפאַלן טויט צווײ זין, די מוטער פאַרוואונדעט. די איבעריגע זײנען אַרײנגעלאָפן אין שטוב און זיך באַהאַלטן. אין אײנינע מינוט אַרום קומט אַ נײע באַנדע און דערשיסט די איבעריגע, דערבײ פּרובט מען מיט שפּיזן, צי די קערפּערס זײנען טויט, און מען שיסט אונטער די בעטן, טאָמער האָט זיך עמיצער באַהאַלטן...

די סאָלדאַטן פלעגן אויך גײן אין די שפּײכלערס און שטעכן מיט די שפּיזן אין די הויפנס היי, טאָמער ליגט דאָרט עמיצער באַהאַלטן. פיל האָבן ווירקליך זיך באַהאַלטן צווישן היי און אַזוי אַרום דערשטאָכן געוואָרן. מענגליך, אַז פיל טויטע קערפּערס ליגן נאָך אין די סקירדעס היי.

ניט איטליכער האָט געהאַט דאָס גליק געטויט צו ווערן אויפן אָרט. אין פיל פאַלן האָבן די פאַרטיזאַנער פאַרן טויט זײערע קרבנות געפּײניגט און געשפּאָט פון זײ. אין אײנער אַ פאַמיליע פון אַ אָנגעזעהענעם רײכן יידן, בײ וועמען די סאָלדאַטן האָבן (פאַרן הרגענען) געפאָדערט אַ גרויסע סומע געלט, האָט מען געטראָפן אַזאַ בילד: אײן מײדל, אַ טאָכטער, ליגט מיט אַ צעבראָכענעם שאַרבן, צווײ יונגערע זײנען געבליבן פאַרגליווערט, שטײענדיג אויף די קני מיט אויסגעשטרעקטע הענט, — זײ האָט מען אַפּנים דערהרגעט בשעת זײ האָבן זיך געבעטן בײ די מערדער שײנקען זײ דאָס לעבן; דער פאָטער איז געלעגן ממש אַ צעשניטענער אויף שטיקער, און די מוטער איז געזעסן א ויפאַ שטול אַנקעגן אַ וואַנט־שפּיגל, און אין איר טויטן מויל האָט געשטעקט אַ בלימל.

בײ אײנער אַ מוטער האָט מען פאַר איר אין די אויגן דערהרגעט אירע דרײ זין, דערבײ האָבן די פאַרטיזאַנער דער מוטער רוהיג ערקלערט:

— דיך וועלן מיר ניט דערהרגענען; מיר וועלן קומען צו דיר עסן מיטאָג, גרײט צו אויף מאָרגן.

און זײ האָבן געהאַלטן וואָרט. עטליכע טעג האָט די מוטער געשפּײזט מיט מיטאָגן די מערדער פון אירע דרײ זין.

אין נאָך אַנדערע הײזער פלעגן די סאָלדאַטן, שוין מיט עטליכע טעג נאָך דער שחיטה, אַרײנגעקומען עסן אין יענע הײזער, וואו די לעבן־געבליבענע האָבן אין זײ דערקענט די מערדער פון זײערע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער, ברידער און קינדער. די סאָלדאַטן פלעגן עס רוהיג אויסהערן און ווײטער עסן.

...דעם רב פון שטאָט (בערעלע דער רב), אַ זקן פון קרוב צו שבעים, האָט מען אַוועקגעשלעפּט אויפן שטאָט־פּלאַץ, וואוהין מען האָט געבראַכט נאָך עטליכע יידן,

וואָס מען האָט פאַר דעם אַריינגעזעצט אין טורמע. אויף דעם פּלאַץ האָט מען דעם רב און די איבעריגע יידן אויסגעשטעלט אין אַ רייע און דערשאָסן.

...איינינע קערפּערס האָט מען נעפונען מיט אָפּגעשניטענע הענט, פיס און אַנדערע אברים, אויסגעשטאָכענע אויגן.

די פאַרוואונדעטע האָבן ניט געקאָנט באַקומען קיין שום מעדיצינישע הילף, ווייל אַרויס אין גאַס האָט מען ניט געקאָנט, דאָרט פלעגט מען כאַפּן יעדן יידן און דערשיסן אויפן אָרט. און האָט זיך שוין ווען עס איז איינגעגעבן צו דערפירן אַ פאַרוואונדעטן ביזן שטאָט-שפּיטאָל, פלעגט מען דאָ אין דרויסן פאַרהאַלטן און דערשיסן.

...די שחיטה איז געמאַכט געוואָרן אויסשליסליך צווישן יידן. דערשאָסן האָט מען, אויסער יידן, נאָר די אָפיצערן פון באַטורינער פאָלק און דעם אוקראַינישן קאָמיסאַר דראָזד. די פרידליכע קריסטליכע באַפעלקערונג האָט ניט געליטן. קיינער פון די קריסטן האָט ניט געוואָלט אַריינלאָזן צו זיך אין דער וואוינונג און באַהאַלטן פאַר די מערדער קיין יידן, אַפילו קיין נאָהנטן באַקאַנטן. דער צייטווייליגער קאַזיאָנער ראַבינער, אָנגעשטעלטער פון פאַראייניגטן באַנק, האָט זיך באַהאַלטן מיט זיין פרוי און צוויי קינדער אין וואוינונג פון באַנק; האָט אים אַ צווייטער אָנגעשטעלטער, אַ אינטעליגענטער קריסט, אַרויסגעגעבן. דעם ראַבינער האָט מען אַוועקגעשלעפּט „אין ראַט“ און אויפן וועג דערשטאָכן. זיין פרוי האָט מען אויך דערהרגעט, די קינדער זיינען געבליבן לעבן. בכלל האָט מען פיל דערהרגעט אין די גאַסן, בשעת מען האָט געפירט אַרעסטירן, אָדער בשעת מען האָט געפּרובט אַנטלויפן פון שטאָט. די קיעוו-מאָסקווער גאַס, וואו דער ראַט געפינט זיך, איז אינגאַנצן געווען פאַרגאָסן מיט בלוט. אין שטאָט-גאָרטן האָט מען געפונען 40 קערפּערס. אויף איינער אַ באַן-סטאַנציע נעבן גלוכאָוו האָט מען פון אַ וואַגאָן אַרויסגעפירט אַכט יידן, צעשניטן אויף שטיקער און זיי ביי דער ליניע פאַרגראָבן.

אין איינינע פאַלן האָט זיך איינגעגעבן אויסקויפן פאַר געלט.

...צווישן די, וואָס האָבן זיך פאַר געלט ניט געקאָנט אויסקויפן, האָט מען קיין שום אויסנאַם ניט געמאַכט. אַזוי, האָט מען דערהרגעט איינינע יידן — געוועזענע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן באַקומען געאָרגי-צייכנס אין דער איצטיגער מלחמה.

אויך האָט מען ניט געשאַנעוועט קיין פרויען, זקנים און קינדער, כאָטש די פאַרטיזאַנער פלעגן זאָגן, אַז זיי זוכן יידישע יונגע-לייט.

די שחיטה האָט געדויערט דעם גאַנצן טאָג דעם 22-טן פעברואַר און די נאַכט אויפן 23-טן. דאַן האָט מען איבערן שטאָט אויסגעקלעפּט אַן אויפרוף פון ראַט:

„קראַסנאָגוואַרדייצעס, גענוג בלוט!“

די מאַסן-שחיטה האָט אויפגעהערט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם, וועלכער האָט געדויערט צוויי טעג דורכאַנאַנד. מען האָט אויסגערוימט אַלע יידישע הייזער און קראָמען. אין פּאָגראָם האָבן זיך באַטייליגט די באָלשעוויסטישע קאָמיסאַרן גופא. די פויערן האָבן אָנגעלאָדן זייערע פורן מיט יידישע סחורות, האָב און גוטס און אַוועקגעפירט צו זיך אין די דערפער. חוץ לזה האָבן די פויערן אַרומגעריסן די טויטע

קערפּערס, אַראָפּגענומען פון זיי אַלץ, וואָס קאָן נוצן, און די טויטע נאַקעטע קערפּערס אַוועקגעשליידערט אויפן יידישן בית-עלמין. דאַן האָט מען פון ראַט גערופן די שמשים פון דער חברה קדישא און באַפוילן מקבר זיין די הרוגים. צו דער לויה איז קיינער פון די לעבן-געבליבענע מאַנסבילן ניט געגאַנגען, ווייל אין גאַס פלעגט מען דערשיסן, און נאָר פרויען זיינען געקומען אויפן הייליגן אָרט צו דער קבורה. סך הכל האָט מען מקבר געווען אַן ערך 140 מאַן, אָבער מען רעכנט, אַז ניט אַלע קערפּערס האָט מען געפונען [1]. חוץ דעם איז באַוואוסט, אַז אין פאַרשיידענע דערפער אין דער סביבה האָט מען אויסגעשאָסן אַלע יידן, נאָר די קערפּערס זייערע האָט מען ניט געוואָלט אַרויסגעבן. די יידן, וואָס זיינען געפאָרן נאָך די קערפּערס, האָט מען דערשאָסן.

...נאָך דער שחיטה האָט מען אויף דער שטאָט אַרויפגעלייגט אַ קאָנטריבוציע פון 300 טויזנט רובל, כאָטש דער פּאָגראָם האָט פאַרוואַנדלט אַלעמען אין קבצנים. פאַר פּסח האָט דער קאָמיסאַר פּילטשענקאָ געפאָדערט, אַז יידן זאָלן אַריינטראָגן אים 10 טויזנט רובל, אַז ניט וועט די שחיטה איבערגעחזרט ווערן. דאָס געלט האָט מען אַריינגעטראָגן.

בשעת דער שחיטה האָט מען אויך צושאָסן די יידישע שול, צעריסן ספרי-תורות און ספרים.

צייט דער שחיטה איז שוין אַריבער אַן ערך 7 וואָכן, און דאָס לעבן פון די יידן הענגט נאָך אַלץ אויף אַ האָר. די שטאָט איז ווי אויסגעשטאָרבן. קיינעם לאָזט מען ניט אַרויס... די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פילט זיך ווי פאַרמשפּט צום טויט, עלנד, הילפלאָז און אָפּגעריסן פון אַנדערע יידישע קהלות.

...צום סוף — איין קליינער שטריך.

די פּאַרטיזאַנער, וואָס זיינען געפאַלן טויט בשעת דער שלאַכט מיט דער גלוכאָווער מיליציע, האָט מען מיט גרויס פּאַראַד מקבר געווען אין מיטן שטאָט און אויף די קברים אַוועקגעשטעלט אַ רויטע פאָן מיט אַן אויפשריפט:

„לעבן זאָל דער אינטערנאַציאָנאַל!“.

„אונזער טאָגבלאַט“ (פּעטראָגראַד), 48 №, פונם 19-טן אַפּריל 1918.

---

### III

## אין שרעק פאַר אַ פּאָגראָם.

### „אַ בריף“.

(אויסצוגן).

„דער בריף איז געשריבן געוואָרן דעם 10 (23) אַפּריל, אין דאָרף גלינאַיאַ, פון אַ יידן ,וואָס איז צוזאַמען מיט זיינע קרובים בשעת דער מאַסן-שחיטה, וואָס די זיג-

[1]) די צאָל הרוגים אין גלוכאָוו איז דאָ אָנגעגעבן צו אַ גרויסע. זעה ערשטן טייל, קאַפּיטל VII.

רייכע באַלשעוויסטישע פּאַרטיזאַנער האָבן דאָרט געמאַכט אויף יידן, אַנטלאָפן פון גלו־
כאָוו אין נאָהענטן שטעטל אַלטוכאָוו. אין יענעם מאָמענט, וואָס ווענן אים רעדט זיך אין
אָנהויב בריף, איז גלוכאָוו און דאָס דערבייאיגע שטעטל בודא (יידן רופן עס בויד), וואָס
ליגט ביי דער סטאַנציע אָזעראָווא, פאַרנומען דורך די דייטשן, און די פּליטים פון גלו־
כאָוו קאָנען זיך שוין אַהין ניט אומקערן, און זיי וואַנדערן אום, געטריבן פון שרעק און
אומגליק.

אָט איז דער בריף גופא.

* * *

„טייערער ברודער ש. ד. אויך טייערסטע שוועסטער ר.!

...פּאַר די זעקס טעג, וועלכע מיר האָבן איבערגעלעבט, איז ערשט היינט גע־
ווען די ערשטע נאַכט, וועלכע מיר אַלע האָבן זיך אויסגעטאָן די קליידער און איבער־
געלעגן די נאַכט, כאָטש אַפילו מיר זיינען ניט געשלאָפן, נאָר דאָך זיינען מיר געווען
רוהיגער, ווי די פאַריגע נעכט, ווייל דאָ הערט זיך ניט קיין שיסעריי. ביי איצטיגער מי־
נוט, ווען דאָס האַרץ איז עטוואָס רוהיגער, האָב איך זיך גענומען באַשרייבן אייך פיל־
וויניג אונזער ביאָגראַפיע פון די לעצטע גוטע טעג.

פאַראַכטאָגן מיטוואָך, דעם 4־טן [1]), בין איך געגאַנגען אויף דער סטאַנציע אין
אַלטוכאָווע. איז געפאָרן אַן עשאַלאָן רויטע־גוואַרדייצעס פון די, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון
גלוכאָוו, ווען דער דייטש האָט נאַסטופּאַיעט. ווען דער פּאַיעזד האָט זיך אָפּגעשטעלט,
זיינען אַרויסגעגאַנגען פון די וואַגאָנעס אַלע גזלנים. מיר האָט אַפילו באַלד אַ שטאָך
געטאָן אין האַרצן, ווי איך האָב זיי דערזעהן. מ'האָט דאָך אַפילו געדאַרפט שוין גע־
וואוינט ווערן צו זיי, ווייל וואו מ'גיט זיך ניט אַ קער זיינען זיי, נאָר זיי, די רוצחים. דע־
רינען מיט דעם פּאַיעזד איז דורכגעפאָרן פון בויד [2]) יעקבס אַ שוועסטער־קינד. בין
איך געשטאַנען מיט אים און מיר האָבן גערעדט. ער האָט מיר דערציילט, אַז גלוכאָוו
איז שוין צונעגומען געוואָרן. ווי מיר זיינען געשטאַנען און גערעדט, איז צוגעגאַנגען צו
אונז איינער פון די מערדערס מיט פאַרשכורטע, אויסגעגלאָצטע פאָר אויגן, פאַר וועלכע
איך האָב זיך דערשראָקן איידער וואָס ווער ווענען, און פרעגט: ווער זייט איר? איך בין
אין יענעם מאָמענט ניט געווען אימשטאַנד אים צו ענטפערן, נאָר יעקבס קוזין איז גע־
ווען שטאַרקער ביי זיך, — ער איז אָנגעטאָן אין סאָלדאַטן־קליידער, — האָט ער
אים געענטפערט, אַז מיר זיינען הינע. האָט ער אָנגעהויבן רעדן צו אונז: „וואָס טוט
מען מיט אייערע ברידער?“ אין גלוכאָוו האָבן די יידן געשאָסן אין זיי און האָבן זיי
אַרויסגעגעבן דעם דייטש און מ'האָט פיל זייערע צעשאָסן דערויבער.

---

[1]) דעם 4־טן אַפּריל, אַלטן סטיל.

[2]) דאָס אויבנדערמאָנטע שטעטל, וואָס די דייטשן האָבן געהאַט פאַרנומען נאָך
גלוכאָוו (דער אמת'ער נאָמען איז „סערעדינאַ בודאַ“).

...דאָ האָט גאָט באַוויזן דעם ערשטן נס, און דער גזלן איז אַוועק אין וואָקזאַל און האָט אָנגעהויבן צו געבן זיינע פאָראָנדקעס, אַז עס איז געוואָרן אַ פּאַניקע מיט אַ שיסעריי. אַנטלויפן האָט מען שוין ניט געקאָנט, און איך האָב שוין ניט געקאָנט אפילו רירן זיך פון אָרט. נאָר אַ דאַנק גאָט פאַר יעקבס קוזין, האָט ער מיך אַריינגעפירט אין סטאַנציע, נאָר אַזוי ווי דאָרטן איז געווען אויך אומרוהיג און איך האָב דערזעהן, אַז אייניגע קריסטן באַהאַלטן זיך אין דער טעלעגראַפנע קאָמנאַטע (צימער), בין איך אויך אַריינגעגאַנגען אַהין. האָט זיך אָנגערופן איינער פון די טעלעגראַפיסטן צו מיר: וואָס האָסטו דאָ וואָס צו טאָן? וואָס זאָל איך אים ענטפערן דערויף? און האָט געהייסן באַלד אַרויסגיין פון דאָרט. האָב איך ערשט אָנגעהויבן פילן, אַז איך בין פאָרט אַ ייד.

...פאַרנאַכט האָט זיך שוין אָנגעהויבן הערן, אַז אויף דער סטאַנציע וועט זיין אַ באָי (אַ שלאַכט), אַזוי ווי די דריי עשאלאָנען זיינען געשטאַנען אויף דער סטאַנציע, וועלכע אַנטלויפן פון פראָנט, און פון בריאַנסק פאָרן פאַרטיזאַנער שלאָגן זיך מיט זיי, פאַרוואָס זיי אַנטלויפן. און דאָ האָבן מיר שוין דערהערט די גוטע בשורה, אַז אין בויד איז אויך געווען אַ רעכטער פּאָגראָם און מ׳האָט צעהרגעט און צעראַבעוועט פיל יידן, נאָר וועמען ווייסט מען ניט... דאָנערשטאָג אינדערפריה איז שוין געקומען צעלויפן פון דער צטאַנציע אַ קריסט מיט דער גוטער בשורה, אַז קיינער זאָל ניט גיין צו דער סטאַנציע, ווייל מען פרעגט זיך אָן, צי איז דאָ פאַראַן יידן. מיר זיינען באַלד אַלע געוואָרן אָפּגעשטאָרבן, איין יעקב האָט זיך נאָך געהאַלטן שטאָלץ; נאָר אסתּר [1]) איז געוואָרן אויס מענש, האָבן מיר זי אָטפּראַוועט (אָפּגעשיקט) צו אַ קריסט מיט די קינדער, נאָר אין אַ שעה אַרום האָט מען געגעבן צו וויסן, אַז אויף דער סטאַנציע שיסט מען, און מיר האָבן פּאָריעשעט (באַשלאָסן) זיך באַהאַלטן. מיר האָבן געדונגען אַ קוואַרטיר אויף איבערנעכטיגן ביי אַ גוי.

פאַרנאַכט זיינען מיר אַלע אַוועקגעגאַנגען מיט גערטנער, באַהאַלטענערהייט, אויף דער נייער קוואַרטיר, נאָר ביז וואַנען מיר זיינען געקומען, האָט מען געהאַט הרטה און מ׳האָט שוין ניט געוואָלט לאָזן אונז אויף דער נייער קוואַרטיר, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר זיך. זיינען מיר אַוועקגעגאַנגען ערגעץ וואו זוכן איבערצונעכטיגן. מיר זיינען אַוועק גלייך אין וואַלד, מיר זיינען אָפּגעגאַנגען עטליכע וויאָרסט פון דאָרף צו אַ קאַראַאולקע (אַ וועכטער-שטיבל); מיר האָבן זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל נעמען ביי אונז וויפיל ער וויל און זאָל אונז לאָזן איבערנעכטיגן, האָט ער געענטפערט, אַז פאַר קיינע געלט וועט ער אונז ניט לאָזן, ווייל מ׳איז שוין געווען פרעגן ביי אים, צי איז ביי אים ניטאָ קיין יידן... קיין געבעט האָט ניט געהאָלפן, און מיר זיינען אַוועק צוריק אין דאָרף. אסתּר האָט אפילו געוואָלט בלייבן נעכטיגן אין וואַלד, נאָר דאָס איז דאָך אויך אָפּאַסנע (אַ סכנה), איז אַוועק יעקב זוכן אַן אַנדער קוואַרטיר, און מיר האָבן געוואַרט ביז ער איז געקומען און האָט געזאָגט, אַז מיר מוזן דאָ איבערזיצן אין וואַלד ביז עס ווערן גוט פינסטערלאַך, דעמאָלט וועלן מיר גייען נעכטיגן אויף דער נייער קוואַרטיר.

---

[1]) יעקבס פרוי.

אויך האָט ער נעדונגען דריי גוים פֿאַר פֿיר הונדערט רובל, אַז זיי זאָלן אונז היטן ביז עס וועט דורכגיין דאָס גרויסע שרעקליכע פֿייער. איר קאָנט זיך פֿאָרשטעלן אונזער אַלעמענס נאַסטראָיעניע (שטימונג).

אַז עס איז שוין געוואָרן גוט פֿינסטערלאַך, זיינען מיר אַוועק אויף דער קוואַרטיר. יאָ, איך האָב נאָך פֿאַרגעסן צו שרייבן, אַז ווען מיר זיינען געגאַנגען זוכן וואו איבערצונעכטיגן, זיינען נאָכגעלאָפֿן נאָך אונז קליין און גרויס און מ׳האָט באַוויזן מיט די פֿינגער און מ׳האָט געקוקט, ווי אויף חיות. מ׳האָט גערעדט: יידן לויפֿן זיך באַהאַלטן. אָ, ווי ביטער און שרעקליך און פֿאַרדראָסיג און טויט ווייי צו הערן דאָס און שווייגן. און פֿאַרוואָס ?

מיר זיינען געקומען, ברוך השם, אויף דער נייער האָלוועלער קוואַרטיר. איין קליין שטיבעלע, אפֿילו אַ ריינע, נאָר זעהר אַ קאַלטע, נאָך אָהן אַ הרובע. אין שטוב איז פֿול מיט גאָטן. פֿאַרביטערטע, פֿאַרמאַטערטע, אַ גאַנצן טאָג ניט געגעסן, דער וואַרעמעס איז געבליבן אין אויוון, און מיר זיינען אַנטלאָפֿן אַזוי ווי מיר זיינען געשטאַנען. די שטוב האָבן מיר געלאָזט אויף קדוש השם.

מיר האָבן זיך אַלע אַוועקגעזעצט אין דער פֿינסטערער שטוב, ווייל מיר האָבן מורא געהאַט צו צינדן פֿייער. די קינדער האָט צוגענומען צו אירע עלטערן די דינסט, וועלכע האָט זיי זעהר ליב. און דערצו זיין מיט זיי צוזאַמען איז אוממעגליך: זיי זיינען דאָך פֿאָרט קינדער און געבאַלעוועטע.

...נאָר דאָס איז נאָך אַלץ גאָרנישט. מיר האָבן זיך באַטראַכט, אַז זיין אַלעמען צוזאַמען אויף איין קוואַרטיר איז אפֿשר אויך ניט גוט, איז אַוועקגעגאַנגען סאָניטשקע מיט קריינינקען אויף דער קוואַרטיר, אַוואו עס געפֿינט זיך די קאָנטאָר יעקבס, און מיר זיינען געבליבן דאָ. און מ׳הערט מער ניט, ווי ס׳גייען אַרום שכורע סאָלדאַטן איבער די גאַסן און מע רעדט, אַז מען וועט ראַבעווען און מען וועט הרגענען, און מ׳הערט נאָר אַ שיסעריי. מיר זיינען געזעסן און געמאַטערט זיך ביז 5 אַ זייגער בייטאָג. נאָר אַזוי ווי יעקב האָט שוין ניט געקאָנט איינזיצן אויף איין אָרט, איז ער אַוועקגעגאַנגען אין פֿאָסט הערן נייעס. די דינסט איז געווען אין דער איינגענער קוואַרטיר, זי האָט דאָרט געדאַרפֿט עפּעס נעמען, דערווייל האָט זי דערהערט, אַז מען קלאַפּט אין טיר. ווי זי האָט דערזעהן פֿון פֿענסטער, אַז עס זיינען צוגעפֿאָרן סאָלדאַטן אויף פֿערד, האָט זי זיך זעהר דערשראָקן און איז געקומען צעלויפֿן אַ פֿאַרוויינטע און האָט אָנגעהויבן שרייען, מיר זאָלן וואָס גיכער אַנטלויפֿן, וואו מיר קאָנען, ווארום מען וועט געוויס קומען זוכן אונז. פֿאַרשטייט איר דאָך, ווי מיר האָבן זיך געפֿילט יענעם מאָמענט. דערווייל איז אין יענעם מאָמענט סאָניע מיט קריינען געווען ביי אונז אין קוואַרטיר — דאָ האָבן מיר זיך שוין גאָר פֿאַרלוירן. וואָס זאָלן מיר טאָן און וואוהין זאָלן מיר שוין לויפֿן באַהאַלטן זיך? און דערצו איז נאָך יעקב אויך ניטאָ. גיין זוכן אים האָבן מיר שוין מורא געהאַט — פֿיליכט וועלן מיר זיך אָנשפּרינגען אויף די גזלנים; און קיין סך טראַכטן האָבן מיר שוין ניט געקאָנט. לויפֿן אַלע צוזאַמען האָבן מיר אויך מורא

געהאַט, — איז סאָניע מיט קריינען אַוועק אין איין זייט וואַלד, און איך מיט אסתּרן מיט ריבהן זיינען מיר אַוועקגעלאָפן מיט די גאַנצע לעצטע כּחות אין אַן אַנדער זייט וואַלד.

דאָ שטעלט זיך פאַר די קאַרטינע (בילד), אַז מיר לויפן, און די שיקסע, די דינסט, לויפט נאָך און וויינט און בעט, אַז אסתּר זאָל קומען צונעמען די קינדער פון איר, וואָרום זי האָט מורא צו האַלטן זיי בײַ זיך, ווארום מען וועט געוויס אונטערזאָגן, אַז זי באַהאַלט בײַ זיך יידישע קינדער, וועט מען קומען צו איר און מען וועט דערהרגענען, באַהיט נאָט, די קינדער און איר גאַנצע סעמייסטווע. געוואוינטליך, בײַ יענע פינסטערע מינוטן האָט שוין אסתּר גאָר ניט געקאָנט און ניט געוואָלט טראַכטן וועגן די קינדער, וואָרום ווי קאָן מען לויפן מיט אַזעלכע קליינינקע קינדער, נאָך אין דער צייט, ווען מען ווייסט ניט וואוהין מען לויפט. טאָ באַטראַכט גוט די מינוטן, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, אַז די שיקסע איז נאָכגעלאָפן און געבעטן רחמים, אַז אסתּר זאָל צונעמען די קינדערלאַך צו איר. נאָר אַזוי ווי זי האָט דערזעהן, אַז קיין געבעט העלפט ניט, זאָגט זי, אַז אַלץ איינס וועט זי זיי ניט האַלטן אין שטוב און וועט זיי אַרויסטרייבן. ריבה האָט פאַר אסתּרן געוויינט און געבעטן, אַז זי זאָל נעמען די קינדער מיט זיך, נאָר זי, אסתּר, האָט ניט געוואָלט און האָט פאַרעשעט (באַשלאָסן) אַנטלויפן אַליין, און די קינדער לאָזן אויף גאָטס נאָמען.

און מיר זיינען אַוועקגעלאָפן וואוהין די אויגן וועלן טראָגן. מיר לויפן אַלע אין דרייען, פאַרוויינטע, און איך בין שיער פון זינען ניט אַראָפּ, באַהיט גאָט, קוקנדיג אויף אסתּרס טויטן פּנים, אויף דעם אויסגעמאַטערטן, און ווי איר איז שווער צו אַנטלויפן פון אירע קינדערלאַך, אויף וועמען האָט זי זיי געלאָזט? און וואו איז יעקב ווייסן מיר ניט, און גאָט ווייסט, וואָס עס הערט זיך מיט אים. ווען איך דערמאָן זיך, ווי איך האָב זיך דע־מאָלט געפילט, הויב איך אָן מורא צו האָבן אַליין פאַר זיך.

מיר האָבן אַרויסגעלאָזט שוין אַלץ פון זינען און מיר לויפן, נאָר מיר ווייסן ניט וואוהין... מיר זיינען אָפּגעלאָפן צוויי שעה אין געדיכטן וואַלד, און מ׳האָט נאָר געהערט ווי מע שיסט. לויפנדיג האָב איך זיך פאַרגעצט די פיס, וואָרום מיר זיינען געלאָפן אין וואַסער. אַז מיר זיינען שוין געבליבן גאָר אָהן כּחות, האָט זיך אסתּר מיט ריבהן צונעזעצט און וויינען. איך האָב זיך געשטעלט דאַווענען מנחה און האָב שטאַרק געוויינט.

...איצט וועל איך אויפהערן צו רעדן וועגן זיך אַ ווײַלע — מיר האַלטן אין איין גייען — און איך וועל אָנהויבן צו רעדן וועגן יעקבן מיט זיינע זין.

די דינסט האָט אים אָפּגעזוכט און אים געזאָגט, אַז מיר זיינען אַנטלאָפן; איז ער געקומען אויף דער קוואַרטיר, און די דינסט האָט אים געבראַכט די קינדער, און אַלע קריסטן האָבן זעהר געוויינט, ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר וועלן פאַרבלאָנדזשען. זיינען זיי אַלע — יעקב, מיט די קינדער, מיט דער דינסט, מיט גוים אַוועק אין וואַלד זוכן אונז, און די קליינע קינדערלאַך זיינען געגאַנגען די גאַנצע וועג און געוויינט: וואו א׳ז אונזער מוטער? זייערע טרערן האָט געמוזט איין גאָט הערן, און געוויס האָט ער זיי צו־געהערט. און דאָס איז געווען 20 שעה, אַז זי האָט זיי ניט געזעהן. און דאָס האָבן זיי

אַלץ געשריגן און געזוכט אונז. נאָר זיי זיינען מיד געוואָרן זוכנדיג און האָבן אונז ניט געפונען, זיינען זיי צוריק אַוועק.

מיר גייען אַלץ און ווייסן ניט פון קיין זאַך. דאָס איז געווען ערב שבת, און עס איז געווען צייט מקבל שבת צו זיין. פלוצלינג האָבן מיר דערזעהן הייזער. האָבן מיר זיך זעהר דערפרייט, און מיר גייען אַלץ צו נעהענטער. ווי מיר זיינען שוין צוגעקומען נאָר נאָהענט, זיינען מיר דערגאַנגען ביז אַ טייך, און מ'קאָן ניט אַריבערגייען. האָב איך שוין פאָרעשעט, אַז מיר זאָלן זיך אויסטאָן באָרוויס און אַריבערגייען, נאָר גאָט האָט אונז באַוויזן אַ וועג, און מיר האָבן דערזעהן אַ קלאַדקע און מיר זיינען אַריבער. מיר זיינען צוגעגאַנגען צו דער ערשטער שטוב, אָקאַזעוועט זיך (לאָזט זיך אויס), אַז דאָס איז אַן אַנדער ברעג אַלטוכאָווע. מיר האָבן זיך איינגעבעטן, מען זאָל אונז לאָזן נעכטיגן.

... מיר זיינען געבליבן פאַרברענגען מיט דעם בעל־הגוף פון שטוב (אַ גוי) און מיט זיינעם אַ ברודער. ער האָט מיר געגעבן מאַכן קדוש און האָט מיר אפילו גוט צו־ גענומען און האָט געבעטן עסן וועטשערע, נאָר איך בין שוין געווען זאַט מיט צרות. דאָ האָבן מיר זיך שוין גראַדע ניט אויסגעטאָן, און איך בין ווידער די נאַכט ניט געשלאָפן.

... ווי מיר גייען און מיר זיינען שוין אָפגעגאַנגען האַלב וועג, יאָגט אונז אָן אַ שיקסעלע און זאָגט, מיר זאָלן ניט גיין, וואָרום עס פאָרן אום סאָלדאַטן און מע שיסט. אויך איז צו אונז צוגעגאַנגען אַ גויה און זאָגט אויך, אַז מיר זאָלן ניט גיין, ווייל מען שיסט, און אַליין גייט זי סוואָבאָדנע (פריי). פרעג איך ביי איר, ווי אַזוי האָט זי ניט מורא צו גיין, וויבאַלד אַז מען שיסט, ענטפערט זי: „אונז טשעפּעט מען ניט, נאָר אַ י י ע ר ע ברידער מיינט מען". איז קאָנטיג, אַז זי האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז מיר זיינען יידן. האָבן מיר זיך ווידער אומגעקערט צוריק, און מיינע פיס האָבן זיך נאָר בראָסט אָפגעזאָגט צו גיין, נאָר דאָך בין איך געגאַנגען און געלאָפן, דריי טעג ניט קיין געשלאָפענער, און ניט קיין געגעסענער, און ניט קיין איינגעוואַשענער אויך. און מיר זיינען ווידער געקומען צוריק אויף דער דריטער קוואַרטיר, און ווי מיר האָט זיך ניט גע־ וואָלט און עס איז געווען שווער, דאָך האָב איך געמוזט זאָגן דעם אמת, אַז איך האָב מורא צו גיין. עס איז דאָך זעהר אָבידנע (פאַרדרוסיג), פאַרוואָס קומט דאָס אונז, נאָר ביטערע יידן, אַזוי אויסגעריסן צו ווערן. פאַראַן דאָ פיל פאָלאַקן, אויך וואַרפן זיך דורך דייטשן, איז קיינעם טשעפּעט מען ניט, נאָר יידן מאַטערט מען פון אַלע פיר ברעגן פון דער וועלט.

... זונטאָגדיגן טאָג זיינען אומגעגאַנגען פיל שכּורים אין די גאַסן, נאָר מיר זיינען אַלע געזעסן אין שטוב, און מיר זיינען שוין אַביסל געוואוינט געוואָרן צו דעם ביטערן לעבן, און מיר האָבן זיך אַביסל אויספאָקאָיעט (באַרוהיגט). מיר האָבן נאָר געהאָפט און געבעטן גאָט, אַז גיכער זאָל דורכגיין דער ד. (דער דייטש) — און דעמאָלט וועלן מיר שוין לעבן, מיט גאָטס הילף, וואָרום ז. האָט ער שוין צוגענומען. נאָר ווי עס ווייזט אויס, איז נאָך ניט געקומען דער ברעג פון די צרות, און 9 אַ זייגער ביינאַכט איז אָנגעלאָפן אַ נייער שוואַרצער וואָלקן. די מענשן, וואָס מען האָט געדונגען היטן, זיינען געקומען צו־

לויפן און האָבן געבראַכט אַזאַ נייעס, אַז עס איז שוין גאָר געוואָרן פינסטער אין די אויגן. צוויי קריסטן זיינען געקומען פון גלוכאָוו, וועלכע זיינען געפאָרן אַהין נאָך ברויט, און זיי זיינען דאָרט פאַרבליבן אין פלען (געפאַנגענים), נאָר דאָס זיינען דאָך פאָרט גוים, האָבן זיי זיך אויסגעריסן און זיינען געקומען אַהיים און זיי האָבן צונויפגעקליבן אַ רעדל קריסטן און דערציילן, אַז אין גלוכאָוו האָבן די יידן זיך איבער זיי זעהר גוקם געווען און מ׳האָט זיי פיל צוהרגעט, דעריבער, וואו מ׳וועט נאָר דערזעהן יידן, מוז מען אויסקוילען, אויך מוז מען אַלעמען צעראַבעווען. פאַרשטייט איר דאָך, ווי עס איז געוואָרן ווידער אויפן הארצן. און צו דעם גרויסן אומגליק איז יעקב געוואָרן גאָר אויס מענש און אים האָט גענומען אַזוי טרייסלען אַ צאָן אָן אַ צאָן, אַז ער האָט שוין גאָרנישט געקאָנט רעדן.

נאָר גאָט האָט רחמנות געהאַט אויף זיינע קליינינקע קינדערלאַך און אויף אונז אַלעמען, און יעקב איז געקומען אַביסל צו זיך. האָט ער געמאַכט אַ ראַספּאָריאַזשעניע (פאַראָרדנונג), מ׳זאָל איינשפאַנען דאָס איינענע פערד און נאָך אַ פור האָט מען צוגעדונגען, און האָט געהייסן די גוים אַרויסכאַפּן וועלכע וועשטשעס (זאַכן) מען קאָן, און 12 אַ זייגער ביינאַכט זיינען מיר אַלע אַוועקגעפאָרן אין דאָרף, דאָס איז 17 וויאָרסט פון אַלטוכאָווע. דערווייל האָט ער געפונען אַ נייע קוואַרטיר אויף איבערזיצן עטליכע שעה, ביז מ׳וועט קענען אַוועקפאָרן, אַז קיינער זאָל אונז ניט זעהן, וואָרום דאָ איז שוין מוראדיג צו זיין.

10 אַ זייגער זיינען מיר אַלע אַוועקגעגאַנגען אויף דער נייער—פערטער—קוואַרטיר. דאָ האָבן מיר זיך נאָך ערגער געפילט. מען האָט אונז אפילו גוט צוגענומען און מען האָט אונז אויף גיך באַליינט גראַדע אויף דער ערד און אָנגעדעקט מיט טריאַפּקעס (שמאַטעס) און פאַרלאָשן דאָס פייער, און מ׳האָט שוין געהייסן שלאָפן גלייך אויפן אָרט. יעקב איז אפילו באַלד אַנשלאָפן געוואָרן. נאָר איך האָב נאָך אַליין ניט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן און בין געלעגן אין געהאַקטע וואונדן ביז די פורן זיינען געקומען. זיינען מיר צוגעפאָרן צונעמען די קליינינקע שלאָפנדיגע קינדערלאַך. דאָס איז אויך אַ ביטערע קאַרטינע, אַז מ׳האָט זיי געדאַרפט אַלעמען אָנטאָן שלאָפעדיגע, אַז די אייזערנע גויעשע הערצער האָבן ניט אויסגעהאַלטן, און זיי האָבן אַלע געוויינט זעהר שטאַרק, זעהענדיג די קאַרטינע. און אַז מ׳האָט אַרויסגעטראָגן ניסנקען אַ שלאָפנדיגן איינס אַ זייגער ביינאַכט, זאָגט ער: „וואוהין טראָגט איר מיך? מ׳שיסט דאָך“.

די קינדער האָט מען אַלעמען צולייגט שלאָפנדיגע. דערביי זיינען געשטאַנען פינף גוים און פיר גויהס און אַלע האָבן געוויינט, אָסאָבענע (באַזונדערס) די דינסט. 4 גוים האָבן אונז באַגלייט, ביז מיר זיינען אַריינגעפאָרן אין וואַלד, דערנאָך האָבן זיי זיך אומגעקערט, און מיר זיינען אַלע אַוועקגעפאָרן אַליין.

... מיר זיינען געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט און מיר זיינען געקומען אין דאָרף 6 אַ זייגער מאָנטאָג אינדערפריה.

... ערשט מיר האָבן נאָך ניט אוספּעיעט אויסרוהען זיך, איז אָנגעקומען אַ נייע בשורה: צו דער היגער בעל־הגופטע פון דער דירה, אין וועלכער מיר זיצן איצט, איז געקומען פון אַ דאָרף פון אַ נאָהענטען, צוועלף וויאָרסט פון דאַנען, אַ גויה און דער־

ציילט איר אַזאַ מעשה: אַז אין זייער דאָרף האָט מען גענעבן אַ פּריקאַז, אַז ווער עס וועט אַריינלאָזן צו זיך אַ יידן, וועט מען זיין סעמייסטווע אויסהרגענען.

זי האָט אַרופּגעטאָן אסתרן און זאָגט איר: „איך בעט אייך, איר זאָלט זוכן אַן אַנדער קוואַרטיר, ווארום איך האָב אייך מורא צו האַלטן“. נאָר דאָס גליק איז, וואָס דער בעל־הגוף דינט די גאַנצע יאָרן ביי יידן און איז ניט קיין שלעכטער גוי, זאָגט ער, אַז ער האָט ניט מורא, און מיר קאָנען דאָ זיין. איז דערווייל זיצן מיר דאָ. מיר האָבן געשיקט אַ נאַראָטשנעם (שליח) קיין אַלטוכאָווע, ער זאָל ברענגען פון אונזער קוואַר־טיר וואָס מ׳קאָן, איז ער שוין געקומען צוריק און געבראַכט קאָיע־וואָס. אָקאַזעוועט זיך, אַז ביז איצט איז דאָרטן רוהיג און מ׳האָט קיינעם ניט געטשעפּעט. ס׳קאָן זעהר זיין, אַז מיר האָבן זיך נאַפּראַסנע (אומזיסט) געשראָקן און אַזוי פיל איבערגעלעבט, און מיר מאַטערן זיך נאָך איצט אויך, און נאָט ווייסט, ביז וואַנען דאָס קאָן זיין...

אייער ברודער משה“.

„אונזער טאָגבלאַט“, 66, 65, 64, №№, מיטן מאַי 1918.

---

IV

## דער פּאָגראָם אין נאָווגאָראָד־סעווערסק.

(מעמאָראַנדום פונם הילפס־קאָמיטעט).

(איבערז. פון רוסיש).

### „צו דער קיעווער יידישער קהלה.

### מעמאָראַנדום.

די שרעק־שטימונג צווישן דער נאָווגאָראָד־סעווערסקער באַפעלקערונג האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין יענער צייט, ווען די באָלשעוויקעס זיינען דאָרט געשטאַנען, דער 3־טער און 8־טער אַרטילעריע־דיוויזיאָן. אין יאַנואַר 1918 האָבן זיי צעראַבירט 2 אַפּ־טייק־קראָמען און אַ שוך־געשעפט פון דער אָרטינער שפּאַר־ און ליי־קאַסע. הגם דאָס דאָס אַליץ האָט ניט געטראָגן קיין ספּעציפיש־אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער, דאָך האָבן דער־הויפּט געליטן יידן. אָנהויב מערץ איז אָנגעקומען דער ערשטער „אָטריאַד“ (אָפּטיי־לונג) מאַטראָסן. גלייך ווי זיי זיינען אָנגעקומען האָבן זיך אָנגעהויבן אָהן אַ אויפהער אונטערזוכונגען. מיטן אויסרייד, אַז מ׳זוכט געווער, פלעגן זיי זיך אַריינרייסן אין די דירות און צונעמען אַליץ, וואָס מ׳פלעגט נאָר געפינען. אין דער זעלבינער צייט האָבן זיי אויך אַרויפגעליינט אויף דער שטאָט 170 טויזנט רובל קאָנטריבוציע. סוף מערץ איז אין שטאָט אַריין אַ נייער „אָטריאַד“, אונטערן אָנפיר פון מאַטראָס בערעטי, וועלכער איז אָפּגעטראָטן צו בריאַנסק צו. דער „אָטריאַד“ האָט ווידער אַרויפגעלעגט אויף דער שטאָט 350 טויזנט רובל קאָנטריבוציע. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען האָט ער מסכים געווען

צו נעמען 230 טויזנט רובל. דאָס איז געווען דעם 30-טן מערץ. דעם זעלבינן טאָג זיינען איינצלנע גרופּן אַרומגענאַנגען איבער די הייזער, איבערהויפּט יידישע, און האָבן געפאָדערט געלט און ווערט-זאַכן. דעם 31-טן איז דער „אָטריאַד" אַוועק, פאַרכאַפּנדיג דאָס געלט, וואָס ס'איז געווען אין שאַץ-קאַמער (קאַזנאַטשייסטווע), און אַ דאַמפּער מיט 2 באַרקעס, אויף וועלכע זיי האָבן אַלץ אָנגעלאָדן. די מאַכט אין שטאָט האָט דער פירער פון „אָטריאַד" מאַטראָס בערעטי אָפיציעל איבערגעגעבן דעם אָרטיגן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. דערביי האָט ער אָנגעזאָגט, אַז אויב נאָכן אַוועקגיין פון „אָטריאַד" וועלן זיך באַווייזן איינצלנע גרופּעס סאָלדאַטן, זאָל מען זיך מיט זיי ניט רעכענען, זייערע באַפעלן ניט ערפילן און גלייך אַנטוואָפנען.

נאָך דעם, ווי בערעטיס „אָטריאַד" איז אַוועק, זיינען אין שטאָט פון אים געבליבן עטליכע מענשן, צו זיי זיינען צוגעשטאַנען נאָך עטליכע פון סומער „אָטריאַד" — און ס'האָט זיך געשאַפן אַ גרופּע פון 35—40 מאַן, וועלכע האָט גערעכנט איבערצונעמען אין אירע הענט די מאַכט אין שטאָט. דעם 2-טן אַפּריל זיינען זיי פון שטאָט אַריבער אויפן וואָקזאַל. אין שטאָט האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז ס'ווערט געפּלאַנט אַ יידישער פּאָגראָם. אין אָוונט דעם 2-טן אַפּריל האָט מען צונויפגערופן אַ באַראַטונג פון פאָרשטייער פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, פון דער שטאָט-פאַרוואַלטונג און עטליכע אָפיצערן. נאָך לענגערע ויכוחים איז מיט אַ קליינער מערהייט אָנגענומען געוואָרן, — אַז רעכענענדיג זיך מיט דער קליינער צאָל פון דער גרופּע און מיט זייער פאַרדעכטיגער אויפפירונג, דאַרף מען זיי אַנטוואָפנען, לויט ווי עס איז געווען אָפּגערעדט אינם אָפיציעלן אַקט פון איבערגעבן די מאַכט. גלייך איז דורכן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אָפּטיילונג, וועלכע איז ביינאַכט אָנגעפאַלן אויפן וואָקזאַל אויף דער באַנדע, און נאָך אַ קורצער שיסעריי האָט די לעצטע געמוזט אָפּטרעטן צום גאָרבאָווער בריק. דעם 3-טן אינדערפריה האָט די שטאָט-זעלבסטשוץ אָנגעהויבן צו אַרעסטירן די פאַרדעכטיגע פּערזאָנען, אַ מאַן 15—18, און האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צום אָנגריף מצד דער פאַרטריבענער באַנדע. אין שטאָט האָט געהערשט אַ שרעקליכע פּאַניק. אַלע האָבן מורא געהאַט פאַר דער נקמה פון דער פאַרטריבענער באַנדע, אויב זי וועט באַקומען הילף. די מעשה-גלוכאָוו האָט אויף אַלעמען אַרויפגעוואָרפן אַ שרעק, ווי אויף דער רוסישער באַפעלקערונג, אַזוי אויך אויף דער יידישער — און באַזונדערס, פאַרשטייט זיך, אויף דער יידישער.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. די באַנדע האָט באַקומען אַביסל הילף, און ביי טאָג האָט זי אָנגעהויבן איר אָנגריף מצד דעם גאָרבאָווער בריק. צו פאַרנאַכט צו האָט די שטאָטישע זעלבסטשוץ, אונטערן דרוק פון פיינט, געוואָרפן דאָס געווער און איז זיך צולאָפן. די שטאָט איז געבליבן אינגאַנצן הילפלאָז. צום גליק האָט די באַנדע באַקומען אַ ידיעה, אַז ס'גייען די דייטשן, און זיי זיינען זיך צולאָפן, ניט אַריינטרעטנדיג אין שטאָט. בשעת דער שיסעריי איז געפאַלן דער ערשטער יידישער קרבן: ס'איז געהרגעט געוואָרן אַ יונגערמאַן סלוטשעק. ס'איז דאָ כדאַי אָנווייזן, אַז די טורמע, וואו

ס׳זיינען געזעסן די 15—18 פאַרדעכטיגע פּערזאָנען, האָט קיינער ניט געהיט, און אין אָוונט דעם 3־טן, ווען די זעלבסטשוץ איז זיך צולאָפן, האָט איינער אַ הינער רוס באַפרייט די אַרעסטירטע. די דאָזיגע פּערזאָנען האָבן בלתי שום ספק געשפּילט אַ גרויסע ראָלע בעת די וויטערדיגע געשעהעניש.

דעם 4־טן און 5־טן אַפּריל זיינען דורכגעגאַנגען פאַרהעלטניסמעסיג רוהיג. דעם 6־טן פריה איז אָנגעקומען אַ ייד, אַ שליח־מיוחד, ניסן גורעוויטש, מיט דער ידיעה, אַז ס׳גייט אַ גרויסער „אָטריאַד" באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן געזאָגט די פּויערן, אַז זיי פאָרן אין שטאָט אויסצוקויילענען אַלע יידן. צום אומגליק, האָט קיינער ניט צונגעבן קיין באַדייטונג דער ידיעה און אַלע זיינען געבליבן אויף די ערטער. אַרום 10 אַזייגער זיי־נען געקומען צוויי אויסשפּירער, וועלכע האָבן געזאָגט, אַז זיי זיינען אוקראַינער, און, שיסנדיג אין לופטן, האָבן זיי צעטריבן די פּויערן, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן מאַרק. זיי זיינען צוגעפאָרן צו עטליכע מיליציאָנערן מיט אַן אויסגעשריי: „מגוולים, וואַרפט אַוועק דאָס געווער, קוילעט די זשידעס!" און האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די גאַסן מיט קולות „בעי זשידאָוו" (שלאָגט די זשידעס). נעבן געביידע פון דער שטאָט־מי־ליציע האָט אַ מיטגליד פון אַגראַר־קאָמיטעט, אוקראַאינישעסקאָ, געפּרובט זיי אָפּרעדן, האָבן זיי אים גלייך אויפן אָרט דערשאָסן. באַלד האָבן פון אַלע עקן שטאָט אָנגעהויבן אַריינצוגיין די הויפּט־כחות פון די באָלשעוויקעס, און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע שחיטה.

די רציחה און אכזריות פון די באַנדיטן איז ניט צו באַשרייבן. מערסטנ־טייל האָט מען די קינדער געהרגעט פאַר די עלטערן אין די אויגן, און פאָטערס פאַר די ווייבער און קינדער אין די אויגן. מ׳האָט זיך ניט גערעכנט מיטן עלטער, מין און קלאַס. אויב אַ ייד — האָט מען אים געהרגעט. ס׳זיינען געווען פאַלן, ווען קריסטן און יידן זיינען געווען צוזאַמען, האָט מען די קריסטן געהייסן אַוועקגיין אָן אַ זייט — און די יידן פלעגט מען הרגענען. ס׳זיינען געווען פאַלן, ווען די נעכאַפּטע יידן פלעגט מען אויס־שטעלן שורות־וויז, געהייסן זיך גרייטן צום טויט, ווידער אָפּגעלאָזט, ווידער אויסגע־שטעלט, און אַזוי איבערגעחזרט די ענוים צו עטליכע מאָל, בכדי וואָס מער זיך לוסטיג צו מאַכן איבער די ליידן און ערנידערונגען פון די צום טויט פאַרמשפּטע. כמעט אַלע קרבנות האָט מען אַפּריער באַראַבעוועט. ס׳זיינען געווען עטליכע פאַלן, ווען די רוצחים האָבן צוגענומען דאָס געלט, אַפּריער גוט אויסגעמוטשעט און זיך איזדעקעוועט איבער די קרבנות, און דערנאָך ערשט, נאָך לאַנגע תחנונים און געבעט, געשיינקט זיי דאָס לעבן. באַהאַלטן האָט זיך יעדער, וואו ער האָט געקענט. אַ סך האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין די גריבער אַרום דער שטאָט און האָבן זיך געלאָזט אין די נאָהענטע דערפער. די פּויערן האָבן אָבער באַגעגנט די יידן מיט שנאה, באַרופנדיג זיך אויף אַ באַפעל, וואָס דראָהט מיט טויט־שטראָף פאַר אויפנעמען יידן. ס׳זיינען אין די דערפער אויך געווען איינצלנע פאַלן פון הריגות. די זעלבּיגע באַציהונג מצד דער גרעסטער טייל פּויערן איז אויך געווען צו די אַנטלאָפענע פון שטאָט דעם 3־טן אַפּריל.

די שחיטה אין שטאָט האָט געדויערט ביז 3 אזייגער. 3 אַזייגער האָט די באַנדע שנעל פאַרלאָזן די שטאָט, מורא־האָבנדיג פאַר די דייטשן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן דערנעהנטערן און וועלכע האָבן געקענט אָפּשניידן זיי דעם איינציגן פרייען וועג. ווען ניט דאָס, וואָלט אין שטאָט ניט געבליבן קיין איין לעבעדיגער ייד. ביז שפּעט ביינאַכט האָבן נאָך פאָרגעזעצט דעם פּאָגראָם די פויערן פון זאַרוטשיא, רעשעטילאָווקע און פּאָקראָוושינע. בסך הכל זיינען געהרגעט געוואָרן 64 יידן, און 10 פאַרוואונדעט.

דעם 5־טן אינדערפריה איז אין שטאָט אַריין אַן „אָטריאַד" פון די שאָסטענער אַרבעטער, און 10 אַזייגער פריה זיינען אַריין די דייטשן. די דייטשן זיינען פאַרבליבן ביז 4 אַזייגער און דערנאָך האָבן זיי פאַרלאָזן די שטאָט, ניט קוקנדיג אויף די תחנונים פון די איינוואוינער און אויף דער פולשטענדיגער שוצלאָזיקייט פון דער רואינירטער שטאָט. בעת די דייטשע אָפּטיילונג איז אַוועקגעגאַנגען פון שטאָט איז מיט זיי מיטגעגאַנגען, ווי בשעת יציאת מצרים, די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. דעם 8־טן אינדערפריה איז די שטאָט אינגאַנצן פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשן, ס'איז געוואָרן אָרדנונג, און די יידן האָבן זיך אומגעקערט צו די איבערגעלאָזענע היימען. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעק אין די אַרומיגע דערפער, — אַלע יידן, וואָס האָבן געלעבט אין די דערפער, אויף די וועגן, דורך וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן אָפּגעטראָטן קיין פּאָגאַרע, זיינען פּאָגראָמירט געוואָרן. באַזונדערס שטאַרק האָט געליטן דאָס שטעטל ג ר ע מ י אַ ט ש, וואו ס'זיינען געהרגעט געוואָרן 15 יידן און וואו אַלע זיינען באַראַבעוועט געוואָרן. די פּאָגראָם־שטימונג האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן אויעזד, און די יידן האָבן איבערגעלאָזט אויף הפקר דאָס גאַנצע האָב און גוטס און זיינען געלאָפן אין שטאָט אַריין. אין גאַנצן געגנט זיינען געהרגעט געוואָרן 24 יידן און 1 פרוי איז פאַרוואונדעט געוואָרן. און ביז דער לעצטער צייט בושעווען נאָך איינצלנע באַנדעס אין אויעזד.

דאָס איז אין קורצן די געשיכטע פון פּאָגראָם אין נאָווגראָד־סעווערסק. עס זיינען אין אַלגעמיין געהרגעט געוואָרן 88 יידן און 11 זיינען פאַרוואונדעט. די היזקות פון די צעראַבירטע סחורות און זאַכן באַטרעפן העכער 3 מיליאָן רובל, אויף הפקר האָט מען איבערגעלאָזט לערך אויף אַ מיליאָן רובל"...

(דער סוף פונם מעמאָראַנדום באַהאַנדלט די פראַגע וועגן הילף פאַר די געליטענע).

קאָמיטעט צו העלפן די געליטענע פון פּאָגראָם
דעם 6 (19) אַפּריל 1918 אין נאָווגאָראָד־סעווערסק.

פאָרזיצער (חתימה).

מיטגלידער (חתימות)

אַרכיוו פון קיעווער קהלה (1918).

V

## די אַנטוואָפּנונג פון יידישע דרוזשינעס.

(יעקאַטערינאָסלאַוו, מערץ 1918).

...„דער קאַמף מיט דער בורזשואַזיע" — אָט דאָס איז גע־ווען דער איינציגער לאָזונג פון אונזער באָלשעוויסטישן „אַרבעטער־ראַט". און דורכגע־פירט האָבן זיי דעם לאָזונג מיטן אַנטוואָפּנען איינע נאָך די אַנדערע אַלע יידישע קאַמף־דרוזשינעס—פון די „פּאַראייניגטע", „בונד", „יידישן סאָלדאַטן־פאַרבאַנד" און אַנדערע, וועלכע האָבן זיך, לויט דער איבערצייגונג פון די היגע באָלשעוויקעס, געשטעלט נאָר איין ציל: פאַרטיידיגן די בורזשואַזיע.

ביים אַנטוואָפּנען די יידישע סאָציאַליסטישע „קאַמף־דרוזשינעס" זיינען די באָל־שעוויקעס געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט די אַזוי גערופענע „אַנאַרכיסטן און מאַקסימאַ־ליסטן", וועלכע זיינען געווען די ביטערסטע שונים פון די יידישע סאָציאַליסטישע קאַמף־דרוזשינעס.

אַזוי אַרום האָבן מיר אין אַ שבתדיגן טאָג געזעהן ציהען זיך איבערן יעקאַטערי־נאָסלאַווער פּראָספּעקט אַ גרויסע באַוואָפנטע מחנה פון כלערליי מינים געווער (אַרטי־לעריע און קאַוואַלעריע) צו דער געביידע, וואו עס האָט זיך געפונען די דרוזשינע פון די „פּאַראייניגטע". בראש פון דער מחנה זיינען געגאַנגען די היגע אַנאַרכיסטן מיט די פאַר־שטייער פון היגן רעוואָלוציאָנערן קריגס־שטאַב. די געביידע פון דער דערמאָנטער דרוזשינע איז אָהן שום התראות באַשאָסן געוואָרן פון פּולעמיאָטן. די באַציהונג פון די באָלשעוויסטיש־סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישע קעמפער בנוגע צו די יידישע סאָציאַליסטן בעת דער דערמאָנטער אַנטוואָפּנונג איז געווען אַ ריין כוליגאַנישע. „זשיד", „קאָנטר־רעוואָלוציאָנער" און „בעלאָ־גוואַרדייעץ" זיינען געווען די איידלסטע אויסדרוקן; יעדע רגע האָט געהאַלטן דערביי, אַז מען זאָל צעשיסן די גאַנצע דרוזשינע ביז איינעם, נאָר איינציגע אָנגעזעהענע באָלשעוויקעס פונם קריגס־רעוואָלוציאָנערן שטאַב האָבן זיך ווי עס איז אויסגעשתדלנט ביי די „העכסט־רעוואָלוציאָנירטע" קראַסנאָ־גוואַרדייצעס, מען זאָל זיך דאָס מאָל נאָר באַגנוגענען מיט דעם, וואָס מען וועט ביי די דרוזשינקעס אָפּנעמען דאָס געווער און זיי אָפּלאָזן בשלום אַהיים.

ביי דער אַנטוואָפּנונג פון דער דרוזשינע פון די „פּאַראייניגטע" איז געהרגעט גע־וואָרן דער דרוזשיניק חבר יעוואָראָוויץ, איינינע אַנדערע חברים זיינען פאַרוואונ־דעט געוואָרן.

דעם זעלבן טאָג זיינען אַנטוואָפנט געוואָרן די דרוזשינעס פון „בונד", „פּועלי־ציון" און „יידישן סאָלדאַטן־פאַרבאַנד".

די מורא און שרעק, וואָס איז אָנגעפאַלן אויף דער היגער באַפעלקערונג בכלל און אויף דער יידישער בפרט, איז אין לשער: אַז די „באַשיצער" פון דער בורזשואַזיע זיינען באַזייטיגט געוואָרן, קאָן מען דאָך טאָן מיט דער בורזשואַזיע, וואָס מען וויל.

און מען האָט אָנגעהויבן ראַבעווען די בורזשואַזיע.

...דאָס האָט ענדליך געבראַכט אַזוי ווייט, אַז דער „ראַט“ האָט זיך געמוזט מודה זיין, אַז מען האָט די יידישע דרוזשיניקעס אַנטוואָפנט דורך אַ פּראָוואָקאַציע, און ער האָט צוריק אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג, אַז אַלע דרוזשיניקעס זאָלן זיך באַוואָפענען“.

„נייע צייט“ 58 №, פונם 12־טן אַפּריל 1918, קאָרעספּאָנדענץ פון יעקאַטערינאָסלאַוו: „די באָלשעוויסטישע ממשלה און דאָס אָנקומען פון די הײַדאַמאַקעס און דייטשן“.

## VI. די תקופה פון העטמאַן און דייטשער אָקופּאַציע

**(מאַי–דעצעמבער 1918).**

### I

### די העטמאַנישע אַדמיניסטראַטאָרן.

**1.**

...„בעת די אוקראַינישע דירעקטאָריע האָט אָרגאַניזירט דעם אויפשטאַנד קעגן העטמאַן און די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן מיטגעפּילט דער נייער רעפּובליקאַנישער באַוועגונג, ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז דעם העטמאַנס פּאָליטיק איז שעדליך פאַר די ברייטע פאָלקס⸗מאַסן, — אין יענער צייט האָט דער וואָלינער גובערניאַלער סטאַראָסטאַ (דער פאַרוואַלטער פון גובערניע) ס. אַנדראָ איינגעלאַדן צו זיך דעם פּרעזידיום פון זשיטאָמירער יידישער קהלה, די ה׳ה י. שפּילבערג, נ. עווענטשיק (וועלכע האָבן קיין שום שייכות צו סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ניט געהאַט) און י. ראָזענבלאַט. ער האָט זיי גראָב אויפגענומען און האָט צו זיי געזאָגט פאַר אַ סך עדות אין די אויגן בזה הלשון: „די נידערטרעכטיגע יידישע יונגט האָט דערשאָסן אין באַרדיטשעוו אָפיצערן און פּרייוווילינע, וואָס קעמפן מיט די באָלשעוויקעס (דאָס הייסט מסתמא — מיטן חיל פון דער דירעקטאָריע). גיט איבער דער באַפעלקערונג, אַז מער וועל איך ניט שווייגן; פאַר דער קלענסטער באָלשעוויסטישער אַרויסטרעטונג פון די יידן וועל איך פאַרגיסן זשיטאָמיר מיט יידיש בלוט“ (נביות עדות פון פּ. דזעוואַלטאָווסקי — מיטגליד פונם אַרבעטס⸗קאָנגרעס, י. ראָזענבלאַט און י. עליאַסבערג, באַנד I פון די פּראָטאָקאָלן, בוינגן 124—128, 68—73 און 89—91).

אַנדראָס דראָהונגען האָבן געהאַט דעם רעזולטאַט, אַז ניט נאָר די יידישע דעמאָקראַטיע, נאָר אויך די יידישע בורזשואַזיע, וואָס איז עקאָנאָמיש געווען פּאַראינטערעסירט אינם קיום פון העטמאַנישן רעזשים און וואָס האָט געהאַט אין דער העטמאַנישער רעגירונג איר פאָרשטייער (דעם מיניסטער פון האַנדל און אינדוסטריע — ס. גוטניק), אויך זי האָט געענדערט איר שטעלונג צו אָט דער רעגירונג און האָט כמעט

מיט סימפּאַטיע באַגעגנט דעם חיל פון דירעקטאָריע, בעת ער האָט פאַרנומען זשיטאָ-מיר. וואָס איז נוגע דער יידישער דעמאָקראַטיע, האָט זי אָט דעם חיל באַגעגנט מיט שמחה, און בעת אין זשיטאָמיר זיינען פאָרגעקומען באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן צווישן די דייטשן און דער אַרמיי פון דירעקטאָריע, האָט זי דער אַרמיי אַ סך מיטגעהאָלפן: זי פלעגט אויסבאַהאַלטן די סאָלדאַטן, ריזיקירן מיטן לעבן און שטילערהייט שאַפן פאַר זיי פּראָוויאַנט".

באַריכט פון דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע וועגן די פּאָג-ראָמען אין זשיטאָמיר, 1-טער קאַפּיטל (אין רוסיש).
אַ ר כ י ו ו  פ ו ן  ר ע ד אַ ק צ י ע (מאַטעריאַלן וועגן זשיטאָמיר).

---

2.

„יעליסאַוועטגראַדער צייטונגען האָבן פאַרעפנטליכט די פאָלגנדיגע דעפּעשע פונם נעוועזענעם כערסאָנער גובערניאַלן קאָמיסאַר אין דער צייט פון העטמאַן, פּישטשעוויטש.

„קאָלעקטיוו. אין 5 שטעט כערסאָנער גובערניע, 118-א. לויט די ידיעות פונם „וואַרטאַ"-דעפּאַרטאַמענט באַמערקט זיך, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיטן שלום ווערט געפירט פ ו ן  יידן  אַ ן  אַ נ י ט אַ צ י ע צווישן דעם דייטשן חיל וועגן פאַרלאָזן דאָס לאַנד (אוקראַינע). נעמט אָן מיטלען, כדי פעסטצושטעלן די פּערזאָנען, וועלכע באַמיהען זיך צו האָבן אַ מגע ומשא מיט די סאָלדאַטן, און די רעזולטאַטן ניט צו וויסן מיר און דער מיליטער-מאַכט".

נעחתמעט: „פּישטשעוויטש, 29 אָקטאָבער (1918), № 458".

„י ע ו ו ר ע י ס ק אַ י אַ  מ י ס ל", № 8, פונם 21 פעברואַר 1919.

---

II

## אַנטיסעמיטיזם פון דער אוקראַינישער פּרעסע.

(די צייטונג „ווידראָדזשעניאַ", אויסצוג פון אַרטיקל וועגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן).

דער אַרטיקל גיט אין אָנהויב אַזאַ כאַראַקטעריסטיק פון די יידן: „עקספּאַנסיווע, באַוועגליכע, זשעדנע, מיט פיבערדיגע הענט און אויגן", „אַ פאָלק, וואָס רופט אַרויס אומעטום קעגן זיך האַס", „וואָס פאַרקוקט יעדן מאַכטהאָבער אין די אויגן". נאָך דעם, אינם צווייטן טייל, לויטעט דער אַרטיקל:

. . . „די אוקראַינישע מלוכה איז געווען פאַרן יידנטום אַן אומגעהערטער נייס, וואָס איז אַרויסגעשווימען פון ערגעץ. די יידן האָבן דאָס ניט פאָראויסגעזעהען,

ניט קוקנדיג אויף זייער שטאַרקן חוש צו דערשמעקן יעדן נייס. זיי זיינען געוואוינט געוואָרן זיך טוליען צום שטאַרקן, און דאָס אוקראַאינישע פאָלק האָט זיך זיי קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן פאַר אַ שטאַרק פאָלק. אַ פאָלק אָהן אַ שפּראַך, אָהן אַ קולטור, אָהן אַ מאַכט — און אָט ווערט עס אַרויפגעטראָגן אויף דעם אויבנאויף פון מלוכה־עקזיסטענץ. ס'איז דאָ פון וואָס צו זיין פאַרחידושט! די יידן האָבן זיך נאָך ניט באַפרייט פון אָט דעם אַלעם, האָבן נאָך ניט קלאָר געמאַכט זייער אָריענטאַציע און זיינען נאָך ניט אַרויס פון דער אינערציע פון דער רוסישער מלוכהשאַפט. זיי פירן אַן אַגיטאַציע קעגן דער זעלבסטשטענדיקייט פון אוקראַאינע, שטרייכן אונטער זייער קענען די רוסישע שפּראַך, איגנאָרירן די פאַקטן פון דער אוקראַאינער מלוכהשאַפט און מיהען זיך אומצוקערן דעם אַלטן געוואוינטן סדר.

אין קיעוו זיינען די יידן געווען די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן אויפשטאַנד פון די באָלשעוויקעס און האָבן געפירט די פאַרטיזאַנישע מלחמה. דערפאַר איז דער צאָרן פונם צד שכנגד געפאַלן פריער פאַר אַלץ אויף זייערע קעפּ: די פיינטשאַפט צו זיי איז שטאַרק אויסגעוואַקסן, מען האָט זיי דערשאָסן אָהן רחמנות, אפילו סאָציאַליסטישע עלעמענטן האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטיזם.

דאָרט, וואו עס שאַפט זיך די אוקראַאינער מלוכהשאַפט,— דאָרט זיינען ניטאָ קיין יידן, אַלס אַקטיווע אַרבעטער, אָבער דאָרט, וואו זי ווערט צושטערט,—דאָרט אַרבעטן די יידן זעהר פלייסיג. זיי איז געווען נויטיג צו צושטערן די זעלבסטשטענדיגע אוקראַאינע, זיי נויטיגן זיך אין אַ גרויס רוסלאַנד. זיי זיינען געבליבן טריי זיך און זיינען געגאַנגען נאָך זייער אינסטינקט, צושטערנדיג די הערשאַפט פון אוקראַאינישן פאָלק. אַזוי האָט געמוזט זיין, אַרויסגייענדיג פון יידישן נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. אָבער דאָס מאַכט ניט קלענער די נעגאַטיווע באַציהונג צו זיי. זיי וואָלטן באַדאַרפט זיין אָדער לחלוטין נייטראַל, זיך ניט מישן אין דער עמאַנסיפּאַציע פון אוקראַאינישן פאָלק, אָדער — ווען זיי זיינען אַקטיוו אַרויסגעטראָטן קעגן אוקראַאינע — וועלן זיי מוזן שניידן דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרזייט. אינם קאַמף פון די צוויי גרויסע טעריטאָריאַלע פעלקער וועט פאַרשפּילן די מאָסקוואָפילסטווע און עס וועט פאַרשפּילן דאָס יידנטום. די יידן זיינען געווען אויפן צד פון די פּאָלאַקן, ווען מיר האָבן מיט זיי מלחמה געהאַלטן, און האָבן דערפאַר טייער באַצאָלט. די היסטאָריע גיט גלענצנדע אילוסטראַציעס צו דעם. איצט קעמפט אוקראַאינע מיט מאָסקאָוושטשינע — און דאָס יידנטום איז נאָך אַמאָל אַריבער אין דעם לאַגער פון אונזער שונא. זיי וועלן באַצאָלן אויך דערפאַר.

וואוינענדיג אין קאָמפּאַקטע מאַסן אין אוקראַאינע, פאַרבינדן די יידן זייער גורל מיט די, וואָס פאַרפאָלגן אונז, — דער דאָזיגער פאַקט שאַפט יענעם נייעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס נערהוירט אַזוי און רופט אַרויס פאַרוואונדערונג ביי יידן".

ציט. לויט „נ י י ע ר צ י י ט", 98 №, פונם 1־טן יוני 1918.

III

## די אוקראַינישע דעמאָקראַטיע און די באַציהונג צו יידן.

### דער אויפרוף פונם אוקראַינישן נאַציאָנאַל-מלוכהשן פאַרבאַנד „צום דייטשן פאָלק“.

(איבערז. פון אוקראַיניש – אויסצוג).

...„ בעת די דייטש-עסטרייכיש-אוקראַינישע אַרמיי האָט אַרויסגעטריבן פון אוקראַינע די מאָסקווער האָרדעס, האָט אַלץ מער און מער אָנגעהויבן וואַקסן די שנאה צום אוקראַינישן פאָלק מצד די, וואָס האָבן זיך מיט די מאָסקווער האָרדעס נעפרייט, וואָס האָבן פאַרהאַסט דעם געדאַנק פון אַ אוקראַינישער מלוכה, ווען ס'האָט געלוינט די קנעכטשאַפט פונם אוקראַינישן פאָלק. די גרויס-רוסן, די יידן און די פוילישע שליאַכטאַ האָבן אינם וואוקס פון דער אוקראַינישער מלוכהשאפט איינגעזעהען אַ סכנה פאַר זיך, און ניט האָבנדיג קיין מאַכט צו פירן אַן אָפענעם קאַמף, האָבן זיי אָנגעווענדעט געהיימע אינטריגעס. דאָס זיינען די היימישע שונאים פונם אוקראַינער פאָלק. די גרויס-רוסן פון אוקראַינע האָבן געהאָפט, אַז דער באָלשעוויסטיש-רוסישער אָנגריף וועט צוריק אומקערן זייער נאַציאָנאַלע ממשלה איבער דעם אוקראַינישן פאָלק, וועט אומקערן דאָס אומצוטיילבאַרע רוסלאַנד. דעריבער האָבן אפילו די גוטבאַזיצער-די גרויס-רוסן באַגריסט דעם צוריקקער פון דער הערשנדיגער רוסישער שפּראַך און דעם מאָסקווער קולאַק אין אוקראַינע, הגם זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דער סאָציאַלער פּראָגראַם פון די באָלשעוויקעס. דאָס יידישע פאָלק, וועמעס בורזשואַזיע האָט זיך לויט דער שפּראַך לגמרי אַסימילירט מיטן רוסישן, זעהט איין אין דער אָפּטיילונג פון אוקראַינע אַ טעריטאָרישע פאַרשמעלערונג פון זיין אינדוסטריעל-מסחרישער טעטיקייט, און אין דער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויפלעבונג פונם אוקראַינישן פויער זעהט ער איין אַ דירעקטע סכנה פאַר זיין לאַגע, אַלס אַן אַלטן האַנדלס-פאַרמיטלער. דאָס יידישע פאָלק שטרעבט צו אַ אומצוטיילבאַרער רוסלאַנד און פאַרהאַסט די אוקראַינישע זעלבסטשטענדיקייט. די פוילישע שליאַכטאַ, וועלכע באַזיצט קאָלאָסאַלע גיטער אין אוקראַינע, באַציהט זיך אומפריינטליך צו דער מלוכה-אויפלעבונג פונם אוקראַינישן פאָלק. אויף אַזאַ אופן, טראָגנדיג אַ שנאה צום אוקראַינישן פאָלק, זעהען די רוסן, יידן און די פאָלאַקן זייער איינציגע רעטונג נאָר אין דעם, וואָס זיי שטרעבן אַרויסרופן אַ קאָנפליקט צווישן אוקראַינישן פאָלק און דעם דייטשן. דעם ביישפּיל האָבן געוויזן די פאָרשטייער פון דער רוסישער און יידישער דעמאָקראַטיע, וואָס פלעגן אַלס מיטגלידער פון דער צענטראַלער ראַדע נעמען אָנטייל אין די זיצונגען פון דער קליינער ראַדע און פלעגן האַלטן כסדר אין אַריינטראָגן אינטערפּעלאַציעס. זיי פלעגן צעבלאָזן יעדע קלענסטע עולה פון דער דייטשער אַרמיי, עס מנזם זיין ביז צום גרעסטן מלוכה-פאַרברעך, און דורכדעם סיסטע-

מאַטיש און באַוואוסטזיניג פּראָוואָצירן די אוקראַיניש־דייטשע באַציהונגען. אין דער זעלביגער צייט האָט די רוסיש־יידישע בורזשואַזיע אָנגעהויבן פירן אינטריגעס קעגן דעם אוקראַינישן פאָלק און איינרעדן די דייטשע מיליטער־מאַכט, אַז דאָס אוקראַינישע פאָלק האָט ניט קיין רייפע אינטעליגענץ, אַז דאָס גאַנצע פאָלק באַשטייט נאָר פון אַ פּשוטן, ווילדן און אומוויסנדן המון. די רוסיש־יידישע בורזשואַזיע פלעגט דערוויזן, צייג־דיג אויפן באַשטאַנד פון דער צענטראַלער ראַדע, אַז דאָס אוקראַינישע פאָלק פאַרמאָגט ניט קיין אַנדערע קולטורעלע קרעפטן אויסער די, וואָס זיצן אין דער ראַדע. פון דער צווייטער זייט האָבן די גרויס־רוסן און יידן אָפן און פאַרשטעלט געפּרובט איינרעדן די אוקראַינער פויערן, אַז די צענטראַלע ראַדע האָט פאַרקויפט אוקראַינע צו די דייטשן און אַז די דייטשן זיינען געקומען אומקערן די ערד צו די פּריצים, ניט דערלאָזן צו קיינע פּאָליטישע און סאָציאַלע רעפאָרמעס, זיינען געקומען צו פאַרקנעכטן אוקראַינע און ביי אַ געלעגנהייט באַצאָלן מיט איר ענגלאַנד, פראַנקרייך און גרויס־רוסלאַנד".

פון פ. כ ר י ס ט י ו ק ס בוך „זאַמיטקי אי מאַטער־יאַלי דאָ איסטאָריִי אוקראַינסקאָי רעוואָלוציִי 1918–1917" (אוקר.), ב. III, ז. 67-66.

---

IV

### די לינקע אוקראַינישע פּרעסע און פּאָגראָמען.

### „מען דאַרף זיך אָפּשטעלן".

(אַרט. פון „באָראָטבאַ", אָרגאַן פון די אוק. ס. ר.)

...„וואָס פאַר אַ יידישע צייטונג מען זאָל איצט ניט עפענען, איז דאָס ערשטע, וואָס עס וואַרפט זיך אין די אויגן, איז, אַז עס איז נישטאָ קיין טאָג, אַז עס זאָל נישט זיין קיין אַרטיקל וועגן דעם איצטיגן מאָמענט אין אוקראַינע.

אין די אַלע אַרטיקלען פילט זיך אַ זעהר גרויסע אומרוהיקייט.

כמעט אַלע רעדן זיי וועגן די שלעכטע מעשים, וואָס קומען איצט פאָר אין אוקראַינע.

די שטאַרקע מאַכט, וואָס אונזער רעגירונג וויל איצט דורכפירן, האָט מען אויף די ערטער נישט פאַרשטאַנען.

די שטאַרקע מאַכט האָט די אָרטיגע „נאַטשאַלסטווע" פאַרשטאַנען נאָר אין דעם זין פון „שלאָגן, שחטן אָהן שום שאלות".

און עס איז נעשעהן אַזוי, אַז די דאָזיגע „שטאַרקע מאַכט" האָבן צום ערשטן דערפילט די יידישע פּלייצעס.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס, וואָס אפילו אין די צייטן פון ניקאָלאַיען איז באַטראַכט געוואָרן, אַלס די גרעסטע שאַנד.

עס איז איינגעפירט געוואָרן קערפּערליכע שטראָף-שמיץ.

מען באַשטראָפט נישט דורכן געריכט, נישט מיטן געזעץ, נאָר פּשוט... מיט ראָזגעס... יענער ייד איז אַ „באָלשעוויק" — קומט אים 25 שמיץ... — און יענע איז אַ „באָלשעוויטשקע" — דאַרף מען איר וויינינער געבן, ווייל זי איז אַ פרוי.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס, וואָס איז געווען אין די „אַלטע גוטע צייטן".

מען כאַפּט... מען לייגט — און מען „שמייסט"...

איך ווייס נישט אויף ווי ווייט די דאָזיגע פאַקטן זיינען אמת, אָבער מיט זיי איז פול די גאַנצע יידישע פרעסע.

און עס איז נישט קיין וואונדער, וואָס אַזאַ אָרגאַן ווי די „נייע צייט" איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַלס ענטפער אויף דעם טעראָר, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן די יידן, רופט ער צו אַן ענליכן טעראָר מצד די יידן גופא.

און עס איז נישט קיין וואונדער, וואָס די אָרגאַנען פון יענע יידישע פּאַרטייען און שיכטן, וואָס זיינען שטענדיג מיט אונז געגאַנגען האַנט ביי האַנט, הויבן זיך אָן אומצוקוקן אויף אונז מיט אומצוטרוי.

אַזוי קאָן ווייטער נישט זיין.

מען מוז מאַכן אַ סוף מיט יענע נפשות, וואָס, פאַרשטעלנדיג זיך אַלס אוקראַינער, באַפלעקן זיי די מלוכה מיט זייערע מעשים.

מ'מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף צו דער ווילדקייט און שאַנד, וואָס די אָרטיגע „סאַמאָדורן" טוען אין דער פּראָווינץ.

עס קאָן נישט דערלאָזט ווערן, אַז עפּעס אַן אָרטיגער „סאַמאָדור" זאָל לייגן אַ חותם פון שאַנד אויף דער גאַנצער מלוכה.

די, וואָס אָן זיי ווענדעט זיך דאָס, מוזן תיכף, נישט אָפּלייגנדיג, אָפּשטעלן דאָס „נעיענג", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער פּראָווינץ אויף דער יידישער באַפעלקערונג. מ'מוז שטרענג באַשטראָפן יענע, וואָס ווילן, ווי אין די אַלטע צייטן, זיך מאַכן אַ קאַריערע דורך נאַציאָנאַלע רדיפות".

ציט. לויט „נייער צייט", № 59, פונם 13-טן אַפּריל 1918.

---

## V

## די דייטשע מיליטער-מאַכט אין אוקראַינע און יידן.

### 1

### אַן אָנפראַגע דעם אייזנבאַן-מיניסטער.

אין אַפּריל 1918 האָט די ציוניסטישע פראַקציע אַריינגעטראָגן אין צענטראַלער ראַדע פאָלגנדיגע אינטערפּעלאַציע דעם אייזנבאַן-מיניסטער:

1) צי ווייס דער מיניסטער וועגן דעם, אַז אויפן וואָקזאַל אין קיעוו, ביים אַריינגאַנג אין אינפאָרמאַציאָנס-ביוראָ פונם דייטשן אייזנבאַן-קאָמענדאַנט, זיינען אויס-געהאַנגען צוזאַמען צוויי פּלאַקאַטן אין דייטשער שפּראַך, מיט אַזאַ אינהאַלט: „היט אייך פאַר קעשענע-גנבים" און „היט אייך פאַר יידישע חלפנים" ?

2) אויב ער ווייס עס, — וועלכע מיטלען האָט דאָס מיניסטעריום אָנגענומען כדי צו באַזייטיגן אַזעלכע מיני פּלאַקאַטן, וואָס זיינען אומדערלאָזבאַר און וואָס פאַרשאַרפן נאָר די נאַציאָנאַלע שנאה און דורך וועלכע אַ גאַנצע נאַציע ווערט אַריינגעוואָרפן אין חשד ?"

„נעווערעיסקאַיאַ מיסל", 18 №, פונם 26-טן אפּריל 1918.

---

2

# „באַקאַנטמאַכונג" פון דייטשער קאָמענדאַנטור אין בעלאַ-צערקאָוו.

(זעה די פאָטאָגראַפישע קאָפּיע).

די איבערזעצונג אין יידיש:

„די קאָמענדאַנטור האָט באַקומען ידיעות, אַז אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, דער עיקר דאָס רוב יידישע הענדלער פירן אויפן מאַרק און איבער די דערפער אַ שענדליכסטע אַגיטאַציע קעגן דער אוקראַאינער רעגירונג און קעגן דער דייטשער מאַכט און פּרובן איינצורעדן די פּויערן, אַז די דייטשן ווילן צונעמען די תבואה פון די פעלדער ביי די פּויערן אָהן געלט.

דאָס איז אַ שענדליכער ליגן. פאַרקערט, די דייטשע מיליטער-מאַכט באַמיהט זיך ווי ווייט מעגליך געבן יעדן פּויער די נויטיגע מיטלען, כדי ער זאָל קענען רוהיג און בשלום טאָן זיין פּראָדוקטיווע אַרבעט. פאַרן ברויט, וואָס די דייטשע מיליטער דאַרף פאַר זיך האָבן, וועט דער פּויער קריגן פּינקטליך באַצאָלט במזומנים. די דייטשע מיליטער-מאַכט וויל שאַפן רוהע און אָרדנונג אין דער עיקר וויל זי באַוואָרענען, אַז יעדערער זאָל אָפּן און אומגעשטערט פון זיינע שכנים באַאַרבעטן זיין ערד און פאַרנעמען זיך מיט זיין מלאכה.

די דייטשע קאָמענדאַנטור האָט ידיעות וועגן אַ גאַנצער רייע פון אַזעלכע יידישע פרידנס-שטערער. זי וועט אָהן רחמנות פאַרפאָלגן די דאָזיגע געפערליכע פאַרשוינען, און מאַכט דערויף אויפמערקזאַם, אַז די דאָזיגע שעדליך-געפערליכע פּערזאָנען וועלן אויף זיך ברענגען די האַרבסטע שטראָפן מיט דעם, וואָס זיי ווילן אָפּרייסן דעם פלייסיגן פּויער-פאָלק פון זיין נאָרמאַלער ווירטשאַפטליכער אַרבעט.

„בעקאַנטמאַכונג“ פון דייטשער קאָמענדאַנטור אין בעלאַ=צערקאָוו.

# ОБЪЯВЛЕНІЕ.

До свѣдѣнія Комендатуры дошло, что большая часть еврейскаго населенія, въ особенности большинство еврейскихъ торговцевъ на рынкѣ и въ своихъ поѣздкахъ по деревнямъ самымъ позорнѣйшимъ образомъ агитирують противъ Украинскаго Правительства и нѣмецкой власти и стараются убѣдить крестьянъ, что нѣмцы послѣ урожая хотятъ забрать у крестьянъ, не уплачивая, весь хлѣбъ.

Это безчестнѣйшая ложь! Напротивъ, нѣмецкая военная власть старается по мѣрѣ силъ предоставить каждому крестьянину необходимыя средства, дабы онъ спокойно и мирно слѣдовалъ своему много трудящемуся призванію. За потребуемый отъ нихъ со стороны нѣмецкихъ войскъ хлѣбъ, будетъ крестьянину уплачено аккуратно, наличными деньгами. Нѣмецкая военная власть желаетъ спокойствія, порядка и особенно обезпечить, чтобы каждый открыто и небезпокоенный своимъ сосѣдомъ обрабатывалъ свою землю и занимался своимъ ремесломъ.

Нѣмецкой Комендантурѣ извѣстно о цѣломъ рядѣ подобныхъ еврейскихъ нарушителей мирной жизни. Оно безъ снисхожденія будетъ преслѣдовать этихъ опасныхъ субъектовъ и обращаетъ на то вниманіе, что эти опасныя лица изъ за такихъ поступковъ подвергаются строжайшему наказанію, если они стараются оторвать усердный народъ отъ ихъ нормальной землед ѣльческой дѣятельности

Уѣздныхъ Старостовъ и Волостныхъ Старшинъ просятъ безотлагательно и немедленно сообщать сюда имена этихъ вредныхъ элементовъ, чтобы ихъ подвергнуть самымъ суровымъ наказаніямъ.

Кто, какъ эти еврейскіе торговцы, будетъ агитировать противъ Украинскаго Правительства и противъ находящейся на Украинѣ нѣмецкой военной власти, тотъ грозитъ опасностью прокормленію регулярной мирной жизни и работѣ Украинскаго Народа.

*К. Штѣ. кв. 18. 7. 18.*

*Нѣмецкій Окружной Комендантъ*
**Никиш фон Розенекъ**
*Полковникъ*

# BEKANNTMACHUNG.

Der Kommandantur ist gemeldet, dass ein grosser Teil der jüdischen Bevölkerung, insbesondere die meisten jüdischen Händler, auf dem Markt und bei ihren Reisen auf das Land gegen die ukrainische Regierung und die deutsche Besatzung schmachvoll agitieren und dem Landmann einzureden suchen, dass die Deutschen nach der Ernte den Bauern das ganze Getreide ohne Bezahlung wegnehmen wollen.

**Das ist eine ganz infame Lüge! Im Gegenteil.** Die deutsche Truppenmacht bemüht sich auf das eindringlichste, jedem Bauern die nötigen Mittel zu belassen, damit er ruhig und in Frieden seinem arbeitsreichen Beruf nachgehen kann. Das von ihnen nötig gebrauchte Getreide wird seitens der deutschen Truppen dem Landmann **pünktlich mit barem Gelde** bezahlt. Die deutsche Heeresverwaltung will Ruhe, Ordnung und insbesondere Sicherheit schaffen, damit jederunge stört durch seine Nachbaren und unbehelligt seinen Boden bebauen und sein Handwerk ausüben kann

Die deutsche Kommandantur ist unterrichtet über eine ganze Reihe von solchen jüdischen Friedensstörern. Sie wird unnachsichtlich gegen diese gefährlichen Individuen vorgehen, und macht darauf aufmerksam, dass diese gemeingefährlichen Personen durch ihr Gebahren sich der strengsten Strafe aussetzen, wenn sie durch ihre Wühlarbeit das willige Landvolk von ihrer ordnungsmässigen Tätigkeit abbringen wollen.

Die Kreischefs und Gemeindevorsteher werden eindringlich gebeten, sofort die Namen dieser schädlichen Elemente hierher mitzuteilen, damit gegen sie auf das strengste eingeschritten werden kann.

Wer, wie diese jüdischen Händler, gegen die ukraihische Regierung und die in der Ukraine befindliche deutsche Truppenmacht agitiert, gefährdet die Ernährung und die ordentliche Friedensarbeit des ukrainischen Volkes!

*K. St. Qu., den 18. 7. 18.*

*Der deutsche Bezirkskommandant*
**Nickisch von Rosenegk**
*Oberst*

די דייטשע „בעקאנטמאכונג“ אין סמעלע.

# BEKANNTMACHUNG

Durch verschiedene Stellen wird gemeldet, dass trotz meiner Bekanntmachung vom 6. Oktober 1918, durch welche die Verbreitung von Gerüchten unter Strafe gestellt ist, durch Bandenführer und Agenten das Gerücht verbreitet wird, die deutschen Truppen würden aus der Ukraine zurückgezogen werden.

## Hauptsächlich sind es wiederum Juden, welche dieses Gerüchtunter die Leute tragen.

Durch dieses Gerede wollen Banditen friedfertige und arbeitsame Bürger und Bauern aufreizen, bedrohen und sich willfährig machen und ihnen das Vertrauen auf eine geordnete und gesetzmässige Entwicklung des Landes und aller bürgerlichen und sozialen Einrichtungen nehmen.

## Dieses Gerücht beruht auf Unwahrheit und Lüge.

Jeder, der ein solches Gerücht verbreitet, ist ein ehrloser Lügner und macht sich der Begünstigung des Bandenwesens schuldig, durch welches Städte und Dörfer der Ukraine gelitten haben und vielfach in Rauch und Brand aufgegangen sind.

**Ich befehle daher folgendes:**

Wer das Gerücht verbreitet, dass die deutschen Truppen aus der Ukraine zurückgezogen werden oder die Ukraine verlassen, wird mit Geldstrafe bis zu 3000 Mark oder mit Gefängnis, in schweren Fällen mit Zuchthaus oder mit dem Tode bestraft.

Smjela, den 17 Oktober 1918.

Deutsche Bezirks-Kommandantur
**SCHERER**
Oberstleutnant.

# ОГОЛОШЕННЯ

Доносять з різних міст, що не дивлячись на мое оголошення з 6 жовтня 1918 року яке грозить карою за поширювання ложних слухів, провідники банд і агенти розпускають слухи о майбутнім відклику німецьких військ з України.

## Особливо евреі розносять такі слухи

Через такі балачки бандити думають підбурити, грозити і склонити в свою сторону, мирних, трудолюбивих горожан і селян підорвавши в них довіря на построений, законний розвиток краю і всіх горожанських та соціальних установ

## Такі чутки не правдиві і ложні!

Той, хто поширює такі слухи підлий брехун, прихильний до бандитів, через котрих потерпіли знищені пожарами городи і села України.

### Тому приказую слідуюче:

Хто поширює чутки, будьто німецькі війська задумують уходити з України або покидають Україну, той карається грошовим штрафом до 3000 марок або заключеням в тюрму, —а при більш важних обставинах виновний карається каторжними роботами або смертною карою.

Сміла 17 жовтня 1918 року.

Німецька Окружна Комендатура
*Шерер*
Підполковник

# ОБЪЯВЛЕНІЕ

Доносятъ изъ разныхъ мѣстъ, что несмотря на мое объявленіе отъ 6 Октября 1918 года угрожающее карою за распространеніе ложныхъ слуховъ, вожаками бандъ и агентами распространяются слухи о предстоящемъ отозваніи нѣмецкихъ войскъ изъ Украины.

## Особенно снова евреи разносятъ такіе слухи.

Черезъ такую молву бандиты думаютъ подстрекать, угрожать и склонить въ свою сторону мирныхъ, трудолюбивыхъ гражданъ и крестьянъ, лишивъ ихъ довѣрія на устроенное, законное развитіе страны и всѣхъ гражданскихъ и соціальныхъ учрежденій.

## Такіе слухи неправдивые и ложные.

Распространитель подобныхъ слуховъ позорный лжецъ, покровительствующій бандитамъ, отъ которыхъ пострадали нерѣдко ими уничтоженные пожарами города и села Украины.

### Поэтому приказываю слѣдующее:

Кто распространяетъ слухи, будто-бы нѣмецкія войска предполагаютъ уходить изъ Украины или оставляютъ Украину подлежитъ денежнымъ взысканіемъ до 3000 марокъ или заключеніемъ въ тюрьму при болѣе серьезныхъ обстоятельствахъ виновный карается каторжными работами или смертной казнью.

Смѣла, 17 Октября 1918 г.

Нѣмецкая Окружная Комендатура
ШЕРЕРЪ
Подполковникъ

די קרייז־סטאַראָסטעס און די וואָלאָסט־סטאַרשינעס ווערן געבעטן תיכּף ומיד צושטעלן אַהער די נעמען פון אַט די שענדליכע עלעמענטן, בכדי מען זאָל זיי שטרענג באַשטראָפן.

ווער עס וועט, ווי אַט די יידישע הענדלער, אַגיטירן קעגן דער אוקראַינישער רעגי־רונג און קעגן דער דייטשער מיליטער־מאַכט אין אוקראַינע, דער וועט שטעלן אין סכּנה די ערנערונג און די רעגולערע פרידנס־אַרבעט פונם אוקראַינישן פאָלק!

דער דייטשער בעצירקס־קאָמענדאַנט
ניקיש פאָן ראָזענעק

קייז. שטאַב־קוו., דעם 18 יולי 1918". אָבערסט.

אַרכיוו פון רעדאַקציע (אָפּטיילונג פון דאָקומענטן).

---

3

## די דייטשע קאָמענדאַנטור און די יידישע קהלה אין בעלאָ־צערקאָוו.

„אין יידישן מיניסטעריום, קיעוו.

דעם 21 יולי 1918 האָט די בעלאָצערקווער דייטשע קאָמענדאַטור פאַרעפנטליכט אַ ווענדונג צו דער באַפעלקערונג (אין דייטש און רוסיש). די ווענדונג איז אונטערגע־שריבן דורך דעם קרייז־קאָמענדאַנט (אויף וואַסילקאָווער, קאַנעווער און טאַראַשטשער פּאָ־וויטן), פּאָלקאָווניק ניקיש פאָן־ראָזענעק. אין דער ווענדונג ווערט געזאָגט פאָלגנדעס (עס ווערט געבראַכט דער פולער טעקסט פון דער אויבנדערמאָנטער „בעקאַנטמאַכונג")...

נאָך איידער די ווענדונג איז צוקלעפּט געוואָרן, האָט זיך אַ דעלעגאַציע פון פּאַר־שטייער פון בעלאָצערקווער שטאָט־אופּראַווע און קהלה־ראַט געווענדעט צו דער קאָ־מענדאַנטור מיט אַ ביטע די מעלדונג ניט צו פאַרעפנטליכן. דערביי האָט די דעלעגאַציע געבראַכט פיל מאָטיוון, איינער פון וועלכע איז געווען, אַז קיינע אויסטיילונג זיינען דאָ ניט מענליך און קיינע איינווייזונגען נאָר אויף איין טייל פון דער באַפעלקערונג — אויף דער יידישער — זיינען ניט דערלאָזבאַר. דער פאָרשטייער פון דער קאָמענדאַנטור, ליי־טענאַנט פּ ל ע ט, האָט ערקלערט, אַז די ווענדונג וועט פאַרשפּרייט ווערן אין אַ גרויסער צאָל עקזעמפּלאַרן, ווייל יידן זיינען די שעדליכסטע אַגיטאַטאָרן קעגן די דייטשן. צו דער דעלעגאַציע האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ ביטע פירן אין די בתי־מדרשים אַן אַגיטאַציע צווישן די יידן, זיי זאָלן זיך אַנדערש אָנהויבן פירן, ניט זיין קיין ספּעקו־לאַנטן און ניט אַגיטירן קעגן די דייטשן.

דעם 25־טן יולי איז צונויפגערופן געוואָרן אַ זיצונג פון בעלאָצערקווער קהלה־ראַט, וועלכע האָט באַטראַכט די פראַגע וועגן דער ווענדונג. נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז אַזאַ מעלדונג קערט אונז אום צו די אַלטע צייטן, ווען די יידישע באַפעלקערונג פלעגט אויסגעטיילט ווערן און מ׳פלעגט אויף איר אַרויפלייגן ספּעציעלע באַשולדיגונגען, האָט דער בעלאָצערקווער קהלה־ראַט איינשטימיג באַשלאָסן שאַרף פּראָטעסטירן קעגן דער ווענ־דונג און איבערשיקן דעם פּראָטעסט צו די צענטראַלע אָרגאַנען פון דער יידישער נאַציאָ־נאַלער אַווטאָנאָמיע, וועלכע מוזן אַלזייטיג אָפּשאַצן דעם דאָקומענט און אָננעמען אַלע נויטיגע מיטלען, כּדי וועגן אים זאָל וויסן ווי די העכערע מאַכט, אַזוי אויך די גע־זעלשאַפטליכע מיינונג פון אוקראַינע און אַנדערע לענדער״.

ארכיוו פון יידישן מיניסטעריום (1917–1918), מעלדונג פון בעלאַ-צערקאָוו וועגן דעם דייטשן אויפרוף.

---

4

## די דייטשע „בעקאַנטמאַכונג״ אין סמעלע.
(זעה די פאָטאָגראַפישע קאָפּיע).

די איבערזעצונג אין יידיש:

„פון פאַרשיידענע ערטער מעלדעט מען, אַז ניט קוקנדיג אויף מיין באַקאַנטמאַ־כונג פונם 6־טן אָקטאָבער 1918, וועלכע דראָהט מיט באַשטראָפן פאַר פאַלשע קלאַנגען, פאַרשפּרייטן אָנפירער פון באַנדעס און אַנענטן קלאַנגען, אַז אין קורצן וועט די דייטשע מיליטער אָפּגעצויגן ווערן פון אוקראַינע.

דער עיקר ווידער אַמאָל יידן פאַרשפּרייטן אַזעלכע קלאַנגען צווישן עולם.

מיט אָט די ידיעות ווילן די באַנדיטן אויפרייצן, באַצווינגען און איבערציהען צו זיך די פרידליכע און אַרבעטסזאַמע בירגער און פויערן, אָפּנעמען ביי זיי דעם פאַר־טרויען צו דער איינגעאָרדנעטער, געזעצמעסיגער אַנטוויקלונג פון לאַנד און אַלע בירגערליכע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס.

די דאָזיגע קלאַנגען זיינען שקר וכזב.

יעדערער, ווער ס׳פאַרשפּרייט אַזעלכע ידיעות, איז אַ שענדליכער ליגנער, וואָס העלפט מיט די באַנדיטן, פון וועלכע עס האָבן געליטן אוקראַאינער שטעט און דערפער, וואָס זיי האָבן פילע מאָל געלאָזט אין פייער.

דעריבער באַפויל איך פאָלגנדעס:

ווער עס וועט פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז דאָס דייטשע מיליטער קלייבט זיך אַוועק־ניין און פאַרלאָזן אוקראַינע, וועט באַשטראָפט ווערן מיט געלט־שטראָף ביז 3.000 מאַרק אָדער מיט געפענגעניס, און ביי מער ערנסטע פאַלן — מיט צוכטהויז אָדער מיט טויט־שטראָף.

סמעלע, 17 אָקטאָבער 1918. דייטשע בעצירק־קאָמענדאַנטור

שערער

אָבערסטלייטענאַנט".

אַרכיוו פון רעדאַקציע (אָפּטיילונג פון דאָקומענטן).

---

VI

## די עסטרייכישע מיליטער־מאַכט אין אוקראַינע און יידן.

1

### אַ צירקולאַר צו די רבנים.

K. u. K. 11. Kav. Brig. Kmdo.
908/4

Einfluss der Judenschaft auf die Mannschaft.
Alexandria.
An den Rabbiner
von . . . . . . . . . . . .

Feldpost 436, am 25 August 1918.

Im Auftrage des Armeekommandos gebe ich ihnen Nachstehendes bekannt:

Es ist erwiesen, dass einzelne Angehörige der jüdischen Nation es versuchen, unsere Soldaten zu Vergehen und Verbrechen in:

a) politischer Richtung,
b) wirtschaftlicher Hinsicht zu verleiten (Diebstahl, Raub, verbotener Handel, Handel mit Waffen usw.).

Es ist bekannt, wie solidarisch die gesamte Judenschaft zusammenhält und vorgeht. Um eine Abhilfe im Vorgehen meist nicht erweisbarer Einzelner zu schaffen, müssen wir die gesamte Judenschaft zur Verantwortung ziehen. Daher möge die gutge-

sinnte, anständig denkende, nur auf bürgerlichen Gewinn hinarbeitende Judenschaft die schlechten Elemente an ihrem schädlichen und zersetzenden Treiben hindern. Tut sie das nicht, macht sie sich mitschuldig und muss dann die Folgen tragen.

Die Folgen sind: Kontribution auf die Judenschaft, Sondermassnahmen gegen dieselbe. Wenn die guten Elemente in der Judenschaft fürchten, dass dies die alte Stimmung der Bevölkerung gegen sie auslöst, dann ist es umso dringender, diesem schädlichen Treiben Einhalt zu tun.

Die Rabbiner, als in jeder Beziehung führende Organe der Judenschaft, haben es in der Hand, das Ansehen und die Ruhe der Judenschaft zu wahren. Mit dem Glauben hat die Sache nichts zu tun.

Печать: „K. u. K. 11. Kavallerie-Brigade-Kommando". (Unterschrift):

די איבערזעצונג אין יידיש:

„ק. אונד ק. קאַוו. בריג.
קאָמדאָ 908/4

דער איינפלוס פון דער באַפעלקערונג אויף די סאָלדאַטן. אַלעקסאַנדריע *).

צום רב (ראַבינער) פון...

פעלדפּאָסט 436, דעם 25 אַווגוסט 1918.

לויטן אויפטראַג פון דער אַרמיי־קאָמאַנדע בין איך אייך מודיע פאָלגנדעס:
ס'איז דערוויזן געוואָרן, אַז איינצלנע פּערזאָנען, וואָס געהערן צו דער יידישער נאַציע, פּאַרזוכן אַריינצוציהען אונזערע סאָלדאַטן צו באַגיין עולות און פאַרברעכנס, הן —

א) אויפן פּאָליטישן געביט,

ב) אַזוי אויך אויפן עקאָנאָמישן (גנבות, רויבערייען, פאַרבאָטענעם האַנדל, האַנדל מיט כלי־זין וכדומה).

ס'איז באַקאַנט, ווי דאָס פּאַראיינינטע יידנטום האַלט זיך אין זיין טעטיקייט סאָלידאַריש. בכדי צו שטערן דער אומגעזעצליכער טעטיקייט פון איינצלנע פּערזאָנען,

*) אַלעקסאַנדריע, כערסאָנער גוב.; דאָ איז געשטאַנען דער שטאַב פון דער בריגאַדע.

וועלכע מען קען מערטיילס ניט אויסגעפינען, מוזן מיר די אחריות אַרויפלייגן אויף דעם גאַנצן יידנטום. זאָל דער אָנשטענדיג־דענקענדער טייל פון יידנטום, וועלכער באַגנוגנט זיך (אין זיינע געשעפטן) מיט געוואוינליכן ריוח, איינהאַלטן זיינע שעדליכע עלעמענטן אין זייער שעדליכער און שלעכטער אויפפירונג. אויב ער וועט עס ניט טאָן, מאַכט ער זיך מיטשולדיג און וועט מוזן טראָגן אַלע פאָלגן דערפון.

די פאָלגן זיינען: קאָנטריבוציע אויף דער יידישער באַפעלקערונג און ספּעציעלע מיטלען קעגן יידן. אויב די גוטע עלעמענטן פונם יידנטום האָבן מורא, אַז דאָס וועט אַרויסרופן קעגן זיי די אַלטע שטימונג (די אַלטע שנאה?) פון דער באַפעלקערונג, דאַרפן זיי נאָך דרינגענדער מאַכן אַ סוף צו דער דאָזיגער שעדליכער טעטיקייט.

די רבנים (ראַבינערס), אַלס די, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אין אַלע באַציהונגען דעם אָנפירנדן אָרגאַן פון דער יידישער באַפעלקערונג, זיינען ביכולת אָפּהיטן דעם כבוד און די רוה פון יידן. צום גלויבן האָט דאָס קיין שום שייכות ניט".

(אונטערשריפט). שטעמפּל:
„קייז. און קעניג. 11־טע
קאַוואַלעריע־בריגאַדע־קאָמאַנדאָ".

אַ ר כ י וו פ ו ן ר ע ד אַ ק צ י ע (אָפּטיילונג פון דאָקומענטן).

---

2

## פּ ראָ ט ע ס ט פ ו ן פּ ראָ ס ק ו ראָ וו ע ר ק ה ל ה.

„דער פּראָסקוראָווער יידישער קהלה־ראַט, אויסהערנדיג דעם באַריכט פונם פּרעזידיום ווענן דער פאָדערונג פונם פּראָסקוראָווער פּלאַץ־קאָמענדאַנט צום יידישן קהלה־ראַט, אַז ער זאָל אויפן סמך פון אַ צירקולאַר פון דער עסטרייכישער קאָמאַנדע „אַרויסגעבן איר די עלעמענטן צווישן יידן, וואָס פירן אַ אַגיטאַציע קעגן דער איצטינער מאַכט אויף אוקראַינע, און אויב ער וועט זיך דערפון אָפּזאָגן, וועט די מאַכט איינזעהן דערין אַ בכיונדינן באַהאַלטן די פאַרברעכער און אַרויפלייגן אויף דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אַ קאָנטריבוציע", — האָט אויף זיין פּלענאַרער זיצונג דעם 26־טן אַוגוסט 1918 יאָר איינשטימיג אָנגענומען פאָלגנדע רעזאָלוציע, וועלכע ער האָט באַשלאָסן איבערשיקן אין דער געהעריגער אינסטאַנץ, פון וואַנען דער צירקולאַר קומט:

„דער קהלה־ראַט געפינט, אַז אַזאַ פאָדערונג צו אים איז אַ גרויסע באַליידיגונג און אַ געפאַר פאַר דער פּראָסקוראָווער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע ער פאַרטרעט. דער קהלה־ראַט זעהט אין אָטאָ דער פאָדערונג אַ פּרוב אויסצונוצן די אַלטע מיטלען פון דעם אָפּגעלעבטן מיטעלאַלטער, דערמיט וואָס מען וויל אַרויפוואַרפן די אחריות אויף

דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג פאַר פאַרברעכנס, וואָס עס באַגייען אומפאַראַנט־וואָרטליכע פערזאָנען, וואָס קענען זיך געפינען ביי יידן גלייך ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער, און פאַר וועלכע דער גאַנצער כלל קאָן ניט טראָגן קיין שום פאַראַנטוואָרט־ליכקייט.

דער קהלה־ראַט האָט גאַנץ באַשטימטע פונקציעס פאַר זיין טעטיקייט, ער איז אויסגעוויילט פון דער יידישער באַפעלקערונג צו באַפרידיגן אירע נאַציאָנאַלע באַדערפ־נישן, נאָר בשום אופן ניט אויף צו ערפילן פּאָליציייאישע פונקציעס, ווי אויסזוכן פאַרברעכער — דאָס איז אַן אויפגאַבע פון דער מלוכה־מאַכט און געריכט, פאַר וועלכע די יידן, אַלס בירגער פון אוקראַינע, זיינען אין דער זעלבער מאָס פאַראַנטוואָרטליך, ווי אַלע בירגער. פאַר יעדן פאַרברעכן טראָגן זיי ניט קיין שטראָף אַלס יידן, נאָר ווערן גלייך מיט אַלע באַשטראָפט לויט די אַלגעמיינע געזעצן פון לאַנד, וואָס טיילן ניט די בירגער פון אוקראַינע אויף יידן און ניט־יידן. אָפּוואַרפנדיג מיטן טיפסטן פאַרדרוס אַזעלכע פאָדערונגען אויסשליסליך צו דער יידישער באַפעלקערונג, דריקט אויס דער קהלה־ראַט זיין האָפנונג, אַז אַזעלכע ווענדונגען צו אים וועלן מער ניט האָבן קיין אָרט מצד וועלכער עס איז מאַכט אויף אוקראַינע".

ארכיוו פון רעדאַקציע (אָפּטיילונג פון דאָקו־מענטן). זעה אויך „נייע צייט", 164 №, פונם 10־טן סעפּטעמבער 1918, און „יעווריעיסקאַיאַ מיסל" 41-42 №, פונם 11 אָקטאָבער 1918.

3

## „חוזק אָדער ערנער?"

„יעקאַטערינאָסלאַוו. — די יעקאַטערינאָסלאַווער קהלה האָט באַקומען אַן איינלאַדונג פונם עסטרייכישן קאָמענדאַנט, אַז זי זאָל שיקן צו אים אירע פאָר־שטייער. אַהין זיינען געגאַנגען דער ראַבינער, צוויי רבנים און דער קהלה־פאָרשטייער ה׳ כהן. דער קאָמענדאַנט האָט אין אַ שטרענגן טאָן אויסגעלייענט פאַר זיי פון אַ צעטל בערך פאָלגנדעס: עס איז באַוואוסט, ערשטנס, אַז דער יידישער אַלוועלטליכער פאַרבאַנד, וועלכער עקזיסטירט שוין זעהר לאַנג, נוצט אויס זיין אָרגאַניזאַציע צוליב שפּיאָנאַזש־צילן לטובת ענגלאַנד און פראַנקרייך; צווייטנס, זיינען די אָנפירער פון די גנבות און פאַלשקייטן אויף אוקראַינע — יידן. דעריבער זאָל די יידישע געמיינדע נעמען אויף זיך די פליכטן אַרויסצוגעבן דער מאַכט די שפּיאָנען און פאַרברעכער. ווייטער האָט ער מודיע געווען, אַז עס איז באַוואוסט, אַז די יידן באַציהען זיך ניט פריינטליך צו די דייטשע מלוכות, (און דעריבער) זאָל די קהלה אַרויסטראָגן אַ רעזאָלוציע, אַז זי אָריענטירט זיך אויף די צענטראַלע מלוכות.

אויף דער זיצונג פון די קהלה־פראַקציעס איז באַטראַכט געוואָרן דער דאָזיגער פאַקט און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז די קהלה נייט מיט פאַראַכ־טונג פאַרביי די אַלע אינסינואַציעס און געפינט ניט פאַר נויטיג אַרויסצוטראָגן רעזאָלו־ציעס ווענן איר אָריענטאַציע".

„נייע צייט", 167 №, פונם 13־טן סעפטעמבער 1918.

---

## VII

## אַנטיסעמיטיזם אין די דייטשע קאָלאָניעס אין אוקראַינע.

„אין די דייטשע קאָלאָניעס פאַרשטאַרקט זיך דער אַנטיסעמיטיזם. פריער האָט מען באַשולדיגט יידן אין סימפּאַטיע צום באָלשעוויזם, איצט צו די אוקראַינער, וועלכע פאָדערן, מען זאָל פאַרווירקליכן דעם געזעץ ווענן סאָציאַליזירן די ערד. דער אַנטי־סעמיטיזם דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס מ'שיקט אַרויס יידן פון זייערע וואוינונגען, מען רעקוויזירט זייערע סחורות, פּראָדוקטן. דעם 15־טן אַפּריל האָט זיך פאַרענדיגט דער צוזאַמענפאָר פון די דייטשע דרום־רוסישע קאָלאָניסטן, וואָס פירט אָן מיט די דייטשע קאָלאָניסטן־אָרגאַניזאַציעס. דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען אַ באַשלוס זיך ווענדן צו אַלע קאָלאָניעס מיט אַ פאָרשלאַג, מען זאָל אויפהערן צו רודפן די יידן, ווייל דאָס פאַרשאַפט בזיונות די דייטשן, וועלכע האָבן נאָך גאָר ניט לאַנג אַליין געפילט אויף זיך אַלע שרעקן פונם שאָוויניזם. דעם אויפרוף וועט מען פונאַנדערשיקן אין אַלע אָרטיגע דייטשע צייטונגען".

„נייע צייט", 62 №, פונם 17־טן אַפּריל 1918.

---

## VIII

## די פויערן טרייבן אַרויס יידן פון די דערפער.

מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים.
באַקומען דעם 15 אַפּריל 1918
№ 1232.

„צום מיניסטער פאַר יידישע ענינים.
פון דאָרף סקאָמאָראָשקע, סטאַראָזשיוואָ־טאָווסקע וואָלאָסט, טאַראַשטשאַנסקער או־יעזד, פון די יידישע איינוואוינער.

די דאָרפישע איינוואוינער אויף זייערע סכאָדן טראָגן אַרויס אַלע מאָל רעזאָלוציעס, אַז יידישע פאַמיליעס זאָלן נעמעדלענע (תיכּף) פאַרלאָזן דאָס דאָרף: אַזוי, אין יאַנוואַר חדש האָבן זיי אַרויסגעטראָגן אַ רעזאָלוציע, אַז פון זייער טשערטאַ זאָלן זיך אַרויספאָרן

15 פֿאַמיליעס; צווישן די 15 פֿאַמיליעס זיינען געווען סלוושאַשטשעס (אָנגעשטעלטע) פון דעם צוקער=זאַוואָד 7 פֿאַמיליעס, וועלכע די אַדמיניסטראַציע פון זאַוואָד האָט זיי אַריינגעלאָזט אין טעריטאָריע פון דעם זאַוואָד, און די איבעריגע זיינען געמוזט אַרויס=פֿאָרן פון סקאָמאָראָשקע און זיינען שטאַרק אומגליקליך געוואָרן. דעם 23=טן מאַרט (אַלטער סטיל) האָבן זיי אַרויסגעטראָגן נאָך איין רעזאָלוציע, אַז פון די סלוושאַשטשעס 4 פֿאַמיליען זאָלן געמעדלענע אַרויספֿאָרן. אויף זייער סכאָד האָבן זיי זיך אַרויס=גערעדט, אַז זיי דאַרפֿן אַרויסוואַרפֿן אַלע זשידעס, וועלכע האָבן זיך דאָ באַזעצט (דער בעל=הבית, ה׳ גאַלפּערין, דער דירעקטאָר, ה׳ בערג, און אַ גרויסער טייל פון די סלוזשאַ=שטשעס זיינען יידן). און ביז 1=טן אַפּריל (אַלט. סטיל) האָבן זיי געגעבן דעם לעצטן סראָק (טערמין) אויף אַרויספֿאָרן פון דעם דאָרף איינינע פֿאַמיליען. ביי זיי טראָגט דאָס וואָפּשטשע (בכלל) אַ אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער, וועלכעס זיי האָבן ביי זיך באַשלאָסן, — אַרויסטרייבן אַלע יידן פון דעם דאָרף.

אַלזאָ, בעטן מיר דעם יידישן מיניסטעריום אָננעמען אַלע מערעס (מיטלען), פֿאַרשיצן אונזערע אינטערעסן, נישט דערלאָזן, אַז מ׳זאָל אונז אויף ווייטער טרייבן פון דעם דאָרף סקאָמאָראָשקע, אָפּשטעלן די ווישעלעניעס, וואָס מ׳דאַרף אַרויספֿאָרן דעם 1 אַפּריל, נאָך דעם אַלטן סטיל, וואָדוואָריאַיען (צוריק באַזעצן) די פֿאַמיליעס, וועלכע זיינען שוין אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דעם דאָרף סקאָמאָראָשקע".

דעלעגאַטן (2 חתימות).

אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום (1918–1917).

---

IX

## די אויפשטאנד־באַוועגונג פון די פויערן און פּאָגראָמען.
(קיעווער גוב.)

1

### דער פּאָגראָם אין ליסיאַנקע און איר סביבה.

הילפס-קאָמיטעט

פאַר די ליסיאַנקער יידישע היימלאָזע.

זוועניגאָראָדקע, קיעווער גובערניע.

ה׳ אָב, תרע״ח.

(איבערז. פון העברעאיש).

„צו דער יידישער קהלה=פֿאַרוואַלטונג אין קיעוו

שלום וברכה!

די אומגליקן פון דער לעצטער צייט לאָזן זיך מערקן אויף אַלע געביטן פון לעבן, און באַזונדערס האָבן זיי אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויף דער יידישער גאַס.

אויך איצטיגס מאָל האָט זיך אויף אונזער פאָלק אויסגעגאָסן דער גאַנצער צאָרן און נקמה־האַס פון אַלע זייטן.

אין דעם דאָזיגן שרעקליכן מצב געפינט זיך אונזער זווענינאָראָדקער אויעזד אין משך פון די לעצטע חדשים. אָבער ניט דער ערך ביטערער איז דער גורל פון דער שטעטל ליסיאַנקע, וואָס ליגט 25 וויאָרסט פון אונזער שטאָט. שוין מער ווי צוויי חדשים, ווי די אָרטיגע יידישע איינוואוינער ליידן גרויסע בזיונות, ליידן פון ראַפּירונגען, פאַרגוואַלדיגונגען און רציחות; איבער פופציג מאַן זיינען אומשולדיג דערהרגעט געוואָרן, אַ חוץ אַ גרויסע צאָל פאַרוואונדעטע, און זייער פאַרמעגן איז צעראַבירט געוואָרן. די גרויזאַמע געשעהענישן האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ שרעקליכן עקאָנאָמישן חורבן און אַ נעדריקטע שטימונג אין דער דאָזיגער אַלטער יידישער קהלה, וואָס ציילט 5000 נפשות. נאָר ניט קוקנדיג אויף די אַלע שרעקליכע יסורים, האָבן זיי זיך געשטאַרקט און זיינען געבליבן אויף די ערטער, כל זמן ס'איז נאָך געווען די קלענסטע מעגליכקייט דערצו. אָבער די לעצטע געשעהענישן אין ליסיאַנקע כ"ה תמוז האָבן מיט זייער מוראדיגער אכזריות איבערגעשטיגן אַלע גרעניצן און געצוואונגען די יידישע איינוואוינער פון שטעטל איבערצולאָזן זייער רעשט האָב און גוטס און נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט. און שבת כ"ו תמוז זיינען מיר, די זווענינאָראָדקער איינוואוינער, געווען עדי־ראיהס פון דעם טרויער־צוג פון די פאַרצווייפלטע ליסיאַנקער יידן, וואָס זיינען אַהער געקומען צולויפן אין טויט־שרעק...

קיין מענש איז ניט בכח שילדערן דאָס מאוימדיגע בילד, דאָס בילד פון דער נייער היינטיגער גלות־וואַנדערונג. אויסגעמוטשעטע, געפלאָגטע און געיאָגטע זיינען זיי קוים מיטן לעבן אַנטרונגען געוואָרן אַהערצו.

די זווענינאָראָדקער קהלה, וואָס האָט אַליין אויך געטרונקען פון גיפט־בעכער, האָט אָנגעשטרענגט אירע אָרעמע כחות און האָט געגעבן הילף אָט די אומגליקליכע, הונגעריגע, באָרוויסע און נאַקעטע. לכתחילה האָט די זווענינאָראָדקער קהלה גערעכנט, אַז איר הילף און די הילף פון די נאָהענטע קהלות וועט קלעקן אויף אַלע הצטרכותן פון די דאָזיגע אַנטרונענע, אָבער זי האָט זיך באַלד אַרומגעזעהן, אַז דערצו איז נויטיג די הילף פון די ווייטערע קהלות. מער ווי הונדערט משפחות נויטיגן זיך אין פולער שטיצע, און די הוצאות זיינען גוואַלדיג גרויס.

מיר ווענדן זיך צו אייך, פאָרשטייער פון דער קיעווער קהלה, און דורך אייך צו אַלע אונזערע ברידער, די מיטגלידער פון דער קהלה:

טייערע ברידער! די נויט איז זעהר גרויס! איילט זיך און שיקט שנעל אייער הילף פאַר אייערע אומגליקליכע ברידער! פאַרלירט ניט קיין איין מינוט! ראַטעוועט

אונזערע ברידער פון ביטערער שנאָרעריי! ערפילט אייער חוב פאַר אייערע פאָלקס־ברידער!

מיט דרך ארץ און ברידער־גרוס:

דער יו״ר — וו. ז. קאַפּיטאַנאָווסקי".

אַרכיוו פון קיעווער קהלה (1918).

---

2

## ליסיאַנקע.

(איבערז. פון העברעאיש).

„אין קאָמיטעט פאַר די פּאָגראָם־געליטענע,

קיעוו.

... „שוין 12 יאָר פאַרנעם איך דעם כסא הרבנות אין ליסיאַנקע, זווענינאָראָדקער אויעזד, קיעווער גוב. און אַט, דעם פאַרגאַנגענעם זומער האָבן זיך די אָרטיגע פויערן געשטעלט קעגן דעם העטמאַן און די דייטשן און אָנגעהויבן פירן מיט זיי אַ פאַרביטערטע מלחמה. ס'פאַרשטייט זיך, אַז אויף אונז יידן האָט זיך די פורעניות צוערשט אויסגעגאָסן, און די אָרטיגע גוים, קענענדיג אונזערע אָנגעזעהענע איינוואוינער, זיינען אַוועק צו זיי אין די הייזער און אויסגעקוילעט מיט אַ שרעקליכער אכזריות, מיט כּלערליי מיתות משונות ביי 80 מאַן*), און נאָך דעם, ווי זיי האָבן פאַרטריבן די דייטשן, האָבן זיי פאַרשפאַרט די שטאָט און ניט געלאָזט אונז אַרויספאָרן אָהן זייער ערלויבניש. אַ סך האָבן באַקומען „פּראָפּוסקן", אָבער איך האָב ניט געוואָלט אַרויספאָרן און איבערלאָזן מיין שטאָט, מחמת איך האָב געמוזט אַרומפאָרן און ברענגען די הרוגים צו קבר ישראל. און כ'האָב ב״ה ערפילט מיין חוב ממש מיט מסירת־נפש; אויך נאָכדעם, אַז אַלע זיינען פאַרבליבן הויל נאַקעט, האָב איך זיך געווענדעט נאָך הילף אין די שכנישע שטעט־לאַך, און זיי האָבן דורך מיר אַריינגעשיקט ברויט און אַנדערע שפּייז, און איך האָב מיט גאָטס הילף אויסגעהאַלטן די שטאָט אַ חדש צייט. איך האָב אויך ניט אָפּגעזאָגט די גוים, וואָס האָבן זיך געווענדעט צו מיר נאָך הילף, און דערמיט האָב איך מקדש־השם געווען. און דעריבער האָב איך, ניט קוקנדיג אויף דער סכנה, ניט געקענט פאַרלאָזן די איינוואוינער פון מיין שטאָט, וואָס זיינען געקומען צו מיר מיט אַ געוויין: אויף וועמען לאָזטו אונז איבער? ווער וועט פאַר אונז זאָרגן?

אין דער צייט פון באַלאַגערונג האָט מען געהרגעט נאָך אַ סך פּערזאָנען און צווישן זיי דעם אַדוואָקאַט דוב־בער ערליכמאַן ע״הש. און מיר האָבן ניט געוואוסט,

---

*) דאָ ווערט אָנגעגעבן אַ גוזמאדיגע צאָל געהרגעטע. ווי באַוואוסט, איז אין לי־סיאַנקע גופא אומגעקומען לערך 40 יידן, אַ סך הרוגים זיינען געווען אויף די וועגן אַרום.

וואו זיין קבר איז, ביז וואַנען די דייטשן זיינען דעם לעצטן מאָל אָנגעקומען צו אונז לערך עטליכע טויזנט מאַן. דאַמאָלסט האָט מען אים געפונען אַ דערהרגעטן, ווי ס'איז געווען צו זעהען — מיט שרעקליכער אכזריות: מ'האָט אים אויסגעשטאָכן די אויגן, אָפּגעשניטן די אויערן און געקוילעט. מ'האָט אים געבראַכט צו קבר ישראל, און גאַנץ שטאָט איז געווען אויף זיין לויה. צו דער לויה איז אויך געקומען דער דייטשער קאָמענדאַנט. בעת איך האָב דעם הרוג מספּיד געווען, האָבן אַלע געוויינט, אַפילו ביים קאָמענדאַנט האָבן זיך געגאָסן טרערן, און ער האָט אָנגעהויבן מוסרן די פּויערן, נאַכסאָל זיי זיינען אַזעלכע רוצחים. דאָס האָט, ווייזט אויס, אויפן העכסטן אופן אויפגערייצט די פּויערן קעגן מיר. דערנאָך האָבן די דייטשן איינגעאָרדנעט אַ מיליטער-געריכט און געמשפּט די רוצחים, און 40 מאַן האָט דער געריכט פאַרמשפּט צום שיסן. זיי האָבן גענויט די יידן, זיי זאָלן עדות זאָגן קעגן די מערדער, און דורך דעם אַרויסגערופן אַן אייביגע שנאה צו די היגע יידן בכלל און צו ערליכמאַנס פּרוי בפרט דערפאַר, וואָס זי האָט עדות געזאָגט אויף די רוצחים, וואָס האָבן איר מאַן אַוועקגעשלעפּט פון שטוב.

אין עטליכע טעג אַרום, ווען די באַנדיטן האָבן זיך דערוואוסט, אַז די דייטשן זיינען פון אונז אַוועק און איבערגעלאָזט אונזער שטאָט אָהן אַ מיליטערישע וואַך, זיינען זיי, פרייטאג פאַרנאַכט, אַריין אין שטאָט און געקוילעט און געהרגעט אָהן רחמנות. אויך די דערמאָנטע ערליכמאַנס פּרוי איז זיי געקומען פאַר די אויגן. זי איז אַנטלאָפן צו מיר אין שטוב און זיך באַהאַלטן אויפן בוידעם. אָבער די באַנדיטן האָבן איר נאָכגעיאָגט ביז מיין שטוב. דאָ האָבן זיי זיך גענומען צו מיר און געזאָגט: אָט איז דאָך דער רב, לאָמיר זיך אָפּרעכענען מיט אים. איך בין אַנטלאָפן, און איין באַדיט האָט מיר נאָכגעיאָגט צוויי גאַסן און האָט מיך ניט געקענט כאַפּן. צום סוף האָב איך געזעהן, אַז איך וועל זיך שוין פון אים ניט ראַטעווען, ווייל איך בין געקומען אין אַן ענגן אָרט, בין איך דאַן געבליבן שטיין און אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, מ'זאָל זיך מרחם זיין אויף מיר און אויף מיינע פינף קינדערלאַך, זיי זאָלן ח"ו ניט בלייבן ווי אַ שיף אָהן אַ רודער. אין דערזעלבער מינוט האָט דער רוצח פאַר מיר אין די אויגן אַרויסגעצויגן דעם שווערד פון שייד און דריי מאָל האָט ער מיר געגעבן אַ האַק איבערן קאָפּ מיטן בלויזן שווערד. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געפאַלן באַלד אויפן אָרט. דאַמאָלסט זיינען די באַנדיטן אַנטלאָפן פון שטאָט און זיך באַרימט, אַז זיי האָבן (ח"ו!) דערהרגעט דעם יידישן רב, און איצט זיינען שוין די יידן געבליבן אינגאַנצן אויף הפקר. אין אַ שעה אַרום איז מען נאָך מיר געקומען, מ'האָט מיך געבראַכט אין שטוב, און שבת אינדערפריה בין איך אַוועקגעפאָרן קיין זווענינאָראָדקע, און נאָך מיר איז נאָכגעפאָרן גאַנץ שטאָט פון קליין ביז גרויס, מאַן און ווייב מיט קינדער. פון דאָרט האָט מען מיך געבראַכט אַהער קיין קיעוו, און אַ דאַנק דעם אויבערשן פאַר זיין גרויסן חסד, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט זיין גוטן שליח, דעם פּראָפעסאָר ה. דיטעריכס, אָרדינאַטאָר פון אוניווערזיטעט. דינסטאָג האָט ער מיר געמאַכט אין צוויי ערטער אין קאָפּ אַן אָפּעראַציע, ווי ס'איז גענוי באַשריבן אין דער ביינעלייגטער מעדיצינישער צייג=

ניש. צוויי הדשים בין איך אָפּגעלעגן אַ קראַנקער אין שפּיטאָל און ביז נאָך גאָר ניט לאַנג פלעג איך גיין אין שפּיטאָל אויף באַנדאַזשן...

...דערמיט פאַרבלייב איך אייער פריינט,

משה ווייסערמאַן, רב ומו״ץ דעיר ליסיאַנקע״.

אַרכיוו פון קיעווער צענטראַל־קאָמיטעט צו העלפן די פּאָגראָמירטע (1919), אָפּטיילונג פון שטאָט־קאָמיטעט. באַקומען די מעלדונג אין אַפּריל 1919.

---

3

## צו די געשעהעגישן אין זשאַשקאָוו און זיין סביבה.

קיעווער קהלה־ראַט.

באַקומען 29 אַווגוסט 1918.

(איבערז. פון העברעאיש). זשאַשקאָוו, י״ד אלול תרע״ח.

„צו דער קיעווער יידישער קהלה.

געעהרטע חברים!

שוין באַלד דריי חדשים, ווי אונזער שטעטל און די שטעטלאַך אין סביבה — ליסיאַנקע, פּיאָטער, סטאַווישטשע, ווינאָגראַד און אַנדערע — לעבן אין גרויס סכנה. אונזער לעבן הענגט אויף אַ האָר, און יעדן טאָג בייט זיך די לאַגע אויף ערגער. באַוואָפנטע באַנדעס פאַלן אָפּט אָן אויף אונזער שטעטל און אויף די אַרומיגע שטעטלאַך, מ׳הרגעט, מ׳ראַבירט און מ׳האָט אויף קיינעם קיין רחמנות ניט. כמעט יעדן טאָג רייסן זיך פּלוצלינג אַריין באַנדיטן אין שטאָט און מ׳הרגעט יעדערן, וועמען מ׳באַגעגנט אויפן וועג. די רציחות פון דער לעצטער צייט זיינען אַזוינע שרעקליכע, אַז די פּאָגראָם־ראַבירונגען זיינען ווי גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט זיי. איר האָט געוויס געמוזט הערן וועגן די שרעקליכע געשעהענישן אין טאַראַשטשער אויעזד, וואָס צערייסן ממש דאָס האַרץ אויף שטיקלאַך, וועגן די ענויים, וואָס מ׳באַגייט אָפּן איבער די געהרגעטע, ס׳זיינען אודאי דערגאַנגען צו אייך די יללות פון די ווייבער און קינדער, — און די מיטגלידער פון דער קיעווער דעמאָקראַטישער קהלה זיצן זיך מיט פאַרלייגטע הענט און טוען ניט אַריין קיין פינגער אין קאַלטע וואַסער. די הויפּט־סבה פון אונזער שווייגן ביז איצט איז, וואָס מיר זיינען געווען אָפּגעריסן פון דער יידישער וועלט. די פּאָסט און טעלעגראַף פונקציאָנירן ביי אונז ניט ווי ס׳דאַרף צו זיין, הן צוליב דעם, וואָס די טעלעגראַפן־דראָטן זיינען קאַליע געוואָרן, און הן צוליב דעם, וואָס זיי זיינען אויך אַ ביסל חשוד באותו מעשה... די וועגן זיינען בחזקת סכנה, און אַפילו פּראָדוקטן איז אונז שווער צו

באַקומען. די באַדינגונגען זיינען אַזוינע שווערע, אַז ס'איז אַפילו אוממעגליך צו ווענדן זיך דירעקט קיין קיעוו.

די צרות זיינען זעהר גרויס. איידער מיר באַוויזן צו מקבר זיין איין הרוג — ברענגט מען שוין אַ צווייטן און אַ דריטן. די אויסוואורפן זיינען מבזה די קערפּערס פון די קדושים, לאָזן זיי אויף די וועגן מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ, מיט צובראָכענע הענט, אויפּגעשניטענע בייכער און כדומה. דאָס גאַנצע לעבן ביי אונז איז אָפּגעשטאָרבן. ס'איז ניטאָ קיין איין שטראַל ליכטיקייט, קיין איין פונק האָפנונג. גאַנצענע נעכט גייען מיר אַרום ווי לעבעדיגע שאָטנס. אַ געוויש פון אַן אַראָפּגעפאַלענעם בלעטל וואַרפט אָן אויף אונז אַזאַ אימה, אַז מיר צעלויפן זיך אין די קעלערס און אַלערליי לעכער.

און איצט עטליכע פּרטים וועגן די שרעקליכע געשעהענישן אין אונזער שטאָט און אין די אַרומיגע שטעטלאַך.

ב' תמוז האָבן זיך צוערשט אָנגעהויבן די רציחות אין אונזער סביבה, דערהויפּט אין די אַרומיגע דערפער. אין די דערפער טאָרטשיצע, סטריזשעווקע א. א. זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן גאַנצע משפחות, ווייבער מיט קינדער. מיט נסים האָבן זיך געראַטעוועט די, וועלכע האָבן אַליץ איבערגעלאָזן אויף הפקר און אַליין באַוויזן צו אַנטלויפן. דעם צווייטן מאָל איז מען אָנגעפאַלן אויף דער שטאָט זשאַשקאָוו, און פאַרבייגייענדיג לעבן דאָרף טיכאַיאַ, דריי וויאָרסט פון אונז, האָט מען געהרגעט צוויי יידן — בערדיטשעווסקי און זילבערג. די קערפּערס זייערע האָט מען אַ לאַנגע צייט ניט געקענט ברענגען, ווייל ס'איז געווען אַ מורא אַרויסצופאָרן פון שטאָט, און 8 טעג נאָכאַנאַנד האָבן זיי זיך געוואַלגערט אויפן פעלד. בערדיטשעווסקין האָט מען נאָכדעם געפונען אָהן אַ קאָפּ און דעם צווייטן איז גאָר אוממעגליך געווען צו דערקענען. פאַר אַלעמען אין די אויגן האָבן די באַנדיטן צוגענומען צוויי יידן — פּאָליאַקאָוון און דאָלנאָנאָסן, אַרויסגעפירט אונטערן שטאָט און געהרגעט אויף זעהר אַ שרעקליכן אופן. ביים דריטן אָנפאַל האָבן זיך די באַנדיטן צו אונז אַריינגעריסן אינמיטן טאָג און באַלד נעהרגעט אַ יונגן בחור צבי בורשטיין, וועלכער האָט זיך זיי אַקעגן געשטעלט. אויפן וועג, נעבן שטעטל סטאַווישטשע, האָבן זיי געהרגעט אַ סך יידן. אין סטאַווישטשע גופא האָבן די באַנדיטן געהרגעט 5 יידן. נעבן ווינאָגראָד איז מען אָנגעפאַלן אויף 5 פאַרבייגעפאָרענע יידן. זייערע משפחות האָט מען מודיע געווען, אַז מ'וועט זיי באַפרייען פאַר 10,000 רובל, מיטן תנאי אָבער, אַז די ווייבער אַליין זאָלן ברענגען דאָס געלט. אויף מאָרגן, נאָכדעם ווי די באַנדיטן האָבן באַקומען דאָס געלט, האָבן זיי געהרגעט די מענער צוזאַמען מיט די ווייבער. נעבן וואָלאָדאַרקע אין לאָווינער קרעטשמע האָבן די באַנדיטן ווי ווילדע חיות אויסגעקוילעט 21 יידן. די טאָג־טעגליכע רציחות אויפן וועג איז גאָר אוממעגליך איבערדערציילן. אויסער דעם האָט מען אַ סך מענשן באַראַבעוועט, און נאָר מיט נסים האָבן זיי זיך געראַטעוועט פון טויט. מיט

עטליכע טעג צוריק, דעם 12 אַווגוסט, זיינען באַוואָפנטע באַנדיטן אַריין אין שטעטל פיאָטער און אָנגעהויבן ראַבירן און שיסן אין די איינוואוינער. אין דעם זעלבינן טאָג האָבן זיי שטאַרק פאַרוואונדעט 6 יידן. נעכטן האָט מען ביי אונז אין שטאָט געהרגעט אַ פליט (בעזשענעץ) איזראַילעוויטש פון לידע, אַ גרויסער אָרעמאַן און דערצו אַ בעל־משפחה. מ׳האָט אים געהרגעט, ווען ער האָט אַכטונג נענעבן אויף דער אַרבעט ביים דרעשן. היינט, ווען מיר שרייבן אייך אָט דעם בריף, האָט מען מיט שרעקליכע אכזריות יערהרגעט צוויי יידן — כהן און ברינסקי. דער שרעק און טרויער זיינען אַזוי גרויס, אַז דאָס גאַנצע שטעטל באָדט זיך אין טרערן. דער געוויין און די געשרייען צורייסן ממש די האַרץ אויף שטיקלאַך. אונזער לאַגע איז נאָך שרעקליכער דערמיט, וואָס מיר האָבן ניט וואוהין צו אַנטלויפן, און ס׳איז אויך ניטאָ קיין האָפנונג, אַז ס׳וועט ווערן בעסער. קיין אָרטיגע מאַכט איז דאָ נישטאָ, קיין זעלבסטשוץ האָבן מיר אויך ניט, ווייל ס׳איז ניטאָ קיין געווער, הגם ס׳איז דאָ ביי אונז און אין די אַרומיגע שטעטלאַך גענוג כהות אויף צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ. די דייטשן, וואָס גייען אָפט פאַרביי דעם שטעטל, זיינען נאָר בוימל אויפן פייער, וואָס האָט אַרומגעכאַפט אונזער גאַנצן קאַנט: בעת מיר ווענדן זיך צו זיי נאָך הילף, ענטפערן זיי, אַז זיי האָבן ווענן דעם קיין שום פאַראָרדנונג ניט פון דער העכערער מאַכט.

אין נאָמען פון דער ליידנדער פראָווינץ, וואָס לעבט אין פאָגראָם־שרעק, אין נאָמען פון טויזנטער יידן, וואָס לעבן אין אַ שטענדיגן פחד, ווענדן מיר זיך צו אייך, ווי צו מיטגלידער פון דער גרעסטער יידישער קהלה אין אוקראַינע, מיטן רוף: העלפט אונז ווי שנעל איר קענט נאָר, די סכנה וואַקסט פון טאָג צו טאָג. די אַטמאָספער אַרום און אַרום איז פאַרסמט מיט שנאה מצד אונזערע שכנים, און זייער באַציהונג צו אונז ווערט פון טאָג צו טאָג ערגער. זיי זעהען, אַז יידיש בלוט איז הפקר און אַז ס׳גיסט זיך ווי וואַסער — און עס שטאַרקט זיך זייער דורשט צו יידיש בלוט און צו יידיש גוטס. באַציהט זיך ניט לייכט צו די אַלע ווערטער. דאָס זיינען ניט סתם אויסגעדראָשענע פראַזן, דאָס זיינען פאַקטן, וואָס זיינען פאַרצייכנט מיט בלוט און טרערן. אָט די שוואַרצע מגילה, וואָס מיר שיקן אייך איבער, איז ווי גאָרניט אין פאַרגלייך מיט די געשעהענישן גופא. מיר ווייזן אייך ניט אָן, וואָס און ווי אַזוי איר זאָלט טאָן. מיר פאָדערן נאָר אין נאָמען פון די אָרטיגע יידן און אין נאָמען פון גאַנצן יידנטום: ראַטעוועט! ווענדעט זיך אין די נויטיגע ערטער, ווענדעט זיך צו דער אוקראַינער רעגירונג, צו די מיניסטאָרן, פאַרעפנטליכט ידיעות וועגן דער לאַגע (נאָר ניט אין נאָמען פון אונזער קהלה) אין די אָרטיגע העברעאישע און יידישע צייטונגען און אויך אין אויסלאַנד. רופט צונויף פאַרזאַמלונגען פון געזעלשאַפטליכע טוער פון אַלע ריכטונגען און גיט אונז אַ עצה. מיט איין וואָרט: טוט אַלץ, וואָס איר קענט. מיינט ניט, אַז אַלץ, וואָס מיר דערציילן אייך, איז גלאַט אַזוי אַ צופאַל. ניין, דאָ אַרבעטן אָרגאַניזירטע רוצחים, און עס וואַרט נאָך אויף אונז אַ יידישע שחיטה, און ווער ווייסט, ווי לאַנג אַזאַ צושטאַנד וועט נאָך דויערן.

מיר זיינען זיכער, אַז איר וועט וועט נעמען אויפמערקזאַם לייענען אונזער בריף און וועט טאָן אַלץ, וואָס איר קענט נאָר, בכדי אונז צו העלפן.

מיט אַכטונג

זשאַשקאָווער קהלה: פּרעזידיום (4 חתימות).

ועד הפועל (4 חתימות).

מיטגלידער פון קהלה־ראַט (7 חתימות).

אַרכיוו פון קיעווער קהלה (1918).

---

4.

# די עקסצעסן אין וואָלאָדאַרקע.

קיעווער קהלה-ראַט

באַקומען 23-טן אַווגוסט

№ 27

(איבערז. פון רוסיש).

„צו דער קיעווער קהלה.

באַפולמעכטיגטער פון דער יידישער באַפעלקערונג פון וואָלאָדאַרקע, סקווירער אויעזד, ב. קלינגמאַן.

דעם 27־טן יולי ד. י. (1918) האָבן אומבאַוואוסטע פּערזאָנען פונאַנדערגע־קלעפּט איבער וואָלאָדאַרקע אַ מודעה פון אַ אומבאַוואוסטער אָרגאַניזאַציע, מיט אַ לאָזונג: „אַרויסטרייבן די דייטשן, אויסהרגענען די פּריצים און די יידן“. דעם 3־טן אַווגוסט זיינען אַ וויאָרסט 6 פון שטעטל אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער דער־מאָנטער באַנדע 9 דורכרייזנדע יידן; זעקס פון זיי האָבן זיי אויפן אָרט געהרגעט, די איבעריגע דריי, וואָס זיינען געווען האַלב־טויט, האָט מען שפּעטער געבראַכט אין וואָ־לאָדאַרקער שפּיטאָל.

דעם 6־טן אַווגוסט אינדערפריה זיינען אויפן שטעטל אָנגעפאַלן אַ מענשן 40 באַ־וואָפנטע באַנדיטן, האָבן צונויפגערופן די יידן און געפאָדערט פון זיי קאָנטריבוציע 30 טויזנט רובל, פון וועלכע זיי האָבן גלייך אויפן אָרט באַקומען 11 טויזנט. נאָך דעם האָבן די באַנדיטן אָנגעהויבן ראַבעווען די יידישע הייזער, צוגענומען געלט און ווערט־זאַכן. ביי איינינע האָבן זיי אויך צוגענומען חפצים און פערד. נאָך דעם זיינען זיי צוגעגאַנגען צום זעמסקן שפּיטאָל און געפאָדערט ביים דאָקטאָר, ער זאָל אַרויסגעבן די יידן, וואָס מ׳האָט ניט דערשלאָגן אין וואַלד, כדי מ׳זאָל זיי איצט הרגענען. מיט גרויס מיה האָט זיך איינגעגעבן אויסצובאַהאַלטן די אומגליקליכע, דערביי איז איינער פון די קראַנקע פון שרעק געשטאָרבן. ביים אַוועקגיין האָבן די באַנדיטן אָנגעשראָקן

די יידן, אַז זיי וועלן זיך מיט זיי צורעכענען, אויב די יידן וועלן נאָר רופן צו הילף די דייטשן. בעת די באַנדיטן זיינען געווען אין שטעטל, האָט מען קיין מיליציע ניט געזעהען.

עס זיינען אויך קיין נייס ניט עקסצעסן מצד די אָרטיגע פויערן, וועלכע שלאָגן אויס פענסטער אין יידישע הייזער. די יידישע באַפעלקערונג געפינט זיך כסדר אין שרעק. צוליב דער שווערער אַטמאָספער, אין וועלכער די יידן קומט אויס צו וואוינען, האָט אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַרלאָזט דאָס שטעטל. נאָר אַזוי ווי די פאַרבינדונגען מיט די שכנותדיגע שטעט (סקוויר, בעלאָ=צערקאָוו) זיינען אויך בחזקת סכנה, פאלט אָפּ אויך די מעגליכקייט פון אַנטלויפן.

דעריבער ווענדעט זיך די וואָלאָדאַרקער יידישע באַפעלקערונג צו דער קיעווער קהלה מיט אַ בקשה מיטווירקן, אַז אין שטעטל זאָל קאָמאַנדירט ווערן אַ זיכערער מיליטער=אָפּטיילונג צו באַשיצן די באַפעלקערונג פון די באַנדיטישע אָנפאַלן און פוגרום. בעת די באַנדע איז אָנגעפאַלן אויפן שטעטל, זיינען די היגע פויערן געבליבן גאַנץ גלייכגילטיג צו דעם, וואָס ס'קומט פאָר. דעריבער ווענדן מיר זיך מיט דער בקשה ווירקן דורך עפּעס אַ מיטל אויף די וואָלאָדאַרקער פויערן, צווישן וועלכע, ווי מיר גלויבן, זיינען פאַראַן אָנטיילנעמער אין די באַשריבענע פאַרברעכנס, אַז אויב עס וועט ווידער פאָרקומען אַן אָנפאַל, זאָלן זיי אויך נעמען אָנטייל אין אָפּטרייבן די באַנדיטן. עס איז ניט געוואונשן, אַז מ'זאָל שיקן אַ מיליטער=אָפּטיילונג נאָר אויף אַ קורצע צייט אָדער פעריאָדיש, מחמת אין דער צווישנצייט, בעת די שוין=אָפּטיילונג גייט אַוועק, ווערט די סכנה נאָך גרעסער, ווייל די באַנדיטן וועלן זיך נוקם זיין אין דער יידישער באַפעלקערונג.

ברוך=שלמה קלינמאַן".

אַרכיוו פון קיעווער קהלה (1918).

---

## VIII.

## „אלון בכות"

דער שיר „אַלון בכות" איז אַ מין מצבה=ליד אויף די קדושים אין ליסיאַנקע, וואָס זיינען אומגעקומען זומער 1918 בעתן פאָגראָם. דער מחבר, דער אָרטיגער שוחט און חזן, איז אַ לעבעדיגער עדות פון די געשעהענישן און האָט זיי באַשריבן אין דער פאַרצייטיגער פאָרם פון „קינות", לויטן שטייגער פון „עשרה הרוגי מלכות" וכדומה. די דאָזיגע באַשרייבונג איז אינטערעסאַנט ניט נאָר לויט איר פאָרם, נאָר אויך לויטן אינהאַלט: זי גיט כמעט אַ דאָקומענטאַל בילד פון דער הריגה אין ליסיאַנקע און אַ רשימה פון די אומגעקומענע.

מיר האָבן פונם שיר גענומען נאָר יענע חרוזים, וואו עס ווערן איבערגעגעבן פאַקטן. מיר גיבן עס אין אָריגינאַל, אין העברעאיש, מיט אַ יידישע איבערזעצונג אין פראָזע.

...מי יתן ראשי מים,
עיני מקור דמעתי —
ואבכה כל ימי החיים,
כל עוד בי נשמתי.

כי גם לב אבן ימס כמים,
כנחל דמעה ורידו עינים
על הנזר-דין שנגזר עלינו משמים —
להרג ולאבד אנשים בידים.

ביום השישי, בכ"ה סיון בצהרים,
בשנת „כה נחרבה לעסיאַנקא בידים",
נשדדה העיר ונחרבה פעמים,
ונהרגו בה נפשות שלושים ושתים.

נורא הוא המחזה, מרגיזה התמונה:
מר' משה אַנטאָנאָווסקי ורעיתו הנאמונה:
לא נשאר הוא אלמן, היא לא אלמנה,
כי נהרגו שנים יחד במיתה משונה.

שם אצלו במרתף איש וביתו באו,
גם ר' שמאי קאָצוביעווסקי וביתו שמה נחבאו,
רק הרוצחים בידם כדורי-תופת נשאו,
והרסו עצמותיו, והיו כלא היו.

כלה מחופתה, נשמה טהורה,
נהרגה עם אחותה שמה במערה,
אביהם ר' יחיאל לאַנדע זעק מרה,
בהחזיקו על הקבר חופה שחורה.

הקדוש הר' „מרדכי בן אברהם", מופלג בתורה,
חסיד ועניו, בתפילה זכה וברורה
התפלל והתחנן בראש כל אשמורה,
ולסוף נהרג ברחוב — ושלשה ימים לא זכה לקבורה.

גם הר' „שלמה הלוי" יצא בלא צדיה
ומלאך-המות פקד עליו לעמוד עד ארגיעה,
אך הוא לא האזין לקול השמועה —
ותיכף ומיד הומת ביריה.

... עוד הרבה אנשים יצאה נשמתם ב„אחד",
בעת אשר הרוצחים שלחו בהם יד,
והר' „משה בן אברהם" בידם נלכד,
וגם אז נהרג ר' „אהרן ב״ר צבי-גד".

עוד שלשה קרבנות – אנשים זרים
נשחטו על הדרך ככבשים ופרים,
ונזלו את הונם הרבה אלפים,
ולמען לא הכירם עוד המה נשרפים.

על הרוני „קעשענעוו" בכו זקנים ונערים,
הספידו את השמש, אשר נפל על השערים,
גם אצלינו ר' שמואל השמש נהרג בידי אכזרים,
ושם בבית-המדרש מסר נשמתו בהגינו על הספרים.

... מן הבית הוצאו הרבה משפחות –
אב ואם, בן ובת, אח ואחות,
אנשים ונשים, זקנות נאנחות,
והוליכום למות באנחות וצוחות.

הם ונשיהם ובניהם ובנותיהם
הכו כף, שברו ידיהם,
כי מלאכי-מות ירוצו מלפניהם,
ומלאכי-חבלה יכום מאחריהם.

... הר' בנימין שאפיר ובנו יחידו,
הוא היה כל נפשו, רכושו ומאודו.
האם מקוננת: הוי בני, הוי אישי,
מי יתנני ביניכם הקבר השלישי.

על ר' עובדיה ראווינסקי ומשפחתו
אבל יחיד לי אשימה,
כי צדקה וחסד היו כל משלחתו,
קול נהי עליו ארימה:

שם בדרך, טרם מסרו נשמתו הטהורה,
נשא עיניו לשמים בפחד ומורא,
צעק ושאל בדעה צלולה וישרה.
גם אראלים צעקו אז מרה, –
האמנם זו תורה?
זו צדקה – וזו שכרה?

ה' אלקים, צווית בתורתך:
„אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד", –
ומדוע כעת כה מוכים עבדיך,
ור' עובדיה ובנו פינחס נהרגו גם יחד?

אשת ר' פינחס חמלה על בתה הבתולה,
התפללה והתחננה להרגה בתחילה,
האם נפלא על בתה והרבתה בתפילה, –
האומללה נהרגה, והבת ניצולה.

...כי ליום כלות ימי השלשים
נתוספו עוד ארבעה קדושים. –
אז נסו מפחד כל העיר, אנשים ונשים,
ונמשכו שורות שורות גולים חדשים.

אלו ברכב, ואלו ברגלים עולים,
זה נושא בכר ילד בחתוליו,
ועל שכמו עוד ילד, אשר נמעדו קרסוליו,
ואחד על מקלו נושא מנעליו – נם ודגל הגולים.

ופתאום שמענו קול יללות תכופות,
מפחד הרודף התחלנו לרדת,
אך מיד נודענו, כי אין כל רדיפות, –
אך עוברה אחת כרעה ללדת...

...כה באנו „זוועניהאָראָדקה", מלא יסורים,
בעירום ובחוסר, ובלבבות שבורים.
לא אוכל עוד דבר, אמרותי קצורים, –
והנני חותם את שמי בראשי תבות הספורים:

יומם ולילה סגורות פתחינו,
שממה וחורבן בעירנו,
במהרה לעינינו סומכנו ינקום נקמת קהל עדתנו.

הכותב בדמעה – יוסף טאָלטשינסקי,
שו"ב וש"ץ בלעסיאנקא".

די איבערזעצונג אין יידיש:

„דער בוים פון געוויין".

...כ'וואָלט וועלן מיין קאָפּ זאָל זיין אַ וואַסער-קוואַל, מיינע אויגן אַ שטראָם פון טרערן – וואָלט איך געטאָן וויינען און קלאָגן ווייל איך ווער לעבן.

אפילו אַ האַרץ פון שטיין וועט צוגיין, טרערן וועלן זיך ווי וואַסער גיסן אויפן גזר-דין, וואָס איז אויף אונז נגזר געוואָרן מן השמים – מענטשן זאָלן אומקומען פון רוצחימס הענט.

פרייטאָג, כ"ה סיון, אינמיטן העלן טאָג, אין יאָר „כה נחרבה לעסיאַנקא בידים", איז די שטאָט צוויי מאָל באַרויבט און הרוב געוואָרן, און צוויי און דרייסיג הרוגים זיינען געפאַלן טויט.

שרעקלעך איז דאָס בילד, אַ גרויל! פון ר׳ משה אַנטאָנאָווסקי און זיין טרייער ווייב איז ניט געבליבן ניט ער אַן אלמן, ניט זי אַן אלמנה – ביידע צוזאַמען זיינען זיי פאַרמוטשעט געוואָרן צום טויט.

ביי אים אין קעלער האָט זיך אַ סך עולם באַהאַלטן. אויך ר׳ שמאי קאָטשו־ביעווסקי מיט זיין משפחה. די רוצחים האָבן אָבער אויפגעריסן דעם קעלער מיט גראַ־נאַטעס – און זיי זיינען דאָרטן אויף שטיקער צופליקט און געהרגעט געוואָרן.

אַ כלה, גרייט צו דער חופה, אַ ריינע נשמה, איז דאָרט אין קעלער צוזאַמען מיט איר שוועסטער אומגעקומען. זייער פאָטער, ר׳ יחיאל לאַנדע, האָט געטאָן וויינען און שרייען בעת ער האָט אויפן קבר געשטעלט אַ שוואַרצע חופה.

דער קדוש ר׳ מרדכי בן אברהם, אַ מופלג בתורה, אַ פרומער און אַ עניו, מיט זיינע ריינע תפילות פלעגט ער טאָן בעטן און וויינען בעתן אויפשטיין אשמורות, און לסוף איז ער געהרגעט געוואָרן אינמיטן נאַס – און דריי טעג האָט ער ניט זוכה געווען לקבורה.

אויך ר׳ שלמה הלוי – ער איז אַרויס פון דער היים נאָר ניט געמיינט, דער מלאך־המות האָט אים זיך געהייסן אָפּשטעלן, ער האָט זיין באַפעל ניט געפאָלגט – און תיכף אויפן אָרט איז ער דערשאָסן געוואָרן.

...נאָך אַ סך אַנדערע האָבן אויסגעהויכט זייער נשמה מיט „אחד" בעת די רוצחים האָבן זיי געהרגעט. זיי האָבן געכאַפּט און געהרגעט ר׳ משה בן אברהם, ר׳ אַהרן בן צבי־גד.

און נאָך דריי קרבנות – מענטשן פון אַ פרעמדן געגנט – זיינען אין וועג ווי שאָף געשחטן געוואָרן. מען האָט ביי זיי אַלץ צוגענומען, פילע טויזנטער, און כדי מ׳זאָל זיי ניט דערקענען, האָט מען זיי פאַרברענט.

בעת אַלע האָבן באַקלאָגט די הרוגים פון קעשענעוו, האָט מען באַוויינט דעם שמש, וואָס איז געפאַלן אויף זיין שטעל. אויך אונזער ר׳ שמואל דער שמש האָט זיך מוסר נפש געווען און איז אין בית־מדרש געפאַלן טויט פון די רוצחימס הענט בעת ער האָט באַשיצט די ספרי־תורות.

...פילע משפחות זיינען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון זייערע הייזער – פאָטערס, מוטערס, זין און טעכטער, ברידער און שוועסטער, מענער און פרויען, אַלטע שוואַכע לייט – און ניט קוקנדיג אויף זייערע האַרצרייסנדיגע געשרייען האָט מען זיי געהרגעט.

אַלע, מיט ווייבער און קינדער, זיינען זיי פאַרמוטשעט און געטויט געוואָרן. די מלאכי־המות זיינען אַפּריער געלאָפן, און די מלאכי־חבלה האָבן זיי פון הינטן געיאָגט.

ר׳ בנימין שאַפּיר און זיין בן־יחיד, זיין איינציגער טרייסט און פאַרמעגן (זיינען אומגעקומען). די מוטער שטייט און קלאָגט: אָ, זון מיינער, אָ, מאַן מיינער, צווישן אייך ביידן וויל איך מיין דריטן קבר האָבן.

ווענן ר׳ עובדיה ראָווינסקי און זיין משפחה וויל איך באַזונדער טאָן קלאָגן, ווייל מיט צדקה און חסד איז געווען פול זיין לעבן – און איך וויל אים באַוויינען:

דאָרט, אויפן וועג, איידער ער האָט זיין ריינע נשמה אויסגעהויכט, האָט ער מיט פחד און מורא אויפגעהויבן זיינע אויגן און האָט מיט קלאָרע געדאַנקען אָנגעהויבן שרייען צום הימל און בעטן. אויך די מלאכים האָבן גענומען שרייען: אָט דאָס איז די תורה, די גערעכטיקייט – און דאָס איז איר שכר?

אָ, גאָט אין הימל, דו אַליין האָסט דאָך אין דיין תורה געהייסן, אַז „אַ טאַטן מיט אַ זון זאָלט איר אין איין טאָג ניט שחטן" *) – פאַר וואָס־זשע איצט שטראָפסטו דיינע קנעכט – און ר׳ עובדיה און זיין זון זיינען צוזאַמען געקוילעט געוואָרן?

די ווייב פון ר׳ פינחס האָט פון גרויס רחמנות צו איר טאָכטער די בתולה אָנגעהויבן זיך בעטן (ביי די גזלנים), אַז מ׳זאָל זי אַפריער הרגענען. די מוטער איז געפאַלן אויף איר טאָכטער און געוויינט און געבעטן – און זי איז, די אומגליקליכע, דערהרגעט געוואָרן און איר טאָכטער איז ניצול געבליבן.

... צום טאָג פון שלושים זיינען צוגעקומען נאָך פיר קדושים. – און דאַן איז דאָס גאַנצע שטעטל אין שרעק אַנטלאָפן, מענער און פרויען, און שורות־וויז, שורות וויז האָבן זיך געצויגן די נייע גולים (אַנטרונענע).

ווער מיטן אַקס און ווער צופוס, ווער מיט אַ קליין קינד אין די קישעלאַך, ווער מיט אַ מיד קינד אויפן אַקסל און ווער מיט די שיך אויפן שטעקן – די פאָן פון די אַרויסגעיאָגטע.

און פלוצים דערהערן מיר געשרייען און יללות פון דער נאָהענט. פון שרעק האָבן מיר שוין געוואָלט זיך לאָזן לויפן, נאָר מיר דערוויסן זיך, אַז קיינער יאָגט אונז ניט נאָך – דאָס גייט איינע פון די אַרויסגעיאָגטע ווייבער צו קינד...

אָט אַזוי זיינען מיר אָנגעקומען קיין זוועניגאָראָדקע, הוילע, נאַקעטע, פול מיט יסורים און צעבראָכענע געמיטער.

ווייטער קאָן איך ניט באַשרייבן, איך בין מקצר און חתמע מיין נאָמען מיט ראשי־תבות...

מיט טרערן געשריבן,

יוסף טאָלטשינסקי

שו״ב וש״ץ אין ליסיאַנקע.

אַרכיוו פון קיעווער קהלה (1918).

---

*) עס רעדט זיך וועגן קרבנות.

XI

## מעמאָראַנדום פון קיעווער קהלה.

(איבערז. פון רוסיש).

דעם ה׳ אינערן־מיניסטער פון דער אוקראַינער מלוכה.

דער קיעווער ועד־הקהלה, פאַרטראָטן דורך דעם פאָרזיצער — אינזשענער־טעכנאָלאָג נ. סיר־קין, געהילף־פאָרזיצער—דעם קיעווער קאָמערסאַנט ה. רובינטשיק, און דעם פאָרזיצער פון קהלה־פאַר־וואַלטונג — ראַבינער, נעהילף געשוו. אַדוואָקאַט י. אַלעשקאָווסקי.

קיעוו, דעם 27־טן אַווגוסט 1918 יאָר.

## מעמאָראַנדום.

מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן אינגאַנצן צו באַפרייען זיך פון דעם שרעקליכן אָנגריף פון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן זייער וועג באַצייכנט מיט מאַסן־מערדערייען און הריגות פון יידן, וועלכע האָבן רואינירט דאָס יידישע גוטס, ווי למשל, אין נאָוו־גאָראָד־סעווערסק (88 געהרגעטע, 11 שווער פאַרוואונדעטע), סערעדינא־בודא (25 נעהרגעטע) א. א. וו., ווי איבער דער יידישער באַפעלקערוונג האָט זיך ווידער דורכ־געטראָגן אַ כוואַליע פון גוואַלדטאַטן און הריגות. ס׳פאַרשפרייט זיך אַלץ מער און מער די פאָגראָם־אַגיטאַציע מצד פינסטערע עלעמענטן. די פויערן רופן צו שחיטות אויף יידן. אין אַ סך שטעט און שטעטלאַך שלאָגט מען און מען באַהאַנדלט שלעכט די אומשולדיגע יידישע באַפעלקערונג. די עקסצעסן פאַרענדיגן זיך אָפט מיט טויט־פאַלן. עדות און די אָרטיגע יידישע קהלות ווייזן אָן אויף אַ סך פאַלן פון מערדערייען און רויבערייען. אין אַ סך שטעטלאַך געפינט זיך די יידישע באַפעלקערונג אין שטענדיגן שרעק פאַרן לעבן און פאַרמעגן. די פאָגראָם־כוואַליע קאָן יעדע רגע מגולגל ווערן אין אַ בלוטיגן מבול איבערן גאַנצן שטח פון קיעווטשינע, טשערניגאָווטשינע און וואָלין. מיר ווילן אייך ניט באַמיהן, הער מיניסטער, מיט אַ רשימה פון טרויעריגע פאַקטן, דאָך ערלויבן מיר זיך צו אָנווייזן אויף איינצעלנע, מער כאַראַקטעריסטישע פאַקטן.

מיר האָבן ניט קיין יורידישע מעגליכקייט צו דערווייזן די ריכטיקייט פון די אַלע פאַקטן דאָקומענטאַל, דאָך דערוועגן מיר זיך פאָרצוברענגען פאַר אייך די פאַקטן אַזוי, ווי זיי זיינען אונז איבערגעגעבן געוואָרן דורך די, וואָס האָבן אַליין געליטן, און דורך עדי ראיה.

אין שטעטל **ליסיאַנקע**, זווענינאָראָדקער קרייז, האָבן זיך צווישן די פּויערן אָנגעהויבן אומרוהן איבער סכסוכים בײַ דער ערד־חלוקה. דעם 5־טן יוני האָט זיך אַ המון פּויערן פֿון די אַרומיקע דערפֿער אַרײַנגעריסן אין שטעטל, אָנגעפֿאַלן אויף די יידישע הײַזער און קראָמען, האָט אײַנגאַנצן רואינירט די יידישע באַפֿעלקערונג און געמאַכט אַ בלוט־באָד. די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן זיך אַרײַנגעריסן צו אײנעם ראָווינסקי אין הויז, האָבן געכאַפּט די גאַנצע משפּחה און די שכנים, וועלכע האָבן זיך דאָרט באַהאַלטן (25 פּערזאָן), האָבן זײ אָפּגעפֿירט אין שײַער און פֿון דאָרטן האָט מען זײ אינדערפֿריה אַרויסגעפֿירט אין פֿעלד און דערשאָסן.

די טעראָריזירטע באַפֿעלקערונג האָט זיך באַהאַלטן אין די קעלערס, נאָר אויך פֿון דאָרט האָט מען זײ אַרויסגעשלעפּט און פּאַר עלטערן אין די אויגן האָט מען געהרגעט קינדער, און די טויטע קערפּערס האָט מען אויך ניט געשאַנעוועט. ס׳זײַנען געווען פֿאַלן, ווען די צעווילדעוועטע פּויערן האָבן געוואָרפֿן באָמבעס אין די קעלערס און לעבעדיקערהייט באַגראָבן די פֿאַרבאַהאַלטענע. אַזוי זײַנען לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן אין אײן קעלער 7 מענטשן: די שוועסטער לאַנדע, קאָטשוביעווסקי א. א. אין ליסיאַנקע זײַנען דערהרגעט געוואָרן 39 פּערזאָן.

די אכזריות האָבן אויפֿגעהערט נאָר דאַן, ווען ס׳איז אָנגעקומען אַ דײַטשע מיליטער־אָפּטײלונג. ווי נאָר אָבער די אָפּטײלונג איז אַוועק, האָבן זיך די הריגות און טעראָר אויף דער באַפֿעלקערונג ווידער באַנײַט מיט נאָך גרעסערער אכזריות. מיט אַ באַזונדערער אכזריות האָט זיך אויסגעצײכנט די הריגה פֿונם ליסיאַנקער אַדוואָקאַט ערליכמאַן, וועלכן די מערדער האָבן צושניטן אויף שטיקלאַך.

אין שטעטל **סטריזשעווקע** האָט אַ המון פּויערן, צושטערנדיק די פֿאַרבינדונג מיט אַנדערע שטעטלאַך, אָנגעהויבן ראַבירן די יידישע הײַזער, פֿון דאָרט האָט זיך דער המון אַ לאָז געטאָן צום נאָהענטן דאָרף טאָרטשיצע און דאָרט געהרגעט 18 מאַן. מ׳האָט געהרגעט קינדער (אַ 10 יאָריקן ייִנגל), עטליכע פּערזאָן האָט מען לעבעדיקערהייט באַגראָבן, די, וועלכע האָבן געפּרובט אַנטלויפֿן, האָט מען גלײַך געכאַפּט און אויפֿן אָרט געטויט.

**פֿליסקאָווא**, קיעווער גובערניע. דעם 12־טן מאַי איז אַרײַן אַן אָפּטײלונג פֿון 130 הײַדאַמאַקעס, זײ האָבן אין די גאַסן צושטעלט קוילנוואַרפֿער און גענומען ראַבירן. האָט מען נאָר באַגעגנט אַ ייִדן, פֿלעגט מען אים שרעקליך שלאָגן. מ׳האָט ניט רחמנות געהאַט אפֿילו אויף קראַנקע: מ׳האָט זײ אַראָפּגעשלעפּט פֿון די בעטלאַך און מיט בײַטשן געשלאָגן. ווען אײניקע יידן האָבן געפּרובט אַנטלויפֿן פֿון שטעטל, האָט דער שעף פֿון ליפּאָוועצער מיליציע, דראַגאָשעווסקי, אַרויפֿגעלײגט אויף די יידן אַ קאָנטריבוציע, סטראַשענדיק, אַז אויב מ׳וועט ניט אַרײַנטראָגן דאָס געלט, וועט ער חרוב מאַכן דאָס שטעטל מיט דער הילף פֿון די הײַדאַמאַקעס. דאָס געלט האָט מען געמוזט גלײַך אַרײַנטראָגן.

**האָראָדניע**, טשערניגאָווער גובערניע. לויטן באַפֿעל פֿון שטעלפֿאַרטרעטער פֿון אָרטיקן קאָמענדאַנט, יאַראָשעווסקי, האָבן די קאָזאַקן פֿון אַ אוקראַינער מיליטער־

אָפּטיילונג אַרעסטירט הירשן און יהושען פּיסאַרעווסקי. אין הויף פון קאָמענדאַטור, אין אַ שטאַל, האָבּן די קאָזאַקן שרעקליך געפּייניגט די אַרעסטירטע. זיי האָבּן געוואָלט, אַז די אַרעסטירטע — פּיסאַרעווסקים — זאָלן זיך מודה זיין, אַז ס׳איז כּלומרשט פאָרגעקומען אַ געהיימע פאַרזאַמלונג פון יידן, וואו ס׳איז בּאַשלאָסן געוואָרן צו פאַרניכטן די אוקראַינער אָפּטיילונג. נאָך אַן אויספאָרשונג האָט מען די צושלאָגענע פּיסאַרעווסקים בּאַפרייט. אינם זעלבּן טאָג האָט מען מיטן זעלבּיגן אויסרייד אַרעסטירט די אָרטיגע איינוואוינער ל. כּהן, ד. מאירזאָן, א. בּענציאָנאָוו א. א. די אַרעסטירטע האָט מען שטאַרק געשלאָגן. נאָך אַן אויספאָרשונג האָט מען אַלע אַרעסטירטע בּאַפרייט.

בּעליאָווקע. דער שעף פון מיליציע (וואַרטא), ה׳ יאַנקאָווסקי, האָט דעם 13⸗טן און 14⸗טן יולי אָהן אַ שום גרונט אַרעסטירט אַ רייע יידן. פון די אַרעסטירטע ה׳ פּרילוצקי און ה׳ ספּיוואַק האָט ער געפאָדערט 300 רובּל און האָט זיי בּאַפרייט נאָר דאַן, ווען ער האָט בּאַקומען דאָס געלט.

רוזשין, קיעווער גובּערניע. די שטראָף⸗אָפּטיילונג, וואָס איז אָנגעקומען אין שטעטל כּדי איינצופירן אָרדנונג, איז דאָרט געשטאַנען 8 טעג און אין משך פון דער גאַנצער צייט האָבּן די סאָלדאַטן שרעקליך בּאַהאַנדלט די יידישע בּאַפעלקערונג, איינינע פערזאָנען האָבּן זיי צוממיתט. אַוועקגייענדיג האָבּן זיי צוגענומען דעם רב און נאָך 7 יידן, פאַרפירט זיי אין אַ שטאַל און דאָרטן כּמעט בּיז צום טויט געשלאָגן. אנשטאַט זיי איז גלייך צוגעשיקט געוואָרן אַן אַנדער מיליטער⸗אָפּטיילונג. די נייע אָרדנונג⸗היטער האָבּן אָנגעהויבּן נעמען פון די קראָמען סחורות און ניט געוואָלט בּאַצאָלן. מען צווינגט די יידישע בּאַפעלקערונג מיט נאַהייקעס צו רייניגן די גאַסן. דער פּאָלקאָווניק, וועלכער פירט אָן מיט דער אָפּטיילונג, העצט אויף די פּויערן קעגן די יידן און רערט זיי צו, אַז די יידן זיינען אויך מחויב צו בּאַצאָלן אַ העלפט פון דער קאָנטריבּוציע, וואָס מ׳האָט אַרויפגעלייגט אויף די פּויערן כּדי צו בּאַפרידיגן די גוטסבּאַזיצער פאַר די היזקות, וואָס זיי האָבּן געהאַט בּשעת די אומרוהן.

סטאַווישטשע, קיעווער גובּערניע. חצי יולי איז אין שטעטל פאָרגעקומען אַ שלאַכט צווישן די דייטשן און פּאַרטיזאַנער. די לעצטע האָט מען צוקלאַפּט, און זיי האָבּן געמוזט אַנטלויפן. ווען די דייטשן זיינען אַוועק, האָבּן די פּאַרטיזאַנער ווידער אָנגעהויבּן צו בּעל⸗הבּיתעווען אין שטעטל און אין דער סביבה. זיי האָבּן זיך צוטיילט אין גזלנישע בּאַנדעס און בּאַזעצט אין די אַרומיגע וועלדער, און ס׳איז געוואָרן אוממעגליך דורכפאָרן די וועגן. יעדן טאָג בּאַקומען זיך ידיעות, אַז דאָס אין איין אָרט, דאָס אין אַנדערן פאַלן יידישע קרבּנות פון די בּאַנדיטישע הענט. דעם 16⸗טן אַווגוסט האָט מען געבּראַכט קיין סטאַווישטשע 9 געהרגעטע יידן — קרבּנות פון די דאָזיגע בּאַנדיטן. פון צייט צו צייט פאַלן די פּאַרטיזאַנער אָן אויפן שטעטל און פאָדערן קאָנטריבּוציע (אַזוי, האָט מען ניט לאַנג בּאַצאָלט איין בּאַנדע 15,000 רובּל קאָנטריבּוציע).

וואָלאָדאַרקע, קיעווער גובּערניע. ס׳האָט זיך בּאַוויזן אַ בּאַנדע גזלנים, וועלכע פאָדערט „אַרויסטרייבּן די דייטשן, אויסהרגענען די פּריצים און די יידן“. די בּאַנדיטן האָבּן פאַרנומען אַלע וועגן. דעם 3⸗טן אַווגוסט האָבּן זיי געהרגעט 6 דורכ⸗

רייזנדע יידן, 3 האָט מען נעבראַכט אין שטעטל האָלבּ־טויטע. דעם 6־טן אויגוסט זיינען די באַנדיטן אַריין קיין וואָלאָדאַרקע און האָבּן געפאָדערט פון דער יידישער באַפעלקערונג 30,000 רובל קאָנטריבוציע; 11,000 רובל האָבּן זיי גלייך באַקומען. באַלד אָבּער האָבּן זיי זיך צושאָטן איבּערן שטעטל און גענומען ראַבּירן, צונעמענדיג בּיי די יידן געלט און ווערט־זאַכן. די אָרטיגע פויערן האָבּן רוהיג צוגעקוקט צו דעם, וואָס ס׳קומט פאָר. די יידן זיינען אינגאַנצן אָפּגעשניטן פון די אַרומיגע שטעטלאַך (בּעלאָ־צערקאָוו א. א.), זיינען לחלוטין הילפלאָז און לעבּן אין אַ אַטמאָספער פון טראָר און רויבעריי.

א חוץ די אָנפאַלן און פּאָגראָמען פון דער איבּערגאַנגס־צייט, קומט נאָך אויס דער טעראָריזירטער יידישער באַפעלקערונג צו טראָגן אויף זיך די שווערע משא פון כּסדרדיגע געלט־קאָנטריבוציעס, וועלכע שטייגן אַריבּער די מאַטעריעלע מעגליכקייטן פון די פאַראָרעמטע שטעטלאַך און וועלכע קענען ניט באַרעכטיגט ווערן אפילו לויט די געזעצן פון דער היינטיגער שווערער איבּערגאַנגס־צייט.

אַזוי:

אין אָבּוכאָוו, קיעווער גובּערניע, אַלס באַפרידיגונג פאַר די היזקות בּשעת די אַנראַר־אומרוהען, האָט דער גוטבּאַזיצער גערבּל אַרויפגעלייגט אויף דער שטעטל 2,180,000 רובל קאָנטריבוציע. דערבּיי איז דער סכום צוטיילט געוואָרן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג און די פויערן אויף אַזאַ אופן, אַז אויף יעדער יידישער משפּחה קומט אויס 2000 רובל און אויף יעדער פויערן־משפּחה — 400, בּשעת ס׳איז נוט באַקאַנט, אַז די יידן האָבּן פון דעם גוטבּאַזיצערס גוטס ניט גענאָסן. די דאָזיגע זאַכן פון די צורויבּטע, וואָס איינצעלנע יידן האָבּן געקויפט בּיים אַגראַר־קאָמיטעט, האָבּן זיי אָדער אָפּגעגעבּן צוריק, אָדער באַצאָלט לויט ווי מען האָט אָפּגעשאַצט.

ליודוויפּאָל איז אינגאַנצן פאַראָרעמט געוואָרן פון דער שרעקליכער שרפה, בּשעת וועלכער ס׳איז פאַרבּרענט געוואָרן דאָס גאַנצע שטעטל. דאָך האָט מען אויף דער יידישער באַפעלקערונג אַרויפגעלייגט צו 2000 רובל קאָנטריבוציע פון יעדן הויף. די סומע דאַרף אַריינגעטראָגן ווערן די אַרומיגע גוטבּאַזיצער פאַר די היזקות, וואָס זיי האָבּן געהאַט בּשעת דער איבּערגאַנגס־צייט. די קאָנטריבוציע ווערט זעהר שטרענג אויפגעמאָנט. אַלס מאָטיוו ווערט אָנגעגעבּן, אַז איינצעלנע יידן האָבּן בּיים אויפבּויען דאָס פאַרבּרענטע שטעטל געקויפט האָלץ בּיי די אַרומיגע פויערן, וועלכע האָבּן די האָלץ גענומען אין די וועלדער פון די גוטבּאַזיצער.

מיר צווייפלען ניט, הער מיניסטער, אַז די צענטראַלע אָרגאַנען פון אוקראַינע קע־נען ניט און וועלן ניט דערלאָזן, מ׳זאָל טרעטן מיט די פיס די עלעמענטאַרע רעכט פון די בּירגער פון אוקראַינע — פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אין דעם באַוואוסטזיין שעפּן מיר דעם גלויבּן, אַז דער געשריי וועגן הילף, וואָס טראָגט זיך פון אַ סך ערטער אין אוקראַינע, וועט געפינען אין אייער האַרצן אַ לע־בּעדיגן אָפּקלאַנג און אַ יושרדיגע באַציהונג.

כדי צו פאַרמיידן אויף ווייטער אַזוינע טרויעריגע עקסצעסן, ערלויבן מיר זיך ווענדן צו אייך מיט אונזער בקשה:

1. פאַרעפנטליכן אין נאָמען פון דער רעגירונג אַ ספּעציעלע ווענדונג צו דער גאַנצער באַפעלקערונג פון אוקראַינע, וואו ס'זאָל אָנגעוויזן ווערן, אַז יעדער פּאַרזוך צו מאַכן פּאָגראָמען און הריגות אויף יידן וועט ענערגיש אונטערגעדריקט ווערן און די שולדיגע וועלן באַשטראָפט ווערן לויט די שטרענגסטע געזעצן פון קריגס־צייט.

2. שאַפן אַ אויספאָרשונגס־קאָמיסיע מיט פאָרשטייער פון דער יידישער געזעל־שאַפטליכקייט (אויף וויפיל ס'איז מעגליך), כדי אויסצופאָרשן די לאַגע אויף די ערטער.

3. אַרויסגעבן אַ געזעץ וועגן דעם, אַז די רעגירונג קערט אום דעם שאָדן דער געליטענער באַפעלקערונג, ווייל מיר גלויבן, אַז די רעגירונג, וועלכע דאַרף זעהען אָפּ־צוהיטן די אָרדנונג און פאַרטיידיגן די אינטערעסן פון אַלע אירע בירגער, קען ניט אין דעם פאַל לאָזן אָהן איר שטיצע די יידישע באַפעלקערונג, בפרט ווען פּריוואַטע הילף קען ניט, ביי דער גרעסטער אָנשטרענגונג, באַפרידיגן די באַדערפענישן פון די אומשולדיג געליטענע.

4. אַסיגנירן 300,000 רובל אַלס געכע הילף. אויסער די נוצן, וואָס דאָס געלט וועט ברענגען, וועט דער פאַקט אַליין, צוזאַמען מיט אַנדערע אָנגענומענע מיטלען, באַרוהיגן אַביסל די יידישע באַפעלקערונג און וועט זי איבערציינגן אין דער יושרדיגער באַציהונג צו אירע נויטן מצד דער רעגירונג.

5. זעהען אָנגעמען די נויטיגע מיטלען, ווייל די פּאָגראָם־אַטמאָספער ווערט אַלץ שווערער, און מיר שטייען פאַר אַ סכנה פון נייע אומגליקן".

(חתימות).

ארכיוו פון קיעווער קהלה (1918)

# אינהאַלט.

זייטע


פונם „מזרח יידישן היסטאָרישן אַרכיוו" . . . . . . . 1

ש. דובנאָוו, די דריטע הײַדאַמאַטשינע . . . . . . . . . 9

## אַריינפיר

דער געשיכטליכער פאָדעם פון די פּאָגראָמען. — צווישן דניעפּר און דניעסטער. — אוקראַינע, אַלס אַ לאַנד פון פּאָגראָמען. — דאָס אוקראַינישע פּוויער־טום ביז דער רעוואָלוציע; דוחק אין ערד און אויסוואַנדערונג; רוסיפיקאַציע און קולטורעלע אָפּגעשטאַנענקייט. — דער אַנטאַגאָניזם צווישן שטאָט און דאָרף; דער הונגער אין סחורות. — די וועלט־מלחמה און דער אויסברוך פון אַנאַרכיע און פּאָגראָמען. — די רעוואָלוציע פון 1917 און דער בירגער־קריג. — די פאַרשפּרייטונג פון אַוואַנטיוריזם. — די ראשי פּרקים פון די פּאָגראָמען 1917–1918 . . . . 17

## קאַפּיטל I

די פעברואַר רעוואָלוציע; די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע. — די ערשטע פּרובן פון פּאָגראָמען. — די אַנאַרכיע. — דער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַ־שטימונג פון אוקראַינע. — די „צענטראַלע ראַדע". — די אוקראַינישע תּביעות און די רוסישע פּאַרטייען. — אַווטאָנאָמיע און פעדעראַציע. — דער אָנהויב פון קאָנ־פליקט צווישן פּעטראָגראַד און קיעוו. — דער ערשטער „אוניווערסאַל". — די ערשטע אוקראַינישע מיליטער־טיילן; די מיליטערישע צוזאַמענפאָרן. — דער הסכּם צווישן פּעטראָגראַד און קיעוו. — אַ נייער קאָנפליקט. — די „סאַמאָסטי־ניקעס". — דער קאַמף צווישן דער באָלשעוויסטישער מאַכט און דער ראַדע; דער אולטימאַטום פון די באָלשעוויקעס און די מלחמה. — דריטער און פערטער „אוניווערסאַלן"; די פּראָקלאַמירונג פון אוקראַינער אומאָפּהענגיקייט. — דער נצחון פון די באָלשעוויקעס און דער צעפאַל פון אוקראַינישן חיל . . . 28

## קאַפּיטל II

אָהן אַ מאַכט. — דער צעפאַל פון דער רוסישער אַרמיי. — זעלבסט־דעמאָ־ביליזאַציע. — די אַנאַרכיע אויפן פראָנט און אויף די ערטער. — באַפעל פונם פראָנט־קאָמאַנדיר. — די ערשטע אָנפראַגע אין ראַדע וועגן די פּאָגראָמען. — מאַסן־באַוועגונג פון עקסצעסן אין די פראָנט־גובערניעס. — ירידים און מאַרק־טעג. — סאָלדאַטישע און „שכּורע" פּאָגראָמען. — די באַקעמפונג פון פּאָגראָמען. — די האַל־טונג פון דער אָרטיגער מאַכט. — דער קאַמף צווישן די באָלשעוויקעס און אוק־ראַינער און פּאָגראָמען. — די עקסצעסן אין יאַנואַר 1918. . . . . . . . 47

זײַטע

## קאַפּיטל III

די נאַציאָנאַלע אוקראַינישע באַװעגונג נאָך דער רעװאָלוציע און די ייִדישע פּאַרטייען. — די נאַציאָנאַלע מינדערהײטן טרעטן אַרײַן אין ראַדע און גענעראַל־סעקרעטאַריאַט. — די אוקראַיניש־ייִדישע באַציהונגען. — דער ייִדישער װיצע־סעקרעטאַריאַט. — דאָס ייִדישע מיניסטעריום. — דער קער צו „סאַמאָסטינאָסט" — די אוקראַינישע פֿאָלקס־רעפּובליק און די ייִדישע פּאַרטייען. — די באַציהונג פֿון דער ייִדישער פּראָװינץ. — אומאָפּהענגיקײט פֿון אוקראַינע און די פּאָזיציע פֿון די ייִדישע פּאַרטייען; דער צעריםענער רעװאָלוציאָנס־פּראָגנאָז. — דער געזעץ װעגן נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אױטאָנאָמיע. — דער איבערבּרוך אין דער באַציהונג פֿון די אוקראַינער צו ייִדן. — די בריסקער שלום־אונטערהאַנדלונגען; דער קאַמף פֿון צװײ דעלעגאַציעס. — ערב דעם אָנקומען פֿון די באָלשעװיקעס. — די אוקראַינישע מיליטער־פּאַרטײ. — די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע אין קיעװ. — די הריגה פֿונם פּאָרזיצער פֿון „ייִדישן מיליטערישן פֿאַרבאַנד" . . . . . . . . . . 62

## קאַפּיטל IV

דער װאוקס פֿון אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד. — די באַציהונג פֿון די צענטראַלע ראַטן־אָרגאַנען און פֿון דער ציװיל־װילינער רעגירונג. — די באַציהונג פֿון דער אוקראַינישער מאַכט; די אויפֿרופֿן פֿון א. שולגין, װיניטשענקאָ און פּעטליורע. — דער אויפֿרוף פֿון ייִדישן גענ.־סעקרעטאַר. — די קאָמיסיע צו קעמפֿן מיט אַנאַרכיע. — דער „אָאַזיס פֿון אָרדנונג". — די שװאַכקײט און ניטראַליטעט פֿון דער אוקראַינישער מאַכט. — די פֿראַגע װעגן זעלבּסטשוץ. — ייִדישע סאָלדאַטן אויפֿן פֿראָנט און די פּאָגראָמען. — די קאָנפֿערענץ פֿונם „ייִדישן מיליטערישן פֿאַרבאַנד". — פּראָיעקט פֿון ייִדישע מיליטער־טײלן. — די באַציהונג פֿון ייִדישן מיניסטעריום; די האָפֿנונגען אויף די „װילנע קאָזאַקן". — די זעלבּסטשוץ־פֿראַגע אינעם ייִדישן נאַציאָנאַל־ראַט. — די פּאַרטײ־ייִדישער און נעגנער פֿון באַהאָפֿנטער זעלבּסטשוץ. — ייִדישע „דרוזשינעס". — די ראָלע פֿונם ייִדישן מיניסטעריום אין קאַמף מיט די פּאָגראָמען. — די האָפֿנונגען פֿונם פּראָװינציעלן ייִדנטום. 77

## קאַפּיטל V

די אוקראַיניזאַציע פֿון אַרמײ און די אויסשליסונג פֿון ייִדן. — די התחלה פֿון אוקראַינישן חיל. — דער לאַנגער ראַשטאַט אין דײַטשלאַנד. — באָהונער פּאָלק. — די אָרגאַניזאַציע פֿון „װילנע קאָזאַטשװאָ"; די אויסשליסונג פֿון ייִדן. — די ראָלע פֿון די „פֿרײַע קאָזאַקן" אין די פּאָגראָמען. — דער נצחון פֿון באָלשעװיקעס און דאָס אַנטלויפֿן פֿון ראַדע אין זשיטאָמיר. — דער צוריקקער פֿון אוקראַינישער אַרמײ אין קיעװ און איר פּאָגראָם־שטימונג. — די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פֿון די באָלשעװיקעס אין אוקראַינע. — „פּיאַטאַקאָװשטשינע". — דער ערפֿאָלג פֿון באָלשעװיזם. — די באַציהונג פֿון די ייִדישע פּאַרטייען צו די באָלשעװיקעס; די ראַדע אָדער די באָלשעװיסטישע מאַכט? — זשיטאָמירער גלות פֿון ראַדע און דער „ניטראַליטעט פֿון די מינדערהײטן". — דער ייִדישער בעל־הבית און די אוקראַינישע אידײע. — רוסיפֿיקאַציע, צענטראַליזם און אַסימילאַציע. — „דער פֿאַרראַט פֿון ייִדן". — סימפּטאָמען פֿון באַגרענעצונגען אין רעכט. — די צװאַנג־אוקראַיניזאַציע. — דער װאַקסנדער שאָװיניזם. . . . . . . . . . . . . . 95

זײַטע

## קאַפּיטל VI

דער צוריקקער אין קיעװ און די פּאָגראָם־עקסצעסן פון אוקראַינישער אַרמײ. — קיעװער געשעהענישן; די שטאָט־דומע; די אוקר. סאָציאַליסטישע פּראַקציעס. — עקסצעסן אין קיעװער גובערניע; די „באַפולמעכטיגטע פון ראַדע". — עקסצעסן אויף די אײַזנבאַן־סטאַנציעס גרעביאָנקע און ראָמאַדאַן; אָנפּראַנעם אין ראַדע. — עקסצעסן אין פּאָלטאַװע און װ. קאָראָליעװקאָ. — פּאָגראָמען מצד די פּויערן. — די געשעהענישן אין מעדװין און דער גובערניאַלער קאָמיסאַר. — די פּויערן טרײַבן ײדן פון די דערפער. — „זשידאָװסקאַ מאַניפעסטאַציאַ". — די אוקראַינישע פּרעסע און די פּאָגראָמען. — די „נאָװאַ ראַדאַ" און אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען. — אָנפאַלן אויף ײדן אין ראַדע. — די ראַטיפיצירונג פון בריסקער אָפּמאַך. — צװײ היפּוכדיגע צדדים. — „אַ געװינס אָדער אַ גזרה?". — די אַנטװאָפנונג פון ײדישער זעלבסטשוץ; די אדעסער „דרוזשינע". — דער סוף פון „נאַציאָנאַלער תקופה" אין דער אוקראַינישער באַװעגונג . . . . . . . . . 116

## קאַפּיטל VII

דער אָנגריף פונם דײַטש־אוקראַינישן חיל. — אין צפון טשערניגאָװער גובערניע. — די מפּלה פון די רויטע טײלן און פּאָגראָם־עקסצעסן. — די געשעהענישן אין מגלין און סוראַזש. — די שחיטה אין גלוכאָװ. — פּאָגראָם־אָדיסעיע; די ערשטע פּאָגראָם־אַנטלאָפענע. — די שחיטה אין נאָװגאָראָד־סעװערסק. — אין ראַיאָן. — פּאָגראָמען און די ראַטן־מאַכט. — אײנצעלנע עקסצעסן מצד באָלשעװיסטישע טײלן. . . . . . . . . . . . . . . : : 139

## קאַפּיטל VIII

די אײנלאַדונג פון די דײַטשן. — די ראַדע װערט צעטריבן. — די העטמאַנשטשינע. — דײַטשע אָקופּאַציע. — „די גענעראַלישע רעאַקציע אין אוקראַינע". — דײַטשן און די רעסטאַװראַציע. — קיעװ און די בורזשואַזע און מאָנאַרכיסטישע קאָנצענטראַציע. — די פּאָזיציע פון דער ײדישער בורזשואַזיע. — מ׳גנבעט אַרוים א. דאָבּרין. — די שטימונג פון דער ײדישער פּראָװינץ. — דער רעזשים פון העטמאַנשטשינע און די ײדישע געזעלשאַפטליכע קרײַזן. — ליקװידאַציע פון די נאַציאָנאַלע דערגרייכונגען; באַגרענצונגען אין רעכט. — דער אַנטיסעמיטיזם פון דער אָפּיצ. פּרעסע. — די אוקראַינישע דעמאָקראַטיע און ײדן; „דער אוקראַינישער נאַציאָנאַל־מלוכהשער פאַרבאַנד". — די האַלטונג פון דער אוקראַינישער לינקער פּרעסע. — די אַדמיניסטראַטאָרן אין פּראָװינץ. — אַנטיסעמיטישע אויפרופן פון דער דײַטשער אָקופּאַציאָנס־מאַכט. — „ײדן זײַנען די שעדליכסטע אַנטאַגאָניסטן קעגן די דײַטשן". — מיטלען צו קעמפן מיט די ײדן. — די דײַטשן און ײדישע פּאָגראָמען. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 150

## קאַפּיטל IX

פּאָגראָמען מצד די העטמאַנישע קאָזאַקן און דער „װאַרטאַ". — די געשעהענישן אין האָראָדניער אויעזד, טשערניגאָװער גובערניע. — די געשעהענישן

זײַטע

אין קיעווער גובערניע. — די אַגראַר־פּאָליטיק פון דער ראַדע. — די אַגראַר־פּאָליטיק פון דער אָקופּאַציאָנס־מאַכט; די דײַטשן און די פּריצים. — די דײַטשן נעמען שפּײַז פון אוקראַינע. — די דײַטשע שטראָף־עקספּעדיציעס. — דער אויפשטאַנד פון די פּויערן. — די אויפשטאַנד־באַוועגונג און ײדישע פּאָגראָמען. — די געשעהענישן אין זווענינאָראָדער קרײַז; ליסיאַנקע; טאַראַשטשער און סקווירער קרײַז. — „די ײדן האָבן געבראַכט די דײַטשן". — מעמאָראַנדום פון קיעווער קהלה און מיניסטער א. קיסטיאַקאָווסקי. — אויפן שוועל פונם שרעקליכן יאָר. . . . 164

# אָפּטײלונג פון מאַטעריאַלן און דאָקומענטן.

## I. ידיעות און מעלדונגען וועגן פּאָגראָמען.

I) ספּעקולאַציע און פּאָגראָמען, II) סאָלדאַטסקע פּאָגראָמען, III) פּאָגראָם אין סקווירע, IV) פּאָגראָם אין הײסין, V) וויניציע, VI) פּאָגראָם אין ליטין, VII) „און פונדעסטוועגן"..., VIII) פּאָגראָם אין אומאַן, IX) פּאָגראָם אין אַנאַפּאָל, X) פּאָגראָם אין קאָטעלנע, XI) צו די געשעהענישן אין מיאַסטקאָווקע, XII) צו די געשעהענישן אין קאַנעוו, XIII) צו די געשעהענישן אין מודילקאָוו, XIV) צו די געשעהענישן אין דובנאָ, XV) פּאָגראָם אין זשאַבאָקריטש, XVI) פּאָגראָם אין אָווּרוטש, XVII) צו די געשעהענישן אין מאַקאַראָוו, XVIII) פּאָגראָם אין ראַשקאָוו, XIX) רשימה פון די פּאָגראָמירטע פונקטן אין יאָר 1917. : : . . . . . . . . . . . . . 179

## II. רעזאָלוציעס, פּראָטעסטן, אינטערפּעלאַציעס און אויפרופן וועגן פּאָגראָמען.

I) די צײַטווײליגע רעגירונג און פּאָגראָמען, II) דער ערשטער אַלרוסלענדישער ראַטן־צוזאַמענפאָר וועגן אַנטיסעמיטיזם, III) דער צ. א. ק. פון די ראַטן וועגן פּאָגראָמען, IV) אָנפראַגע אין קלײנער ראַדע וועגן אומאָרדונגען, V) די ערשטע ײדישע אָנפראַגע אין קלײנער ראַדע וועגן פּאָגראָמען, VI) די צווייטע ײדישע אָנפראַגע וועגן פּאָגראָמען, VII) אויפרוף פון א. שולגין קעגן פּאָגראָמען, VIII) צירקולאַר וועגן פּאָגראָם־אַגיטאַציע, IX) פּעטליורעס אויפרוף קעגן פּאָגראָמען, X) אויפרוף פונם ײדישן גענ. סעקרעטאַריאַט, XI) פּראָטעסטן פון ײדישע סאָלדאַטן קעגן פּאָגראָמען, XII) אַלגעמײנע רוסישע אַרמײ־אָרגאַניזאַציעס וועגן פּאָגראָמען . . . . . . . . . . . . . . . . . . 199

## III. זעלבסטשוץ און ײדישע מיליטער־טײלן. אָרגאַניזאַציע פון אַרמײ און ײדישע סאָלדאַטן.

I) אַ פּראָיעקט וועגן ײדישע באַוואָפנטע טײלן, II) ערשטע קאָנפערענץ פון „ײדישן מיליטער־פאַרבאַנד", III) צווייטע קאָנפערענץ פון „ײדישן מיליטער־פאַרבאַנד": 1. רעזאָלוציע וועגן ײדישע מיליטער־טײלן, 2. פּראָיעקט פון סטאַטוט וועגן „אָטריאַדן" פון ײדישער זעלבסטשוץ, IV) דער נאַציאָנאַל־ראַט וועגן זעלבסטשוץ, V) אַ געליטענער און די פראַגע וועגן זעלבסטשוץ, VI) ײדישע סאָלדאַטן און זעלבסטשוץ, VII) דאָס ײדישע מיניסטעריום און די פראַגע וועגן

זייטע

זעלבסטשוץ, VIII) אַנטיסעמיטיזם אין דער אוקראַינישער אַרמיי, IX) די אוקראַי־
ניזאַציע פון אַרמיי און די יידישע סאָלדאַטן, X) „ווילנע קאָזאַטצטווא“ און יידן. 215

## IV. עקסצעסן פונם אוקראַינישן חיל, די אוק־ראַינישע מאַכט און נעזעלשאַפט.

I) אָנפראַגע אין צענטראַלער ראַדע וועגן פאָגראָם־שטימונג אין קיעוו, II) די מפלה פון אוקראַינער ראַדע און די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, III) די דעלעגאַציע פון קיעווער שטאָט־דומע צו דער אוקראַינישער אַרמיי (פון מ. ראַ־פעסעס באַריכט), IV) די געשעהענישן אין קיעוו, V) א. ניקאָווסקים אַרטיקל אין „נאָוואַ ראַדאַ“, VI) אָנפראַגע אין ראַדע וועגן באַרדיטשעוו, VII) „טרויע־רינע טעג אין באָראָדיאַנקע“, VIII) עקסצעסן אויף די אייזנבאַנען: 1. אָנפראַגע אין קליינער ראַדע, 2. צו די געשעהענישן אויף סט. ראָמאָדאַן, 3. צו די גע־שעהענישן אויף סט. גרעביאָנקע, IX) וועגן די געשעהענישן אין קרעמענטשוג, X) אָנפראַגע אין ראַדע וועגן גוואַלדטאַטן מצד דער אָרטינער מאַכט, XI) צו די געשעהענישן אין ברוסילאָוו, XII) דער פאָגראָם אין נאָגאָלעווא, XIII) דער פאָג־ראָם אין מעדווין און די אוקראַינישע אַדמיניסטראַציע. . . . . . . . . 236

## V. פאָגראָמען פון באָלשעוויסטישע אַרמיי־טיילן.

I) די געשעהענישן אין מגלין און סוראזש, II) דער פאָגראָם אין גלו־כאָוו, III) אין שרעק פאַר אַ פאָגראָם, IV) דער פאָגראָם אין נאָווגאָראָד־סעווערסק, V) די אַנטוואָפנונג פון יידישע דרוזשינעס. . . . . . . . . . . 275

## VI. די תקופה פון העטמאַן און דייטשער אָקופאַציע.

I) די העטמאַנישע אַדמיניסטראַטאָרן, II) אַרטיקל פון „ווידראָדזשעניא“, III) דער אויפרוף פונם אוקראַינישן „נאַציאָנאַל־מלוכהשן פאַרבאַנד“, IV) אַר־טיקל פון „באָראָטבא“ קעגן פאָגראָמען, V) די דייטשע מיליטער־מאַכט אין אוקראַינע: 1. אָנפראַגע דעם אייזנבאַן־מיניסטער, 2. די „בעקאַנטמאַכונג“ פון דייטשער קאָמענדאַנטור אין בעלאָ־צערקאָוו, 3. די דייטשע קאָמענדאַנטור אין די יידישע קהלה אין בעלאָ־צערקאָוו, 4. די דייטשע „בעקאַנטמאַכונג“ אין סמעלע, VI) די עסטרייכישע מיליטער־מאַכט אין אוקראַינע: 1. צירקולאַר צו די רבנים, 2. פראָ־טעסט פון פראָסקוראָווער קהלה, 3. „חוזק אָדער ערנער?“, VII) אַנטיסעמיטיזם אין די דייטשע קאָלאָניעס אין אוקראַינע, VIII) די פויערן טרייבן אַרויס יידן פון דערפער, IX) די אויפשטאַנד־באַוועגונג פון די פויערן און פאָגראָמען: 1—2. דער פאָגראָם אין ליסיאַנקע, 3. צו די געשעהענישן אין זשאַשקאָוו, 4. עקסצעסן אין וואָלאָדאַרקע, X) „אלון בכות“ — „דער בוים פון געוויין“, XI) מעמאָראַנדום פון קיעווער קהלה. . . . . . . . . . . . . . 294—326

Buchdruckerei Lutze & Vogt G. m. b. H., Berlin SW 68.